STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04404

IDISHE FOLKS-GESHIKHTE

Heinrich Graetz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „יהודיה".

אידישע פאלקס=געשיכטע

פון

פראפעסאר צבי גרעטץ.

איבערזעצט דורך י. שפירא.

זיבענטער באנד.

ווארשא, תרפ"ב.

אינהאלטס-פערצייכניס פון זיבענטען באנד.

די עפאכע פון די גאונים.

ערשטעס קאפיטעל:

די אידען אונטער דער הערשאפט פון איסלאם — — — — — 3—31

צווייטעס קאפיטעל:

די קראים און נייע כתות — — — — — — — — — — 32—65

דריטעס קאפיטעל:

ר' סעדיה גאון און זיין צייט — — — — — — — — — 65—90

די אידיש-שפאנישע עפאכע.

ערשטעס קאפיטעל:

די צייט פון נשיא חסדאי אבן-שפרוט — — — — — — 91—107
די גאונים ר' שרירא און ר' האי — — — — — — 108—122
דער סוף פון דער כאזארישער מלוכה — — — — — — 122—123

צווייטעס קאפיטעל:

די עפאכע פון אבן גבירול, אלפסי און רש"י — — — — — 124—156

Druk. „Renoma“, Warszawa, Karmelicka 17.

די עפּאָכע פון די גאונים.

דאָס ערשטע קאַפּיטעל.

די אידען אונטער דער הערשאַפט פון איסלאַם.

(פון 640 ביז 760).

סך הכל אַ יאָהר צעהן נאָך מחמד'ס טויט, האָבען שוין געהערט צו די מדבר־זיהן, די אַראַבישע פעלקער, אַלע שענסטע לענדער פון צפון־אַראַביען און צפון־מערב פון אַפריקא. מיט'ן אַלקאָראַן אין איין האַנד און מיט'ן שווערד אין דער אַנדערער, זענען די אַראַבער איבערגעגאַנגען די גרענעצען פון זייער געבורטס־לאַנד, די אַראַבישע האַלב־אינזעל, שטורמענדיג איבעראַל מיט זייער אויסרוף: „עס איז נישטאָ קיין גאָט, אויסער אַללה און מחמד איז זיין נביא!“. און האָטש אין דער שפּיץ פון די אַראַבער איז נישט געשטאַנען קיין גרויסער גבור, ווי פאַרצייטען אַלעקסאַנדער מוקדון אין דער שפּיץ פון די מאַקעדאָניער, האָבען זיי דאָך פונדעסטוועגען איבעראַל אָבגעהאַלטען נצחונות מיט אַ געוואַלדיגער געשווינדיגקייט. דאָס אָבגעשוואַכטע, אַלטע פּערסישע מלוכה איז איינגענומען געוואָרען דורך זיי אין זייער ערשטען אָנפאַל; די ביזאַנטישע פּראָווינצען: פּאַלעסטינאַ, סיריען און מצרים, וואו די בעפעלקערונג האָט פיעל געליטען פון די אייביגע אינטריגעס אין ביזאַנטישען קייזערליכען הויף, האָבען זיך אפילו נישט געשטעלט אַנטקעגען די אַריינדרינגענדע אַראַבער. די האַופּטשטאָדט פון דעם גרויסען מדבר, מעדינאַ, וועלכע איז ביז איצט נאָך געווען גאָר אונבעקאַנט די פעלקער, איז געוואָרען אַ געזעץ־געבערין פאַר די פעלקער, אַזוי ווי רוים, און פאַר מיליאָנען מענשען איז זי געוואָרען אַ היילינטום. פאַר די פיעל איינגענומענע פעלקער מיט די זעהר פערשיעדענע שפּראַכען, איז נישט געבליבען קיין אַנדער וועג, ווי אָנצונעהמען דעם מחמד'אַנישען גלויבען, אָדער צו ווערען פערקנעכטעט און האַרפּען צאָהלען שטייער אַ פרעמד פאָלק. די אידען און שומרונים זענען געווען גלייך צופרידען צו קאָנען זיך בעפרייען פונ'ם שווערען יאָך פון ביזאַנץ. די פּאָליטישע הויפּט־שטאָדט פון פּאַלעסטינאַ, קיסרין (דעזאַרעאַ), וואו עס האָבען געזאָלט וואוינען זיבציג טויזענד קאַמפּף־פעהיגע מענער, איז דורך פערראַט איבערגעגעבען געוואָרען די מחמד'אַנער. אויך די היילגע שטאָדט ירושלים איז נאָך אַ קורצער בעלאַגערונג איינגענומען געוואָרען דורך די אַראַבער.

דער צווייטער כאַליף עמאַר איז אַריינגעקומען אין שטאָדט (אַרום 636) און האָט איהר פערנומען, געבענדיג איהר דעם נאָמען אל-קודש — די היילינע. עמאַר האָט דאָרט געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר א נייער מאָשעע (בית תפלה), וועלכע איז געוואָרען א הייליגטום פאַר אלע פעלקער פון איסלאַם און ווערט גערופען „די מאָשעע פונ'ם פעלז". דער נאָמען שטאַמט דערפון, וואָס אין מיטען דער מאָשעע געפינט זיך א שטיין פערציג פוס לאַנג און פיער פוס הויך מיט א לאָך אין דער מיט. עמאַר האָט נעמליך געוואָלט בויען די מאָשעע אויפ'ן אָרט, וואו עס איז געשטאַנען דער בית-המקדש, און האָט פערלאַנגט פונ'ם דאָמאָלדיגען בישאָף סאָפראָניוס, אַז ער זאָל איהם דעם אָרט אָנווייזען. סאָפראָניוס האָט איהם נאָך פערשיעדענע תירוצים אָנגעוויזען א געלעגערטען שטיין, אויף וועלכען די אידען פלעגען זיצען תשעה באב און טרויערן נאָכ'ן חורבן און די קריסטען האָבען איהם מיט זעהר גרויסער פיעטעט און ליעבע פערוואָרפען מיט אלערליי שמוץ. עמאַר האָט דעם שטיין מיט די אייגענע הענד אָבגעריינינט, אויסרופענדיג: „דער שטיין זאָל ווערען א הויז פאַר גאָט!" אין דער ווירקליכקייט אָבער איז עס געוועזען נור א פונדאַמענט-שטיין פון א חורבה פון א פאַרצייטיגער ירושלים'ער געביידע. איצט פערעהרען די מחמד'אַנער דעם שטיין אלס „דעם טויער פון הימעל", ווי זיי פערעהרען דעם שוואַרצען שטיין אין דער קאַאבאַ אין מעקאַ, וועגען וועלכען זיי גלויבען, אַז אברהם איז אויף איהם געשטאַנען. סיי די מחמד'אַנער, סיי די קריסטען פערעהרען די חורבות, אָדער די שטיינער, וואָס זענען געבליבען פון יעדען פאַרצייטיגען אידישען בנין, ווען אפילו דער בנין האָט געהערט אויך צו א פריוואַטען אידען; דאָס אידישע פאָלק גופא אָבער, דעם לעבעדיגען מאָנומענט פון די פאַרצייטיגע אידען, וועלכער איז דער איינציגער פון די אלע אנדענקונגס-ערטער, רודפ'ן זיי און פעראַכטען עס. ווי מען זאָגט, האָט דער דערמאָהנטער בישאָף סאָפראָניוס, ביים איבערגעבען די שליסלען פון ירושלים צו עמאַר'ן, געבעטען איהם, אָדער געשטעלט א תנאי, אַז די אידען זאָל זיין פערבאָטען אין שטאָדט אַריינצוקומען. אזוי איז עס אויסגעקומען לויט'ן ווּנש און דעם פערשטאַנד פונ'ם בישאָף.

אין דעם פאַרצייטיגען בבל האָבען די אידען בעקומען גרויסע פרייהייטען דורך די נצחונות פון די אראַבער. אין די מלחמות פון די אראַבער געגען די פערסען, האָבען די אידען, ווי אויך די נעסטאָריאַנישע, אָדער כאַלדעאישע קריסטען, שטאַרק זיי געשטיצט, ווייל זיי האָבען געליטען גרויסע רדיפות פון די פערסישע מלכים. די דאָזיגע הילף איז, משמעות, אזוי גרויס געוועזען, אַז אפילו דער פאַנאַטישער עמאַר האָט די אידען זעהר גוט בעלוינט דערפאַר. דעם ראש גלותא בוסתנאי האָט עמאַר געשאָנקען די טאָכטער פון פערסישען קעניג כאָזרו, די שענע דאַראַ, פאַר א ווייב (642) און האָט איהם אָנערקענט פאַר א פאַרשטעהער

פון די בבל'ישע אידען. בוסתנאי האט דערמיט ערהאלטען גרויסע פאליטישע און ריכטערליכע רעכטע און אלע בבל'ישע אידען האבען זיך אונטער איהם ווידער פעראייניגט אין גוט איינגעארדענטע קהלות. עמאר האט איהם אזוי שטארק אויסגעצייכענט, אז ער האט איהם געגעבען די ערלויבניש צו טראגען א חתימה־רינג און דאדורך האט ער געקאנט ארויסגעבען דאקומענטען און כתבים, וועלכע האבען בעקומען די בעדייטונג פון מלוכה־פאפירען. בוסתנאי איז, בלי ספק, אבער אויך געווען זעהר א בעדייטענדע פערזענליכקייט, דען די לעגענדע האט איהם פון זיין געבורט אן געמאכט פאר א העלד; א זוהן איז ער געווען פונ'ם ראש גלותא מר חנינאי און וועגען איהם דערצעהלט די לעגענדע פאלגענדעס:

„איין קעניג איז אויפגעשטאנען אמאל און האט פערניכטעט
„אלע קעניגליכע מיטגליעדער פון דוד'ם הויז. איינמאל האט
„דער קעניג געזעהן אין , חלום, ווי ער שטעהט אין א פראכטפולען
„סאד, וואו עס וואקסען אלערליי טייערע פרוכט־בוימער, וועלכע גע-
„הערען אבער נישט צו איהם, און אט האט ער גענומען די האק און
„אנגהויבען אויסהאקען אלע בוימער. צולעצט איז געבליבען אין
„סאד נור נאך איינגאנצען איין יונג צווייגעלע, וועלכע האט נור וואס
„אנגעהויבען ארויסצושפראצען פון דער ערד. דער קעניג האט שוין
„געהאט אויפגעהויבען די האק אויך איבער איהר, אבער פלוצלונג
„האט ער דערזעהן פאר זיך א אלטען מאן מיט א לאנגער ווייסער בארד
„אין א געשטאלט פון א מלאך. דער אלטער האט אויף איהם א קוק
„געטהון שטרענג און בייז און ארויסגעריסען ביי איהם די האק פון
„די הענד; דערביי האט ער איהם א-א שטארקען קלאפ געטהון אין
„שטערן, אז ער האט זיך בעגאסען מיט בלוט. דער קעניג איז גע-
„פאלען דעם אלטען מאן צו די פיס און געבעטען זיך ביי איהם, אז
„ער זאל איהם נישט פערדערבען, צוזאגענדיג צו זארגען פאר'ן
„יונגען צווייגעלע און היטען איהם, ווי דעם שווארצאפעל פון אויג.
„און ווען דער קעניג האט זיך באלד נאכדעם אויפגעכאפט פון שלאף
„און האט אין דער ווירקליכקייט דערזעהן, אז ביי איהם לויפט בלוט
„פון שטערן, האט ער זיך זעהר דערשראקען און געשיקט רופען
„נאך איינעם פון די אידישע חכמים, וועגען וועלכען ער האט גע-
„הערט, אז ער פערשטעהט פותר־חלום צו זיין. דער חכם, וועלכען
„מען האט געבראכט פאר'ן קעניג, האט געהאט געטהון א שידוך
„מיט איינער פון דער בעסטער משפחה פון דוד'ם הויז (ס'הייסט:
„מיט'ן ראש גלותא), און ער האט איהם פותר געווען דעם חלום
„אזוי: דעם גארטען, וועלכען דו האסט אויסגעהאקט,, איז די
„משפחה פון דוד המלך, און דאס יונג צווייגעלע איז דאס קינד, מיט
„וועלכען עס איז שוואנגער די איצטיגע יונגע פרוי פון דעם לעצטען

„ראש גלותא. פון דאמאלס אן האט מען, לויט'ן בעפעהל פון קעניג,
„שטארק אבגעהיט דעם ראש גלותא'ס פרוי און, ווען זי האט ענדליך
„א זוהן געבוירען, האט מען איהם א נאמען געגעבען בוסתנאי
„(ס'הייסט: א פרוכט-סאד), נאכ'ן סאד, וואס דער פערסישער מלך
„האט געזעהן אין חלום, און ווען בוסתנאי איז אויסגעוואקסען און
„האט פיעל געלערנט תורה און חכמה, האט דער קעניג געשיקט
„נאך איהם, אז מען זאל איהם פארשטעלען אין קעניגליכען הויף.
„דער יונגער בוסתנאי איז געקומען פאר'ן קעניג און געשטאנען א
„גאנצען טאג, נישט ריהרענדיג מיט א פוס, אדער א האנד. א פליעג
„האט זיך דערווייל איינגעביסען ביי בוסתנאי'ן אין שטערן, אזש
„בלוט האט אנגעהויבען רינען איבער זיין געזיכט; ער האט אבער
„דאס פליעג נישט אראבגעטריבען, און ווען דער קעניג האט ביי
„איהם געפרעגט: ווארום האסטו די פליעג נישט אראבגעטריבען? —
„האט בוסתנאי געענטפערט: זינט מען האט אונז אראבגעווארפען
„פון אונזער אמאליגער גדולה, מוזען מיר שטעהן פאר מלכים און
„שרים, נישט ריהרענדיג מיט אן אבר. דעם קעניג איז דער ענטפער
„געפעלען געווארען, און ער האט איהם געלאזט אויסקריצען אויף
„זיין חתימה-רינג די געשטאלט פון א פליעג, וועלכע איז פון דאמאלסט אן געבליבען דער הערב פון די ראשי גלותא“.

די אידישע קהלות אין בבל, וועלכע האבען דורך דעם ראש גלותא בוסתנאי דערגרייכט צו דער מדרגה פון אויטאנאמישער פרייהייט, האבען זיך ערשט רעכט פערשטארקט און פערפעסטיגט אונטער דעם כאליף עלי, דעם פריינד און אידעם פון מחמד, וועלכער האט מיט איהם צוזאמען (644) דורך די הענד פון א מערדער, און דער כאליף, וואס איז געוועזען נאך איהם, עתמן איז אומגעקומען בשעת אן אלגעמיינעם אויפשטאנד (655), ווען עלי איז דורך די פערשווארענע אויסגערופען געווארען פאר א כאליף. אבער אויך עלי האט געהאט צו קעמפען געגען זעהר פיעל פערביטערטע געגנער. די איסלאמישע מלוכה האט זיך צוטיילט אויף צוויי מחנות: איין מחנה איז געשטאנען פאר עלי, וועלכער האט געהאט זיין הויפט-שטאדט אין דער ניי - אויפגעבויטער שטאדט קופא (ארום באגדאד), און די אנדער מחנה איז נאכגעגאנגען נאך מואביה Moawija וועלכער איז געוועזען פערוואנדט מיט'ן דער-הרג'עטען כאליף עתמן. די בבל'ישע אידען און נעסטארישע קריסטען האבען זיך ארויסגעזאגט פאר עלי און האבען איהם געשטיצט. איין איד, עבד-אלה-אבן-סבה, איז געוועזען פול התלהבות פאר עלי און ער האט זיך בעמיהט צו בעווייזען, אויפ'ן סמך פון דער מיסטיק, אז נור עלי דארף זיין דער יורש פון מחמד און זיין כאליפאט, ווייל אויף איהם איז איבערגעגאנגען מחמד'ס גייסט, ווי דער גייסט פון משה'ן אויף יהושע'ן. בשעת די אראבער האבען איינגענומען די שטאדט פירוז-שבור, אדער מען געקעמפט געגען די אידען פון כאיבאר. דער כאליף עמאר איז גע-

אנבר, איז, ווי עס ווערט דערצעהלט, ארויסגעקומען די דארטיגע אידישע קהלה פון נייינציג טויזענד מאן מיט'ן ראש ישיבה מר יצחק בראש, כדי אנצואנערקענען עלי, חאטש זיינע אייגענע אנהענגער האבען איהם אונטערשטיצט זעהר שוואך (658). דער אומגליקליכער עלי האט די אידען אויפגענומען זעהר הויך און געגעבען, ווי עס איז זיכער, דעם ראש ישיבה געוויסע פריווילעגיעס. ווי עס שיינט, נעהמט זיך עס פון יענער צייט אן, וואס דער ראש ישיבה פון סורא האט בעקומען די רעכטע פון א געוויסען פאליטישען נשיא און אנגענומען דעם טיטול גאון [1]. דאדורך זענען ביי די אידען אין בבל געווארען צוויי שררות'שאפט; די גאונות און דאס ראש גלות־האויז. מיט'ן ראש גלותא בוסתנאי און דעם גאון מר יצחק הויבט זיך דערויפער אן ביי די אידען א נייע עפאכע: די עפאכע פון די גאונים.

נאך בוסתנאי'ס טויט איז פארגעקומען אין זיין הויז א שפאלטונג, וועלכע ווארפט א געוויסען שאטען אויף זיינע זיהן. בוסתנאי האט נעמליך איבערגעלאזען פערשיעדענע זיהן פון עטליכע פרויען; איינער פון זיי איז געווען דער זוהן פון דעם פערסישען קעניג'ס טאכטער, וואס זי האט געבוירען בוסתנאי'ן. מעגליך, אז צוליעב דעם, וואס אין זיינע אדערן האט געפלאסען קעניגליך בלוט, איז ער ביי זיין פאטער געווען דער בעליעבסטער, און ער האט איהם אויך בעשטימט פאר א ראש גלותא נאך זיין טויט. זיינע ברידער פון די אידישע פרויען האבען איהם דעריבער שטארק מקנא געווען און פלעגען איהם בעהאנדלען ווי א קנעכט, דאס הייסט, אלס א זוהן פון א געפאנגענער, נישט־אידישער פרוי, וועלכער איז, לויט'ן תלמוד, א קנעכט, כל זמן ער וועט נישט דערוויזען, אז זיין מוטער איז בעפרייט געווארען פון איהר קנעכטשאפט דורך א געזעצליכען דאקומענט. אזא דאקומענט האט מען אבער נישט געפונען, און די ברידער האבען געוואלט פערקויפען אלס א קנעכט זייער אייגענעם ברודער, דעם זוהן פון דער קעניגליכער טאכטער און זייער פאטער. ווי שענדליך אזא טהאט איז נישט געווען געגען אן אייגענעם ברודער, האבען אייניגע תלמידי חכמים די זאך געשטיצט, טיילווייז צוליעב זייער ערגעבענהייט דעם געזעץ פון תלמוד, און טיילווייז, כדי טאכצוגעבען די געזעצליכע זיהן פון בוסתנאי. אנדערע תלמידי חכמים אבער האבען געזאגט, אז מען קאן נישט גלויבען, דאס דער ראש גלותא זאל הייראטען מיט א קעניגליכער טאכטער, איידער ער האט איהר בעפרייט פון קנעכטשאפט און מגייר געווען. כדי צו פערהיטען דעם זוהן פון בוסתנאי, אז ער זאל נישט פערקויפט ווערען פאר א קנעכט, האט דער אידישער

1) געגען דער מיינונג פון פראפעסאר גרעטץ, אז דער טיטול גאון שטאמט פון ארא- [illegible] פערסיש, האבען זיך שוין ארויסגעזאגט פיעל אידישע חכמים, וועלכע ווייזען, אז דאס איז אן אלט העברעאיש ווארט.

הויפּט־דיין, מר־חנינא, געאײלט זיך אויסצושטעלען איהם אַ בעפרייאונגס־דאָקומענט מצד דעם הויכען בית־דין, דאַדורך איז ער געזעצליך בעפרייט געוואָרען פון דער קנעכטשאַפט, אָבער אויף זיין משפּחה איז געבליבען אַ פלעק פון קנעכטשאַפט, און אפילו אויך אין די שפּעטערדיגע דורות האָט מען זיינע קינדער און אור־אייניקלעך נישט געוואָלט אָנערקענען אין גלייכען יחוס מיט די איבריגע קינדער פון בוסתנאי, וועלכע האָבען געשטאַמט פון די אידישע פרויען.

אויסער דעם ראש גלותא און דעם גאון פון סורא, איז ביי די אידען אין בבל געווען אין יענער צייט נאָך אַן אינסטיטוט — די ישיבה פון פומבדיתא. צווישען אַט די דריי אידישע פאָרשטעהער האָבען געמוזט פאָרקומען רייבונגען, בעזונדערס דערפאַר, וואָס זייערע רעכט זענען נישט געווען גענוי גוט אָבגעגרענצט. אמת אפילו, די מאַכט פון ראש גלותא איז געווען בלויז אַ וועלטליכע, וועהרענד די מאַכט פון׳ם גאון איז געווען ספּעציעל אַ רעליגיעזע און האָט געהאַט איהר הויפּט־בעדייטונג אין די ענינים פון דער תורה. אָבער ווייל די ראשי גלותא זענען אויך געווען שופטים, וועלכע פלעגען משפּט׳ן לויט די געזעצען פון דער תורה, האָט זייער מאַכט אויך געהאַט אַ געוויסע רעליגיעזע בעדייטונג, ווי אויך די גאונים פון סורא האָבען פון דער אַנדער זייט, צוליעב זייערע דיינות אויך געהאַט אַ געוויסע וועלטליכע מאַכט און כאַראַקטער. דאָס איבערטרעטען פון איינער אין דער אַנדער זייט האָט געפיהרט אָפט צו מחלוקת, אָבער אויך צו נאָכגעבונגען און אויסגלייכונגען. די מחלוקת און די סכסוכים, ווי אויך די אָפטע פשרות — אַט דאָס איז געווען דער כאַראַקטער פון דער נייער לאַגע, וועלכע האָט זיך איינגעאָרדענט אין אי־בערליכען לעבען אין דער צייט פון די כאַליפען און האָט געדויערט עטליכע הונדערט יאָהר.

די קאָנסטיטוציע פון די בבל׳ישע אָדער פּערסישע אידען, וועלכע זענען אין דער בעציהונג צו דער אויסערליכער וועלט געווען כמעט אַ בעזונדערע מלוכה, איז געווען אַלזאָ אַ פאָלגענדע: דער ראש גלותא האָט געטיילט זיין מאַכט מיט׳ן גאון — אַ טיטול, וועלכער האָט געהערט נור דעם ראש ישיבה פון סורא, און נישט דעם ראש ישיבה פון פומבדיתא. דער ראש גלותא מיט׳ן גאון צוזאַמען האָבען אין זייער אייניגונג פאָרגעשטעלט די אָפיציעלע אידישע מאַכט. די ראשי גלותא האָבען פערטראַטען אַלע אידישע ענינים פון אויסענווענדיג: זיי פלעגען אויסטרעטען פאַר די כאַליפען און שטאַטהאַלטערס און האָבען אויך געשאַרפט זאַמלען די אָבצאָהלונגען פון די אידען (שטייערן) אָבצוגעבען זיי די פאָרשטעהער פון דער מלוכה. די ראשי גלותא האָבען זיך געפיהרט קעניגליך: זיי פלעגען טראָגען פראַכט־קליידער, פאָהרען אין מלוכה־קאַרעטען מיט רייטער פאַר זיך און מיט אַ לייב־וואַכע. די פאָרשטעהער פון די אידישע קהלות פלעגען זיי קומען בעגריסען, ווי מען

קומט צו מלכים. די רעליגיעזע אחדות דאגעגען איז געווען איינגעטיילט צווישען דעם ראש ישיבה פון סורא (ס'הייסט: דעם גאון) און דעם ראש ישיבה פון ספומבדיתא. די ראשי ישיבות פלעגען ערקלערען דעם תלמוד און ארויסגעבען נייע תקנות אדער דינים, זארגענדיג פאר דער ערפילונג פון די געזעצען און, בעשטראפענדיג די, וועלכע פלעגען אויף זיי עובר זיין. די דיינות, אדער די ריכטערליכע געוואלט איז געווען איינגעטיילט צווישען דעם ראש גלותא און דעם גאון פון סורא מיט'ן ראש ישיבה פון פומבדיתא. דער ראש גלותא האט אויך געהאט דאס רעכט צו בעשטימען א נייעם ראש ישיבה, אבער נישט אהן דער צושטימונג פון די תלמידי חכמים. דער ראש ישיבה פון סורא, דער גאון, האט געהאט א חשיבות געגען דעם ראש ישיבה פון פומבדיתא, טיילוויז דערפאר, וואס ביי אידען איז נאך געווען לעבעדיג אין זכרון דאס אנדענקען פון דעם גרינדער פון דער סורא'ער ישיבה — רב, און פון'ם גרויסען סורא'ער ראש ישיבה, דעם אמורא רב אשי, וועלכער האט געזאמעלט דעם תלמוד בבלי און בעשאפען איהם; טיילוויז אבער אויך דערפאר, וואס סורא איז געווען די רעזידענץ פון כאליף און קופא. אין פייערליכע געלעגענהייטען פלעגט דער גאון זיצען צו דער רעכטער האנד פון ראש גלותא און, ווען דער לעצטער פלעגט נישט זיין געגענווערטיג, פלעגט ער איהם אויך פערטרעטען. פון געווינסע הכנסות פלעגט ער בעקומען צוויי דריטעל פאר דער ישיבה פון סורא. א געווינסע צייט האט מען בעשטימט פאר א ראש ישיבה אין פומבדיתא נור א מיטגליעד פון סורא'ס בית דין, אזוי אז די ישיבה פון פומבדיתא האט אליין גאר נישט געקאנט עקזיסטירען. אויף איהר החזקה האט די ישיבה פון פומבדיתא בעקומען איין דריטעל פון די הכנסות, נאכדעם, ווי סורא פלעגט ארויסנעהמען איהרע צוויי דריטעל.

צוליעב דעם, וואס די ערשטע כאליפען האבען ארומגערינגעלט די ראשי גלותא מיט א קעניגליכען כבוד, פלעגט מען יעדען נייעם ראש גלותא איינפיהרען אין זיין אמט מיט א בעזונדערן פאראד. דער טיטעל ראש גלותא איז אפילו געווען בירושה אין בוסתנאי'ס משפחה, אבער פונדעסטוועגען פלעגט יעדער נייער ראש גלותא ערשט מוזען בעשטעטיגט ווערען דורך ביידע ראשי ישיבות: פון סורא און פון פומבדיתא, און בישלעכטוויז האט זיך איינגעארדענט א ספעציעלע צערעמאניע, ווי אזוי דאס דארף פארקומען. די ראשי ישיבות מיט די תלמידי חכמים, דיינים און זקנים, ווי בכלל אלע אנגעזעהענע אידען פון דער מלוכה, פלעגען קומען קיין סורא, וואו עס האט, געווענליך, געוואוינט דער ראש גלותא שטענדיג. אין א גרויסען רייך־בעפוצטען פאלאץ פלעגט מען אויסשטעלען שטוהלען פאר אלע געסט און אויבענאן — א הויכען שטוהל פאר'ן ראש גלותא. רעכטס פון איהם, א שטוהל פאר'ן גאון פון סורא, לינקס — פאר'ן ראש ישיבה פון פומבדיתא. ווען דער נייער ראש גלותא

פלעגט אריינקומען און פערנעהמען זיין ארט, פלעגט זיך אויפהויבען דער גאון פון סורא און האלטען א רעדע, אין וועלכער ער פלעגט מאכען אויפמערקזאם דעם נייעם ראש גלותא, ווי וויכטיג עס איז די שטעלע, וועלכע ער געהט פערנעהמען, דערביי פלעגט ער איהם זאגען מוסר, אז ער זאל נישט ווערען שטאלץ ביי זיך, ווייל עס שטעהט געשריבען אין תנ"ך, דאס א גוטער קעניג דארף זיין א קנעכט ביים פאלק. די הויפט-צערעמאניע פון דער בעשטימונג פון ראש גלותא, פלעגט אבער פארקומען ערשט אינ'ם נאָהנטען דאנערשטאג, ווען אלע פערזאמעלטע פלעגען געהן מיט גרויס פאראד מיט'ן ראש גלותא אין שוהל אריין, און דארט פלעגען ביידע ראשי ישיבות ארויפלעגען דעם נייעם ראש גלותא די הענד אויפ'ן קאפ און בענשען איהם. דערביי פלעגט מען בלאזען אין שופרות און טרומייטען און דאס פאלק פלעגט אויסרופען: „לעבען זאל אונזער נשיא דער און דער (זיין פולער נאמען) אויף אייביג! לעבען זאל דער ראש הגולה, די קרוין פון אידישען פאלק!" ביי דער צערעמאניע פלעגט זיך געפינען שטענדיג א גרויסער המון, און די שמחה איז געווען זעהר גרויס. נאכדער צערעמאניע פלעגט מען בעגלייטען דעם ראש גלותא אין זיין וואוינונג און געבען איהם גרויסע מתנות. אויפ'ן דריטען טאג נאכדעם, אום שבת, פלעגט דער ראש גלותא אויפגענומען ווערען מיט גרויס פאראד אין שוהל ביים דאווענען, און פאר'ן עמוד פלעגט דאמאלסט דאווענען א ספעציעלער חזן מיט א כאר. פאר'ן ראש גלותא איז אין שוהל געווען א ספעציעלע בימה, ווי אין בית-המקדש פאר די מלכים פון דוד'ס הויז. צו אויסנעהמעניש פלעגט דער ראש-גלותא ארויפגעהן אויף א ספעציעל אונגעארדענטער הויכער רייך-באפוצטער טריבונע, דערנאך פלעגען ארויפקומען די ראשי ישיבות פון סורא און פומבדיתא און נאכדעם ווי זיי פלעגען זיך פאר איהם בוקען, פלעגען זיי זיך זעצען נעבען איהם. ערשט דאן פלעגט דער חזן דערלאנגען דעם ראש גלותא די ספר-תורה און ער פלעגט אין איהר לייענען — א כבוד, צו וועלכען קיינער האט נישט זוכה געווען, אויסער די מלכים פון דוד'ס הויז. אלס איבערזעצער פונ'ם געלעזענעם פלעגט אין יענעם שבת ארויסטרעטען דער גאון פון סורא. נאך קריאת התורה פלעגט דער ראש גלותא זאגען א דרשה, און אויב ער איז נישט געווען גענוג געלעהרט דערצו, פלעגט ער בעפעהלען דעם גאון פון סורא צו דרשנ'ען אנשטאט איהם. אינ'ם „קדיש" נאכ'ן דאווענען פלעגט מען אריינטראגען א בעזונדערע פארמעל: „בחייכון ובימיכון ובחיי פלוני בן פלוני, נשיאנו ראש גולת ישראל" — וואס הייסט: „אין אייער לעבען און אין אייערע צייטען און אין די צייטען פון דעם און דעם (נאמען פון ראש גלותא און זיין פאטער'ס נאמען), אונזער נשיא דעם ראש גלותא". דאן פלעגט מען זאגען די בעוואוסטע תפלה: „יקום פורקן", וועלכע איז לכתחלה מתוקן געווארען פאר'ן ראש גלותא און די ראשי ישיבות מיט זייערע מיטגליעדער, די דיינים און די

תלמידים, ווי אויך די נאהנטע און ווייטע אידישע קהלות. נאכ'ן דאווענען פלעגט מען בעגלייטען דעם ראש גלותא מיט א פייערליכער פראצעסיע צו איהם אהיים, וואו ער פלעגט געבען א גרויסע סעודה פאר די ראשי ישיבות, די אידישע אנגעזעהענע לייט און די שרים פון דער מלוכה. — אזוי פלעגט מען פייערן די התמנות פון ראש גלותא, כל זמן ביי די אידען איז נאך געבליבען חאטש א שאטען פון אוועלטליכער ממשלה. — איינמאל אין יאהר, דעם דריטען שבת נאך סכות (פרשה לך לך), פלעגט ביים ראש גלותא פארקומען א מין קעניגליכע אויפנעהמונג. די ראשי ישיבות מיט זייער בית דין און תלמידי חכמים, די פארשטעהער פון די קהלות און נאך פיעל בעוואוסטע מענשען, פלעגען קומען צום ראש גלותא אויף „גוט-שבת“, נאטירליך, מיט מתנות אויך דערביי. ביים דאווענען אין שוהל פלעגט אין יענעם שבת פארקומען דיזעלביגע צערעמאניע, ווי ביים ערשטען אויפנעהמען פונ'ם ראש גלותא. הכנסה פאר זיינע הצטרכות און פאר זיין קעניגליכער הנהגה, האט דער ראש גלותא געהאט, ערשטענס, פון געוויסע שטעדט און לענדער און, צווייטענס, פון ספעציעלע אבצאהלונגען, וועלכע ער פלעגט בעשטימען, ווען ער פלעגט עס נויטיג האבען. ער פלעגט אויך קאנען בעשטראפען א שטאדט, אדער א מענשען מיט קנס פאר וועלכען עס איז פערבראכען געגען זיין פערזאן.

די צווייטע שטעלע נאכ'ן ראש גלותא האט ביי אידען אין בבל און פרס פערנומען דער גאון פון סורא, וועלכער האט, ווי דערמאהנט, געהאט א חשיבות געגען דעם ראש ישיבה פון פומבדיתא אפילו אויך אינ'ם פאל, ווען דער לעצטער איז געווען א זקן און ער נאך גאר א יונגער מאן. יעדער ראש ישיבה האט געהאט ארום זיך א קאלעגיום, אדער א קאמיטעט פון חברים, וועלכער איז בעשטאנען פון צוויי מדרגות: א העכערער און א נידעריגערער. אונטער'ן ראש ישיבה איז געשטאנען דער אבער-ריכטער (דינא די בבא), אדער דער „אב בית דין“, וועלכער איז געוועהנליך געווען אויך דער שטעלפערטרעטער פונ'ם ראש ישיבה, ווען יענער פלעגט ערגעץ וואו פערדרייזען, און נאך זיין טויט פלעגט ער „אין פרינציפ“ ווערען ראש ישיבה. אונטער איהם זיינען געשטאנען זיבען פארשטעהער פון דער ישיבה (ראשי כלה), וועלכע פלעגען צוזאמען אויסמאכען א הויכען-ראט (סענאט), פון דער ישיבה. די ראשי כלה פלעגען מייסטענס איבערגעבען זייער שטעלע בירושה צו זייערע קינדער. נור דעם ראש ישיבה האט מען געדארפט אויסקלייבען. — אונטער'ן דאזיגען ראט איז געשטאנען א ראט פון הונדערט חברים אין צוויי אבטיילונגען: די ערשטע אבטיילונג איז בעשטאנען פון זיבציג פערזאן, אזוי ווי דער פארצייטיגער סנהדרין, וועלכע זענען געווען אונטערגעארדענט ביי די זיבען „ראשי-כלה“; די נידעריגערע אבטיילונג איז בעשטאנען פון דרייסיג פערזאן, אזוי ווי די קלענערע סנהדרין, וועלכע האבען געשפיעלט די ראליע פון קאנדידאטען, וואס האבען געדארפט פערטרעטען די שטע-

לעם פון די ערשטע זיבציג, אויב עמיצער פון זיי האט נישט געקאנט אַ טיילנעהמען אין דער אָפיציעלער זיצונג. אויך די דאָזיגע הונדערט חברים פלעגען איבערגעבען זייער התמנות בירושה זייערע קינדער, נאַטירליך, אויב יענע זענען ווערטה געווען, לויט זייער קענען די תורה, צו אזאַ פעראַנטוואָרטליכע שטעלע.

די דאָזיגע אייגענטימליכע אָרגאַניזאַציע פון די ישיבות און געריכטען האט אויך געהאט די בעדייטונג פון אַ פּאַרלאַמענט, ווייל די ראַטען פלעגען אַרויסגעבען תקנות און אָננעהמען וויכטיגע פערפליכטענדע דינים. צוויי מאָל אין יאָהר פלעגען פאָרקומען זייערע סעסיעס: אין מערץ און אין סעפּטעמבער (אדר און אלול), און יעדער סעסיע פלעגט דויערן אַ חודש לאַנג. וועהרענד דער סעסיע, פלעגען זיך די סנהדרין אויך בעשעפטיגען מיט תורה-לערנען און ערקלערען יענע מסכת פון תלמוד, וועלכע דער ראש ישיבה האט געהאט אָנגעוויזען אין דער לעצטער סעסיע. די הויפּט-בעשעפטיגונג איז אָבער געווען אַ פּראַקטישע: מען פלעגט בעטראַכטען און אָננעהמען בעשלוסען וועגען נייע געזעצען און תקנות און אויך שאלות, וואָס פלעגען אָנקומען פון פערשיעדענע קהלות, אויף וועלכע מען פלעגט אויסאַרבייטען אַן'ענטפער. דער ענטפער פלעגט געגעבען ווערען אינ'ם נאָמען פונ'ם גאַנצען סנהדרין מיט דער חתימה פון ראש ישיבה און אַ בעגריסונג צו דער קהלה. אזאַ אָפיציעלען ענטפער פלעגען די קהלות אויפנעהמען מיט גרויס דרך ארץ און בעציהען זיך צו איהם, ווי מען פלעגט זיך בעציהען אין די קאַטוילישע קרייזען צו אַ „בולה פון פויפּסט“.

יעדע פון די דריי אידישע ממשלות אין בבל און פרס האט זיך געהאַט איהר אָפּגעגרענצטען קרייז פון שטעדט און שטעדטלעך, וואו זיי פלעגען ברויכען איינצואָרדנען דיינים, אויפמאָהנען הכנסות און האַלטען די אינערליכע אָרדנונג. אַ טייל ערטער זענען אַלזאָ געשטאַנען אונטער דעם ראש גלותא, אַ טייל — אונטער דעם גאון און אַ טייל — אונטער'ן ראש ישיבה פון פומבדיתא. די דיינים האָבען אָבער געהאַט רשות צו משפט'ן נישט בלויז ציווילע ענינים דיני ממונות, נאָר אויך צו פסק'ענען שאלות אין כשר און טריפה, צו ערקלערען, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. זיי זענען דעריבער געווען אייגענטליך רבנים. דער דיין — רב פלעגט זיך אויסקלייבען פון דער געמיינדע צוויי חברים, מיט וועלכע ער פלעגט צוזאַמען זיין אַ בית-דין (אַ ראַבינאַטס-קאָלעגיום). ביי דעם דיין—רב פלעגט מען שליסען אַלערליי אַרטען דאָקומענטען: כתובות, גיטין, פערקויף- און קויף-צייגענישען, לייה-וועקסלען, שענקונגס-בריעף און דאָסגלייכען. ווי ס'שיינט, זענען אויך די קינדער-שולען (חדרים און תלמוד-תורה'ס) געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פונ'ם דיין—רב.

די איינאָרדנונג פון די אידישע קהלות אין בבל, וועלכע האט געדיענט פאַר די אידען אין אַלע לענדער פאַר אַ מוסטער, האט געשטאַמט

פון גאנץ אלטע צייטען. אין שפיץ פון דער קהלה איז געשטאנען א קאמיטעט פון זיעבען „טובים“, אדער „פרנסים“ וועלכע דארפען אכטונג געבען אויף דער אבהיטונג פון דער איינגעפיהרטער ארדנונג און, בעזונדערס, אויף די ענינים פון צדקה און בעזארגונג פון די ארימע לייט, וועלכע איז לויט׳ן תלמוד די היילינגסטע פליכט פון יעדער קהלה און פון יעדען יחיד. יעדער מיטגליעד פון דער קהלה האט געמוזט צאהלען, לויט זיין פערמעגען, א געוויסע סומע געלד אויף צדקה און די הצטרכות פון דער קהלה. די, וועלכע האבען נישט געוואלט איינצאהלען דאס, וואס מען האט בעשטימט ביי זיי צו נעהמען (די הערכה־אבשעצונג), פלעגט דער דיין—רב בעשטראפען אדער דורך מלקות, אדער דורך א חרם. דעם חרם פלעגט מען ביי אידען אין מיטעל־עלטער אפילו נישט ארויפלעגען אזוי אפט, ווי ביי די קאטוילען, אבער קיין אויסנאהמע איז ער כלל נישט געווען. און וועמען ער פלעגט טרעפען, יענער פלעגט לעבעדיגערהייד בעהאנדעלט ווערען ווי א טויטער. ווער עס פלעגט אין א משך פון א חודש נישט ערפילען די פאדערונג פון דער קהלה, אדער ריכטיגער, פון איהרע זיעבען טובים, פלעגט בעשטראפט ווערען מיט׳ן חרם: אלע, אפילו זיינע נאהנטסטע קרובים פלעגען זיך פון איהם אבשיידען, ער פלעגט ארויסגעשטויסען ווערען פון אידענטום. ווער עס פלעגט נישט פאלגען און נישט שיידען זיך פון איהם אינגאנצען, פלעגט אויך מיט איהם צוזאמען אריינגעלעגט ווערען אין חרם. די קינדער פונ׳ם מוחרם פלעגען אויסגעשלאסען ווערען פון די שולען, זיין פרוי — פון דער שוהל; זיינע מתים פלעגט מען נישט ברענגען צו קבר ישראל, אפילו נישט מל׳ה זיין זיינע קינדער. וועגען דעם חרם פלעגט מען ארויסהענגען א מודעה אויף דער געבוידע פון געריכט און אויסרופען אין שוהל. אבער ווי טרויעריג דער חרם איז נישט געווען, האבען די אידישע דיינים—רבנים געמוזט איהם אנווענדען, ווייל זיי האבען נישט געהאט קיין אנדער מיטעל צו צווינגען עמיצען, אז מען זאל זיי פאלגען. די אחדות פון דער אומה און די גאנצקייט פון דער רעליגיע, ווי אויך דאס לעבען פון די קהלות וואלט אהן א וועלכען עס איז בעצווינגונגס־מיטעל גאר צופאלען ווערען.

די אידישע נאציאנאלע קאנסטיטוציע, וועלכע קאן אין א געוויסער מאס אנגערופען ווערען „די מלוכה, אדער ממשלה פון ראש גלותא אין בבל“, ווי זי איז נישט געווען אפהענגיג פונ׳ם ווילקיר, אדער פון גוטען און שלעכטען ווילען פונ׳ם שטאטהאלטער פון כאליף, ווי אויך פונ׳ם ראש גלותא, האט דאך פינדעסטוועגען פאר די ווייטע אידישע קהלות געהאט א גרויסע בעדייטונג: זיי האבען אין דאס ביסעלע מאכט, וואס איז נאך איבערגעבליבען ביי בבל׳ישע אידען, געזעהן דעם רעשט פון דער אמאליגער אידישער מלוכה, דעם חן פון דער פארצייטיגער אידישער זעלבסטשטענדיגקייט. אין די ווייטעסטע לענדער האבען די אידען געזעהן אין

דעם ראש גלותא נישט קיין אנדער זאך, ווי „דעם מושל פון דוד'ס הויז“, און אין דעם גאון פון סורא מיט'ן ראש ישיבה פון פומבדיתא — די טרעגער פון דער תלמוד'ישער עפאכע, וועלכע די אידען האבען בעטראכט ווי א העכסט אידעאלע. וואס ווייטער עס האט זיך פערשפרייט די הערד־שאפט פון איסלאם פון דער מלוכה = משפחה פון אמייה (Omejja) אין צפון ביז טראנסאקסאניען, אין מזרח — ביז אינדיען, אין מערב און אין דרום ביז אפריקא און די פירעניייען (שפאניען און פארטוגאל), אויף מעהר האט זיך פערגרעסערט די ממשלה און דער ווירקונגס-קרייז פון די בבל'ישע אידען מיט זייער ראש גלותא און די ראשי ישיבות. איבעראל האבען די אידען געווענדעט זייערע אויגען צו בבל, און די נדבות האבען זיך געשאטען זעהר רייך פאר די ישיבות און פאר'ן כבוד פון ראש גלותא — פאר דוד'ס המלך'ס הויז. אפילו אין שפאניען און פראנקרייך האט מען זיי אבגעגעבען דעם גרעסטען כבוד און אבגעווארט זייערע בעפעהלען. און די שוהלען האט מען איינגעפיהרט די תפלה „יקום פורקן“ פאר ראש גלותא, די ראשי ישיבות, די ראשי-כלה און תלמידי חכמים. דער וועהטאג פונ'ם בעוואוסטזיין, אז דאס אידישע פאלק לעבט צווזעהט און צושפרייט אין אלע עקען וועלט, איז עטוואס לייכטער געווארען, ווען מען האט געהערט, דאס אויף די טייכען פון בבל, דארט, וואו די אידען האבען זיך בעזעצט נאך אין זייער פולער קראפט אין נבוכדנצר'ס צייטען, האבען זיי נאך אויך איצט עטוואס עהנליכעס צו אנ'אייגענער ממשלה. מען האט אויך בעגלויבט, אז דארט שטראמט נאך דער אלטער קוואל פון דער אידישער חכמה. יענע אידען, וועלכע האבען קיינמאל נישט געזעהן אין דער נאהנט דעם ראש גלותא מיט די ראשי ישיבות, פלעגען ארויסזאגען לערך פאלגענדע מיינונג: „גאט האט געלאזען עמטשטעהן די ישיבות פון סורא און פומבדיתא נאך מיט צוועלף יאהר פריהער, אײדער דער בית המקדש איז פערברענט געווארען דורך נבוכדנצר'ן, און זיי בעזונ־דערס בעשיצט. די דאזיגע ישיבות האבען נישט איבערגעליטען קיין שמד־גזירות און אנטיוכוס'עס צייטען, נישט די רדיפות פון רוים און ביזאנץ, און גאט האט די אידען א וואולטהאט ערוויזען, וואס ער האט זיי פער־טריבען אהין, כדי די אידישע תורה זאל נישט פערגעסען ווערען. פון דארט וועט זיך אויך אנהויבען די אידישע גאולה, און די דארטיגע אי־דען וועלען נישט דארפען ליידען די יסורים פון משיח'ס צייטען“ (חבלי משיח).

נאר די אידען אין ארץ ישראל האבען נישט געוואלט אנערקענען איבער זיך דעם אויטאריטעט פונ'ם גאון פון סורא און נאך ווייניגער — די ממשלה פונ'ם ראש גלותא. נאך דעם איינגעהמען דאס לאנד דורך די מהמד'אנער, איז אין טבריה ווידער ענטשטאנען א קהלה, וועלכע איז געווארען די פארשטעהערין פון די איבעריגע אידישע קהלות אין ארץ־

ישראל. דארט האבען נאך געלעבט די קינדער פון מר זוטרא דעם צווייטען, וועלכער איז אהין געבראכט געווארען מיט א יאהר הונדערט פאר דעם, אלס פיצעל קינד אין דער צייט פון די קאמוניסטישע שגעונות פון דעם קעניג קאוואד אין פערסיען. מר זוטרא'ס קינדער האבען אך בערגעגעבען בירושה זייער רעכט צו זייערע קינדער און זענען איצט געווארען די ראשי ישיבה אין טבריה, ערקלערענדיג, אז זיי זענען די אמת'ע אבשטאמונג פון דוד המלך און נור זיי האבען דאס רעכט צו זיין ראשי גלותא און נישט קיין אנדערע. די ראשי גלותא פון בבל האבען זיי אנערקענט נישט פאר ריכטיגע נאר פאר אוזורפאטארען, דאס הייסט: זיי האבען פערהאפט א פרעמדע מאכט, אויף וועלכער זיי האבען נישט קיין רעכט. צווישען די אידישע אנפיהרער אין ארץ־ישראל און אין בבל, האט דעריבער געהערשט אזא שטארקע רייבונג, אז די חכמים פון טבריה האבען אפילו נישט געוואלט אנערקענען דעם „נקוד", עס הייסט, די נקודות און אקצענטען, וועלכע מען האט איינגעפיהרט אין בבל ביים לעזען דעם תנ"ך. ווייל אבער אין גרונד איז דער „נקוד" געווען זעהר נויטיג, האבען זיי דארט ערפונדען אן'אייגענעם סיסטעם פון נקודות: וועהרענד אין בבל פלעגט מען די נקודות שטעלען איבער די אותיות, האט מען אין טבריה מתקן געווען צו שטעלען זיי אונטער די אותיות און איינגעפיהרט נאך פערשידענע צייכענס און סימנים. אזוי ארום איז ענטשטאנען דער נקוד פון טבריה, וועלכער האט ביסלעכווייז פערטריבען דעם בבל'ישען און געבראכט איהם אינגאנצען צו פערגעסענהייט.

די אידען אין שפאניען האבען נאך דאמאלסט קיין בעגריף נישט געהאט פון דער וויכטיגקייט פון די געשעהענישען, וואס זענען פארגעקומען אין אראביען דורכ'ן אויפטרעטען פונ'ם איסלאם, און זיי האבען גאר נישט ערווארטעט, אז אינגיכען וועלען זיי קומען אין נאהנטער פערבינדונג מיט די אראבישע אידען דאדורך, וואס זיי וועלען אויך שטעהן אונטער א מחמד'אנישע פאלק; שפאניען איז געלעגען צו ווייט פון אראביען, אז זיי האבען געוואלט קאנען פארויסזעהן עטוואס אזעלכעס. דוקא אין דער צייט, וואס פאר די מזרח־אידען אין אראביען, פרס, בבל און ארץ־ישראל האט זיך געעפענט א געוויסע מאס פון פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, האבען די שפאנישע אידען געמוזט טרינקען דעם פולען ביטערען בעכער פון יסורים און רדיפות. א טייל פון זיי האט געמוזט אויסוואנדערן פון לאנד, א טייל — אויס'שמד'ן זיך און ערקלערען שריפטליך, אויפ'ן בעפעהל פונ'ם קעניג כינטילאי, אז זיי וועלען בלייבען געטריי דעם קאטוילישען גלויבען און עפענטליך אבזאגען זיך פון אידענטום. אבער נישט אכטענדיג אויף דער דאזיגער ארויסגעצוואונגענער ערקלערונג, זענען די מיט געוואלד גע'שמד'טע אידען (אנוסים) געבליבען אין טיעפען הארצען געטרייע אידען אין דער וועסטגאטישער מלוכה.

די וועסטגאָטישע שרים פּלעגען זיי בעשיצען פֿון דער שטרענגקייט פֿונ'ם קעניג און, ווי נור דער פֿאַנאַטישער כינטילא איז געשטאָרבען און קעניג איז געוואָרען כינדאסווינד (642—652), האָבען די אנוסים זיך עפֿענטליך צוריקגעקעהרט צום אידענטום. כינדאסווינד איז געווען א פֿיינד פֿון די קאַטוילישע גלחים, דען ער האָט געוואוסט, אז זיי שטרעבען צו בעגרענצען זיין ממשלה און ווילען פֿערכאַפּען די הויפּט־מאַכט אין די איינענע הענד. פֿאַר די אידען דאַגעגען איז ער געווען זעהר גוט און האָט ערלויבט די אַרויסגעטריבענע אידען צוריק צו קומען אין לאַנד און די אנוסים — אומצוקעהרען זיך צו דער רעליגיע פֿון זייערע עלטערן. אָבער צוליעב דעם, וואָס אין שפּאַניען פּלעגט מען א קעניג מוזען אויסקלייבען און ממילא, איהם שטעלען אויך געוויסע בעדינגונגען פֿאַר זיין בעשטייגען דעם טראָהן, האָט די פֿריינדשאַפֿט פֿון כינדאסווינד צו אידען ניט געקאָנט ברענגען פֿאַר זיי קיין ישועה אויף א לאַנגער צייט.

נאָך דעם קעניג'ס טויט איז געוואָרען קעניג זיין זוהן רעצעסווינד, וועלכער האָט אָנגענומען אין בעציהונג צו די אידען א גאַנץ אַנדערע פּאָליטיק. דער דאָזיגער קעניג האָט געוואָלט נושא חן זיין ביי די גלחים, און זיי אַליין פֿאָרגעשלאָגען אויף דער קירכען־פֿערזאַמלונג, וועלכע איז אויך געווען א מין פּאַרלאַמענט, אז מען זאָל שטרענג בעגעהן זיך מיט די אנוסים, וועלכע האָבען זיך צוריק אומגעקעהרט צום אידענטום. אין זיין טראָהן־רעדע האָט ער פֿאַר דער קירכען־פֿערזאַמלונג בעזאָגט פֿאָלגענדעס: „איך קלאָג אָן פֿאַר אייך דאָס שטייגער־לעבען און בעציהונג פֿון די אידען, ווייל איך האָב זיך דערוואוסט, אז דאָס לאַנד פֿון מיין רעגירונג איז בעפֿלעקט פֿון זייער מגפֿה. וועהרענד דער אַלמעכטיגער האָט פֿון דער היגער מלוכה פֿערטיליגט אַלערליי אפּיקורסות, איז דאָך איבערגעבליבען גאַנץ די חרפּה פֿון דער קירכענשענדונג. מען מוז זי דורך אונזער פֿרומקייט אויסבעסערן, אָדער דורך אונזער שטרענגקייט פֿערטיליגען. עס האָבען נעמליך געשמד'טע אידען זיך צוריק אומגעקעהרט צום אידענטום, און ווייל די טבילה האָט זיי שוין געהאַט אָבגעוואַשען פֿון זייער אונריינקייט, איז זייער נייער אָבפֿאַל פֿון קריסטענטום נאָך א גרעסערער פֿערברעכען, ווי דאָס ניט־גלויבען פֿון די אידען, וועלכע האָבען זיך נאָך ניט געשמד'ט. איך בעשווער אייך, דעריבער, אז איהר זאָלט האָבען קיין שום רחמנות און ניט אַכטענדיג אויף דער אַנגעזעהענקייט פֿון דער פּערזאָן אָנטעהמען א שטרענגען בעשלוס געגען די אידען, כדי צו געפֿינען חן אין גאָט'ס אויגען“. — די דאָזיגע אַכטע קירכען־פֿערזאַמלונג פֿון טאָלעדאָ האָט אָבער קיין נייע געזעצען געגען די אידען ניט אַרויסגעגעבען, בעגנוגענדיג זיך מיט די פֿריהערדיגע געזעצען פֿון דער פֿירטער פֿערזאַמלונג. די אידען האָבען אַלזאָ געקאָנט בלייבען וואוינען אין לאַנד, אָבער קיין קנעכט האָבען זיי ניט געטאָרט האַלטען, קיין מלוכה־שטעלע האָבען זיי ניט געקאָנט פֿערנעה־

מען און פאר קיין עדות געגען די קריסטען האבען זיי נישט געטארט ארויסטרעטען. פיעל ערגער איז אבער געווען דער גורל פון די אנוסים. מען האט זיי געצוואונגען צוריק צו ווערען קריסטען און אבזאגען זיך פון אידענטום. אנטלויפען האבען זיי נישט געקאנט, ווייל אויף יענע אידען, וועלכע האבען געוואלט אויסדרעהען זיך פון קריסטענטום דורך באהאלטען זיך, אדער דורך אנטלויפען פון לאנד, האט מען ארויפגעלעגט זעהר א שטרענגע שטראף; מען האט אויך שטרענג באשטראפט די אידען, וועלכע האבען געוואוסט פון אזא אנטלויפען, אדער זיינען דערביי בעהילפיג געווען.

די געשמד'טע אידען האבען ווידער געמוזט אונטערשרייבען א דאקומענט, לויט וועלכען זיי זאגען זיך אב פון אידענטום. אין דאקומענט ווערט ערקלערט פאלגענדעס: „זיי האבען שוין אפילו אין דער רעגירונג פון כינטילא זיך אבגעזאגט פון אידענטום און געשווארען צו בלייבען געטריי דעם קאטוילישען גלויבען, אפער זייער אונגלויבען, ווי אויך דער אונגלויבערישער גייסט פון זייערע עלטערן האט זיי געשטערט אנצונעהמען קריסטום'ן פאר זייער הערן. איצט אבער זאגען זיי צו: פאר זיך און זייערע ווייבער און קינדער, אז זיי זאלען מעהר נישט האבען קיין שום שייכות צום אידענטום. זיי וועלען מעהר נישט שטעהן אין קיין שום בעציהונג מיט נישט־געטויפטע אידען, נישט טהון מעהר מיט זיי קיין שדוך, נישט האבען קיין חתונה לויט'ן אידישען דין, נישט פייערן פסח, שבת און אנדערע אידישע יום־טובים, נישט אבזונדערן זיך פון קיין טריפה־עסען אדער היטען אנדערע אידישע געוועהנהייטען, מנהגים און דינים. — נור איין זאך איז פאר זיי אוממעגליך — צו עסען חזיר־פלייש, ווייל דאס איז זיי נמאס פון קינדרווייז אן; דאגעגען זאגען זיי צו, צו עסען געקעכטס מיט חזיר־פלייש, אהן קיין שום מורא. יענע פון זיי, וועלכע וועלען עובר זיין אויף דער געגענווערטיגער הבטחה, וועלען זיי אליין, אדער זייערע קינדער פערשטייניגען, אדער פערברענען. דאס אלץ בעשווערען זיי אין'ם נאמען פון דער דריי־איינינקייט“. — ווייל אבער דער מלך האט געוואוסט, אז די שרים און רייכע לייט פלעגען בכלל ערלויבען די אידען און די אנוסים פיעל פערבאטענע זאכען, האט ער ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז א קריסט, וואס וועט העלפען איינעם פון די אנוסים אבצוהיטען זיין אלטען אידישען גלויבען, אדער בכלל עובר צו זיין אויף דער הבטחה, ווערט אויסגעשלאסען פון דער קירכע (אריינגעלעגט אין חרם). אבער אט די אלע שטרענגע מיטלען האבען דאך צום ציעל נישט געפיהרט. די געהיימע אידען, אדער ווי מען פלעגט זיי רופען אפיציעל: „די געאידישטע קריסטען“, האבען דעם אידען פון זייער הארצען נישט אויסגעריסען. זיי האבען זיך אויסגעלערנט די קונסט, ווי אזוי צו בלייבען געטריי דעם אידענטום אין טיעפסטען הארצען און מיטען פון די גרעסטע סכנות, וואס האבען איבער זיי געשוועבט, און אבצונארען זיי־

ערע טויזענד-איגענדיגע שפּאַניען און פּיינד. און זייערע הייזער פלעגען זיי אויך וויטער אפּהיטען אַלע אידישע שבתים און יום-טובים און די קריסטליכע חגאות פלעגען זיי פערנאַכלעסיגען. די גלחים האָבען געוואָלט מאַכען דערמיט אַ סוף, און אַט האָבען זיי ביי די אונגליקליכע צוגענומען דאָס איינציגע, וואָס איז ביי אַ מענשען טייער: דאָס פאַמיליען-לעבען. די אידישע און קריסטליכע פייערטעג האָבען זיי נישט געטאָרט צוברענגען אין דערהיים, נאָר צוזאַמען מיט די גלחים, כדי זיי זאָלען זיין געצוואונגען די ערשטע צו פערנאַכלעסיגען און די צווייטע אָבצוהיטען. ווען איינער פון די גע'שמד'טע אידען פלעגט עובר זיין אויף אַט דעם לעצטען בעפעהל, פלעגט מען איהם בעשטראָפען מיט שמיץ און מלקות (655).

אונטער דעם קעניג וואַמבאַ (672—680) האָט מען די דאָזיגע שטרענגע געזעצען נישט אַזוי שטאַרק אָבגעהיט און די אידישע לאַגע איז געוואָרען עטוואָס בעסער.. די אנוסים האָבען אויסגענוצט די דאָזיגע לאַגע, כדי צו האַלטען זיך פעסט ביים אידענטום. טאַלענטירטע אידען האָבען אַרויסגעגעבען שריפטען, ווי עס שיינט, אין לאַטייניש, אין וועלכע זיי האָבען פאָלעמיזירט מיט'ן קריסטענטום. אָבער וואַמבאַ האָט געקעניגט נישט לאַנג, און דער נייער קעניג ערוויג (680), וועלכער האָט געשטאַמט פון ביזאַנץ און געהאַט אַלע שלעכטע מדות פון די דאָזיגע גריכען: אַ פאַלשען צונג, אַ אַהן אַ ברעקעל יושר, האָט בעוויזען קונץ-שטיק: ער האָט דעם קעניג וואַמבאַ מיט געוואַלט אָנגעטהון אין די קליידער פון אַ מאָנאַך און געהאַלטען איהם פערשלאָסען ביז זיין טויט אין אַ קלויסטער. כדי אָבער אונטערצוקויפען די גלחים, אַז זיי זאָלען איהם אנערקענען פאַר אַ מלך אויפ'ן טראָהן, וועלכען ער האָט גערויבט, האָט ער געמוזט די גלחים חנפ'ענען, און אַט האָט ער אָנגעהויבען רודפ'ן די אידען. ער האָט געהאַלטען אָנגעבלאָזענע רעדעס מיט הויכע פראַזען פאַר דער קירכען-פערזאַמלונג, וועלכע האָט איהם בעשטעטיגט פאַר אַ מלך, און וועגען די אידען האָט ער מיט אַ פאַלשען ציטער ערקלערט פאָלגענדעס: „מיט אַ שטראָם פון טרעהרען בעט איך ביי אייך, עהרווירדיגע פערזאַמלונג, אַז איהר זאָלט דאָס לאַנד אָבראַטעווען און אויסרייניגען פונ'ם שרעקליכען קרעץ... פון די אידען. דערהויבט אייך, דערהויבט אייך! — רוף איך צו אייך, רייסט אויס מיט'ן וואָרצעל די אידישע מגפה!"

צווישען די זיבען און צוואַנציג פּאַראַגראַפען, וועלכען ערוויג פאָרגעלעגט דער פערזאַמלונג צו בעשטעטיגען, האָט נאָר איינער זיך בעצויגען אויף די אידען און די אַלע איבעריגע אויף די אנוסים, וועלכע האָבען, נישט אַכטענדיג אויף אַלערליי שטראַפען, זיך נישט געקאָנט אָבזאָגען פון אידענטום. וועגען די אידען האָט ערוויג אַרויסגעגעבען אַ קורץ געזעץ: אין אַ משך פון אַ יאָהר מוזען זיי, אַלע אידען, קומען שמד'ן זיך, אויב נישט, וועלען זייערע גיטער קאָנפיסקירט ווערען און

זיי אליין וועלען בעקומען הונדערט שמיץ מיט א בייטש, דערנאך וועט מען ביי זיי אראבשינדען די הויט פון קאפ און פון פנים און ארויס-טרייבען פון לאנד.

פאר די אנוסים האט ערוויג אויפגעטהון א נייעס: אויסערדעם וואס זיי מוזען פייערען די אידישע און קריסטליכע פייערטעג ביי די גלחים, מוזען זיי נאך נעהמען א צייגניש ביי די גלחים יעדעס מאל, ווען זיי ווילען ערגעץ וואו פאהרען אויף באלד ווי זיי קומען אינ'ם נייעם ארט, מוזען זיי זיך פארשטעלען אונטער דער אויפזיכט פון ארטיגען גלח; פאר'ן אפפאהרען צוריק, מוזען זיי נעהמען ביים גלח א צייגניש, דאס זיי האבען ערפילט אלע קריסטליכע געזעצען, דערביי האבען זיי אבער נישט געטארט פארנעהמען קיין מלוכה-שטעלע, אפילו קיין אויפ-זעהער איבער די קריסטליכע שקלאווען האבען זיי נישט געטארט זיין. זיי האבען געמוזט שטענדיג האלטען ביי זיך א קאפיע פון די געזעצען געגען זיי, כדי זיי זאלען נישט קאנען זיך פערענטפערן, דאס זיי הא-בען דאס געזעץ נישט געוואוסט. די גייסטליכע און קעניגליכע ריכטער איז שטרענג באפוילען געווען אכטונג צו געבען, אז די דאזיגע געזע-צען זאלען אויסגעפיהרט ווערען, און די קריסטען איז שטרענג פערבאטען געווען אונטערנעהמען ביי זיי א וועלכע עס איז מתנה.

די קירכען-פערזאמלונג, וואס און איהר שפיץ איז געשטאנען דער מיטראפאליט פון טאלעדא, וועלכער האט געשטאמט פון אידען, האט אנגענומען אלע דאזיגע געזעצען און בעשלאסען, אז זיי זאלען אנער-קענט ווערען אויף אייביג פערפליכטענד, ווי א געזעץ פון סינאד. צוויי טעג נאכדעם, ווי די פערזאמלונג האט זיך פערמאכט, האט מען צוזא-מענגערופען די אידען און די גע'שמד'טע אידען און פארגעלעזען פאר זיי אלע פאראגראפען, כדי זיי זאלען וויסען, אז דאס נייע געזעץ מוז שטרענג אויסגעפיהרט ווערען (25-טער פעברואר 681). די גע'שמד'טע אי-דען האבען אלזא צום דריטען מאל געמוזט אונטערשרייבען די ערקלע-רונג, אז זיי זאגען זיך אב פון אידענטום און וועלען זיין געטריי דעם קרי-סטענטום. אבער נאך פיעל ערגער האבען זיי געהאט, ווען נאך ערוויג'ן איז ארויפגעשטיגען אויפ'ן טראהן זיין איידעם עגיקא, וועלכער האט אויך בעגרענצט זייערע רעכטע אויף צו פערדינען זייער פרנסה. די אי-דען און די אנוסים האט ער פערבאטען צו האבען הייזער און גיטער (לאנד), צו בעשעפטיגען זיך מיט שיפעריי און מיט'ן אפריקאנישען מסחר, ווי איבערהויפט צו פיהרען געשעפטען מיט די קריסטען. אלע אי-בעוועגליכע גיטער, וועלכע זיי האבען געהאט, האבען געמוזט אבגעגע-בען ווערען דער קיזערליכער קאמער (693).

דורך אלע דאזיגע געזעצען זענען די אידען אריינגעטריבען געווארען אין פערצווייפלונג. זייערע אומבעוועגליכע גיטער האט מען אין דער ווירק-ליכקייט קאנפיסקירט און אלע בעשעפטיגונגען אין לעבען האט מען זיי

אפגעשניטען. זיי האבען דעריבער אנגעהויבען פיהרען אונטערהאנדלונגען מיט זייערע ברידער אין אפריקא און געטראכט צו העלפען די מחמד'אנישע פעלקער, וועלכע זענען שוין דאמאלט וויט אריינגעדרונגען אין די מערב-לענדער, כדי צו העלפען זיי איינבעהמען שפאניען און פערטרייבען פון דארט די וועסטגאטישע רעגירונג (694). דער פלאן האט לייכט געקאנט דורכגעפיהרט ווערען, ווייל די דאמאלדיגע רעגירונג איז שוין געוועזען פון גרונד פערדארבען און דעריבער זעהר שוואך. אבער דער פלאן איז פערראטען געווארען דער רעגירונג און די שווערסטע בעשטראפונג האט דערגרייכט נישט בלויז די שולדיגע, נאר אלע שפאנישע אידען, וועלכע האבען געוואוינט אין גאליען, אין די פראווינצען סעפטימאניען און נארבאנא. אלע אידען זענען ערקלערט געווארען פאר שקלאווען און צוטיילט געווארען צווישען די קריסטען, דערביי איז די קריסטען פערבאטען געווארען זיי צו בעפרייען. די קינדער, אין עלטער פון זיבען יאהר, האט מען צוגענומען ביי זייערע אידישע עלטערן און אבגעגעבען די גלחים, צו ערציהען זיי אין קריסטענטום. אן אויסנאהמע האט מען געמאכט נור פאר יענע אידען, וועלכע האבען אלס קעמפפער געוואוינט ארום די דורכגאנגען צו די פירענייען און האבען זיי געשיצט פאר די פיינד, וולכע האבען געקאנט אריינקומען אין שפאניען פון גאליען.

אינ'ם דאזיגען שפלות-צושטאנד זענען די אידען געבליבען ביז'ן טויט פון קעניג עגיקא. נאכ'ן טויט פון זיין זוהן האט געשלאגען די לעצטע שעה פאר דער וועסטגאטישער מלוכה. די אידען, וועלכע האבען אין פערשיעדענע צייטען פון די רדיפות אויסגעוואנדערט קיין אפריקא, האבען זיך דארטען פעראייניגט מיט'ן מחמד'אנישען אנפיהרער טאריק, וולכער האט אריבערגעפיהרט פון אפריקא קיין אנדאלוזיען א גרויסע מחנה, גרייט צום קאמפף געגען די וועסטגאטען. — נאך דער שלאכט ביי קסערעס (יולי 711) און דעם טויט פונ'ם לעצטען וועסטגאטישען קעניג ראדעריך, זענען די אראבער אריינגעדרונגען טיעפער אין שפאניען, בעגעגענענדיג איבעראל א שטיצע מצד די אידען. ווען די מחמד'אנער פלעגען איינעהמען א שטאדט, פלעגען זיי דארט איבערלאזען נור וועניג סאלדאטען, ווייל זיי האבען נויטיג געהאט צו פיהרען די מלחמות ווייטער; אנשטאט סאלדאטען האבען זיי געהאט געטרייע מיטהעלפער אין די ארטיגע אידען, צו וועלכע זיי האבען געהאט פאלקאמען צוטרוי. ווען טאריק איז צוגעקומען צו טאלעדא, האט ער דארט געפונען גאנץ וועניג מיליטער, ווייל די וועסטגאטישע פריצים און די גלחים זענען אנטלאפען, כדי צו ראטעווען זייער לעבען, וועהרענד די קריסטען זענען געשטאנען אין די קירכען און מתפלל געווען צו זייערע קדושים, אז זיי זאלען בעשיצען זייער שטאדט און די מלוכה פון די אראבער, האבען די אידען געעפענט פאר די אראבער די טויערן פון שטאדט און אויפגענומען זיי מיט גרויס פרייד, נעהמענדיג נקמה פון די קריסטען

פאר די מורא'דיגע רדיפות, וואס זיי זענען פון זיי אויסגעשטאנען אונטער דער רעגירונג פון רעקארעד און זיזעבוט (712 אכט טעג פאר דער קריסטליכער פסחא). די בעוואכונג פון דער שטאדט האט טאריק איבערגעלאזען די אידען און אליין האט ער זיך געלאזען ווייטער, צו פערפאלגען די פחדנות'דיגע וועסטגאטען, וועלכע זענען פאר זיי אנטלאפען, כדי אבצונעהמען ביי זיי די עשירות, וועלכע זיי האבען פריהער געהאט אנגערויבט ביי דער אידישער בעפעלקערונג. דער אפריקאנישער שטאטהאלטער מוסה-אבן-נזיר, וועלכער האט געבראכט קיין אפריקא א צווייטע מחמד'אנישע ארמעע, האט אויך געהאט צו די אידען דעמזעלביגען צוטרוי, ווי טאריק, און אלע שטעדט, וועלכע ער האט איינגענומען אין צפון-שפאניען, האט ער איבערגעגעבען די אידען, אז זיי זאלען זיי בעוואכען און נישט דערלאזען דארט קיין אויפשטאנד מצד די קריסטען. פאר די שפאנישע אידען האבען זיך די אומשטענדען אלזא אינגאנצען געביטען אונטער דער הערשאפט פון די מחמד'אנער, וועלכע האבען זיי בעטראכט אלס זייערע פערבינדעטע, גלייך ווי די אידען אין בבל און פרס. מען האט זיי בעהאנדעלט פריינדליך און געגעבען רעליגיאנס-פרייהייט, וועלכע זיי האבען אזא לאנגע צייט נישט געהאט; זיי האבען געקאנט איצט האבען אייגענע דיינים, וועלכע פלעגען משפט'ן צווישען אידען, און נור א געוויסען אבצאהל, גלייך ווי די קריסטען, האבען זיי געדארפט אבגעבען דער נייער רעגירונג. אזוי ארום זענען די שפאנישע (ספרד'ישע) אידען אריינגענומען געווארען אין גרויסען אידישען פערבאנד אין די מחמד'אנישע לענדער, וועלכער האט אין א געוויסער מאס זיי פעראייניגט אין אלע דריי וועלט-טיילען מיט א גלייכער אינערליכער ארדנונג.

וואס מעהר לענדער עס האט פערנומען דאס אראבישע פאלק, פערשפרייטענדיג דעם איסלאם, אלץ מעהר האט זיך דערהויבען די אינערליכע טהעטיגקייט אינ'ם אידענטום. די ערשטע כאליפען פון הויז אמעיא (Ommejja) האבען תמיד געפיהרט מלחמות מיט די יורשים און חברים פון מחמד, וועלכע האבען זיך שטרענג געהאלטען ביים בוכשטאבען פון אלקאראן און זענען געווען פאנאטישע אנהענגער פון אימאמאטס mamats דאס הייסט: די העכערע גייסטליכע פון איסלאם. צוליעב אט די מלחמות האבען די כאליפען זיך בעפרייט פון דעם פאנאטיזם און דעם חשק צו רדיפות, וועלכע עס האבען געהאט מחמד און זיינע ערשטע מאמינים, די כאליפען אבו-בכר און עמאר. דער לעצטער האט בעגרענצט די רעכטע פון די אידען און פון די קריסטען: זיי האבען נישט געטארט פערנעהמען קיין מלוכה-שטעלע אדער משפט'ן א מחמד'אנער; זיי האבען געמוזט טראגען ספעציעלע קליידער, דורך וועלכע מען זאל זיי איבעראל דערקענען, און האבען נישט געטארט האבען קיין

חתימה־רינג, ווייל דאָס איז אַ צייכען פון פריהייט; אויך נייע סינאַגאָגען און קירכען איז זיי געווען פערבאָטען צו בויען, אפילו די אַלטע האָבען זיי נישט געטאָרט אויסבעסערן. אונטער דער הערשאַפט פון עמאַר האָבען די קריסטען געליטען דיזעלביגע חרפות, וואָס די בּיזאַנטינישע קיסרים האָבען אָנגעטהון די אידען. — אָבער די אָמעיאַדישע כאַליפען האָבען די דאָזיגע בעגרענצענדע געזעצען כלל נישט אָנערקענט. די אָמעיאַדישע כאַליפען: מואביה, יעזיד דער ערשטער, עבד־אול־מליך, וואַליד דער ערשטער און סוליימאַן (656—717), זיינען כלל נישט געווען קיין נשיאים פון רעליגיע; דאָס זענען מעהר געווען וועלטליכע מלכים, אידער גייסטליכע; זיי האָבען געהאַט א ווייטען קוק אויפ׳ן לעבען און געזאָרגט קודם כל פאַר׳ן פּאָליטישען ערפאָלג און פאַר דער ענטוויקלונג פון זייער מלוכה; וועגען די געבאָטען פון אַלקאָראַן, בעזונדערס וועגען די דקדוקים און פשט׳לעך, וואָס עס האָבען אין איהם געמאַכט די גייסטליכע און לומדים, האָבען זיי זיך וועניג וואָס געקימערט. זיי האָבען געליעבט די אַראַבישע דיכטונג — דער כאַליף עבד־אול־מליך איז אַליין אויך געווען א דיכטער; זיי האָבען הויך געשעצט די ווינסענשאַפט און פלעגען בעלויגען די מענשען פון דער פעדער אויך אַזוי גוט, ווי די קעמפּפער מיט׳ן שווערד. — פריי פון רדיפות און בעצווינגונגען, האָבען די אידען אין מחמד׳אַנישען לענדער באַלד אויסגעלערנט די אַראַבישע שפּראַך און איינגעפיהרט זי אין טעגליכען געברויך, בפרט נאָך, צו דאָס איז פאַר זיי געווען זעהר לייכט, צוליעב דעם, וואָס די דאָזיגע שפּראַך איז גאַנץ נאָהנט צו דער העברעאישער און האָט פיעל ווארצלען פון ווערטער דיזעלביגע, וואָס העברעאיש. די התלהבות, וועלכע די אַראַבער האָבען געהאַט פאַר זייער שפּראַך און זייער פּאָעזיע, די ליעבע און בעוואונדערונג, וואָס זיי האָבען אַרויסגעוויזען צו האַלטען זייער שפּראַך ריין און קלאַנגפול, האָט אויך געווירקט אויף די אידען און געלערנט זיי, צו זאָרגען מעהר פאַר דער ריינהייט און שענהייט פון דער אייגענער שפּראַך. אינ׳ם משך פון די זעקס יאָהרהונדערטער, זינט די אידישע מלוכה איז אונטערגעגאַנגען, האָבען די אידען פערלוירען יעדען פערשטאַנד פאַר שענקייט און ליעבליכקייט פון דער שפּראַך; עס איז פאַר זיי געוואָרען גאַנץ גלייכגילטיג, ווי אַזוי זיי דריקען־אויס זייערע געדאַנקען און זיי האָבען די פאָרם אינגאַנצען פערנאַכלעסיגט. מיט א משונה׳ער שפּראַך, א געמיש פון העברעאיש, אַראַמיש, כאַלדייאיש און פערדאָרבענעם גריכיש, זענען זיי נישט געווען אין שטאַנד צו בעשאַפען א ליטעראַטור און נאָך ווייניגער צו האַלטען געפאַנגען די פערצערטעלטע און לופט־לייכטע דיכטונגס־מוזע. קיין העברעאישע שירים האָט מען אין דער דאָזיגער לאַנגער עפּאָכע כמעט ווי נישט געזעהן. אַן אויסנאַהמע זענען געווען, ווי שוין דערמאָהנט, די אידען אין אַראַביען, וועלכע האָבען פון זייערע שכנים, די אַראַבער, געלערנט צו מאַכען זייער שפּראַך און

אויסדריקען זיך אין איהר אזוי, אז זי זאל מאכען א'ן אייגדרוק אויפ'ן צוהערער. די אידישע שבטים קאינוקאא און נאדהיר, וועלכע האבען אין דער צייט פון די מלחמות מיט מחמד אויסגעוואנדערט קיין סיריען און ארץ-ישראל, די אידען פון כאיבאר (חבור), און וואדיל-קארא, וועלכע האבען זיך בעזעצט אין דער געגענד פון קופה, און רעכטען צענטער פון דער בבל'ישער גאונות, האבען מיט זיך געבראכט דעם געשמאק און די ליעבע פאר דער אראבישער פאעטישער שפראך און געהאט אין דער הינזיכט א שטארקען איינפלוס אויף די ארטיגע אידען. סך הכל א יאהר פופציג איז אריבער, זינט די מחמד'אנישע מחנות האבען איינגענומען ארץ-ישראל און די פערסישע מדינות, און עס האט זיך שוין געפונען א בבל'ישער איד, וועלכער האט אזוי גוט בעזעסען די אראבישע שפראך, דאס ער האט אין איהר ביכער געשריבען. דער אידישער רופא מעסע־גאואיה פון בצרה האט איבערזעצט א מעדיצינישע בוך פון סירישע אויף אראביש (ארום 683). פון יענער צייט אן זענען די אידען, גלייך ווי די סירישע קריסטען געווארען די פערמיטלער, וועלכע האבען בעקענט גע-מאכט די אראבער מיט דער וויסענשאפטליכער ליטעראטור.

די התלהבות פון די אראבער פאר זייער שפראך און פאר זייער אל-קאראן האט דערוועקט ביי די אידען די ליעבע פאר'ן תנ"ך. די אידען זע-נען דערצו געווען אויסערדעם געצוואונגען אויך צוליעב דעם, כדי צו וויסען וואס צו ענטפערן אויף די טענות פון די מחמד'אנער, וועלכע האבען ערקלערט, אז שוין אין משה'ס תורה איז פאראויס געזאגט גע-ווארען וועגען דער ערשיינונג פון מחמד און זיינע נביאות. ווי געשמאק-לאז עס זענען נישט געווען די טענות פון די מחמד'אנער, האבען דאך די אידען געמוזט געפינען אויף זיי א'נענטפער און דערצו האט מען געברויכט צו האבען א גענויע קענטעניש אין תנ"ך. דאס וואס מען האט מיט א קור-צער צייט פאר דעם איינגעפיהרט די נקודות, האט איצט געבראכט פיעל נוצען, דען דאס האט ערלייכטערט דאס שטודיום פון תנ"ך.

דער נאהענטסטער רעזולטאט פון דעם בעשעפטיגען זיך מיט'ן תנ"ך און דער בעקאנטשאפט מיט די אראבער, איז געווען די געבורט פון א ניי-העברעאישער פאעזיע; די דיכטעריש בעגאבטע אידען האבען זיך גענומען אויסנוצען דעם העברעאישען שפראך-אוצר אויך אזוי, ווי די אראבער זייער אוצר, כדי ארויסצוזאגען זייערע געדאנקען און געפיהלען אין געשליפענע וואוהל-קלינגענדע שירים. אבער ווערענד די אראבישע דיכטער פלעגען בעזינגען דאס שווערד, דעם קאמפף, די גבורה און די גבורים, די ליעבע און תאוה, אדער זיי פלעגען בעקלאגען דאס פערליערען דאס וועלטליכע פערמעגען, און קעמפפען מיט דער סאטירע געגען א פיינד, וועלכען זיי האבען נישט געקאנט מנצח זיין מיט'ן שווערד, — האט די העברעאישע פאעזיע געהאלטען פאר ווערטה צו בעזינגען אויס נור איין געגענשטאנד: גאט און זיין השבחה, און נור איין געגענ-

שטאַנד צו בעקלאָגען: די שפלות און יסורים פון אידישען פאָלק. די ניי־געבוירענע העברעאישע דיכטונג, ווי פערשיעדען זי איז געווען פון דער אַלטער דיכטונג פון תנ"ך, האָט דאָך אָבער געהאַט דעם העלביגען גרונד־טאָן און די אייגענע מאָטיווען. דוד'ס ענטוזיאַסטישע פידעל און „תהלים" און ירמיהו'ס טרויעריגע טענער און „איכה", זענען געוואָרען אַ מוסטער פאַר די נייע העברעאישע דיכטער.

די אינערליכע שטרעבונג צו דער דיכטונג האָט זיך אין דער צייט בעגעגענט מיט דער אויסערליכער בעדערפניש ביי אידען. דער פאַרצייטיגער גאָטעסדיענסט מיט זיינע קורצע תפלות האָט שוין איצט ווייניג צופריעדענגעשטעלט דאָס אידישע רעליגיעזע געמיטה. מען האָט אפילו די תפלה פערגרעסערט דורכ'ן לעזען אין דער תורה און זאָגען תהלים, אָבער דאָס אידישע הארץ איז געווען אַזוי פערקלעמט, אַז עס האָט געוואָלט קאָנען בלייבען אין שוהל לענגער און אויסגיסען זיך אין געבעטען. בעזונדערס האָט זיך געשפירט דערין אַ בעדערפעניש אין די טעג צווישען ראש השנה און יום־כפור (ימים נוראים), אין וועלכע די קהלות פלעגען צוברענגען מייסטענס די גאַנצע צייט אין די שוהלען, נישט האָבענדיג אָבער קיין נייע תפלות, אין וועלכען זיי וואָלטען געקאָנט דאָס הארץ אויסגיסען. און פון דער דאָזיגער בעדערפעניש איז ענטשטאַנען די סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע, וועלכע מען האָט גערופען די פייטנית'ע. אויף וויפיעל עס איז איצט בעוואוסט, איז דער ערשטער ניי־העברעאישער דיכטער, אָדער פייטן, געווען יוסי בן יוסי היתום, וואָס זיינע שירים זענען נישט אָהן שעפּפערישער, דיכטערישער ערהויבונג, האָטש אָהן קינסטלערישער פאָרמע. אַ גרויסע געדיכט פונ'ם דאָזיגען פייטן בעזינגט דעם פאַרצייטיגען קולט אום יום־כפור אין בית־המקדש. דאָס איז אַ מין ליטורגישער עפּאָס (געפינט זיך אין די פייט פון מוסף יום־כפור), וואָס הויבט זיך אָן פון בריאת העולם און פונ'ם מענשען, ווי די מענשען האָבען אָן גאָט פערגעסען, און אברהם האָט דער ערשטער דערקענט גאָט און זיינע קינדער זענען אויסערוועהלט געוואָרען אַלס אַ געטליך פאָלק א. א. וו. דאָס זענען אַלץ נאַציאָנאַלע זכרונות, וועלכע האָבען שטענדיג געפונען אַ שטאַרקען ווידערקלאַנג אין אידישען הארצען. ביים פייטן יוסי בן יוסי בעגעגענען מיר אָפט ערהאַבענע געדאַנקען און אַ געהויבענע שפּראַך. דער דערמאָהנטער פייט, ווי אויך זיינע פיוטים צו מלכיות, זכרונות און שופרות (ראש השנה צו מוסף), זענען אַנגענומען געוואָרען אין די אידישע קהלות אַלס אַ שטענדיגער טייל פון דאווענען בצבור און זיי האָבען אויך געדיענט פאַר אַ מוסטער פאַר די שפּעטערדיגע פייטנים. זיינע שירים זענען נאָך אָהן גראַמען און אָהן מאָס; דאָס איינציגע קינסטליכע אין זיי איז דאָס, וואָס זיי זענען געשריבען נאָכ'ן „אלף־בית" און זענען טיילווייז אַ נאָכאַהמונג פון געוויסע קאַפּיטלען אין תהלים. וואָס מעהר אָבער די אידען האָבען זיך בעקענט מיט די אַראַבער, אַלץ מעהר

האבען זיי זיך גענומען פאר א מוסטער און אין זייערע שירים האבען זיי אויך אנגעהויבען אנצווענדען די מאס און דעם גראם. דערצו האט מען נאטירליך, געדארפט צו האבען א גרינדליכע קענטעניש אין דעם תנ"ך.

געשטאמט האט יוסי בן יוסי, ווי מען רעכענט, פון ארץ-ישראל און ער זאל האבען געלעבט אין דער עפאכע פון די גאונים. גענוי אבער איז די זאך נישט בעוואוסט. — דער ערשטער דיכטער, וועלכער עס האט איינגעפיהרט דעם גראם אין דער פייטנית'ער דיכטונג, איז, אויף וויפיעל עס איז בעוואוסט געווען, רבי ינאי; ווי עס שיינט, געבוירטיג אין ארץ-ישראל. ער האט מחבר געווען יוצרות, וועלכע מען זאגט ביים דאווענען אין בעוואוסטע שבתים (ארבע פרשיות), און די שבתים פאר און נאך די יום טובים און אנדערע.

דער פרוכטבארסטער פייטן איז געווען רבי אלעזר הקליר, אדער קליר, פון קרית-ספר, א תלמיד פון'ם פייטן, רבי ינאי. ער האט געשריבען זעהר פיעל פיוטים, וועלכע זענען אפילו מיט א גראם, אבער אין זעהר א שווערער שפראך און נישט קיין קלארע מליצות. ער האט אנגעשריבען איבער הונדערט און פופציג פיוטים: פזמונים, סליחות און קינות און נאך פיעל אנדערע, וועלכע קאנען אבער נישט אריינגענומען ווערען אין איוועלכער עס איז פארמע. אין זיינע חרוזים (ווערזען, שורות) שטעקט זעהר פיעל קינציגקייט, אבער ווייניג קונסט און פאעזיע; ער פלעגט אין זיי אריינפלעכטען פערשיעדענע אגדות. צופאסען צום גראם און צום אלף-בית און אנפאנג פון חרוז, אדער צו די אותיות פון זיין נאמען, און צוליעב די אלע קונצען איז איהם אויסגעקומען צו צעקאליעטשען די העברעאישע שפראך, אנצווענדען ווערטער גאר נישט אין זייער אייגענטליכער בעדייטונג און צו בעשאפען נייע ווערטער, אינגאנצען נישט רעכענענדיג זיך מיט די כללים פון העברעאישען דקדוק (גראמאטיק). אנשטאט צו מאלען א בילד דורך ווערטער, ווי א מאלער מאכט עס מיט פארבען, פלעגט ער רעדען אין רעטענישען, וועלכע מען האט געקאנט טרעפען, נור זייענדיג גוט בעלעזען אין די אגדות און מדרשים. און פונדעסטוועגען זענען דעם קליר'ס פיוטים אנגענומען געווארען אין די תפלות אין אלע אידישע קהלות: אין בבל, איטאליען, דייטשלאנד און פראנקרייך. נור די שפאנישע (ספרדי'שע) אידען האבען זיי נישט אנגענומען, ווייל זיי האבען געהאט א פיינעם געשמאק און געפיהל פאר א שענער שפראך. ביי אלע איבריגע אידען אבער איז דער קליר בערימט געווארען, אלס דער איינציגער, עכטער פייטן און די לעגענדע האט איהם אפילו בעפוצט אויך מיט וואונדערליכע מעשיות וועגען דעם, ווי אזוי דער דיכטערישער גייסט האט זיך אויף איהם אראבגעלאזען. —

דורכ'ן אריינעהמען די פיוטים אין די תפלות האבען זיי בעקומען גאר אנ'אנדער כאראקטער. ביסלעכווייז זענען פערשוואונדען געווארען

די איבערזעצונגען פון די פּרשיות פון דער תּורה, וועלכע מען פלעגט האַלטען אין די שוהלען באַלד נאָך קריאת־התּורה, ווי אויך די דרשות, וואָס פלעגען געהאַלטען ווערען אין אַ געמישטער שפּראַך פון העברעאיש, כאַלדייאיש און גריכיש, וועלכע זענען פרעמד געוואָרען די אידען אין די מלכות פון איסלאַם; אנשטאַט דעם האָט מען אָנגעהויבען זאָגען פּיוטים, וועלכע זענען דאָך סוף כּל סוף אויך געווען אַ נייער מין דרשות און אגדות. דער דאַוונען (גאָטעסדיענסט) האָט דעריבער אָנגעהויבען פערנעהמען פיעל מעהר צייט. די חזנים האָבען איינגעפיהרט ספּעציעלע נגונים און מאָטיווען פאַר די פּיוטים, אַזוי אַז מען פלעגט זיי נישט זאָגען, נור זינגען. געוויסע נגונים זענען אָנגענומען געוואָרען אין אַלע אידישע קהלות און פערהייליגט געוואָרען (סקאַרבאָווע). די חזנות האָט אַזוי אַרום אַרויסגעשטויסען בּיסלעכווייז די דרשנות פון דעם סדר התּפלה (פון דער אָרדנונג פונ׳ם דאַוונען).

דאָס צוריקקעהרען זיך צום אַלטען קוואַל פון אידענטום, צום תּנ״ך, האָט הערוואָרגערופען דאָס אידישע האַרץ מיט דער פּאָעטישער שטרעמונג. אָבער אין דערזעלבּיגער צייט האָט עס אויך אָנגעצינדען אַ פייער, וואָס האָט תּחילת אַריינגעבראַכט אַ נייעם מיש־מאַש פון געדאַנקען און אויך מחלוקת און מהומות, מיט דער צייט אָבער האָט עס געדיענט אויף צו לייטערן און בּעלייכטען די מטושטש׳ע מוחות און איז געוואָרען אַן אמת׳ע בּרכה פאַר׳ן אידענטום. דעם ערשטען אנשטויס אין דער נייער גייסטיגער בּעוועגונג, וואָס האָט צוטיילט די אידען אויף צוויי פיינדליכע מחנות: אויף די מזרח־ און מערב אידען, האָבען געגעבען די אידען פון אַראַביען, וועלכע זענען ענטלאָפען פון אַראַביען קיין ארץ־ישראל בּשעת די ערשטע רדיפות און מלחמות מיט מחמד. די בּני קאינוקאַא, די בּני נאַדהיר און די איינוואוינער פון כאיבּאַר האָבען פון אייביג אָן טייער בּעהאַלטען דעם תּלמוד און הויך געשעצט די תּלמידי חכמים, בּעזונדערס נאָך צוליעב דעם, וואָס זיי האָבען בּכלל געוואוינט נישט ווייט פון בּבל. אָבער, לויט זייער ערציהונג און שטייגער־לעבען אין אַראַביען, האָבען זיי שטאַרק ליעב געהאַט די פרייהייט און די געזעלשאַפט. פאַר זיי איז דעריבער געווען גאַנץ שווער צו לאָזען איינקלאַמערן זייער לעבען און בּעגרענעצען אַלע זייערע געוועהנהייטען דורך די פיעל בּעפעהלען, דינים, סייגים און גזירות מיט תּקנות פון תּלמוד. פיעל תּקנות זענען טאַקע איינגאַנצען פרעמד געווען זייער גייסט, ווי למשל, די אכצעהן גזירות, וועלכע האָבען געהאַט דאָס ציעל אָבּצוזונדערן די אידען פון די פעלקער און אַ געוויסע רעכט אויף עקזיסטענץ, צוליעב די שמד־גזירות און דער אכזריות פון די גריכען און רוימער, ווי אויך צוליעב זייער אויסגעשלאָסענעם לעבען. די אַראַבּישע אידען האָבען אָבער פון אַלעם דעם גאַרנישט געוואוסט, דען זיי האָבען תּמיד געלעבט מיט די אַראַבּער זעהר פריינדליך, און אין כאַראַקטער פון די אידען און אַראַבּער איז אויך דער קאָנטראַסט

געווען זעהר קליין. און אט האבען די אראבישע אידען זיך איצט דער־שפירט זעהר געדריקט אין די קרייזען פון די תלמוד־אידען, וואו אלע תלמוד'ישע געבאטען פלעגען אבגעהיט ווערען זעהר שטרענג.

דער תלמוד האט דאמאלס בעהערשט דאס גאנצע אידענטום. די רעליגיעזע התלהבות פון די אמוראים, פון די רבנן־סבוראי און, ענדליך, פון די גאונים, האט בעשאפען א תלמוד'ישע אטמאספערע. דאס גאנצע לעבען איז אבגעצירקעלט געווארען, לויט די תלמוד'ישע דינים. דורכ'ן פערשפרייטען זיך פונ'ם איסלאם אין אלע דריי וועלט־טיילען — פון אינדיען ביז שפאניען, און פון קאווקאז ביז טיעף אפריקא, האט זיך אויך הערווייטערט די הערשאפט פונ'ם תלמוד ווייט־ווייט איבער זיינע ערשטע גרענעצען; די ווייטעסטע אידישע קהלות זענען געקומען אין בעציהונגען מיט'ן גאון פון סורא, זיי פלעגען זיך ווענדען צו איהם מיט שאלות וועגען ענינים פון רעליגיע, עטיק און דיני ממונות און פלעגען אנטעהמען זייערע תשובות, וועלכע פלעגען געגעבען ווערען אויף דעם סמך פון תלמוד מיט פולער אמונה און ערגעבענהייט. פאר די בבל'יש־פערסישע און פאלעסטינישע אידען איז דער תלמוד געווען א גאנץ נאטירליכע זאך; אלע זייערע געזעצען זענען געווען א פראדוקט פון זייער לעבען און איינגעפלאכטען אין זייער געשיכטע, ווי אויך צוגעפאסט צו זייערע געוואוהנהייטען, כאראקטער און מדות; די אפריקאנישע און איראפעאישע אידען זענען נאך געווען אזוי ווייניג געבילדעט און אנטוויקעלט, אז זיי האבען זיך גאר נישט געקאנט ערלויבען צו קריטיקירען די „תשובות" פון די גאונים און ארויסזאגען זיך, אויב זיי שטימען איין מיט'ן תנ"ך.

גאר אנדערש אבער איז עס געווען מיט די אידען, וועלכע זענען געקומען אין סיריען און פאלעסטינא פון אראביען. דאס זענען געווען קינדער פון דעם מדבר, מענשען פונ'ם שווערד, געבוירענע קעמפפער און ריטער אויף פערד, וועלכע זענען געוואוהנט געווען צו לעבען מיט די אראבער צוזאמען אין דער געזעלשאפט אין שלום־ און מלחמה־צייט. דאס אידענטום איז זיי געווען טייער, אבער צווישען דעם תלמוד'ישען לעבען און זייערן איז געווען א טיעפער תהום. עס איז זיי אויסגעקומען אבציזאגען זיך פון דער אראבישער געזעלשאפט ביי א גלעזעל וויין, וועלכען די אראבער האבען זעהר געליעבט, נישט קוקענדיג אויפ'ן פערבאט פון אל־קאראן, — צו פערברענגען מיט די אידען, אלס ברידער און פריינד: דער תלמוד האט זיי געדריקט פון אלע זייטען. עס איז געווען נאך אנ־אמשטאנד, א טיעפערער, וועלכער האט געשטעלט די אראבישע אידען אין אנ'אפאזיציע צום תלמוד. דאס אפטע צוזאמענקומען מיט די מחמד'אנער פלעגט זיי אפט פיהרען צו א פאלעמיק וועגען רעליגיעזע פראגען, און די אראבישע אידען איז אויסגעקומען שטארק צו פערטיעפען זיך אין תנ"ך, כדי נישט צו בלייבען שולדיג קיין ענטפער די מחמד'אנער. דערביי איז אבער מעגליך, דאס פיעל פון זיי זענען געקומען צו דער איבערציי

גאנג, אז נישט אלץ, וואס דער תלמוד דרינגט ארויס פון דער תורה, איז
באמת בעגרינדעט. פיעל ענינים זענען פאר זיי אויסגעקומען זעהר פרעמד
און וואונדערליך אויף אזוי פיעל, אז זיי האבען זיך גאר אבגעזאגט אנ-
צוערקענען טייל געזעצען פון תלמוד. פון די שאלות און תשובות, וואס
די גאונים האבען ארויסגעגעבען אין יענער צייט, זעהט מען, אז אין
סיריען האבען זיך צווישען די אראבישע אידען געפינען דאמאלס (ארום
דעם זעקסטען יאהרהונדערט) זעהר פיעל אידען, וועלכע האבען נישט
געוואלט אנערקענען דעם אויטאריטעט פון תלמוד. א געוויסער פאנטאסט,
אדער, מעגליך, גאר א שווינדלער, וואס האט געוואלט שפיעלען א
גייסטיגע ראליע, האט אויסגענוצט די דאזיגע שטימונג און איינגערעדט
פיעל אידען אבצוזאגען זיך איננאנצען פון תלמוד און צוהאלטען זיך בלויז
ביים תנ"ך. דאס איז געווען א מענש מיט'ן נאמען שריני (Serenus)
וועלכער האט זיך אויסגעגעבען פאר א משיח (ארום 720). ער האט
מבטיח געווען אבצוגעבען די אידען צוריק ארץ ישראל און, נאטירליך,
פריהער ארויסצוטרייבען פון דארט די מחמד'אנער. צווישען די אידישע
מאסען איז אין יענער צייט בעזונדערס לייכט געווען צו געפינען מענ-
שען, וואס זאלען וועלען הערען אזא פאנטאסטישע הבטחה, וויל די
אידען האבען דאמאלס איבערגעלעבט אין די מזרח-לענדער א שווערע צייט
אונטער דער רעגירונג פון דעם כאליף עמאר דעם צווייטען (717—720),
וועלכער איז געווען זעהר פאנאטיש און האט אנגעהויבען פערפאלגען
סיי אידען, סיי קריסטען. דער דאזיגער כאליף איז געווען פריהער גאר
א פראסטער מענש, וואס פלעגט פערברענגען זיין גאנצע צייט אין לערנען
דעם אלקאראן. דורך פערשיעדענע אינטריגעס איז איהם געלונגען צו
פערכאפען דעם טראהן פון כאליף און זיין ערשטע טהאט איז געווען צו
באנייען די אלטע גזירות פון עמאר דעם ערשטען, וועלכע זיינען גאר
פערגעסען געווארען אונטער די פאליטיש-קלוגע אמייאדען. זיינע שטאט-
האלטערס האט עמאר דער צווייטער בעפוילען אזוי: „איהר זאלט נישט
פערניכטען קיין קירכע אדער שוהל, אבער קיין נייע זאלט איהר אויך
נישט לאזען בויען". ער האט אנגעהויבען שטארק צו ארבייטען אויף
צו פערשפרייטען דעם איסלאם צווישען די קריסטען און די אידען, צווינ-
גענדיג זיי אננצונעהמען די מחמד'אנישע אמונה, אדער צוזאגענדיג, צו געב-
בען די נייע מחמד'אנער גרויסע רעכטע. און אט, צוליעב דעם, האבען
די אידען גערן אויסגעהערט, ווען מען האט מיט זיי גערעדט וועגען
משיח און געמאכט זיי הבטחות אבצוגעבען אידען ארץ ישראל צוריק.
כדי אבער צו געפינען זיך אנהענגער צווישען די אראבישע אידען, האט
שריני ערקלערט, אז מיט זייער נייער פרייהייט וועלען די אי-
דען אויך פריי ווערען פון תלמוד, פון די געזעצען וועגען
טריפה-עסען און יין נסך און אנדערע.

די דאזיגע פיינדליכע בעציהונג צום תלמוד האט, ווי עס שיינט, נער-

ווירקט בעסער פאר אלע אנדערע הבטחות. שריני'ס נאמען איז בעוואוסט געווארען אויך ביז שפאניען, און נישט וועניג אידען האבען פערלאזען האב און גוטס, כדי צו געהן צום נייעם משיח. די שפאנישע אידען האבען סך הכל ערשט א יאהר צייט פריער אפגעשטעמט אונטער דער נייער הערשאפט פון די מחמד'אנער און פאדעסטרעגען האבען שוין פיעל פון זיי געוואלט פערלאזען זייער ליעבע פאטערלאנד, אפי' צו קומען קיין ארץ-ישראל. ווי עס שיינט, זענען די אידען אין שפאניען אויך נישט בעזאנדערס שטארק צופריעדען געווען מיט דער נייער הערשאפט און דער פערוואלטונג פונ'ם כהמד'אנישען שטאטהאלטער. נאכדעם ווי זיי האבען פיעל געהאלפען די אראבער איינצונעהמען דאס לאנד, האבען די שפאנישע אידען ערווארטעט פיעל בעסערע צייטען, אנשטאט דעם אבער האבען די נייע בעאמטע ביי זיי אויסגעזויגען די מארך פון די ביינער מיט די גרויסע אבצאהלונגען וועלכע זיי האבען ביי זיי גענומען גלייך ווי ביי די קריסטען.

שריני האט געהאט אזא יאמערליכען סוף, ווי ער האט פערדיענט. מען האט איהם גענומען געפאנגען און געבראכט פאר'ן כאליף יעזיד, וועלכער האט געקעניגט נאך עמאר דעם צווייטען. דער כאליף האט איהם פערגעלעגט פיעל פראגען, אויף וועלכע ער האט נישט געקאנט ענטפערן. ווי מען זאגט אבער, האט שריני אבגעלייקענט פאר'ן כאליף, אז ער האט באמת געמיינט צו געהן איינצונעהמען ארץ-ישראל און האט ערקלערט, אז ער האט בלויז געוואלט טרייבען מיט די אידען א שפאס. דער כאליף האט איהם דעריבער איבערגעגעבען די אידען אליין, אז זיי זאלען איהם בעשטראפען. איינינע פון זיינע אנהענגער, וועלכע האבען חרטה בעקומען אויף זייער לייכטגלויביגקייט, האבען זיך ווידער געוואלט פעראייניגען מיט די אידען, נאכדעם ווי זיי האבען עובר געווען אויף פיעל פערבאטען פון תלמוד. די סירישע קהלות אבער זענען אריינגעפאלען אין א ספק, אויב זיי דארפען זיי אריינגעהמען צוריק, און אויף וועלכע בעדינגונגען; זיי האבען זיך דעריבער געווענדעט מיט א שאלה צו מר רב נטורנאי גאון, וועלכער איז געווען ראש ישיבה אין פומבדיתא און איז אויך געווען בעוואוסט מיט זיין נאמען מר ינקא (719—730), וועלכער איז אבער נישט זעהר בעליעבט געווען אין זיין קרייז. ער האט געגעבען אנ'ענטפער זעהר א מילדען: לויט דעם דין פון תלמוד, מעג מען זיי אריינעהמען צוריק אין דער קהלה, ווייל זיי זענען דאך אידען. זיי דארפען אבער עפענטליך אין שוהל אבלייקענען זייערע זינד און תשובה טהון, נאכדעם ווי מען וועט זיי שלאגען מלקות.

סך הכל א יאהר דרייסיג נאכ'ן ערשטען פאלשען משיח, שריני, איז אין אנ'אנדער געגענד אויפגעשטאנען נאך א משיח און א פיינד פון תלמוד. דאס איז געווען א פאנטאסט און א העלדישער מענש מיט'ן נאמען עובדיה אבו עיסא פון איספאהאן. ער איז פלוצלונג געווארע געשווארען פון

א שלעכטער קרעץ און האט דערין געזעהן א סימן, אז גאט האט איהם בעשטימט צו גרויסע מעשים. ער האט אבער זיך אליין נישט אויסגעגעבען פאר א משיח, נאר פאר אנ'אנזאגער פונ'ם נאהענטען משיח, וועלכער דארף פאר איהם אויסגלייכען דעם וועג. ער האט געמיינט די זאך גאנץ ערנסט, דען ער האט געלאזט אויסרופען, אז גאט האט איהם דערוועקט, צו בעפרייען די אידען פונ'ם יאָך פון די פעלקער און זייערע אונגערעכטע בעהערשער.

דער דאזיגער משיח-אנזאגער האט געפונען זעהר פיעל אנהענגער; זייער צאהל זאל האבען דערגרייכט ביז צעהן טויזענד מאן, און זיי האבען איהם געוואלט העלפען בעפרייען די אידען. די תורה זאל ער האבען ערקלערט אויף אנ'אנדער אופן, ווי דער תלמוד טהוט עס; די גטין האט ער גאר מבטל געמאכט, אפילו אויך אינ'ם פאל, ווען די פרוי איז אינגעטריי געוואָרען דעם מאן. די דריי שטענדיגע טעגליכע תפלות האט ער פערמעהרט ביז זיעבען, שטיצענדיג זיך אויפ'ן פסוק פון תהלים: „זיעבען מאל אין טאג לויב איך דיך". די תפלות שמנה עשרה, וועלכע ווערען נאך דערמאהנט אין תלמוד, האט ער אבער איבערגעלאזען. אויך דעם אידישען לוח האט ער אנגענומען לויט דער אלטער מסורה; דערפאר אבער האט ער פערבאטען זיינע אנהענגער צו עסען פלייש און טרינקען וויין. דעם גאנצען קולט פון קרבנות האט ער ערקלערט פאר בטל געוואָרען.

די אידישע גאולה האט ער געוואלט דורכפיהרען נישט דורך נסים, נאר מיט'ן שווערד אין דער האנד. פון זיינע מאמינים האט ער געמאכט מוטיגע קעמפפער און אליין איז ער געוואָרען זייער אנפיהרער, ריטענדיג פאר זיין מחנה אויף א שלאנקען פערד. די צייט פאר אזא אונטערנעהמונג איז געווען זעהר גינסטיג, וויל אין אלע פראווינצען פון דער מחמד'אנישער מלוכה האבען זיך דאן אנגעהויבען אויפשטאנדען געגען דעם לעצטען אמעיאדישען כאליף, מערוואן דעם צווייטען. די שטאטהאלטערס, וועלכע האבען אליין געוואלט ווערען הערשער אונציפרידענע פארטיי-לייט, וועלכע זענען שטענדיג געווען געגנער פון די אמעיאדען און ענדליך, די אבאסידען, וועלכע האבען ערקלערט זייער רעכט אויפ'ן טראָהן פון די כאליפען — אט די אלע האבען זיך פערשווארען געגען די אמעיאדען, און עס האבען אויסגעבראכען ווילדע מלחמות אין די פיעלע לענדער, וואו דער איסלאם איז שוין געווען פערשפרייט. אין דער דאזיגער צייט האט עס אבו עיסא אנגעהויבען זיין בעפרייאונגס-אונטערנעהמונג און איז ארויסגעצאגען פון איספאהאן מיט זיין גרויסער מחנה. אין דער גאנצער צייט, וואס עס האבען זיך געצויגען די מלחמות צווישען די אבאסידען מיט די אמעיאדען, האט זיך אבו עיסא געהאלטען גאנץ גוט. ענדליך האט אבער מערוואנ'ס פעלד-הערר געהאט א געוואלדיגע מפלה אויפ'ן טייך עפראט און די שווארצע פאהן פונ'ם אבאסיד עבד-אלה, האט געזיעגט איבער די אמעיאדען (750). דער נייער כאליף, וועלכער

האט זיך בעזעצט אין באגדאד, האט געמאכט אנ׳ענדע מיט דער אנאר־
כיע אין דער מחמד׳אנישער מלוכה. דער משיח־אנהענגער אבו עיסא איז
געפאלען אין דער מלחמה און זיין מחנה האט זיך צושפרייט. די אידען
פון איספאהאן האבען געמוזט טייער בעצאהלען פאר דעם דרייסטען פלאן
פון זייער אנפיהרער. זיינע אנהענגער האבען אבער הייליג געהאלטען זיין
אנדענקען, און נאך אין צעהנטען יאהרהונדערט האבען זיי געטראגען
דעם נאמען אבו־עסייאים און אבגעהיט אלע זיינע געבאטען, מבטל מא־
כענדיג א טייל דינים פון תלמוד.

אין צענטער פון תלמודישען אידענטום, ביי די גאונים, האט מען זיך
בעצויגען גאנץ גלייכגילטיג צו דער דאזיגער בעוועגונג. די גאונים הא־
בען גאר נישט געשפירט, אז אין זייער קרייז האט זיך אריינגעריסען א
נייער גייסט, וועלכער האט אינגיכען געדראפט, אונטערגראבען די
יסודות פון תלמוד און אבריסען פון איהם אינגאנצען א גרויסען טייל
פון אידישען פאלק. די דאמאלדיגע אידישע פארשטעהער האבען טייל־
ווייז אליין צוגעגרייט די דאזיגע קאטאסטראפע. די ראשי גלותא האבען
דאמאלס רעגירט מיט פאלקאמער ווירקליכקייט: זיי פלעגען ארבוואר־
פען אנגעזעהענע ראשי ישיבות און בעשטימען אנשטאט זיי אזעלכע
לייט, וועלכע האבען כלל נישט געפאסט פאר אזא וויכטיגער התמנות,
צוליעב זייער קנאפער בעקאנטשאפט מיט׳ן תלמוד. בשעת עס איז גע־
ווען ראש גלותא בוסתנאי׳ס אנ׳אייניקעל, שלמה, האט ער בעשטימט
פאר א גאון אין סורא איינעם פון די חברים פון דער ישיבה אין
פומבדיתא, מר בן שמואל, וועלכער איז געגען דעם אנגענומענעם
מנהג געווארען גאון. ער האט אויך בעשטימט פאר א גאון איינעם רב
נטוראי, חאטש עס האט נאך געלעבט זיין רבי רב אחא משבחא,
וועלכען עס האט על פי דין געקומען די גאונות, לויט זיין תורה. רב אחא
האט דעריבער איבערגעוואנדערט (750) קיין ארץ־ישראל. דארט האט ער
מחבר געווען דער בעוואוסטען ספר שאלתות דרב אחאי גאון,
אדער דרושים אין הלכה און אגדה. דער ראש גלותא האט דערווייל בע־
שטימט צוויי ברידער פאר ראשי ישיבות, רב יהודאי גאון אין סורא און
רב דודאי אין פומבדיתא. דער ערשטער איז געווען בלינד און האט גאר
נישט געטויגט פאר זיין הויכער שטעלע. אין דער צייט פון די דאזיגע
צוויי ראשי ישיבות איז פארגעקומען ווידער א שווערע שפאלטונג אין
אידענטום.

צווייטעס קאַפּיטעל.

די קראים און נייע כּתות (סעקטען).

(900—760).

אין דער געשיכטע קומען פאָר די געבורטען אויך אַזוי נישט אָהן וועהען־ישען, ווי אין דער נאַטור. אַבער אויב נור דאָס אַלטע און אָבגעלעבטע טראָגט אין זיך אַ פעסטען קערן פון לעבענס־פעהיגקייט, ברענגען איהם סוף כּל סוף ניצען די קלעפּ, וועלכע עס בעקומט, חאָטש אפילו דערווייל פערשאַפען זיי איהם גרויס וועהטאָג. די פּאַרטיי־ריי־בונגען, וועלכע שפּיעלען אין דער געשיכטע פון גייסטיגער ענטוויקלונג די ראָליע פון אַ זאַלץ, וואָס היט אָב פון דער פוילונג, — אָט די רייבונגען האָבען אין דער אידישער געשיכטע שוין געפעהלט פיעל יאָהרהונדער־טען לאַנג. און צוליעב יהעם איז דאָס רעליגיעזע לעבען ביי אידען, ווי פערשטיינערט געוואָרען. דאָס קריסטענטום פון פּאַול און פון דער נאָך־אַפּאָסטאָלישער צייט איז פאַר׳ן אידענטום געווען אייגענטליך אַזאַ מין קאָנטראַסט־אויפטריט, וואָס האָט געוועקט דעם רעליגיעזען געדאַנק. דורך דעם, וואָס דאָס קריסטענטום האָט זיך פון דעם גע זעץ אָבגעזאָגט, דאָס ערקענען גאָט פאַ ראַנטוילט און אַרויסגעשטעלט אַנ־שטאָט דעם די אמונה, דאָס גלויבען אַליין, האָט עס מיטגעווירקט, אַז אין אידענטום זאָל זיך ענטוויקלען דווקא דאָס געזעץ מיט זיינע גער־טיעסטע פּרטים און דקדוקים; דער פּראָדוקט פון דער דאָזיגער נייער שטרעמונג אין אידענטום איז געווען דער תלמוד, וועלכער איז געוואָ־רען די איינציג־ און אַליין־הערשענדע אויטאָריטעט ביי אידען, וואָס האָט אפילו אויך אַרויסגעשטויסען דעם תנ״ך פון פאָלקס־בעוואוסטזיין. דער תלמוד איז געוואָרען די איינציגע גייסטיגע בעשעפטיגונג, מיט׳ן תנ״ך האָט מען זיך ווייניג וואָס אָבגעגעבען.

אינ׳ם ערשטען יאָהרהונדערט פון דער עפּאָכע פון די גאונים איז אָבער די בעשעפטיגונג מיט׳ן תלמוד געוואָרען אַ בלויזע זכרון־אַרבייט: מען האָט נור איינגע׳חזר׳ט איהם אויסוועניג, נישט ערלויבענדיג זיך צו בעטראַכטען איהם קריטיש מיט׳ן ריינעם פערשטאַנד. עס האָט פער־פעהלט דאָס לעבעדיגע ווינטעל, וואָס האָט געקאָנט אָבפרישען די פער־דומפּענע לופט. די בעוועגונג געגען דעם תלמוד, וועלכע איז געווען פער־בונדען מיט׳ן אויפטרעטען פון די צוויי משיח־זאָגער, שרינִי און אבו עיסא, האָבען נישט געוועקט קיין נייע געדאַנקען, נאָר זיי האָבען איבערגעלאָזען ענטוישונג, ווייל פון זייערע משיח־בשורות האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזען; אויסערדעם זענען די בײדע פערזענליכקייטען

געווען גאנץ אונבעקאנט די אידען און מען האט זיך דעריבער נישט בעצויגען גענוג ערנסט צו זייערע רעליגיעזע געדאנקען. כדי מנצח צו זיין די איינזייטיגקייט פון תלמוד, און אבגעבען דעם תלמוד וויעדער זיין געהעריגע רעכט און ארט אין אידישען לעבען, איז נויטיג געווען, אז עס זאל זיך דערוועקען א נייע גייסטען-שטרעמונג, וואס זאל געפיהרט ווערען דורך אנ'אנגעזעהענע, אפיציעלע פערזענליכקייט, און זאל ארומנעהמען א גאנצען גרויסען אידישען קרייז. אזא בעוועגונג האט זיך אנגעהויבען פון איינעם פון די יורשים פון בוסתנאי'ס הויז, פון ע נ ן ב ן ד ו ד, און זי האט דעריבער געהאט זעהר א טיעפע ווירקונג אויף א גאנץ לאנגע צייט.

וועגען ענן'ס כאראקטער זענען די מיינונגען ביי אידען געווען זעהר פערשיעדען. זיינע תלמידים האבען איהם געשילדערט, אלס זעהר א פרומען מענטשען, א היילינגען, וועלכען זיי האבען שיער נישט פערגעטערט, ערקלערענדיג, אז „אויב ער וואלט געלעבט אין דער צייט, ווען דער בית-המקדש איז נאך געשטאנען, וואלט אויף איהם גערוהט די נבואה". זיינע געגנער שילדערן איהם, אלס א מענטשען, מיט געמיינע מדות און א שלעכטען כאראקטער, דאך זענען זיי אבער מודה, אז ער איז געווען גוט בעוואנדערט אין תלמוד, ווי מען קאן עס אויך דערקענען אין די תלמוד'ישע אויסדריקען, וועלכע ער געברויכט האט. עס איז אבער זיכער געווען בעוואוסט ביי אידען, שוין גאנץ פריה, אז דער זוהן פון ראש גלותא (ענן) איז אין הארצען א געגנער פון תלמוד, און דעריבער האבען זיך פעראייניגט ביידע דאמאליגע גאונים, די ברידער, דער בלינדער מר ר ב י י ה ו ד א י אין סורא און מר ר ב י ד ו ד א י אין פומבדיתא (761—764), אויסצושליסען ענן פונ'ם רעכט צו ווערען ראש גלותא. אנשטאט איהם האבען זיי אויסגעוועהלט זיין אינגערען ברודער ח נ נ י ה פאר א ראש גלותא. ענן איז אבער נישט געשטאנען אליין; ווי יעדער הויכגעשטעלטער מענש, האט ער געהאט א גרויסען צד ביי אידען און פיעל אנהענגער, וועלכע זענען צוזאמען מיט איהם געווען געגנער פון תלמוד. מעגליך, אז ער האט אויך צוגעצויגען צו זיך פיעל אידען דאדורך, וואס זיי האבען געהאפט, דאס ווען ענן וועט עולה לגדולה זיין, וועט ער זיי געבען גרויסע שטעלען, וואס זענען פערבונדען מיט פיעל הכנסה און כבוד. ס'איז אבער זיכער, אז פיעל פון זיינע אנהענגער זענען באמת געווען געגנער פון תלמוד, ווי ער אליין. ענן'ס פארטיי האט אויך געמאכט געוויסע שריט ביים כאליף אבודזשא פאר-אלמאנזאר, כדי צו פועל'ן ביי איהם, אז ער זאל א נערקענט ווערען פאר א ראש גלותא, דען דער כאליף איז, ווי מען זאגט, מיט איהם געווען בעפריינדעט. די פארטיי פון די גאונים האט אבער מנצח געווען, דען, לויט ווי די אנהענגער פון ענן האבען דערצעהלט, האבען זיי איהם בערעדט ביים כאליף, אז ער טראכט צו מאכען אנ'אויפשטאנד. קורץ, ענן איז געווען

געצוואונגען צו פערלאזען זיין פאטערלאנד און ער האט איבערגעוואנ-
דערט קיין ארץ-ישראל. צוליעב דער בעליידיגונג, וועלכע ער איז
אויסגעשטאנען מצד גאונים, איז ער געווארען א פערביטערטער שונ-
נער פון די ראשי ישיבות און זיין שנאה האט ער אויסגעגאסען אויפ'ן
תלמוד, און וועלכען עס איז בעשטאנען די הויפט מאכט פון די גאונים
און די ישיבות. זיין שנאה געגען די תלמוד'יסטען איז געווען אזוי
גרויס, אז ער זאל האבען געזאגט, דאס ער וואלט געוואונשען, אז זיי
אלע זאלען זיך געפינען אין זיין לייב און דאן וואלט ער בעגאנגען א
זעלבסטמארד, כדי זיי צו ברענגען דעם טויט אלעמען מיט אמאל. קיין
זאך איז איהם אין תלמוד נישט געפעלען געווארען און ער האט גע-
וואלט דאס גאנצע רעליגיעזע לעבען בעגרינדען נור אויפ'ן סמך פונ'ם
תנ"ך. די תלמוד'יסטען האט ער געמאכט א פארווארף, אז זיי האבען
פיעל זאכען צוגעלעגט צו דער תורה און נאך מעהר אבגעריסען פון
איהר, ערקלערענדיג פאר נישט וויכטיג אזעלכע זאכען, וועלכע האבען גע-
דארפט בלייבען פערפליכטענד פאר אלע צייטען. פאר זיינע אנהענגער האט
ער פיעל מאל איבערגע'חזר'ט דעם כלל: „חפישו באורייתא שפיר" —
„זוכט גוט נאך אין דער תורה". מעגליך, אז ענן האט איבערגענומען די
דאזיגע שנאה צו דער טראדיציע (צו דער איבערגענומענער תורת
שבעל פה) ביי די מחמד'אנער, ביי וועלכע ס'איז אין יענער צייט אויך
פארגעקומען א שטארקער קאמפף צווישען די אנהענגער פון די טרו-
קענע ווערטער פון אלקאראן (שייטען) און די אנהענגער פון חער
טראדיציע, אדער דעם אויסוועגדיג פירוש צום אלקאראן (סוניטען).
פונקט ווי די שייטען, האט ענן זיך אבגעזאגט פון דער תורה שבעל
פה, אדער דעם תלמוד, אנערקענענדיג נור די פערפליכטונג פונ'ם תנ"ך,
אדער דער „מקרא" (דעם פסוק), דעריבער האט זיין פארטיי אויך בעק-
קומען דעם נאמען „קראים", דאס הייסט, אנהענגער בלויז פון תנ"ך.
צום חומש האט ער מחבר געווען א פירוש און א קורצען „שלחן ערוך"
(אויף אראביש פאדזאלכה), וואו ער האט אויסגערעכענט אלע מצוות
פון דער תורה, נישט אזוי ווי מען פערשטעהט עס פון תלמוד. די הויפט-
פערענדערונגען קומען ביי איהם פאר אין די דינים, ווי אזוי מען ברויך
אבצוהיטען שבתים און יום טובים, אין די ענינים פון „מאן און ווייב"
און אין די געזעצען וועגען טרפה-עסענס. דעם אידישען „לוח", וועל-
כער איז איינגעפיהרט געווארען אינמיטען פון פיערטען יאהרהונדערט,
האט ענן מבטל געמאכט. ווייל ער האט אבער אין דעם תנ"ך נישט גע-
פונען קיין אנווייזונגען, ווי אזוי צו בעשטימען די חדשים און ממילא
אויך יום טובים, איז ער געווען געצוואונגען צוריקצוקעהרען זיך צום
אלטען שטייגער פון די ערשטע תנאים, בשעת דער בית המקדש איז נאך
געשטאנען: די ראשי חדשים האבען געדארפט בעשטימט ווערען, לויט
די עדות, וועלכע האבען ערקלערט, דאס זיי האבען נאר וואס דערזעהן

די יונגע לבנה. דאס עבור-יאהר האט ער אויך נישט אנגענומען צו מא־
כען זיעבען מאל אין א משך פון ניינצעהן יאהר, ווי די תלמוד'יסטען
האבען עס גענוי אויסגערעכענט, נור מען דארף זיך שטענדיג רעכענען
מיט'ן צושטאנד פון די תבואות אויף די פעלדער, דאס הייסט, אויב די
תבואה הויבט אן אין פריהלינג שוין צו ווערען פארטיג, בעשטימט
באלד נאך אדר—ניסן, אויב אבער די תבואה פערשפעטיגט זיך, בעשטימט
מען א צווייטען אדר. דאס איז אייגענטליך נישט געווען קיין אייגענע
המצאה פון ענן, נור א נאכאהמונג פון די ערשטע תנאים. די שפע־
טיגסטע תלמוד'יסטען האבען זיך פון אזא קאלענדאר אבגעזאגט, ווייל
מען קאן איהם גענוי אבהיטען נור ביי א פאלק, וואס זיצט זיך רוהיג
אין זיין לאנד, אבער נישט ביי א פאלק, וואס לעבט צוזייט און צו־
שפרייט אין אלע עקען וועלט. שבועות האט ענן בעשטימט צו פייערן
דעם פופציגסטען טאג נאך דעם ערשטען שבת פון פסח. אינ'ם אבהי־
טען פון שבת איז ענן געווען פיעל שטרענגער, ווי דער תלמוד: ער האט
פערבאטען צו קוריערען אום שבת א חולה-מסוכן, מל'ה צו זיין א קינד
און ארויסגעהן פון שטוב אין [illegible], וואו עס וואוינען אידען גער
נישט מיט גוים; ער האט פערבאטען צו עסען ווארים געקעכטס אום
שבת, נישט אנצוצינדען ליכט פארנאכט לכבוד שבת, אפילו
נישט דורך א גוי. פרייטאג-צו-נאכט האט מען אלזא געמוזט זיצען אין
דער פינסטער. אט די אלע שטרענגע געבאטען, ווי אויך נאך פיעל אנ־
דערע, האט ענן געפונען, לויט זיין ערקלערונג, אינ'ם פסוק פון דער
תורה. אויך די געבאטען וועגען טרפה-עסענס און שידוכים, האט ער
פיעל פערשטארקט, און אפילו א שידוך צווישען א שטיעף-שוועסטער
מיט א שטיעף-ברודער, האט ער אנערקענט פאר א בלוט-שאנד. דאגע־
גען האט ער מבטל געמאכט תפילין, אתרוג, חנוכה און אנדערע ענינים.
בכלל איז אבער, לויט זיין נייער רעליגיע, פיעל שווערער געווען אבצו־
היטען די תורה, איידער לויט'ן תלמוד. דאס רעליגיעזע לעבען האט
לויט איהם בעקומען א פינסטערן כאראקטער, אהן פאעזיע. די אלטע,
הונדערטער יאהרען פריהער פעסטגעשטעלטע תפלות, האט ער אבגע־
שאפט און צוזאמען מיט זיי, נאטירליך, אויך די פיוטים. אנשטאט
דעם האט מען אין די שוהלען פון די קראים, אדער קאראאימער, גע־
דארפט לעזען בלויז איינצעלנע פרשיות און פסוקים פון תנ"ך, וועלכע זע־
נען געווען אויסגעקליבען גאנץ געשמאקלאז. צוליעב דעם, וואס די אי־
דען האבען אין די מדינות פון איסלאם געהאט דאס רעכט צו האבען
אייגענע דיינים, האט ענן אויך איבערגעמאכט פיעל ציווילע געזעצען
פון תלמוד, אויספיהרענדיג, למשל, אז א טאכטער נעהמט א גלייכען חלק
ירושה מיט א זוהן און, אז א מאן ירש'ענט נישט זיין פרוי.

אמת, אפילו ענן האט דורך זיינע נייע אויספיהרונגען און זיין ער־
קלערען דעם תנ"ך פאר דעם איינציגען קוואל פון דער רעליגיע, דער

וועקט דאָס שטודיום פון תנ"ך. אָבער הערצו איז נאָך די דאָמאָליגע צייט נישט געווען גענוג צוגעגרייט, און ער אַליין האָט נישט פעסטע גענוג גייסט, צו טהון דאָס. עס איז איהם אַליין אויסגעקומען צו מאַכען אַזעלכע פערדרעהטע פשט'לעך, אויף וועלכע עס וואָלטען זיך נישט דערוואַוינט אפילו די בבל'ישע מפולפלים, געגען וועלכע ער האָט אַזוי העפטיג געקעמפפט. מבטל זייענדיג דעם תלמוד, האָט ער געבראָכען די בריק, וועלכע האָט פעראייניגט די אַלטע תנ"כ'ישע פערגאַנגענהייט מיט דער געגענווערטיגער צייט. דאָס אידענטום פון די קראים האָט, לויט זיין האַראַקטער נישט געקאָנט וואַקסען; אַלץ איז אין איהם געווען געקינסטעלט און אויפגעשרויפט. מיט'ן פאָלקס-האַראַקטער און געוועהנהייטען, האָט ענן גאָר נישט גערעכענט זיך. און ווייל ער האָט ערשט געמוזט אויפבויען אַ נייעם רעליגיעזען לעבען, וועלכער האָט אָבער אויף צוזאַמענגענם געקאָנט אויך אַזוי אויפגעבויט ווערען דורך אַנ'אַנדערן — אַנדערש, האָט די רעליגיע ביי איהם פערלוירען איהר שטאַנדהאַפטיגקייט, איהר פעסטען האַראַקטער. ענן האָט נישט פערשטאַנען די געשיכטליכע ענטוויקלונג און איהר בעדייטונג פאַר דער רעליגיע, ווי עס האָט איהם אויך געפעהלט יעדער גייסט און געשמאַק פאַר דער פאָעזיע. די הייליגע ליטעראַטור פון די נביאים און פון די ריכטער און די כתובים האָט ביי איהם געדיענט נור אַלס מאַטעריאַל צו פאַבריצירען געזעצען און רעליגיעזע בעשטימונגען. די פאָעזיע האָט ער פון תנ"ך אינגאַנצען אויסגעשלאָסען, ווי ער האָט אויך נישט געפונען פאַר איהר קיין אָרט אין דער רעליגיע.

וויפיעל מענשען עס זענען מיט ענן צוזאַמען אויסגעוואַנדערט קיין ארץ-ישראל, איז איצט שוועהר צו וויסען. זיינע תלמידים האָבען זיך אַליין גערופען אָדער „ענוים", אָדער קראים (קאַראַאימען), און זייערע געגנער האָבען זיי אָנגערופען „רבנים". אין דער ערשטער צייט איז גערייצקייט צווישען די פאַרטייען געווען זעהר גרויס. נאַטירליך, האָבען די ראשי ישיבות און זייערע אָנהענגער אַריינגעלעגט אין חרם זייערע געגנער, אָבער אויך די קראים האָבען פון זייער צד געטהון אַלץ, וואָס מעגליך, כדי אָבצוזונדערן זיך פון די אידען-רבנים: זיי האָבען אויפגעהערט מיט זיי מתחתן צו זיין זיך, צו עסען מיט זיי צוזאַמען און אַריינצוקומען פרייטאָג-צו-נאַכט צו זיי אין הויז, ווייל, לויט זייער אַנשויאונג, זענען די אידען (רבנים) מחלל-שבת. די „רבנים" ווידער האָבען זיי ערקלערט פאַר אפיקורסים און פלעגען געגען זיי האַלטען שאַרפע דרשות אין די בתי-מדרשים, נישט לאָזענדיג מצרף זיין זיי צו אַ מנין. אויך זלזולים זענען פון ביידע צדדים פאָרגעקומען נישט ווייניג. די קראים פלעגען אָנווענדען אויף די רבנים דעם משל פון'ם נביא זכריה וועגען די צוויי פרויען, וועלכע טראָגען אַ פולע מאָס מיט עבירות קיין בבל, כדי דאָרט צו גרינדען פאַר זיי אַ הויז: די צוויי פרויען דאָס זענען דער גאון פון

סורא און דער ראש ישיבה פון פומבדיתא. מיט דער דאזיגער זיידלעריי פלעגען די קראים שטענדיג רופען שפעטער חעם גאון און דעם ראש ישיבה, פאר וועלכע זיי האבען קיין אנדער נאמען נישט געהאט, ווי די „צוויי ווייבער פון בבל“.

אזוי ארום איז דאס אידישע פאלק צום דריטען מאל צופאלען אויף צוויי פיינדליכע מחנות. ווי אין ערשטען בית המקדש ישראל און יהודה, וויביים צווייטען בית המקדש די צדוקים און פרושים, אזוי זעען אויך איצט די רבנים און די קראים געשטאנען פיינדליך איינע געגען די אנדערע. די שטאדט ירושלים, וועלכע האט אין איהרע בעסערע צייטען שוין געזעהן, ווי איהרע זיהן קעמפפען איינע געגען די אנדערע פיינדליך, איז איצט ווידער געווארען אנ'ארט פון א ברידער-פיינדליכען קאמף. די קאראאימישע קהלה, וועלכע האט זיך אבגעזאגט פון כלל ישראל, האט אנערקענט ענן פאר א ראש הגולה און האט דעם דאזיגען טיטול איבערגעגעבען זיינע יורשים. צווישען ביידע פארטייען איז מיט דער צייט אויסגעוואקסען א טיעפער תהום.

נאך ענן'ס טויט האבען זיינע אנהענגער ארויסגעוויזען אזא פערעהרונג פאר איהם, אז זיי האבען איינגעפיהרט א בעזונדערע תפלה, אין זייערע שבת-תפלות אין שוהל: „גאט זאל זיך דערבארימען איבער אונזער נשיא, דעם געטליכען מאן און לעהרער, ענן, וועלכער האט געעפענט פאר אונז דעם וועג צו דער תורה, בעלויכטען אונזערע אויגען און פיעל פון אונז אבגעפיהרט צוריק פון דער זינד, ווייזענדיג אונז דעם רעכטען וועג. זאל איהם גאט אנווייזען א גוטען ארט נעבען די זיעבען כתות פון צדיקים אין גן עדן“. די דאזיגע תפלה זאגען די קאראאימען נאך עד היום אין זייערע שוהלען. אזעלכע שבחים איז ענן געוויס נישט ווערט געוועזען, דען קיין טיעף-דענקענדער קאפ איז ער נישט געוועזען און אין זיין ארויסטרעטען געגען דעם תלמוד איז ער געוועזען ווייניג אויסגעהאלטען (נישט קאנסעקווענט). ער האט איבערגעלאזען פיעל דינים, וועלכע האבען געקאנט, לויט זיין שיטה, אויך אזוי ווייניג בעגרינדעט ווערען אויפ'ן תנ"ך, ווי פיעל אנדערע.

די געגען-תלמוד'ישע רעליגיאנס-געביידע האט געמוזט איינפאלען באלד נאכ'ן טויט פון איהר גרינדער. די פרייע פארשונג האט ער פערבאטען, דען נור דאס ווארט פון דער תורה האט די ריכטיגע אויטאריטעט; אבער דאס ווארט קאן מען פערשטעהן אויף פערשיעדענע אופנים. זיינע תלמידים, וועלכע האבען זיך גענומען ערקלערען דעם זין פון דער תורה, האבען שוין איינגעזעהן, אז נישט אלע זיינע ערקלערונגען זענען די ריכטיגע; עס האבען דעריבער זיך אנגעהויבען צווישען זיי חלוקי דעות, און ווען זיי האבען זיך צושפרייט אין די פערשיעדענע לענדער פון די גאלות, איז דאדורך די אחדות צווישען זיי יעדער אבגעשוואכט געווארען. די רבנים האבען אלזא געהאט דעם בעסטען בעווייז, ווי נויי

טיג עס איז פאַר דער רעליגיאָן די הייליגקייט פון אַן אויטאָריטעט און זיי שוואַך עס איז אין איהר דער צוזאַמענבונד, ווען דאָס פעהלט.

פאַר'ן אידענטום האָט אָבער די גאַנצע זאַך אויך געהאַט אַ געוויכטיגען נוצען: מען האָט אָנגעהויבן טיעפער צו שטודירען דעם תנ"ך, נאָכדעם, ווי מען האָט איהם אַ לאַנגע צייט גאָר פערנאַכלעסיגט. די וכוחים צווישען ביידע פּאַרטייען האָבען זיך געפיהרט אויפ'ן סמך פון תנ"ך, און כדי צו ווייסען וואָס צו ענטפערן די קראים, האָט מען געמוזט גוט זיין בעקאַנט מיט'ן תנך און טיעפער אין איהם אַריינדרינגען. כדי אָבער דאָס זאָל מעגליך זיין, איז נאָך וויכטיג געווען דער „נקוד", אָדער די נקודות, וועלכע מען האָט ערשט נישט לאַנג איינגעפיהרט, כדי צו ערלייכטערן דאָס לייענען דעם תנ"ך; מען האָט נאָך געדאַרפט אויך גוט זיין בעקאַנט מיט די געזעצען פון דער שפּראַך, לויט וועלכע עס ווערען געבילדעט איהרע ווערטער און מאמרים, דאָס הייסט, די גראַמאַטיק. די ערשטע האָבען אָנגעהויבן בויען די גראַמאַטיק פון העברעאיש די קראים. פאַר זיי איז עס געווען אַ רעליגיעזע פליכט צו בעקענען זיך גוט מיט די געזעצען פון דער שפּראַך, וועלכע איז איינציג און אַליין געווען פאַר זיי אַן אויטאָריטעט. די ערשטע בעשעפטיגונג מיט'ן תנ"ך האָט אויך געפיהרט די קראים צו דער אויפגאַבע צו קאָנטראָלירען די ריכטיגקייט פון טעקסט, לויט ווי ער איז איבערגענומען געוואָרען פון די עלטסטע צייטען, ווי אויך צו פערהיטען, אַז עס זאָלען אין איהם נישט אַריינגעטראָגען ווערען קיין פעהלער.

דער דאָזיגער צווייג פון דער תנ"ך-וויסענשאַפט און צוזאַמענהאַנג מיט דער גראַמאַטיק, הייסט „מסורה", וועלכע האָט פעסטגעשטעלט כללים און געזעצען איבער יעדען פסוק און יעדען וואָרט, ווי אַזוי מען בראַוך איהם צו לייענען און צו שרייבען, און וועלכע אויסנאַהמען עס זיינען פאַראַהן דערביי.

וועהרענד די ערשטע קאַראַאימער האָבען פיעל געאַרבייט איבער דער מסורה און דעם דקדוק פון העבּרעאיש, האָבען די רבנים פון יענער צייט אין דער הינזיכט נישט געטהון. קיין איין איינציגער ספר איז ביי אונז בכלל נישט געבליבען פון יענער צייט. רבי יהודאי גאון האָט מחבר געווען אַ ספר הלכות קצובות, וועלכער ענטהאַלט אין קורצען די דינים. מיט דער צייט איז אָבער דער ספר פערשוואונדען געוואָרען און נור איינציגע טיילען זיינע געפינען זיך נאָך אין די גרויסע ביבליאָטעקען.

די מהומות פון די קאַראַאימער האָבען מיטגעווירקט ביי דעם חורבן פון דער נשיאות פון ראש גלותא. ביז ענן זענען די ראשי ישיבות געשטאַנען אונטער דער מאַכט פונ'ם ראש גלותא, וועלכער פלעגט אַליין אויסקלייבען די ראשי ישיבות; נאָכדעם ווי עס איז געלונגען די ראשי ישיבות צו דערווייטערען פון זיין שטעלע אַ ראש גלותא (ענן), האָבען זיי

שוין זייער מאַכט נישט אַרויסגעלאָזען פֿון די הענד, מטעה'ענדיג, אַז זיי מוזען שוין איצט שטעהן אין שפּיץ פֿון פֿאָלק, כּדי נישט צו דערלאָזען דאָס עס זאָל ווערען ראש גלותא אַ מיטגליעד פֿון די קאַראַימען. די מאַכט פֿון ראש גלותא, וועלכע פֿלעגט איבערגעהן בירושה, איז איצט געוואָרען אָבהענגיג פֿון דער וואַהל, און די וועהלער זענען געוואָרען די ראשי ישיבות. סך הכל צעהן יאָהר נאָך ענן'ס אָבפֿאַל פֿון די רבנים, האָט ווידער אויסגעבראָכען אַ קאַמפּף צווישען צוויי פּערזאָנען איבער דער נשיאות: זכאי בר אחונאי און נטרונאי בר חביבאי, וועלכע האָבען ביידע געטענה'ט, אַז זיי האָבען דאָס רעכט אויפ'ן טראָהן פֿון ראש גלותא. די ביידע ראשי ישיבות פֿון יענער צייט: רבי מלכיה בר אחא פֿון פּומבדיתא (771—773) און רב חנינאי כהנא פֿון סורא (765—775) האָבען זיך פֿעראייניגט, כּדי אָבצושטויסען פֿון דער נשיאות רב נטרונאי, וועלכער איז געווען געצוואונגען, ווי עס שיינט, דורכ'ן כּאַליף, אויסצוואַנדערן פֿון בבל. ער האָט עמיגרירט קיין קאַירוואַן (מאַגרעב), אין אַפֿריקאַ, וואו עס האָט געוואוינט אַ גרויסע אי־דישע קהלה פֿון דער ערשטער צייט אָן, ווי די שטאָדט איז געגרינדעט געוואָרען. זכאי בר אחונאי איז בעשטעטיגט געוואָרען פֿאַר אַ ראש גלותא, האָטש דער אַרויסגעטריבענער ראש גלותא איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם, און ווען די שפּאַנישע קהלות האָבען זיך געווענ־דעט צו איהם מיט אַ בּיטע, צו שיקען זיי אַ תלמוד בבלי, האָט ער איהם אויפגעשריבען פֿאַר זיי אויסווענדיג.

אונגעפֿעהר אַרום דערזעלביגער צייט, ווען עס איז ענטשטאַנען די אָבשפּאַלטונג פֿון די קאַראַימען, איז פֿאָרגעקומען נאָך אַ געשעהעניש, וועלכע האָט אפילו געהאַט ווייניג איינפֿלוס אויף דער ענטוויקלונג פֿון דער אידישער געשיכטע, אָבער עס האָט געהאַט אַ וויכטיגע בעדייטונג, ווייל עס האָט געשטאַרקט דעם אידישען מוט אין די פֿיעל גלות־לענדער און דערהויבען זייער זעלבּסטבעוואוסטזיין. דער קעניג פֿון אַ געצענדיע־נערישען באַרבּאַרישען פֿאָלק, וואָס האָט געוואוינט אויף דער וואָלגאַ, האָט אָנגענומען מיט זיין גאַנצען הויף דעם אידענטום. דאָס זענען גע־ווען די כאַזאַרען (כוזרים) — אַ פֿאָלק, וואָס האָט געשטאַמט פֿון איין שבט מיט די פֿיננען און איז געווען פֿערוואַנדט מיט די בולגאַרען און אונגאַרען; אין אייראָפּאַ האָט עס זיך בעזעצט, נאָכדעם ווי עס איז צופֿאַלען די מלוכה פֿון די הונען. די כוזרים האָבען געגרינדעט זייערע מלוכה אויף יענעם אָרט, וואו די וואָלגאַ פֿאַלט אַריין אין קאַספּישען ים, דאָרט, וואו עס שטעהט איצט די שטאָדט אַסטראַכאַן און עס וואוינען די קאַלמיקען. זייערע מלכים האָבען געהאַט דעם טיטול כאַקאַנע, אָדער כאַגאַנע, און האָבען מיט זייערע מחנות אָבגעהאַלטען גרויסע נצחונות. אויף די פּערסישע מלכים האָבען די כאַזאַרען געוואָרפֿען אַזאַ אימה, אַז איין פּערסישער קעניג האָט זיך צודערש נישט געקאָנט פֿער־

טיידיגען גיגען זיי, סיידען דורך א הויכער מויער, וועלכע ער האט אייפגעשטעלט צווישען דעם קאספּישען ים און די קאווקאזער בערג. אבער דער דאָזיגער „טויער פון טויערן“ (bab al abwab נישט ווייט פון דערבענט) האט אויף לאנג נישט געקאָנט אבהאלטען דאָס קריעגערישע פאָלק צו מאכען אנפאלען. נאכדעם, ווי די פּערסישע מלוכה איז אונטערגעגאנגען, זענען זיי אריבערגעשטיגען די קאווקאזער בערג און אנגעפאלען אויף צפון־ארמעניען; דערביי האבען זיי איינגענומען די האלב־אינזעל קרים, וועלכע האט געהייסען א צייט לאנג כ א ז א ר י ע ן. די ביזאנטינישע מלכים האבען געציטערט פאר די כאזארען; זיי פלעגען זיי חנפ'ענען און שיקען זיי שטייערן, כדי אבצוהאלטען זיי פון צו מאכען אנ'אנפאל אויף קאָנסטאנטינאָפּאָל. די בולגארען און אנדערע פעלקער זענען געווען אונטערטעניג ביי די כאזארען; די קיעווער רוסען אויפ'ן דניעפּער האבען צו זיי געמוזט שיקען יעהרליך א שווערד און א שעטעם פוטער פון יעדען הויז (אדער פון יעדען קוימען); מיט די אראבער פלעגען די כוזרים שטענדיג פיהרען בלוטיגע מלחמות.

די כאזארען זענען, ווי זייערע ארומיגע שכנים, די בולגארען און רוסען, געווען געצענדיענער, וועלכע איז געווען געמישט מיט געמיינע זנות און אונזיטליכקייט. די אראבער און די גריכען, וועלכע פלעגען אין מסחר־אנגעלעגענהייטען קומען אין דער הויפּט־שטאָדט באלאנדזשאר, כדי אויסצוטוישען דאָרט די פּראָדוקטען פון זייערע לענדער געגען פּוטערוואַרג, האבען בעקענט געמאכט די כאזארען מיט'ן קריסטענטום און מיט'ן איסלאם. אינ'ם לאנד פון די כאזארען האבען אויך געוואוינט אידען, וועלכע זענען אהין אנטלאָפען בשעת די רעליגיעזע רדיפות אין דער ביזאנטינישער מלוכה. דורך די דאָזיגע אידען האבען די כאזארען זיך בעקענט מיט'ן אידענטום. אינ'ם קעניגליכען הויף פון די כאזארען זענען די אידען געווען בעקאנט, אלס איבערזעצער אדער סוחרים, אלס רופאים אדער יועצים און פון זיי האט דער כאזארישער הערשער בולאן, אדער בולשאן, זיך בעקענט געמאכט מיט'ן אידענטום און געלערנט איהם הויך צו שעצען.

אין די שפּעטערדיגע צייטען האבען די כאזארען אבער גאנץ ווע־ניג געוואוסט צו דערצעהלען וועגען דעם מאָטיוו, וואָס האט בעוואויגען זייערע עלטערן אנצונעהמען דעם אידענטום. א שפּעטערדיגער כאזארישער כאגאן האט איבערגעגעבען די געשיכטע פון זייער מגייר זיין זיך אויף פאלגענדען אופן: דער קעניג בולאן האט דערשפּירט א שוידערליכען אבשוי פאר דער געצענדיענערי מיט איהר זנות־טרייבערי. די געצענדיענערי האט ער דעריבער פערבאָטען אין זיין מלוכה, אבער קיין נייע רעליגיע האט ער נאך נישט געהאט אנגענומען. איינמאל האט ער געזעהן א חלום, אין וועלכען א מלאך האט איהם מבטיח געווען, אז אויב ער וועט אננעהמען די אמת'ע תורה, וועט גאָט איהם העלפען איי-

צונעהמען די אראבער, און דערהויבען זיין טראָהן מיט עשירות און פּרעכטיגקייט. דעמזעלביגען חלום זאָל אויך האָבען געזעהן זיין משנה-למלך. נאָכדעם ווי די כאזארען האָבען מנצח געווען די אראבער און איינגענומען די פעסטונג ארדביל אין צפון-קאַנט פון זייער לאַנד (731), האָט דער כאַגאַן מיט זיין משנה-למלך בעשלאָסען מגייר צו זיין זיך; דער כאַליף און דער ביזאַנטינישער קייזער האָבען איהם געוואָלט בעוועגען אנצונעהמען זייערע אמונות און געשיקט דעריבער שלוחים מיט גרויסע מתנות און רעליגיאָנס-לעהרער, כדי צו בעקענען איהם מיט זייער גלויבען. דער כאזארישער כאַגאַן האָט דעריבער געלאָזט איינאָרדנען א וכּוח (דיספּוט) צווישען א ביזאַנטינישען גלח, א מחמד'אנישען רעליגיאָנס-געלעהרטען און א אידישען תלמיד-חכם. לאַנג האָט געדויערט דער וכּוח, אָבער דער כאַגאַן האָט זיך נישט געקאָנט איבערצייגען, וועלכע פון זיי עס האָט די ריכטיגע אמונה. דערביי האָט אָבער דער כאַגאַן בעמערקט, אז סיי דער גלח, סיי דער מחמד'אנער בעציהען זיך אויף דער אידישער תורה און ברענגען פון איהר ראיות, צו בעקרעפטיגען זייערע אמונה, און ער האָט דעריבער ערקלערט: וויל איך האָב פון די געגנער פון דער אידישער רעליגיע איינגעזעהן, אז זיי בײדע בעציהען זיך מיט דרך-ארץ צו דער אידישער תורה, און האַלטען איהר פאַר א געטליכע ערשיינונג, איז ביי מיר געבליבען אנצונעהמען די אידישע רעליגיע. באַלד נאָך דעם וכּוח האָט דער כאזארישער קעניג מיט זיינע שרים און דער ארמעע זיך געלאָזען מל'ה-זיין און זיי אַלע האָבען אנגענומען דעם אידענטום. דעם אַקט פון מגייר-זיין האָט אויסגעפיהרט דער אידישער חכם יצחק סנגרי (אָדער סינגארי). בסך הכל האָבען זיך דאַמאָלס מגייר געווען פערציג טויזענד מאַן. ביסלעכווייז איז דאָס אידענטום אריינגעדרונגען אין כאזארישען פאָלק, און די איינוואוינער פון די שטעדט און דער כאזארישער מלוכה זענען כמעט אַלע געוואָרען אידען. אין דער ערשטער צייט איז די בעקאַנטשאַפט פון די כאזארען מיט'ן אידענטום געווען בלויז אַן אָבערפלעכליכע, און דעריבער זענען זייערע מדות און מנהגים ווייניג וואָס פערענדערט געוואָרען דורך דעם מגייר-זיין זיך. ערשט דער שפּעטערדיגער כאזארישער קעניג מיט'ן העבראישען נאָמען ע ב ד י ה האָט זיך גאַנץ ערנסט בעקאַנט מיט'ן אידענטום. ער האָט איינגעלאַדען אין זיין מלוכה אידישע תלמידי חכמים, וועלכע ער האָט קעניגליך בעלוינט און האָט געגרינדעט בתי-כנסיות און בתי-מדרש מיט ישיבות און חדרים. דאָס כאזארישע פאָלק האָט ער געלאָזען לערנען תנ"ך און תלמוד און אין די שולען האָט ער איינגעפיהרט די געזעצליכע תפלות, לויט'ן אַלטען אידישען נוסח און אָרדנונג. דאָס אידענטום האָט געמאַכט אזא טיעפען איינדרוק און ווירקונג אויף די כאזארען, דאָס ווערענד די געבליבענע כאזארישע געצענדיענער פלעגען נאָך אַלץ פערקויפען זייערע קינדער פאַר שקלאַווען, ווי דער מנהג איז ביי זיי

געווען, האָבען די אידען-כאזארען שוין דאָס ניש́ט געטהון. נאָך עובדיה׳ן האָבען געקעניגט פיעל אידישע מלכים, וועלכע זענען פון איהם אַרויסגעקומען, דען עס איז שוין געווען אַנגענומען אַ מלוכה-געזעץ, אַז נור אַ אידישער הערשער האָט געקאָנט פערנעהמען דעם כאזאַרישען טראָהן. אָבער ניש́ט עובדיה, ניש́ט די אידישע מלכים, וואָס האָבען געקעניגט נאָך איהם האָבען זיך אַרויסגעוויזען ניש́ט-טאָלעראַנט געגען די אַנדערע אמונות. ביי די קריסטען און מחמד׳אַנער, ביי די געצענדיענער, וואָס האָבען געוואוינט אין כאזארישען לאַנד אונטער זייער הערשאַפט האָט מען ניש́ט גע׳רודפ׳ט, אָדער פערקלענערט זייערע רעכטע. אין דער מלוכה פון די כאזאַרען איז געווען איינגעאָרדענט אַ העכער בית-דין פון זיבען ריכטער, וואָס צוויי פון זיי זענען געווען אידען, צוויי פון זיי — קריסטען, צוויי — מחמד׳אַנער און איינער — אַ געצענדיענער פאַר די רוסען און בולגאַרען. יעדער מענש האָט געדאַרפט גע׳משפט ווערען לויט׳ן געזעץ-בוך פון זייער רעליגיע.

די אויסלענדישע אידען האָבען לאַנג ניש́ט געוואוסט, אַז אַ גאַנצע מלוכה האָט אָנגענומען די אידישע אמונה, און ווען זיי האָבען דערהאַלטען וועגען דעם אַ ווייטען קלאַנג, האָבען זיי תחלת געמיינט, אַז דאָס זענען די עשרת השבטים, וועלכע זענען פערטריבען געוואָרען פון שומרון. אַנ׳אַלטע לעגענדע האָט דערצעהלט: ווייט-ווייט, הינטער די הרי חושך (די פינסטערע בערג), הינטער די קאַווקאַזער בערג, לעבען אמת׳ע גאָט׳ס-פערעהרער, די קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב, פון די שבטים שמעון און האַלב מנשה, וועלכע זענען אַזוי מעכטיג, אַז פינף און צוואַנציג פעלקער זענען ביי זיי אונטערטעניג און צאָהלען זיי שטייערן.

אַ פיעל גרעסערע געשיכטליכע בעדייטונג האָט געהאַט פאַר׳ן אידענטום דאָס צו-רוועגדען זיך פון פיעל בעגאַבטע אידען אין די מזרח-לענדער צו דער וויסענשאַפט. די דאָזיגע חכמים האָבען איינמיטען דער אומה׳דיגער פינסטערניש און אומוויסענהייט פונ׳ם מיטעלעלטער בעווי־זען אויפצוטהון זעהר פיעל צו דערהויבען און פערפיינערן פילאָסאָפיש דאָס אידענטום. זייענדיג אין אָנפאַנג תלמידים ביי די אַראַבער, האָבען די אידישע חכמים זיך דערהויבען אַזוי הויך, יאַז זיי זענען געוואָרען לעהרער אויפ׳ן געביעט פון דער וויסענשאַפט פאַר די מחמד׳אַנער און פאַר די קריסטען. אין דער רעגירונג פונ׳ם כאַליף האַ רון־אַל־ראַשיד און זיין זוהן אַל-מאַמון (800—833) האָט צווישען די אַראַבער אויפגעבליהט די קולטור. די הויפט-שטאָדט פון כאַליפאַט, באַגדאַד, קאַירו און צפון-אַפריקאַ און מערוו און טורקמעניען, זענען געוואָרען די צענטרען פאַר דער וויסענשאַפט אויף אַלע געביעטען אין אַזאַ אומפאַנג, ווי אייראָפּאַ האָט דאָס געהאַט ערשט מיט פיעל הונדערטער יאָהרען שפּעטער. דער אַלטער גייסט פון דער גריכישער פילאָסאָפיע איז אויפגעשטאַנען תחית-המתים אין אַנ׳אַראַבישער הילע (מלבוש). פּאָליטי־

קער, מלוכה־לייט האבען קאנקורירט אין דער וויסענשאפט מיט די דיכ־טער און דענקער. די אידען זענען נישט געבליבען קיין גלייכגילטיגע צו־שויער אין דער דאזיגער נייער שטרעמונג; זיי האבען אנטייל גענומען אין דער אלגעמיינער שטרעבונג, און איינציגע פון זייערע ווערק זענען אנערקענט געווארען אויך דורך די אראבער. די געשיכטע פון דער אראַ־בישער קולטור האט פערצייכענט א היבשע ביסעל אידישע נעמען. מאשא אלה אבן אטארי (משה, אדער מנשה) האט פיעל עוסק געווען אין דער אסטראנאמיע, אדער אסטראלאגיע; יעקב אבן שארה האט דער ערשטער געבראכט פון אינדיען די ציפערען, וועלכע מיר בענוצען איצט מיט זייער צעהנדליג־סיסטעם או האט זיי איינגעפיהרט צוערשט אין די מחמד׳אנישע לענדער, פון וואנען זיי האבען זיך דערנאך פער־שפרייט אין גאנץ אייראפא און זענען געווארען די באזיס פון דער מאטעמאטיק. אלס גרויסער מעדיקער און מאטעמאטיקער איז געווען בעריהמט אין זיין צייט (800) ביי די אראבער דער איד סהל־אל־טברי מיט׳ן ביינאמען רבן (דאס הייסט: נישט קיין קאראימער) פון דער געגענד פון קאספישען ים, געבירטיג פון טאבאריסטאן. צווישען די אראבער איז ער בעזונדערס געווען בעריהמט דערמיט, וואס ער האט איבערגעזעצט אויף אראביש דעם גרונד־בוך פון דער אסטראנאמיע אין מיטעלעלטער, דעם אלמאגעסט פונ׳ם גריכישען אסטראנאם פטאלע־מייאוס. פיעל וויכטיגער איז אבער געווען פאר דער צוקונפט פון דער וויסענשאפט די ענטדעקונג, וואס דער דאזיגער אידישער חכם האט דער ערשטער געמאכט: ער האט נעמליך דער ערשטער ענטדעקט, אז ווען די ליכט־שטראהלען געהען אריבער פון איין ספערע אין אנ׳אנדערער, ווי, למשל, פון דער לופט אין וואסער, אדער פון דער לופט אין א לייכ־טען גאז, און פערקעהרט, געהען זיי נישט גלייך ווי פריהער, נור זיי ברעכען זיך איבער און בויגען זיך עטוואס אב אן א זייט. דאס דאזיגע געזעץ איז שפעטער געווארען דער פונדאמענט פון דער גרויסער וויסענ־שאפט און קונסט, ווי אזוי צו בויען טעלעסקאפען און מיקראסקאפען, ווי אויך ברילען — אויך זיין זוהן, אבו־סהל־עלי (835—853) איז געווען א גרויסער חכם אין דער מעדיצין; ער איז געווען דער לעהרער פון צוויי בעריהמטע אויטאריטעטען אין דער מעדיצין. די אראבער האגי און אנצארבי.

די אראבער האבען זיך בעשעפטיגט פיעל פלייסיגער ווי מיט דער מעדי־צין, מאטעמאטיק און אסטראנאמיע, מיט דער רעליגיאנס־וויסענשאפט, אדער רעליגיאנס־פילאסאפיע (Kaläm) וועלכע זיי האבען בעטראכט מיט דערזעלביגער וויכטיגקייט, ווי די מלוכה־אנגעלעגענהייטען און האט ביי זיי געהאט אנ׳איינפלוס אויך אויף דער פאליטיק. אין אלקאראן גע־פינען זיך זעהר פיעל אויסדריקען וועגען דער גאטהייט און זעהר א גרא־בער שפראך און בעגריף, אזוי אז מען האט געקאנט בעקומען א בעגריף

זועגען גאט, ווי וועגען א בעשעפעניש, ענליך צו יענע, וועלכע מיר זעהען דא אויף דער ערד, און אויך די איינינקייט (אחדות) פון גאט האט דערפון געקאנט ליידען. די אראבער, וועלכע האבען זיך בעשעפטיגט מיט'ן שטודיום פונ'ם אלקאראן, האבען אנגעהויבען צוגעבען בעזונדערע ערקלערונגען צו די אלע דאזיגע שטעלען אין איהם, דערביי זענען זיי כמעט אלע געקומען צו דער איבערצייגונג וועגען דער געטליכער אחדות, דאס הייסט, אז די וועלט האט בעשאפען נור איין גאט, און אז אט דער גאט האט נישט קיין שום אייגענשאפטען, וועלכע מיר זענען געוועהנט צו דערקענען אין א מענשען אדער א חיה, ווייל דאדורך וואלט דאס געטליכע וועזען ממילא געטיילט ווערען, און מען וואלט געמוזט אננעהמען נישט איין גאט, נור עטליכע געטער. די אלע דאזיגע געדאנקען האבען די אראבישע רעליגיאנס-פילאזאפען (Mutaziliten) בעטאנט זעהר שארף. זיי האבען ערקלערט, אז דער מענש האט די פאלקאמע פרייהייט פון דער נאטור אויסצוקלייבען זיך א גוטען אדער א שלעכטען וועג, צו טהון גוטס, אדער שלעכטס, ווייל אויב מען זאל גלויבען, אז דער מענש איז נישט פריי אויסצוקלייבען זיך א וועג אין לעבען, דען אלץ איז פאראויסגעצייכענט דורך גאט (פאטאליזם), טא פאר וואס וואלט מען געדארפט בעשטראפען א מענשען פאר זיינע שלעכטע מעשים און בעלוינען איהם פאר זיינע מעשים טובים? אנערקענענדיג די פאלקאמע פרייהייט פונ'ם מענשליכען ווילען, האבען זיי זיך דעריבער געמוזט אבזאגען פונ'ם פאטאליזם, דאס הייסט: פונ'ם גלויבען, אז אלץ, וואס עס קומט פאר מיט'ן מענשען, ווי אויך זיינע מעשים זענען פאראויס בעשטימט פון גאט. דער דאזיגער גלויבען איז אבער געווען זעהר אלט אין אראביען און אין אלקאראן טרעפט מען איהם אויך אז גאנץ אפט, כדי אלזא נישט צו ערשיינען ווי אפיקורסים, וואס לייקענען אב אין אלקאראן, האבען די מוטאזיליער אנגעהויבען אנווענדען אין דער ערקלערונג פון אלקאראן דיזעלביגע מעטאדע, וואס עס האבען פריהער אנגעווענדעט די אידישע חכמים אין מצרים, אין דער אלעקסאנדרינישער עפאכע, ווען זיי האבען געוואלט צופאסען דעם תנ"ך צו דער גריכישער פילאזאפיע. זיי האבען ערקלערט די שווערע פסוקים אויף אן'אלעגארישען אופן. אט די ערקלערונגען האבען געדארפט אויספילען דעם תהום צווישען דער תמימות'דיגער אמונה אין אלקאראן און צווישען דעם פילאזאפישען בעגריף וועגען גאט. עס פערשטעהט זיך, אז די איינפאכע מאמינים האבען ערקלערט, אז די פילאזאפען זענען אפיקורסים, כופרים (מוטאזיליען הייסען אפיקורסים), מיט דער צייט אבער האט דאך די פילאזאפיע מנצח געווען, און די אראבישע אקאדעמיעס פון באגדאד און בצרה האבען עפענטליך אנגענומען די פילאזאפישע לעהרע. דער כאליף אלמאמון האט איהר דערהויבען צו א הויף-טהעאלאגיע און די אלטע פשוט'ע אמונה האט ער פראורטיילט.

די ארטאדאקסיע אבער האט זיך זעהר ערביטערט איבער אזא

פרייהייט אינ'ם ערקלערען דעם אלקאראן, ווייל מען האט אנגעהויבען אויסטייטשען דעם פשוט'ן פשט גאר אין אנ'אנדער זין, און די תמימות'־דיגע אמונה האט פערלארען איטציגער יעדען באדען. די ארטאדאק־סען האבען זיך דעריבער פעסטגעהאלטען ביים אייגענטליכען זין פון ווארט אין אלקאראן; אנדערע פון זיי זענען אבער געגאנגען נאך ווייטער: אויסטייטשענדיג דעם אלקאראן בוכשטעבליך, האבען צונויפגעשטעלט א לעהרע וועגען גאט, וועלכע צייכענט זיך אויס מיט איהר גראבקייט און מגושמ'דיגקייט: גאט — האבען זיי ערקלערט — האט א גוף מיט הענד, פיס, א קאפ, אויגען, דאס הייסט: ער האט א געשטאלט. אפילו די הויך זיינע האבען זיי אויסגעמאסטען: ער איז זיעבען שפאן לאנג, נאטירליך, מעסטענדיג מיט זיינע אייגענע שפאן. ער געפינט זיך אין א בעזונדערן ארט, וואו ער זיצט אויף א טראהן. מען קען וועגען איהם זאגען, אז ער געהט, שטעהט, קריכט ארויף און אראב א. א. וו.

די אידען אין די מזרח־לענדער זענען אבער געשטאנען גאנץ נאהנט אין זייערע בעציהונגען צו די מחמד'אנער, און זיי האבען דעריבער אויך געמוזט אריינגעצויגען ווערען אינ'ם אלגעמיינעם שטראם פון די דאזיגע חקירות. דיזעלביגע ערשיינונגען האבען זיך איבערגע'חזר'ט אין די אידישע קרייזען; די רייבונגען צווישען די תלמודיסטען און די קאראימען האבען נאך פועל מעהר מיטגעווירקט, אז די חקירות פון איסלאם זאלען אריבערגעטראגען ווערען אין אידענטום. די אפיציעלע פארשטעהער פון אידענטום, די ראשי ישיבות פון סורא און פומבדיתא האבען זיך אפילו געהאלטען פון אלעם דעם פון דערווייטען, זייענדיג פערטיפט אין שטודיום פון תלמוד און זיין ערקלערונג, האבען זיי תחלת די נייע שטרעמונג גאר נישט בעמערקט, אדער זיי האבען זיך געהאלטען פאר גאנץ אומבעדייטענד. די גייסטיגע בעוועגונג אויסער די ישיבות האט זיך אבער נישט אפגעשטעלט, און דאס אידענטום איז ווידער אריינגעבראכט געווארען אין א נייעם פראצעס פון קריטיק און אויסלייטערונג. די טונקעלע שטראהלען פון דער פילאזאפיע האבען תחלת אריינגעבראכט אין דער דאזיגער נאאיווער וועלט א גאנצען מיש־מאש. בכלל האבען די קאראאימען אנגענומען די ריכטונג פון די מוטאזיליען, אהער ראציאנאליסטען, די רבנ'ישע אידען (די תלמודיסטען) דאגעגען, וועלכע האבען אויך אין תלמוד בעגעגענט נישט ווייניג שווערע אויסדריקען וועגען גאט, וועלכע זענען נישט געווען צוגעפאסט צו דער נייער פילאזאפיע, האבען זיך געהאלטען ביי דער ריכטונג, וואס איז געווען פיינדליך פאר'ן פרייען געדאנק. ווייל אבער די קאראאימישע תורה איז נאך דאמאלס געווען נישט אינגאנצען אויסגעבויט, האבען צווישען די קאראאימען זיך בעוויזען נייע סעקטעס מיט נייע טעאריעס, מיט נייע דינים אויך אין דער רעליגיעזער פראקטיק.

דער קאראאים **בנימין בן משה נאהאווענדי** פון פערסיען

(800—820) האָט די מוטאזילישע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע איינגעפיהרט דער ערשטער ביי די קאַראַאימען, צווישען וועלכע ער איז געווען גערעכענט פאַר אַ גרויסע אויטאָריטעט און איז געוועזען אויך אַזוי אָנגעזעהן, ווי דער גרינדער ענן, האָטש ער האָט אין פיעל ענינים נישט איינגעשטימט מיט איהם. נאַהאַווענד'ן זענען קשה געווען נישט בלויז יענע שטעלען אין תנ"ך, וואו מען דריקט זיך אויס וועגען גאָט, ווי מען רעדט וועגען אַ מענשען, נור אַפילו אויך די געטליכע ערשיינונג אויפ'ן באַרג סיני און די בעשאַפונג פון דער וועלט אין דער ערשטער פרשה פון דער תורה. דער געדאַנק, ווי אַזוי דאָס קאָן מעגליך זיין, אַז גאָט, וואָס איז אַ גייסטיג וועזען און האָט קיין שום שייכות נישט צו מאַטעריעלע זאַכען, זאָל בעשאַפען אַ מאַטעריעלע ערד און קומען מיט איהר אין בעציהונג, אַז ער זאָל אַפילו אַראָבשטייגען אויפ'ן באַרג סיני און רעדען דאָרט דייטליכע ווערטער — אָט דער געדאַנק האָט איהם נישט געלאָזט צו־רוה. כדי אָבער נישט צו דאַרפען זיך אָבזאָגען פונ'ם הויכען ערהאַבענעם בע־גריף וועגען גאָט און דערביי צו קאָנען אויך גלויבען אין דער מעגליכקייט פון זיין בעציהונג צו דער מאַטעריעלער וועלט, האָט נאַהאַווענדי אָנגע־נומען דיזעלבע וועלט־אַנשויאונג, וואָס פיעל אַנדערע רעליגיאָנס־פילאָ־סאָפען פאַר איהם: גאָט האָט בעשאַפען אַ גאַנצע רייהע פון מלאכים, און די מאַטעריעלע וועלט האָט שוין בעשאַפען איינער פון אָט די מלאכים. דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט דער ענטפלעקונג אויפ'ן באַרג סיני און מיט'ן בעווייזען זיך פאַר די נביאים — אַלץ איז פאָרגעקומען דורך אַ מלאך. איינציגע תלמידים פונ'ם קאַראַאים נאַהאַווענדי האָבען זיין דאָזיגע וועלט־אַנשויאונג אָנגענומען און געגרינדעט אַ בעזונדערע סעקטע מאַגהאַריטען (וואָס דער נאָמען בעדייטעט ווייסט מען נישט).

די דאָזיגע וועלט־אַנשויאונג ווייכט זעהר שטאַרק אָב פון דער אי־דישער טראַדיציע, ווי נאַהאַווענדי האָט עס אַליין אויך אָנערקענט; דאָס האָט אָבער איהם נישט אָבגעהאַלטען איבערצונעהמען ביי די תלמוד'י־סטען פיעל דינים און געבאָטען, אַפילו אויך געגען ענן, דען ער האָט זיך פעסט געהאַלטען ביים פרינציפ, אַז מען בראַוך זיך נישט צו רעכענען מיט קיינעמס אויטאָריטעט, נור מיט דער אייגענער איבערצייגונג, ווי ער פלעגט עס ערקלערען אין קורצען: „דאָס פאָרשען איז אַ הייליגער חוב פאַר יעדערן, און דער טעות האָבען דערביי איז קיין עבירה נישט“.

די געקינסטעלטע וועלט־אַנשויאונג פון בנימין נאַהאַווענדי האָט אויך געפונען אַן אָבקלאַנג אין די רבנ'ישע קרייזען. אַנשטאָט דעם, וואָס די עכטע תלמוד'יסטען האָבען זיך תמיד געהאַלטען פעסט ביים כלל: „די תורה האָט זיך אויסגעדריקט אַזוי, ווי מענשען רעדען געוועהנליך“ און ממילא ווערען דאַדורך בטל אַלע שאלות, האָבען פיעל רבנ'ישע (תלמוד'י־שע) אידען אויפגעשטעלט אַן אייגענע מיסטיק, פונקט, ווי עס האָבען דאָס געטהון די אָרטאָדאָקסישע מחמד'אַנער. די דאָזיגע נייע מיסטיקער פון

דער דאָמאָלדיגער אידישער אָרטאָדאָקסיע האָבען אָנגענומען פֿיעל שטעלען אין תנ"ך אין זייער בוכשטעבליכען בעגריף און אָנגעהויבען רעדען וועגען גאָט, ווי וועגען אַ מענשען, וואָס האָט אַ גוף מיט אברים: הענד, פֿיס, אויגען און אַ באָרד, אַלץ געוואויגען און געמאָסטען, שיער נישט, ווי די געצענדיענער. זיי האָבען אַפילו אויך אויסגעמאָסטען די הויך פֿון גאָט מיט דער מייל; אַנדערע ווידער האָבען געפֿונען, אַז די האָזיגע מאָס איז צו־קליין פֿאַר גאָט'ס גרויסקייט, דעריבער האָבען זיי גענומען אַ גרעסערן מאַסשטאַב: די וועלט, ערקלערענדיג, אַז גאָט'ס אברים זענען אַזוי גרויס, דאָס זיי פֿערנעהמען די גאַנצע וועלט. ס'פֿערשטעהט זיך, אַז דורך דער גרויסקייט פֿון דער מאָס איז דער ענין נישט פֿיעל בעסער געוואָרען, ווייל סוף כל סוף האָבען זיי דאָך אָנערקענט, אַז גאָט האָט אַ מאַטעריעלע פֿאָרמע — אַ געדאַנק, וועלכער איז געגען דער הויכער ריינער אידישער מאָנאָטעאיסטישער וועלט־אַנשויאונג. זיי האָבען אויך אויסגעבויט זיבען געביידעס פֿאַר גאָט (היכלות) אין הימעל; אין'ם העכסטען פּאַלאַץ האָבען זיי אויפֿגעשטעלט אַ געוואַלדיג גרויסען טראָהן, וועלכער האָט אַבער אויך אַ מאָס, דען זיי ערקלערען: דער טראָהן איז אַזוי פֿיעל און אַזוי פֿיעל מאָל גרעסער פֿאַר דער וועלט. אין די געביידעס, אָדער פּאַלאַצען געפֿינען זיך מיליאָן־מיליאָנען מלאכים מיט די וואונדערליכסטע נעמען און דער העכסטער פֿון זיי איז מטטרון; וועלכער איז פֿון'ם מענשען חנוך אַרויסגעקומען דורך דער אומוואַנדלונג פֿון פֿלייש און פֿייער — אַלץ, ווי עס האָבען געלערנט די דאָמאָליגע מיסטיקער ביי די קריסטען און מחמד'אַנער. די מיסטיקער האָבען זיך אַפילו נישט געשראָקען צו ערקלערען דעם אויבערסטען מלאך מטטרון פֿאַר אַ מיניסטער פֿון אינערן, אָדער פֿאַר אַ מלמד פֿון געשטאָרבענע קינדער און עהנליך דערהויבען זיי איהם אויך צו דער מדרגה פֿון אַ קליינעם גאָט.

די דאָזיגע מיסטישע לעהרע, וועלכע איז צוערשט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען דורך די קריסטליכע און מחמד'אַנישע פֿילאָסאָפֿען און לסוף איז זי איבערגענומען געוואָרען אויך דורך עטליכע אידען, וועלכע האָבען צו איהר געפֿונען כלומר'שט אַ סמך אין די אגדות פֿון תלמוד, איז דורך זיי פֿערהייליגט געוואָרען פֿון הימעל נור צו געצעהלטע מענשען (יחידי סגולה). די דאָזיגע „געצעהלטע מענשען" האָבען זיך געהאַלטען פֿאַר קדושים און באַלד האָבען זיי אָנגעהויבען אויסצונוצען זייער געהיימע וויסענשאַפֿט אויף אַ פּראַקטישען אופֿן. מיט דער געהילף פֿון השבעות, אַרויסזאָגען געוויסע נאָמען (שמות), ווי אויך נעמען פֿון מלאכים, דורך תעניתים און אָפּגעזונדערטקייט א. ד. גל. האָבען זיי געמיינט, אַז זיי קאָנען אויפֿטהון גרויסע וואונדער. זיי פֿלעגען אויך שרייבען קמיעות, דאָס הייסט: געוויסע פֿאָרמעלן פֿון שמות און פֿיגורען, געשריבען געוועהנליך אויף פּאַרמעט, מיט וועלכע זיי פֿלעגען כלומר'שט קורירען אַלערליי מחלות, אָדער בעווייזען וואונדערליכע מעשים. זיי האָבען בכלל עה־

קלערט, אַז בעווייזען איבערנאַטירליכע מופתים איז גאָר אַ קלייניגקייט
פֿאַר יענע פֿרומע מענשען, וועלכע זענען בעקאַנט מיט דער געהיימער לעה-
רע. אין אַ קורצער צייט האָט די דאָזיגע לעהרע זיך בערייכערט מיט אַ
גאַנצער ליטעראַטור.

אָבער ווי די געהיימע לעהרע, האָט אין יענער צייט אויך די פֿרייע
ריכטונג זיך אַריינגעריסען אין די ישיבות. דאַדורך האָבען זיך אָנגעהוי-
בען, נאַטירליך, רייבונגען און מחלוקת, וועלכע האָבען זיך אַרויסגעוויזען
אָנגעשטעקט בשעת מע האָט געברויכט אויסקלייבען אַ נייעם ראש
גלותא. אין יענער צייט (825) זענען ווידער אַרויסגעטראָטען צוויי קאָנ-
קורענטען וועגען דער נשיאות: דוד בן יהודה און דניאל, וועלכע
האָבען ביידע געהאַט גלייכע רעכטע אויפ'ן שטוהל פֿון ראש גלותא;
דניאל האָט נוטה געווען צו די קראים. מען מעג טענה'ן, אַז דוקא צו-
ליעב דעם האָט ער געהאַט פֿיעל אַנהענגער אין דרום-בבל, וועלכע האָבען
איהם אָבגעגעבען זייערע שטימען. אין צפֿון-בבל דאַגעגען, וועלכע האָט
געהערט צום גליל-פּומבדיתא, אָדער אַנבאַר, האָט מען זיך שאַרף אַרויס-
געזאָגט פֿאַר דוד בן יהודה, ווייל מען האָט, ווי עס שיינט, געוואוסט, אַז
ער איז אַ געגנער פֿון די קאַראַאימען. ביידע צדדים האָבען געפֿיהרט
דעם קאַמפּף זעהר ערביטערט. נישט קאָנענדיג אויסקעמפּפֿען די זאַך צווי-
שען זיך אַליין, האָבען ביידע פּאַרטייען זיך געווענדעט צום כאַליף אַלמאַ-
מום, בעטענדיג, אַז ער זאָל זיך שטעלען אויף זייער צד און בעשטעטיגען
דעם ראש גלותא, וועלכען יעדע פֿון זיי האָט אויסגעוועהלט. צום זעל-
ביגען כאַליף האָט זיך דאַמאָלט אויך געווענדעט די מזרח-קריסטען אין אַנ-
געהנליכע מחלוקת; אויך ביי זיי זענען געווען צוויי פּאַרטייען, וואָס יעדע
האָט אַרויסגעשטעלט איהר קאַנדידאַט אויפ'ן פּאַטריאַרכאַט (אויף די
העכסטע שטעלע אין דער קירכע). דער כאַליף האָט געוואָלט זיך בעפֿ-
רייען פֿון ביידע בוררות (משפּטים) און האָט אָבגעזאָגט סיי די קריסטען,
סיי די אידען צו מישען זיך אין זייערע אינערליכע ענינים. הערביי האָט
ער אַרויסגעגעבען אַ בעפֿעהל, אַז יעדע פּאַרטיי האָט דאָס רעכט אויסצו-
קלייבען פֿאַר זיך אַנ'עלטסטען. ווען צעהן אידען ווילען זיך אויסקליי-
בען אַ ראש-גלותא, צעהן קריסטען — אַ פּאַטריאַרך, אָדער צעהן געצענ-
דיענער — אַנ'אויבערשטען מאַגיער, האָבען זיי דערויף דאָס פֿאָלקאָמע
רעכט. דער דאָזיגער טאָלעראַנטער און קלוגער בעשלוס האָט אָבער
נישט צופֿריעדענגעשטעלט ביידע פּאַרטייען, בפֿרט נאָך אַז דורך איהם
האָט געקאָנט אינגאַנצען פֿאַלען דער כבוד פֿון דער נשיאות. וואָס עס האָט
זיך אויסגעלאָזען פֿון דער מחלוקת, איז גענוי אומבעוואוסט: דוד בן יהודה
איז אויף זיין שטעלע, אַלס ראש גלותא, אַפֿילו געבליעבען (840). אָבער
זיין מאַכט איז געווען זעהר שוואַך, ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט
שטיצען נישט אויפ'ן גאַנצען פֿאָלק, נישט אויפ'ן כאַליף. פֿון דער צייט
אָן איז די נשיאות פֿון ראש גלותא אָבגעשוואַכט געוואָרען און האָט אָנ-

געהויבען פאלען. צוזאמען דערמיט האט אבער אויך אנגעהויבען פאלען די מאכט פון די ראשי ישיבות. צוליעב דער קליינער מאכט פונ׳ם ראש גלותא, איז די וואהל פון די ראשי ישיבות שוין אפגעהאנגען נישט פון איהם, נור פון די תלמידים און מיטגליעדער פון די ישיבות; דערביי האט זיך אבער אויסגעבראכען גרויסע מחלוקת און סכסוכים; געגען אפט פלעגט מען אויך אויסקלייבען אין איין ישיבה צוויי גאונים, און יעדער פון זיי האט געהאט זיין צד. ווי מען רעכענט, איז די סבה פון די מחלוקת געווען נישט קיין צופעליגע, נור זי איז ארייגעטראגען געווארען אין די ישיבות דורך די קאראאימען, וועלכע האבען בכיון געוואלט ארויסרופען א פירוד הדעות צווישען די תלמוד׳יסטען.

אבער צווישען די קאראאימען גופא איז אויך דאמאלס קיין שלום נישט געווען. דער פרינציפ, אז יעדער האט דאס רעכט צו ערקלערען די תורה, ווי ער פערשטעהט, האט געבראכט דערצו, אז יעדער מעהר אדער ווייניגער געלעהרטער קאראאים האט געוואלט ארום זיך זיין קרייזעל, וועלכער פלעגט זיך צוהערען, ווי ער ערקלערט די תורה; יעדער קרייזעל האט זיך געהאט זיינע פראקטישע מנהגים און מצוות; עס פלעגט אפילו פארקומען, אז פריוואטע קאראאימען האבען זיך געהאט א באזונדערע אייגענע תורה מיט מצוות, ווי יעדער פון זיי האט אליין פערשטאנען. בכלל איז די גאנצע רעליגיעזע פראקטיק געווארען אבהענגיג פון די גוטע, אדער שלעכטע איינפאלען פון די פארשטעהער. דערביי איז נאך דאמאלס די גראמאטיק פון דער העברעאישער שפראך געווען גאר נישט פונאנדערגעארבייט און יעדער האט דעריבער פערשטאנען דאס ווארט אין דעם פסוק, ווי עס איז איהם געפעלען. אין דעם קאראאימישען שטודיום פון דער תורה, וואס איז פריי געווארען פון תלמוד, האבען זיך די טהיר און טויערן פראנק און פריי געעפענט. יעדער האט געגלויבט, אז נור ער אליין האט דעם איינציגען שליסעל צום אמת, און יעדער האט, ממילא, געמיינט, אז ער האט דאס רעכט, צו ערקלערען דעם צווייטען פאר אן־אפיקורוס און צו רודפ׳ן איהם ביז׳ן טויט אריין. אזוי ארום האבען זיך ביי די קאראאימען בעוויזען זעהר פיעל סעקטעס. די עכבאריטען — Akbariten — א סעקטע, וואס איהרע גרינדער זענען געווען מ ו ס ה (משה) און ישמעאל פון עכברא (840) — האבען, לויט זייער רעליגיעזען בעגריף, זיך געשטעלט נאהענט צו די שמרונים; די ט י פ ל י ז י ט ע ן — א סעקטע, וואס איז געגרינדעט געווארען דורך א ב ו ־ ע מ ר א ן, משה הפרסי פון סאפראן (נישט וויט פון קערמאן שאה אין פערסיען) האבען געהאלטען, אז צווישען שוועסטערקינדער טאר מען קיין שדוכים נישט שליסען, ווי צווישען ברידער און שוועסטער. די יום־טובים האבען זיי פערבאטען צו פייערן אין דערזעלביגער צייט, וואס די תלמוד׳יסטען נאך די קאראאימען פון די ענן־סעקטע, נור לויט אן אייגענעם לוח. די ב ע ל־ ב ע ק י ם, נאך זייער גרינדער מעשווי פון בעל בעק אין סיריען, וועלכע

דאבען געהאלטען, אז פסח מוז מען פייערן אים דאנערשטאג און יום כפור — אום שבת (וויל עס שטעהט אין דער תורה: „שבת שבתון", עס הייסט: א דאפעלטער שבת); אזוי ארום האט זיך יעדע קאראאיטישע פארטיי געפייערט די יום-טובים אין אנאנדער צייט, לויט איהר אייגענעם חשבון.

ארום דעם סוף פון אכטען יאהרהונדערט טרעטען ענדליך ארויס די אידען פון מערב-איראפא פון דער טונקעלער אטמאספערע, וועלכע האט ביז יענער צייט פערהילט זייער געשיכטע. די רדיפות האבען אין איניגע לענדער עטוואס אויפגעהערט; איניגע מלכים האבען זיי פיעל וועניג בעגינסטיגט און זיי האבען דערביי דערגרייכט א געוויסען קולטור-צושטאנד. קארל דער גרויסער, דער גרינדער פון פרייטקישען קייזערטום, וועלכע איראפא האט צו פערדאנקען איהר נייער בעפרייאונג פון דער בארבארי, האט אויך בעגינסטיגט די גייסטיגע און געזעלשאפטליכע דערהויבונג פון די אידען אין דייטשלאנד און אין פראנקרייך. דורך דער גרינדונג פון דער דייטש-פראנקישער מלוכה, וועלכע האט זיך געצויגען פון אטלאנטישען אקעאן ביז יענער זייט פון טייך עלבע און פון מיטעללענדישען ים ביז'ן צפון-ים, האט קארל אריבערגעטראגען דעם צענטר פון דער וועלט-געשיכטע קיין מערב-איראפא, וועלכע איז דאמאלס געווען אין קאנסטאנטינאפאל, אויף דער גרעניץ פון מזרח-איראפא און אזיען. און חאטש קארל איז געווען דער בעשיצער פון דער קירכע און האט געהאלפען בעפעסטיגען די ממשלה פון'ם פויפסט, און חאטש דער דאמאליגער פויפסט אדריאנוס דער ערשטער, איז גאנץ ווייט געווען פון צו זיין א אידען-פריינד, און האט פיעל מאל אנגעזאגט די שפאנישע בישאפען, אז זיי זאלען מרחיק זיין די אידען און אראבער (ער האט זיי גערופען: געצענדיענער) פון די קריסטען, פונדעסטוועגען האט זיך קארל בעצויגען צו אידען גאנץ טאלעראנט. ווייל זיין שארפער פאליטישער קוק האט איהם געלערנט, דאס מען קען ניט דורכפיהרען אין א גרויסער מלוכה א גלח'ישען רעזשים, ניט פרעגענדיג קיין שאדען איהרע אינטערעסען און ניט שטערענדיג איהר דערמיט צו וואקסען. ניט אכטענדיג אויף אלע בעשלוסען פון די קאנסיליען, האט דער ערשטער פראנקישער קייזער בעשיצט די אידען פאר די רדיפות און געגעבען זיי אויך פריווילעגיעס, ווייל ער האט איינגעזעהן, אז מיט זייער ניכטערקייט, פעהיגקייט און שפראך-קענטניש ווירקען די אידען מיט, אז די מלוכה זאל זיך ענטוויקלען און אויפבליהען; ווען פריהער פלעגען די מלכים בעשטראפען שטרענג די אידען פאר'ן קויפען אדער נעהמען אין משכון א כלי פון דער קירכע ביי א גלח, אדער אנ'אנגעשטעלטען אין א קלויסטער, האט איצט קארל געטהון אנדערש: בעשטראפען פלעגט ער די קריסטען פאר'ן

בעגעהן זיך אזוי מיט די כלי קודש, די אידען אבער פלעגט ער לאזען פריי.

די אידען זיינען דאמאלס געווען די פערטרעטער פונ'ם וועלט-מסחר, ווארום דער אדל האט זיך בעשעפטיגט מיט מלחמות, דער קליין-בירגער — מיט מלאכה און דער פויער אדער שקלאף פלעגט די ערד בעארבייטען, זענען די אידען געווען אויסגעשלאסען פון מיליטער און קיין גוטער האבען זיי נישט געהאט, און דעריבער איז זייער איינציג בעשעפטיגונג געווען — מסחר. זיי פלעגען אריינפיהרען פערשיעדענע סחורות, אדער שקלאווען פון די ווייטע לענדער, אדער פערקויפען די ארטיגע פראדוקציע פון די פעלדער און בעלי-מלאכה. אויב קארל פלעגט די אידען געבען פריווילעגיעס, האט ער דאס געטהון נישט אייגענטליך פאר די אידען, נור פאר די האנדעלס-געזעלשאפט, דען נור אלס אזעלכע האט ער די אידען אנערקענט. בעגרענצט זיינען די אידען געווען אויך אזוי, ווי די נישט-אידען, נור אינ'ם מסחר פון ווין און תבואה, ווייל דער קייזער האט געהאלטען דעם מסחר מיט עסענווארג און געטראנק פאר א שעדליכע בעשעפטיגונג. אבער אויב די דאזיגע „מאטעריעלע אבשאצונג" פונ'ם אידישען פאלק האט דאך סוף כל סוף פארט געקאנט בעטראכט ווערען פאר א פארטשריט אין פערגליך מיט דער פריהעריגער בעציהונג צו די אידען מצד די מעראווינגישע הערשער, וועלכע האבען בעטראכט די אידען נור אלס א פאלק פון גאטעסמערדער, איז אבער קארל'ס בעציהונג געשטאנען נאך פיעל העכער דערמיט, וואס ער האט ארויסגעוויזען אויך א געוויסען אינטערעס פאר דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון די אידען. פונקט ווי ער האט געזארגט פאר דער בילדונג פון די דייטשען און פראנצויזען און איינגעלאדען פון איטאליען געבילדעטע מענשען פאר לעהרער און וועגווייזער, אזוי האט ער זיך אויך אינטערעסירט צו גרינדען אין פראנקרייך א צענטער פון דער אידישער תורה. מעגליך, אז ער האט דעריבער געהאט די כונה, צו בעפרייען די אידען פון זיין מדינה פון דער אבהענגיגקייט פון די בבל'ישע ישיבות, און, געבענדיג זיי די מעגליכקייט צו גרינדען היימישע ישיבות, האט ער געמיינט נישט מעהר, ווי צו פערהיטען, אז אידען זאלען נישט שיקען קיין געלד פון זיין מדינה קיין בבל, אויף צו שטיצען די דארטיגע ישיבות. צוליעב אט די אלע טעמים האט קארל דער גרויסער געבראכט פון לוקא (Lucca) קיין נרבונה (ארום 787) א משפחה פון תלמידי חכמים: רבינו קלונימוס, זיין זוהן משה, און זיין ברודערס א זוהן, און האט זיי געשאנקען גרויסע פלעצער אין שטאדט אויף צו בויען פאר זיך בנינים. רבינו קלונימוס איז בעטראכט געווארען דורך דער דארטיגער אידישער קהלה מיט גרויס כבוד, כמעט אלס א נשיא — א טיטול, וועלכען עס האבען באמת געהאט אלע זיינע יורשים, ביז דער צייט, ווען מען האט ארויסגעטריבען די אידען פון פראנקרייך. דעם שטאדט-טייל, וואו די אידישע נשיאים האבען געוואוינט, האט מען

גערופען „דער הויף פונ'ם אידישען קעניג". פון דער דאזיגער משפחה זיינען איניגע מיטגליעדער אריבערגעצאגען וואוינען אויך אין מאינץ.

פון דער וועלט־געשיכטע איז בעוואוסט, אז קארל דער גרויסער האט געשיקט א דעפוטאציע צו דעם מעכטיגען כאליף הרון־אל ר ש י ד, און אין אט דער דעפוטאציע האט טיילגענומען אויך א איד מיט'ן נאמען י צ ח ק (797), און חאטש יצחק האט תחלת געדיענט נור פאר א טאלמאטש (איבערזעצער) פאר די איבריגע געזאנדטע, די צוועלף־לייט: ל א נ ד פ ר י ע ד און ס י ג י ז מ ו נ ד, דען ער האט גוט געקענט אראביש, פונדעסטוועגען איז ער אויך גוט געווען בעקענט מיט די פאליטישע סודות און פלענער פון קארל דעם גרויסען. ווען די ביידע געזאנדטע זיינען אויף דער רייזע צוריק געשטארבען, איז ער דעריבער געווען דער איינציגער איבערברענגער פונ'ם ענטפער און פון די רייכע מתנות, וואס דער כאליף האט געשיקט דעם קייזער קארל, און דער קייזער האט אויפגענומען דעם אידען אין זיין הויפט־שטאדט אאכען אין א פייערליכער אודיענץ.

צוליעב דעם, וואס די אידען האבען אין דער דייטש־פראנקישער מלוכה פערנומען זעהר א גינסטיגע שטעלונג, דען זיי האבען שוין דארט געהאט גרויסע גיטער אויפ'ן לאנד און האבען זיך פריי בעשעפטיגט מיט'ן מסחר און דער שיפעריי, נישט ווערענדיג גע'רודפ'ט נישט דורך דעם המון, נישט דורך די גלחים, האבען זיי זיך געשווינד פערשפרייט איבער'ן גאנצען לאנד. אין ניינטען יאהרהונדערט זענען שוין געווען גרויסע אידישע קהלות אין די שטעדט מ א ג ד ע ב ו ר ג, מ ע ר ז ע ב ו ר ג און ר ע ג ע נ ס ב ו ר ג. פון דארט האבען זיי זיך פערשפרייט וויטער אין די סלאווישע לענדער, אויף יענער זייט פונ'ם טייך א ד ע ר, ביז אין בעהמען און פוילען, אויף די ברעגען פון די טייכען מ א ל ד א ו ו י ע און די ו ו י י כ ס ע ל.

אבער קארל האט ביי אלעם דעם זיך פארט ניט געקאנט אונטאנצען בעפרייען פונ'ם אבערגלויבען פון זיין צייט, און אלס פאלקאמע פרייע און גלייך־בערעכטיגטע בירגער, ווי די קריסטען, האט ער די אידען נישט אנערקענט. דער תהום, וואס עס האבען אויסגעגראבען די ערשטע גלחים (די פאטערס פון דער קירכע) צווישען דעם אידענטום און דעם קריסטענטום, — א תהום, וועלכען די שפעטערדיגע גלחים און סינאדען האבען נאך פערברייטערט און פערטיעפט — דאס האט קארל נישט געקאנט אריבערשפרינגען, אדער מיט עטוואס אנפילען. ביי א שבועה געגען א קריסט, האט א איד געמוזט דורכמאכען א לעכערליכע, אבער שוידערליכע צערעמאניע: טראגענדיג א קרוין פון דערנער און האלטענדיג דעם ספר־תורה אין דער האנד, האט ער געמוזט שווערען און ערקלערען, אז אויב ער שווערט פאלש, זאל ער בעשטראפט ווערען מיט שרעקליכע קרעץ און מגפות, און עס זאל איהם טרעפען קרח'ס מפלה. ווען קיין ספר־תורה איז דערביי נישט געווען, האט ער געמוזט האלטען אין דער האנד א לאטיינישען תנ"ך. די דאזיגע שבועה־צערעמאניע האט זיך לאנג

געדולדעט אין דער פראנקישער מלוכה. אין יענער צייט איז אבער שוין אט אזא שבועה אויך געוועזען א געוויסער זכות, דען אין די בזאנטינישער און וועסטגאטישער מלוכות זענען די אידען כלל נישט געוועזען בעגלויבט צו ערקלערען עטוואס געגען די קריסטען, אדער עדות זאגען געגען זיי און זייער שבועה פלעגט גאר נישט אנגענומען ווערען.

דער גוטמוטיגער אבער וואלען-שוואכער קייזער לודוויג דער פרומער, וועלכער האט רעגירט נאך קארל'ן, האט, נישט אכטענדיג אויף זיין ערגעבענהייט צו דער קירכע, געטהון מיט די אידען זעהר פיעל חסדים. ער האט זיי געשטעלט אונטער זיין שוץ און נישט דערלאזען, אז די באראנען, אדער גלחים, זאלען זיי טהון שלעכטעס. זיי האבען געהאט דאס רעכט צו געפינען זיך און פריי בעוועגען זיך אין דער גאנצער מלוכה, זיי האבען געמעגט נישט בלויז האלטען ביי זיך קריסטליכע ארבייטער (די קירכע האט דאס שטרענג געהאט פערבאטען), נור אויך פיהרען דעם מסחר מיט שקלאווען, וועלכער איז אין יענער צייט געוועזען שטארק פערשפרייט; די שקלאווען פלעגען זיי קויפען אין אויסלאנד און פערקויפען אינ'ם לאנד. די גלחים איז פערבאטען געווארען צו צווינגען די אידישע שקלאווען צום שמד. כדי די אידען צו ערלייכטערן דעם מסחר בכלל, האט מען דעם מארקטאג איבערגעטראגען פון שבת אויף זונטאג. פון דער קערפערליכער בעשטראפונג זענען די אידען בעפרייט געוועזען, סיידען זייערע דיינים האבען זיי דערמיט בעשטראפט.

אויך די בארבארישע ארדאליען-פראבעס אין געריכט דורך פייער און זודיגע וואסער„ וועלכע איז איינגעפיהרט געווארען אנשטאט עדות-זאגען, האט זיך אויף די אידען נישט בעצויגען. די אידען האבען געהאט פאלקאמע פרייהייט צו האנדלען, נור שטייערן האבען זיי דערפון געברויכט צו צאהלען דער מלוכה און איין מאל אין א יאהר, אדער אין צוויי יאהר האבען זיי געמוזט אפגעבען א רעכענונג וועגען זייער הכנסה. אידען פלעגען אויך קאנען אננעהמען און ארענדע דעם שטייער-אבצאהל פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג, און דאדורך האבען זיי געהאט א געוויסע מאכט איבער דער קריסטליכער בעפעלקערונג, חאטש דורך די געזעצען פון דער קירכע איז דאס שטרענג געוועזען פערבאטען. עס איז געוועזען אויך בעשטימט א בעזונדערער בעאמטער מיט'ן טיטול „אידענמייסטער“, וועלכער האט געדארפט אבהיטען די אידישע פריווילעגיעס, אז קיינער זאל זיי נישט איבערטרעטען. אין לודוויג'ס רעגירונג האט דער דאזיגער בעאמטער געהייסען עבערהארד.

מען וואלט געקאנט גלויבען, אז דער מאטיוו, וואס האט בעוואויגען דעם פרומען קייזער צו געבען די אידען אזעלכע פריווילעגיעס איז געוועזען דער גרויסער נוצען, וואס די אידען האבען געבראכט דער מלוכה, מיט זייער מסחר; דער וועלט-האנדעל, וועלכען קארל דער גרויסער האט אנגעריכטעט אין די פראנקישע מדינות און לודוויג'ס יועצים האבען געוואלט

נאך מעהר פערשפרייטען, איז געלעגען מייסטענס אין די אידישע הענד, ווייל זיי האבען לייכטער ווי אנדערע געקאנט קומען אין פערבינדונג מיט אנדערע מדינות, דען ס'זענען שוין דאמאלס איבעראל געווען אידען און אידישע קהלות; אויסערדעם זענען די אידען אויך געווען פריי פון מיליטער, אויך זענען זיי נישט געווען קיין לייב-אייגענע, ווי די קריסטען (פאנשטשיזנא); און א געוויסער מאס זענען זיי געווען א בירגערליכער קלאס מיט ספעציעלע רעכטע, — אז דאס אלץ האט זיי געמאכט וויכטיג פאר'ן וועלט-האנדעל און צוליעב דעם האט מען זיי אויך געהאט געגעבען גרויסע פריווילעגיעס. אין דער ווירקליכקייט אבער איז די סבה און דער מאטיוו פון די פריווילעגיעס געלעגען פיעל טיעפער, דען זיי האבען זיך בעצויגען נישט בלויז אויף די אידען-סוחרים, נור אויף די אלם — אידען, אלס פארשטעהער פון דער ריינער אמונה און אנ'אייניציגען גאט. די קייזערין יודית, די צווייטע פרוי פון לודוויג דעם פרומען, וועלכער איהרע פריינד האבען פערגעטערט און די פיינד האבען פערווארפען מיט שמוץ, איז געווען א גרויסע אידען-פריינדין; זי האט געהאט די גרעסטע בעוואונדערונג פאר די אמאליגע אידישע גבורים און האט אויך שטארק פערעהרט דאס ריינע און ציכטיגע אידענטום. ווען דער געלעהרטער גלח ראבאנוס מוירוס האט געוואלט זיך אונטערקויפען ביי דער קייזערין און געפינען חן אין איהרע אויגען, האט ער קיין בעסערען מיטעל נישט געפינען, ווי צו ווידמענען איהר זיינע ספרים אסתר און יהודית און פערגלייכען איהר מיט די דאזיגע צוויי אידישע העלדינעם. די קייזערין און איהרע פריינד, ווי עס שיינט, אויך דער שאצמייסטער בערנהארד, וועלכער איז כמעט געווען דער אונבעגרענצטער רעגענט אין דער מלוכה, זענען געווען גרויסע פריינד און פערעהרער פון די אידען, צוליעב חעם, וואס זיי האבען געשטאמט פון די אבות און די נביאים. זיי פלעגען ערקלערען, אז שוין פאר זייער גרויסען יחוס אליין דארף מען די אידען פערעהרען, און דער קייזער האט מיט דער דאזיגער מיינונג פאלקאמען איינגעשטימט. געבילדעטע קריסטען האבען מיט גרויס חשק געלייענט די ספרים פונ'ם אידישען פילאסאף פילא (דער אלעקסאנדרינער) און פונ'ם אידישען היסטאריקער יוסף בן מתתיהו (יאזעפוס פלאוויוס), טיילמאל נאך מיט מעהר חשק, ווי די עוואנגעליען. געבילדעטע הויף-דאמען און אדעל-לייט פלעגען אפען ארויסזאגען אין קייזערליכען הויף, אז זיי וואלטען געוואלט בעסער האבען אזא געזעצגעבער, ווי די אידען האבען געהאט. זיי פלעגען אפט איינלאדען די רבנים צו בענטשען זיי, אדער מתפלל זיין פאר זיי. די אידען האבען געהאט א פרייען אריינקומען אין קייזערליכען הויף, און אפילו אויך צום קייזער און זיינע העכסטע שרים. די קייזערליכע משפחה פלעגט בעשענקען אידישע פרויען מיט די טייערסטע קליידער, כדי ארויסצווייזען זיי, ווי הויך זיי שעצען די אידישע רעליגיע.

ביי וועלכען חן אינ'ם קייזערליכען הויף, האבען די אידען אין דער פראנקישער מלוכה און, ממילא, אויך אין גאנץ דייטשלאנד און איטאַליען, געהאט א פאלקאמע רעליגיאנס-פרייהייט. די קאנאנישע (קירכליכע) געזעצען מיט זייער אבשייליכער פיינדשאפט צו די אידען, זענען אינגאנצען פערגעסען געווארען; מען האט זיך געמאכט, ווי נישט וויסענדיג פון זיי. די אידען האבען זיך געמעגט פריי בויען נייע שוהלען און רעדען וועגען דעם אידענטום אין דער געגענווארט פון קריסטליכע צוהערער. די אידען האבען אהן קיין שום מורא עפענטליך ארויסגעזאגט זייער מיינונג וועגען דעם פערעהרען מצד די קריסטען זייערע „קדושים“ און די בילדער. קריסטען פלעגען אפט קומען אין די שוהלען און בייוואוינען די אידישע תפלות, וועלכע פלעגען אויף זיי מאכען א טיעפען איינדרוק, און — וואס נאך מערקווירדיגער איז — זיי פלעגען מעהר צופריעדען זיין מיט די דרשות פון די אידישע מגידים, איידער מיט די פרעדיג-רעדעס פון זייערע גלחים, חאטש עס איז פאר זיי גאנץ שווער געווען צו פערשטעהן דעם טיעפען אינהאלט פון אידענטום. אלענפאלס איז דערפון צו זעהען זיכער, אז די מגידים האבען שוין דאמאלס געהאלטען זייערע דרשות אין דער לאנדעס-שפראך (אין דייטש, אדער אינצמיג אידיש). אייניגע געבילדעטע קריסטען זענען אזוי שטארק בעאיינפלוסט געווארען פונ'ם אידענטום, אז זיי פלעגען אפהיטען שבת און ארבייטען אם זונטאג. בכלל האט מען די אידען דאמאלס פערעהרט אלס די „בני אברהם, יצחק ויעקב, די בני הנביאים און א דור פון צדיקים“. — גלחים האבען נישט געשראקען זיך צו קומען צו אידען לערנען דעם תנ"ך. דער דערמעהנטער גלח רהאבאנוס מויריס פון פולדיי ערקלערט אליין, אז ער האט פון די אידען פיעל געלערנט, און זייערע פירושים צום תנ"ך האט ער אריינגענומען אין זיינע „קאמענטאריען“, וועלכע ער האט דעם קייזער לודוויג געווידמעט. מיט איין ווארט: די רעגירונג פונ'ם קייזער לודוויג דעם פרומען איז פאר די אידען געווען א גאלדענע צייט, ווי מען האט זי אין איירופא נישט געזעהן נישט פריהער, נישט שפעטער.

אבער קיין שונאים האבען אויך אין דיעזער צייט ביי אידען נישט געפעהלט, מעגליך, טאקי צוליעב דעם, וואס זיי האבען געהאט בעזונדערע רעכטע און פריווילעגיעס. די פאנאטישע גלחים האבען געזעהן דעם אונטערגאנג פונ'ם קריסטענטום דערין, וואס מען האט די אידען געגעבען בעזונדערע פריווילעגיעס און פערנאכלעסיגט די קאנאנישע געזעצע. קנאה און שנאה האט זיך פערקליידעט אין א גלח'ישען אנצוג. די קייזערין און די אידען-פריינד ביים קייזערליכען הויף האט מען מורא'דיג געהאסט שוין אויך צוליעב דעם, וואס זיי האבען געשטערט די גלחים אינגאנצען צו פערכאפען די ממשלה אין זייערע הענד. דער פערטרעטער פון די פאנאטיקער און אידען-פיינד איז אין יענער צייט געווען אגאבארד, דער בישאף פון ליאן, וועלכען די קירכע האט פערעכענט צווישען אהי-

רע קדושים. דאָס איז געווען אַן אונרוהיגער מענש, מיט אַ חאַראַקטער פון גזל און גיפט, וועלכער איז אין זיין שרעקליכער שנאה געגאַנגען אזוי ווייט, אַז ער האָט געבראַכט רכילות אויף דער קייזערין, דאָס זי קלערט צו מאַכען אַן אויפשטאַנד געגען איהם, און האָט איינגערעדט די פּרינצען, די זיהן פון קייזער, אַז זיי זאָלען אַרויסטרעטען געגען זייער פאָטער. מען האָט דעריבער דעם דאָזיגען גולה אַ נאָמען געגעבען אחיתופל, וועלכער האָט דעם אבשלום-לאָטאַר (ד. ה. לודוויג'ס זיהן) אויפגעריצט געגען זיין פאָטער דוד-לודוויג. דער בישאָף האָט דערבאַיים געוואָלט צוריק בעגרענצען די אידישע רעכטע און פריהייטען און שטעלען זיי ווידער אין'ם נידעריגען צושטאַנד פון שפלות, אין וועלכע זיי זיינען געשטאַנען אין דער רעגירונג פון די פערווילדעטע מעראָווינגישע מלכים. אַ נישט-ווינטשיגער צופאַל האָט איהם געגעבען דערצו די געלעגענהייט.

ביי אַן אָנגעזעהענעם אידען אין ליאָן איז אַנטלאָפען אַ שקלאַווין, און, כדי צו ווערען צוריק פריי, האָט עס זיך גע'שמד'ט ביי אַגאָבאַרד'ן (827). די אידען האָבען דערין געזעהן אַ טהאַט געגען זייערע פּריווילעגיעס און געפאָדערט, אַז מען זאָל די דינסט צוריק אָפּגעבען איהר אידישען הערין, ווייל אַגאָבאַרד האָט נישט געוואָלט ערפילען די פאָדערונג, האָבען די אידען זיך געווענדעט צו זייער געזעצליכען בעשיצער, „דעם אידישען מייסטער" עבערהאַרד, וועלכער האָט געסטראַשעט דעם בישאָף, אַז אויב ער וועט די דינסט נישט אָפּגעבען צוריק דעם אידען, וועט ער שטרענג בעשטראָפט ווערען. דאָס איז געווען די התחלה פון אַ קאַמף צווישען חעם בישאָף מיט די אידען, וועלכער האָט זיך געצויגען יאָהרען-לאַנג און פערשאַפט די אידען פיעל עגמת-נפש; געענדיגט האָט זיך עס אָבער דערמיט, אַז דער בישאָף אַגאָבאַרד איז אַראָפּגעוואָרפען געוואָרען פון זיין שטעלע. פאַר אַגאָבאַרד'ן האָט זיך דאַ געהאַנדעלט נישט וועגען דער דינסט, נור וועגען דעם דורכפיהרען דאָס געזעץ, וועלכען די גלחים האָבען געהאַט אָנגענומען אויף די קאָנציליען. אין זיין פערלעגענהייט האָט אַגאָבאַרד זיך געווענדעט צו דער פאַנאַטישער פּאַרטיי ביים קייזערליכען הויף, און געפאָדערט, אַז זי זאָל פועל'ן ביים קייזער, דאָס מען זאָל די אידישע רעכטע ווידער בעגרענצען; ווי עס שיינט, האָבען זיי טאַקי אויך אַרויסגעשטעלט די דאָזיגע פאָדערונג דעם קייזער, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַ שוואַכען ווילען, אָבער אויך די אידען-פריינדליכע פּאַרטיי האָט נישט געשוויגען און צונישט געמאַכט אַלע אינטריגעס פון די גלחים. דער קייזער האָט איינגעלאַדען דעריבער דעם בישאָף מיט זיינע פּאַרטיי-לייט צו ערשיינען פאַר איהם מיט זיינע טענות. אָבער אַגאָבאַרד האָט דערביי אַרויסגעשאָסען מיט אַזאַ כעס זיינע טענות, אַז ער האָט, ווי ער איז זיך אַליין מודה, „מעהר געברומט, ווי געשפּראָכען". דאַן האָט דער קייזער אויפגעהויבען אַגאָבאַרד'ן אַליין אויף אַן אוידיענץ. ווען דער קיי-

זער האט אויף איהם א בליק געטהון מיט צארן, איז ער אזוי פערציטערט געוואָרען, דאס ער האט קיין ווארט נישט געקאנט ארויס־רעדען. פערשעמט און מבולבל האט ער זיך אומגעקעהרט אהיים צוריק. באלד אבער האט ער זיך דערהאלט און ווידער אנגעהויבען פיהרען אינטריגעס געגען די אידען. אין זיינע קירכליכע רעדעס אין גאנצען ליאָנער אומגעגענד (אין בישאָפטום) האט ער געשאָטען פעך און שוועבעל אויף די אידען; זיינע מאמינים האט ער מזהיר געווען, נישט צו האבען קיין שום מגע ומשא מיט די אידען, נישט צו קויפען ביי זיי און נישט צו פערקויפען זיי, נישט טיילצונעהמען אין זייערע סעודות און נישט צו פערדינגען זיך ביי זיי אויף ארבייט. צום גליק האבען אבער די אידען־פריינד אין קייזער־ליכען הויף באלד געמאכט א'ענדע צו זיין אגיטאציע. זיי האבען ארויס־בעקומען ביים קייזער פאר די אידען „שוץ־בריעף“ מיט דער קייזערליכער חתימה און צוגעשיקט זיי די ליאָנער אידען. איין קייזערליכער בעפעהל איז צוגעשיקט געוואָרען צום בישאָף, אז ער זאל מעהר נישט האלטען אזעלכע העצע־רעדעס, און דער שטאטהאלטער פון ליאָן האט דערהאל־טען א בעפעהל צו בעשיצען אידען פאר אנפאלען (828). אגאָבארד האט זיך אבער וועגען דעם וועניג וואס געקימערט, דען ער האט ערקלערט, אז די קייזערליכע אונטערשריפטען און חתימות קאָנען אויך זיין געפעלשטע. אפילו ווען עבערהארד איז פערזענליך ארויסגעטראטען געגען איהם און געדראָהט איהם מיט בעשטראפונגען, האט ער זיך נישט געלאזט אפגעהאל־טען פון זיין פערברעכערישער אגיטאציע. לסוף האט דער קייזער גע־מוזט שיקען צוויי ספעציעלע אדעל־לייט פון הויף און צווינגען איהם צו מאכען א סוף מיט זיינע רעדעס און אגיטירען צווישען די קריסטען. וואס פאר א מיטלען די דאזיגע אדעל־לייט האבען געגען איהם אנגעווענדעט, איז געבליבען אונבעוואוסט. אבער, משמעות, די מיטלען זענען געווען זעהר שטרענגע, דען די גלחים, וועלכע האבען איהם מיטגעהאלפען, האבען זיך נישט דערוואגט אפילו צו ווייזען. אינטערעסאנט צו בעמערקען איז אויך אבער, אז אויף דער ליאָנער בעפעלקערונג האט דעם בישאָפ'ס אגי־טאציע בכלל קיין שום ווירקונג נישט געמאכט.

המן־אגאָבארד האט אבער נישט גערוהט. ער האט געוואלט ארביי־טען ווייטער געגען די אידען־פריינד ביים קייזערליכען הויף און ווירקען אויפ'ן קייזערליכען פאנאטיזם און זיין פרומקייט. ער איז ארויסגעטראטען עפענטליך אהן קיין שום מורא, פונקט, ווי ער וואלט געשפירט, אז די מפלה פון דער אידענפריינדליכער פארטיי איז נאהענט. צוערשט האט ער זיך געווענדעט צו די בישאָפען אין דער מלוכה און דערוועקט זיי צו ווירקען אויפ'ן קייזער, אז ער זאל אויפשטעלען א שיידוואנד צווישען די אידען און די קריסטען, פונקט ווי דאס איז געווען אין די צייטען פון מעראָווינגישע מלכים. דעם בישאָף ניבערידוס פון נארבאנע האט ער געשריבען א בריעף, וועלכער איז נאך אויך איצט אינגאנצען. דער בריעף

איז פיל מיט גאל און גיפט געגען די אידען און אינטערעסאנט, סיי מצד דעם פינסטערען גייסט פונ'ם בישאף, סיי מצד די אינטערעסאנטע ערקלערונגען, וועלכע ער מאכט אין איהם. ער ערקלערט, למשל, אז די קריסטען קאנען ביי די געגענווערטיגע בעדינגונגען נישט פועל'ן ביי קיין איינציגען אידען, אז ער זאל זיך לאזען אפ'שמד'ן, וועהרענד די קריסטען עסען צוזאמען מיט די אידען אויף א אידישער סעודה און הערען דארט אויך, ווי די רבנים און מגידים זאגען תורה פאר די אנוועזענדע. די היינטיגע טענה האט איבערגעשראקען פיעל בישאפען. פיעל פון זיי האבען זיך פערזאמעלט אין ליאן און אפגעהאלטען א בעראטונג, ווי אזוי מען זאל די אידען דערנידעריגען און דעם קייזער זעלבסט בעוועגען ארויסצוגעבען וויכטיגע בעשלוסען געגען זיי. מען האט בעשלאסען צו דערלאנגען דעם קייזער א קאלעקטיווען בריעף, אין וועלכען מען דארף איהם אנווייזען אויף דער גרויסער סכנה מצד די אידען פאר'ן קריסטענטום, און דערביי פארמולירען די פונקטען, וועלכע ס'איז נויטיג אנצונעהמען.

פון שטאנדפונקט פון דער רעליגיע און פון קאנאנישען געזעץ, זענען די טענות פון די בישאפען מיט אגאבארד'ן בראש געווען אזעלכע, אז מען האט געגען זיי גארנישט געקאנט איינווענדען, און ווען דער קייזער לודוויג דער פרומער וואלט זיך גערעכענט בלויז מיט זייערע רעליגיעזע טענות, האט ער געדארפט די אידען פערניכטען אין זיין מלוכה. צום גליק אבער פאר די אידען, האט ער זיך מיט די גלח'ישע טענות כלל נישט גערעכענט, צי דערפאר, וואס איהם זענען זעהר גוט בעוואוסט געווען אגאבארד'ס מאטיווען, אדער דערפאר, וואס די אידישע פריינד האבען צו איהם כלל נישט דערלאזען די טענות פון די גלחים. ווי אגאבארד האט זיך אין דער ווירקליכקייט געשראקען פאר זייער מפלה האבען די גלחים גענומען נקמה פון דער קייזערין יודית, געגען וועלכער זיי האבען געמאכט א פערשווערונג, און האבען זיך אויך געשטעלט אויפ'ן צד פון די אומגעטריישליכע זיהן פונ'ם קייזער, וועלכע האבען געוואלט זייער פאטער אראבשטויסען פון טראהן און האבען עס טיילווייז אויך דורכגעפיהרט. אגאבארד אבער האט דאדורך פערלוירען זיין בישאפליכע שטעלע און געמוזט אנטלויפען קיין איטאליען. שפעטער האט לודוויג איהם צוריק אפגעגעבען זיין שטעלע.

—

לודוויג דער פרומער איז ביז'ן טויט געבליבען א אידען-פריינד, חאטש ער האט צוליעב זיי אויך געהאט א שטיקעל עגמת-נפש, ווען איינער פון זיינע נאהנטע מקורבים האט זיך מגייר געווען. דאס מגייר זיין זיך פונ'ם אדעלס-מאן און הויכען גלח באדא, האט אין יענער צייט געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק, דען אויסער דעם, וואס ער האט געשטאמט פון א גאנץ אלטע יחוס-משפחה, איז ער נאך אויך אזוי שטארק דערהויבען געווארען דורכ'ן קייזער, אז ער האט איהם געמאכט פאר זיין פערזענליכען גלח, פאר וועלכען ער פלעגט זיך מתודה זיין אין די קרי-

שטליכע תשובה-טעג, כדי צו האבען איהם שטענדיג ביי זיין פערזאן. די כראניקער פון יענער צייט דערצעהלען וועגען דעם מגייר זיין זיך פונ'ם גלח, ווי וועגען א וועלט-אונגליק, ווי למשל, וועגען הוישעריקען, אנ'ערד-ציטערניש, אדער א קאמעט. דער פאל איז אין דער ווירקליכקייט געווען אנ'אונערהערטער. באדא האט, אלס שטרענג פרומער קריסט, אויסגעבעטען זיך ביים קייזער אנ'ערלויבניש, צו געהן קיין רוים נאך א ברכה פונ'ם פויפסט און תפלה צו טהון אויף די קברים פון די קריסטליכע קדושים. אנשטאט אבער צו ווערען אין רוים נאך א שטארקערער מאמין, האט באדא דוקא אין רוים אנגענומען דעם בעשלוס צו ווערען א איד. די פערדארבענע מדות פון די רוימישע גלחים, זייער אויסגעלאסענקייט און אונזיכטיגקייט איז אין יענער צייט געווען זעהר גרויס; באדא האט זיך אין רוים, בלי ספק, בעקענט מיט די דארטיגע אידען און זייערע שעהנע מדות און צניכטיגקייט, און האט זיך בעשלאסען מגייר צו זיין. די דאמאלדיגע גלחים דערצעהלען אבער וועגען זיין מגייר זיין זיך, נישט אנווייזענדיג אויף די סבות, נור ערקלערענדיג פשוט: שולדיג איז דערין געווען דער שטן, אדער די אידען האבען דעם גלח פערפיהרט. — פון רוים איז באדא אבגעפאהרען קיין שפאניען, כדי דארט זיך מגייר צו זיין, אבזאגענדיג זיך אזוי ארום פון זיין פאטערלאנד, פון זיין הויכער שטעלע און פון זיין געליעבטען קייזער און געזעלשאפט. אין סאראגאסא האט ער זיך געלאזט מל'ה זיין און א נאמען געגעבען זיך אלעזור; ער איז שוין דאמאלס געווען א בעיאהרטער מאן און האט זיך געלאזט אבוואקסען א גרויסען באורד (938). ער האט שפעטער דארט חתונה געהאט מיט א אידישער פרוי און איז אריינגעטראטען אין מיליטער-דיענסט ביי אנ'אראבישען קעניג, וועלכע זענען שוין דאמאלס געווען די הערשער אין שפאניען. געגען די קריסטען האט ער געשפירט אזא שנאה, אז ער האט אנגערעדט דעם אראבישען קעניג ארויסצוטרייבען זיי פון שפאניען, אדער צווינגען זיי, אנצונעהמען דעם אידענטום, אדער דעם איסלאם, אנווייזענדיג, אז די קריסטען טראכטען צו מאכען א פערשווערונג געגען דער מלוכה. די שפאנישע קריסטען האבען זיך דאן געווענדעט מיט א ביטע צום פראנקישען קייזער, אז ער זאל זיי בעפרייען פונ'ם אידישען גר צדק, וועלכער איז פאר זיי זעהר געפעהרליך.

ווי טרויעריג די גאנצע זאך איז נישט געווען פאר'ן קייזער לודוויג, איז ער פונדעסטוועגען צוליעב דעם נישט געווארען קיין שונא ישראל; ער האט די אידען אפילו נישט געמאכט קיין פארוואורף, אז דאס האבען זיי אנגערעדט דעם גלח מגייר צו זיין זיך. ער האט ווייטער, ווי פריהער, בעשיצט די אידען פאר אלערליי אנפאלען אויף זיי און אפילו אפאר חדשים נאך באדא'ס מגייר זיין זיך, האט ער זיך ארויסגעזאגט לטובת די אידען אין א געוויסער פראגע, ווען מען האט געוואלט ביי א אידישע פרוי צונעהמען די גרויסע גיטער, וועלכע זי האט געהאט אין פראנק-

ריך. פון לודוויג דעם פרומען שטאמט די אנשולדיגונג, אז די אידען שטע-הען אונטער דעם פערזענליכען שוץ פון'ם קייזער, און אז זיי זענען אין א געוויסער מאס זייערע קליענטען און דארפען דורך קיינעם ניט אונטערדריקט ווערען. די דאזיגע אנשולדיגונג האט זיך שפעטער דערהאלטען אין'ם גאנצען משך פון מיטעלאלטער, און מיט דער צייט איז זי גע-ווארען גאר פאר א קללה פאר'ן אידישען פאלק, ווייל די אידען זענען דאדורך אנגעזעהען געווארען ווי קנעכט.

די גאלדענע עפאכע פאר די אידען אין דער פראנקישער מלוכה, איז מיט'ן טויט פון'ם קייזער לודוויג דעם פרומען פערשוואונדען געווארען אויף א לענגערער צייט. קארל דער פליכעוואטער, דער זוהן פון לודוויג און זיין צווייטער פרוי יודית, צוליעב וועלכען עס זענען אויסגע-בראכען אזוי פיעל מהומות אין דער פראנקישער מלוכה, אז עס איז לסוף געקומען דערצו, דאס מען האט צוטיילט די מלוכה אויף פיער חלקים, און אנשטאט דער גרויסער פראנקישער מלוכה, זענען אויסגעוואקסען פיער: דייטשלאנד, פראנקרייך, לאטהארינגען און איטא-ליען (843) — אט דער קייזער איז כלל ניט געווען קיין שונא ישראל. ער האט געהאלטען ביי זיך א אידישען רופא, צדקיהו, וועלכען ער האט זעהר געליעבט און נאך איינעם, א געוויסען אידען, יהודה, וועלכען ער פלעגט רופען „מיין געטרייער", און וועלכער פלעגט ביי איהם דינ-ען, צו פיהרען די אינטערנאציאנאלע אונטערהאנדלונגען. די אידען זע-נען דעריבער געבליעבען געזעצליך גלייכבערעכטיגט מיט די קרי-סטען, אזוי ווי פריהער, און זיי האבען געמעגט פיהרען זייערע געשעפטען און בעזיצען אונבעוועגליכע גיטער אהן קיין שום בעגרענצונג. אבער צווישען די העכערע גלחים האבען די אידען געהאט פיעל שונאים, דען צו־שטארק האבען די אידען אויפגערייצט געגען זיך דעם בישאף אגא-בארד און פערשאפט איהם גרויסע קרענקונגען. אזעלכע זאכען האבען די גלחים ניט געקאנט און ניט געוואלט מוחל זיין.

דער ערביטערטסטער אידישער שונא איז געווען אגאבארד'ס תלמיד, וועלכער האט איבערגענומען נאך איהם זיין בישאפליכע שטעלע, דער בישאף אמולא פון ליאן, וועלכער איז אבער ניט געשטאנען מיט שנאה צו די אידען אליין, דען מיט איהם האבען מיטגעהאלטען: דער בישאף פון רהיימס הינקמאר, וועלכער איז זעהר געליעבט געווען ביים קיי-זער, די ערצבישאפען פון סענס און בורזש, ווי נאך פיעל אנדערע, זענען אויך געווען פערביסענע אידען-פיינד. אויף א קאנסיליום, וועלכען די גלחים האבען אבגעהאלטען (848) אין א שטאדט ניט ווייט פון פא-ריז, אין מא (Meaux) האבען די גלחים בעשלאסען דריי זאכען: צובר-עכען די מאכט פון'ם קייזער, דערהויבענדיג די מאכט פון די גלחים, צו מאכען א סוף מיט דער אויסגעלאסענקייט פון די גלחים און צו בעגינען און פערשטארקען די אלטע גזירות געגען די אידען. ווי ווייט מען זאל

די אידען בעטרעפענד, האבען די גלחים געווי נישט בעשטימט, אבער זיי האבען פארגעלייגט דעם קייזער, א גאנצע רייהע פון גזירות נעגען די אידען, פון וועלכע ער האט געזאלט אויסקלייבען יענע גזירות, וועלכע זענען איהם בעזונדערס געפעלען געוועזען. זיי האבען דערמאהנט דעם קייזער אן די גזירות פון טהעאדאזיוס דעם צווייטען און כילדעבערד, לויט וועלכע א איד האט נישט געדארפט צוגעלאזען ווערען צו קיין מלוכה-שטעלען, נישט צו קיין ריכטער אדער ארענדאטאר פון מלוכה-שטייערן, ווי אויך נישט צו בעווייזען זיך אויף די גאסען אין דער קריסטליכער פאסכא-וואך, און דער פליכט זייערער ארויסצועווייזען תמיד א הכנעה פאר די קריסטליכע גלחים. די גלחים האבען אפילו געפאדערט, אז מען זאל אננעמען אויך די סינאדאלע געזעצען געגען אידען, וועלכע זענען ארויסגעגעבען געווארען גאר נישט אין פראנקרייך און זענען דעריבער דארט נישט געווען פערפליכטענד, ווי, למשל, דאס וועסטגאטישע געזעץ, אז מ'דארף פון אידען נישט דערלאזען ארויסצוטרעטען אלס עדות אין געריכט, האטש דאס דאזיגע געזעץ איז ארויסגעגעבען געווארען אייגענטליך גאר נישט געגען די אידען, נור געגען די משומדים, וועלכע זענען אין טיעפען הארצען געווען אידען (נוסים). לסוף האט מען די אידישע שקלאווען-הענדלער אויך פערפליכטעט צו פערקויפען געצענדיענערישע שקלאווען נור אין די קריסטליכע לענדער, אדער צו לאזען זיי אב'שמד'ן.

די בישאפען אבער האבען געהאט א טעות אין חשבון. קארל איז נאך נישט געווען אזוי דערנידעריגט, אז ער האט זיך געזאלט לאזען פארשרייבען דורך זיי געזעצען, און האטש זיין בעליעבטער בישאף הינקמאר האט אין'ם קאנסיליום אנטייל גענומען, האט ער דאך פונדעסטוועגען דעם קאנסיליום פונאנדערגעלאזען; ערשט שפעטער האט ער אונטער זיין אייגענער אויפזיכט געלאזען צונויפרופען א נייעם קאנסיליום פון גלחים אין פאריז, כדי זיי זאלען זיך בעראטען וועגען די ענינים פון דער קירכע. דערביי אבער האבען די גלחים געמוזט אליין אבזאגען זיך פון דריי פיערטעל פון זייערע אכציג געזעצען, וועלכע זיי האבען געהאט פארגעלעגט אין מא, און צווישען די בטל געווארענע געזעצען זענען אויך געוועזען די אידישע בעגרענצונגען. דער ערנידעריגטער צושטאנד פון די אידען איז דעריבער נישט אונטער די קאראלינגען נישט שפעטער בעשטעטיגט געווארען אלס געזעץ. קארל דער פליכשוואטער האט העכסטענס בעגרענצט די אידען דאדורך, וואס ער האט בעפוילען, אז זיי זאלען געבען פון זייער מסחר-אומזאץ עלף פראצענט פאר דעם מלוכה-שאץ, וועהרענד פריהער האבען זיי געגעבען נאר צעהן פראצענט.

די מפלה, וועלכע אמאלא מיט זיינע חברים האבען געהאט מיט זייער קאנסיליום אין מא, האט זיי אבער נישט געלאזט צו רוה: ווי פריהער אגאבארד, אזוי האבען זיי זיך איצט ווידער געווענדעט מיט א צירקולאר צו די גלחים, פאדערענדיג פון זיי, אז זיי זאלען ווירקען אויף די פירשטען,

האָט מען זאָל בעגרענצען די אידישע רעכטע. אַמאַלאָ'ם צירקולאַר איז, ווי יענער פון זיין לעהרער אַגאָבאַרד, פול מיט גיפט און זלזולים געגען די אידען; ער בעדויערט, פאַר וואָס די אידען אין פראַנקרייך האָבען וואָרט־פרייהייט און אַז די אידען האַלטען בייא זיך קריסטליכע דיענער, וועלכע אַרבייטען בייא זיי אין הויז און אויף די פעלדער.

פאַר'ן מאָמענט האָט אַמאַלאָ'ס גיפטיגער צירקולאַר געהאַט אַזוי ווע־ניג ערפאָלג, ווי אַגאָבאַרד און דער קאָנסיליום פון מאָ געגען די אידען בישלעכווייז אָבער האָט דאָס גיפט פון די קאַטוילישע גלחים זיך אָנגע־הויבען צו פערשפּרייטען אין'ם פאָלק און צווישען די פירשטען. די נייע פעאָדאַלישע מלוכה־אָרדנונג, לויט וועלכער אין פראַנקרייך האָט זיך די מלוכה־מאַכט צוטיילט צווישען פיעל קלענערע פירשטען מיט זייערע פראָ־ווינצען, וועלכע האָבען אַלץ וועניגער אויפגעהערט אונטערצוגעבען זיך דעם קעניג האָט געבראַכט דערצו, אַז די אידען זענען געוואָרען אַ קרבן פאַר'ן פאַנאַטיזם פון די גלחים און פאַר די טיראַניע פון די פירשטען. די שנאה פון די פראָווינצישע גלחים צו די אידען איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער בישאָף פון בעזיער פלעגט זיך זיין די גאַנצע וואָך פאַר זייער פּסחא ביז'ן צווייטען טאָג פּסחא צו האַלטען טעגליך דרשות אין די קלויסטערס און דערוועקען די קריסטען צו געהן נקמה נעהמען פון די אידען פאַר'ן משפט געגען ישו. דורך די דאָזיגע ליידענשאַפטליכע דרשות פלעגט דער קריסטליכער המון ווערען אַזוי שטאַרק אויפגערייצט, אַז גלייך פון קלויסטער, פלעגען זיי זיך בעוואָפענען מיט שטיינער און מאַכען אַן אָנפאַל אויף די אידען. יאָהר אין יאָהר פלעגען די דאָזיגע אָנפאַלען פאָרקומען און יעדעס מאָל פלעגען די בישאָפען בענטשען דעם המון פאַר די דאָזיגע מעשים. אָפט פלעגען די אידען אָנהויבען זיך פערטיידיגען און דאַן פלעגט זיך די זאַך ענדיגען מיט אַן אמת'ער גאַסען־מלחמה, פון וועלכער ביידע צדדים פלעגען אַוועקגעהן מיט צובלוטיגטע קעפּ. אַזוי האָט זיך דער „מנהג" געצויגען עטליכע הונדערט יאָהר. אַן ענליכער בּאַרבּאַרישער מנהג האָט געהערשט אין טולאזא: די גראַפען פון דער דאָזיגער שטאָדט האָבען זיך גענומען דאָס רעכט, צו רופען צו זיך יעהר־ליך אין'ם פרייטאָג, וואָס פאַר זייער פּסחא דעם אידישען פּרעזידענט פון דער געמיינדע און געבען איהם אַ שטאַרקען פּאַטש, אַלס נקמה פאַר קריסטוס. ווי מען דערצעהלט, האָט איינער אַ גלח מיט'ן נאָמען הוגא גע'פועל'ט ביים גראַף, אַז ער זאָל איינמאָל איהם אָבטרעטען דעם כבוד צו געבען דעם פּאַטש און דערבייא האָט ער געגעבען דעם אַלטען אידישען ראש הקהלה אַזאַ פּאַטש, אַז ער איז געפאַלען טויט אויפ'ן אָרט. די שנאה צו אידען, וועלכע האָט געוואָלט געפינען אַ פּערגעניגונג פאַר דער דאָזיגער אומענשליכקייט, האָט אויסגעטראַכט, אַז די אידען האָבען געוואָלט די שטאָדט פערראַטען און איבערגעבען איהר אין רשות פון די מחמר'אַנער. שפּעטער האָט מען גע'פועל'ט, אַז אַנשטאָט צו לאָזען זיך,

פאטשען, דארפען די אידען געבען יעהרליך א געוויסע סומע געלד.

לודוויג דעם פרומענס אורארייניקעל, לודוויג דער צווייטער, ליטהאר'ס זוהן, האט באלד ווי ער איז קעניג געווארען אין איטאליען, זיך אזוי געלאזט איינגאנצען איינגעמען דורך די גלחים, אז ער האט בעשטעטיגט א בעשלוס פון א גלח'ישען קאנסיליום, דאס אלע אידען דארפען פון איטאליען ארויסגעטריבען ווערען, חאטש די אידען האבען דארט געוואוינט נאך מיט פיעל הונדערט יאהר פריהער פאר די לאנגאבארדען און גערמאנען. א טערמין האט מען די אידען בעשטימט אויסצווואנדערען ביז'ן ערשטען אקטאבער, און יעדער איד, וועלכער עס האט זיך ביז יענער צייט נישט גע'שמד'ט און איז אין לאנד געבליבען, האט בעדארפט שטרענג בעשטראפט ווערען, און איבערגעבען איהם צום געריכט האט געקאנט יעדער קריסט, וואס האט איהם אויף דער גאס געטראפען. צום גליק פאר די אידען האט מען אבער דעם בעפעהל נישט געקאנט אזוי לייכט דורכפיהרען, ווייל איטאליען איז דאמאלס געווען איינגעטיילט אויף פיעל קליינע פירשטען, וועלכע האבען מייסטענס גאר נישט געוואלט געהארכען דעם קייזער פון איטאליען. די מחומד'אנער פלעגען מאכען אפט אנפאלען אויף די קלענערע איטאליענישע מלוכות און די קריסטליכע פירשטען פלעגען זיי אפט אליין רופען צו שטיצען זיי אין זייערע מלחמות געגען זייער געגנער, די איבריגע פירשטען, אדער אויך געגען דעם קייזער. אין אזא אנארכיע האבען די אידען געקאנט געפינען בעשיצער גענוג, און דער בעשלוס געגען זיי איז געבליבען א געזעץ אויפ'ן פאפיר. — אין די שפעטערדיגע מלכים, נאך קארל דעם פליכעוואטיג'ן, איז די מלוכה-מאכט אבגעשוואכט געווארען אלץ מעהר און מעהר און די מאכט פון די גלחים האט זיך אלץ מעהר געשטארקט, ביז עס איז געקומען אזוי ווייט, אז דער קעניג קארל דער תמ'עוואטער האט אוועקגעשאנקען די גלחים די הכנסות פון די אידישע גיטער און וויינגערטנער אין הערצאגטום נארבאנא, כדי דאס זאל געהן פאר די קירכען פון טארבונא (899—914). ביסלעכווייז האבען די מלכים זיך געוועהנט צום געדאנק, אז דער שוץ, וואס דער קייזער קארל דער גרויסער און נאך מעהר זיין זוהן, לודוויג דער פרומער, האבען געגעבען די אידען שטאמט דערפון, וואס די אידען זענען שקלאווען ביים קעניג, און זיי מיט זייער פערמעגען געהערען צו איהם אינגאנצען, אזוי אז ער קאן מיט זיי טוהן, ווי עס איהם געפעלט. וועניגסטענס ליעגט אט דער געדאנק אלס פרינציפ אין א דאקומענט, דורך וועלכען דער מאכט-פערהאפער (אוזורפאטאר), באזא, קעניג פון בורגונד און פראוואנס, האט אבגעגעבען די אידען פון די דאזיגע מדינות, אמתנה דער קירכע, וועלכע קאן זיך מיט זיי בעגעהן, ווי מיט איהר געקויפטע, אדער געשאנקענע שקלאווען. זיין זוהן, לודוויג, האט די דאזיגע מתנה בעשטעטיגט. אזא שרעקליכער צושטאנד האט געדויערט א גאנץ לאנגע צייט, ביז וואנען אויפ'ן

פראנצויזישען טראָהן זעהען ארויפגעשטיגען די קאפעטינגען.

נישט בעסער ווי אין מערב-איירָאפּאַ איז אויך געוועזען דער צושטאַנד
פון די אידען אין מזרח-איירָאפּאַ, אין דער ביזאַנטינישער מלוכה. נישט
אַכטענדיג אויף דער שמד-גזירה און די רדיפות פונ'ם קייזער לעאָ איי-
זאַוריער (723), זענען די אידען ווידער געווען שטאַרק פערשפּרייט
אין דער ביזאַנטינישער מלוכה, בעזונדערס אין קליין-אזיען און אין גרי-
כענלאַנד. ווער עס האָט ווידער ערלויבט די אידען צו בעזעצען זיך דאָרט
נאָכ'ן גירוש איז אונבעוואוסט. א פאַקט איז אָבער, אז אין יאָהר 840
האָבען שוין פיעל אידען געהאַט אין יענע קאַנטען איגענע פּלאַנטאַציעס
פון מוילבערבוימען, וואָס מיט זייערע בלעטער שפּייזט מען די זיידענווע-
רימלעך, און די אידען האָבען זיך שטאַרק בעשעפטיגט מיט דער האַנ-
דעל פון די זייד-ווערימלעך און דער זייד-שפּינערייע. נישט אַכטענדיג
דערויף, וואָס זייער טעטיגקייט איז בכלל געווען העכסט נוצליך פאַר דער
מלוכה, האָבען דאָך די אידען געלעבט אונטער פיעל בעגרענצונגען און
מען פלעגט זיי נישט צולאָזען צו קיין שום מלוכה-שטעלע, כדי זיי זאָלען
ווי „די געצענדיענער און כופרים העכסט ערנידעריגט ווערען". אָבער רע-
ליגיאָנס-פרייהייט האָט מען זיי געגעבען.

אָבער אַט איז ארויפגעשטיגען אויפ'ן טראָהן באַזיליוס דער מאַ-
קעדאָניער (Basilius) נאָכדעם ווי ער האָט דער'הרג'עט דעם קייזער
מיכאַעל. באַזיליוס האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ, אז איהם וועט גע-
לינגען אָבצווענדען אלע אידען פון אידענטום און אָב'שמד'ן זיי מיט
גוטען, אָדער מיט בייזען. ער האָט דעריבער געלאָזט איינאָרדנען רעלי-
גיאָנס-דיספּוטען (וכוחים) צווישען אידישע געלעהרטע און גלחים און
ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז די אידען זאָלען איינס פון די צוויי: אָדער
דערוויזען קלאָר, אז דער אמת איז מיט זיי, אָדער זיי זאָלען אָנערקענען,
אז „ישו איז די קרוין פונ'ם געזעץ און פון די נביאים" און ממילא דאַר-
פען די אידען זיך שמד'ן. ווייל אָבער באַזיליוס האָט פאָראויסגעזעהן, אז
דורך די וכוחים אליין וועט שווער זיין צו פועל'ן ביי אידען, צו שמד'ן
זיך, דעריבער האָט ער מבטיח געווען די גע'שמד'טע אידען צו געבען
גרויסע פּריווילעגיעס און הויכע שטעלעס אין דער מלוכה. וואָס מען האָט
געוואָלט טהון מיט די אידען, וועלכע וועלען נישט איינשטימען זיך צו
שמד'ן, דאָס דערצעהלען די דאַמאַליגע כראָניקער נישט. איין מקור דער-
צעהלט, אז זעהר פיעל אידען זענען דאַמאָלס אומגעקומען און נור פינף
אידען האָבען זיך ארויסגעראַטעוועט פון טויט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל דורך
דעם פייטן רבי שפטיה, וועלכען עס איז געלונגען אויסצוקורירען
דעם קייזער'ס טאָכטער פון א שגעון. פיעל אידען זענען אָבער דאַמאָלס
געווען געצוואונגען זיך צו לאָזען אָב'שמד'ן, און זענען געבליבען אידען
בשתיקה, ווי די אנוסים אין שפּאַניען. ווי נור אָבער באַזיליוס איז גע-

שטאַרבען (אין יאָהר 886), האָבען זיי, ווי איבעראַל, צוריק אָראָבגעוואָרפען פון זיך די צוואַנגס־מאַסקע און צוריק געוואָרען אידען, האָפענדיג, אַז דער נייער קייזער לעאָ דער פילאָסאָף (וועלכען די חונפים האָבען געגעבען אַזאַ נאָמען, וועלכען ער האָט כלל נישט פערדיענט), וועט זיך מיט זיי בעגעהן בעסער, ווי זיין פאָטער באַזיליוס. זיי האָבען אָבער געהאַט אַ ביטערן טעות, דען ער האָט בעפוילען, אַז מען זאָל די אנוסים בעשטראָפען מיט'ן טויט פאַר זייער אומקעהרען זיך צוריק צום אידענטום (900).

דריטעס קאַפּיטעל.

רב סעדיה גאון און זיין צייט.

(928—950 נאָך קריסטוס).

אויך אין די לענדער פון די כאַליפען, נעמליך, אין בבל, וואו עס האָט נאָך לעבעדיג געקלאַפּט דאָס אידישע הארץ אלס דער מיטעלפונקט פון אידענטום, האָבען די אידען ביסלעכווייז פערלוירען זייער פריהערדיגען פריווילעגירטען מצב, האָטש די מחמד'אנישע פעלקער זענען כלל נישט געווען אַזוי ווייניג טאָלעראַנט, ווי די קריסטליכע. דער כאַליף אל־מוטאַבאַקיל, דער דריטער כאַליף נאָך אלמאַמום, האָט ווידער בענייט די געזעצען פון עמאַר געגען די אידען, קריסטען און מאַגיער, און געצוואונגען זיי צו טראָגען קליידער מיט אַ בעזונדערן צייכען — געלע לאַטעס און אַ שטריק, אנשטאָט אַ גאַרטעל — די שוהלען און די קירכען האָט ער איבערגעמאַכט אויף מחמד'אנישע געבעט־הייזער (מאָשעען) און פערבאָטען די מחמד'אנער צו לערנען מיט די אידען און קריסטען, אָדער צו דערלאָזען זיי אויף מלוכה־שטעלעס (849—856). דעם ווערט פון זייערע הייזער האָבען זיי געמוזט אָבגעבען דעם צעהנטען טייל און באַר געלד דעם כאַליף און שפּעטער האָט מען זיי אויך פערבאָטען צו רייטען נישט אויף פערד, נור אויף עזלען און מוילעזלען. די ראשי הגולה האָבען פערלוירען זייער גאַנצע בעדייטונג פון דער צייט אָן, וואָס דער כאַליף אלמאַמום האָט זיך אָבגעזאָגט אונטערצושטיצען זיי. מיט דער צייט האָבען זיי אויפגעהערט צו זיין אָפיציעלע פּערזאָנען מיט אַ פּאָליטישער מאַכט און האָבען זיך געמוזט צופרידענשטעלען מיט'ן כבוד, וואָס די אידען פלעגען זיי נאָך געבען, צוליעב די פאַרצייטיגע גרויסע זכרונות.

וואָס מעהר עס איז געפאַלען די מאַכט פון'ם ראש הגולה, אַלץ מעהר האָט זיך דערהויבען די בעדייטונג פון דער ישיבה אין פומבדיתא, וועלכע איז נאָהנט געווען צו דער רעזידענץ פון'ם כאַליף, דער הויפּט־שטאָדט באַגדאַד, און האָט געהאַט זעהר אַ גרויסע אידישע קהלה. פומבדיתא האָט זיך געשטעלט אויף איין מדרגה מיט סורה און די דאָרטיגע ראשי

ישיבות האָבען אויך אָנגענומען דעם טיטעל „גאונים“; בּיסלעכווייז האָט אָבער די פּומבּדיתא’ער ישיבה זיך אויך בּעפרייט פון דער אָבּהענגיגקייט פון ראש גלותא. וועהרענד פריהער פלעגט דער ראש ישיבה פון פּומבּדיתא מיט זיין בּית דין קומען איין מאָל אין יאָהר צום ראש גלותא (שבּת לך־לך) אָבּצוגעבּען איהם כּבוד און בּעגריסען איהם, האָט מען איצט דעם מנהג מבטל געמאַכט, און דער ראש גלותא אַליין האָט געמוזט קומען קיין פּומבּדיתא, אויבּ ער האָט געוואָלט איינאָרדנען אַ אידישע פערזאַמלונג וועגען אַ כּלל’ישען ענין. דאָס איז געוועזען אין דער צייט פון’ם ראש גלותא דוד בּן יהודה. ווי עס שיינט, האָט די דער־הויבּונג פון פּומבּדיתא זיך אָנגעהויבּען אין דער צייט פון’ם ראש ישיבה, רב פּלטוי בּר אבּא גאון, וועלכער איז געוועזען דער ערשטער פון אַ גאַנצער רייהע גאונים אין פּומבּדיתא, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך זייער ענערגישער טעטיגקייט. צווישען די בּבל’ישע ראשי ישיבות פלעגען אין יענער צייט אָפט אויסבּרעכען מחלוקת וועגען דעם, ווער עס זאָל זיין ראש ישיבה, אָדער אַ מיטגליעד פון הויכען בּית־דין. נאַטיר־ליך, האָבען די דאָזיגע מחלוקת זעלטען וועןָ אָנגענומען אַ העסליכע לייַ־דענשאַפטליכע פאָרמע, דען אין יעדער צייט האָט מען זיך געהאַלטען פעסט בּיים תּלמוד מיט זיינע מאָראַלישע פּרינציפּען, ווי מען קאָן דאָס זעהן אויך אין די פערשידענע שאלות ותשובות, וועלכע די גאונים פלעגען דאַמאָלס אַרויסגעבּען. אַזוי, למשל, אויף אַ שאלה: אויבּ אַ איד מעג עטוואָס צונעהמען מיט געוואַלד בּיי אַ גוי (גזל—הגוי) דאָרט, וואו דאָס קאָן דעם אידענטום און זיין גוטען נאָמען קיין שאָדען נישט בּרענ־גען, האָט דער גאון רב שר שלום (859—849) געענטפערט בּיז: „אין עניינים פון גזלה איז נישט שייך צו זאָגען, צי עס איז פאַרהאַן אַ חלול השם, צי נישט; עס איז אַ הלכה (אַ געזעץ) אין תּלמוד: מען טאָר נישט בּע’גזל’ען אַ גוי; מען טאָר איהם נישט אָבּנאַרען אויף פּונקט ווי אַ אידען“. בּכלל אָבּער זענען די גאונים געוועזען עכטע מענשען פון זייער צייט און האָבען געהאַלטען הייליג אויך אַזעלכע מנהגים, וואָס בּעציהען זיך אויף שדים, רוחות א. ד. גל.; אין דער צייט, וואָס פיעל אידען האָבען זיך שוין אָנגעהויבּען בּעשעפטיגען מיט דער פילאָסאָפיע, כּדי דורך איהר צו ערקלערען פיעל פערשידענע זייטען פון דער רעליגיע, זענען די ראשי ישיבות געוועזען שטרענגע אָנהענגער פון דער טראַדיציע און דער מיסטיק און זיך כּלל נישט ערלויבּט, צו געבּען דעם מענשען די פרייהייט, עוסק צו זיין אין אַזעלכע עניינים. דער דערמאָהנטער גאון מר רב שר שלום האָט נאָך געגלויבּט פעסט, אַז די שדים און רוחות רעות בּעגלייטען דעם מענ־שען, ווען ער געהט אַראָבּ פון אבית עולם; דער גאון פון סורא, רב נטרונאי דער צווייטער (859—869), האָט ערקלערט פאַר אַנ־אַפּיקורס יעדען, וועלכער היפּט איבּער אַפילו אויך נור אַ פּאָר ווערטער אין דער פּסח’דיגער הגדה; אַזאַ פערזאָן האָט ער געהאַלטען גלייך מיט

א קאראאימער און בעפוילען איהם ארייננצוליעגען אין חרם און נישט אריינלאזען אין בית המדרש. אויך די וויסענשאפטליכע פארשונג האבען זיי געהאלטען פאר אן'אפיקורסות, חאטש אין דער היינזיכט האבען זיי פערהאסט נישט די וויסענשאפט גופא, אלס אזעלכע, נור דערפאר, וואס די קאראאימען האבען זיך דערמיט" בעשעפטיגט און מען האט נאך אלץ מורא געהאט, אז די אידען זאלען נישט נוטה זיין צו זייי מערקווירדיג איז אבער, וואס זייערע „תשובות" אויף די פערשיעדענע שאלות, וואס די קהלות פלעגען זיי צושיקען, האבען די גאונים אין יענער צייט אנגעהויבען צו געבען אין דער אראבישער שפראך, ווערהענד ביז יענער צייט פלעגען זיי נאך אלץ נוצען א געמיש פון די שפראכען פון כאלדעאיש און העברעאיש (די תלמודישע שפראך). האגעגען אין די קרייזען, וועלכע זענען געשטאנען עטוואס ווייטער פון די ישיבות, אין מצרים און אין קאירואן, האט זיך שטארק ענטוויקעלט ביי די אידען דאס שטרעבען צו דער וויסענשאפט; תחלת איז די זאך געגאנגען שוואך, ביסלעכווייז איז עס אבער געווארען א מעכטיגע שטרעבונג, אשטייגער, ווי די הארטיגע תלמוד'ישע אידען („רבנים") וואלטען שוין געשפירט, אז דוקא דאדורך, וואס זיי וועלען זיך האלטען פון ווייטען פון דער וויסענשאפט, וועלען זיי ווערען שוואך געגען די קאראאימען און פיעל פון זיי וועלען ארא-טערפאלען) אונטער דעם קאראאימישען איינפלוס. די וויסענשאפטליכע (גראמאטיקאלישע) ערקלערונג פון תנ"ך, ווי אויך דאס פילאסאפישע דענקען אין די רעליגיעזע פראגען, זענען געווען די הויפט-פונקטען פון דער קאראאימישער גייסטיגער בעשעפטיגונג, און אט אויף'ן דאזיגען געביעט האבען די תלמוד'ישע אידען זיך געשטארקט אינ'ם ענדע פון ניינטען יאהרהונדערט, אזוי אז זיי האבען שוין געקאנט ארויסטרעטען אין קאמפף מיט די קאראאימען.

א בעדייטענדען נאמען אונטער די דאזיגע געלעהרטע אידען האט געהאט רבי יצחק בן שלמה הישראלי. (געבוירען ארום 845 — געשטארבען 940). אלס בעריהמטער רופא, פילאסאף און מדקדק (גראמאטיקער). ער האט געשטאמט פון מצרים, און דער לעצטער אגלאביטישער פירשט, ציאדעת אלה, האט איהם ארויסגעפאדערט צו זיך קיין קאירואן אלס לייב-דאקטאר (904); ווען דערנאך איז ארויפגעשטיגען אויפ'ן טראהן פון צפון-אפריקא דער גריגדער פון דער פאטימידישער דינאסטיע, אובאיד אלה, (עבד-אלה), וועלכער איז, ווי מען זאגט, געווען דער זוהן פון א אידישער פרוי, איז רבי יצחק הישראלי אויך געווארען זיינער א לייב-דאקטאר (909—933) און געווען ביי איהם זעהר בעליעבט. זיין נאמען, אלס מעדיקער, איז געווען זעהר גרויס, און פיעל תלמידים פלעגען צו איהם קומען לערנען זיין קונסט. אויפ'ן פערלאנג פון כאליף אובאיד אלה האט ער אנגעשריבען אכט ביכער אין דער מעדיצין, וואס דאס בעסטע פון זיי זאל זיין, לויט ווי די מבינים און פאכמענער

זאגען, „דאס בוך ווענען פיעבער“. זיינע מעדיצינישע ווערק זענען שפּע־טער איבערזעצט געווארען אויך אין העברעאיש, לאטייניש און טיילווייז אין שפּאניש. א קריסטליכער מעדיקער, דער גרינדער פון דער סאלער־נער מעדיצינישער שולע קאנסטאנטין פון קארטאגא האט שפּעטער ערקלערט אויף זיעבען תלקים פון זיינע ספרים, אז ער (קאנסטאנטין) איז זייער מחבר, און ערשט פיעל שפּעטער האט מען די דאזיגע גנבה ענטדעקט. — אלס פילאסאף האט רבי יצחק הישראלי נישט פיעל אויפגעטהון. זיין ספר „ווענען בעגריפסבעשטימונ־גען און בעשרייבונגען“ זענען בלויז א איינלייטונג אין דער פילאסאפיע. אבער זיינע פערזענליכע לעקציעס האבען פיעל מעהר געווירקט אויף זיינע תלמידים, ווי זיינע ספרים. פון זיינע תלמידים זענען שטארק בע־וואוסט געווארען צוויי פערזאנען: דער מחמד'אנער אבו־דשאפאר אבן אל־געזאר, וועלכער איז אנערקענט געווארען אלס אויטאריטעט אין דער מעדיצין, און דער בעוואוסטער אידישער חכם דונאש בן תמים, וועלכער האט ווייטער געלערנט אינ'ם גייסט פון זיין רבי'ן. ווען רבי יצחק הישראלי איז געשטארבען, (940), איז דורכ'ן איינפלוס פון א גרויסער פערזענליכקייט (רב סעדיה־גאון) שוין דאמאלס געווען אויס־געטראטען דער וועג פאר דער וויסענשאפט ביי אידען, און פאר די קינפ־טיגע דורות זענען שוין געווען פארגעצייכענט די הויפט־ליניעס פון דער נייער ריכטונג, וועלכע זיי דארפען נעהמען, כדי צו געבען א פי־לאסאפישע בעלייכטונג דער אידישער רעליגיע.

ווי שטארק די גאונים האבען נישט פעראכטעט די „חכמות חצוניות“, דאס הייסט, אלע, אדער אלע וויסענשאפטען, וואס שטאמען נישט פון תלמוד, האבען זיי דאך אליין דורך זייערע אפטע מחלוקת מיט־געווירקט, אז די וויסענשאפטען זאלען אריינגעבראכט ווערען מיט א הויכער פאהן אין די אלטע פעסטונגען פון תלמוד בבלי, אין די ישיבות פון סורא און פומבדיתא, כדי דארט אונטערצונעהמען דעם קאמפף גע־גען דער „געהיימער לעהרע“ (חכמת הסוד), מיט וועלכער מען האט זיך דארט אין די לעצטע צייטען בעזונדערס שטארק אבגעגעבען. פון סורא און פומבדיתא זענען ארויסגעגאנגען אין אידענטום אויך די ערשטע שטראהלען פון דער וויסענשאפט. — אין דער בבל'ישער אידישער וועלט איז, נעמליך, דאמאלס פארגעקומען זעהר א וויכטיגער היסטארישער פראצעס: די מאכט פון ראש גלותא האט אנגעהויבען פאלען פון יאהר צו יאהר, וועהרענד דאס אנזעהען פון דער ישיבה אין פומבדיתא איז אלץ מעהר געשטיגען; ביסלעכווייז האט פומבדיתא אויך אנגעהויבען צו בעקומען אלע הכנסות, וועלכע דער ראש גלותא פלעגט פריהער בעקו־מען; אויך די ישיבה פון סורא איז זעהר געפאלען, אבטרעטענדיג איהר כבוד און אנזעהען צו דער ישיבה פון פומבדיתא. אויב פון די אויסלענ־דישע קהלות פלעגט מען נאך ווענדען זיך מיט שאלות צום גאון פון

סורא און זיין בית-דין, האט מען אין די בבל'ישע קהלות גופא שוין געווענדעט זיך בלויז צו פומבדיתא, האלטענדיג דעם דארטיגען גאון מיט זיין בית דין פאר'ן איינציגען אויטאריטעט (בר סמכא) ביי אידען. בעזונדערס שטארק האט זיך דערהויבען די מאכט פון גאון אין פומבדיתא, ווען מען האט דארט אויסגעוועהלט פאר א ראש ישיבה און גאון דעם פריהערדיגען דיין אין דער הויפט-שטאדט פון כאליף, אין באגדאד, רב האי בר דוד (890—897). דוקא צום סוף פון נייצנטען יאהרהונדערט האבען די אידען ווידער דערגרייכט א גרויסע מאכט אונטער דעם כאליף אל-מוטאדזשיד (892—902). זיין גרויס-וויזיר אובאיד אלה אבן סוליימאן האט אנגענומען פיעל אידען, ווי אויך קריסטען אויף הויכע מלוכה-שטעלען. די אידישע קהלה אין באגדאד איז דאדורך זעהר שטארק דערהויבען געווארען. אין דער באגדאדער אידישער קהלה האבען זיך דאמאלס געפונען מענשען זעהר רייכע און געהויבענע ביים כאליף אין הויף; עס זענען צווישען זיי אויך געווען גרויסע בעלי צדקה וואס האבען אויסגעגעבען גרויסע סומען געלד, אויף אויסצובעסערען דעם אידישען צושטאנד. רב האי בן דוד איז אויסגעקליבען געווארען פאר א גאון אין פומבדיתא טאקי נור צוליעב דעם, וואס ער איז זעהר בעליעבט געווען אין באגדאד אין אלע קרייזען און האט שטארק געקאנט דערהויבען דעם אויטאריטעט פון פומבדיתא'ער גאון. אין דעמזעלביגען זין, ווי ער, האבען אויך געווירקט די גאונים, וואס זענען געווען נאך איהם אין פומבדיתא, דען אויך זיי פלעגען אויסגעקליבען ווערען פון די דיינים, וואס זענען פריהער געווען אין באגדאד. די ישיבה פון סורא האט דאדורך אלץ מעהר פערלוירען פון איהר פריהערדיגע בעדייטונג. אבער אט איז ענדליך ארויסגעטראטען א נייער גאון אין פומבדיתא, וועלכער האט זיך בעוואוסטזיניג געשטעלט א ציעל אין לעבען, צו מאכען די פומבדיתא'ער ישיבה פאר'ן איינציגען צענטער ביי אידען, מבטל צו מאכען דעם אויטאריטעט פון ראש גלותא און פונ'ם גאון פון סורא. דאס איז געוועזען דער גאון מר כהן צדק בן יוסף (917—936), א מענש, וועלכער האט פאר זיך פערזענליך קיין מאכט אדער שררות'שאפט ניט פערלאנגט, אבער איינער פון יענע לײדענשאפטליכע נאטורען, וועלכע בעטראכטען דעם כלל'ישען ענין, וואס זיי שטעהען אין זיין שפיץ, ווי זייער אנ'אייגענע זאך און שטרעבען איהם צו דערהויבען מיט אלע זייערע כחות. די ערשטע זאך ווי ער איז געווארען גאון אין פומבדיתא, האט ער געפאדערט, אז די פומבדיתא'ער ישיבה זאל אנהויבען צו בעקומען א גרעסערן חלק פון די הכנסות, וואס די ישיבות האבען געהאט אנשטאט, וואס ביז דאן פלעגט סורא בעקומען צוויי חלקים פון די הכנסות, און פומבדיתא נור איין חלק, האט ער געפאדערט, אז פומבדיתא זאל בעקומען א גלייכען חלק מיט סורא, טענה'ענדיג, אז אין פומבדיתא זענען ערשט פארהאן זעהר פיעל תלמידים און ס'איז איהר חשיבות נאך

איין דריטעל פון די הכנסות. עס האבען זיך אנגעהויבען גרויסע מחלוקת צווישען ביידע ישיבות, אבער לסוף האט מר כהן צדק אויסגעפיהרט, וואס ער האט פערלאנגט. סורא האט אלזא פערלוירען איהר חשיבות געגען פומבדיתא, און דאס איז געווען דער הויפט-ציעל פון מר כהן צדק. דאן האט ער אונטערגענומען זיין קאמפף געגען דעם ראש גלותא, וועלכער איז דאמאלס געווען מר עוקבא — א מענש מיט אן אראבישער בילדונג, וואס פלעגט אויך שרייבען אראבישע שירים. דער פומבדיתא'ער גאון האט געפאדערט, אז דאס רעכט צו בעשטימען דייתים און דער גאנ־צער לאנד כאראסאן, ווי אויך די דארטיגע הכנסות, זאלען געהערען איהם, ד. ה. דער גאונות פון פומבדיתא. מר עוקבא האט זיך נישט געוואלט אבזאגען פון זיינע בוז-אינצטיגע זכיות און האט זיך געווענדעט צום כאליף מיט א ביטע, צו שטיצען איהם. מר כהן צדק האט אבער גע־האט מעכטיגע פריינד אין באגדאד, וועלכע האבען געהאט אן איינפלוס אין הויף פון כאליף, דאס זענען געווען יוסף בן פנחס מיט זיין איי־דעם נטירא, וועלכע האבען גע'פועל'ט, אז דער כאליף אלמוקטא־דיר (932—968), אדער ריכטיגער, זיין גרויס-וויזיר אבן-פוראט (וויל דער כאליף פלעגט נור הוליען טאג און נאכט) האט אראבגעווארפען מר עוקבא'ן פון זיין נשיאות און פערטריבען איהם פון באגדאד. דער ראש גלותא האט זיך איבערגעצויגען קיין קערמאנשאך און מר כהן צדק איז צופריעדען געווען, וואס ער איז פטור געווארען פון א קאנ־קורענט. דער שוואכער גאון פון סורא, רב יעקב בר נטרונאי, האט זיך נישט דערוואויגען ארויסצוטרעטען מיט א פראטעסט געגען אזא שטארקער פערזעהנליכקייט, ווי כהן צדק איז געווען.

דערווייל האט זיך אבער פארגעשטעלט א גינסטיגער צופאל פאר'ן ראש גלותא ארויסצוטרעטען געגען מר כהן צדק. דער יונגער כאליף, וועלכער האט נור געטראכט וועגען זיינע פערגעניגענס, איז אין יענער צייט גראד אויך געקומען קיין קערמאנשאך, וואו די געגענד איז געווען אן אמת'ער גן-עדן און די פריהערדיגע כאליפען האבען דארט געהאט אויסגעבויט פרעכטיגע פאלאצען. אויף די שפאצירגענג פונ'ם יונגען כאליף, פלעגט איהם דער געוועזענער ראש גלותא, מר עוקבא, בעגריסען מיט אראבישע לידער, וועלכע זענען אזוי שטארק געפעלען געווארען דעם כאליפ'ס סעקרעטאר, אז ער האט אויף זיי אויפמערקזאם געמאכט דעם כאליף. די אראבער פלעגען אזוי הויך שעצען די פאעזיע, אז קיין כאליף, ווי לייכטזיניג ער זאל נישט האבען געווען, האט זיך נישט גע־קאנט ארויסווייזען גלייכגילטיג פאר זיי. אלמוקטאדיר האט דעריבער גע־לאזט איינלאדען צו זיך דעם געוועזענעם ראש גלותא און האט מיט איהם פערבראכט א לענגערע צייט; דער ראש גלותא האט ביי איהם אזוי אויסגענומען, אז ער האט ביי איהם געפרעגט, וואס פאר א חסד ער פערלאנגט פאר זיך. דער געוועזענער ראש גלותא, מר עוקבא, האט גע־

געשטאָרבן, אַז ער פֿערלאַנגט נור צוריק צו ווערען ראש גלותא. דער כאַליף האָט איהם דעם חסד געטהון. צו דער גרויסער פֿערוואונדערונג פֿון זיינע שונאים, איז מר עוקבא אַלזאָ באַלד צוריק געקומען קיין באַגדאַד, פֿון וואַנען ער איז געווען פֿערטריעבען אַ יאָהר לאַנג, און האָט ווידער פֿערנומען זיין פֿריהערדיגע שטעלע. די דיכטונגס-קונסט האָט איהם געראַטעוועט און דער טויט אָבער. מר כהן צדק מיט זיינע פּאַרטיי-לייט האָבען לאַנג נישט געקענט אויסצוניצען איהם זיין גליק. דורך שוחד און אינטריגעס און כאַליפֿ'ס הויף איז זיי געלונגען צו פּועל'ן, אַז מ'זאָל דעם ראש גלותא ווידער געבען דימוסיע און פֿערבאָטען וואוינען נישט בלויז אין באַגדאַד, נור אויך אין דער גאַנצער מדינה. מר עוקבא האָט געמוזט אויסוואַנדערן אין אַפֿריקאַ, קיין קאַירואַן, וועלכע איז געווען די הויפּטשטאָדט פֿון דער ניי-געגרינדעטער פֿאַטימידישער דינאַסטיע. דאָרט איז, ווי שוין דערמאָהנט, געווען דאַמאָלס אַ גרויסער חשוב און כאַליפֿ'ס הויף דאָקטאָר אחדישער מעדיקער און פֿילאָסאָף רבי יצחק הישראלי. מען האָט דאָרט־ בען אויפֿגענומען דעם ראש גלותא מיט גרויס כבוד, און די קאַירואַנער קהלה האָט איהם בעהאַנדעלט, ווי אַן אמת'ן ראש גלותא, אָבגעגעבען איהם דעמזעלביגען כבוד און שוהל, ווי דאָס איז פֿריהער געווען דער מנהג אין די בבל'ישע קהלות, וואו דער ראש גלותא האָט געוואוינט. אויך אַ הכנסה האָט מען איהם בעשטימט אַ גרויסע, און ער האָט גאַנץ פֿערגעסען אָן די רדיפות און דחקות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין זיין געבורטסלאַנד (919). דאָס איז שוין געווען דער צווייטער ראש גלותא, וועלכער איז געווען געצוואונגען אויסצוואַנדערן פֿון בבל קיין קאַירואַן.

דער פּומבדיתא'ער גאון, מר כהן צדק, האָט אייגענטליך גאָר געפֿיהרט זיין קאַמפּף נישט געגען מר עוקבא, נור געגען דער נשיאות פֿון ראש גלותא בכלל; איצט האָט ער דעריבער גוט אַכטונג געגעבען, אַז מען זאָל קיין אַנדער ראש גלותא שוין גאָר נישט בעשטימען, און די נשיאות איז דעריבער געבליעבען פֿיעל יאָהרען גאָר נישט פֿערנומען. די קהלות האָבען אָבער דורכאויס געוואָלט האָבען אַ ראש גלותא, ווייל זיי האָבען אין דער האַזיגער נשיאות געזעהען נאָך דעם לעצטען רעשט פֿון דוד המלך'ס הויז; זיי האָבען אַלזאָ אָנגעהויבען פֿאָדערן, אַז מען זאָל בעשטימען, אָדער אויסקלייבען אַ נייעם ראש גלותא. דאָס האָט צוגעגעבען מוט אויך דעם גאון פֿון סורא, אַז ער זאָל אַרויסטרעטען פֿון זיין פּאַסיווער ראָליע. מען האָט געפֿאָדערט דורכאויס, אַז מען זאָל בעשטימען פֿאַר אַ ראש גלותא דעם זוהן פֿון מר עוקבא'ס פֿעטער, דוד בן זכאי. אויך דער רייכער בן נטירא איז געווען אויף זיין צד, און דער גאַנצער בית דין פֿון דער ישיבה אין סורא האָט איהם אָנערקענט פֿאַר אַ ראש גלותא (921). מר כהן צדק מיט זיין בית דין האָבען זיך אָבער אָבגעזאָגט איהם אָנצואָנערקענען. דוד בן זכאי איז אָבער געווען

אויך אזוי ענערגיש און פעסט, ווי זיין געגנער און ער איז געוועזן ענטשיידען צו האלטען זיך ביי זיין רעכט אויף דער נשיאות און פערטיידיגען זיך געגען דעם גאון פון פומבדיתא. אויסנוצענדיג דאס פארצייטיגע רעכט פון ראש גלותא, צו בעשטימען א ראש ישיבה און א גאון, האט ער ערקלערט, אז מר כהן צדק איז דערוויטערט פון זיין שטעלע, און האט בעשטימט אנשטאט איהם אנ'אנדער פערזאן פאר א גאון, א תלמיד חכם מיט'ן נאמען רב מבשר. א טייל פון פומבדיתא'ער בית-דין האט פערלאזען דעם גאון מר כהן צדק און איז איבערגעגאנגען צו זיין געגנער. אין דער פומבדיתא'ער ישיבה זענען ווידער אויסגעבראכען טרויעריגע מחלוקת, וועלכע האבען שטארק געקרענקט די בעסערע און רוהיגערע אידען. די דאזיגע מחלוקת איז פון דער ישיבה איבערגעטראגען געווארען אויך אין די קהלות און האט זיך געצויגען צוויי יאהר.

אין בבל האט דאמאלס געלעבט א בלינדער איד, וועלכער איז געווען הויך בעליעבט און געשעצט אין אלע קהלות פאר זיין גרויסער פרומקייט; דאס איז געווען נסי פון נהרוואני. דעם דאזיגען אידען האט זעהר שטארק געקרענקט די מחלוקת צווישען אידען, און ער האט זיך ארייגעלעגט אינ'ם ענין און געבראכט צו א שלום. ער האט גע'פועל'ט ביים ראש גלותא, אז ער זאל אנערקענען צוריק מר כהן צדק פאר א גאון און מר כהן צדק האט אנערקענט דוד בן זכאי פאר א ראש גלותא. אזוי ארום איז גארנישט געווארען פון כהן צדק'ס פלאן צו מבטל מאכען די שטעלע פון ראש גלותא און ער האט נאך אויך דערלעבט, ווי עס איז אין זיינע יאהרען דערהויבען געווארען די ישיבה פון סורא און זי האט פערטונקעלט מיט איהר שיין די ישיבה אין פומבדיתא דורך א גרויסער פערזענליכקייט, וועלכע האט אריינגעבראכט אין דער ישיבה אויך די פאהן פון דער וויסנשאפט.

רב סעדיה גאון.

אין דער צייט, וואס אין דער קריסטליכער אייראפא איז מיט'ן אונטערגאנג פון די קאראלינגער אויסגעלאשען געווארען דער לעצטער פונק פון גייסטיגען לעבען און עס האט אנגעהויבען הערשען אלץ געדיכטער דער מיטעלאלטערליכער חושך, — דווקא אין יענער צייט האט עס אין די אידישע קרייזען אנגעהויבען ווערען ליכטיג. די קאטוילישע קירכע איז געווארען א היים און א צענטער פאר אונוויסענהען גלחים און ווילדען פאנאטיזם מיט בארבאריי, די אידישע שוהל האגעגען — א היים און א צענטער פאר דער וויסענשאפט און ציכטיג ריינע מדות. די קאטוילישע קירכע האט אין יענער צייט פערארטיילט אלערליי וויסענשאפטליכע שטרעבען פון די געצעהלטע בעסערע גלחים און געשילדערט דאס פאר'ן פאלק, ווי די מאכט פונ'ם שטן; אין דער אידישער וועלט האגעגען האָ

בען פון צענטען יאהרהונדערט און ווייטער די תלמידי חכמים און די פארשטעהער פון דער רעליגיע ארייננעבאכט צו זיך די וויסענשאפט און געווארען איהרע פרעדיגער און פערשפרייטער, בעמיהענדיג זיך צו ערציהען דאס פאלק און דערהויבען איהם אין וויסענשאפטליכען דענקען. אין א משך פון דריי יאהרהונדערט זענען ביי אידען די רבנים און תלמידי חכמים געווען די איינציגע טרעגער פון דער וויסענשאפט, וועלכע האבען געלעגט דעם טיעפען און פעסטען פונדאמענט פאר דער הויכער אידישער גייסטיגער וועלט. צוויי גרויסע לייט, איינער אין מזרח, דער אנדערער אין מערב — אין בבל און אין שפאניען — האבען זיך דאמאלס הערויסגעהויבען ביי אידען און געמאכט ביי זיי די וויסענשאפט היימיש: רב סעדיה גאון אין בבל און רב חסדאי דער מלוכה־מאן אין דעם אראבישען שפאניען. מיט זיי הויבט זיך אן א נייע עפאכע אין דער אידישער געשיכטע, וועלכע מען האט א נאמען געגעבען די וויסענשאפטליכע. זיי האבען אריינגעבראכט א נייעם פריהלינג אין אידישען לעבען און דענקען: עס האט אנגעהויבען גרינען און בליהען ביי אידען, פריש און פרעהליך, און אין הער רייגער לופט האבען אנגעהויבען קלינגען די יונגע הייליגע לידער פון די ערשטע זומער־פויגעלעך — די אידישע פאעזיע האט פון דאס ניי אויפגעלעבט. די דאמאליגע אידען האבען עס קוים בעמערקט, אז עס איז אבגעשטארבען א שטיק פון אידישען אלטערטום און געטראגען געווארען צו קבורה — די נשיאות פון ראש גלותא. דאס נייע לעבען איז מיט איהר גאנצער פרישקייט און מונטערקייט געקומען אזוי אונערווארטעט פאר אלעמען, אז מען האט דאס אלטע געשווינד פערגעסען. ווי דאס רעליגיעזע לעבען האט זיך מיט א יאהר ניין הונדערט פריהער אבגעריסען פון'ם מזבח מיט די קרבנות, אזוי האט עס זיך איצט אבגעריסען פון די בבל'ישע ישיבות; עס איז געווארען זעלבסטשטענדיג און האט אנגעהויבען בעשאפען נייע צענטרען: רב סעדיה גאון איז געווען דער לעצטער גרויסער פארשטעהער פון אידישען גייסטיגען לעבען אין די מזרח־לענדער, און רב חסדאי — דער ערשטער טרעגער פון הער אידישער קולטור אין די מערב־לענדער — אין איראפא.

רב סעדיה (אין אראביש: סעיד) בן יוסף פון דער שטאדט פאיום אין אויבער־עגיפטען (געבוירען 892, געשטארבען 942) איז געווען דער ערשטער בעגרינדער פון א אידישער וויסענשאפט צווישען די רבנ'ישע אידען (ס'הייסט: תלמוד'ישע) און דער ערשטער שעפער פון א רעליגיאנס־פילאסאפיע אין מיטעלאלטער. ער איז געווען א מענש פון אלזייטיגער קענטעניש, וועלכער האט איבערגענומען ביי די מחמד'אנער און קאראאימען פון זיין צייט דעם בילדונגס־שטאף און האט איהם פעראייניגט מיט די עלעמענטען פון תלמוד. אבער נאך פיעל וויכטיגער פון זיינע וויסענשאפטליכע אוצרות איז

זײַן אײגענע גאַנצע פּערזענליכקײט: זי איז געװען אײנגעזאַפּט מיט רעליגיעזען גײסט און טיעפער ערנסטקײט. ער איז געװען אַ פעסטער כאַראַקטער און האָט ער אײנמאָל אַנערקענט די ריכטיגקײט פון אַ ענין, האָט ער זי מיט ענערגיע און עקשנות דורכגעפיהרט אין לעבען.

רב סעדיה גאון איז געװען אױך אַזױ הײמיש אין דער ליטעראַטור פון די קאַראַאימען, װי אין תלמוד; אין בײדע פאַכען האָט ער געװאוסט פיעל בעסער, װי אַ װעלכער ס'איז תלמיד חכם אין זײַן צײַט. זײַענדיג נאָך אַ צװײ און צװאַנציג־יעהריגער יונגער מאַן, האָט ער שױן אָנגעהױבען מחבר זײַן אַ העברעאישען װערטער־בוך; צװײ יאָהר נאָכהעם איז ער אַרױסגעטראָטען מיט אַזאַ שאַרפען פּאָלעמישען ספר געגען די קאַראַאימען, אַז זײ האָבען נישט געקאָנט פערגעסען די קלעפּ, װאָס זײ האָבען פון איהם בעקומען נאָך הונדערטער יאָהרען שפּעטער. חעם גרינדער פון קאַראַאימערטום, ענן, האָט ער געשילדערט אַלס אַ מענטשען, װעלכער האָט געשטרעבט נאָך כבוד, אַ מענש, „װאָס האָט געהאַט זעהר פיעל חוצפה און גאַנץ װעניג יראת שמים“, און האָט אונטערגענומען דורכצופיהרען די שפּאַלטונג בײַ אידען נור צוליעב עקשנות.

זײַענדיג נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, האָט רב סעדיה גאון אונטערגענומען זיך מחבר צו זײַן אַ נײַע װערק, װאָס האָט געדאַרפט ברענגען פיעל נוצען דעם אידענטום און משך פון אַ גאַנץ לאַנגער צײַט. ביז זײַן צײַט האָבען די קאַראַאימען געהאַלטען אין אַ געװיסער מאָס אַ מאָנאָפּאָל אױפ'ן תנ"ך, און די תלמוד'יסטען האָבען איהם אינגאַנצען פערנאַכלעסיגט, װײל זײ האָבען צופרידענגעשטעלט זײערע רעליגיעזע בעדערפנישען בלױז מיט'ן תלמוד. צי װערט ערקלערט אַ פסוק אין חומש אַזױ, אָדער אַנדערש, צי דאַרף מען ערקלערען אַ װאָרט פון'ם נביא אין זײַן אײגענעם זין, אָדער בלױז אַלס אַ מליצה — איז פאַר זײ געװען גאַנץ גלײַכגילטיג. די קענטעניש פון דער העברעאישער גראַמאַטיק, אָדער די רעגעלן פון דער שפּראַך, װעלכע זענען דורכאױס נױטיג כדי צו קענען פערשטעהן דעם תנ"ך, װי אױך די טראַדיציאָנעלע איבערגעבונג, װי אַזױ מען ברױך צו שרײַבען און לעזען דעם טעקסט פון תנ"ך (די מסורה) — דאָס אַלץ איז פאַר די ראשי ישיבות מיט זײערע חברים און תלמידים געװען גאַנץ גלײַכגילטיג. זײ האָבען עס אָהן קנאה איבערגעלאָזען פאַר די קאַראַאימען, אַז זײ זאָלען זיך דערמיט אָפּגעבען, האַלטענדיג דעם גאַנצען ענין פאַר װעניג װיכטיג. די קאַראַאימען האָבען טאַקי בעאַרבײַט דאָס דאָזיגע געביעט מיט גרױסער איבערגעגעבענהײַט און ליעבע; עס איז געװעזען זײער גאװה און זײער כבוד, צו קאָנען גענױ ערקלערען יעדען פסוק, יעדעס װאָרט און יעדע נקודה אין תנ"ך. — און רב סעדיה'ס צײַט זענען בײַ די קאַראַאימען געװען בעריהמטע מדקדקים און בעלי מסורה, אָבער רב סעדיה

האָט וועניג וואָס געהאַלטען פון זיי און האָט אליין פערפאַסט א גרויסע העברעאישע גראַמאַטיק. כדי צו פערשפרייטען צווישען די תלמודישע אידען דעם תנ"ך, האָט ער איהם איבערגעזעצט אויף אַראַביש, דען די דאָזיגע שפראַך האָבען די אידען דאַמאָלס פערשטאַנען אין אלע לענדער פון אינדיען ביז שפּאַניען. צו דער איבערזעצונג האָט ער אויך צוגעגעבען פירושים לענגערע און קירצערע, ווי דער ענין האָט געפאָדערט.

זיין הויפט-צוועק איז דערביי געווען צו פערניכטען די טענות פון די קאַראאימען, וועלכע פלעגען דורך זייערע פירושים צום תנ"ך זיך בעמיהען צו דערווייזען, אַז דער תלמוד האָט נישט ריכטיג ערקלערט די תורה. דערביי האָט ער אָבער געהאַט נאָך איין ציעל: ער האָט געוואָלט ערקלערען די תורה אויף אַ נאַטירליכען אופן, כדי דאדורך צו ווירקען געגען די מיס-טיקער, וועלכע האָבען אריינגעטראָגען מאַטעריעלע בעגריפען וועגען גאָט אין דער תורה. שטיצענדיג זיך אויף פערשידענע אויסדריקען און מליצות, וואָס „פּאַסטען נור פאר אַ מעשענעם אויער". זיין הויפט-געדאנק איז דערביי געווען, אַז ניט דאָס געשריבענע וואָרט (ד. ה. די תורה און נביאים), נישט די טראַדיציע (די תורה שבעל פה, אדער אַ געהיימע לעהרע) דאַרפען און קאָנען זיין געגען דעם מענשליכען פערשטאַנד, און דאס, וואָס מען בעגעגענט יא אזעלכע שטעלען אדער אויסדרוקען, איז עס נאָר לפנים, אין דער ווירקליכקייט אָבער קאָן מען די אלע שטעלען פערשטעהען אויף א גאַנץ נאַטירליכען אופן. און אָט דאָס בעמיהט זיך רב סעדיה צו דערווייזען דורך זיין איבערזעצונג און זיינע פירושים.— די אראַבישע שפּראַך (סטיל), וועלכע ער האָט אָנגעווענדעט ביי דער איבערזעצונג, איז ריין און שען. רב סעדיה האָט די איבערזעצונג געשריבען אויך מיט אַראַבישע אותיות, וועהרענד געוועהנליך פלעגען די אידען דאַמאָלס שרייבען אראַביש מיט העברעאישע אותיות, דען ער האָט געהאָפט צו פערשפרייטען זיין איבערזעצונג אויך צווישען די אַראַבער, און אין דער ווירקליכקייט האָט ער צווישען די אַראַבער געהאַט פיעל לעזער. אין זיין פירוש צום ספר „בראשית" איז ער ווידער אָנגעפאַלען אויף די קראים און דאדורך דערוועקט צווישען זיי זעהר פיעל געגנער. ביז יענער צייט פלעגען די קאַראאימען תמיד אָנפאַלען אויפ'ן תלמוד און כמעט קיינמאָל נישט געפונען קיין שטאַרקען געגנער, וואָס זאָל זיי ענטפערען, אדער פיהרען מיט זיי א שאַרפע פּאָלעמיק, און עס איז פאַר זיי דעריבער געווען זעהר אַן אונאַנגענעהמע זאך צו זעהען, ווי צווישען די תלמודישע אידען איז פלוצלונג אויפגעטראָטען אזא שאַרפער געגנער, וועלכער קעמפט מיט זיי אויף שריט און טריט. צווישען די תלמודיסטען און קאַראאימען האָט זיך דעריבער אָנגעהויבען זעהר א שאַרפער קאַמף, וועלכער האָט געוועקט דעם אינטערעס צו דער וויסענשאַפט. רב סעדיה'ס הויפט-געגנער איז געווען דער קאַראַאים סלמון בן ירוחם.

אויך געבירטיג פון מצרים (געבוירען 885, געשטאָרבען 960) און האָט געלעבט אין ארץ ישראל. דער דאָזיגער קאַראַאים האָט זיך שטאַרק דערהויבען איבער דער מיטעלמעסיגקייט פון די קאַראַאימען פון זיין צייט און איז געווען אַ העפטיגע, גאַליגע נאַטור, וועלכע פלעגט זיין געוועהנט צו ענטפערן אויף וויסענשאַפטליכע פראַגען מיט זלזולים און כעסנות. ווען בן ירוחם האָט זיך דערוואוסט, אַז רב סעדיה פאַלט אָן שריפטליך און מונדליך אויף די קאַראַאימען און מאַכט אַן'איינדרוק אפילו אויך אויף די קאַראַאימישע קרייזען, דערוועקענדיג צווישען זיי אַ ספק אין דער ריכטיגקייט פון זייער תורה, איז ער אָנגעפאַלען אויף איהם מיט זיינע העברעאישע שריפטען מיט אַ געוואַלדיגען כעס און אין זיינע אַראַבישע שריפטען, וועלכע זענען בעזונדערס בעשטימט פאַר'ן המון, איז ער אָנגעפאַלען אויפ'ן תלמוד בכלל מיט מיאוס'ע גראָבקייטען און זידלעריי. אויב אָבער די קאַראַאימען האָבען גערעכענט, אַז אַזוי אַרום וועט עס זיי געלינגען צו צווינגען רב סעדיה צו שווייגען, האָבען זיי געהאַט אַ ביטערען טעות, דען רב סעדיה איז זיי קיינמאָל נישט געבליבען שולדיג קיין ענטפער און איז שטענדיג געווען „גרייט צום קאַמף“. — אַלע שריפטען, וועלכע רב סעדיה האָט אַרויסגעגעבען געגען די קאַראַאימען, זענען מיט דער צייט פערשוואונדען געוואָרען און מיר וויסען נור וועגען זיי, וויל זיי ווערען דערמאָנט אין אַנדערע ספרים שפּעטער. אויך פון זיינע ספרים וועגען דעם תלמוד זענען נישט פיעל געבליבען גאַנץ. צווישען די פערלוירענע ספרים זענען געווען: אַן'איינלייטונג צום תלמוד, אַ איבערזעצונג פון משניות אויף אַראַביש, מאמרים וועגען דיני ממונות און איסור והיתר, געשריבען אויף אַראַביש און אַנדערע. די דאָזיגע ספרים האָבען איהם געמאַכט זעהר בעריהמט אין אַפריקאַ און אַזיען; אויך אין בבל איז מען שוין געוואָרען זעהר אויפמערקזאַם אויף איהם און מען האָט בעשלאָסען אַראָבצוברענגען איהם אַהין.

אין יענער צייט איז די ישיבה פון סורא זעהר פעראָרימט געוואָרען גייסטיג, און ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז עס איז אפילו נישט געווען וועמען צו בעשטימען דאָרט פאַר אַ גאון. דער ראש גלותא דוד בן זכאי איז הערינבער געווען געצוואונגען צו בעשטימען פאַר אַ גאון אַ געוויסען וועבער מר יום טוב כהנא, וועלכער האָט כלל נישט געהערט צום בית-דין. דער דאָזיגער גאון איז אָבער צווי יאָהר נאָכדעם געשטאָרבען און, ווען עס האָט ווידער פערפעהלט אַ פערזאָן, וואָס מען זאָל קאָנען בעשטימען פאַר אַ גאון, האָט מר כהן צדק, דער גאון פון פומבדיתא, פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל די ישיבה אין סורא גאָר פערמאַכען, און די דאָרטיגע תלמידים זאָל מען אַריבערפיהרען קיין פומבדיתא און שטעלען זיי אונטער אַ בעזונדערן רבי'ן, וועלכער זאָל טראָגען דעם כבוד-טיטעל: „דער סורא'ער ראש ישיבה“. די דאָזיגע עצה איז אָבער קיינעם נישט גע-

פעלען, דען מען האט פשוט מורא געהאט צו טהון אזא שריט געגען א ישיבה, וואס רב האט געגרינדעט און רב אשי האט איהר בענייט. דער ראש גלותא האט דעריבער בעשלאסען, צו בעשטימען דארט א נייעם גאון. תחלת האט מען פארגעשלאגען די גאונות דעם בלינדען נסי נהורנאי, וועלכער איז זעהר בעריהמט געווען מיט זיין תורה און יראת שמים, אבער ער האט זיך אבגעזאגט פון אזא כבוד, ערקלערענדיג, אז „א ראש ישיבה איז די ליכטיגקייט פון דער וועלט, און ער איז די פינסטערקייט (בלינד) און דעריבער פאסט ער נישט פאר איהר". דאן האט דער ראש גלותא געפרעגט ביי איהם, וועמען ער זאל בעסער אויסקלייבען פאר א גאון, צי איינעם צמח בר שהין, אדער רב סעדיה. דערויף האט נסי געראטען, אז ער זאל בעסער בעשטימען צמח בר שהין, ווארום „כאטש אפילו רב סעדיה איז זעהר גרויס אין תורה און חכמה, האט ער אבער פאר קיינעם קיין מורא נישט און גיט קיינעם נישט צו ערקלערען א ענין, ווייל ער איז אליין צו־געלערנט און גאטספורטיג". ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען דערנאך, האט נסי זעהר גוט פאראויסגעזעהען די צוקונפט, דען ער האט געוואוסט, אז רב סעדיה וועט קיינעם נישט נאכגעבען, וועהרענד דוד בן זכאי דער ראש גלותא האט געשטרעבט צו כבוד און וועט געוויס פערלאנגען פון איהם אונטערטעניגקייט, און ממילא האט עס געמוזט ברענגען צו רייבונגען און מחלוקת. אין דער ווירקליכקייט האט דער ראש גלותא געוואלט בעשטימען רב סעדיה פאר א גאון אין סורא, כדי צו האבען אין איהם א שטארקע געגענגעוויכט געגען דער פערזענליכקייט פון דעם גאון פון פומבדיתא, מר כהן צדק. דוד בן זכאי האט דעריבער נישט געפאלגט די עצה פון נסי נהורנאי און בעשטימט פאר א גאון אין סורא רב סעדיה'ן, וועלכען ער האט באלד איינגעלאדען צו קומען פון מצרים (928). אינ'ם לעבען פון די ישיבות איז עס פארגעקומען צום ערשטען מאל אזא פאל, אז מען זאל מוזען בעשטימען פאר א גאון און ראש ישיבה א מענשען פון אויסלאנד, וועלכער האט נישט צוגעבראכט א רייהע פון יאהרען אין די ישיבות און זיך נישט דערהויבען פון מדרגה צו מדרגה לאנגזאם צווישען די תלמידי חכמים. דערצו נאך האט רב סעדיה ביז יענער צייט זיך אויסגעצייכענט מעהר מיט זיינע שריפטען געגען די קאראאימען, איידער מיט זיין לומדות אין תלמוד. מיט'ן בעשטימען רב סעדיה'ן פאר א ראש ישיבה און גאון, האט מען אין דער ישיבה אין א געוויכער מאס אנערקענט דאס רעכט פון דער פילאסאפישער וויסענשאפט און געשטעלט איהר גלייך מיט דער לומדות אין תלמוד. דער פארשוונגסנייסט, וועלכער איז ביז יענער צייט געווען אויסגעשלאסען פון דער ישיבה, האט זיך איצט אהין אריינגעצויגען מיט טריומף, האלטענדיג הויך זיין פאהן.

דורך זיין פערזענליכקייט און בעריהמטקייט האט רב סעדיה באלד

פערהויבען די ישיבה פון סורא אזוי, אז ער האט אפילו אויך פערשטעלט
דיזעם גרויסען כבוד פון דער פומבדיתא'ער ישיבה. די לעדיגע שטעלען
אינ'ם בית דין פון דער ישיבה האט רב סעדיה באלד בעזעצט דורך
חשובע לייט, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט דורך זייערע לומדות און
פעהיגקייט.

גרויס האט געמוזט זיין די אויפרעגונג פון רב סעדיה גאון, ווען ער איז
צום ערשטען מאל אריינגעקומען אין דער גרויסער ישיבה, וואו עס האָ־
בען געלערנט תורה רב און שפעטער רב אשי; אבער באלד האט רב
סעדיה זיך געמוזט איבערצייגען, אז פון דער פריהערדיגער גרויסקייט
איז איצט געבליעבען נור א שאטען, און אז די אלע הויכע כבוד־טיטו־
לען, ווי „גאון", „ראש ישיבה", „ראש גלותא" א. אז. וו. זענען בלויז
נעמען, אבער קיין אינהאלט האבען זיי שוין מעהר נישט: דאס ווערי־
מעל פון פילפול האט זיך אריינגעגנב'עט אין די פערצייטיגע תורה־
הייזער און האט אנגעהויבען דארט פיהרען זיין פערדערבליכע ארבייט.
אויך די נשיאות פון ראש הגולה איז שוין געווען אהן א אינערליכען
ווערט. קיין אפיציעלע בעדייטונג ביים הויף פון כאליף האט זי שוין
נישט געהאט, און זי האט זיך נאך געהאלטען דורך שוחד ביי די הויף־
לייט; דורכ'ן שוחד האט אפער תמיד געקאנט זיך דערהויבען גאר נישט
קיין געוואונשענע פערזאן אויך פאר א ראש גלותא; דורכ'ן שוחד האט
מען אויך לייכט געקאנט פועל זיין, אז די נשיאות זאל גאר בטל ווער־
רען, ווי דאס איז אין דער ווירקליכקייט פארגעקומען, בשעת דער
מחלוקת פון מר כהן צדק מיט מר עוקבא'ן. אויסערדעם האט מען גע־
ברויכט צו האבען אויף צו געבען שוחד פיעל געלד און דאס פלעגט
מען מוזען אויספרעסען ביים ארימען אידישען פאלק. עס האט אויך
פערפעהלט ביי די אידישע מנהיגים אמת'ע פרומקייט און אויפריכטיגע
ערליכקייט, וואס זאל האבען אין זיין נור דעם טובען פון אידענטום
און נישט די פערזענליכע אינטערעסען. איינמאל האט דער ראש גלותא
דוד בן זכאי געשיקט זיין זוהן צו די אידישע קהלות אין פרס אויפצו־
מאהנען ביי זיי די מתנות, וועלכע זיי פלעגען שיקען פאר'ן ראש גלותא.
ווען די קהלה פון האמאדאן האט זיך אבגעזאגט איהם צו געבען די
מתנות, האט ער מודיע געווען וועגען דעם זיין פאטער, וועלכער האט
זיי אריינגעלעגט אין חרם, מסר'ענדיג אויף זיי אויך ביים גרויסוויזיר
און ביים כאליף. דער כאליף האט דערפאר בעשטראפט די אידישע
קהלה מיט פיעל געלד לטובת זיין אייגענער קאסע. די גאונים פון די
ישיבות האבען געגען דעם אפילו נישט פראטעסטירט. אפילו רב סעדיה
גאון, וועלכער איז געווען שטארק אויפגערעגט דאדורך, האט נישט
פראטעסטירט, וויל ער איז נאר וואס ארויפגעשטיגען אויף זיין שטע־
לע און ער האט אויך געהאט פיעל שונאים, וועלכע האבען נור אבגע־
ווארט די געלעגענהייט, כדי אנצופאלען אויף איהם. דען נישט בלויז

מר כהן צדק איז געווען זיין נעגנער, פאַרוואָס ער האָט אזוי שטאַרק דערהויבען די ישיבה פון סורא, נור אויך אייער א געווסער יונגער־מאַן פון באַגדאַד, וועלכער איז געווען א גרויסער למדן און דערצו אַנ־עושר, מיט'ן נאָמען רבי אהרן (כלב) אן שארדזשאדו, וועל־כער האָט נישט געקאָנט זעהן גלייכגילטיג, ווי א פרעמדער איד איז געוואָרען גאון אין א בבל'ישער ישיבה, ווערהרענד אָן איהם האָט מען פערגעסען. רב סעדיה האָט אָבער לאַנג נישט געקאָנט בלייבען א גלייכגילטיגער צושויער, ווען מען האָט פאַר זיינע אויגען געטהון שאַ־דען די אידישע קהלות אין בבל. ווי נור ער האָט זיך דערשפירט פע־סטער אויף זיין שטעלע, און עס האָבען זיך נאָך געפונען אויך מענ־שען, וואָס האָבען איהם חושד געווען, אַז ער האַלט אויך מיט די שטאַרקע לייט און נעהמט אַנטייל אין זייערע מעשים רעים, איז ער אַרויסגעטרעטען מיט זיין גאַנצער ענערגיע און פעסטען כאַראַקטער.

אַן'אונבעדייטענדער צופאַל האָט אַרויסגעוויזען די גאַנצע פערדאָר־בענהייט פון די דאַמאָליגע אידישע אָנפיהרער. ביים ראש גלותא איז פאָרגעקומען א פראָצעס וועגען א ירושה, זעהר א רייכע. דער ראש גלותא האָט געמשפּט נישט גאַנץ כשר די זאַך, ווייל ער האָט בעקו־מען פון דעם ענין זעהר פיעל געלד פאַר זיך, נאָכדעם ווי ער האָט דעם פסק דין אַרויסגעגעבען, האָט ער איהם געשיקט צו ביידע גאונים, אַז זיי זאָלען איהם אונטערשרייבען, ווי דער מנהג איז געווען. דער אַלטער גאון פון פומבדיתא האָט אונטערגעשריבען, אָבער רב סעדיה'ן איז עפּעס דער ענין פאָרגעקומען נישט קיין גאַנץ כשר'ער, און ער האָט זיך אָבגעזאָגט אונטערצושרייבען. די פאַרטייען האָבען אָנגעהויבען בעטען ביי איהם, אַז ער זאָל זיי ערקלערען, פאַרוואָס ער וויל נישט אונטערשריי־בען, רב סעדיה האָט זיי דאָס נישט געוואָלט ענטדעקען; ווען אָבער זיי זענען צו איהם צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל זיין מאָטיוו אָנווייזען, האָט ער זיי ערקלערט די זאַך, אָנווייזענדיג, וואו די אונגערעכטיגקייט שטעקט. די פאַרטייען האָבען די זאַך מודיע געווען דעם ראש גלותא, וועלכער האָט באַלד געשיקט זיין זוהן יהודה מיט א בעפעהל צו רב סעדיה'ן, אַז ער זאָל דעם פסק-דין אונטערשרייבען. רב סעדיה גאון האָט דערויף געענטפערט דעם ראש גלותא'ס זוהן: „געה זאָג דיין פאָטער, אַז עס שטעהט אין דער תורה: „איהר זאָלט קיינעם נישט חנפ'ענען אין משפט". דער ראש גלותא האָט אָבער צום צווייטען מאָל געשיקט זיין זוהן מיט א בעפעהל: „שרייב אונטער די דאָקומענטען, און מאַך זיך נישט צום נאַרען". דעם ראש גלותא'ס זוהן האָט איבערגעגעבען זיין פאָטער'ס בעפעהל אין א לייכטערער פאָרם, כדי נישט צו ברענגען צו א מחלוקת, אָבער ווען רב סעדיה האָט זיך ווידער אָבגעזאָגט אונ־טערצושרייבען, האָט ער אויסגערופען מיט כעס: „אויב איהר וועט נישט אונטערשרייבען, ווי דער טאַטע האָט געהייסען, וועל איך איך

געבען אין באק!" ווי נור דער יונגער מאן האט דאס ארויסגערעדט, האבען די ארומיגע מענשען איהם געחאפט און ארויסגעווארפען. דער יונגער מאן איז געקומען צוריק א פערוויינטער צום פאטער און דערצעהלט, אז מען האט איהם ביים סורא'ער גאון ארויסגעטריבען. דער ראש גלותא, דוד בן זכאי, האט זיך דערשפירט בעליידיגט און האט אראבגעזעצט רב סעדיה'ן פון זיין שטעלע, ארייגגעלעגט איהם אין חרם און בעשטימט א יונגען מאן אויף זיין ארט, איינעם רב יוסף בן יעקב בר סטיה, וועלכער איז געגען רב. סעדיה'ן געווען א חדר-אינגעל. רב סעדיה האט זיך אבער כלל נישט דערשראקען און, ארייגלעגענדיג אין חרם דעם ראש גלותא, האט ער איהם אראבגעזעצט פון זיין שטעלע און ערקלערט פאר א ראש גלותא זיינעם א ברודער רב יאשיה חסן (930). באלד האבען זיך די בבל'ישע אידען צוטיילט אויף צוויי פארטייען: טייל האבען זיך געשטעלט אויף רב סעדיה'ס צד, און טייל אויפ'ן צד פון דוד בן זכאי. מיט רב סעדיה'ן האבען געהאלטען אלע מיטגלידער פון בית דין אין סורא, ווי אויך פיעל אנגעזעהענע און געלעהרטע אידען אין באגדאד, צווישען וועלכע עס זענען אויך געווען די זיהן פון נטירא, וועלכע האבען געירש'ענט דעם גאנצען איינפלוס פון זייער פאטער. צווישען רב סעדיה'ס געגנער זענען געווען דער דערמאהנטער אהרן (כלב), וועלכער האט אליין געוואלט ווערען ראש ישיבה און, ווי עס שיינט, אויך מר כהן צדק, מיט זיין בית דין. ביידע פארטייען האבען זיך געווענדעט צום כאליף אלמוקטאדיר און אויך אונטערגעקויפט מיט פיעל געלד זיינע שרים. אהרן (כלב) האט זיך געלאזט קאסטען צעהן טויזענד דינרין, אז רב סעדיה זאל דערווייטערט ווערען פון סורא. דער כאליף האט געוואלט אויסהערען ביידע פארטייען און איינגעלאדען זיי צו זיך צום משפט אין באגדאד, וואו דער פארזיצענדער האט געדארפט זיין דער גרויסוויזיר עלי אבן איזא און די שופטים האבען געזאלט זיין די גרעסטע שרים פון דער מלוכה. די צייט (930—932) איז אבער דאמאלס כלל נישט געווען גינסטיג פאר אזא משפט, ווייל אין דער רעגירונג האט געהערשט אנ'אמת'ע אנארכיע און אלע ווייליע פלעגען זיך בייטען די גרויסוויזירען. רב סעדיה איז דערווייל געווען גאון, אבער אויך א געגען-גאון איז געווען אויף זיין שטעלע; אויך ראשי גלותא זענען געווען צוויי: דוד בן זכאי און זיין ברודער.

ערשט ווען מען האט דעם כאליף דער'הרג'עט בשעת אנ'אויפשטאנד און כאליף איז געווארען אנ'ארימער מאן קאהיר, וועלכער האט אפילו נישט געהאט קיין קליידער אויפצונעהמען זיינע אונטערטאנען, ווען זיי זענען איהם געקומען בעגריסען, האט מנצח געווען יענע פארטיי, וועלכע האט געקאנט געבען דעם סולטאן (כאליף) מעהר געלד. רב סעדיה'ן איז פארבאטען געווארען (933) צו זיין גאון; דער ראש גלותא רב יאשיה חסן איז פערטריבען געווארען קיין כאראסאן, וואו

ער איז שפעטער געשטארבען. רב סעדיה האט געלעבט נאכדעם פיער יאהר לאנג (933—937) אלס פריוואטער מענש אין באגדאד. פון די גרויסע מחלוקת און עגמת נפש, איז ער אריינגעפאלען אין מרה שחורה, אבער זיין גייסט איז דאדורך נישט פערפינסטערט געווארען. גראד אין דער צייט האט ער געשריבען זיינע בעסטע ווערק. זיין העכסטע אריגינעלע שאפונג איז אבער געווען א פילאזאפישע ארבייט אין אראביש „ווענען אמונות און דעות" און א פירוש אויפ'ן „ספר יצירה". רב סעדיה איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט אויפגעשטעלט א פולשטענדיגע פילאזאפיש-רעליגיעזע סיסטעם אין אלע זיינע פרטים און חלקים. זיין ווערק „וועגען אמונות און דעות" האט ער מחבר געווען (934), כדי אויפצוקלערען די מענשען פון זיין צייט וועגען דער נישט ריכטיגקייט פון געוויסע אנשויאונגען וועגען אידענטום און זיין בעדייטונג, און אבצווענדען זיי פון איין זייט פון יענע, וועלכע האבען ערנידעריגט דאס אידענטום צו דער ערד דורך זייערע ספקות און אונגלויבען, אדער דורכ'ן גאנצען אבליקענען, און פון דער אנדער זייט, געגען דער נאריש-גלויבענדער מאסע, וואס האלט יעדעם נאכדענקען וועגען דער רעליגיע פאר אן אפיקורסות. „מיין הארץ איז בעטריבט — זאגט רב סעדיה אין דער הקדמה — איבער די אונפערשטענדיגע מענשען פון מיין פאלק, וועלכע האבען נישט קיין קלארען בעגריף וועגען זייער אמונה. איינציגע לייקענען אב דעם אמת, וועלכער איז קלאר ווי די זון און בעריהמען זיך נאך דערמיט; די אנדערע זענען פערזונקען אין א ים פון ספקות און די חוואליעס פונ'ם טועות בעשוועמען איבער זייער קאפ, און עס איז נישטא קיין געניטער שווימער, וועלכער זאל זיי פעסטהאלטען און ארויסציהען פון אבגרונד. און וויל גאט'ס גנאד האט מיך בעשאנקען מיט עטוואס, דורך וואס איך קאן זיי זיין נוצליך, האלט איך פאר מיין הייליגען חוב צו לערנען מיט זיי און פיהרען זיי אויפ'ן ריכטיגען וועג. — און אויב עמיצער וועט פרעגען: ווי אזוי זאלען מיר אונז דורכ'ן פילאזאפישען דענקען דערהויבען צום אמת'ן גלויבען, ווען עס זענען פאראן פיעל, וואס האלטען דאס גופא פאר אן'אפיקורסות און אונגלויבען? — ענטפער איך דערויף: אזוי רעדען נור די טעמפע מחות; יענע, וועלכע גלויבען, אז אלע וואס קומען קיין אינדיען, ווערען עשירים, אדער דאס א לקוי לבנה שטאמט דערפון, וואס א שלאנג שלינגט איין די לבנה, און נאך ענליכע טפשות. אזעלכע שוטים דארף מען בכלל נישט הערען. ווען אבער עמיצער וועט מיר ארויסשטעלען דעם מאמר פון תלמוד, וועלכער שקלערט: „ווער עס דענקט נאך וועגען דעם, וואס איז אויבען און אונטען, פון פאראנט און פון הינטען, (דאס הייסט: וועגען ארט און צייט.), איז נישט ווערט צו לעבען אויף דער וועלט". — יענעם וועל איך ענטפערן: עס איז אוממעגליך, אז דער תלמוד זאל האבען פערבאטען דאס ריכטיגע דענקען, ווען די תורה גופא האט

דאָס איינע געהייסען טהון".

די פילאָסאָפיע פון רב סעדיה גאון שטיצט זיך איינגאַנצען אויף דער אמונה, און זי בעמיהט זיך צו בעגרינדען מיט לאָגישע בעווייזען די ענינים, וואָס אַ איד מוז גלויבען. אַזעלכע לאָגישע בעווייזען האָט ער אָנגענומען דריי: דאָס פיהלען די ענינים דורך אונזערע חושים, דאָס פערשטעהן זיין אונמיטעלבאַר מיט'ן שכל, אַלס אַקסיאָמען, און דער נויטהווענדיגער לאָגישער בעשלוס, וועלכער שטאַמט פון עקספּערימענטאַלען נאָכדענקען (ס'הייסט: ווען מען בעלייכט מיט'ן שכל דאָס, וואָס מען שפירט מיט די חושים). דאָס אידענטום — בעטאָנט רב סעדיה גאון — שטעהט בשום אופן נישט אין קיין סתירה מיט'ן פילאָסאָפישען פערשטאַנד. דעם המון מיט'ן טעמפּען מוח, וועלכער האָט נישט קיין איינענע געדאַנקען אין קאָפּ, בעמיהט ער זיך צו ערקלערען, אַז אַלץ וואָס איז צו-ווידער דעם פערשטאַנד, יעדער אַבערגלויבען, ווי, למשל, דער נאַרישער גלויבען, אַז די נשמה פון'ם מענשען ווערט מגולגל אין אַ חיה און דערגלייכען — אַט דאָס שטעקט נישט אין אידענטום און איז געגען זיין גייסט; דעם פילאָסאָפיש געבילדעטען סקעפּטיקער (צווייפלער) וויל ער דאַגעגען איבערציינען, אַז אידענטום און פערשטאַנד זענען זיך כלל נישט סותר איינער דעם אַנדערן.

די אפיקורסות איז אין דער ווירקליכקייט אין די מזרח-לענדער אין יענער צייט אַזוי פערשפּרייט געוואָרען, צוליעב דעם, וואָס מען האָט אַריינגעבראַכט די לעהרע פון די מוטאַזיליען אין די פילאָסאָפישע שו־לען, אַז אַן אַראַבישער דיכטער האָט אין רב סעדיה גאונ'ס צייט גע־קאָנט אויסרופען: „מחמד'אַנער, אידען, קריסטען, מאַגיער זענען אַלע פערזונקען אין שענדליכע אפיקורסות. די וועלט האָט איצט נור צוויי־ערליי מינים מענשען: איינינע האָבען פערשטאַנד, אָבער זיי גלויבען נישט; די אַנדערע גלויבען, אָבער האָבען קיין פערשטאַנד נישט". — עס איז דאַמאָלס בכלל געווען אַ צייט פון אויפלעבונג, און ביי די אידען האָט מען תחלת אָנגעהויבען אַריינוואַרפען אַ ספק אין דער ריכטיגקייט פון די פסוקים, וואָס די גאונים פלעגען אַרויסגעבען; געענדיגט האָט מען אָבער מיט'ן אָבלייקענען אויך, אַז די תורה שטאַמט פון הימעל, און אַז גאָט האָט זיך בעוויזען צו די אידען אויפ'ן באַרג סיני. צווישען די כופרים (לייקענער) פון יענער צייט איז געשטאַנען אויך איינער פון די בעוואָ־סטע תלמיד-אידען חוי אלבאלכי פון באַקטריען (טורקעסטאַן) וועלכער האָט אָנגעשריבען אַ בוך געגען דעם תנ"ך און געגען גאָט'ס ענטפּלעקונג צו די אידען אויפ'ן באַרג סיני, אַרויסשטעלענדיג געגען דעם צוויי הונדערט טענות. איינינע פון די דאָזיגע טענות זענען ענליך צו יענע, וועלכע עס שטעלען נאָך אַרויס עד היום די אָנפאַלער אויפ'ן תנ"ך. און אַט דערייבער האָט רב סעדיה זיך בעמיהט צו בווייזען ווין פי־

לאסאפיש סיסטעם דוקא אויף דער אמונה, אין וועלכע מען האט דאמאלס געלייקענט.

אנערקענענדיג דורך דער פילאסאפישער בעטראכטונג, אז גאט איז דער שעפער פון דער וועלט, ערקלערט ווייטער רב סעדיה, אז דער שעפער קאן זיין נור אבסאלוט איינער; אלס וועלט-שעפער מוז גאט האבען דריי אייגענשאפטען: ער לעבט איביג, ער וויסט אלץ און איז אלמעכטיג. די דאזיגע דריי אייגענשאפטען דארף מען זיך אבער ניט דענקען, אלס דריי בעזונדערע כחות, נור אלס איין איינציגען בעגריף: גאט.

ווען דער מענש הויבט אן צו ערקענען גאט דורך זיין אייגענעם דענקען, מוז ער איהם אויך ליעבען און פערעהרען און, ממילא, אויך ערפילען אלע זיינע געבאטען אין טיעפער ערגעבענהייט און הכנעה. דאס איז אייגענטליך א נאטירליכער געפיהל אין'ם מענשען, און דערין שטעקט אויך דער קוואל פון דער רעליגיע. גאט'ס געבאטען זענען אזוי פערשטענדיג און נויטווענדיג, אז דער מענש וואלט מיט זיין אייגענעם פערשטאנד אויך געקומען צו זיי, נישט מעהר דאס וואלט געדויערט זעהר פיעל צייט, און אט כדי די מענשהייט זאל נישט פערפרעטען פיעל יאהרען, איידער זי וועט עס אליין ענטדעקען און פיהרען דערווייל א פערברעכעריש לעבען, האט גאט מיט זיין חסד אליין געגעבען דעם מענשען זיינע געבאטען.

די נביאים הייסט גאט פאראויסזאגען געוויסע וואנדערליכע מעשים (מופתים), וועלכע ער פערווירקליכט דערנאך, כדי דאדורך צו דערוויזען, אז ער האט די נביאים געשיקט. דער נביא צייכענט זיך אויס מיט אלע שענסטע מעלות, וואס א מענש קאן האבען, ער מוז אבער אויך האבען די מענשליכע שוואכקייטען, ווייל אנדערש וואלט ער נישט קאנען מיטפיהלען מיט'ן מענשען און זיינע שוואכקייטען, און ווידער: ווען גאט וואלט געשיקט צו די מענשען נישט קיין מענשען פון זייער גלייכען, נור מלאכים, וואלט מען זייערע מופתים אנגענומען נישט פאר א גאט-זאך, נור פאר זייערע אייגענע מעשים. אבער נישט דורך מופתים אליין לאזט זיך א נביא דערקענען, נור דורכ'ן אינהאלט פון זיין שליחות, וועלכע מוז טראגען דעם שטעמפעל פון דער געטליכקייט.

א גרויסער טייל פון די מצוות פון דער תורה זענען גאנץ פערשטענדליך פאר'ן מענשען, דאס זיינען שכל-מצוות; עס זענען אבער אויך פאראן פיעל מצוות, וואס זענען געבאטען געווארען דעם מענשען, נור כדי צו ערציהען איהם, צו לערנען איהם געהארכען און פאלגען גאט, דאס זענען פאלג-מצוות. אין דער ווירקליכקייט קאן מען אויך פאר אט די מצוות געפינען א הויכען פערשטענדליכען מאטיוו, מען דארף נור גוט אריינטראכטען אין דער זאך...

געשטיצט אויפ'ן פילאסאפישען דענקען און אויף דער אמונה און

געטליכקייט פון דער תורה, שטעלט אויף רב סעדיה א הויכע מאראלישע סיסטעם, וועלכע איז די קרוין פון זיין גאנצער לעהרע. דורכ'ן לעבען דעם אמת און ערפילען די מצוות דערגרייכט דער מענש צו יענער הויכער מדרגה, וועלכע גאט האט פאר איהם געשטעלט, כדי צו פיהרען איהם צום גליק און צו דער העכסטער פאלקאמענהייט.

דורך א פרומען לעבען ווערט די נשמה פונ'ם מענשען געלייטערט, זי ווערט קלאר, ריין, ליכטיג און דערהויבען; דורך א זינדיג לעבען ווערט די נשמה פערפלעקט, זי ערניעדריגט זיך צו דער ערד און זינקט אין שמוץ. א געוועהנליך מענשען-אויג איז, נאטירליך, נישט פעהיג, צו זעהען, ווי אזוי א נשמה קען דורך מאטעריעלע מעשים בעפלעקט אדער בע'חנ'ט ווערען. פאר'ן דענקענדען מענשען איז אבער די זאך קלאר.

אין דער וועלט הערשט די העכסטע געטליכע גערעכטיגקייט, און דעריבער מוזען בעלוינט ווערען די, וועלכע זעצען זיך מוסר נפש פאר אלץ, וואס גוט און ערהאבען איז. דאגעגען די, וועלכע, שטרעבענדיג צו זייער כלומר'שטן [illegible], בעגעהען דערביי פערברעכערישע מעשים, מוזען בעשטראפט ווערען. אבער דאס איז א ענין פון דער העכערער וועלט-הארמאניע, וועלכע ווערט ערשט פאלקאמען אין די העכערע וועלטען — אדער ווי מען רופט עס: אין עולם הבא. דער טויט מוז דעריבער בעטראכט ווערען בלויז אנ'איבערגאנג צו א בעסערער וועלט, אין וועלכער עס הערשט די הויכע הארמאניע, און וועלכער די געלייטערטע, ריינע נשמות דערהויבען זיך אלץ העכער און העכער, דערגרייכענדיג דאדורך דאס העכסטע גליק; די זינדיגע און בעפלעקטע דאגעגען — זינקען צו דער ערד, וועהרענד עס ציהט זיי צו דער הויך און דאס פערשאפט זיי גרויסע יסורים. די העכסטע בעלוינונג פאר די געלייטערטע נשמות וועט אבער זיין — דאס אויפלעבען צוריק. אזוי ארום קומט רב סעדיה צו דער אמונה אין תחית המתים, וועלכע ער זעהט אין דער פארמע, ווי דאס ווערט געשילדערט אין תלמוד און מדרשים.

פון תחית-המתים קומט רב סעדיה צו משיח'ס-צייט, וועלכע וועט זיין די גליקליכסטע צייט אויף דער ערד, און אויך די פעלקער (די גוים) וועלען קאנען טיילנעהמען אין יענער גליקליכער צייט, אויב נור זיי האבען זיך בעצויגען אהן רציחה צום אידישען פאלק.

וועגען דעם עולם-הבא מיט אלע זיינע גליקזעליגקייטען געפינען מיר ביי רב סעדיה גאון פיעל פרטים, וועלכע דערווייזען, אז ער האט געהאט זעהר א רייכע פאנטאזיע... מיר בעגעגענען זיך דא מיט'ן שוואכסטען טייל פון זיין סיסטעם.

מען קען, נאטירליך, נישט פאדערן פון א פילאסאפישען רעליגיאנס-סיסטעם, וועלכע איז אויפגעשטעלט געווארען מיט טויזענד יאהר צוריק, אז עס זאל זיין אינגאנצען ראציאנעל. רב סעדיה'ס פערדינסט בעשטעהט אבער אין דער מאראלישער און קולטורעלער בעדייטונג פון זיין סיסטעם.

זיין מאָראַלישער ווערט איז בעזונדערס הויך דאָדורך, וואָס ער האָט פאַר־שטאַנדליך, מיט שכל אליין ערקלערט די בעדייטונג פון די מצוות און פון דער זינד; און קולטורעלער בעציהונג איז זעהר וויכטיג די התחלה, וואָס ער האָט געמאַכט, צו פעראייניגען די רעליגיע מיט דער פילאָסאָפיע, צו געבען דער בלינדער אמונה אַ פילאָסאָפישען באָדען, און דאָדורך צו לערנען דעם מענשען דענקען. פיעל גאונים און רבנים האָבען נאָך איהם פערגרעסערט און דערווייטערט דעם וועג, וועלכען ער האָט דער ערשטער דורכגעלעגט, און די פילאָסאָפישע ערקלערונג פון דער רעליגיע (ראַציאָנאַליזמוס) האָט אָנגעהויבען פערנעהמען אַן'אָנגעזעהענעם אָרט אין די ישיבות פון בבל, אַפריקאַ און שפּאַניען, אַזוי אַז דאָס איז שיער ניט געוואָרען אַ מאָדע־זאַך. רב סעדיה'ס התחלה איז געוועזען זעהר אַ גליקליכע: איהר ווירקונג ציהט זיך נאָך עד היום. אויך די מתמד'אנישע דענקער זענען „צום אידישען גלויבען־לעהרער און חדר געגאַנגען"; זיי האָבען רב סעדיה'ס ספרים ערנסט שטודירט און געשטעלט זיין דענקען העכער הויך.

און אין דער צייט, וואָס רב סעדיה גאון האָט מיט זיין גייסט אַרומ־געשוועבט אין די הויכע וועלטען, איז ער נאָך אַלץ געוועזען אַ מוחרם דורכ'ן ראש גלותא. די אומשטענדען האָבען זיך אָבער דערווייל געענ־דערט. אַנשטאָט דעם געלד־ליעבענדען כאַליף קאַהיר, וועלכער האָט פאַר געלד דערווייטערט רב סעדיה'ן פון דער סורא'ער ישיבה, איז אַרויפ־געשטיגען אויפ'ן טראָהן דער כאַליף אַלראַדהי — אַ גערעכטער מענש, וואָס האָט ליעב געהאַט דעם אמת. גרויסוויזיר איז געוואָרען ווידער עלי־אבן־עיזאַ, וועלכער איז געוועזען פריינדליך געשטימט פאַר רב סעדיה גאון. דער פומבדיתא'ער גאון מר כהן צדק, וועלכער האָט געהאַלטען מיט'ן ראש גלותא דוד בן זכאי, איז דערווייל געשטאָרבען (936) און דער גאון, וואָס איז געוועזען נאָך איהם, איז געוועזען אַ שטילער מענש. און די קהלות האָבען זיך געלאָזט הערען אַלץ מעהר שטימען לטובת רב סעדיה. און דעריבער, ווען עס איז ווידער פאָרגעקומען איינ־מאָל אַ גרויסער פּראָצעס (אַ משפט) האָט איינער צד אויסגעקליבען פאַר אַ דיין רב סעדיה'ן, ווערהרענד דער אַנדערער — זיין שונא, דעם ראש גלותא דוד בן זכאי. דער לעצטער איז דערויף אַזוי בייז געוואָרען, אַז ער האָט בעפוילען צו שלאָגען דעם מענשען, וועלכער האָט זיך ערלויבט איינצולאַדען רב סעדיה'ן פאַר אַ דיין; דער געשלאָגענער איז אָבער כלל ניט געוועזען פון'ם קאָנג, ווייל דער ראש גלותא איז געוועזען דער איינציגער ריכטער, און ער האָט געהאַט פאָלקאָמע רעכט אויסצוקלייבען פאַר אַ דיין אַ פּערזאָן, וואָס ער וויל. ער האָט דעריבער געמאַכט אַ גרוי־סען ליאַרם געגען דעם דעספּאָטיזם און אונגערעכטיגקייט פון'ם ראש גלותא. ענדליך האָבען זיך פערזאַמעלט פיעל חשוב'ע מענשען פון דער שטאָדטישער קהלה און געזומען זיך בעראַטען, ווי אַזוי צו מאַכען אַ סוף

מיט דער מחלוקת צװישען דעם ראש גלותא מיט'ן גאון רב סעדיה — אַ מחלוקת, װאָס האָט געבראַכט צו אונגערעכטע מעשים און צו „חלול השם". די שלום־פֿערמיטלער זענען אַװעקגעגאַנגען צו אײנעם פֿון די אָנגעזעהענסטע לײט פֿון יענער געמײנדע, כשר בן אהרן, דעם שװאָגער פֿון אהרן אבן שאַרדשאַדי, װעלכער איז געװען דער הױפּטגעגנער פֿון רב סעדיה. און זײ האָבען איהם אָנגעװיזען װיפֿיעל שאָדען די מחלוקת האָט געבראַכט און װי די קהלה האָט זיך צעטײלט אױף צװײ קעמפֿפֿענדע צדדים. כשר האָט אױפ'ן שלום אײנגעשטימט און גע'פּועל'ט דאָס אױך בײ זײן אײדעם. דערנאָך זענען זײ געגאַנגען צום גאון און צום ראש גלותא און אַזױ לאַנג מיט זײ גע'טענה'ט, ביז זײ האָבען אײנגעשטימט אױף אַ שלום. דאָס שלום־װערען איז געװען אַזאַ רײנהערציגער, אַז דער ראש גלותא האָט אײנגעלאַדען צו זיך פֿאַר אַ גאַסט רב סעדיה'ן און האָט איהם געהאַלטען בײ זיך אין דערהײם עטליכע טעג; דערנאָך האָט ער איהם צוריק בעשטימט פֿאַר אַ גאון אין סורא און אַרױפֿגעפֿיהרט אױף דער שטעלע מיט גרױס כבוד. דער גאון יוסף בר סטיא, װעלכען דער ראש גלותא האָט געהאַט בעשטימט, איז דערװײטערט געװאָרען פֿון זײן שטעלע, אָבער זײן געהאַלט האָט מען איהם געשיקט אַהײם, װי פֿריהער.

די ישיבה פֿון סורא איז װידער חערהױבען געװאָרען, און פֿון אַלע לענדער, סײ פֿון בבל, סײ פֿון אױסלאַנד, האָבען די קהלות אָנגעהױבען שיקען זײערע „שאלות" קײן סורא, אױף װעלכע רב סעדיה פֿלעגט צו ענטפֿערן. די „תשובות" פֿון רב סעדיה זענען געװען זעהר פֿיעל; טײל פֿון זײ האָט ער געשריבען אין העברעאיש, טײל — אין אַראַביש. פֿיעל פֿון זײ זענען נאָך געבליבען גאַנץ עד היום. רב סעדיה'ס גרױסמוטהיגקײט האָט זיך אַרױסגעװיזען אין זײן בעציהונג צו דער משפחה פֿון זײן פֿריהערדיגען געגנער דוד בן זכאי; דען װען דוד בן זכאי איז געשטאָרבען (940). האָט רב סעדיה בעשטימט פֿאַר אַ ראש גלותא זײן זוהן יהודה, װעלכער איז אָבער זיבען חדשים נאָכדעם געשטאָרבען, איבערלאַזענדיג אַ 12־יעהריגען זוהן, און אַט האָט רב סעדיה בעשטימט פֿאַר אַ ראש גלותא דעם דאָזיגען אײניקעל. ער האָט איהם אַרײנגענומען צו זיך אין שטוב, געלערנט מיט איהם תורה און געװען צו איהם װי אַ פֿאָטער. די שטעלע פֿונ'ם ראש גלותא האָט דערװײל פֿערנומען דוד בן זכאי'ס אַ קרוב, װעלכער האָט געװאױנט אין נציבין. װי נור אָבער ער האָט די שטעלע פֿערנומען, האָט זיך געמאַכט אַ מחלוקת צװישען איהם און אַנ'אַנדער; עס זענען אַרױסגעטרעטען אַראַבישע פֿאַלשע עדות, װאָס האָבען געזאָגט, אַז ער האָט געלעסטערט מחמד'ן, און מען האָט איהם דערפֿאַר בעשטראָפֿט מיט'ן טױט. װען רב סעדיה האָט ענדליך ערצױגען דוד בן זכאי'ס אײניקעל און האָט איהם געװאָלט אַרױפֿזעצען אױפ'ן שטוהל פֿון ראש גלותא, זענען געגען איהם אַרױסגעטרעטען די מחמד'אַנישע פֿאַנאַטיקער. די אָנגעזעהענע מחמד'אַנער און דער המון

האָבען בעשלאָסען, צו דער'הרג'ענען דעם ראש גלותא, ווען ער וועט פאָהרען אין די גאַסען אין זיין קאַרעטע, דען זיי האָבען געוואָלט פערניכטען דעם לעצטען שאָטען פון פירשטליכער מאַכט ביי די אידען. אומזיסט האָט דער כאַליף זיך בעמיהט אָבצוהאַלטען די פאַנאַטיקער פון זייער בעז שלום; דעם לעצטען ראש גלותא האָט מען דער'הרג'עט, און די פערטרעטער פון אידענטום האָבען בעשלאָסען ניט צו בעשטימען מעהר קיין נייען ראש גלותא, כדי ניט צו דערוועקען דעם פאַנאַטיזם און די שנאה פון דער מחמד'אַנישער בעפעלקערונג. אַזוי אַרום איז אויסגעלאָשען געוואָרען די נשיאות פון א ראש גלותא, וועלכע האָט זיך געהאַלטען העכער זיבען הונדערט יאָהר און איז, שטעהענדיג אין שפיץ פון אידענטום, געווען די פערוויררקליכונג פון א מין פאָליטישער אידישער זעלבסטשטענדיגקייט. ווי די נשיאות אין ארץ ישראל איז אונטערגעגאַנגען דורך די אונדולדזאַמקייט פון די ביזאַנטינישע קיסרים, אַזוי איז די נשיאות פון ראש גלותא אין בבל אונטערגעגאַנגען דורך דעם פאַנאַטיזם פון'ם מחמד'אַנישען המון. די אידישע אחדות אין בבל האָט זיך נאָך אפילו געהאַלטען דורך די ישיבות און זייערע פאָרשטעהער די גאונים; אָבער אויך די ישיבות האָבען שוין געהאַלטען ביים אונטערגעהן.

מיט רב סעדיה גאון'ס טויט (942) איז פערלאָשען געוואָרען דער לעצטער גרויסער שטראַהל פון דער ישיבה אין סורא. ער האָט אפילו איבערגעלאָזען א זוהן א תלמיד חכם מיט'ן נאָמען דוסא וועלכער איז געווען זעהר גוט געבילדעט אי אין תלמוד, אי אין פילאָסאָפיע און האָט אויך מחבר געווען איינינגע ספרים אין די דאָזיגע געביעטען; אָבער פאַר א גאון האָט מען איהם נאָך זיין פאָטער ניט בעשטימט, נור דער פריהערדיגער ראש ישיבה יוסף בן סטיא איז איצט געוואָרען גאון אין סורא; אָבער דער דאָזיגער גאון האָט ניט געקאָנט דערהויבען די ישיבת איבער פומבדיתא, וואו עס איז בעשטימט געוואָרען פאַר א גאון דער פריהערדיגער געגנער פון רב סעדיה גאון, דער עשיר רב אהרן (כלב אבן שארזשאדו פון באַגדאַד, וועלכער האָט דורך זיין עשירות און ענערגישער טהעטיגקייט זעהר דערהויבען די פומבדית'ער ישיבה אינ'ם משך פון די אַכצעהן יאָהר, וואָס ער איז ראש ישיבה געווען (943—960). רב אהרן איז געווען א טיכטיגער קענער אין דער פילאָסאָפיע און האָט אויך מחבר געווען א ספר אין איהר. אויסערדעם האָט ער געמאַכט א פירוש צו דער תורה. פונקט, ווי פריהער מר כהן צדק, האָט ער געשטרעבט צו דערהויבען די ישיבה פון פומבדיתא אויפ'ן חשבון פון דער ישיבה פון סורא, וועלכע איז דאַדורך זעהר געפאַלען געוואָרען, ניט געהאַט קיין הכנסות און, ממילא, אויך ניט געקאָנט מחזיק זיין קיין תלמידים, וועלכע האָבען בעסער געוואָלט צו געהן קיין פומבדיתא, וועלכע האָט געהאַט זעהר פיעל הכנסה. סורא איז ענדליך אַזוי געפאַלען, אז דער ראש ישיבה רב יוסף בן סטיא האָט איהר אויך פערלאָזען און זיך צוריקגעצויגען אין זיין גע-

בערך שמאדט בצרה (948). די ישיבה, וועלכע רב האט געגרינדעט אין סורא און וועלכע איז געשטאנען זיבען הונדערט יאהר, איז אזוי ארום געשלאסען געווארען. ווי עס שיינט, האבען די אידישע איינוואוינער פון סורא ניט געקאנט איבערטראגען לייכט דעם דאזיגען חורבן און נאך א לאנגע צייט האבען זיי געמאכט אנשטרענגונגען אויפצוהאלטען די ישיבה. פיער תלמידי-חכמים זענען פון דארט ארויסגעגאנגען קיין אויסלאנד, אין די רייכע קהלות פון אפריקא און שפאניען, כדי צו זאמלען נייע הכנסות פאר דער ישיבה און מאכען פאר איהר א יעהרליכען „מעמד". אבער אזוי ווי עס וואלט שוין געווען א בעשערטע זאך, אז די ישיבה זאל אונטערגעהן, האבען די תלמידי-חכמים זייער צוועק ניט געקאנט דערגרייכען: אונטערוועגס האט זיך אויפגעהויבען א שטורם-ווינד, דאס שיף, מיט וועלכער זיי זענען געפאהרען, איז צוגעטריבען געווארען צו די ברעגעס פון איטאליען, וואו זיי זענען געפאנגען גענומען געווארען דורכ'ן אמויריש-שפאנישען אדמיראל, וועלכער האט פערקויפט איינעם פון זיי, רבי שמריה, אין מצרים (אלעקסאנדריען). און ער איז שפעטער געווארען א ראש ישיבה אין קאהירא. דעם צווייטען פון זיי, רבי חושיאל, האבען אויסגעקויפט די אפריקאנישע אידען פון קאירואן און דעם דריטען רבי משה מיט זיין אינגעל, דעם קינפטיגען גאון רבי חנוך האט דער אדמיראל געבראכט קיין קארדאווא, וואו די אידען האבען איהם אויסגעקויפט; דער פיערטער איז וואהרשיינליך אבגעפיהרט געווארען קיין נארבאנא (948). אנשטאט צו דערהויבען צוריק די ישיבה פון סורא, האבען די דאזיגע פיער תלמידי-חכמים, ניטווילענדיג, מיטגעווירקט, אז די ישיבה זאל אונטערגעהן צוזאמען מיט דער דארטיגער גאונות. די געשריבענע עקזעמפלארען פון תלמוד-בבלי זענען שפעטער געבראכט געווארען (דורך רב חסדאי אבן שפרוט) קיין שפאניען. בבל, וואס איז אזא לאנגע צייט געווען דער מיטעל-פונקט פון אידענטום, האט געמוזט אפטרעטען זיין ארט די מערב-לענדער, שפאניען, פראנקרייך און צפון אפריקא.

די ארימקייט און געפאלענקייט פון די בבל'שע ישיבות בכלל און פון סורא בפרט האבען אויסגענוצט די קאראימען, כדי צו בעקומען אנהענגער צווישען די תלמוד-אידען, און אנגעהויבען פיהרען אגיטאציע מיט אזא התלהבות און מסירות-נפש, ווי עס וואלט, א שטייגער, זיך געהאנדעלט וועגען ניט וועניגער, ווי גאר צו פערטיליגען דעם תלמוד. כל זמן רב סעדיה האט נאך געלעבט האבען זיי זיך ניט דערוואגט ארויסצוקומען אין קרייז פון זיין טהעטיגקייט. ערשט נאך זיין טויט, ווען זיי האבען דערזעהן, אז קיין בעדייטענדער גאון איז אנשטאט איהם נישטא, האבען זיי געגלויבט, אז זיי וועלען זייער שפיעל געווינען. דער אלטער סלומון בן ירוחם, רב סעדיה'ס געגנער איז געשווינד געקומען פון ארץ ישראל קיין בבל, כדי צו דערווייזען רב סעדיה'ס אנהענגער, דאס

ער האָט בכיון פערדרעהט פאַקטען, פערטיידיגענדיג די תלמודיסטען און האָט אויך א טעות געהאַט אין א בפירוש'ע גמרא (957).

נאָך ליידענשאַפטליכער איז אַרויסגעטרעטען דער יונגער קאַראַים פון ירושלים אבולסאַרי סהל בן מצליח הכהן, וועלכער האָט געהערט צו די פרומע בעלי תשובה פון די קאַראַימען אין ירושלים. סהל האָט זעהר שען געשריבען אַראַביש און העברעאיש; ער האָט אויך מחבר געווען א העברעאישע גראַמאַטיק און פירושים צו אייניגע ספרים פון תנ"ך, ווי אויך אַן ענטפער אויף רב סעדיה'ס אַנפאַלען אויף די קאַראַימען, וועלכע האָבען עס בכלל געהאַלטען פאַר אַן ערהרעניזאַך, צו פאַרלעמיזירען מיט די תלמוד-אידען — א צווייטער פרוכטבאַרער קאַראַימישער שריפטשטעלער פון בצרה, יפת בן עלי הלוי, האָט פאָלעמיזירט מיט יעקב בן שמואל, איינער פון די בעגאַבטעסטע תלמידים רב סעדיה'ס. הלוי'ן האָבען די קאַראַימען געהאַלטען פאַר א גרויסען גראַמאַטיקער, קאָמענטאַטאָר (ערקלערער פון תנ"ך), קענער פון די געזעצען — מיט איין וואָרט: „א גרויסער מלמד", ווי זיי פלעגען איהם רופען. ער איז אָבער געווען זעהר א שוואַכער שריפטשטעלער. אַנשטאָט טיעפע געדאַנקען, פלעגט ער מייסטענס אָב'פטר'ן זיך מיט א מבול מליצות. זיינע דיג תמיד גאַנץ אָבערפלעכליך. דאָס ניט קענען דעם תלמוד און זיין לאַנגווייליגע פלוידערער. פיעל פון זיי זענען אָבער אויך געווען גרויסע פאַנאַטיקער. אַזוי למשל, דער דערמאָנטער סלמון בן ירוחם קלאָגט זיך אין זיין פירוש אויף תהלים אויף די אפיקורסים, וועלכע לערנען ספרים חיצונים, פערלאָזענדיג דאָס שטודיום פון דער תורה. טיעפקייט האָט זיך שטענדיג אַרויסגעוויזען אַלס די שוואַכסטע זייט ביי די קאַראַימישע געלעהרטע און שריפטשטעלער, וועלכע זענען געבליבען

אין ניינטען יאָהרהונדערט האָבען פיעל קאַראַימען זיך פערשפרייט איין פערשיעדענע לענדער. טייל פון זיי זענען אויך געקומען קיין שפּאַניען, טייל האָבען זיך בעזעצט אין מצרים און אין קאַירלאָן. זעהר בעריהמט זענען געווען די בני אשר, א פאָטער און א זוהן, (אהרן בן משה בן אשר) פון טבריה, ביידע בעריהמטע מדקדקים און בעלי מסורת. זיי האָבען געשריבען כללים וועגען די נגינות, טראָפּ און אָרטהאָגראַפיע. העכסט ווינכטיג איז דאַמאַלס געווען די ספר תורה, וועלכע זיי האָבען אַליין געשריבען און מגיה געווען לויט די כללים פון דער מסורה. דען לויט'ן דאָזיגען ספר האָט מען מגיה געווען אַלע דאַמאַלסדיגע ספרים אין ארץ ישראל און מצרים. דער נאָך עד היום געבליבענער נוסח פון דער מסורה שטיצט זיך אויף זייער אַרבייט. דען די רבנים האָבען כלל פערגעסען, אַז די בני אשר זענען געווען קאַראַימען.

די אידישע שפאנישע עפאכע.

ערשטעס קאפיטעל.

די צייט פון דעם נשיא חסדאי אבן שפרוט.

(פון 950 ביז 1020).

מיט'ן אונטערגאנג פון דער נשיאות און דער ישיבה פון סורא האט אזיען פערלוירען זיין פיהרערשאפט ביים כלל ישראל. אויב די ישיבה פון פומבדיתא האט איצט געמיינט, אז זי איז געווארען די אליין־הערשער־רין אונטער איהר ראש ישיבה דעם גאון רב אהרן אבן שאר־ שאדג, איז דאס געווען א זעלבסט־אפנארונג. באלד נאכ'ן טויט פון רב אהרן האבען זיך אנגעהויבען פון דאס ניי מחלוקת, איינטערגראבענ־דיג די עקזיסטענץ פון דער ישיבה. רב נחמיה, מר כהן צדק'ס זוהן, איז געווען א שטארקער געגנער פון רב אהרן, און באלד נאך זיין טויט איז איהם געלונגען דורך אינטריגעס צו ברענגען דערצו, אז מען זאל איהם בעשטימען פאר א גאון (960); אבער דער גאנצער בית־דין פון דער ישיבה איז געווען געגען איהם. בראש פון זיינע געגנער איז געשטאנען דער גאון שרירא בן חנניה, וועלכער האט געשטאמט פון א גאנץ אלטער משפחה פון גאונים און נשיאים. נור גאנץ וועניג מיטגליעדער האבען געהאלטען מיט רב נחמיה אין די אכט יאהר, וואס ער איז געווען גאון (960—968).

און אין דער צייט, וואס צוויי פארטייען האבען געפיהרט אין פומבדיתא מחלוקת איבער דעם, ווער עס הארף זיין גאון, האט די דער־מאהנטע פיער שבויים פון סורא געגרינדעט אין די ווייטע לענדער זעלבסט־שטענדיגע ישיבות, אבריישענדיג דאדורך יענע קהלות פון דעם בבל'שען אויטאריטעט. די פיער יונגע לייט פון סורא האבען אזוי צו זאגען גע־פיהרט מיט זיך די תורה פון בבל, כדי צו פערפלאנצען איהר אין פער־שיעדענע לענדער. דאס זענען געווען רב שמריה בן אלחנן, וועלכען דער אדמיראל אבן רומאהים האט פערקויפט אין אלעקסאנדריען; דארט האט איהם די אידישע געמיינדע אויסגעקויפט און ער איז אבגע־פאהרען קיין קאהירא. דער צווייטער איז געווען רב חושיאל, וועל־כען מען האט פערקויפט אין אפריקא; נאכדעם ווי די ארטיגע אידען הא־בען איהם אויסגעקויפט, איז ער אוועקגעגאנגען קיין קאירואן און בעזעצט זיך דארט; דער דריטער איז געווען ווי עס שיינט, רבי נתן בן יצחק הכהן, אדער רב נתן הבבלי, וועלכער איז פיליכט אבגעגאנגען קיין נארבאנא. און דער פיערטער רב משה ברבי חנוך, וועלכער האט גע־ליטען גלות מעהר פאר זיין אלעמען. ער איז געווען דער איינציגער פער־

הייראטעטער צווישן זיינע חברים און האט געהאט מיט זיך זיין שענע און פרומע פרוי מיט א יונגען איינגעל. דער אדמיראל האט געווארפען אג״ אויג אויף דער יונגער פרוי און געוואלט איהר מאכם זיין. די פרומע פרוי האט געפרעגט ביי איהר מאן, צי די וואס ווערען דערטרינקען אין ים שטעהען אויף צו תחית המתים, דערויף האט ער איהר געענטפערט מיט א פסוק פון תהלים: „גאט האט געזאגט, איך וועל דיך צוריקפיהרען פון בשן, איך וועל צוריקפיהרען פון די טיעפעניסען פון ים״. דאן האט זיך די פרוי אריינגעווארפען אין ים און איז דערטרונקען געווארען.

מיט א פערוועהטיגט הארץ און געקליידעט ווי א קנעכט, איז רב משה מיט זיין זוהן געשלעפט געווארען קיין קארדאווא, וואו די אידישע קהלה האט איהם אויסגעקויפט, ניט ווימענדיג, אז מיט'ן דאזיגען שבוי האבען זיי דערהויבען שפאניען פאר א מיטעל־פונקט פונ'ם דאמאלסדיגען אידענטום. רב משה האט קיינעם ניט דערצעהלט, אז ער איז פון די גרויסע תלמידי חכמים פון סורא, דען ער האט ניט געוואלט אויסנוצען מאטעריעל זיין לומדות. ווי אן ארימאן איז ער אריינגעקומען אין בית־המדרש אין קארדאווא, וואו עס האט געלערנט דער דיין—רב רבי נתן. זעהר א פרומער מאן, אבער א קליינער למדן, ווען די ידיעת התורה איז דאמאלס נאך געווען ווענינ פערשפרייט אין שפאניען. די אידישע קהלה האט איהם אבער אפגעגעבען גרויס כבוד, ווייל ער איז ביי זיי געווען דער גרעסטער תלמיד חכם. רב משה האט זיך געזעצט, ווי אן ארימאן ביי דער טהיר און געהערט, ווי רב נתן זאגט תורה. ווען ער האט אבער דערהערט אז ער ערקלערט א סוגיא (א שטעלע) אין תלמוד, ווי א תלמיד, וואס האט נאך גאנץ ווענינ געלערנט, איז ער אויפגעשטאנען און געבעטען ביי רב נתן, אז ער זאל איהם ערלויבען צו ערקלערען די סוגיא. די ערלויבניש איז געגעבען געווארען, און רב משה האט ערקלערט די סוגיא, אז די אנוועזענדע האבען באלד דערקענט, דאס פאר זיי שטעהט איינער פון די גרויסע גאונים. מען האט דעם ארים געקליידעטען אויסגעקויפטען קנעכט באלד ארומגערינגעלט פון אלע זייטען און אנגעהויבען איהם שטעלען קשיות און שאלות און ער האט אלעמען געענטפערט און אלץ ערקלערט, צו דער גרויסער פערוואונדערונג פון די צוהערער. נאך אינ'ם זעלביגען טאג האט רב נתן ערקלערט פאר די מענשען, וועלכע זענען געשטאנען פאר'ן בית־המדרש און אבגעווארט, ביז וואנען עס וועט זיך ענדיגען דיעם שעור אין תלמוד, כדי צו האבען א דין־תורה ביי רב נתן: „איך בין מעהר ניט אייער דיין; אט דער ארימאן אין די צוריסענע קליידער, וועלכען מען האט אויסגעקויפט פון געפענגנישאפט, איז מיין רבי און איך בין פון היינט אן זיין תלמיד, זאל מען איהם מאכען פאר א דיין און א מורה הוראה אין אונזער קארדאווער קהלה״ — אזא אמת ענווות און אנאיינענניציגקייט דארף מען נאך זוכען! די קהלה האט באלד אויסגעקליבען רבי משה'ן פאר א רב. און בעשטימט איהם א הויכען געהאלט.

מען האט איהם געגעבען פיעל מתנות און טייערע קליידער, אויך א קא[...] השטעטע מיט פערד האט מען איהם געשאנקען ווען דער אדמיראל אב[...] דגמאהים האט זיך דערפון דערוואוסט, האט ער חרטה בעקומען אויף זיין מסחר, און געפאדערט א גרעסערן פרייז פאר'ן שבוי. די אידען האבען זיך אבער געווענדעט דורכ'ן אידישען נשיא חסדאי צום כאליף פון אראבישען שפאניען צום גערעכטען עבדאל רחמן III, דערווייזענדיג, אז דורך רבי משה וועלען די שפאנישע אידישע קהלות שוין מעהר נים זיין אבהענגיג אין רעליגיעזער בעציהונג פון די ישיבות פון בבל. עבדאל רחמן איז הערמיט זעהר צופריעדען געווען, ווייל ער האט געוואוסט, אז די אידען שיקען ארויס פון שפאניען יעהרליך גרויסע סומען געלד אין לאנד פון זיין פיינד אין בבל און איז דערמיט זעהר געווען אנ־צופריעדען. איצט אלזא האט עם דערמיט געקאנט נעהמען אנ'עגדע. דעם אדמיראל האט ער בעפויהלען אבצוזאגען זיך פון זיין פאדערונג און רבי משה'ס וואהל האט ער בעשטעטיגט. אזוי ארום האט זיך געעפענט אין קארדאווא א גרויסע ישיבה, די ערשטע אין שפאניען, וועלכע איז געווא־רען אונאבהענגיג פון סורא, אדער פומבדיתא.

קיין לאנד איז, לויט די האמאלדיגע בעציהונגען, נים געווען אזוי מסוגל, צו ווערען א מיטעלפונקט פאר'ן אידענטום און איבערצונעהמען די רעליגיעזע און נאציאנאלע שררות'שאפט פון בבל, ווי שפאניען אדער דאס מחמד'אנישע (מוירישע) אנדאלוזיען. דאס לאנד איז געווען, ווי בע־שאפען, צו ווערען א פרוכטבארער באדען פאר'ן אידענטום. וועהרענד די קריסטליכע אייראפא איז פערזונקען געווארען אין דער בארבאריי, און דער כאליף פון מזרח־לאנד איז געווען שוואך און זיין מלוכה איז געווא־רען שוואך פון פריהער אלטקייט, האט שפאניען אויפגעבליהט אונטער די אמעיאדישע כאליפען און דערגרייכט אזא הויכע קולטור, אז מען האט באר געקאנט פערגעסען, דאס אין דער גאנצער וועלט ארום הערשט די מיטעלאלטערליכע פינסטערניש. אונטער דעם כאליף עבדאל רחמן III (מיט'ן ביי־נאמען אל־נזיר), וועלכער האט צוערשט אנגענומען דעם טיטול „דער מלך פון די מאמינים“, איז שפאניען געווארען דער צענטר פון דער וויסענשאפט און פון דער קונסט, וועלכע איז געווען אין יענער צייט איבעראל פערארטיילט און פערנאכלעסיגט. מיט זיין רעגירונג האט זיך אנגעהויבען די קלאסישע צייט פון דער מחמד'אנישער קולטור, וועלכע איז געווען בעגלייטעט פון דער אויסערליכער קראפט און אינער־ליכען וואוילשטאנד, און דערגרייכט האט די קולטור דארט צו א הויכער סטופע נור דאדורך, וואס די מוירישע כאליפען זענען געווען אליין אויך חכמים און גאנץ פריי פון אינדולדזאמקייט געגען פרעמדע אמונות. דעם העכסטען כבוד האט מען אין שפאניען אבגעגעבען די דיכטער און קינסט־לערישע רעדנער. א געלונגענער „שיר“ איז געווען געפייערט, ווי א גרוי־סער נצחון איבער'ן פיינד, און יעדער נצחון איז ווידער געווען א געלעגע[...]

שטאנד פון דער פאעזיע, וועלכע פלעגט איהם פערזאנליגען מיט איהרע קלאנגפולע טענער. יעדער אנגעזעהענער מאן, אנהויבענדיג פון באליף אליין ביז'ן נידעריגסטען בעאמטען, האט געהאלטען פאר זיך פאר'ן גרעסטען כבוד צו זיין א געלעהרטער אדער א דיכטער אדער ווענינגסטענס צו האבען אזעלכען פאר א פריינד און קאנען איהם פערזארגען מיט אלעם נויטיגען. די געלעהרטע לייט און די דיכטער פלעגט מען בעשענקען מיט הויכע מלוכה=שטעלעס.

די האזיגע גייסטיגע אטמאספערע האט ניט געקאנט בלייבען פרעמד די אידען ביי זייער גרויסער ריהרעוודיגקייט און לייכטער אויפגערעגטקייט. זייער פערשטאנד און גייסט זענען צוגעצויגען געווארען דורך דער וויסענשאפט און דער פאעזיע, און אויך דאס אידישע שפאניען איז געווארען „דער פרייער ארט פון בילדונג און דעם שענעם גייסט, א שמעקענדיגער גארטען פון לעבענס=פרעהליכער בשמים=פאעזיע, ווי אויך די היים פון ערנסטער פארשונג און ליכטיגען דענקען", גלייך ווי די מוזארבער (ד. ה. די קריסטען, וואס האבען דארט געוואוינט צווישען די אראבער) האבען זיך אויך די אידען בעקענט מיט דער שפראך און ליטעראטור פונ'ם הערשענדען פאלק, די מורען, אדער אראבער; אבער ווערהענד די קריסטען האבען דערביי פערגעסען זייער מוטער=שפראך און אבגעזאגט זיך פון זייער נאציאנאלער אייגענטימליכקייט, אזוי אז זיי האבען זיך אפילו אויך געשעמט מיט זייער קריסטליכען גלויבען, האבען די אידען מיט'ן פערגרעסערן זייער בילדונג בעקומען נאך מעהר ליעבע און דרך ארץ פאר זייער אייגענער שפראך, פאר זייער ליטעראטור און רעליגיע, ווי אויך נאציאנאליטעט. דורך אט די אלע גליקליכע אומשטענדען איז שפאניען געווען אומשטאנד צו ווערען א קאנקורענט מיט בבל און ענדליך צוצונעהמען ביי איהר די נשיאות ביי אידען, וועלכע בבל האט געהאלטען העכער פינף הונדערט יאהר.

איין יונגער אידישער דיכטער (חריזי) האט דאמאלס געהאט דאס פאלקאמע רעכט צו זינגען:

„ווען די חכמים האבען אויפגעהערט צו זינגען,
„האט שפאניען ליר'ע אנגעהויבען קלינגען.
„דער מזרח האט דעם טאן, דעם שענעם
„גאנץ פערלארען;
„דער מערב=דיכטער איז מיט איהם
„בעגליקט געווארען".

דריי מענשען זענען געווען די בעגרינדער פון דער אידיש=שפאנישער קולטור: רבי משה בן חנוך פון קארדאווא (פון סורא געקומען), דער ערשטער פון די אנדאלוזישע גראמאטיקער (מדקדק), מנחם בן סרוק, און דער שעפער פון דער קונסט=פארמען פאר דער העברעאישער פאעזיע, דונש (אדונים) אבן לברט: אבער די האזיגע קולטור

פליטהען וואלטען זיך ניט געקאנט אליין ענטוויקלען, ווען עס וואלט זיך ניט געפונען א גרויסער מענש, וועלכער איז דורך זיין בעגאבונג, זיין גרויסען חאראקטער און הויכער שטעלונג געווארען פאר זיי, אין א געוויסער מאס די ווארימענדע זון, וואס האט זיי געהאלפען אויפצובליהען און עפענען זייער בלומען־בעכער. דער דאזיגער מענש איז געווען אבו יוסף (יוסף) חסדאי בן יצחק אבן שפרוט (געבוירען ארום 915 געשטארבען ארום 970) פון דער יחוס־משפחה, אבן־עזרא. ער האט געגעבען דער גייסטיגער שטרעבונג א פארמע, א שטיצונג און א מיטעלפונקט און איז געווען דער ערשטער פון דער גרויסער רייהע אידישע שרים, וועלכע האבען די בעשיידונג און ענטוויקלונג פון יודענטום געמאכט פאר'ן הויפט־צוועק פון זייער לעבען. אבן שפרוט איז געווען ביי אידען א גאנץ נייע געשטאלט, וואס איז, לויט חאראקטער און די הנהגות, געווען גאנץ פערשיעדען פון די פריהערדיגע געשיכטליכע אידישע כלל־טוהוער. דאס איז געווען אן עכטער איראפעער ליכט, פול חן, בעוועגליך און איידעלמוטיג, אן אמת'ער קאנטראסט פון א מזרח־אידען. מיט איהם בעקומט די אידישע געשיכטע איהר איראפעאישען חאראקטער.

וועגען רבי חסדאי'ס יוגענד איז אונז ווייניג וואס בעוואוסט. זיין פאטער יצחק איז געווען א וואוילהאבענדער מענש, א בעל צדקה און בעזונדערס פריי געבעריג פאר תלמידי חכמים. פון איהם האט זיין זוהן געלערנט צו שעצען הויך די וויסענשאפט און אנצווענדען, ווי געהעריג איז די עשירות לטובת קולטור־צוועקען. חסדאי האט אין דער יוגענד געשטודירט די מעדיצין און די שפראך־וויסענשאפטען; אבער נאך א גרעסערע פעהיגקייט האט ער ארויסגעוויזען אין דער דיפלאמאטיע. ער האט ניט בלויז גוט געקאנט העברעאיש און אראביש, וועלכע ער האט שעהן געשריבען, ער האט אויך געקאנט גוט לאטייניש, און דאס איז אפילו צווישען די דאמאליגע קריסטען אין שפאניען געווען א זעלטענהייט, דען נור געצעהלטע הויכע גלחים האבען דאס געקאנט. דער כאליף עבדאל רחמן III, וועלכער האט געהאט צו פיהרען אונטערהאנדלונגען מיט די קליינע קריסטליכע פירשטען אין צפון־שפאניען, האט באלד בעמערקט דעם געלעהרטען חסדאי און געמאכט איהם פאר זיין טאלמאטש (איבערזעצער) און דיפלאמאטישען אגענט (פערמיטלער) (941). תחלת פלעגט חסדאי בעגלייטען די געזאנדטע פון כאליף בלויז אלס איבערזעצער; ער האט זיך אבער ארויסגעוויזען זעהר פעהיג אין דער הנהגה און דער כאליף האט איהם דערהויבען אלץ העכער און העכער. איינמאל אבער האט חסדאי אבגעהאלטען א גרויסען נצחון דורך זיין דיפלאמאטישער קונסט: ער האט געבראכט, אדער פערנארט דעם קעניג פון לעאן (Leon) סאנכת ראמירעץ און די מלכה פון נאווארא, טאדא, מיט זייערע גלחים און שרים, קיין קארדאווא, כדי צו שליסען דארט א בונד וועגען שלום, וועלכער איז זעהר וויכטיג געווען פאר'ן כאליף. דער כאליף האט איהם

דערפאר בעשאנקען מיט הויכע שטעלעס, וועלכע האבען איהם נאך מעהר געגעבען די מעגליכקייט צו ברענגען נוצען דער מלוכה. חסדאי איז אין א געוויסען זין געווארען מיניסטער פון אויסערן. ער האט געהארפט אויפנעהמען די געזאנדטע פון די אויסלענדישע מלכים, אויפנעהמען זייערע מתנות פאר'ן כאליף און זייערע בעפולמעכטיגונגס־דאקומענטען, ווי אויך אנטוערען וויכטיגע מלוכה־כתבים; ער האט אויך געדארפט אזעלכע זאכען איבערגעבען זיי מצד דעם כאליף. דערמיט אבער האט זיך נאך ניט בעגרענצט חסדאי'ס התמנות: ער איז אויך געוועזען דאנדעלס־און פינאנץ־מיניסטער, דען דורך זיינע הענד פליעגען דורכגעהן די הכנסות פון דער מלוכה פון דער לאנדווירטשאפטליכער פראדוקציע, ווי אויך פון די גרענייץ אפצאהלונגען. ביי אלעם דעם האט אבער חסדאי ניט געהאט קיין אפיציעלען טיטול — ניט קיין וויזיר, ניט קיין סטאטס־סעקרעטאר איז ער געוועזען — ווייל די אראבער זענען אויך פון אנפאנג געוועזען שלעכט אנגעשטעלט געגען די אידען. די ניי אויפבליהענדע אראבישע קולטור איז נאך ניט געוועזען גענוג היימיש און שטארק ביי די אראבער, אז זי זאל קאנען מנצח זיין די אבערגלויבישע און אידען־פיינדליכע מאמרים פון אלקאראן. דער גרעסטער און איידעלער כאליף, עבדאל רחמן III, וועלכער איז געוועזען אין זיין צייט א ציערונג פאר'ן טראהן, האט זיך ניט געטארט ערלויבען צו זיין איבערצען געזעצט אין דער בעציהונג צו א אידען, כדי ניט צו הערויסרופען געגען זיך די אונצופרידענהייט פון די נאך פאנאטישע אראבער. רבי חסדאי איז געוועזען דער ערשטער, וועלכער האט דערוועקט צווישען די אנדאלוזישע מחמודאנער א גינסטיגערע שטימונג פאר די אידען. עס פערשטעהט זיך, אז ער האט בעשיצט די אידען פון אנפאלען, אדער רדיפות. דעריבער האט געהאט דאס פאלקסמונד רעכט, ווען איהם צו זינגען א האמאליגער אידישער דיכטער:

ער ווידמעט זיין לעבען, צו העלפען די ברידער,
דעם ארימען עלענדען רעשט פון אפרים,
און איהם צו בעפרייען אין שפאניען איצט ווידער
21 פון קנעכטשאפט און פיין, ווי אמאל אין מצרים.
עס טרויערט זיין זעלע, ערוואכט זיין רחמנות,
דאס ביטער געפלאגטע פער'יתומ'טע פאלק
און טרויער און קומער צוזעהען: אט ברעכט ער
דאס דריקענדע יאך און די ביטש פון דעם אכזר...
געשיקט האט איהם דער, וועער עס האט ניט זיין גלייכען
אין חסד, רחמנות — אנ'אוצר א רייכען! —
געשיקט צו דעם רעשט פון פערטריבענעם פאלק
צו העלפען, צו טרייסטען, צו היילען די וואונדען.

אי'ם דאזיגען לויב־געזאנג איז נישטא קיין גוזמאות. חסדאי איז אין דער ווירקליכקייט געווען א טרייסטער און א בעפרייער פאר די נאהענטע

און ווייטע אידישע קהלות. זיין הויכע שטעלע און זיינע עשירות האט עס פערווענדעט אויף צו ברענגען הילף זיינע ברידער. אין דער אידישער קהלה אין קארדאווא האט ער געהאט דאס רעכט פון אן אויבערשטען דיין און א פאליטישען פארשטעהער, כאטש עס איז ניט באוואוסט, ווער עס האט איהם דאס דאזיגע רעכט געגעבען, צי דער כאליף, אדער די קהלה גופא. די בבל'שע ישיבות, וועלכע ער פלעגט זעהר רייך שטיצען, האט איהם געקרוינט מיט'ן נאמען „ראש־כלה“, דאס הייסט: דער „עלטעסטער איבער די ישיבות“. מיט די שלוחים (געזאנדטע) פון די פרעמדע מלוכות, וועלכע פלעגען זיך איהם פארשטעלען, פלעגט ער אפט רעדען וועגען דער לאגע פון די אידען אין זייערע לענדער און ווירקען אויף זיי, אז זיי זאלען זיך בעמיהען צו מאכען א פריינדליכערע שטימונג פאר די אידען אין זייערע קעניגליכע הויפען.

ביי צוויי געזאנדשאפטען פון די מעכטיגסטע איראפעאישע מלוכות האט רבי חסדאי געשפיעלט זעהר א וויכטיגע ראליע. די ביזאנטינישע מלוכה, וועלכע איז תמיד געדריקט געווען פון אלע זייטען און האט עקזיסטירט אין א משך פון פיעל הונדערטער יאהרען, נור ווי אן איינגעבאלזאמירטער, פערשטיינערטער מת (מומיע), האט זיך שטענדיג גענויטיגט אין זייטיגער הילף און שטיצע. דער שוואכער און פעדאנטיש געלעהרטער קייזער קאנסטאנטין דער אכטער, א ברודער פון לעא פילאסאף, וועלכער האט די אידען אומה'דיג גע'רודפ'ט, האט שטארק געוואלט בעקומען א דיפלאמאטישע פערבינדונג מיט'ן שטארקען מחמדאנישען הערשער פון שפאניען, כדי צו האבען אין איהם א פערבינדעטען געגען דעם כאליף פון די מזרח־לענדער. ער האט דעריבער געשיקט א פייערליכע געזאנדשאפט קיין קארדאווא (944) מיט זעהר פיעל מתנות צווישען וועלכע עס איז אויך געווען א רייך פערפוצטער כתב־יד וועגען דער מעדיצין פונ'ם בעוואוסטען גריכישען חכם דיאסקארידעס וועגען די איינפאכסטע רפואות פאר פערשיעדענע מחלות. אבער דאס דאזיגע בוך, פון וועלכע די אראבישע מעדיקער האבען זעהר פיעל געהאלטען, איז פאר זיי געווען א פער'חתמ'טער אוצר, ווייל קיינער האט ניט פערשטאנען אין איהם צו לעזען. אבדאל רחמן III האט דעריבער פערלאנגט פונ'ם ביזאנטינישען קייזער, אז ער זאל איהם צושיקען אויך מיט'ן בוך א מענשען, וועלכער פערשטעהט גריכיש און לאטייניש. כדי צו געפינען חן ביים מחמדאנישען הערשער, האט קאנסטאנטין איהם געשיקט דעם מאנאך (גלח) ניקאלאס, וועלכער האט געזאלט זיין דער איבערזעצער פונ'ם בוך. אבער צווישען אלע מעדיקער פון קארדאווא האט נור איין חסדאי פערשטאנען לאטייניש, און דעריבער האט דער כאליף איהם געבעטען טיילצונעהמען אין דער איבערזעצונג, אזוי אז דער מאנאך האט געמאכט די איבערזעצונג פון גריכיש אין לאטייניש, און חסדאי—פון לאטייניש אין

אַראַביש. דער כאַליף איז העכסט צופרידען געווען מיט אַזאַ אַרבייט, וועלכע האט, לויט זיין מיינונג, הויך געדאַרפט דערהויבען זיין רעגירונג.

פון אַן אַנדער מין איז געווען די ראָליע, וואָס רבי חסדאי האט געשפּיעלט אין דער געזאַנדשאַפט, וואָס דער דייטשער קייזער אָטאָ I האט געשיקט צום כאַליף. מיט אַ געוויסער צייט פאַר דעם האט, נעמליך, דער כאַליף אבדאל רחמן III געשיקט אַ געזאַנדשאַפט צום דייטשען קייזער און אין דעם בריעף, וואָס איז געשיקט געווען דורך איהר, האבען זיך געפונען איניגע זעהר ניט שענע אויסדריקען געגען דעם קריסטען. דעם כאַליפ'ס שלוחים האט מען דעריבער געלאָזט וואַרטען עטליכע יאָהר, איידער מען האט זיי צוגעלאָזען צום קייזער. נאָכדעם האט דער קייזער געשיקט זיין געזאַנדשאַפט צום כאַליף מיט'ן געלעהרנטען גלח יאָהאַננעס פון גאָרצע, בראש Jean de Vendieres דער כאַליף האט פערשטאַנען, אַז אין'ם שרייבען פון דייטשען קייזער געפינט זיך אויך אַ זידלעריי געגען דעם איסלאַם און האט דעריבער בעפוילען חסדאי, אַז ער זאָל אויס'חורש'ן דעם אינהאַלט פון געזאַנדטען'ס דיפּלאָם. עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האט חסדאי פערבראַכט מיט'ן קלוגען גלח, וועלכער האט ניט געוואָלט אַרויסגעבען דעם סוד, לסוף אָבער האט חסדאי איהם מנצח געווען און דערגאַנגען ביי איהם, וועלכע גראָבע אויסדריקען אין זיין בריעף צום כאַליף איז בעשטאַנען. דאַן האט אבדאל רחמן געלאָזט וואַרטען דעם גלח אַ יאָהר צייט, איידער ער האט איהם געגעבען אַ אוידיענץ און אין דער צייט האט חסדאי געפּועל'ט, אַז דער דייטשער קייזער זאָל שיקען אַן אַנדער בריעף, אָהן גראָבקייטען (956—959).

רבי חסדאי, וועלכער איז געוואוינט געווען צו מעסטען אַלע בעציהונגען, ווי אַ דיפּלאָמאַט, גרויס און ברייט, האט זיך געשפּירט זעהר אונגליקליך, ווען ער פלעגט זעהען די אידישע לאַגע, ווי דאָס גאַנצע פאָלק לעבט צוואָרפען אין פערשיעדענע ווייטע לענדער און, ליידענדיג די גרעסטע רדיפות אין איין אָרט, איז עס גליקליך, ווען מען לאָזט איהם כאָטש אָטעמען אין אַן אַנדער'ן. ווי אָפט איז איהם אויסגעקומען צו הערען פון מחמדאַנער און קריסטען, ווי זיי זאָגען: „גאָט האט ביי אידען צוגענומען די מלוכה, און דאָס איז דער בעסטער בעווייז, אַז ער האט זיי פערהאַסט". חסדאי אַליין איז אויך נוטה געווען צו דער דאַמאַליגער אַנשויאונג, אַז אַ רעליגיע און אַ פאָלק, וואָס האט ניט קיין אייגענעם באָדען און מלוכה, קיין קעניג, קיין מאַכט און קיין נאַציאָנאַלען כבוד פון אויסערווייניג, קאָן קיין גרויסע זאַכען ניט אויפטוהן. ער האט זיך דעריבער שטאַרק בעשעפטיגט מיט'ן קלאַנג וועגען דעם, אַז עס געפינט זיך ערגעץ וואו אַ אידישע מלוכה אין יענעם לאַנד פון די כאַזאַרען, — אַ קלאַנג, וועלכער האט פערברייטעט אויך ביז שפּאַניען אַ געוויסער טוריסט, וועלכער האט זיך גערופען אלדד, ערקלערענדיג, אַז ער שטאַמט פון שבט דן, האט

אויף זיינע נסיעות אין מצרים, קאירלאו, מערב־אפריקא און שפאניען דערצעהלט פערשיעדענע נישט געשטויגענע מעשה'לעך, וועלכע מען איז אבער נוטה געוועזן צו גלויבען. ווען ער האט אבער דערצעהלט, אז די עשרת השבטים זענען נאך אינגאנצען, האט מען איהם אויפגעהערט צו גלויבען. חסדאי האט אבער קיינמאל ניט פערגעסען אויסצופרעגען ביי די געזאנדטע פון די ווייטע לענדער, אפשר האבען זיי געהערט עטוואס וועגען א אידישער מלוכה וואו עס איז. איין מאל האט עס איהם א שיין געטהון ווי א ליכטיגער שטראהל, ווען ער האט דערהערט פון די געזאנדטע פון כאראסאן (אין מזרח־זייט פון כאספישען ים), אז עס איז אין דער ווירקליכקייט פאראנען א אידישער קעניג אינם לאנד פון די כוזרים (כאזארען): פון דאמאלס אן האט חסדאי זיך נישט געקאנט בערוהיגען. ער האט דורכאויס געוואלט קומען אין געציהונג מיטן דאזיגען „אידישען קעניג“ און אמת גליקליך איז חסדאי געווארען, ווען די ביזאנטינישע געזאנדטע האבען בעשטעטיגט די דאזיגע ידיעה און נאך צוגעגעבען, אז דער געגענווערטיגער מלך טראגט אויך א אידישען נאמען יוסף, און אז די כאזארען זענען א מעכטיגע קריגערישע נאציאן און זייער לאנד געפינט זיך פופצעהן טעג רייזע פון קאנסטאנטינאפאל, ווי אויך, אז די כאזארען האבען געשלאסען א האנדעלס־בונד מיט דער ביזאנטינישער מלוכה.

רב חסדאי האט דעריבער אויסגעזוכט א מענשען, וועלכער האט גענומען אויף זיך די שליחות צום קעניג פון די כאזארען. דאס איז געווען מר יצחק בר נתן, וועלכען חסדאי האט מיטגעגעבען פיעל געלד און מענשען אויפן וועג און געשיקט מיט מתנות און א בריעף צום קאנסטאנטינאפאלער קייזער, בעטענדיג, אז מען זאל זיין שליח בעהילפיג זיין צו קומען צום קעניג פון די כאזארען. דער חיטרער ביזאנטינישער קייזער האט דעם שליח אויפגענומען מיט גרויס כבוד און אבגעהאלטען איהם א האלב יאהר לאנג און ענדליך צוריק אבגעשיקט קיין שפאניען מיט א בריעף, אין וועלכען ער ערקלערט, אז דער וועג צו די כאזארען איז זעהר געפעהרליך, דען מיט דער יבשה לעבען דארט פיעל מערדערישע ווילדע פעלקער און מיטן ים איז שווער צו געהן, וויל אויף דעם שווארצען ים הערשען גרויסע שטורם־ווינדען דעם גרעסטען טייל פון יאהר און מען קאן מאכען די רייזע נאר אין געצעהלטע וואכען. רב חסדאי האט די פאלשקייט פונם קייזער זעהר פערדראסען, און ער האט שוין געוואלט איינארדנען א נייע געזאנדשאפט איבער ירושלים—בבל—ארמעניען און פערסיען. אבער פלוצלינג איז געקומען קיין קארדאווא א געזאנדשאפט פונם סלאווישען קעניג הונו (אדער דוקו.) (953) און צווישען די געזאנדטע זענען אויך געווען צוויי אידען: מר שאול און מר יוסף. די דאזיגע צוויי אידען האבען אויך עטוואס דערצעהלט חסדאי'ן וועגען דעם כאזארישען מלך און זיין מלוכה און זיך אונטערגענומען צו ברענגען

חסדאי'ס בריעף קיין אונגארן כדי איהם פון דארט צו שיקען צום כאזאר־רען־מלך איבער רוסלאנד און בולגאריען. די אחדות צווישען די אידען האט פאר זיי מעגליך געמאכט צו קומען אין בעציהונגען מיט די ווייטעסטע לענדער אויף אַן אופן, ווי עס האבען דאס אפילו שפעטער ניט געקאנט דערגרייכען די אייראפעאישע מלכים. רבי חסדאי האט דעריבער איבערגעגעבען די שלוחים זיין בריעף, געשריבען אין זעהר אַ שענער העברעאישער שפראך מיט אַ שיר פון אנפאנג, וואס זיינע ראשי תיבות (אקראסטיק) האבען ענטהאלטען רבי חסדאי'ס נאמען, ווי עס איז דעמאלס געוועזען דער מנהג. דער דאזיגער בריעף האט אַ גרויסע היסטארישע בעדייטונג, און ער קאן דיענען פאר אַן אויסגעצייכענטע חאראקטעריסטיק פאר דער פערזענליכקייט פון רבי חסדאי. אין דער ערנסטער פרומקייט פון רבי חסדאי זעהען מיר אָבער אויך דעם קלוגען דיפלאמאט און אין דער הכנעה און עניוות זעהען מיר, ווי עס רעדט אַ מענש, וואס פערשטעהט גאנץ גוט זיין אייגענעם הויכען ווערט. דער פראזאאישער טייל פון בריעף ענטהאלט פאלגענדעס: ער פיהלט זיך אייגענטליך ניט ווערט ארויסצוטרעטען פארן קעניג און איז אין פערלעגענהייט ווי אזוי צו געפינען די ריכטיגע פארם פאר זיינע געפיהלען און געדאנקען. דעריבער דערציילט ער, וויפיעל ער האט זיך בעמיהט אייידער עס איז איהם געלונגען צו דערהאלטען אַ ריכטיגע ידיעה וועגען דעם אידישען קעניג און זיין מלוכה, כדי צו קאנען שיקען צו איהם אַ זיכערען שליח. געטהון האט ער עס אָבער ניט, צוליב נייגיריגקייט, נאר כדי זיך צו דערוויסען, אויב דאס אידישע פאלק האט נאך ערגעץ־וואו אַ שטיקעל לאנד, וואס עס זאל קאנען אנגערופען ווערען זיין אייגענס. „ווען איך וואלט געוואוסט — שרייבט ווייטער חסדאי — אַז אַזאַ שטיקעל לאנד איז פערהאן, וואלט איך זיך אבגעזאגט פון מיין הויכער שטעלע, איך וואלט פערלאזען מיין משפחה און וואלט געוואנדערט טאג און נאכט איבער בערג און טהאלען, אויף [illegible]ער יבשה און ימים, ביז איך זאל קאנען קומען צום מלך פון מיין אידי[illegible]שען פאלק און ווארפען זיך פאר זיינע פיס, פרעהענדיג זיך מיט זיין גרויסקייט און בעוואונדערנדיג זיין מאכט". — ווייטער בעט חסדאי, אַז [illegible] מלך זאל איהם געבען אַ גענויע ידיעה וועגען אלץ, וואס איז נוגע [illegible] מלוכה, און פון וועלכען שבט פון די צעהן שבטים די כאזארען קומען ארויס, ווי איז די הנהגה פון זייער פאליטישער און מיליטערישער מאכט, נעמליך: צי פיהרען זיי מלחמה אויך אום שבת און אויב זייער אומגאנגס־שפראך איז העברעאיש.

חסדאי'ס בריעף איז נאך לאנגען וואנדערן אנגעקומען צום כאזארי־שען מלך און די הגדה, וועלכער איז געוועזען דער עלפטער אידישער מלך, אנהויבענדיג פון עובדיה'ן. די כאזארישע מלוכה האט דאן (960) נאך אלץ געהאט אַ בעדייטענדע מאכט, הגם אַ טייל לאנד האט מען שוין

געהאט פון איהר אבגעריסען. די כאזארישע מלוכה האט זיך דאמאלס געצויגען אין צפון-זייט פון כאספישען ים ביז צו די טייכען יאאיק און דאן איבער די קאווקאזער בערג ביז די מזרח-ברעגען פון שווארצען ים און ביזן דניעפר. די הויפט-שטאדט פונם כאגאן (מלך) יוסף איז געווען אויף א אינזעל אויף דעם טייך וואלגא, וואו ער האט געהאט א גאלדענעם פאלאץ ווי א געצעלט געבויט, מיט א גאלדענעם טהויער. — פון דער צייט אן, וואס די וואריאגען זענען ארייגערופען געווארען אין רוסלאנד האבען די רוסען אנגעהויבע צו פיהרען שטענדיג מלחמות און גרויס חשק געהאט איינצונעהמען אויך דאס שענע כאזארען-לאנד. די כאזארישע מלכים האבען דעריבער געמוזט זיין גוט בעוואפענט און האלטען א גרויסע ארמעע, כדי צו קאנען זיך פערטיידיגען געגען זייערע אנפאלען. די אלט-שוואכע ביזאנטינישע מלוכה האט זיך נאך אלץ געמוזט בעציהען מיטן גרעסטען כבוד צו די כאזארען און גערופען זייערע מלכים „די איידעלע און ערלויכטע כאגאנען".

די כאזארישע כאגאנען האבען זיך שטארק אינטערעסירט מיט דער לאגע פון די אידען אין אויסלאנד. חסדאי'ס בריעף איז געווען פארן כאזארישען מלך יוסף אויך אזא פרעהליכע געשעהעניש, ווי פאר חסדאי'ן די ידיעה וועגען א אידישער מלוכה. יוסף האט אליין אנגעשריבען, אדער ער האט געלאזט אנשרייבען דורך א אידישען געלעהרטען א ענטפער צום נשיא רב חסדאי אין העברעאיש, אין וועלכען ער זאגט ארויס זיין גרויסען פערלאנג צו בעקענען זיך מיט די אידישע ברידער אין די ווייטע לענדער. ער דריקט אויך אויס די גרויסע שמחה, וואס ער האט געהאט, ערהאלטענדיג דעם בריעף, דערביי אבער צושטערט ער די אילוזיע, אדער דעם טעות, וואס חסדאי האט געהאט, אז די כאזארען שטאמען פון די עשרת השבטים, און ער ערקלערט באריכות, אז די כאזארען שטאמען פון די בני יפת און תוגרמה, ווייטער דערצעהלט ער, ווי אזוי זיי האבען זיך מגייר געווען און רעכענט אויס די מלכים פון אידישען גלויבען, וואס זענען ביי זיי געווען: דער ערשטער האט זיך מגייר געווען בולאן, דערנאך האט געקעניגט עובדיה, וועלכער האט בעפעסטיגט אין כאזארען-לאנד דעם אידענטום; נאך עובדיה'ן איז דער טראהן איבערגעגאנגען כסדר פון פאטער צום זוהן. אלע כאזארישע מלכים פון אידישען גלויבען זענען אלזא געווען פאלגענדע: בולאן, עובדיה, חזקיה, מנשה I, חנוכה, יצחק, זבולן, מנשה II, נסי, מנחם, בנימין, אהרן און צולעצט זיין זוהן יוסף. — אין סוף פון זיין בריעף שרייבט דער קעניג יוסף: „ווען איך וואלט נאר זוכה געווען מיט דיר צו פעראייניגען זיך, דו וואלסט מיר געווען פאר א פאטער און איך וואלט דיר געווען פאר א זוהן און אלע מיינע ענינים וואל-

טען זיך געפיהרט דורך דיר און אהן דיין הסכמה וואלט איך קיין זאך נישט געטהון".

בשעת יוסף האט אט דעם בריעף געשריבען איז די לאגע פון דער כאזארישער מלוכה נאך געוועזען א גאנץ זיכערע; אבער אין קורצען האט זיך די לאגע אינגאנצען געענדערט. איינער פון ריוריק'ס יורשים, דער רוסישער גרויספירשט סוויאטאסלאוו פון קיעוו, וועלכער איז פריהער געוועזען כמעט אנ'אונטערטהאן פון די כאזארען, האט געמאכט אנ'אנפאל אויף דאס כאזארען־לאנד און איינגענומען די פעסטונג סארקעל (965). פון דאמאלס אן האבען די רוסען אנגעהויבען מאכען אפטע אנפאלען אויף דאס כאזארען־לאנד, און די כאזארען זענען ענטלאפען טייל־ווייז אויף אנ'אינזעל אינם כאספישען ים, טיילווייז, אין קרים, וואו עס האבען געוואוינט שבטים, וואס זענען געוועזען מיט זיי פערוואנדעט. פון דאמאלס אן האט קרים אנגענומען דעם נאמען: דאס כאזארען־לאנד. אזוי ארום איז בוסלעכווייז איינגעשרומפפט געווארען די כאזארישע מלוכה. יוסף איז געוועזען דער לעצטער מעכטיגער כאזארישער מלך.

ווען חסדאי האט ענדליך בעקומען יוסף'ס בריעף, איז זיין בעשיצער, עבדאל רחמן III, שוין געוועזען טויט, אבער זיין זוהן, דער כאליף אל חכים, איז געוועזען א גרעסערער פערעהרער פון די וויסענשאפטען און דער פאעזיע, ווי זיין פאטער. רבי חסדאי'ן האט ער דערהויבען אויך מעהר, ווי זיין פאטער און געהאט גרויס נוצען פון זיין טעטיגקייט פאר דער מלוכה. דורכן גוטען ביישפיעל פון ביידע כאליפען האט רבי חסדאי אויך געשטיצט ביי די אידען מיט זעהר א פרייער האנד די טאלענטען, און ער איז געוועזען דער ערשטער, וועלכער האט געגעבען די מעגליכקייט צו ענטוויקלען זיך דער אידישער קולטור אין אנדאלוזיען בעגאבטע אידי־שע פילאסאפען און דיכטער האט ער צוזאמענגערופען צו זיך אין קאר־דאווא, און זיי פון זייער זייט האבען איהם בעלוינט דאדורך, וואס זיי האבען געשריבען איהם צו עהרען שענע ליעדער און געווידמעט איהם זייערע וויסענשאפטליכע ספרים. איין אידישער דיכטער בעריהמט זיין גרויסען דיפלאמאטישע קונסט, וועלכע איז מנצח בעסער ווי גרויסע ארמעען:

וואו דער מלך שיקט איהם, — גליקליך איז דער וועג;
אלע מאל בעגלייט איהם, — חן גאר אהן א ברעג.
וואו ער טהוט א טריט, — קיינער רעדט קיין ווארט;
גאט העלפט איהם און היט, — העלדיש איז ער דארט.
הויבט ער אן צו רעדען, — ווי זיס די טענער קלינגען!
שטעדט און פיעל מדינות,—אהן שווערד טהוט ער בעצווינגען;
העלדען, רייטער, פאנצער־טרעגער,
שווערדען־קעמפער, פיילען־ווארפער,
אלע טהוען פאר איהם וויכען,

פאר זיין שען פערשטאנד, דעם רייכען.
צווישען די פארשער און דיכטער פון יענער צייט זענען בעריהמט מנחם בן סרוק און דונש בן לברט. ביידע האבען געמאכט טיפע פארשונגען אין דער העברעאישער שפראך, בערייכערט איהר און פערשענערט. זיי זענען ווייט-ווייט אריבערגעשטיגען די ארבייטען פון די פריהערדיגע שפראכפארשער פון די קאראאימען, אפילו אויך פון רב סעדיה גאון. דונש האט ענטדעקט א מאס און א וואויל קלינגענדען טאן אין העברעאיש, ווי מען האט עס פריהער געהאלטען פאר אונמעגליך. ער האט דער ערשטער איינגעפיהרט די מעטריק (מאס) אין די העברעאישע לידער און געגעבען זיי די שענע סימעטריע. מערקווירדיג גענוג, אז רב סעדיה'ן איז דאס נישט געפעלען געווארען, דען ער האט געטענה'ט, אז דאדורך טהוט מען אן קיינען דער פרייער שפראך. אויך דער אינהאלט פון דער העברעאישער פאעזיע איז ביי די אנדאלוזישע דיכטער געווארען א רייכערער און מעהר טיעף. ביז יענער צייט פלעגט מען די דיכט-קונסט אנווענדען נאר אויף צו שרייבען פיוטים פאר די תפלות, דאס איז געווען די אזוי גערופענע שוהל-פאעזיע; אפילו אויף די ליעב-געזאנגען איז געלעגען א שטעמפעל פון ערנסטקייט. לסוף האט מען די גראמען און פערזען אנגעהויבען געברויכען נאר פאר פאלעמישע ווערק, אדער געלעהרטע. חסדאי אבן שפרוט האט געגעבען די דיכטער די געלעגענהייט, צו געברויכען נייע טהעמאס. זיין אימפאנירענדע פערזענליכקייט, זיין הויכע שטעלע, זיינע גרויסע מעשים און זיין פירשטליכע פריינדליכקייט האט אריינגעבראכט די דיכטער אין התלהבות, און בעזונגענדיג רבי חסדאי'ן, האבען זיי דערוויל אבגעפרישט די אידישע מוזע און רייך געמאכט די שפראך מיט שענע וואוילקלינגענדע לידער און נייע געלונגענע אויסדריקען. נאטירליך, האבען זיי דערביי גענומען זיך פאר א מוסטער די ארבישע פאעזיע; זיי האבען עס כלל נישט אבגעלייקענט, אז ערב איז געווארען דער לעהרער פון „עבר" (ד. ה. פון העברעער). אבער נישט דונש, נישט די, וועלכע האבען זיינע קונסט-פארמען אנגענומען, האבען נישט נאכגעטהון קנעכטיש די ארבער און זייערע מוסטערן, נאר זיי האבען זיך גוט צוגעהערט צום נאטירליכען כאראקטער פון דער העברעאישער שפראך און ענטדעקט איהר אייגענע מאס און געזעצען. די טעכניק פון די אידישע שירים האט זיך ענטוויקעלט זעהר געשווינד, און די בעליבטע טהעמאס זענען געווארען — די ליעב-געזאנגען (אדען) און סאטירע.

דונש בן לברט איז געווען רב סעדיה גאונ'ס אייניקעל; פון באגדאד האט ער אויסגעוואנדערט קיין פעז (מאראקא); דאס איז געווען א פייערדיגע פערזענליכקייט, ווי געבוירען צום ליטעראַרישען קאמף. אין דער העברעאישער שפראך איז ער געווען א טיפער קענער און שוין אלס יונגערמאן האט ער געהאט ארום זיך פיעל תלמידים. ווי עס שיינט, איז ער געווען א רייכער מענש. מנחם בן סרוק איז געווען עלטער פון

איהם (געבוירען 190, געשטאָרבען 970); פֿון דער היים איז ער געוועזען
זעהר אָרים, און חסדאי'ס פֿאָטער, רבי צדוק, האָט איהם געשטיצט.
מנחם האָט דעריבער פֿערפֿאַסט אַ קינה נאָך זיין טויט, וועלכע מען
פֿלעגט לייענען אין דער שוהל, וואָס רבי יצחק האָט געהאַט געבויט.
מנחמ'ם בעליעבטע בעשעפֿטיגונג איז געוועזען דאָס שטודיום פֿון דער העב=
רעאישער שפּראַך; דערביי פֿלעגט ער אויסנוצען די אַרבייטען פֿון די פֿרי=
הערדיגע תנ"ך=פֿאָרשער. זיין שעהנעם סטיל האָט ער אָבער פֿון קיינעם
נישט געלערנט, דאָס איז געוועזען זיין אַ געבּוירטיגער טאַלענט. — ווען רבי
חסדאי איז דערהויבען געוואָרען אויף זיין מלוכה=שטעלע האָט ער אַרויס=
געפֿאָדערט צו זיך מנחם בן סרוק פֿון זיין געבורטס=שטאָדט טאָרטאָזאַ
קיין קאָרדאָווא און געמאַכט איהם די שעהנסטע הבטחות. מנחם איז
געוואָרען רבי חסדאי'ס הויף=דיכטער און פֿלעגט זינגען די שעהנסטע
ליעדער איהם צו עהרען. אבן שפּרוט האָט מיטגעווירקט, אַז מנחם זאָל
בעאַרבייטען און צוזאַמענשטעלען זיין העברעאיש ווערטער=בוך (955)
„המחברת", וואו די העברעאישע ווערטער זענען צוזאַמענגעשטעלט
געוואָרען, לויט זייערע וואָרצלען, און ערקלערט גראַמאַטיקאַליש. אויפֿגע=
וואַקסען אין אַ קרייז, וואו דאָס אַרויסגעזאָגטע וואָרט פֿלעגט פֿריהער גוט
בעטראַכט ווערען און וואו מען פֿלעגט זעהר שעצען די האַרמאָניע און
שעהנהייט, האָט דער טאָרטאָזאַ'ער גראַמאַטיקער געשטעלט די שפּראַך
בכלל זעהר הויך, און בפרט נאָך די הייליגע שפּראַך. — זיין ווערק
„המחברת" איז זעהר פֿיעל געלעזען געוואָרען, ווייל עס איז געוועזען געשרי=
בען אין העברעאיש און האָט זיך אויך שנעל פֿערשפּרייט אין פֿראַנקרייך
און איטאַליען, אַרויסשטויסענדיג איבעראַל די גראַמאַטיקאַלישע אַרביי=
טען פֿון די קאַראימען און פֿון רב סעדיה גאון; אַ לאַנגע צייט איז דאָס
ווערק געוועזען דאָס איינציגע הילף=בוך פֿאַר די תנ"ך=פֿאָרשער. דאָס ווערק
האָט אָבער געדאַרפֿט ברענגען זיין פֿערפֿאַסער מנחמ'ען זעהר פֿיעל עגמת
נפֿש. דונש בן לברט, וועלכער האָט זיך דערוואויגען צו מאַכען אַ שאַרפֿע
קריטיק געגען רב סעדיה'ס אַרבייט, האָט נאָך וועניגער געשוינט מנחמ'ען.
ווי נור ער האָט בעקומען זיין ווערק, האָט ער אַרויסגעלאָזען געגען איהם
אַ קריטישע שריפֿט, און וועלכער ער ווייזעלט און שפּאָט פֿון איהם אויף
זעהר אַ בעליידיגענדען אופֿן. דונש'עס שטאַמען האָט געשטאַמט נאָך פֿון
בבל, דען ווי אַלע בבלישע אידען פֿון יענער צייט, האָט ער געגלויבט, אַז
ווער עס האָט נישט געלערנט אין די בבלישע ישיבות, איז וועניג געלערנט
און אונוויסענד. די אידישע שפּראַך=פֿאָרשער אין שפּאַניען האָט ער גע=
שטעלט זעהר נידעריג. זיין קריטיש ווערק האָט ער געווידמעט רבי
חסדאי'ן און עס איז קענטיג געוועזען, אַז ער וויל איהם געווינען פֿאַר זיך,
דען ער האָט איהם זעהר געהנפֿ'עט אין דעם שיר, וועלכען ער האָט גע=
שריבען אין אָנפֿאַנג פֿון זיין ספֿר. דונש'עס חניפֿה פֿאַר רבי חסדאי'ן און
זיין אָנפֿאַל אויף מנחם בן סרוק האָבען געווירקט. חסדאי האָט אָנגעהוי=

בען ווענינער צו שעצען מנחם בן סרוק, ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז
דונש בן לברט איז א גרעסערער דיכטער פאר איהם און אין דער שפראך־
קענטניש שטעהט ער אויך נישט נידעריגער פאר איהם. און ווען איינינע
הונפים האבען אויך בערעדט מנחמ'ען פאר חסדאי'ן, איז ער אויף איהם
געוואלדיג בייז געווארען און פערגעסען זיין אייגענע שבועה און איביגע
פריינדליכקייט, וועלכע ער האט איהם אמאל געגעבען. ער האט געלאזט
ארויסווארפען דורך בית־דין־שמשים מנחמ'ען פון זיין וואוינונג, וועלכע
ער האט איהם פריהער געגעבען און זיין פאטערס הויז און געלאזט איהם
אויך שטרענג בעשטראפען. די זאך איז, ווי מען זאגט, פארגעקומען אום
שבת. מנחם וואלט זיכער אונטערגעגאנגען אין זיין ארימקייט, נאר צו
זיין גליק האט אויף איהם רחמנות געהאט חסדאי'ס ברודער און
גענומען איהם אונטער זיין שוץ. דער ארימער מנחם האט מודיע געווען
חסדאי'ן, וואס ער האט אויסגעליטען פון די מענשען, וועלכע ער האט
געגען איהם ארויסגעשיקט; אבער חסדאי, וועלכער האט פערמשפט דעם
ארימען דיכטער, נישט אויסהערענדיג איהם, אונטער די אויגען, האט זיך
איצט בלויז אויסגעלאכט פון איהם, ענטפערנדיג איהם שריפטליך: „אויב
דו ביזט שולדיג, האב איך דיך דורך מיין בעשטראפונג אויסגעבעסערט,
און אויב נישט—וועסטו זוכה זיין צו עולם הבא“. חסדאי'ס בענעהן זיך
געגען מנחם בן סרוק בלייבט אן'איביגער פלעק אויף זיין כאראקטער.
מנחם האט אבער געפונען גוטע פריינד, וואס האבען פאר איהם נקמה
גענומען; דאס זענען געווען זיינע תלמידים: יהודה אבן דאוד, יצחק אבן דזשי־
קאטיליא (גיקטיליא) און בן קפרון, וועלכע זענען ארויסגעטרעטען געגען
דונש בן לברט און אבגעווארפען אלע זיינע אנפאלען אויף מנחם, אב־
שפאטענדיג אויך פון דונש אין שעהנע שירים, געשריבען אין דער מאס,
וועלכע ער האט אליין ערפונדען. זייער ווערק געגען דונש האבען זיי
געווידמעט חסדאי'ן, צוגעבענדיג לויב־געזאנג פאר'ן „אידישען נשיא“
(ד. ה. פאר חסדאי'ן). ווי עס שיינט, איז חסדאי גראד דאמאלס געקומען
צוריק פון א דיפלאמאטישער שליחות, אין וועלכער ער האט אבגעהאל־
טען א גרויסען נצחון פאר'ן כאליף אלחכים, און דעריבער האבען
מנחמ'ס פערטיידיגער אנגעהויבען זייער בריעף צו איהם מיט פאלגענדע
ווערטער: „דעם בעשיצער פון דער תורה, דעם נשיא און יהודה טראגט
א גערוס, איהר בערג! די גאנצע וועלט פרעהט זיך מיט זיין קומען צו־
ריק, דען ווען ער פעררייזט, ווערט עס א חושך, די שלעכטסקייט הויבט
אן צו הערשען איבער יהודה'ס זיהן. גאט האט איהם געמאכט פאר א
נשיא, געגעבען איהם חן אין די אויגען פון קעניג און געווארפען פאר
איהם אלע זיינע פיינד. מיט גאט'ס הילף האט ער מנצח געווען די קא־
טוילען, אלע לויבען דערפאר זיין נאמען און האפען אויף איהם, ווי א
פעלד אויף טהוי און רעגען“. ווייטער בעטען זיי איהם, אז ער זאל צוריק
געבען זיין חסד מנחמ'ן און זיי ערווארטען דאס פון זיין ליעבע פאר

אמת. די פאלעמיק צווישען די אנהענגער פון מנחם און דונש האט זיך געפיהרט אין א שעהנער העבראישער שפראך און אויך אין שירים, און זי האט פיעל מיטגעווירקט ביי דער ענטוויקלונג פון דער שפראך.

ווי חסדאי האט געזארגט פאר דער ענטוויקלונג פון דער שפראך, שטיצענדיג די דיכטער און פארשער, אזוי האט ער אויך דערהויבען דאס שטודיום פון תלמוד אין שפאניען. די אידישע וויסענשאפט איז אין איראפא נאך געווען ווי א יונג פליגעלע אהן פליגלען און האט זיך נישט געקאנט אליין דערהויבען; זי האט זיך גענויטיגט אין א בעשיצער. דער שוין דערמאהנטער גאון פון סורא, רבי משה ברבי חנוך, וועלכער איז אויסגעקויפט געווארען דורך די קארדאווער אידען פון געפענגשאפט און דערהויבען געווארען פאר א רב אין דער קהלה, האט אויך געפונען א מעכטיגען בעשיצער אין חסדאי'ן. אויך ביידע כאליפען, עבדאל רחמן און זיין זוהן, אלחכים, האבען זעהר געוואלט, אז אין קארדאווא זאל זיך גרינדען א תלמוד'ישע ישיבה, כדי די שפאנישע אידען זאלען זיך בעפרייען פון די בבל'ישע ישיבות און נישט שיקען מעהר אהין קיין געלד. רבי משה איז געקומען אין קארדאווא בכלל אין זעהר א גינסטיגע צייט. פונקט ווי די שפאנישע אראבער האבען זיך בעמיהט, אריבערצושטייגען אין יעדער הינזיכט די באגדאדער אראבער, סיי אין דער פאליטיק, סיי אין דער וויסענשאפט און קונסט, אזוי האבען די שפאנישע אידען אויך געוואלט אריבערשטייגען די בבלי'שע און גרינדען ביי זיך אנ'אייגענעם צענטער פאר'ן שטודיום פון תלמוד מיט א אייגענעם גאון אין דער שפיץ. זיי האבען דעריבער ארומגערינגעלט רבי משה'ן מיט גרויסער פרעכטיגקייט און כבוד און האבען אנערקענט זיין אויטאריטעט. פון גאנץ שפאניען און אפריקא האבען אנגעהויבען קומען צו איהם תלמידים, און זיין ישיבה איז זעהר גרויס געווארען. חסדאי האט געלאזט איינקויפען אין סורא פיעל געשריבענע ש"ס'ן תלמוד, וואו זיי זענען געלעגען אהן נוצען, וויל די ישיבה איז געשטאנען לעדיג; די ספרים האט ער געבראכט קיין קארדאווא און געלאזט אויסטיילען צווישען די תלמידים. דורך רבי משה איז קארדאווא געווארען די שפאנישע סורא, און כאטש ער איז ניר געווען דאן רב, האט ער דאך אבער ערפילט אלע פונקציעס פון א בבלי־שען גאון. ער האט געגעבען סמיכות אויף רבנות די יונגע תלמידי חכמים און פלעגט ערקלערען די תורה און שווערע משפטים און שאלות איז ער געווען די העכסטע אינסטאנץ, און ווי ער פלעגט פסק'ענען, אזוי פלעגט מען טהון; ער האט אויך געהאט דאס רעכט ארויפצולעגען דעם חרם אויף די מיטגלידער פון די קהלות, ווען ער פלעגט ברויכען צו צווינגען זיי, אז זיי זאלען איהם געהארכען. שפעטער האבען די דאזיגע פונקציעס איבערגענומען די רבנים.

שפאניען איז אלזא געווארען א מיטעלפונקט פאר פיעל אידישע קהלות און פערשיעדענע לענדער. נישט וועניג האט דערצו מיטגעווירקט

אויך די גינסטיגע לאגע פון די שפאנישע אידען, בעזונדערס אבער, די לאגע פון דער אידישער קהלה אין קארדאווא. דאמאלס איז שוין די קהלה דארט געווען זעהר גרויס און רייך. אין קארדאווא האבען זיך געפונען פיעל רייכע אידען, וועלכע פלעגען פיהרען זעהר א פראכט לעבען: מיט הויז, בעפוצטע מיט שענע פעדערען, פלעגען זיי רייטען אויף שלאנקע פערד, אדער פאהרען אין רייך בעפוצטע אפענע קארעטעס אין די גאסען פון שטאדט מיט גאוה און גדלות, ווי עכטע שפאנישע פרייע בירגער. פאר די אידישע איינוואוינער פון אנדערע לענדער איז די זאך פארגעקומען, ווי אנ'אמת'ער וואונדער און עס איז דעריבער געווען א גאנץ נאטירליכע זאך, ווען מען האט אנערקענט די קארדאווער קהלה פאר א גרויסע מיוחסת און גערן געווען ביי איהר אונטערטעניג. אמת, א טייל פון דער אידישער עשירות אין קארדאווא האט דאמאלס געשטאמט פון נישט א גאנץ שעהנעם קוואל — פון שקלאפען־האנדעל. די קארדאווער אידען פלעגען קויפען אין אויסלאנד גרויסע פארטיעס שקלאפען און זיי פערקויפען די כאליפען. אין יענער צייט איז אבער אזא מסחר געווען א גאנץ נאטירליכע זאך און קיינער האט דערויף נישט געקוקט ווי אויף א חרפה, אדער אומרעכט.

נאך רבי משה'ס טויט (965) האט עס געהאלטען ביי א גרויסער מחלוקה אין דער קארדאווער קהלה: א טייל האבען געוואלט איבערגעבען זיין הויכע שטעלע זיין זוהן רבי חנוך, וועלכען רבי משה האט געבראכט מיט זיך אלס א קליינעם אינגעל; א צווייטער טייל האט אבער געשטיצט די קאנדידאטור פון דעם קארדאווער דיין, רבי יוסף בן יצחק אבן אבתור, וועלכער איז געווען איינער פון די בעסטע תלמידים רבי משה'ס און דערצו אויך א גרויסער קענער אין דער אראבישער ליטעראטור און א טאלענטפולער דיכטער. די הויפט־מעלה זיינע איז אבער געווען אין די אויגען פון די שטאלצע שפאנישע אידען, וואס ער איז געווען א געבוירטיגער שפאניער. רבי חנוך דאגעגען איז געווען א בבלי'שער איד, און פון אראבישער ליטעראטור האט ער נישט געוואוסט. זיינע מעלות זענען געווען, וואס ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם און א יורש פון רבי משה'ן. ווען די מחלוקת האבען אנגענומען א זעהר נישט געוואונשענע פארמע, איז ארויסגעטראטען רבי חסדאי און זיך ערקלערט פאר רבי חנוך'ן, וועלכער איז דעריבער געווארען רב אין קארדאווא און הויפט־אויטאריטעט פאר אלע שפאנישע אידען. כל זמן רב חסדאי האט געלעבט, האט קיינער נישט געוואגט ארויסצוטרעטען געגען רבי חנוך. די שפאנישע ישיבה, ווי אויך די נייע ישיבות אין מצרים, קאירואן און דרום־פראנקרייך האבען געבראכט דערצו, אז די ישיבות פון בבל זאלען נידער אונטערגעהן און די אבהענגיגקייט פון די אידישע קהלות פון די ישיבות זאל אינגאנצען בטל ווערען.

די גאונים רב שרירא און רב האי.

ווען א היסטארישע וועלט האלט ביים אונטערגעהן, קאן איהר דערין נישט אבהאלטען אפילו אויך א קרעפטיגע פערזענליכקייט; העכסטענס, אויב עס וועט איהר געלונגען צו געבען איהר נאך אויף א געוויסע צייט לעבען, אבער דאס וועט שוין זיין נישט קיין נאטירליך לעבען, נור א געקינסטעלטעס, אדער גאר בלויז א שיין פון לעבען. אזוי איז עס אויסגעקומען אויך מיט דער בבלי'שער גאונות. אומזיסט האבען זיך בעמיהט צוויי גרויסע לייט, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט אי מיט זייער תורה, אי מיט זייער חכמה, און זענען געשטאנען אין שפיץ פון דער ישיבה פון פומבדיתא, צו דערהאלטען איהר ביי'ם לעבען; עס איז נור געלונגען צו פערלענגערן דאס לעבען פון די ישיבות אויף נאך א האלבען יאהרהונדערט; צו געבען זיי א ניי לעבען אויף א לאנגע צייט, איז געווען נישט אין זייער מאכט. די דאזיגע צוויי גרויסע פערזענליכקייטען זענען געווען א פאטער און א זוהן, די לעצטע גרויסע גאונים פון פומבדיתא, רב שרירא און רב האי, וועלכע מען האט שפעטער א נאמען געגעבען „די פאטער'ס און לעהרער'ס פון ישראל".

מר רב שרירא, א זוהן פון'ם גאון רב חנינא (געבוירען 930, געשטארבען ארום 1000) האט געשטאמט אי מצד זיין פאטער, אי מצד דער מוטער פון א גרויסער יחוס-משפחה, וואס פיעל מיטגליעדער איהרע זענען געווען גאונים. ער אליין פלעגט זיך ריהמען, אז זיין יחוס ציהט זיך ביז'ן ראש גלותא בוסתנאי. אויף זיין חתימה האט ער דעריבער געהאט אויסגעקריצט דעם הערב פון א לייב, וועלכער זאל האבען געווען דער הערב פון די מלכים פון דוד'ס הויז.

רב שרירא איז געוועזן א גאון פון'ם פערצייטיגען טיפ. דער תלמוד איז פאר איהם געווען דער הויפט-צוועק אין לעבען און פון דער וויסענשאפט האט ער ווייניג וואס געהאלטען. חאטש ער האט גוט געקאנט די אראבישע שפראך און זיינע תשובות צו די קהלות אין די מהמד'אנישע לענדער פלעגט ער שרייבען אויף אראביש, פלעגט ער דאך אבער אמליעבסטען בענוצען די העברעאישע שפראך, אדער די אראמעישע, און די אראבישע ליטעראטור איז פאר איהם געווען פרעמד. זיין שריפטשטעלערישע טעטיגקייט האט זיך בעצויגען נור אויפ'ן תלמוד און די ענינים, וואס זענען מיט איהם פערבונדען. אויב עס האט אבער געפעהלט רב שרירא'ן הויכע בילדונג, האט ער דערפאר געהאט פיעל אנדערע מעלות. זיין הויכער ערנסט און זיינע מדות טובות האבען איהם געמאכט פאר אנ'ערהויבענער פערזענליכקייט. אלס ריכטער, האט ער

קודם געטראכט וועגען דער גערעכטיגקייט, און זיין פסק דין פלעגט זיך תמיד אויסצייכנען מיט דער שטרענגער געזעצליכקייט. אלס ראש ישיבה האט ער תמיד געטראכט נור וועגען לערנען תורה מיט די נאהענטע און הייטע, נישט וועלענדיג וויסען פון קיין מידיגקייט. ער פלעגט שטרענג אבהיטען די געזעצען פון תלמוד און איינמאל האט ער זיך שארף ארויסגעזאגט געגען א געוויסען הערר, וועלכער האט בעהאלטען זיינעם א קנעכט אלס א פרייען מענשען. דער דאזיגער הערר האט געהאט א קנעכט און א דיענסט, וועלכע האבען געבוירען א זוהן. דער הערר האט אבגעגעבען דעם געבוירענעם זוהן שפעטער אין א חדר און געלאזט מיט איהם לערנען תורה. ווען דער יונגער קנעכט איז אויסגעוואקסען, האט איהם דער הערר חתונה געמאכט מיט א דיענסט דורך חופה, קידושין און שבע ברכות, „כדת משה וישראל". רב שרירא האט דערויף זעהר מתרעם געווען, ווייל דאס איז געגען דעם תלמוד.

א גרויסע זאך האט אויפגעטהון רב שרירא מיט זיין „אגרת" (בריעף), וועלכע איז געווארען דער הויפט-קוואל ביים שטודירען די געשיכטע פון תלמוד, רבנן סבוראי און די גאונים. רבי יעקב בר נסים, וועלכער איז געוועזן א תלמיד פון יענעם רבינו חושיאל, וואס איז צוזאמען מיט זיינע דריי חברים געפאהרען אויף'ן שיף, כדי צו קלייבען נדבות פאר דער ישיבה פון סורא, און איז נאכדעם פערקויפט געווארען אין קנעכטשאפט און צוריק אויסגעקויפט געווארען, און האט געגרינדעט א ישיבה אין קאירואן, — רבי יעקב בר נסים (מיט'ן ביי-נאמען אבן שאהין) האט זיך געווענדעט מיט א בריעף צו רב שרירא גאון, אין וועלכען ער פרעגט ביי איהם אן, אינ'ם נאמען פון די קאירואנער אידען: „ווי אזוי איז געשריבען געווארען די משנה? צי האבען די אנשי כנסת הגדולה איהר אנגעהויבען שרייבען און רבי האט איהר בלויז גע'חתמ'עט, אדער ניין? ווי אזוי האט מען צוזאמענגעשטעלט דעם תלמוד, די ברייתות, תוספתא א א. וו.? ווער זענען געווען די רבנן סבוראי און די גאונים א. ז. וו.?" — מיט איין ווארט: רב יעקב בר נסים האט פערלאנגט פון רב שרירא, אז ער זאל מחבר זיין די געשיכטע פון דער תורה שבעל פה. ווי עס שיינט, האבען די קאראימען געהאט פערשפרייט אין קאירואן ספקות וועגען דער אלטקייט און ריכטיגקייט פון דער תורה שבעל פה, דען אין דעם בריעף ווערט אויך געשטעלט די פראגע: אויב די תורה שבעל פה איז באמת עלטער פאר די שולען פון הלל און שמאי און פאר וואס האבען די נביאים גאר נישט דערמאהנט וועגען איהר? — דאס איז געוועזן א שטעכעדיגע פראגע, און רב שרירא האט אויפ'ן הויפט-פונקט טאקי אויך גאר נישט געענטפערט, ווייל עס איז איהם געוועזן גאנץ אונמעגליך אנצוגעבען עטוואס בעשטימטעס וועגען דעם, אויסער זיין פערזענליכען גלויבען. דערפאר אבער האט ער אויפ'ן בעסטען אופן בעלויכטען די גאנצע געשיכטע פון דער תורה

שבעל פה, אָנהייבענדיג פון די ערשטע תנאים ביז דער לעצטער צייט. — רב שרירא'ס כראָניק איז די בעסטע פיהרערין און וועג־ווייזערין פאַר'ן געשיכטע־פאָרשער און יענער עפּאָכע. רב שרירא איז אַן'עכטער, ריכטיגער, אמת־ליעבענדער כראָניקער. ער גיט איבער די פאַקטען אַזוי ווי זיי זענען פאָרגעקומען, אָהן בעפוצונג און גוזמאות און אָהן חניפות. נור איהם צו פערדאַנקען, וויסען מיר די געשיכטע פון דער נאָך־תלמודישער עפּאָכע ביז זיין צייט. אמת, קיין היסטאָרישע קונסט־ווערק האָט ער נישט געגעבען, דאָס איז כלל נישט געווען קיין זאַך פאַר א מיטעלאַלטערליכען שריפטשטעלער: ער איז פיעל מעהר טרוקען און איינפאַך, דערפאַר אָבער אויך אמת און עהרליך. און יענער צייט איז די געשיכטע בכלל איינגעטריקענט געוואָרען און א לוח־פערצייכעניש פון די געשעהענישען, אַזוי איז עס געווען ביי די אַראַבער אין די מזרח־און מערב־לענדער, אַזוי איז אויך געווען ביי די שפּאַנישע, גערמאַנישע און ביזאַנטינישע שריפטשטעלער. רב שרירא האָט בעהאַנדעלט די געשיכטע נישט ערגער פון די כראָניקער פון זיין צייט.

רב שרירא'ס טעטיגקייט צו דערהויבען די ישיבה איז געווען זעהר א ענערגישע. ער האָט אונטערגענומען אַלערליי מעגליכע מיטלען צו פערגרעסערן די צאָהל פון די תלמידים און דערהויבען דעם אויטאָריטעט פון דער פומבדיתא'ער ישיבה, אָבער קיין פרוכטען האט די דאָזיגע טעטיגקייט נישט געקאָנט ברענגען, ווייל מען איז אין יענער צייט אַבגעקיהלט געוואָרען אין בבל צום תלמוד־שטודיום. די ישיבה איז אַזוי פערארימט געוואָרען אין מאָראַלישע כחות, אַז רב שרירא האָט געמוזט דערהויבען זיין זעכצעהניעהריגען זוהן רב האי פאַר אַן'אויבער־ריכטער (אב בית דין). אויך די הויכאַכטונג פאַר'ן גאון איז אין יענער צייט שוין געווען זעהר געפאַלען, און עס האָבען זיך געפונען שלעכטע מענשען, וואָס האָבען אָנגעגעבען צום כאַליף אלקאַדיר א מסירה אויף רב שרירא'ן און זיין זוהן, רב האי, אַז ער פיהרט זיין נשיאות צו שטרענג (997) און דער כאַליף האָט געלאָזט זיי אריינוואַרפען אין תפיסה, דעם פאָטער און דעם זוהן, קאָנפיסקירענדיג זייער פערמעגען. רב שרירא און רב האי זענען אַזוי פערארימט געוואָרען, אַז עס האָט זיי אַפילו געפעהלט ברויט אויף חיונה. אויף דער שתדלנות פון א אַנגעזעהענער פערזאָן האָט מען זיי צוריק בעפרייט. דאן האָט רב שרירא, צוליעב זיין הויכען עלטער, זיך אַבגעזאָגט פון דער גאונות און איבערגעגעבען זי צו זיין זוהן (998). א פאַר יאָהר נאָכדעם איז ער געשטאָרבען. נאָך זיין טויט האָט מען רב שרירא'ן אָבגעגעבען אַזאַ גרויסען כבוד, ווי מען האָט עס נישט געטהון פאַר קיין גאון. אינ'ם שבת, ווען רב האי איז געזעסען שבעה, האָט מען געלייענט אין בית־המדרש ביי'ם דאַווענען אין דער תורה די פרשה: „יפקד ה' אלהי הרוחות לכל בשר איש על העדה“ — ד. ה. „גאָט זאָל בעשטימען א מענשען איבער דער קהלה“ און דערנאָך האָט מען געלייענט די הפטרה:

„יזען דוד האט געדארפט שטארבען“ און געענדיגט מיט די ווערטער, אנשטאט דעם פסוק: „שלמה האט זיך געזעצט אויף זיין טראהן“ — און „האי האט זיך געזעצט אויף זיין טראהן און זיין מלכות איז זעהר בעפעסטיגט געווארען“. — רב האי גאון איז נישט געוועזען בלויז א תלמודיסט, ווי זיין פאטער, ווי ער איז אויך נישט געוועזען קיין אנהענגער פון דער מיסטיק. ער איז פיעל מעהר געוועזען אנ'אנהענגער פון די העברעאישע שפראך־פארשער און דיכטער, חאטש אליין איז ער קיין דיכטער נישט געוועזען. די שטארקסטע זייט זיינע איז אבער פארט געוועזען דער תלמוד, און וועלכען ער האט טיעף ארייגעדרונגען מיט זיין הייליגען גייסט. אין פינדעסטוועגען איז די פומבדיתא'ער ישיבה זעהר געפאלען אין זיין צייט, וויל די ישיבות אין אויסלאנד האבען זיך זעהר געשטארקט און דער ארט לערנען אין דער בבלישער ישיבה איז שוין אויך געוועזען צו פערעלטערט. זי האט שוין נישט געקאנט צופרידענשטעלען די יונגע קהלות מיט די פרישע קרעפטען, וועלכע האבען זיך דערוועקט אין אנדאלוזיען (שפאניען) און אין צפון־אפריקא. בעזונדערס אין שפאניען האט געהערשט א נייע לעבען. די וויסענשאפט און די תורה האבען קאנקורירט איינע געגען די אנדערע, אבער אויך געשטיצט זיך געגענזייטיג. די נאמען, וועלכע עס האבען פערוויהעט רבי חסדאי, רבי משה, מנחם בן סרוק און דונש בן לברט יעדער אין זיין פאך, האבען געבראכט שענע פרוכטען. א פייעלזייטיגע בילדונג איז צווישען די אידען אין שפאניען, ווי צווישען די אראבער, געווארען א ציהרונג פאר א מענשען און דאס האט געבראכט אויך כבוד און עשירות. לויט'ן ביישפיעל פונ'ם כאליף עבדאל רחמן, האבען אידישע דיפלאמאטען און שרים פערנומען הויכע מלוכה־שטעלען און געדיענט אלס דיפלאמאטישע אגענטען אין די קעניגליכע הויפען אין שפאניען סיי ביי די מחמד'אנער, סיי ביי די קריסטען. די דאזיגע הויכגעשטעלטע אידען האבען זיך גענומען פאר א מיכטער רבי חמ'אי'ן און פלעגען אויך שטיצען די וויסענשאפט און די פאעזיע. די וויסענשאפט זעלבסט איז נישט געוועזען טרוקען, נאר פיל מיט פאעטישע זאפט און בעגייסטערונג. די געבילדעטע אידען האבען גערעדט און געשריבען אראביש נישט ערגער, ווי די אראבער גופא, און גאנץ אפט האט מען צווישען די אראבישע דיכטער און געלעהרטע געקאנט בעגעגנען אויך א אידען, וועלכער איז ביי די אראבער געוועזען תמיד א אנגענומענער גאסט. אויך די חכמים, וועלכע האבען זיך בעשעפטיגט בלויז מיט'ן תלמוד, האבען זיך נישט געהאלטען אבגעזונדערט פון דעם תנ"ך און פון דער פאעזיע און, אויב זיי פלעגען אליין קיין שירים נישט שרייבען, האבען זיי דאך העכסט געעהרט די דיכטונג און די דיכטער. דאגעגען די פילאזאפיש־געבילדעטע אידען האבען געהאלטען פאר זייער שטאלץ צו זיין גוט בעקענט מיט'ן תלמוד. מען האט דעריבער אפט געקאנט טרעפען אין יענער צייט רבנים, וועלכע זענען געוועזען אויך טיעפע און געאיבטע

לעהרער פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע.

אָבער די וויסענשאַפֿט און די קונסט זענען געוועזען נישט בלויז אַ צירונג ביי די שפּאַנישע אידען, נור זיי האָבען אויך דערהויבען און פֿעראיידעלט זייער גאַנצען לעבען; די שפּאַנישע אידען האָבען איינגעזאַפּט יענעם הויכען גייסט, וועלכער דערלאָזט נישט קיין געמיינהייט און נידעריגקייט. די אידישע שרים זענען מעהרסטענס געוועזען העכסט שענע פּערזענליכקייטען, מיט די בעסטע מדות און די איידעלסטע געפֿיהלען דורכגעדרונגען. אויב זיי זענען געוועזען אויך אַזוי ריטערליך שטאָלץ, ווי די אַראַבער, זענען זיי אָבער געשטאַנען פֿיעל העכער פֿאַר זיי מיט זייער ערהליכקייט, און ווען די אַראַבער זענען שוין געוואָרען אויסגעלאַסען און ווילד, זענען די אידען נאָך געשטאַנען אויף אַ גאַנץ הויכער מאָראַלישער מדרגה, גלייך מיט די אַראַבער האָבען זיי געהאַט אַ געוויסעם זעלבסטגעפֿיהל, וועלכעס פֿלעגט זיך אַרויסווייזען אין די פֿיעל עהרען־נעמען, וואָס זיי פֿלעגען טראָגען, אָבער ביי די אידען האָט דאָס געשטאַמט נישט פֿון פּוסטער גאוה, נור פֿון אַ אינערליכען מאָראַלישען געפֿיהל פֿון אַ הויכער ראַסע. געוויסע פֿאַמיליעס, ווי אבן־עזרא, אלפכר, אבן־פליאג, אבן־גיאת, בנבנישתי, אבן־מיגאש, אבולאפיא און אנדערע, זענען געוואָרען אַ הויכע אַדעל־קלאַס ביי די שפּאַנישע אידען. אָבער דער דאָזיגער אַדעל איז כלל נישט געוועזען גלייך צום אייראָפּעאישען, וועלכער האָט בלויז שטאָלצירט מיט זיין געבורט, ביי די אידען האָט מען אינ'ם יחוס־משפחה געזעהען אַ פֿליכט אויסצוצייכענען זיך מיט שענע מעשים, אין תורה, אדער חכמה, כדי ווערט צו זיין דעם גרויסען נאָמען פֿון די עלטערן. די העכסטע קולטורעלע מדרגה, צו וועלכער עס שטרעבט די מענשהייט ערשט אין דער נייער צייט — צו וויסענשאַפֿט, ערהאַבענעם דענקען און כאַראַקטערפֿעסטקייט — אַט דאָס אַלץ איז שוין היימיש ביי די אידען אין שפּאַניען אין זייער אויפֿבליהונגס־צייט. זייער רעליגיעז לעבען איז פֿעראיידעלט געוואָרען דורך העכערע בילדונג און געליעבט האָבען זיי זייער רעליגיאָן מיט'ן גאַנצען פֿייער, וועלכע עס קאָן נאָר געבען די איבערצייגונג און התלהבות. יעדעם געבאָט פֿון דער תורה, ווי דאָס איז געשריבען אין חומש אין ערקלערט אין תלמוד, איז פֿאַר זיי געוועזען אַ הייליגטום דורכשניטליך; דערביי זענען זיי אָבער גאַנץ ווייט געוועזען פֿון נאַרישען פֿאַנאַטיזם און פֿון יעדען אָבערגלויבען; אין זייערע פֿאָרשונגען פֿלעגען זיי אפילו געהן גאַנץ ווייט, אָבער קיינמאָל נישט איבערטרעטענדיג די גרענעצען פֿון דער אמונה; אויך קיין מיסטיקער האָט מען צווישען זיי נישט געקאָנט געפֿינען, ווענינגסטענס, אין דער אויפֿבליהונגס־עפּאָכע. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס די שפּאַנישע אידען האָבען געקוקט פֿון אויבען אַראָב אויף אַלע אויסלענדישע אידען, סיי אין אייראָפּאַ, סיי אין אַנדערע וועלט־טיילען, דען זיי האָבען געהאַלטען פֿאַר נישט־קולטורעל. די אויסלענדישע אידען האָבען דאָס אַליין אויך פֿערשטאַנען און פֿלעגען דעריבער

קוקען מיט אַ העכסטען עהרען־געפיהל אויף די שפּאַנישע אידען, פּונקט ווי מען האָט מיט פיעל הונדערטער יאָהרען פריהער געקוקט אויף די אידען אין לאַנד יהודה און דערנאָך אין בבל.

דער אָפיציעלער פערטרעטער פון שפּאַנישען אידענטום איז געוועזען דער שוין דערמאָנטער בבלי רבי חנוך ברבי משה (געבוירען אַרום 940, געשטאָרבען אַרום 1014), וועלכער האָט איבערגענומען די שטעלע פון זיין פאָטער. אויך אַזוי געבילדעט, ווי ער אין תלמוד, אָבער דערצו נאָך אויך אַ גרויסער קענער אין אַנדערע פאַכען, איז געוועזען זיין שוין דערמאָהנטער קאָנקורענט—רבי יוסף בן יצחק אבן־אביתור (אבן שטאַנש), וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ גרויסער יחוס־משפחה אין אנדאלוזיען און איז געוועזען איינער פון די בעסטע תלמידים פון רבי חנוך'ס פאָטער, רבי משה. זיין קענען אַראַביש איז אַזוי גרויס געוועזען, אז ער האָט איבערזעצט גאַנץ משניות אין אַראַביש. לויט'ן פערלאַנג פון כאַליף אלחכים, וועלכער איז מיט דער איבערזעצונג געוועזען העכסט צופרידען. דער כאַליף האָט דערביי געהאַט אייגענטליך נור אַ ביבליאָגראַפישען צוועק: ער האָט געוואָלט בערייכערען זיין ביבליאָטעק, וועלכע איז בעשטאַנען פון פיער און צוואַנציג טויזענד ספרים, מיט אַ ספר, וועלכער איז הייליג און טייער געוועזען ביי די אידען.— די פערטרעטער פון דער שפּראַך־וויסענשאַפט און פּאָעזיע אין העברעאיש זענען געוועזען אין יענער צייט (אין דער נאָך־חסדאי'שער עפּאָכע) די תלמידים פון מנחם און דונש, וועלכע פלעגען פּאַלעמזירען איינע מיט די אַנדערע אין אַ שענער העברעאישער פּראָזאַ און אין שירים. די אויסגעצייכענטסטע צווישען זיי זענען געוועזען: יצחק אבן גיקטיליא (דזשיקאַטילאַ)—אַלס דיכטער, און יהודה אבן דאוד, וועלכער האָט געאַרבייט ווייטער אויפ'ן געביעט פון דער העברעאישער גראַמאַטיק. דער לעצטער האָט אויך געהאַט, אויפ'ן אַראַבישען שטייגער, אַ לאַנגע רייהע פון נעמען: אבו־זכריה יחיא יהודה חיוג (חאַיודזש), און ער ווערט בעטראַכט אַלס דער פאָטער פון דער העברעאישער גראַמאַטיק, דען ער האָט דער ערשטער זי בעגרינדעט און בעאַרבייט וויסענשאַפטליך. יהודה חיוג האָט דער ערשטער רעפאָרמירט די העברעאישע גראַמאַטיק און געמאַכט אַ סוף צו יענעם מיש־מאַש אין איהר, וועלכע האָט נישט ערלויבט אפילו אַזעלכע פאָרשער ווי רב סעדיה גאון, מנחם און דונש זענען געוועזען, צו געפינען אַן ענטפער אויף פיעל שוועריגקייטען אין תנ"ך. ער האָט אָנגעוויזען, אז אַלע העברעאישע וואָרצלען בעשטעהען פון דריי אותיות און אויב אין טייל וואָרצלען פעהלען אותיות, איז עם צוליעב אַ זייטיגער סבה, וועלכען ער האָט אָנגעוויזען. זיין ניי סיסטעם האָט חיוג געשריבען אין אַראַביש און אָט דאָס איז געוועזען די סבה, פאַר וואָס עס איז געבליבען אַ לאַנגע צייט אונבעוואוסט פאַר די אויסלענדישע אידען און זיי האָבען זיך נאָך לאַנג געהאַלטען ביים אונפאָלקאָמענעם סיסטעם פון מנחם און דונש.

האטש די קארדאווא'ער רבנות איז געווען בלויז א כבוד־שטעלע
און קיין שטענדיגע הכנסות האט זי נישט געבראכט, פונדעסטוועגען האט
זיך באלד נאך חסדאי'ס טויט ווידער אנגעהויבען א מחלוקת, דען די אנ-
הענגער פון אביתור האבען געוואלט, אז ער זאל זיין רב, און נישט רבי
חנוך. דער גרויסער רוב פון דער קהלה איז אבער געשטאנען אויפ'ן צד
פון רבי חנוך. די מחלוקת איז געווארען זעהר העפטיג און וועגען א שלום
האט קיינער נישט געוואלט הערען. די קעמפענדע פארטייען האבען זיך
ענדליך געווענדעט צום כאליף. אנגעזעהענע אנהענגער פון רבי חנוך, זיי-
בען הונדערט אין דער צאהל, זענען געפאהרען אין פרעכטיגע קארעטעס
און רייך געקליידעט עטליכע טעג נאכאנאנד קיין אל=זהרה (דעם כא-
ליפ'ס פאלאץ), כדי צו ווירקען, אז דער כאליף זאל זיך ארויסזאגען לטובת
רבי חנוך. די געגנערישע פארטיי האט נישט געקאנט ארויסשטעלען אזוי
פיעל שתדלנים, און דער כאליף אלחכים האט זיך דעריבער ארויסגעזאגט
לטובת רבי חנוך, ווי די מעהרהייט האט פערלאנגט. אבן אביתור האט
זיך אבער געווענדעט פערזענליך צום כאליף אין דער האפנונג, אז צוליעב
זיין גרויסער קענטעניש אין אראביש וועט ער ביי איהם נושא חן זיין
מעהר, ווי רבי חנוך, בפרט נאך ווען דער כאליף איז אזוי שטארק צופרי-
דען מיט זיין איבערזעצונג פון דער משנה. אבן אביתור האט אבער גע-
האט א טעות. דער כאליף האט איהם ערקלערט פאלגענדעס: „ווען מיינע
אראבער האלטען מיך אזוי פערשטויסען, ווי די קארדאווא'ער קהלה דיך,
וואלט איך מיין מלוכה פערלאזען. איך קאן דיר נור געבען איין עצה —
צו אויסוואנדערען אין א פרעמד לאנד“. אבן אביתור האט דערין דערזעהן
א בעפעהל, און ער האט באלד פערלאזען שפאניען און אבגעפאהרען מיט'ן
שיף קיין אפריקא. א געוויסע צייט האט ער ארומגעוואנדערט אין
מגריב (Maghreb), אין דער פאטימידישער מלוכה און אין מצרים; ער
איז אויך געקומען קיין בבל צום גאון ר ב ה א י, וועלכער האט איהם
אבער נישט געוואלט אננעהמען, ווייל רבי חנוך האט איהם געהאט ארייג-
געלעגט אין חרם. רב ה א י איז אפילו געווען געשטימט נישט גאנץ פריינד-
ליך געגען רבי חנוך, דען א דאנק זיין פאטער האט די ישיבה פון פומבדיתא
פערלוירען איהר הויפט=שטיצע, אבער די מחלוקה פון אבן אביתור איז נאך
ווענינער געפעלען דעם בבלישען גאון.

פלוצלונג אבער זענען די אומשטענדען געווארען גינסטיגער פאר
אבן אביתור: איינער פון זיינע הויפט=אנהענגער האט דערגרייכט צו א
גרויסער שטעלע און אנגעווענדעט זיין גאנצען איינפלוס לטובת אבן
אביתור, דאס איז געווען דער זיידענס=פאבריקאנט י ע ק ב א ב ן ד ז ש א ו,
וואס אין זיין פלוצלונגען שטייגען און פאלען קאן מען זעהן אנ'עכט ביל
פון די איבערליכע פאליטישע בעציהונגען אין שפאניען נאכ'ן טויט פון
דעם אויפגעקלערטען כאליף אלחכים (976). כאליף איז געווארען זיין זוהן
ה י ש א ם, אבער די גאנצע מלוכה־מאכט האט זיך געפונען אין רשות פון

דעם משנה למלך אלמאנזאר מחמד אבן אביעמר, וועלכער איז געוועזן א גרויסער רודף פון קריסטען אין די צפון-שפאנישע בערג און פון די אפריקאנער אין זייערע פעסטונגען. יעקב אבן דזשאו איז אונטער איהם נתעלה געווארען אויף א גאנץ אונגעוועהנליכען אופן. ער און זיין ברודער פלעגען צושטעלען זיידענשטאף פאר'ן קעניגליכען הויף, ווי אויך מיליטערישע פאהנען מיט קינסטליך איינגעוועבטע אראבישע מאמרים. זייערע זיידען-וועבעריען האבען זיך קונה שם געווען. איינמאל האבען די ברידער אבן דזשאו געפונען א גרויסע סומע געלד אין הויף פון כאליף, וואו געוויסע פראווינציאלען האבען עס פערלוירען. דאס געפונענע געלד האבען זיי פאר זיך נישט פערנוצט, נור געמאכט פאר זיי גרויסע מתנות פאר'ן כאליף און זיין משנה למלך אלמאנזאר, כדי דאדורך צו פועל'ן דאס מען זאל אבן אביתור צוריקרופען קיין שפאניען און מאכען איהם פאר א דיין-רב אין קארדאווא. דער פלאן איז געלונגען: אלמאנזאר האט בעשטימט יעקב אבן דזשאו פאר אנ'אויבער-דיין איבער אלע שפאנישע אידען (985) און ער אליין האט געדארפט האבען דאס רעכט צו בעשטימען רבנים און דיינים אין די אידישע קהלות, ווי אויך איינמאהנען די הכנסות פאר דער מלוכה און דאס געלד, וואס איז נויטיג אויף די הוצאות פון די קהלות. אלמאנזאר האט איהם בעשאנקען אויך מיט אויסערליכער פרעכטיגקייט: ער האט געהאלטען אכצעהן פאזשען, וועלכע פלעגען איהם בעגלייטען, און פלעגט קאנען פאהרען אין א מלוכה-קארעטע. די קארדאווא'ער קהלה האט איהם אנערקענט פאר איהר נשיא און איבערגעגעבען איהם דאס רעכט, צו לאזען בירושה זיין נשיאות אין זיין משפחה. די דאמאליגער דיכטער האבען איהם דערהויבען אין זייערע ליעדער, ווי זיי האבען דאס געטהון פאר רבי חסדאי.

ווי נאר יעקב אבן דזשאו האט דערגרייכט צו זיין הויכער שטעלע, האט ער מודיע געווען דעם רב, רבי חנוך, אז ער איז דערוויטערט פון דער רבנות, דערביי האט ער איהם געסטראשעט, אז אויב ער וועט ניט געהארכען, „וועט ער איהם אריינזעצען אין א שיף אהן א רודער און ארויסלאזען אויפ'ן ים", דאס הייסט, ער וועט איהם אבשיקען צוריק פון וואנען ער איז געקומען. דאן האט יעקב אבן דזשאו אנגעהויבען מאכען הכנות, צוריקצורופען אבן אביתור קיין שפאניען און בעשטימען איהם פאר א רב אין קארדאווא. צוליעב דעם גרויסען כבוד, וואס אבן דזשאו האט געהאט ביים הויף פון כאליף, האבען פיעל אנגעזעהענע מיטגליעדער פון דער קהלה פון די פריהערדיגע געגנער פון אבן אביתור אונטערגעשריבען דעם בריעף, וועלכען אבן דזשאו האט געשיקט צו אבן אביתור, איינלאדענדיג איהם צו קומען קיין קארדאווא אויף דעם כסא הרבנות. רבי חנוך איז געווארען אוים רב. אבער ווען מען האט שוין געהאט געמאכט די נויטיגע הכנות אויפצונעהמען מיט גרוים פאראד דעם נייען רב אבן אביתור, איז ערהאלטען געווארען פון איהם א בריעף, וועלכער האט אלעמען העכסט

פערוואונדערט. רבי יוסף אבן אביתור האט אין שארפע אויסדריקען גע־גם מוסר דער קארדאוואער קהלה פאר איהר אונאנשטענדיג האנדלען געגען איהר גרויסען רב, רבי חנוך: „איך נעהם פאר עדות דעם הימעל און די ערד — שרייבט אבן אביתור — אז פון שפאניען ביז בבל איז נאך נישט צו געפינען אזא גרויסען רב, ווי רבי חנוך איז, סיי אין יראת שמים, סיי אין ידיעת התורה“. ער האט דעריבער געראטען, אז מען זאל רבי חנוך צוריק מאכען פאר א רב.

דערווייל איז פארגעקומען ווידער א נייעס: יעקב אבן דזשאו איז אראבגעשטויסען געווארען פון זיין גדולה, און דער משנה למלך אלמאנ־זאר האט איהם געלאזט אריינווארפען אין תפיסה, ווייל ער האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז צו־עהרליך. אלמאנזאר האט נעמליך געהאפט, אז ער וועט בעלעגען די אידישע קהלות מיט גרויסע אבצאהלונגען, כדי צו ברענגען פיעל מתנות דעם כאליף, אבער יעקב אבן דזשאו האט נישט געוואלט בעלעסטיגען די אידען מיט גרויסע אבצאהלונגען. לערך א יאהר לאנג איז ער אין תפיסה געזעסען, ביז דער כאליף האט זיך על פי סבה דערוואוסט דערפון און געהייסען איהם בעפרייען. יעקב אבן דזשאו איז צוריק געווארען אויבער־ריכטער און איז פיעל יאהרען געשטאנען אויף דער דאזיגער הויכער שטעלע (ביז'ן יאהר 900) און פאר דער דאזיגער גאנצער צייט איז רבי חנוך נישט געווען רב. ווען ער איז געשטארבען, האבען רבי חנוך'ס פריינד זיך בעאיילט צו ברענגען איהם די בשורה, אז זיין פיינד איז געשטארבען. אבער רבי חנוך האט זיך ביטערליך צוויינט: „אח! — האט ער געקלאגט — ווער וועט עס איצט זארגען פאר די פיעל ארימע לייט, וועלכע ער פלעגט שטיצען! איך קאן דאס נישט טהון, דען איך בין ארים!“

רבי חנוך איז צוריק געווארען רב און האט לאנג איבערגעלעבט זיין געגנער אבן אביתור, וועלכער איז געשטארבען אין דמשק. רבי חנוך האט נאך דערלעבט די טרויעריגע צייט פון דער מפלה פון קארדאווא ווען עס האבען זיך אנגעהויבען גרויסע רדיפות אויף אידען. געשטארבען איז ער אין יאהר 1015 אום שמחת תורה, ווען ער איז עולה לתורה געווען צו חתן־תורה: די בימה איז דאמאלס איינגעפאלען און ער האט זיך דעם רוקען צובראכען און געשטארבען.

ווי קארדאווא איז געווען דער מיטעלפונקט פון די שפאנישע אידי־שע קהלות, אזוי איז נארבאנא געווען דער צענטער פון פראנצויזישען אידענטום. אויך דא איז געווען א גרויסע ישיבה, וואהרשיינליך בעגרינ־דעט דורך דעם פיערטען חבר פון די שלוחים פון סורא (זעה אויבען זייטע 109). אבער דא האבען געפעהלט די גוטע בעדינגונגען, וועלכע זיינען נויטיג געווען, כדי עס זאל זיך קאנען ענטוויקלען ווי געהעריג א גרויסער גייסטיגער צענטער. די פראנצויזישע אידען זיינען אויך,

ווי די פֿרומיגע קריסטליכע בעפֿעלקערונג, געשטאנען זעהר אויף א נידעריגער מדרגה פֿון בילדונג. די חסדים, וועלכע עס האט ארויסגעוויזען פֿאר די אידען דער קעניג לודוויג דער פֿרומער, זענען מיט זיין טויט פֿערשוואונדען געווארען. אויסער דעם האט די מאכט געהערט אין פֿראנקרייך צו די באראנען און גלחים. די מלכים זענען געווען בעשרענקט פֿון אלע זייטען און האבען גארנישט געקאנט טהון פֿאר די אידען, ווען אפילו זיי וואלט געוואלט און די גלחים וואלטען זיי נישט אנגערעדט צו רשעות געגען די אידען. די גלחים האבען אויך אונאויפֿהערליך דערוועקט געגען זיי דעם המון, וועלכער איז נאך געווען גאר ווילד און פֿאנאטיש און האט זיך דעריבער געלאזט לייכט איינרעדען, אז די אידען זענען א פֿאלק, וואס איז פֿערשאלטען דורך גאט און פֿערדינט נישט קיין שום רחמנות. מען האט געגלויבט דאמאלס, אז די אידען זענען כישוף־מאכער, און דורך זייער כישוף ברענגען זיי שאדענס די קריסטען. ווען דער קעניג הוגא קאפעט, וועלכען עס האט קורירט א אידישער מעדיקער, איז געשטארבען (996), האט דאס פֿאלק געגלויבט נישט אנדערש, אז דער איד האט איהם דער'הרג'עט, און די גלחישע כראניקער האבען זיך נישט געשעמט צו פֿערצייכענען אין די כראניקען דעם דאזיגען אונבעגרינדעטען קלאנג, אלס א זיכערען פֿאקט. די פֿראנצויזישע אידען האבען אפילו יא געהאט אייגענע פֿעלדער און וויינגערטנער, אבער זייער מעמד איז כלל נישט געווען געזיכערט דורך די געזעצען און ממילא האבען זיי נישט געקאנט האבען אויך קיין גוטע געארדענטע קהלות. דער בישאף פֿון לימאזש (Limoges) האט אין א משך פֿון א חודש צייט געלאזט פּרעדיגען צווישען די אידען דעם קריסטענטום און ערקלערען זיי, דאס אין תנ"ך איז אנגעוויזען געווארען, אז ישו איז געווען א משיח. אומזיסט איז אבער געווען זיין ארבייט: די אידען זענען געבליבען ביי דאס זייעריגע, און נאר דריי אדער פֿיער אידען האבען זיך געלאזען אבשמד'ן. די איבעריגע אידען האט מען פֿון שטאדט ארויסגעטריבען פֿאר זייער אידישע עקשנות, זיי מיט זייערע פֿרויען און קינדער, און דאס אונגליק איז פֿאר די אידען אזוי גרויס געווען, אז אייניגע פֿון זיי האבען זיך דאס לעבען גענומען פֿון גרויס פֿערצווייפֿלונג (1010).

אין דרום־פֿראנקרייך, אין פּראוואנס און אין לאנגעדאק, וואו די מאכט פֿון קעניג האט כמעט גארנישט געהאט קיין בעדייטונג, איז דער אידישער גורל אינגאנצען געווען אבהענגיג פֿון די גראפֿען און בארא־נען. אין איין ארט האבען זיי געהאט גרויסע גיטער און זאלץ־גרובען און פֿלעגען אויך צוגעלאזען ווערען צו הויכע שטעלען, אלס פּראווינץ־פֿערוואלטער (Landvogten). אינ'ם אנדערען ארט האט מען זיי בעהאנדעלט ווי אונטערטעניגע שקלאפֿען.

אין דייטשלאנד האבען די אידען אין יענער צייט אונטער די זאק־

סישע מלכים אפילו ניט געליטען קיין רדיפות, אבער קיין בעזונדערע חסדים האט מען זיי אויך ניט דערוויזען. דאס סיסטעם פון לייב־אייגענטום (Lehnssystem) האט געבראכט דערצו, אז די אידען האבען ניט געקאנט האבען קיין אייגענע גיטער אויפן לאנד און זיך געמוזט בעשעפטיגען בלויז מיט'ן מסחר. די ווערטער „איד“ און „הענדלער“ זיינען שוין געווארען דאמאלס סינאנימען. די רייכע אידען האבען געמאכט גרויסע געשעפטען מיט זייער געלד, די אָרימערע פלעגען אויסטיילען געלד אויף הלוואות די פויערן פאר א קליינעם פראצענט. די דייטשע קיסרים האבען איבערגעגעבען דאס רעכט, וואס די קאראלינגען האבען איינגעפיהרט, צו נעהמען ביי די אידען א בעזונדערען אבצאהל (Regale) פאר זייער אייגענער קאסע.

ווען דער קייזער אטא דער גרויסער האט געוואלט פערזיכערען די נייע קירכע אין מאגדעבורג מיט א שטענדיגער הכנסה, האט ער איהר געשאנקען די הכנסה פון די ארטיגע אידען און אנדערע סוחרים (965). אטא דער צווייטער האט אויך אוועקגעשאנקען, לויט'ן דאמאלדיגען אפיציעלען אויסדרוק, „די אידען פון מערזעבורג“ א מתנה דעם בישאף פון יענער שטאדט. די דייטשע אידען זיינען אפילו בכלל געוועזען זיטליכער, ניכטערער און בעסער פאר דער דאמאלדיגער קריסטליכער בעפעלקערונג אין דייטשלאנד, אבער אין זייער בילדונג זיינען זיי געשטאנען ניט העכער פאר זיי. זיי האבען אפילו ניט געהאט צווישען זיך קיין אייגענע גרויסע תלמידי חכמים אין תלמוד און געמוזט ברענגען אזעלכע פון אויסלאנד. זייער ערשטער גרויסער גאון איז געוועזען רבי גרשום, אדער ווי ער האט אלגעמיין געהייסען: רבינו גרשום מאור הגולה (געבוירען 960 געשט. 1028), וועלכער האט צוזאמען מיט זיין ברודער רבי מכיר געבראכט די תלמודישע תורה פון דרום־פראנקרייך צו די ברעגען פון רהיין און געגעבען איהר אזא הויכע בעדייטונג, וועלכע זי האט אפילו ניט געהאט אין דער צייט פון די גאונים אין בבל. רבינו גרשום בן יהודה איז געוועזען געבירטיג פון פראנקרייך. צוליעב א אונבעוואוסטער סבה האט ער זיך פון דארט ארויסגעצויגען קיין מאינץ אויפן רהיין, וואו ער האט געגרינדעט א ישיבה, אין וועלכע עס האבען באלד אנגעהויבען קומען תלמידים פון אלע עקען פון דייטשלאנד און איטאליען. רבינו גרשום פלעגט ערקלערען דעם תלמוד פאר זיינע תלמידים מיט אזא קלארקייט און פערשטענדיגקייט, ווי קיינער אין זיין צייט. אויך אין די פירושים, וועלכע זיינען פון איהם איבערגעבליבען, קאן מען די דאזיגע קלארקייט און לייכטיגקייט ארויסזעהען. באלד האבען אנערקענט זיין אויטאריטעט אלע דייטשע, פראנצויזישע און איטאליענישע אידען, וועלכע האבען אנגעהויבען שיקען זייערע שאלות צו איהם, אנשטאט צו רב האי גאון, ווי פריהער, חאטש רבינו גרשום אליין פלעגט זיך בעציהען צו איהם מיטן גרעסטען דרך ארץ און גערופען איהם רבי. עס איז בכלל א מערקווירדיגע ערשיינונג, אז דוקא יענע גרויסע

אידישע חכמים, וועלכע זיינען געוועזען העכסט ערגעבען די בבלישע ישיבות און די גאונים, האבען מיט זייער פערשפרייטען דעם תלמוד אין די וויטע לענדער און גרינדען דארט ישיבות געבראכט דערצו, אז די בבלישע ישיבות זאלען אונטערגעהן. די פירושים, וועלכע רבינו גרשום האט געשריבען אין העברעאיש צום תלמוד, האבען איננאנצען איבריג געמאכט די נויטווענדיגקייט פון די בבלישע ישיבות, וויל זיי האבען מעגליך געמאכט צו לערנען דעם תלמוד גאנץ זעלבסטשטענדיג. די בבלישע ישיבות זיינען שוין איצט בעטראכט געווארען בלויז, אלס א לעבעדיגע מצבה פון א גרויסער, הייליג געווארענער פערגאנגענהייט. אויסער דעם תלמוד האט רבינו גרשום זיך ניט בעשעפטיגט מיט קיין אנדער וויסענשאפט, אפילו ניט מיט דער פארשונג פון העברעאיש. נאר די מסורה האט ער בעקענט געמאכט אין דייטשלאנד און פראנקרייך.

בעזונדערס בעריהמט איז רבינו גרשום געווארען דורך זיינע תקנות, וועלכע הייסען נאך עד היום: די תקנות פון רבינו גרשום. ער האט פערבאטען צו נעהמען פיעל ווייבער — א מנהג, וועלכער איז געוועזען פערשפרייט אויך צווישען די אייראפעאישע אידען, ווי אויך די תקנה ניט צו געבען מיט געוואלד דער פרוי א גט. ער האט אויך געלעגט א חרם אויף די, וועלכע לייענען פרעמדע בריעף אהן אנ׳ערלויבניש; אין יענער צייט, ווען קיין רעגירונגס־פאסט איז נאך ניט געווען, און די גאנצע פריוואטע קארעספאנדענץ פלעגט בעזארגט ווערען „דורך א געלעגענהייט“, איז אזא תקנה געוועזען א העכסט נויטווענדיגע זאך. — ווי גרויס עס איז געוועזען רבינו גרשום׳ס אויטאריטעט, קאן מען זעהען דערפון, וואס חאטש ער האט ניט געהאט קיין שום אפיציעלע מאכט ביי אידען, האט מען זיינע תקנות אנגענומען אין אלע אידישע קהלות אין דייטשלאנד און פראנקרייך און נאך עד היום ווערען זיי שטרענג אבגעהיט.

אין איין צייט מיט רבינו גרשום האט געלעבט און מאינץ נאך א גרויסע פערזענליכקייט רבי שמעון בן יצחק בן אבון, וועלכער איז געקומען אהין פון לאמאנס (פראנקרייך) און האט זיך אויסגעצייכענט דורך זיין לומדות און גרויסע צדקות. ער האט מחבר געוועזען דעם ספר אין הלכות „היסוד“ און געשמ׳ט האט ער מיט׳ן נאמען „רבי שמעון הגדול“. ער האט אויך געשריבען פיעל פיוטים און, א דאנק זיין עשירות, איז איהם געלאנגען אבצווענדען פון די אידען אין דייטשלאנד גרויסע רדיפות, וועלכע האבען געזאלט דאמאלס אויסברעכען געגען זיי.

דאס עלפטע יאהרהונדערט האט זיך נעמליך אנגעהויבען מיט רדיפות פאר די אידען אין דייטשלאנד, וועלכע האבען געשטאמט נישט פונ׳ם פאלק, נאר פון דעם לעצטען זאקסישען קייזער, היינריך דעם צווייטען. דער דאזיגער קייזער איז געוועזען אזוי שטארק ערגעבען און געהארזאם די גלחים, אז די קירכע האט איהם געמאכט פאר א קדוש. פארוואס איז ער געוועזען אזא פערביסענער אידען־פיינד? מעגליך, אז די סבה דערפון

איז געווען דאס, וואס איין דייטשער גלח האט זיך מגייר געווען. דער דאזיגער גלח האט געהייסען וועצעלינוס און ער איז געווען דער פאמיליען־גלח פונם הערצאג קאנראד, א נאהנטען קרוב פון קייזער. נאכדעם ווי ער האט זיך מגייר געווען (1005), האט ער מחבר געווען א בוך נעגען דעם קריסטענטום, און וועלכען ער זידעלט שטארק די קריסטען, אנווייזענדיג זיי אויף די ווערטער פונ'ם נביא: „איך אליין בין גאט און איך פערענדער זיך ניט, זאגט גאט“. וועצעלינוס האט אויך שארף געזידעלט די גלחים פון זיין צייט. דער קייזער איז דורך זיין שריפט זעהר אויפגעבראכט געווארען און האט בעפוהלען א געוויסען הויף־גלח צו ענטפערן מיט א געגענשריפט. דער ענטפער איז אבער אויך געווען אזוי פול זידלעריי, ווי דער אנפאל, און ביידע קאנען נאר דיענען אלס ביישפיעל וועגען דער גראבקייט און געשמאקלאזיגקייט פון דער דאמאלדיגער צייט.—איינינגע יאהר שפעטער (1012) האט דער קייזער בעפוהלען ארויסצוטרייבען אלע אידען פון מאינץ; דער גירוש האט זיך אבער בעצויגען אויך, ווי עס שיינט, אויף פיעל אנדערע קהלות, ווי מען קאן עס זעהען פון די קינות און סליחות, וואס „רבי שמעון הגדול“ האט וועגען דעם מחבר געווען. אין איינער פון זיינע סליחות צו עשרת ימי תשובה בעטרויערט רבי שמעון די טרויעריגע אידישע לאגע:

פערטריבען, פערטרויערט, פערחושך'ט, צוריסען,
פול טרעהרען די אויגען, דער פנים פערגעלט;
געטראטען, געשטאכען, געבראטען, געביסען,
געצוואונגען שטיל זיצען אין חושך, געקוועלט.

דעם דיכטער איז בעזונדערס שווער צו פערטראגען די טומוליגקייט פון די אידישע פיינד:

די ליגנער, די פאלשע — אין שלום, אין שלוה
וואס לעבען אין שלעסער גאנץ זיכער און פיין,
פערביטערען ס'לעבען דיין טרייער געליעבטער,
און שערען איהר וואל און שינדען איהר פעל —
ווי שוואך און פערשמאכטעט איז זי שוין פון פיין! —
די פיינד איהרע שפאטען נאך אב פון איהר שוואכקייט
און דראהען: „פערצווייפלען ווערסטו ערשט גאנץ רעכט.
פערהאסט און פערשטויסען אין גלות — א קנעכט!

עהנליכע טרויער־ליעדער האט אויך געשריבען רבינו גרשום, מען געפינט זיי אין אונזערע „סליחות“...

אין דער צייט פון די גרויסע רדיפות זענען ניט ווייניג אידען געווען געצוואונגען אויך צו שמד. צווישען די גע'שמד'טע אנוסים איז אויך געווען רבינו גרשום'ס איינעגנער זוהן. רבינו גרשום האט דערויף ביטער געקלאגט, אבער קיין שנאה האט ער צו זיין גע'שמד'טען זוהן ניט געשפירט, און ווען דער זוהן איז געשטארבען, איז רבינו גרשום נאך איהם געזעסען „שבעה“,

פונקט, ווי ער וואלט א איד געשטארבען — רבי שמעון בן יצחק בן אבון האט אבער זיך נישט מיאש געווען און אנגעווענדעט גרויסע שתדלנות, לאזענדיג זיך קאסטען פיעל געלד, כדי מען זאל די גזירות מבטל מאכען. אין א משך פון א קורצער צייט איז איהם טאקי אויך געלונגען צו פועל'ן, אז מען זאל ערלויבען די ארויסגעטריבענע אידען זיך ווידער צו בעזעצען אין מאינץ. די אנוסים האבען זיך דאמאלס צוריקגעקעהרט צום אידענטום, און רבינו גרשום האט געלעגט א חרם, אז מען זאל נים מבייש זיין די בעלי-תשובה און נים דערמאהנען זיי זייער געצוואונגענעם שמד. די דאנקבארע מאינצער קהלה האט דערפאר געמאכט א תקנה, אז מען זאל ביידע גרויסע אידען נאך זייער טויט יעהרליך אין זייער יאהרצייט מזכיר נשמות זיין: „רבינו גרשום פאר זיינע תקנות און רבי שמעון פאר זיין שתדלנות"; מען פלעגט דארט אויך מזכיר נשמות זיין מר שלמה און מרת רחל, וועלכע האבען געקויפט א פלאץ פאר א בית-הקברות און פיעל געלד געגעבען, דאס די גזירות זאלען בטל ווערען. — די ישיבה, וועלכע רבינו גרשום האט געגרינדעט, איז געשטאנען העכער אכציג יאהר, און פיעל תלמידי חכמים פון דייטשלאנד, פראנקרייך און איטאליען זענען פון איהר ארויסגעקומען.

אין דערזעלביגער צייט האבען זיך אויך אנגעהויבען גרויסע רדיפות אויף אידען אין די מזרח-לענדער און אין מצרים, וועלכע האבען געדויערט לענגער, ווי די רדיפות אין דייטשלאנד. אין דייטשלאנד האט מען אידען געפייניגט, פארוואס זיי ווילען נים גלויבען אין ישו און אין די קריסטליכע קדושים, און אין די מזרח-לענדער — וויל זיי ווילען נישט גלויבען אין מחמד און אין איינעם פון זיינע אנפיהרער, דעם מאחדי. די דאזיגע רדיפות האבען זיך אנגעהויבען פון'ם האלב משוגענעם מצרים'ער כאליף חכים, וועלכער האט, ווי קאיום קאליגולה אין זיין צייט, געגלויבט, אז ער איז שיער נים א גאט. חכים האט פערפאלגט אלעמען, ווער עס האט נאר זיך אבגעזאגט צו גלויבען אין זיין געטליכקייט, סיי אידען, סיי מחמד'אנער, סיי קריסטען. תחלת האט ער ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז די אידען, וועלכע ווילען נישט אנערקענען דעם שיאיטישען מחמדאנישען גלויבען, זאלען טראגען אויפ'ן האלז א בילד פון א קאלב, אלס שאנד-צייכען, אז זיי האבען אינ'ם מדבר געדיענט צו א קאלב; אויסער דעם האט ער בענייט אלע אלטע גזירות פון עמאר, און ווער עס וואלט דערויף עובר זיין, האט געדארפט בעשטראפט ווערען מיט'ן ארויסטרייבען פון לאנד, נאכדעם ווי זייער פערמעגען וועט קאנפיסקירט ווערען (1008). אנ'עהנליכע גזירה האט ער ארויסגעגעבען געגען די קריסטען. ווען חכים האט זיך דערוואוסט, אז די אידען זענען מקיים זיין בעפעהל אויף אנ'אופן, נים ווי ער האט געוואלט, דען זיי טראגען גאלדענע קאלבס-בילדער פאר א ציערונג, האט ער בעפוילען, אז זיי זאלען טראגען אויפ'ן האלז שטיקער האלץ, זעקס

פונט שווערע, און גלעקלעך אויף די קליידער, כדי מען זאל פון דערווייטענס וויסען, אז א איד קומט (1010). שפעטער האט ער בעפוילען צו פערוויסטען די שוהלען און די קירכען און ארויסגעטריבען פון לאנד די אידען און די קריסטען (1014). זיין מלוכה איז אבער דאמאלס געווען זעהר גרויס: זי האט ארומגענומען מצרים, צפון־אפריקא, פאלעסטינא און סיריען און, וויל חכים האט געהאט אנהענגער אויך אין באגדאד, האבען די אידען גאר ניט געהאט קיין לאנד, וואוהין זיי וואלטען געקאנט אויסוואנדערן. פיעל אידען זענען דעריבער געצוואונגען געווען אנצונעהמען דעם מחמד'אנישען גלויבען לפנים, בלייבענדיג בשתיקה געטריי דעם אידענטום. די רדיפות האבען געדויערט אזוי לאנג, ביז די מחמד'אנער גופא האבען זיך צוגעגעסען חכים'ס שגעונות און זיי האבען איהם דערהרג'עט (1020).

דער סוף פון דער כאזארישער מלוכה.

אויך די געפאלענע מלוכה פון די אידישע כאזארען, וואו עס האבען געלעבט פיעל אמת'ע אידען אויך, איז אין דער איצטיגער עפאכע אונטערגעגאנגען. נאכדעם ווי דער רוסישער פירשט סוויאטאסלאוו האט צושלאגען די כאזארען, האבען זיי זיך בעזעצט אויף דער קרימער האלב־אינזעל, (קרים־טאווּרישע האלב־אינזעל), וואו זיי האבען געהאט געגרינדעט א מלוכה און דוד דער נשיא איז געווען ביי זיי מלך. זייער פריהערדיגע ערד האבען איינגענומען די רוסען, וועלכע האבען אין יענער צייט געמאכט זייערע „אנלויפען" (Набѣгъ) אויף די קלענערע פעלקער ארום די קאווקאזער בערג און אויף די ברעגען פון שווארצען ים. די דאזיגע פעלקער האבען זיך איצט געשטעלט אונטער'ן שוץ פון די רוסען, ווי זיי זענען פריהער געשטאנען אונטער'ן שוץ פון די כאזארען. ווען דער רוסישער גרויספירשט וולאדימיר האט ארויסגעזאגט זיין פערלאנג אבצוזאגען זיך פון זיין געצענדינערישען קולט און די פערשידענע מלוכות האבען געשיקט צו איהם זייערע שלוחים מיט א פארשלאג, אז ער זאל אנגעהמען זייער גלויבען, האט אויך דער נשיא פון די כאזארען, דוד, געשיקט זיינע אידישע שלוחים צו וולאדימיר'ען אין קיעוו (986). ווי מען זאגט, איז וולאדימיר דערפאר געווען געגען דעם אידישען גלויבען, ווייל די אידען האבען ניט קיין אייגענע מלוכה און לעבען צוזייהט או צושפרייט צווישען פרעמדע פעלקער. ווי עס דערצעהלען די דאמאלדיגע רוסישע כראניקער, האבען די רוסישע באיארען דאמאלס בעשלאסען, צו שיקען שלוחים אין פערשידענע לענדער, כדי צו זעהן אויפן ארט, וועלכע רעליגיע איז די בעסטע. די דאזיגע שלוחים זענען געקומען אויך קיין קרים, אין דער הויפט־שטאדט פונ'ם כאזארישען כאגאן קערטש (987). ארויסגעלאזען האט זיך, אז די

רוסען האבען אנגענומען די קריסטליכע אמונה און פון די ביזאנטינער (קאטויליש-גריכיש), ווייל די פעראייניגונג מיט ביזאנץ איז דאמאלס געווען פאליטיש זעהר גינסטיג פאר דער יונגער רוסישער מלוכה. דער גרויספירשט וולאדימיר האט גענומען פאר א פרוי א טאכטער פונם ביזאנטינישען קייזער, און דאס קריסטענטום האט זיך פון דאמאלס אן אנגעהויבען בעפעסטיגען אין רוסלאנד.

דער כאזארישער מלך דוד, דער לעצטער, וועלכער איז בעוואוסט אין דער געשיכטע מיט'ן נאמען, איז געווען מיט'ן גאנצען הארצען איבערגעבען דעם אידענטום. קיין לאנגע צייט האט זיך די כאזארישע מלוכה ניט געהאלטען. איינער פונ'ם גרויספירשט וולאדימיר'ס זיהן, מסטיסלאוו, ווילכען וולאדימיר האט אבגעזאגט דעם קאנט טמוטאראקאן אדער תאמאן, האט אויך געוואלט איינעהמען די קרימישע האלב-אינזעל, און דער ביזאנטינישער קייזער, וואסילי דער צווייטער, האט איהם געשיקט מיליטער צו הילף. די רוסען צוזאמען מיט די ביזאנטינער האבען איינגענומען די כאזארען, און דער כאזארישער נשיא געארג צולו (Georgius Tsulu) איז גענומען געווארען געפאנגען. ווי עס שיינט, איז מיט איהם אונטערגעגאנגען די כאזארישע זעלבסטשטענדיגע מלוכה (1016). די מיטגליעדער פון דער כאזארישער קעניגליכער משפחה זענען אנטלאפען קיין שפאניען „און פון זיי זענען ארויסגעקומען גרויסע תלמידי חכמים, וועלכע האבען געוואוינט אין טאלעדא און זענען געוועזען שטארק אנגעזעהען ביי די אידען“.

פיעל כאזארישע אידען זענען אבער אויך נאכדעם געבליבען אויף דער קרימער האלב-אינזעל, וואו זיי האבען געפיהרט א בעזונדערע קהלת „קהל כזר“, און צוליב דעם וואס אין קרים האבען געוואוינט זעהר פיעל קאראימען, האבען די כאזארען זיך מיט זיי צומישט און זענען פערשוואונדען געווארען. *) סוף דעם עלפטען יאהרהונדערט איז שוין געווען א גרויסע אידישע קהלה אין דער דאמאלדיגער רוסישער הויפטשטאדט קיעוו, און ווי עס שיינט, האבען די דארטיגע אידען געשטאמט פון קרים. משמעות, אז דער רוסישער גרויספירשט, סוויאטאפאלק, האט אליין געהאט איינגעלאדען די אידען צו בעזעצען זיך אין קיעוו, צוליב דער אידישער פעהיגקייט אין מסחר, דען די רוסען זענען נאך דאמאלס געווען גאר ווילד און געטראכט נאר וועגען „אנלויפען“.

*) לויט ווי עס ערקלערט דער בעוואוסטער געלעהרטער הארקאווי, זענען דאס געווען רבנישע אידען און ניט קאראימען, און ניט פון זיי זאל זיך אנהויבען דער אלטער אידישער ישוב אין רוסלאנד. (איבערזעצער).

צווייטעס קאפיטעל.

די עפאכע פון אבן נגרילא, אלפסי און רש"י

(פון 1020 ביז 1096).

די אראבישע קולטור, וועלכע האט זיך פערשפרייט פון מזרח ביז עקסטען מערב, פון דמשק און באגדאד ביז'ן אטלאנטישען ים איבער דער גאנצער פירענעאישער האלב־אינזעל, האט ענדליך איבערגעלעבט איהרע בלייענדע עפאכע. מיט'ן אונטערגאנג פונ'ם אמייאדישען כאליפאט אין קארדאווא און זיין צושפאלטען ווערען אויף קליינע מלוכה'לעך האט די אראבישע קולטור אנגעהויבען אראבלאזען זיך צום אונטערגאנג. די אידישע קולטור דאגעגען, וועלכע איז אויך געקומען פון מזרח־לאנד, האט ערשט אנגעהויבען זיך רעכט צו ענטוויקלען און שטייגען אלץ העכער און העכער. וועהרענד דאס קאראימערטום איז לאנגזאם פערשטיינערט געווארען, האט זיך דאס רבנישע אידענטום, אויפ'ן תלמוד געגרינדעט, ענטוויקעלט אלץ מעהר און מעהר ביז זעלבסטבעוואוסטזיניגקייט און גאנצקייט.

דאס אידישע אנדאלוזיען (שפאניען) האט קאנצענטרירט אין זיך אלע זייטען פונ'ם רעליגיעז־וויסענשאפטליכען אידענטום, נאכדעם ווי די גאונות איז אין בבל אינגאנצען אויסגעלאשען געווארען. שפאניען איז געווארען דער צענטער פון אידענטום. אין דער קורצער צייט פון א האלבען יאהרהונדערט איז ארויסגעטראטען א גרויסע רייהע פון וויכטיגע פערזענליכקייטען, אז יעדע פון זיי האט געקאנט אליין פאר זיך גרינדען א גאנצע שולע און מאכען א היסטארישע עפאכע. די נעמען פון די נשיאים שמואל און יוסף אבן נגרילא, פונ'ם דיכטער אבן גבירול און פונ'ם טיעפען תנ"ך־פארשער אבן גנאח זענען בעוואוסט געווארען ווייט איבער די גרעניצען פון דער אידישער וועלט און די צאהל פון די מענער פון צווייטען ראנג, וועלכע האבען אויך בעוויזען אויפצוטהון גר[illegible]

סע חשוב'ע זאכען, איז אויך געווען זעהר גרויס. די צייט פון אנפאנג פונם עלפטען יאהרהונדערט ביז'ן דרייצעהנטען האט פאר דעם אידענטום די בעדייטונג פון א קלאסישער עפאכע. די טעטיגקייט איז אין יעדער ריכטונג געווען שעפעריש און אויפלעבענד. די העברעאישע שפראכוויסענשאפט איז פאלקאם ענטוויקעלט געווארען, די העברעאישע פאעזיע האט דערגרייכט איהר העכסטען פונקט. די פילאזאפיע, וועלכע איז ביז יענער צייט ביי די אראבער און די אידען געהאלטען געווארען אין א נידעריגער ספערע, האט זיך דערהויבען ביז אזא הויך, פון וועלכער מען האט די גאנצע וועלט דערזעהן אין אנ'אנדער ליכטיגקייט. לויט דער הויך און ברייטקייט פון דער קולטור, האבען די רבנישע געלעהרטע פון יענער צייט פערנומען אין דער וועלט די ערשטע שטעלע, די מחמד'אנישע — די צווייטע און די קריסטליכע — די דריטע, אדער גאר די נישטיגע (נול־גראד). אלץ, וואס איז נאר שען און איידעל, ערהאבען און בעפרייענד אינ'ם מענשליכען גייסט, איז אין דער דאזיגער עפאכע געבראכט געווארען אויף דער וועלט דורך די אידישע דענקער.

דאס אידישע שפאניען האט איבערגענומען די ירושה פון לאנד יהודה און פון בבל און האט זי שטארק פערגרעסערט. די ישיבה אין פומבדיתא האט זיך נאך אפילו געהאלטען אונטער דער שטארקער השגחה פון רב האי גאון. אין זיין צייט האט אויך געווירקט אלס ראש ישיבה און לעצטער גאון אין סורא מר רב שמואל בן חפני (געשטארבען 1034), וועלכער איז געווען א שוועהר פון רב האי גאון—זעהר א בעדייטענדע פערזענליכקייט. וואס האט געקאנט ווערען א צווייטער רב סעדיה גאון און ווידער בעלעבען די ישיבה פון סורא. בן חפני איז נעמליך געווען א פריידענקענדער גייסט, ווי מען וואלט עס כ"ל נישט געקאנט ערווארטען אין עלפטען יאהרהונדערט און בפרט נאך פון א תלמודישען רב אין בבל. אלץ, וואס איז איבערנאטירליך, איז איהם געווען צווידער, אפילו אין די ספורים פון דער תורה האט ער זיך בעמיהט צו געפינען אנ'אלעגארישען געדאנק, נישט קאנענדיג אננעהמען די מופתים און זייער איינפאכען זין. אזוי, למשל, האט ער זיך בעמיהט צו געבען אנ'אלעגארישע ערקלערונג פאר דעם ספור פון דער תורה, ווי די שלאנג האט גערעדט מיט חוה'ן און דער עזעל מיט בלעם'ן, אדער פאר'ן ספור, ווי אזוי שמואל איז נאכ'ן טויט ארויפגעבראכט געווארען פון קבר דורך א מכשפה, לויט שאול'ס פערלאנג א. א. וו. „מופתים—האט בן חפני ערקלערט—ווערען געטהון נאר דאמאלס, ווען גאט וויל דערווייזען די ריכטיגקייט און וואהרהייט פון דעם נביא, כדי אז מען זאל איהם גלויבען. אבער אנצייגען ווען גאט די נאטור נישט איבערמאכען פלוצלונג.— די צייט אין בבל איז שוין אבער דאמאלס געווען זעהר אונגינסטיג פאר עהנליכע פארשונגען. נאך דעם טויט פון די גאונים שמואל בן חפני און זיין איידעם רב האי איז די ישיבות אונטערגעגאנגען. דער בית־דין האט זיך

נאָך אפילו געהאלטען שפּעטער אויך. דער אור־אייניקעל פון פריהערדיגען ראש גלותא דוד בן זכאי, מר חזקיה, האט פעראייניגט אין זיין פערזאָן אי א ראש גלותא, אי א גאון, אָבער נאָר כדי צו פיהרען ביידע שׂררות׳שאַפטען מיט זיין טוידט אין קבר אריין. חזקיה האט זיך קוים צוויי יאהר געקאָנט האלטען, דען ער האט געהאַט גרויסע שׂונאים, וועלכע האבען איהם בערעדט אין הויף פון כאליף. דער דאַמאָלדיגער מחמד׳אנישער הערשער דזשעלייל עבד־אול־אלא האט אויסגענוצט די אנקלאגען געגען חזקיה׳ן, כדי אַנצופילען זיינע אייגענע אוצרות: ער האט געלאָזט דעם לעצטען גאון און ראש גלותא אריינוואַרפען אין תּפיסה, פייניגען, ווי עס שיינט, כדי צו צווינגען איהם, אַז ער זאָל אויסזאָגען, וואו עס ליגען זיינע גרויסע אוצרות, און, ענדליך, האט מען בערויבט זיין גאַנץ פערמעגען און בעשטראַפט איהם מיט׳ן טויט (1040). די גאונות איז נעשטאָרבען, זייענדיג געפייניגט דורך דעם גוסס׳דיגען כאליפאַט. בבל האט דער מיט איינגאַנצען געענדיגט איהר ראָלע ביי די אידען און א לאַנגע צייט האט מען מעהר פון איהר גאָר נישט געהערט. חזקיה׳ס צוויי זיהן זענען אנטלאָפען און, נאָכדעם, ווי זיי האָבען א לאַנגע צייט ארומגעוואַנדערט אין פערשיעדענע מדינות, זענען זיי געקומען קיין שפּאַניען, וואו מען האט זיי אויפגענומען מיט גרויס כבוד, אלס די לעצטע צווייגען פון׳ם הויז פון דוד המלך, און אונטער׳ן נאָמען פון אבן דאוד זענען זיי בעריהמט געוואָרען אלס דיכטער. — דער פאַקט, אַז אלע געירודפ׳טע בעוואוסטע אידען זענען אנטלאָפען קיין אנדאַלוזיען, ווי למשל, די זיהן פון כאַזאַרישען מלך, די זיהן פון ראש גלותא און פיעל אנדערע — דער פאַקט אליין בעווייזט אויך גענוג, ווי פריי די אידען האָבען זיך דאַמאָלס געפיהלט אין שפּאַניען. עס האט זיך געקאָנט דוכטען, אַז אנדאַלוזיען איז א אידישע מלוכה — אַזוי גרויס איז געווען די האָפנונג פאַר די געירודפ׳טע אידען, צו געפינען דארט א בעשיצונג און רוהיגקייט.

נאָכ׳ן טויט פון די אידישע שׂרים חסדאי און אבן דזשאו איז געשטאַנען אין שפּיץ פון די אידישע קהלות אין שפּאַניען רבי שמואל הנגיד אבן נגרילא (געבוירען 993 געשטאָרבען 1055), וועלכער איז נאָך די גאונים געווען איינער פון די ערשטע רבנים ביי אידען. אין זיין פערזאָן האט ער פעראייניגט אלע דריי גרויסע ריכטונגען, וועלכע האָבען געהאַט זייערע פאָרשטעהער אין חסדאי, דונש בן לברט און רבי משה ברבי חנוך. ווי דער ערשטער, איז ער געווען א שׂרה אין קעניגליכען הויף, ווי דער צווייטער, איז ער געווען א גרויסער דיכטער און, ווי דער דריטער — א גרויסער קענער אין תלמוד. אין תלמוד איז געווען זיין רבי, רבי משה׳ס זוהן, רבי חנוך, און העבּרעאיש — רבי יהודה חיוג. די איבריגע אראַבישע וויסענשאַפטען האט ער געלערענט ביי פערשיעדענע לעהרער, וועלכע זענען אין יענער צייט געווען אין קאָרדאָווא זעהר פיעל.

אלס צוואנציג יעהריגער יונגערמאן האט אבן נגרילא געמוזט פערלאזען קארדאווא צוליעב אנ'ערביטערטען בירגער־קריעג. די מחמד'אנישע שרים פון די פערשיעדענע פראווינצען (די עמירען) האבען אנגעהויבען פיהרען גרויסע אינטריגעס געגען די אמייאדישע כאליפען און געבראכט דערצו, אז די שטארקע אנדאלוזיש־מחמד'אנישע מלוכה איז זיך צופאלען אויף קליינע פירשטענטימער, ווי דאס איז פארגעקומען אין יענער צייט אין איטאליען און אין דייטשלאנד. דער בערבערישער אנפיהרער, סוליימאן, האט אין דער מלחמה מיט די אראבער און דער סלאווענישער לייב־וואכע פון די כאליפען חרוב געמאכט די פראכט־געביידען פון דער הויפט־שטאדט און די רייכסטע משפחות בערויבט און געבראכט צו א ביטערן דלות (1013). די טיילען פון דער מלוכה, וועלכע האבען זיך אבגעריסען פון קארדאווא, זענען געווארען קליינע מלוכה'לעך מיט בערבערישע, אראבישע אדער סקלאווענישע פירשטען אין דער שפיץ. איין שבט פון די בערבערען, די סינהאדזשא, האט געגרינדעט אונטער דעם אנפיהרער מאקזען דאס קעניגרייך גראנאדא (1020), וואו עס איז געווען א גרויסע אידישע קהלה; די שטאדט מאלאגא מיט איהר אומגעגענד האט אויך געהערט דערצו. אין דער שווערער צייט האבען די אנגעזעהענסטע אידישע משפחות אויסגעוואנדערט פון קארדאווא קיין גראנאדא, טאלעדא און אנדערע שטעדט ביז סאראגאסא. אבן נאגרילא האט זיך בעזעצט אין מאלאגא. ער האט געהאט זיין חיונה פון א קליין געוועלבעל און פלעגט זיך בעשעפטיגען מיט'ן לערנען תלמוד און שפראך־שטודיום. אויסער העברעאיש און אראמיש האט ער גוט געקאנט אראביש און נאך פיער אנדערע שפראכען. א דאנק זיין שפראך־קענטניש און זיין שענער האנדשריפט, וועלכע האט אין יענער צייט, ווען קיין דרוק איז נאך נישט געווען, געשפיעלט א גרויסע ראלע, איז ער דערהויבען געווארען צו אזא הויכע שטעלע, ווי נאך קיין איד נישט, זינט עס איז אונטערגעגאנגען די אידישע מלוכה.

אין מאלאגא האט דער וויזיר פון צווייטען גראנאדישען קעניג האבוס, מיט'ן נאמען אבולקאזים אבן אלאריף, געהאט א פאלאץ נעבען רבי שמואל'ס געוועלבעל. א פערמירויטע שקלאווין פון וויזיר, וועלכע פלעגט איהם דארפען אבגעבען בעריכטען, פלעגט בעשטעלען זיי צו שרייבען ביי רבי שמואל, און דער וויזיר איז באלד אויפמערקזאם געווארען אויף דער שענער האנדשריפט און גרויסער שפראכקענטניש פונ'ם שרייבער. דער וויזיר האט זיך באלד בעקענט מיט'ן אידישען קרעמער און געפונען אין איהם אזוי פיעל קענטנישען, דאס ער האט איהם געמאכט פאר זיינעם א סעקרעטאר (ארום 1025). באלד האט האבוס'עם וויזיר איינגעזעהן, אז רבי שמואל האט זעהר א טיעפען פאליטישען פערשטאנד און א פיינעם אראבישען סטיל (שפראך) און האט אנגעהויבען פרעגען ביי איהם עצות אין וויכטיגע מלוכה־אנגעלעגענהיי־

טען. ווייל רבי שמואל'ס עצות האבען שטענדיג געהאט א גליקליכען ערפאלג, האט דער אראבישער מלוכה־מיניסטער שוין מעהר נישט אונ־טערגענומען קיין זאך, וואו ער האט פריהער נישט געפרעגט קיין עצה ביי רבי שמואל'ן. באלד אבער האט רבי שמואל געדארפט גאר דער־הויבען ווערען.

אבן אלאריף איז קראנק געווארען און דער קעניג האבום איז געוועזען אין פערצוויפלונג, נישט וויסענדיג, וואס צו טהון אליין אהן איהם אין די שווערע בעציהונגען, אין וועלכע ער איז געשטאנען דאמאלס צו זיינע שכנים. דער וויזיר האט אבער פאר זיין טויט אנגעוויזען דעם קעניג, אז די בעסטע עצות האט ער געהאט בעקומען פון זיין אידישען סעקרעטאר. דער גראנאדישער קעניג איז, אלס בערבער, נישט געוועזען קיין שונא ישראל, ווי די אראבישע מחמד'אנער, און ער האט דעריבער אויפגענו־מען ביי זיך רבי שמואל'ן מיט'ן גרעסטען כבוד, געמאכט איהם פאר א סטאטס־מיניסטער (כאתיב) און איבערגעגעבען איהם צו פיהרען די דיפ־לאמאטישע אנגעלעגענהייטען (1027). פון דאמאלס אן האט דער אידי־שער קרעמער פון מאלאגא זיך בעזעצט אין קעניגליכען פאלאץ און רבי חנוך'ס תלמיד איז געווארען א גרויסער בעל דעה אין דער פאליטיק פון דער פירענעאישער האלב־אינזעל. דען א מחמד'אנישער קעניג פלעגט אין יענער צייט זיך וועניג וואס בעשעפטיגען מיט די ענינים פון זיין מלוכה; ער איז געוועזען א הערשער, אבער רעגירט האט דער גרוס־וויזיר, זיין משנה למלך, און דער איז איצט געווארען רבי שמואל אבן נגרילא, אדער ווי מען האט איהם גערופען ביי אידען „הנגיד". דער קעניג האבום האט נישט געדארפט חרטה האבען פאר זיין וואהל: רבי שמואל האט זיך ארויסגעוויזען פאר א גרויסען מלוכה־מאן, און די ענינים פון דער מלוכה האבען אונטער זיין השגחה זעהר מצליח געוועזען. רבי שמואל האט אויך פערשטאנען, ווי אזוי צו בערוהיגען זיין מלך און געפינען ביי איהם חן: ער האט פערפאסט פאר איהם א לויב־געזאנג אין זיבען שפראכען, און פאר א מחמד'אנישען הערשער איז עס געווען א גרויסע זאך צו הערען זיך בעזינגען אין שענע ליעדער אין פערשיעדענע שפרא־כען. ביי די מחמד'אנער איז רבי שמואל געוועזען זעהר בעליעבט, צוליעב זיין גרויסער ענוות. זעהר געוואנדט, קלוג און שטענדיג רוהיג, האט רבי שמואל תמיד גוט אויסגענוצט אלע פאליטישע געלעגענהייטען און אויך פערשטאנען די קונסט, ווי אזוי צו געווינען פאר זיך אפילו די געגנער אדער, ווענוגסטענס, צונעהמען ביי זיי דאס געוועהר צו קעמפען געגען איהם. נישט קוקענדיג אויף זיין הייסען טעמפעראמענט און שטענדיג לעבעדיגען גייסט, האט ר' שמואל וועניג גערעדט, אבער דערפאר פיעל געדענקט. זיין חכמה און פרומקייט האבען איהם אבגעהיט פון יעדער גאוה און נדלות, וועלכע מאכען אזוי פערהאסט יעדען אויפגעקומענעם נגיד, און צוליעב דעם האט רבי שמואל זיך געקאנט האלטען אויף זיין

הויכער שטעלע אלס זעלבסטשטענדיגער רעגענט פון דער גראנאדישער מלוכה אין א משך פון דרייסיג יאהר. ער האט, נאטירליך, געהאט אויך שונאים, פערביסענע שונאים. די פאנאטישע מחמדאנער האבען געזעהען אין דער דערהויבונג פון א אידען א „נישט-גלויביגען" צו אזא הויכער שררות'שאפט, וועלכע האט איהם אבגעגעבען די גאנצע מלוכה אין די הענד—אנ'אבשפאלטונג פון דעם מחמד'אנישען גלויבען. עס האט זיי שטארק אויפגערעגט, וואס די אידען האבען אין יענער צייט אין גראנאדא זיך געשפירט אלס גלייכבערעכטיגטע בירגער מיט די מחמד'אנער. אבער די הצלחה האט געשפיעלט פאר רבי שמואל'ן. זיינע שונאים, וועלכע האבען זיך פיעל בעמיהט איהם ארונטערצושטויסען פון זיין הויכער שטעלע, האבען איהם גארנישט געקאנט טהון.

ווען דער קעניג האבוס איז געשטארבען (1037), האבען זיך די גראנאדער מחמד'אנער איינגעטיילט אין צוויי פארטייען, וועלכע זענען געשטאנען ארום ביידע יונגע פרינצען. די מייסטע בערבערישע שרים און אייניגע איינפלוסרייכע אידען: יוסף אבן מיגאש, יוסף בן ליאון און נחמיה אשקופה, האבען געהאלטען מיט'ן אינגערען פרינץ באלקין. די קלענערע פארטיי, צווישען איהר אויך רבי שמואל, האט געהאלטען פאר'ן פרינץ באדים. די גרויסע פארטיי האט שוין געהאלטען ביי א נצחון, ווען באלקין האט פלוצלונג אליין ערקלערט, אז ער זאגט זיך אב פון טראהן, כדי זיין ברודער זאל קעניגען. באדים איז געווארען קעניג, און רבי שמואל איז דאדורך נישט בלויז דערהויבען געווארען, נאר ער איז אין דער ווירקליכקייט געווארען דער פאלקאמער קעניג פון גראנאדא, ווייל באדים האט אין די מלוכה-ענינים גארנישט פערשטאנען, און ער פלעגט זיך אבגעבען נאר מיט פערגעניגענס. באלקינ'ס אנהענגער האבען געמוזט פערלאזען גראנאדא, צווישען זיי אויך די אויבען דערמאהנטע דריי אידען, וועלכע זענען ארויסגעגאנגען קיין סעווילא, וואו דער דארטיגער קעניג מחמד אלדזשאפער האט זיי אויפגענומען זעהר פריינדליך, זייענדיג א געגנער פונ'ם גראנאדא'ער קעניג. איינער פון די דאזיגע דריי אידען, יוסף אבן מיגאש, איז דערהויבען געווארען צו א הויכער שטעלע און פון איהם איז שפעטער ארויסגעקומען א גרויסער אידישער גאון.

געניג גרויס האט געמוזט זיין רב שמואל הנגיד'ס הצלחה און פעהיגקייט, אויב ער האט געקאנט אבווענדען פון זיך א גרויסע געפאהר, וועלכע האט געקאנט ענדיגען זיך אויך זעהר אונגליקליך פאר אלע אידען פון דער גראנאדער מדינה. כדי זיך צו קאנען האלטען געגען דער פיינדליכער אראבישער בעפעלקערונג אין סעווילא און קארדאווא, האט דער גראנאדא'ער קעניג געמוזט שליסען א בונד מיט'ן סקלאוואנישען פירשט זאהיר, וועלכער האט פערהאפט דאס גאנצע געביט פון אלמעריא ביי'ם ים. דער דאזיגער בונד האט געדארפט בענייט ווערען נאכ'ן טויט פון קעניג האבוס מיט זיין זוהן באדים, ווען ער איז ארויפגעשטיגען אויפ'ן

טראָהן. זאַחאַיר'ס מיניסטער, אבן אַבּאַס, אַ שטאָלצער און פאַנאַטישער מחמד'אַנער, האָט געוואָלט דעם בונד מבטל מאַכען; כל זמן גראַנאַדאַ'ער מיניסטער איז געווען דער איד, רבי שמואל הנגיד. אבן אַבּאַס און זיין חבר, דער שטאַטהאַלטער פון מאַלאַגאַ, אבן בעקאַנאַ, האָבען געאַרבייט צוזאַמען, כדי אַראָבצושטויסען רבי שמואל'ן; צוערשט האָבען זיי איהם שענדליך בערעדט ביי'ם קעניג, און ווען דאָס האָט נישט געווירקט, האָבען זיי געוואָלט פראָוואָצירען דעם אידישען מיניסטער. זאַחאַיר איז פּלוצלונג געקומען אין גראַנאַדאַ מיט זיין מיניסטער און פיעל מענשען, און האָט געשטעלט חוצפה'דיגע בעדינגונגען ביי'ם בעניייען דעם בונד און בראש— אַז רבי שמואל זאָל פערלאָזען זיין שטעלע. ווען באַדיס וואָלט נאָכגעגעבען, וואָלט מען רבי שמואל'ן באַלד דער'הרג'עט און די גראַנאַדאַ'ער אידען וואָלטען געמוזט איבערלעבען גרויסע אונגליקען. אָבער דוקא די חוצפה, מיט וועלכער עס איז אַרויסגעטרעטען אבן אַבּאַס, האָט שטאַרק ערבּיטערט די גראַנאַדאַ'ער שׂרים און מען האָט זיך אָבגעזאָגט אי פון דעם בונד אי פון די בעדינגונגען. ווען אבן אַבּאַס האָט מיט זיינע לייט זיך אַרויסגעצויגען פון גראַנאַדאַ, אומצוקעהרען זיך צוריק אין זיין לאַנד, האָבען איהם אָבגעוואַרט גראַנאַדאַ'ער קעמפּפער צווישען די בערג און נישט וויים פון אַלפונטע האָבען זיי די בריק, אויפ'ן וועג קיין אַלמעריאַ, איבערגעהאַקט. די זאַך איז געלונגען אַמבעסטען: זאַחאַיר'ס מיליטער איז טיילווייז אויסגע'הרג'עט געוואָרען, טיילווייז זיך צולאָפען און אַ גרויסער טייל האָט זיך איבערגעגעבען דעם פיינד. אבן אַבּאַס איז גענומען געוואָרען געפאַנגען, געבראַכט קיין גראַנאַדאַ און אַריינגעוואָרפען אין תפיסה, וואו מען האָט איהם מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער דערשטאָכען. רבי שמואל הנגיד און די אידישע קהלה האָבען געפייערט די מפלה פון זייער פיינד, וועלכע איז גראָדע אויסגעקומען אום שמחת תורה, מיט גרויס פריידי. אויך אַ לויב-געזאַנג האָט ער פערפאַסט לכבוד דער דאָזיגער ישועה און מען האָט געוואָלט בעשטימען אַ נייעם פורים. נאָכ'ן דאָזיגען פאַל איז רבי שמואל נאָך מעהר דערהויבען געוואָרען.

דער יונגער קעניג האָט אויך, ווי זיין פאָטער, געגעבען דעם אידישען גרויס-וועזיר די פולע מאַכט איבער די אידישע קהלות אין זיין מלוכה, ווי עס האָט זי פריהער געהאַט חסדאי אבן שפרוט, און אַט דערפאַר האָבען איהם די אידען געגעבען דעם נאָמען „הנגיד“, וואָס האָט געהייסען: „אונזער נשיא“. דער מיניסטער איז אָבער אויך געווען דער רב, דען ער איז געווען ראש ישיבה, וואו ער פלעגט זאָגען פאַר די תלמידים אַ שעור אין תלמוד, און פלעגט אויך ענטפערען „תשובות“ אויף שאלות, וואָס מען פלעגט איהם צושיקען פון נאָהנט און וויים סיי אין איסור והיתר, סיי אין דינים פון קדושין און גטין, סיי אין דיני ממונות—קורץ: אַ רב אָדער אַ גאון, ווי די גאונים אין בבל. צוזאַמען מיט'ן אַרויסגעבען

וויכטיגע מלוכה-בעפעהלען, פלעגט ער אויך מאכען פירושים אויפ'ן תלמוד און אנגעשריבען א גאנצען „מבוא"—אנ'איינלייטונג צום תלמוד. ביי אלעם דעם איז ער אבער אויך געווען א דיכטער און האט געשריבען אנ'אייגענעם נייען „תהלים", און א נייען ספר „משלי", און א נייען ספר „קהלת", לויט די אלטע מוסטערען, און פיעל לויב-געזאנגען און עפיגראמען. אמת, אין זיינע שירים איז ווייניג פאעטישער שוואונג און אויך שווערליך זאגען זיי.

א מענש פון אזא הויכען גייסט, פיינעם חאראקטער און טיעפען פערשטאנד פאר פילאזאפיע און רעליגיאן איז, נאטירליך, געווען א ברכה פאר זיין פאלק. רבי שמואל הנגיד האט געשטיצט די תלמידי חכמים, די דענקער, די פארשער און די דיכטער; מיט די גרעסטע מענשען פון זיין צייט אין פיעל לענדער איז ער געשטאנען אין בריעפליכער פערבינדונג, בעזונדערס, מיט'ן פומבדיתא'ער גאון, רב האי, און מיט רבינו נסים אין קאירואן; ער האט זיי אויך געשיקט גרויסע סומעס געלד פאר די ישיבות; ער האט געלאזען ספרים שרייבען און געשאנקען זיי ארימע תלמידי חכמים; ער פלעגט וועקען די יונגע טאלאנטען און איז געווען אנ'אמת'ער „מלאך מושיע" פאר די אידען אין דער נאהנט און ווייט. מיט רעכט האט איהם געשילדערט א שפעטערדיגער שריפטשטעלער מיט פאלגענדע ווערטער: „אין רבי שמואל'ס צייט האט זיך די וויסענשאפט דערהויבען פון איהר נידעריגען צושטאנד, און עס האבען ווידער אנגעהויבען לייכטען די שטערען פון דער חכמה. גאט האט איהם געליהען א הויכען גייסט, כדי ער זאל די וויסענשאפט און איהרע פארשער ליעבען און די רעליגיאן מיט איהרע אבהיטער דערהויבען".

אנ'אראבישער דיכטער האט אין א לויב-געזאנג געריהמט דעם איידעלען גייסט פון ישמעאל (ווי זיי פלעגען רופען רבי שמואל הנגיד) אין פאלגענדע ווערטער: סחשחץ צעחסצ.

פון מעקא האבען די מושלעמער,
אנשטאט דעם שווארצען שטיין צו קושען,
אויב זיי האָר אמת אנגענעהמער,
נאר דיינע הענד געדארפט טהון קושען.
זיי ליעב ביזטו מיר, אה, ישמעאל,
דו, בעסטער זוהן פון פאלק ישראל:
ביי דיר אין הויז ערקלער איך אפען:
„איך גלויב אין גאט, דעם הערר פון שבת!"
אין מיינעם פאלק שטעה איך בעטראפען
און האלט בסוד אין מיר דעם אמת.

די אידישע לאגע אין גראנאדא איז אין רבי שמואל'ס צייט געווען זעהר א געהויבענע: זיי האבען פערנומען מלוכה-שטעלעם און געדינט אויך אין דער ארמעע. אין קיין לאנד אויף דער וועלט האבען דאן די אי־

דען נישט געהאט אזא פאלקאמע גלייכבערעכטיגונג, ווי אין גראנאדא.

אויסער דער בעשעפטיגונג מיט'ן תלמוד און דער פאעזיע, האט רבי שמואל פיעל אבגעגעבען זיך אויך מיט פארשונגען אין דער העברעאישער גראמאטיק, אבער קיין נייעס, אויסער דער תורה פון זיין לעהרער חיוג, האט ער אויף דעם דאזיגען געביט נישט בעוויזען אויפצוטהון. מערקווירדיג איז, אז ער האט ביי אלע זיינע גרויסע בעשעפטיגונגען נאך געקאנט בעוויזען צו שרייבען צוויי און צוואנציג שריפטען וועגען דער העברעאישער גראמאטיק. מייסטענס זענען דאס געווען פאלעמישע שריפטען געגען דעם גרויסען העברעאישען גראמאטיקער אבן גנאח, וועלכער איז געווען אויף זיין געביט אויך אזא ציערונג פאר די שפאנישע אידען, ווי רבי שמואל הנגיד אלס גרויס וויזיר.

יונה אבן גנאח (געבוירען 995, געשטארבען 1050) האט אויך, ווי פיעל אנדערע געלעהרטע פון זיין צייט, געהאט מייסטענס צו פערדאנקען זיין קענטעניש דער שטאדט קארדאווא, — „א שטאדט, וואס איז פול געווען מיט חכמים און סופרים". די חכמת הרפואה האט ער אויסגעלערנט אין דער הויך־שולע פון קארדאווא, וועלכע עס האט געגרינדעט דער כאליף אל־חכים. אבן גנאח איז געווען איבערגעגעבען מיט לייב און זעעל דעם שטודיום פון דער העברעאישער גראמאטיק, אין וועלכער ער איז געווארען אזא גרויסער קענער, אז נאך ביז איצט האט איהם נאך קיינער ניט איבערגעשטיגען. פיעל האבען די שפעטערדיגע דורות פון איהם געלערנט, אבער נאך מעהר האבען זיי געקאנט פון איהם לערנען. ווי זיין געגנער רבי שמואל הנגיד, האט ער אויך געמוזט פערלאזען קארדאווא בשבת דעב בירגער־קריג (1013) און האט זיך בעזעצט אין סאראגאסא. דא, אין שפאנישען צפון, וואו די גאנצע אטמאספערע איז געווען אנ'אנדערע, האט נאך געהערשט די תמימות, וועלכע איז פערבונדען תמיד מיט דער ניט־קולטורעליער וועלט. די אידען פון סאראגאסא, ווענינגסטענס, דער גרעסטער טייל פון זיי, האט נאך געלעבט אינ'ם קינדישען טעות, אז די גראמאטישע פארשונגען זיינען געפעהרליך פאר'ן רבנישען יודענטום. דערדאזיגער אבערגלויבען פון דער ארומיגער געזעלשאפט האט אבער נישט אבגעהאלטען אבן גנאח פון זיינע בעשעפטיגונגען מיט'ן תנ"ך און מיט זיין גראמאטיקאלישער פארשונג.

פיהלענדיג, אז די עלטערע יאהרען קומען נעהנטער, און, מורא האבענדיג, ווי דער גריכישער פילאזאף פלאטא, אז צוזאמען מיט'ן עלטער זאל אויך נישט קומען דער שוואכער זכרון, האט ער זיך גענומען מחבר זיין א ספר, אין וועלכען ער האט איבערגעגעבען דעם רייכען אוצר פון זיין גראמאטיקאלישער וויסענשאפט, ווי אויך פון דער גרויסער עשירות פון זיין אינערליכען לעבען. אבן גנאח איז געווען ניט בלויז דער שעפער פון העברעאישען סינטאקסיס, ער האט איהם אויך פערפאלקאמט ביז א הויכער מדרגה. אבער נאך וויכטיגער ווי זיינע גראמאטיקאלישע פארשונגען זע־

נאך זיינע אנשויאונגען און פרינציפען, ווי אזוי מען מוז דעם תנ"ך שטודירען. קיינער פאר איהם און נאך זעהר ווייניג חכמים עד היום האבען אזוי טיעף דעם תנ"ך פערשטאנען, ווי ער, און אזוי שען איהם בעלויכטען. ער איז געוועזען א ניכטערער דענקער, וועלכער איז ווייט פון יעדע פאנטאזיעס און גוזמאות און אין פיעל הינזיכטען קאן ער גערעכענט ווערען פאר'ן אמת'ן פאטער פון די ביבעל־קריטיקער.

א רייכבעגאבטע פערזענליכקייט, א ליעבליכער דיכטער און טיעפזיניגער דענקער איז געוועזען שלמה בן־יהודה אבן גבירול אדער ווי ער האט געהייסען אין אראביש: אבו איוב סולייטאן אבן יחייא, (געבוירען ארום 1021 געשטארבען ארום 1050). אין איהם איז יעדער שטריך געוועזען געזאנג און געדאנק, און אלץ. וואס געהערט נישט צו פאעזיע און פילאזאפיע, איז איהם ערשיינען קליינליך און נישטיג. זיין פאטער יהודה איז, ווי עס שיינט, אויסגעוואנדערט צוזאמען מיט רבי שמואל פון קארדאווא, בשעת דער מלחמה, קיין מאלאגא און דארט איז געבוירען און ערצויגען געווארען דער דיכטער, וועלכער האט דערווארעמט און ערלייכטערט פיעל בעטריבטע הערצער דאס לעבען. א יתום פון קינדווייז אן, האט אבן גבירול אפילו נישט געהאט קיין ברודער, פאר וועלכען ער וואלט געקאנט אויסגיסען דאס הארץ, דעריבער האט ער זיין עלענדקייט אויסגעקלאגט אין לידער, וועלכע האבען געמוזט רירען יעדעס הארץ. אלס קינד נאך האט ער שוין נישט געוואוסט, וואס הייסט א פרעהליכע מינוט:

„איך בין א יונג קינד מיט'ן גייסט פון א זקן:
דאס לייב אויף דער ערד און דער גייסט שוועבט אין הימעל".

אבגעשטויסען פון דער אויסענוועלט, האט ער זיך פערטיעפט אין זיין רייכען אינערליכען לעבען, וועלכעס איז געוועזען פול געזאנג און געדאנקען. די פאעזיע און די פילאזאפיע האבען איהם אבגעהאלטען פון פערצווייפלונג אין די ביטערסטע מינוטען פון לעבען, אבער זיי האבען איהם נישט געקאנט געבען די פריידען, וועלכע ער האט פון לעבען פערלאנגט. נאך אין זיין פריהער יוגענד האט אבן גבירול שוין אנגעהויבען דיכטען אין א נייער קונסט־פארם, וועלכע איז פאר איהם געוועזען גאר אונבעוואוסט. פון זיין זעכצעהנטען יאהר שטאמט דאס ליעד, וועלכעס איז אנגעזאפט מיט טרויער:

זעה איך לאכען, ווייגט מיין הערץ,
חען מיין לעבען איז פול שמערץ.
אה, מיין פריינד! צו זעכצעהן יאהר
זאל דאס אינגעל שוין דען וויינען,
ווען ער דארף נאך קינדיש גאר,
גלייך א בלום אין קוי נאר שיינען?

אין א פריהען עלטער, ווען די מייסטע מענשען פערנעהמען זיך נאך מיט קליינגקייטען, איז אבן גבירול שוין געוועזען א פאלקאמער דיכטער.

מען זעהט אין יעדען ליעד זיינס, אז ער ברויכט נישט צו זוכען קיין ווערטער אדער גראמען, קיין געדאנקען אדער בילדער, אלץ גיסט זיך ביי איהם מיט א פולער מאס. דערביי ווייסט ער אבער שטענדיג די מאס, כדי דאס שענע פונ'ם איבערגעטריבענעם און לעכערליכען אונטערצושיידען. די אלטע העברעאישע שפראך איז יונג געווארען אין דער פעדער פונ'ם פייערדיגען יונגען קאפ און איז געווארען א געטרייער טאלמאטש פאר זיינע געדאנקען און געפיהלען. די מאס פון די העברעאישע שירים האט אבן גבירול זעהר פערשידענארטיג פונאנדערגעארבייט און פערפיינערט — אין זיין פערלאזענהייט און עלענדקייט האט דער יונגער דיכטער געפונען א טרייסט און א בעשיצער אין א מענשען, וועלכער האט זיין פאעזיע פעראייביגט און בערימט געמאכט. דאס איז געווען יקותיאל אלחאסאן, וועלכער האט פערנומען, ווי עס שיינט, אין סאראגאסא א הויכע מלוכה-שטעלע ביי'ם קעניג יחיא אבן מאנדהיר, פונקט ווי רבי שמואל אין גראנאדא. יקותיאל אלחאסאן ווערט בעזונגען ווי א גרויסער נדבן, וועלכער „זארגט פאר אלע ארעמע, ווי א געטרייער פאטער". לאנג האט אבער אבן גבירול אויך נישט געקאנט האבען אפילו קיין גליק גוט בעשיצט צו ווערען. בשעת א פאלאץ-רעוואלוציע איז אויך געפאלען יקותיאל, מען האט איהם געבונדען אין קייטען און דער'הרג'עט (1039), צום גרויסען טרויער פון די אידען אין צפון-שפאניען. אבן-גבירול'ס הספד-ליעד נאך איהם איז אנגעזאפט מיט טיפען טרויער, אבער אויך מיט ערהאבענער פאעזיע, דאס ליעד בעשטעהט פון דריי הונדערט פערזען און איז א נ'אמת'ע עהרען-מצבה פאר'ן פערשטארבענעם, ווי אויך פאר דעם דיכטער. שוין דער ערשטער פערז דריקט אויס קורץ און שארף דעם הויכען ווערט פון יקותיאל'ן:

אויב א יקותיאל מוז אויך שטארבען,
מוזען הימלען אויך פערדארבען...

— — — — — — — —

כ'זעה די וועלט, אה פריינד, אין צארען,
פרעמד פאר מיר איז זי געווארען.
לאזט מיך ביטער, ביטער קלאגען:
יקותיאל איז פערשוואונדען!—
ווער וועט היילען איצט די וואונדען,
ווען די ארעמע זיך פלאגען?

זינט דעם טראגישען טויט פון יקותיאל איז דער דיכטער געווארען אלץ מעהר פעסימיסטיש. ער האט אנגעהויבען זעהען די גאנצע וועלט אין פינסטערע פארבען, ער האט זיך בעקלאגט, אז מען וויל איהם נישט אנערקענען, אז זיינע פריינד האבען איהם פערראטען, אז מען פערפאלגט איהם. מיט'ן פערגעניגען, וועלכעם עס האבען די גרויסע דיכטער זיך אליין צו פייניגען, שיסט ער זיך אליין די פיילען אין הארצען און איהם דוכט

זיך, ווי פיינד רינגלען איהם ארום פון אלע זייטען, און זייער קנאה ער־נידריגט זיין גרויסע בעדייטונג. ביי אלעם דעם ווערט ער אבער נישט געפאלען אינגאנצען, פערקעהרט, ער צינדט זיך אן מיט א יונגען פייער, און זיין דיכטונג דערגרייכט ביז דער העכסטער מדרגה פון וועלט־קומער.

אין דער טעכניק פון שירים־שרייבערי איז ער געוועזען אזא קינ־סטלער, אז צו נייצעהן יאהר האט ער אנגעשריבען א העברעאישע גראמא־טיק מיט אלע רעגעלן—אין שירים. די גראמאטיק האלט פיער הונדערט פערזען (1040).

אין סאראגאסא האט אבן גבירול מחבר געוועזען א מאראל־פילא־זאפיש ווערק (1045), וועלכעס האט אפילו נישט יענע טיעפקייט, מיט וועלכער עס צייכענען זיך אויס זיינע שפעטערדיגע ווערק, אבער עס איז מערקווירדיג דערמיט, וואס אין איהם זעהען מיר, ווי דער יונגער דענקער טרעט שוין ארויס גאנץ זעלבסטשטענדיג אין די שווערסטע פילאזאפישע פראבלעמען, און איז אויך טיעף בעקענט מיט די ארבייטען פון די גרעסטע פילאזאפען. צו בעוואונדערן איז אויך, וואס פאר א טיעפע מענשען־קענ־טעניש דער יונגער פערפאסער ווייזט ארויס אין'ם דאזיגען ווערק; מען האט געקאנט מיינען, אז דאס איז אן'אלטער מאן, וועלכער האט געהאט פיעל בעציהונגען מיט די מענשען און זיי קענען געלערנט. אין'ם דאזיגען ווערק האט ער אבער אויך טיעף אנגעריהרט איינע אנגעזעהענע מענשען אין סאראגאסא און בעקומען דאדורך אזוי פיעל פיינד, אז ער איז געוועזען גע־צוואונגען אויסצוואנדערען פון דער שטאדט. דערפאר האט ער זיך אבער נוקם געוועזען אן דער שטאדט, און אין א טרויער־ליעד, וועלכעס איז אן־אמת נויט־געשריי פון א פערצווייפעלט הארץ, רופט ער אן סאראגאסא „די צווייטע עמורה”. דער אונגליקליכער יונגער דיכטער האט זיך נישט געקאנט געפינען קיין ארט און גאר געוואלט פערלאזען שפאניען, כדי צו געהן קיין מצרים, ארץ־ישראל און בבל. אין איין ליעד גיט ער זיך אליין צו מוט צו שיידען זיך פון שפאניען. זיין ענטשלוס האט ער אבער נישט אויסגעפיהרט, נאר ער האט ארומגעוואנדערט אין שפאניען און געליטען אויף אן'אמת, אדער עס האט זיך איהם נאר געדוכט, אז ער ליידט. זיינע ליידען האבען זיך אויסגעגאסען אין זעהר שענע שירים.

אויב די דיכטונג איז געוועזען זיינס א געליעבטע, איז די פילאזאפיע איהם געוועזען א מוטער. ער זינגט:

וויי זאל די חכמה איך פערלאזע,
כ'האב דאך א בונד מיט איהר געשלאסען!
זי איז מיין מוטער, א געליעבטער
בין איך פאר איהר, א גוט געאיבטער;
זי איז מיין צירונג, און א קרוין
בין איך פאר איהר, א דימענט־שטיין

ווי אבן גבירול האָט נאָך כמעט אלס קינד שוין בעשאפען נייע קונסט־פאָרמען פאַר דער העברעאישער פּאָעזיע און האָט זיי אויסגענוצט מיט א שפּילענדער לייכטקייט, אזוי האָט ער, נאָך אלס יונגערמאַן, צוזאַמענגעשטעלט א געדאנקען־סיסטעם וועגען די העכסטע פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס בעשעפטיגט זיך דעם מענשענס גייסט. און וואָס בעשטעהט דאָס העכסטע ציעל פונ׳ם מענשען? וואָס איז דער מהות פון דער נשמה, פון וואַנען שטאַמט זי און וואוהין געהט זי נאָכ׳ן שיידען זיך מיט דער ערד? וואָס איז דער מהות פון דער גאָטהייט, און ווי אזוי האָט גאָט, דער ריינער בעגריף פון איינינקייט און גוטסקייט, בעשאפען א וועלט, וואָס איז פיעלזייטיג און פעהלערהאפט?— אָט דאָס זענען די פראַגען, פאַר וועלכע אבן־גבירול האָט געזוכט אנ׳ענטפער, אָבער ניכט אינ׳ם גלויבענדען געמיט, נאָר אינ׳ם מענשליכען פערשטאַנד און אינ׳ם קריטישען גייסט. אין זיין סיסטעם האָט אבן גבירול ענטוויקעלט אזא עשירות פון געדאנקען און אזא טיעפקייט, אז דער דענקער מוז גוט אָנשטרענגען זיינע קרעפטען, צו קאָנען איהם ריכטיג בעגרייפען. פאַר איהם אָבער זענען אָט די אלע פראַגען ענטוויקעלט אין א רייהע פון אידעען מיט אזא קלאָרקייט און לייכטקייט, אז ער געפינט תמיד די פּאַסענדסטע ווערטער און אויסדריקען, שטענדיג די ריכטיגע בילדער צו פעראנשוילינען די שווערסטע אידעען פאַר׳ן לעזער. א סך פון זיינע אידעען האָט ער זאָגאַר אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון א געבעט אָדער א געדיכט „כתר מלכות“, וועלכעס איז פול ערהאַבענע געדאנקען און הויכע פאַנטאַזיע.

זייענדיג געשטימט דיכטעריש, ווי דער גריכישער פילאָזאָף פּלאַטאָ, האָט אבן גבירול ביי איהם גענומען די דיאלאָג־פאָרם, צו ענטוויקלען זיין סיסטעם. וועלכעס ער טראָגט פאַר אין א לעבעדיגען געשפּרעך צווישען א רבי׳ן און א תלמיד.

אבן גבירול׳ס געדאנקען אין זיין פילאָזאָפישען ווערק „מקור חיים“ אָדער „וועגען דעם אלגעמיינעם שטאָף פון דער וועלט“ האָט אין אידישען קרייז ווענינ ערפאָלג געהאַט און געבליבען כמעט גאָר אָהן אנ׳איינפלוס, דער ספר איז געווען געשריבען אין אראַביש, און פאַר די אידישע דענקער איז דער אינהאלט געווען צו פרעמד און די פאָרם צו זעהר פערוויקעלט, און זי האָט קיינעם ניכט בעפרידיגט. דערפאַר אָבער האָט זיין ווערק דערוועקט זעהר שטאַרק די אויפמערקזאַמקייט פון די אראַבישע און קריסטליכע סכאָלאַסטיקער. א יאָהרהונדערט נאָך זיין ערשיינען איז דאָס ווערק איבערזעצט געוואָרען אין לאַטייניש. די איבערזעצונג איז אויסגעפיהרט געוואָרען דורך א קריסטליכען גלח און א משומד. איינינע קריסטליכע סכאָלאַסטיקער זענען געוואָרען הייסע אָנהענגער פון זיין סיסטעם; אנדערע האָבען אונטערגענומען א קאַמף געגען איהם. אינטערעסירט האָבען זיך מיט איהם אלע.

אנ׳אַנדער אידישער פילאָזאָף פון דער דאָזיגער רייכער עפּאָכע איז

געוועזן רבינו בחיי הדיין הספרדי בן רבי יוסף אבן פקודה (אָדער בקודה, אַרום 1050), וועלכער האָט געהאַט אין דער פֿילאָזאָפֿיע אַ גאַנץ אַנדערע ריכטונג, ווי אבן גבירול. רבינו בחיי האָט געגרינדעט אַ גאַנץ אָריגינעלע מאָראַל־טעאָלאָגיע פֿון יודענטום, וועלכע ער טראָגט־פֿאָר אין זיין ספר „חיבות הלבבות", וואָס ער האָט געשריבען אין אַראַביש, אויך אַזוי ווי אבן־גבירול זיין פֿילאָזאָפֿיש ווערק. רבינו בחיי האָט געשטרעבט רייכער צו מאַכען דעם אינהאַלט פֿון יודענטום. די אינערליכע פֿליכטען (חובות הלבבות) זענען פֿאַר איהם געשטאַנען פֿיעל העכער ווי די אויסערליכע ריטועלע געבאָטען, וועלכע דער רעליגיאָנס־קאָדעקס בעפֿעהלט דעם מענשען צו האַלטען. דאָס יודענטום טיילט ער אין צוויי אַבטיילונגען: דאָס ריין רעליגיעזע אָדער זיטליכע און דאָס צערעמאָניאַל־רעליגיעזע, און דאָס ערשטע שטעלט ער פֿיעל העכער אַלס דאָס צווייטע. ער האָט עס געהאַלטען פֿאַר אַ הייליגען חוב זיך קלאָר צו מאַכען, ווי אַזוי ער ברויך אין יעדען מאָמענט און פֿאַל זיינע פֿליכטען ערפֿילען, „כדי זיין דענקען, פֿיהלען און טהון זאָלען זיך פֿעראייניגען אין גאָט". נאָכדעם ווי ער איז אין דער הינזיכט פֿאָרטיג געוואָרען מיט זיך אַליין, האָט ער עס געהאַלטען פֿאַר זיין הייליגען חוב צו לערנען אויך זיינע ברידער, „וועלכע היטען שוואַך אָב די רעליגיעזע געבאָטען, בפרט אָבער די פֿליכטען פֿון האַרצען".

די ריכטונג פֿון זיינע געדאַנקען האָבען געפֿיהרט רבינו בחיי'ן צו די וועגען פֿון תשובה און מעשים טובים, וועלכע ער האַלט פֿאַר דער העכסטער מדרגה פֿון דער לעבענס־פֿילאָזאָפֿיע, וועלכע דער מענש קאָן דערגרייכען. עס איז אַפֿילו אונמעגליך, אַז אַלע מענשען זאָלען זיך אָבזאָגען פֿון דער וועלט און איהר טעטיגקייט, ווייל דאַדורך וואָלט דאָך די וועלט אַ מדבר געוואָרען, און דאָס האָט גאָר גאָט נישט פֿערלאַנגט; אָבער עס מוז זיין לפחות אַ בעזונדער קלאַס מענשען, וועלכע זאָלען זיך פֿון דער וועלט יאָ אָבזאָגען, כדי צו דינען פֿאַר אַ ביישפּיל פֿאַר די וועלט־קינדער, ווי אַזוי מען קאָן זיך פֿון תאוות אָבהאַלטען און דאָס לעבען רעגולירען. רבינו בחיי איז נוטה געוועזען צו ריהמען די נזירות (Mönchtum), וועלכע די קריסטליכע און מחמדאַנישע וועלט האָט אָנגעהויבען צו פֿערהייליגען אין מיטעלאַלטער. ער וואָלט אַליין אויך, לויט זיין כאַראַקטער, אַ נזיר געוואָרען, אָבער דאָס יודענטום האָט צו אַ צו־גרויסען אָבערגלויבען נישט געהאַט קיין באָדען.

אַט דאָס זענען געוועזען די חכמים, וואָס האָבען געלעבט כמעט אין איין צייט מיט רבי שמואל הנגיד אין דער ערשטער העלפֿט פֿון עלפֿטען יאָהרהונדערט. נאָך זיין טויט (1055) האָט זיין פֿאָרטרעפֿליכער זוהן א ב ו ה ו ס א י ן י ו ס ף א ב ן נ ג ר י ל א (געבוירען 1031 געשטאָרבען 1056) פֿערנומען זיין הויכע מלוכה־שטעלע. דער קעניג באַדיס, ביי וועלכען ער האָט אויך אַזוי נושא חן געוועזען ווי זיין פֿאָטער, האָט איהם בעשטימט פֿאַר אַ גרויס־וויזיר און אַ נשיא איבער אַלע אידען פֿון גראַנאַדאַ, וועלכע האָבען

איהם אויך אנערקענט אלס מנהיג און רב, חאטש ער איז נאך געוועזען גאר יונג. יוסף האט ערהאלטען ביי זיין פאטער און שטוב א פיינשטלעכע ערציהונג. די בעסטע לעהרער פון די פערשידענסטע געגענדען האט רבי שמואל איינגעלאדען פאר איהם, און ער איז שוין אין זיין פריהער יוגענד געוועזען א פאלקאמער תלמיד חכם. זייענדיג אויך אזא קענער אין אראביש ווי זיין פאטער, איז ער נאך פאר רבי שמואל'ן שוין געווארען סעקרעטאר פונ'ם פרינץ באלקין. און חאטש ער איז געוועזען דער איינציגער יורש פון זיין קעניגליך רייכען פאטער. האט ער פונדעסטוועגען געפיהרט א שטיל לעבען, בעגנוגענדיג זיך מיט נישט-פיעל, זייענדיג אין דער הינזיכט א פאלקאמער קאנטראסט פון די מחמדאנישע שרים, וועלכע האבען געפיהרט אנ'אויסגעלאסען רייך לעבען. אלס מיניסטער האט יוסף געהאט אין זינען נאר די טובה און אויפבליהונג פון דער מדינה. ווי זיין פאטער, איז ער אויך געוועזען ראש ישיבה און פלעגט זאגען א שיעור גמרא פאר די תלמידים. נאר אין צוויי פונקטען האט ער זיך געפיהרט אנדערש, ווי זיין פאטער: ער האט בעשטימט צופיעל אידען אויף מלוכה-שטעלעס און געגען זיינע בעאמטע האט ער זיך געהאלטען שטאלץ. דאדורך האט ער דערוועקט די שנאה פון די בערבערען, וועלכע זענען געוועזען די הערשענדע בעפעלקערונג אין גראנאדא; די אראבער האבען אבער געהאסט נישט בלויז איהם אליין, נאר אויך אלע אידען. בעזונדערס גרויס האט זיך געשטארקט די דאזיגע שנאה צוליעב איינינגע פארפאלען. צווישען דעם קרוינפרינץ באלקין און יוסף, וועלכער איז ביי איהם פריהער סעקרעטאר געוועזען, האט געהערשט א געוויסע אנטיפאטיע. באלקין איז פלוצלונג געשטארבען, ווי מען גלויבט, דורך א פער'סמ'ונג. דער קעניג באדיס האט דעריבער בעשטראפט מיט טויט איינינגע דינער און פרויען פונ'ם פרינץ, אלס שולדיגע. די איבעריגע זענען אנטלאפען, מורא האבענדיג פאר דער בעשטראפונג. דאס פאלק האט אבער געגלויבט, אז יוסף האט איהם פער'סמ'ט. א צווייטער פארפאל, אין וועלכען יוסף האט ארויסגעוויזען אי זיין איבערגעבענהייט דעם קעניג, אי זיין פאליטישען פערשטאנד, אי זיין מענשליכקייט, האט איהם מיטגעבראכט די אונצופרידענהייט פונ'ם קעניג. צווישען די בערבערען, וועלכע האבען זיך דערשלאגען צו דער הערשאפט אין גראנאדא און אנדערע קאנטען אין שפאניען, און ביי די ארטיגע אראבער האט געהערשט אזא ערביטערטע שנאה, דאס כמעט אין יעדער שטאדט זענען זיי געשטאנען איינע געגען די אנדערע, ווי צוויי פיינדליכע פארטייען, וואס ווארטען נאר אויף א געלעגענהייט אנצוהויבען א קאמף. דער בערבערישער קעניג פון גראנאדא האט דעריבער אלעמען חושד געוועזען און יעדען אויגענבליק האט ער געציטערט, אז ער זאל נישט פאלען אלס קרבן פון א פערשווערונג. באדיס האט דערפאר בעשלאסען אויסצופיהרען א טייוולאנישען פלאן, אויסצושחט'ען דורך זיינע סאלדאטען אלע אראבער אין א געוויסען פרייטאג וועהרענד דער גאטעס-דינסט. דעם דאזיגען פלאן האט דער קעניג מיטגע-

טײלט זײן אידישען מיניסטער (יוסף'ן) מיט דער ערקלערונג, אז זײן בײשלום אויסצופיהרען דעם פלאן איז אזוי פעסט, דאס ער וועט זיך פון איהם נישט לאזען אבהאלטען דורך קײן שום אײנווענדונגען. אויסערדעם האט ער געפאדערט פון יוסף'ן, אז ער זאל דעם פלאן קײנעם נישט ענטדעקען. יוסף האט אבער געהאלטען דעם דאזיגען פלאן וועגען מערדערײ פאר אנ'אונמענשליכען און א פאליטיש־געפעהרליכען און האט דעריבער אנגעווענדעט אלערלײ מאטיווען, כדי אבצוהאלטען פון איהם דעם קעניג. ער האט איהם אויך אנגעוויזען, אז דער פלאן קאן נישט געלינגען, און דאן וועלען די אראבער זיך נעהמען פאר'ן געווער, און עס וועט אויסברעכען א שרעקליכע מלחמה אין שטאדט. „איך זעה זײ שוין—האט יוסף מיט היץ אויסגערופען,— איך זעה זײ שוין, ווי זײ שטורמען פול מיט צארן. יעדער פון זײ דערהויבט זײן שווערד איבער דײן קאפ, אה, מײן קעניג. און די פיעל פײנד ווארפען זיך אויף דיר, ווי די חוואליעס פון ים, געגען וועלכע דו און דײן הויז וועלען גאר נישט קאנען טהון!"

באדיס האט זיך אבער געהאלטען פעסט בײ זײן ענטשלוס, און האט געגעבען א בעפעהל צום אנפיהרער פון זײן מיליטער דעם פלאן אויסצופיהרען. יוסף האט אבער געהאלטען פאר זײן הײליגען חוב אבצווענדען די מארד־סכנה פון דער אראבישער בעפעלקערונג, ווי אויך דאס אונגליק פונ'ם קעניג, און האט בעשלאסען צו ווירקען געגען דעם קעניגס ווילען, שטעלענדיג דערבײ אין סכנה זײן אײגען לעבען. דורך אײניגע פרויען, צו וועלכע ער האט געהאט א צוטרוי, האט ער געגעבען צו וויסען די אראבער, אז זײ זאלען דעם קומענדיגען פרײטאג נישט ווײזען זיך אינ'ם געבעט־הויז. די אראבער האבען די אזהרה פערשטאנען און געהיט זיך צו קומען. די סאלדאטען פון באדיס האבען דעריבער געפונען אין געבעט־הויז נאר בערבערען און בלויז אײניגע אראבער פון ארעמען פאלק. פון זײן פלאן האט זיך באדיס געמוזט אבזאגען, אבער זײן גאנצען כעס האט ער אויסגעלאזען צו זײן מיניסטער, וועלכען ער האט חושד געווען, אז ער האט זײן סוד אויסגעזאגט. דער קעניג האט יוסף'ן געמאכט ביטערע פארווארפען דעריבער. יוסף אבער האט דערויף געענטפערט אפען, אז ער מעג גאט דאנקען, וואס ער האט איהם אבגעהיט פון א זיכערער סכנה. „די צײט וועט קומען—האט יוסף צוגעלעגט—ווען דו וועסט האבען די זעלביגע מײנונג ווי איך, און דאן וועסטו אלײן אײנשטימען מיט דער עצה. וואס איך האב דיר געגעבען". אויך אין בערבערישער שאיך האט אונטערשטיצט יוסף'ס עצה, און באדיס האט זיך בערוהיגט. אבער אין הארצען איז בײ איהם געבליבען א שנאה געגען זײן אידישען מיניסטער און ער האט פערלוירען צו איהם זײן צוטרוי. פון דאמאלס אן האט יוסף זיך געקאנט האלטען אויף זײן שטעלע נאר דורך שפיאנען, וועלכע פלעגען איהם איבערברענגען יעדעס ווארט, וואס דער קעניג האט גערעדט. די בערבערישע בעפעלקערונג האט אבער בעמערקט, אז דער קעניג האט גע־

וואַרפען אַן'אומחן אויף זיין אידישען מיניסטער, און האָט זיך דעריבער דערוואויגען צו מאַכען אַ פערשווערונג געגען יוסף'ן און די אידען. מען האָט אָנגעהויבען פערשפרייטען אַלץ מעהר שענדליכע רכילות געגען יוסף'ן. זיינע פיינד האָבען זיך ענדליך געשטאַרקט. אַ פאַנאַטישער מחמדאַנישער דיכטער, אַבו איסחאַק אל עלווירי, האָט דורך אַ פייערדיג העצע־ליעד דערוועקט דעם האַס פון די מחמדאַנער און געבראַכט צו דער פערברעכערישער טעטיגקייט. דאָס געדיכט האָבען באַלד אָנגעהויבען זינגען אַלע מחמדאַנער: דאָס איז געווען דאָס קרעהען פון די נאַכט־פויגלען פאַר יוסף'ס טויט.

באַלד האָט זיך אויך געמאַכט אַ געלעגענהייט, וואָס האָט אָנגעצונדען דעם ווילדען כעס פון יוסף'ס געגנער און דערוועקט זיי צו אַ מאָרד. אייניגע מחנות פונ'ם שכן־קעניג, אַלמאָטאַסעם פון אַלמעריאַ, האָבען געמאַכט אַן'אָנפאַל אויף דער גרענעץ פון גראַנאַדאַ, און אַט האָט מען פערשפרייט אַ קלאַנג, דאָס זיי האָבען געזאָגט, אַז זייער קעניג שטעהט אין געהיימע בעציהונגען מיט יוסף'ן, וועלכער וויל איבערגעבען דאָס לאַנד דעם שונא. די בערבערישע סאָלדאַטען האָבען באַלד אַרומגערינגעלט יוסף'ס פאַלאַץ. ווען יוסף האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער זיך בעהאַלטען אין אַ קויהלען־קאַמער און פערשוואַרצט דעם פנים, כדי מען זאָל איהם נישט דערקענען. די ווילדע מחנות האָבען איהם אָבער יאָ דערקענט און נאָכדעם ווי זיי האָבען איהם געהרג'עט, האָבען זיי איהם אויפגעהאַנגען פאַר'ן טויער פון גראַנאַדאַ. אויך די אידען פון גראַנאַדאַ, וועלכע האָבען געוואָלט זיך ראַטעווען פון צעבושעוועטען המון דורכ'ן ענטלויפען, האָבען פיעל געליטען אין יענעם טאָג. העכער טויזענד פינף הונדערט אידישע משפחות האָט מען דער'הרג'עט און זייערע הייזער צושטערט. נאָר נישט פיעל אידען איז געלונגען צו ענטלויפען און צווישען זיי איז אויך געווען יוסף'ס פרוי מיט זיין יונגען זוהן עזריה, וועלכע זענען אַנטלאָפען קיין לוסענאַ. פון זייער עשירות האָבען זיי געקאָנט אַרויסראַטעווען אַזוי ווייניג, אַז די לוסענער קהלה האָט זיי געמוזט שטיצען מיט חיונה. יוסף'ס גרויסע ביבליאָטעק האָט מען טיילווייז פערניכטעט, טיילווייז פערקויפט. דער טרויער וועגען די אידישע הרוגים אין גראַנאַדאַ ווי אויך וועגען יוסף'ס טויט איז געווען ביי אידען זעהר גרויס. אפילו אַן'אַראַבישער דיכטער האָט אויך געווידמעט אַ טרויער־ליעד זיין טראַגישען סוף. אינ'ם דאָזיגען ליעד ערקלערט דער דיכטער:

פאַר מיר איז די פרייהייט—רעליגיע;
זי הייסט מיר בעוויינען דעם אידען.

וועגען דעם דאָזיגען „בעוויינען" האָט מען דערצעהלט דעם קעניג פון אַלמעריאַ, כדי דאָדורך צו פערשוואַרצען דעם אַראַבישען דיכטער. דער קעניג אָבער האָט ערקלערט: „זעהט־אויס, דער דיכטער האָט אַן'איידעל האַרץ, אַז ער בעוויינט אַ אידען נאָך זיין טויט, דען איך קען אַראַבער,

וועלכע קומערען זיך אפילו ווייניג וועגען דעם לעבען פון זייערע ברידער".

דער אויפשטאנד געגען יוסף אבן נאגרילא און די שחיטה צווישען אידען איז געווען די ערשטע אידישע רדיפה אויף דער פירענייאישער האלב-אינזעל (שפאניען) זינט די אראבער האבען דארט געהערשט. אויף די אידישע קהלות אין שפאניען האט זי אפילו געמאכט א שטארקען איינדרוק. אבער דעם מוט האט זי בײַ זיי נישט צוגענומען: זי איז געבליבען אן אויסנאהם-צופאל. דער ביישפיל פון גראנאדא האט פונדעסטוועגען נישט געשטערט פיעל אנדערע אראבישע מלכים אין שפאניען צו געבען די פעהיגע אידען הויכע מלוכה-שטעלעם און אנטרויען זיי וויכטיגע מלוכה-ענינים. אן אראבישער געשיכטע-שרייבער פון יענער צייט בעקלאגט זיך, אז די אראבישע מלכים, טראכטענדיג נאר וועגען זייערע פערגעניגענס, גיבען אב די מאכט אין די הענד פון די אידען און בעשטימען זיי פאר מיניסטארען און זייערע סעקרעטארען. דער ביישפיל פון די מחמדאנישע מלכים האט געווירקט אויף די קריסטליכע, וועלכע האבען אויך אריינגענומען פיעל פעהיגע אידען אין מלוכה-דינסט און האבען דורך דער אידישער פעהיגקייט און געטרייהייט נישט ווייניג מיטגעווירקט אויף צו דערהויבען זייער מאכט. דערפאר איז די אידישע לאגע אין שפאניען תחילת געבליבען א זיכערע, נישט אכטענדיג אויף דער הצלחה פון די קריסטליכע ארמעען און דאס צופאלען ווערען פון די מחמדאנישע מלוכות. אין שפאניען האבען די אידען אין יענער צייט געלעבט רוהיג אונטער דער הערשאפט פון די קריסטען, ווי פון די מחמדאנער, און געקאנט רוהיג בעפרידיגען זייער חשק צום לערנען אי תורה, אי וויסענשאפט.

טיעפע פערענדערונגען פאר די אידען האבען געבראכט ערשט די געשעהענישען, וועלכע האבען געהאט א וועלט-געשיכטליכע בעדייטונג: די נצחונות פון די קריסטען אין אראביש'ען שפאניען און דער ערשטער קרייצצוג *) געגען די מחמד'אנער אין מזרח-לאנד.

בײַ די געשעהענישען אין שפאניען האבען די אידען געשפילט א געוויסע בעדייטענדע ראליע; זיי האבען אליין אין א געוויסער מאס געהאלפען אונטערלעגען די פולווער-מינעס, וועלכע האבען שפעטער געדארפט ארויסשליידערען אין דער לופטען זייערע אייניקלעך. דעם ערשטען געוואלדיגען שטויס, וועלכער האט מיטגעבראכט דעם חורבן פון דער מחמדאנישער הערשאפט אין שפאניען, האט געמאכט דער פאליטיש-קלוגער און קריגערישער קעניג אלפאנזא דער זעקסטער פון קאס-

*) אין דער וועלט-געשיכטע ווערען בעוואוסט מיט'ן נאמען „קרייצציגע" פאלגענדע געשעהענישען: גרויסע מחנות קריסטען, אין וועלכע עס האבען זיך געפונען מלכים, הערצאגען, גראפען און אויך זעהר פיעל פוג'ים געמיינסטען המון, האבען זיך געלאזט געהען פון אייראפא קיין אזיען, כדי אבצונעהמען בײַ די אראבער ארץ-ישראל און, בעזונדערס, ירושלים. די קרייצציגע זענען פארגעקומען אין א משך פון צוויי יאהרהונדערטע (פון 1096 ביז 1291), און פאר די אידען איז עס געווען אן עפאכע פון מורא'דיגע שחיטות און רויבערייען. (איבערזעצער)

טיליען, וועלכער האט אויסגענוצט די צוברעקלונג פון דער מחמדאנישער
מאכט אין קליינע מלוכה'לעך, כדי צו פערטיידיגען זיין הערשאפט אלין
מעהר פון די צפון־קאנטען צום דרום. זיין צוועק, וואס אלפאנזא האט זיך
געשטעלט,—צו פעריאגען די מחמדאנער אינגאנצען פון שפאניען—האט
ער געוואלט דערגרייכען אויפ'ן דיפלאמאטישען און קריגערישען וועג.
דורך זיינע געוואנדטע דיפלאמאטען האט ער זיך בעמיהט ארייצוברענגען
שנאה און קנאה צווישען די אראבישע מלכים, כדי דאדורך זיי אבצושוואכען.
די קריסטליכע ריטער זענען אבער דאמאלס געוועזען צו גראב צו קאנען
פיהרען אזא פיינע אויפגאבע. ביי די אראבישע מלכים אין די הויפען
האט געהערשט א געבילדעטער גייסטרייכער טאן; אין טאלעדא, סעווילא
און גראנאדא וואלט מען באלד דערקענט די כונות פון א קריסטליכען
געזאנדטען; ער וואלט דארט אויך קיין איינדרוק נישט געקאנט מאכען,
וויל עס האט די קריסטען דאמאלס געפעהלט בילדונג און, בעזונדערס,
די בעקאנטשאפט מיט דער אראבישער שפראך און ליטעראטור. אלפאנזא
האט דעריבער אנגעהויבען אויסצונוצען אלס דיפלאמאטען — די געלעהר־
טע אידען. אזא אידישער דיפלאמאט איז געוועזען אין אלפאנזא'ס הויף דער
אידישער לייב־דאקטאר עמרם בן יצחק אבן שאלביב, וועלכער
האט פערשטאנען אראביש און געהאט א וויטען דיפלאמאטישען בליק.
דער קעניג פון קאסטיליען האט איהם בעשטימט פאר זיין געהיים־סעקרע־
טאר, אנטרויענדיג איהם זעהר וויכטיגע געשעפטען. א צווייטער אידישער
און בעל־יועץ איז ביי איהם געוועזען א געוויסער ציד עלום, וועלכער
איז געוועזען אזא מקורב ביי'ם קעניג, דאס ער האט געקאנט אין יעדער צייט
קומען צו איהם און רעדען אפען און פריי, אלץ וואס ער האט געפונען
פאר נויטיג, וועהרענד די שפאנישע אדעל־לייט און גראנדען האבען
לאנג געמוזט ווארטען פאר דער טהיר פון קעניג'ס צימער, איידער ער
האט זיי אויפגענומען. אלפאנזא איז בכלל געוועזען זעהר וויט פון אבער־
גלויבען. אין זיינע אפטע בעציהונגען מיט די אראבישע מלכים האט ער
זיך אויסגעארבייט א פרייערע וועלט־אנשויאונג, און דעריבער האט ער
נישט בלויז געצעהלטע, איהם נויטיגע און זעהר פעהיגע אידען דערהוי־
בען, נאר ער האט אויך געגעבען פאלקאמע גלייכבערעכטיגונג אלע אידען
אין זיין מלוכה און איבעראל זיי געלאזט אננעהמען אויף וויכטיגע
מלוכה־שטעלען.

חאטש דאס אלטע וועסטגאטישע געזעץ מיט זיינע אידען־פיינדליכע
פונקטען (Forum judicum) איז נאך נישט געוועזען בטל, האט דאך
די לעבענס־פראקטיק אויסגעארבייט איהרע אייגענע געזעצען, וועלכע
זענען געוועזען גאנץ פערשידען פון זיי. לויט'ן וועסטגאטישען געזעץ האט
מען די אידען העכסטענס געדארפט לײדען אין לאנד, און בעהאנדלען
האט מען זיי געמוזט ווי מצורעים און צורוסגעשטויסענע פון דער געזעל־
שאפט, נישט אננעהמענדיג אפילו זייער עדות־זאגען; לויט'ן געוואוי־

הייטס-געזעצע (Fueros) דאגעגען האבען די קריסטען, די אידען און די מחמדאנער, געהאט אין דער מדינה און אין די שטעדט, די זעלביגע גלייכע רעכטע, ס'הייסט: סיי פאליטישע סיי בירגערליכע. ווען א איד פלעגט דארפען עדות-זאגען געגען א קריסט, פלעגט ער שווערען ביי א ספר תורה; ווען אידען און קריסטען האבען געהאט א פראצעס, האט יעדער צד געקאנט זעצען צום געריכט זיינעם א פשרה-ריכטער (Alkalde) לויט אנ'אנדער געוואוינהייטס-געזעצע איז א איד געשטאנען נישט העכער, אבער אויך נישט נידעריגער פאר א גלח (Tonsuriert) אדער אנ עדעלמאן (שליאכטשיץ); פאר'ן דער'הרג'ענען א אידען, אנ'עדעלמאן אדער א גלח, האט מען געדארפט בעצאהלען די זעלביגע סומע געלד. די אידישע גלייכבערעכטיגונג איז געווען א פאלקאמע ביז די גענויעסטע פרטים. און ווייל אלפאנזא האט אנערקענט די דאזיגע געוואוינהייטס-רעכטע, זיינען די וויסטגאטישע געזעצען געגען די אידען ממילא בטל געווארען. אונטער געוויסע אומשטענדען האט מען די אידען אויך צוגעלאזען צום צוויי-קאמף (דועל), ווי אויך צום מיליטער-דינסט. מען האט געקאנט מיינען, אז די שאטענס פון'ם מיטעלאלטער ווערען פערשוואונדען, און די רוימיש-קריסטליכע שלעכטסקייטען פון טעאדאזיוס דעם צווייטען — אז די אידען דארפען נישט צוגעלאזען ווערען צו קיין שום עהרען-שטעלען — האבען געזאלט געהערען צו דער פינסטערער פערגאנגענהייט.

אבער די קאטוילישע קירכע, וועלכע איז געבויט געווען אויף אונ-דולדזאמקייט, האט נישט געוואלט ליידען, אז אין א קריסטליכער מלוכה זאלען די אידען פערנעהמען עהרען-שטעלעס. דער דאמאלסדיגער הויפט-פערטרעטער פון דער קאטוילישער קירכע, דער פויפסט הילדעבראנד, וועלכער איז געווען בעקאנט מיט'ן נאמען גרעגאר דער זיבעטער, און האט דורך זיינע לעגאטען און חרמות אריינגעווארפען שנאה און סכסוכים אין גאנץ אייראפא, האט אויך פראטעסטירט געגען דער אידישער פרייער לאגע אין דער קאסטילישער מלוכה. ער, דער מעכ-טיגסטער צווישען די מעכטיגע, פאר וועלכען מלכים און פעלקער זיינען אויף דער ערד געקראכען, האט אויך געוואלט דערנידריגען די שוואכסטע צווישען די שוואכע, די אידען, און בערויבען ביי זיי יענע אכטונג, וועלכע זיי האבען כשר פערדינט דורך זייערע פעהיגקייטען, געטרייהייט און עהרליכקייט. דער דייטשער קייזער היינריך דער פירטער האט געגעבען די אידען פון ווארמס (ווירמייזא) גלייך מיט די איבעריגע בירגער גינסטיגע פריווילעגיעס. ווען פירשטען און גלחים, שטעדט און דערפער, זענען ארויסגעטראטען געגען דעמדאזיגען קייזער, ווייל דער פויפסט האט זיי דערצו אנגערעדט און אויפגערייצט, איז ווארמס געבליבען געטריי דעם קייזער. די אידען האבען גלייך ווי די קריסטען אין ווארמס זיך גענומען פאר'ן געווער, צו פערטיידיגען דעם קייזער. דערפאר האט דער קייזער בעפרייט די אידען פון אבצאהלונגען אין די קייזערליכע שטעדט. בכלל

איז דער דאָזיגער שוואַכער, אָבער גוטמוטיגער דייטשער קייזער געווען פריינדליך פאַר די אידען.

אַ יאָהר שפּעטער, נאָכדעם ווי דער פּויפּסט גרעגאָר האָט דעם דאָזיגען קייזער בעהאַנדעלט ווי אַ אינגעל, צווינגענדיג איהם צו שטעהן באָרפיס אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד פאַר זיין טהיר, האָט גרעגאָר זיך אויך מישב געווען צו ערנידריגען די אידען. אויף דער קירכען-פערזאַמלונג אין רוים (1078), וואו ער האָט צום צווייטען מאָל געלעגט אַ חרם אויף די פיינד פון'ם פּויפּסט'ס ממשלה, האָט ער אַרויסגעגעבען אַ געזעץ, אַז די אידען זאָלען נישט קאָנען פערנעהמען קיין שום מלוכה-שטעלע, און נישט האָבען קיין שום הערשאַפט איבער די קריסטען. דאָס דאָזיגע געזעץ האָט זיך בעצויגען בעזונדערס אויף שפּאַניען, וואו דער קריסטליכער מלך האָט נישט געקאָנט אויסקומען אָהן די אידישע בעאַמטע, אין זיין בעציהונג צו די אַראַבישע מלכים, ווי שוין דערמאָהנט. צוויי יאָהר נאָך דער קירכען-פערזאַמלונג (1080) האָט דער פּויפּסט גרעגאָר זיך געווענדעט צו אַלפאָנזאָ דעם זעקסטען מיט'ן פאָלגענדען בריף, אין וועלכען ער שרייבט: „ווי מיר פיהלען אונז געצוואונגען צו ווינשען דיר גליק אין דיין ערפאָלג געגען די אַראַבער, אַזוי מוזען מיר דיר אויך אַרויסזאָגען אונזער אונצופרידענהייט געגען דעם, וואָס דו טהוסט אַ גרעכט דערמיט, וואָס דו לאָזט די אידען הערשען איבער די קריסטען. דען דאָס שטעלען די קריסטען אונטער די אידען, הייסט אונטערדריקען „גאָטעס קירכע" און דערהויבען די „סינאַגאָגע פון'ם שטן". ווען מען וויל געפעלען די פיינד פון קריסטוס, הייסט עס, אַז מען וויל קריסטוס גופא פעראַכטען".

אַלפאָנזאָ האָט אָבער געהאַט אַנדערע אינטערעסען צו בעזאָרגען אַז ער האָט זיך געזאָלט לאָזען איינגעהמען פון דער קירכע, וואָס האָט איהם געוואָלט שטערען אין פערווירקליכען זיינע אויפגאַבען. ער האָט זיך ווייניג וואָס געקימערט וועגען די בעשלוסען פון דער קירכען-פערזאַמלונג, אין וועגען דעם פּויפּסט'ס בריף, און געבליבען ביי זיינע אידישע בעאַמטע און יועצים. אין יענער צייט האָט אַלפאָנזאָ גראָד געהאַט אָנגענומען אַ בעשלוס איינצונעהמען טאָלעדאָ. כדי זיין פּלאַן דורכצופיהרען, האָט ער געמוזט אָבזונדערען דעם טאָלעדאָנער קעניג פון די אַרומיגע אַראַבישע מלכים און זיך פערזיכערען, אַז זיי וועלען זיך פערהאַלטען נייטראַל, אָדער גאָר קעמפפען געגען זייער אייגענעם ברודער. כדי דורכצופיהרען אַזאַ דיפּלאָמאַטישע אויפגאַבע, האָט ער געמוזט האָבען אַ אידישען דיפּלאָמאַט. דורך אַ בונד מיט'ן אידעלען קעניג פון סעווילאַ, אַלמוטאַמעד אבן אַבאַד, האָט אַלפאָנזאָ איינגענומען (1085) די אַלטע גרויסע שטאָדט טאָלעדאָ, וועלכע איז געווען די ערשטע אַראַבישע פעסטונג געגען די אַריינדרינגענדע קריסטען. דער מנצח האָט צוגעזאָגט צו געבען די דאָרטיגע אידען אַלע זכיות און פריוויליגיעס, וועלכע זיי האָבען געהאַט אונטער די מחמדאַנישע מלכים. די הויפּט-פּונקטען פון די דאָזיגע פריווילעגיעס

זענען געוועזען, אז די אידען זאלען אין יעדער קהלה קאנען זעלבסטשטענדיג פערוואלטען מיט זייערע אייגענע אינטערעסען און ענינים, אליין פיהרען זייערע הכנסות און הוצאות, אליין בעשטימען זייערע בעאמטע, זייער דיין-רב מיט זיין בית-דין, לויט'ן דין פון תלמוד; אפילו דיני נפשות האבען זיי געמעגט משפט'ן, בעזונדערס איבער פעררעטער און זייער סביבה, וועלכע האבען געבראכט אונגליק אויפ'ן כלל אדער אויף א פריוואטען אידען; אזעלכע פעררעטער האבען זיי אויך געמעגט בעשטראפען מיט טויט.

אלפאנזא האט זיך נישט בענוגענט מיט'ן איינגעהמען טאלעדא אליין; ער האט געוואלט אויסנוצען די שטענדיגע מחלוקת צווישען די אראבישע מלכים, כדי איינצונעהמען נאך לענדער. קודם האט ער איצט אנגעהויבען טראכטען, ווי אזוי איינצונעהמען זיין „פריינד" און פערבונדעטען, דעם מלך פון סעווילא, וועמען עס האט שוין איצט געהערט אויך קארדאווא. ער האט פלוצלונג אראבגעווארפען די מאסקע פון זיין פריינדשאפט און געשטעלט דעם קעניג אלמוטאמער אזעלכע פאדערונגען, וואס ער האט פאראויס געוואוסט, דאס דער קעניג וועט זיי נישט קאנען אננעהמען. זיינע פאדערונגען האט אלפאנזא געשיקט דורך דעם אידישען געזאנדטען יצחק אבן שאלביב, וועלכער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז ער שפילט מיט זיין לעבען, דען ער האט געברויכט אפען און חוצפה'דיג ארויסטרעטען מיט'ן קעניג'ס פאדערונג, נישט אכטענדיג אפילו קיין שום הויף-עטיקעטע. כדי דער אידישער געזאנדטער זאל קאנען זיכערער ארויסטרעטען געגען דעם סעווילער קעניג, האט איהם אלפאנזא מיטגעגעבען א בעגלייטונג פון פינף הונדערט קריסטליכע ריטער, וועלכע זענען געווען גוט בעוואפענט. די שליחות האט געקאסט דעם אידישען געזאנדטען דאס לעבען. אבן שאלביב האט נעמליך ערפילט פינקטליך דעם בעפעהל פון קעניג אלפאנזא: ער איז ארויסגעטרעטען פאר'ן אראבישען קעניג מיט אזא שארפער שפראך און פאדערונג, אז אלמוטאמעד איז ארויין אין א געוואלדיגען כעס און האט פערגעסען וועגען דאס רעכט פון א געזאנדטען. ער האט געלאזט אבן שאלביב טויטען און אויפהענגען, און זיינע נייע בעגלייטער אריינווארפען אין תפיסה. מעגליך, אז דער חיטרער אלפאנזא האט פאראויס געוואוסט, דאס עס וועט זיך דערמיט אויסלאזען און האט עס געטהון בכיון, כדי צו האבען די געלעגענהייט צו געהן מלחמה האלטען.

דער קעניג פון סעווילא האט אנערקענט די סכנה, וואס שוועבט איבער איהם, און ער האט זיך דעריבער געווענדעט צום מאראבעטהישען קעניג יוסף אבן טעשופין, דעם מנצח פון צפון-אפריקא, כדי צו רופען איהם צו הילף געגען אלפאנזא. דער אפריקאנישער העלד איז ערשינען און האט געבראכט קנעכטשאפט און אונטערגאנג פאר די אנדאלוזיש-מחמדאנישע פירשטען. יוסף אבן טעשופין האט געבראכט פון אפריקא א גאנץ גרויסע ארמעע, וועלכע איז נאך פערגרעסערט געווארען

דורכ'ן פֿעראייניגען זיך מיט די מחמדאַנישע אַרמעען. אַלפֿאָנזאָ האָט אויך פֿערזאַמעלט זעהר אַ גרויסע אַרמעע, און אין ביידע מחנות האָבען זיך בעפֿונען אידען, וועלכע האָבען אַזוי אַרום געמוזט קעמפֿען איינע געגען די אַנדערע. פֿערציג טויזענד אידען, בעוואָפֿענטע און פֿערקליידעט אין בעלע און שוואַרצע טורבאַנען, זענען אין ביידע מחנות געשטאַנען גרייט צו וואַרפֿען זיך איינע אויף די אַנדערע.

קריסטענטום און איסלאַם האָבען זיך געשטעלט צום קאַמף אויף לעבען און טויט אין שפּאַניען; ביידע צדדים האָבען זיך געפֿונען אונטער גרויסע פֿעלד-הערען און פֿערטיידיגט דורך גרויסע מחנות. ווען ביידע מחנות האָבען זיך שוין אויסגעשטעלט צום קאַמף, האָט אַלמוטאַמעד געהייסען זיין אַסטראָלאָג, אַז ער זאָל איהם פֿאָראויסזאָגען, לויט'ן שטאַנד פֿון די שטערען, ווער עס וועט מנצח זיין. תּחילת איז דער צייכען פֿון הימעל געווען אונגינסטיג פֿאַר די מחמד'אַנער. אָבער אַלפֿאָנזאָ האָט פּלוצלונג פֿערענדערט דעם טאָג פֿון דער מלחמה. דען ווען די מחנות זענען געשטאַנען גרייט איינע געגען די אַנדערע אַנצוהויבען די מלחמה אום פֿרייטאָג (23-טען אָקטאָבער 1086), האָט אַלפֿאָנזאָ פֿאָרגעלעגט, אַז מען זאָל די מלחמה אָבלעגען אויף מאָנטאָג, ווייל פֿרייטאָג איז הייליג פֿאַר די מחמד'אַנער, שבת—פֿאַר אידען און זונטאָג—פֿאַר די קריסטען. ווען יוסוף האָט אויפֿ'ן פֿאָרשלאָג איינגעשטימט, האָט אַלפֿאָנזאָ געוואָלט פּלוצלונג מאַכען דעם אָנפֿאַל, האָפֿענדיג, אַז ער וועט דורך אַזאַ פֿאַלשקייט מנצח זיין. ער האָט אָבער געהאַט אַ טעות. די מחמד'אַנער זענען געשטאַנען גוט געאָרדענט צום קאַמף, און די מלחמה ביי צאַלאַקאַ האָט זיך געענדיגט מיט אַ פֿולשטענדיגער מפּלה פֿאַר די קריסטען. אַלפֿאָנזאָ האָט זיך קוים געראַטעוועט פֿון מלחמה-פֿעלד דורכ'ן ענטלויפֿען צוזאַמען מיט עטליכע פֿון זיינע ריטער. דער נצחון האָט אָבער געבראַכט נוצען בלויז די געקומענע אַפֿריקאַנער, וועלכע האָבען שטאַרק ערנידריגט די מחמד'אַניש-שפּאַנישע מלכים. דרום-שפּאַניען איז אויף אַ לאַנגער צייט געוואָרען אַן אָרט פֿאַר בלוטיגע מלחמות. די אידען האָבען געליטען זעהר פֿיעל פֿון די שטענדיגע מלחמות, וואָס עס האָבען געבראַכט אינ'ם שענעם לאַנד די אַלמאָראַווידען (אַפֿריקאַנער), אַלפֿאָנזאָ און דער ריטער ראָדריגאָ סיד, וועלכער ווערט אַזוי שטאַרק בעזונגען אין די ראָמאַנסען. דער דאָזיגער סיד האָט אויפֿגעהאַלטען אַ מחנה, וואָס איז בעשטאַנען פֿון אויפֿגעלאָפֿענע קריסטען און מחמד'אַנער, וועלכע זענען געווען אַן אמת'ע מגפה פֿאַר'ן לאַנד. די אַלמאָראַווידען זענען אַפֿילו קיין פֿאַנאַטיקער נישט געווען, דען זייער מלחמה געגען די קריסטען איז געווען בלויז אַ פּאָליטישע, חאָטש זיי האָבען איהר אָנגערופֿען אַ הייליגע. מיט די אידען האָבען די אַלמאָראַווידען זיך בעגאַנגען נישט ערגער, ווי מיט דער איבעריגער בעפֿעלקערונג. אַפֿילו די אידען. וואָס זענען נאָך יוסף'ס טויט פֿערפֿאָלגט געוואָרען אונטער באַדיס, האָבען דורך די אַפֿריקאַנער בעקומען צוריק זייערע גיטער.

נאכדעם, ווי מען האט זיי בײ זיי צוגענומען מיט צוואנציג יאהר פאר דעם.

אויפ'ן געביט פון דער וויסענשאפט און פון דער פאעזיע איז די פלוי-סיגקייט נישט אבגעקיהלט געווארען אין די אונרוהיגע צייטען פון די מלחמות. אנ'ענדערונג האט מען געקאנט בעמערקען נאר דערין, וואס עס האט זיך פערשטארקט דער אינטערעס צום תלמוד-שטודיום געגען די איבעריגע ארבייטען. די איינציגע פערטרעטער פון די אויסער-תלמודישע גייסטיגע בעשעפטיגונגען אין דער דאזיגער צייט זענען געווען משה אבן גיקאטילא און יהודה אבן בלעם. ביידע האבען פערעפענטליכט שריפטען איבער'ן תנ"ך און גראמאטיק. אבער קיין גרויסע נייעס האבען זיי נישט אויפגעטהון. מיט'ן תלמוד האט מען זיך דאגעגען מעהר בעשעפ-טיגט און ער איז געווארען אין א געוויסער מאס דער מיטעלפונקט פון דער גייסטיגער טעטיגקייט. דערביי האט זיך ארויסגעוויזען, ווי גרויס עס איז געווען דער איינפלוס פון רבי שמואל הנגיד און זיין זוהן יוסף, וועלכע האבען בײ זייערע הויכע מלוכה-שטעלעס געלעזען אויך א שיעור אין תלמוד, אין דער ישיבה. הויכע אידישע מלוכה-בעאמטע זענען אזוי ווי די רבנים געווארען גרויסע אנהענגער פון תלמוד-שטודיום און האבען פער-עפענטליכט גרעסערע אדער קלענערע חבורים וועגען דעם תלמוד. דערביי מוז מען בעצייכענען, אז אויך אויף דעם געביט האט מען געקענט בעמער-קען א געוויסען פארטשריט: די ערקלערונגען צום תלמוד זענען געמאכט געווען נישט שטענדיג לויט דער אלטער מעטאדע, נאר מיט א געוויסען קריטישען פערשטאנד און קריטישער בעלייכטונג.

דער גרעסטער אונטער די תלמוד-פארשער אין יענער צייט איז גע-ווען רבינו יצחק אלפסי (געבוירען 1013 געשטארבען 1103), וועל-כער האט מיט זיין שארפזיניגקייט אויסגעגלייכט א נייעם וועג, ווי אזוי צו פערשטעהן ריכטיג דעם תלמוד און אנצווענדען איהם פראקטיש. זיין ערשיינען אין שפאניען האט געמאכט א גרויסען איינדרוק, דען ער איז צוליעב די מהומות פון מלחמה געווען געצוואונגען צו פערלאזען די שטאדט קלעת אבן חמאד אין אפריקא, כמעט בארפיס און נאקעט (1088), וויל מען האט אויף איהם געמאכט א בלבול, ווי עס שיינט, אין א פאליטישען פערברעכען. אין שפאניען האבען די אידישע קהלות באלד אנערקענט רבינו יצחק אלפסי פאר א רב הכולל און פון אלע זייטען האט מען זיך אנגעהויבען ווענדען צו איהם מיט אלערליי שאלות. באלד אבער זענען ארויסגעטראטען געגען איהם שריפטליך און מונדליך צוויי ארטיגע גרויסע רבנים פון די איגע'עדענטע אין דרום-שפאניען: רבי יצחק אבן אלבאליה און רבי יצחק אבן גיאת. עס איז שווער צו ווי-סען, וואס איז געווען די סיבה, וואס האט זיי דערצו דערוועקט: צי איז עס געווען צוליעב קנאה, דען עס האט זיי פערדראסען, וואס מען האט דעם פרעמדען רב אבגעגעבען אזא גרויסען כבוד און פערגעסען אן זיי, אן די היימישע, אדער אפשר איז די סיבה געווען א טיפערע, און זיי האבען

באמת נישט געקאָנט מוחל זיין איהם. פֿאַרוואָס ער האָט אין זיין בעוואוס־טען חבור געגעבען א „פֿערקירצונג פֿון תלמוד", ערקלערענדיג שאַרף: „דאָס איז ריכטיג און דאָס נישט"? ווי דאָרט איז נישט געוועזען — געניג איז, אַז זייערע אַנפֿאַלען זענען געוועזען זעהר שאַרפֿע, אָבער רבי יצחק אלפסי האָט אויף זיי געענטפֿערט מיט שאַרפֿע רייד, און די פֿאַ־לעמיק האָט זיך געצויגען ביז'ן טויט פֿון אלפסי'ס געגנער. צוערשט איז געשטאָרבען רבי יצחק אבן גיאת אין קאָרדאָווא (1089). שפּע־טער איז געשטאָרבען רבי יצחק אבן אַלבאַליה, וועלכער איז געוועזען אויך אסטראָנאָם אינ'ם קעניגליכען הויף פֿון אַלמוטאַמעד און נשיא פֿון דער אי־דישער קהלה אין סעווילאַ. פֿאַר זיין טויט האָט רבי יצחק אבן אַלבאַליה ארויסגעוויזען אַזאַ גרויסמוטיגקייט, וועלכע מען קאָן טרעפֿען נאָר ביי די הויכע נאַטורען. זיין זיבצעהניעהריגער זוהן ברוך האָט געוויינט נעבען זיין קראַנקען־בעט איבער דער עלענדקייט, אין וועלכער ער וועט נאָך איהם בלייבען. רבי יצחק האָט איהם אָבער געטרייסט און בעפֿוילען, אַז ער זאָל באַלד נאָך זיין טויט געהן צו זיין געגנער רבינו יצחק אלפסי אין לוסענאַ און איבערגעבען איהם, אַז, שטעהענדיג שוין מיט איין פֿוס אין קבר, האָט ער מוחל געוועזען אלפסי'ן אַלץ, וואָס ער האָט וועגען איהם געשריבען אָדער גערעדט, און בעט איהם אויך מחילה פֿאַר אַלץ, וואָס ער, אַלבאַליה, האָט געגען איהם געטהון. ער ערוואַרטעט, אַז ער וועט איהם אַלץ מוחל זיין, און האָפֿט, דאָס ער וועט זיין אַ געטרייער פֿאָטער פֿאַר דעם זוהן פֿון זיין געגנער. ווען רבי יצחק אַלבאַליה איז געשטאָרבען (1094), האָט זיין זוהן באַלד ערפֿילט זיין צואה. און רבי יצחק אלפסי האָט מיט טרעהרען אין די אויגען ארומגענומען דעם זוהן פֿון זיין געגנער און געטרייסט איהם, ערקלערענדיג: „פֿון איצט אָן וועל איך זיין דיין פֿאָ־טער!" זיין הבטחה האָט אלפסי הייליג ערפֿילט און רבי ברוך בן רבי יצחק אַלבאַליה איז געוואָרען צוזאַמען מיט רבי יוסף הלוי אבן מיגאַש דער בעסטער תלמיד פֿון רבי יצחק אלפסי. אַזוי האָט גים דער אידישער שונא געהאַט צוטרוי צו זיין געגנער, און דער געגנער האָט עם אַזוי ארויסגעוויזען זיין „שנאה".

דאָס אידישע שפּאַניען, וועלכעס האָט אין זיך קאָנצענטרירט אַלע ריכטונגען פֿון יודענטום און דערהויבען זיי צו אַ גרויסער מדרגה, האָט אין דער איצטיגער צייט אויך געזעהען ביי זיך אַ קאַראַאימישע בעוועגונג. קאַראַאימען זענען בלי ספק אויך פֿריהער געוועזען אין שפּאַניען, אָבער אין געזעלשאַפֿטליכען לעבען האָבען זיי קיין אָרט נישט פֿערנומען, און מען האָט וועגען זיי נישט געהערט. געגען סוף פֿון עלפֿטען יאָהרהונדערט אָבער האָט אַ געוויסער אבן אַלטאַראַס ארייננעבראַכט בעוועגונג און לעבען אין דער פֿערשטאָרבענער מאַסע פֿון די קאַראַאימען. ער האָט געבראַכט די קאַראַאימישע תורה מיט אַ פֿילאָזאָפֿישער בעאַרבייטונג קיין קאַסטיליען. און האָט זיך בעמיהט צו געפֿינען פֿאַר איהר אָנהענגער צווישען די

תלמודישע אידען. נאך זיין טויט האט זיין פרוי וויטער געפיהרט זיין טעטיגקייט, דען זי איז געוועזען א גרויסע מלומדת און די קאראימען האבען איהר געהאלטען פאר אנ'אויטאריטעט און גערופען איהר אל־מעלימה צווישען די קאראימען איז די עם הארצות שוין דאמאלס געוועזען זעהר גרויס און דעריבער האט די פרוי געקאנט גילטען פאר זיי פאר א למדנ'ית; די רבנישע אידען זענען אבער געוועזען צו־שטארק אויפגעקלערט אין רעליגיעזע ענינים, אז זיי זאלען זיך לאזען בעאיינפלוסען פון א קאראימישער פרוי. איינער פון די חשוב'ע אידען אינ'ם קעניגליכען הויף פון אלפאנזא דעם זעקסטען, ר' יוסף אבן אלפרג אלכברי, האט בעקומען ביים קעניג אנ'ערלויבניש, צו רודפ'ן די קאראימען און האט זיי ארויסגעטריבען פון די מייסטע שטעדט פון דער קאסטילישער מלוכה, איבערלאזענדיג פאר זיי נאר איין קליין שטעדטעל, וואו זיי האבען זיך געקאנט אויפהאלטען. אלכברי וואלט זיי פערפאלגט נאך מעהר, ווען איהם וואלט נישט אבגעהאלטען דער דין, אז מען טאר נישט משפט'ן קיין דיני נפשות, נאכדעם ווי דער בית המקדש איז חרוב געווארען. עס איז אבער א גרויסער ספק, אויב די שפאנישע רבנים האבען בכלל מסכים געוועזען צו די רדיפות, וועלכע ער האט געגען די קראים אונטערגענומען.

אין דער צייט, וואס אין שפאניען האט דאס יודענטום ארויסגעגעבען זעהר פיעל הויכע פערזענליכקייטען, זענען פראנקרייך און דייטשלאנד געוועזען זעהר ארים אין בעדייטענדע שעפערישע אידישע קרעפטען. די אידישע לאגע איז דארט אפילו גאר נישט געוועזען קיין שלעכטע; די אידען זענען אין די דאזיגע לענדער נאך אלץ געוועזען גוטבעזיצער, זיי האבען בעארבייט וויינגערטנער, זענען געוועזען בעלי־מלאכות אדער סוחרים און זענען דערין נישט געווען בעגרענצט, נאר א ספעציעלען אידישען אבצאהל האבען זיי געמוזט געבען. אויב עס פלעגען אמאל פארקומען רדיפות, זענען דאס געוועזען בלויז צופאלען, בכלל אבער איז די שטימונג נישט געווען קיין אידענפיינדליכע. וועהרענד פריהער פלעגען די העכערע גלחים אליין אנרייצען דעם המון געגען די אידען, פלעגען זיי אין דער איצטיגער צייט אליין שטיצען זיי פאר'ן המון. דער פויפסט אלעקסאנדער דער צווייטער האט די גלחים דערפאר געלויבט, אנווייזענדיג, אז דער פויפסט גרעגאר דער ערשטער האט זיך געהאט ארויסגעזאגט, דאס מען ברויכט די אידען נישט רודפ'ן: „די סאראצענען צו טויטען איז מצוה, וויל זיי רודפ'ן די קריסטען, אבער די אידען פערהאלטען זיך רוהיג און דעריבער דארף מען זיי קיין שלעכטס נישט טהון" — האט גרעגאר I ערקלערט.— די סבה, וואס די דארטיגע אידען זענען געשטאנען אין יעדער הינזיכט נידריגער פאר די שפאנישע אידען, איז אלזא געוועזען נישט קיין אויסערליכע, נור א אינערליכע: עס האט די דארטיגע אידען פשוט געפעהלט דער העכערער גייסט, וועלכער האט בעלעבט די שפאנישע אי-

דען. נידריגער פאַר דער קריסטליכער בעפעלקערונג זענען אפילו די אידען דאָרט נישט געשטאַנען, אָבער אויך נישט פיעל העכער. זייער הויפּט־בעשעפטיגונג אויף ביידע ברעגען פון טייך רהיין איז געווען דער תלמוד, וועלכען רבינו גרשום האָט דאָרט פערפלאַנצט. „זיי שלאָפען נישט דורך נעכט, כדי עוסק צו זיין אין לערנען גמרא" — האָט וועגען זיי בעמערקט א דאַמאָלדיגער שריפטשטעלער. אָבער זאָס לערנען גמרא איז ביי זיי פאָרגעקומען לויט דער אַלטער מעטאָדע אָהן אַ קריטישען פערשטאַנד.

אין דייטשלאַנד איז לאָטרינגען געווען דאָס קלאַסישע לאַנד, וואו מען האָט זיך בעזונדערס שטאַרק אָבגעגעבען מיט'ן לערנען גמרא, און די „חכמי לותיר" האָבען געגאָלטען דאַן אַלס די מאַסגעבענדע אויטאָריטעטען. דערונטער האָט מען פערשטאַנען די ישיבות פון מאַינץ און וואָרמס. אין וואָרמס האָט מען אין דעם יאָהרהונדערט אויסגעבויט א שוהל (1034) אין ביזאַנטישען סטיל — מיט סלופּעס און קיילעכדיג גע־וועלבטע דעכער (Kapellen) דער דאָזיגער בנין איז אין יענער צייט געווען זעהר בעריהמט; דאָס איז געווען אַ קליינער בית־מקדש, וועגען וועלכען מען האָט שפּעטער דערצעהלט פיעל לעגענדעס. אויפגעבויט האָבען די שוהל אויף זייער רעכנונג א פּאָר־פאָלק יעקב בן דוד און זיין פרוי רחל, וועלכע האָבען נישט געהאַט קיין קינדער. די קהלה האָט זייער נאָמען פעראייביגט דאַדורך, וואָס זי האָט זייערע נעמען געלאָזט אויסקריצען אויף אַ טאָוועל, וואָס מען האָט אויסגעהאַנגען אויפ'ן וואַנד אין דער שוהל און יעדעס יאָהר פלעגט מען אין זייער יאָהר־צייט זיי מזכיר נשמות זיין.

פון די „חכמי לותיר" אין יענער צייט זענען בעוואוסט: רבי יצחק הלוי פון וואָרמס, וועלכער איז געווען דער פאָטער פון דריי גרויסע תלמידי חכמים; נאָך איהם איז געווען רבי יעקב בן יקר פון מאַינץ, וועלכער איז געווען אַ רבי פון רש"י, און רבי יצחק בן יהודה, וועלכער איז געווען פריהער רב אין וואָרמס, דערנאָך אין מאַינץ. זיי אַלע זענען געווען תלמידים פון רבינו גרשום מאור הגולה און האָבען זיך בעשעפטיגט מיט'ן ערקלערען דעם תלמוד שריפטליך אין זייערע פירושים און מונדליך — פאַר זייערע תלמידים אין די ישיבות. זיי פלעגען שרייבען „תשובות" אויף פערשיעדענע שאלות און ערקלערען אין זייערע „דרשות" דעם תנ"ך אויפ'ן שטייגער פון די אגדתות.

פעראייניצעלט איז געשטאַנען דאַמאָלס איין תנ"ך־פאָרשער, וועלכער פלעגט ערקלערען דעם תנ"ך נישט דורך פשט'לעך, נאָר לויט'ן אייגענטליכען זין פון די ווערטער; דאָס איז געווען רבי מנחם בן חלבו פון לע מאַנס. אָבער אין פראַנקרייך האָט מען דאַמאָלס אַזוי וועניג געהאַלטען פון אַזעלכע „פּראָסטע" פירושים, אַז מען האָט אָן איהם באַלד פערגעסען.

רבנו שלמה יצחקי — רש״י.

דער ערשטער גרויסער מאן, וועלכער איז געבוירען געוואָרען אין פראנקרייך און גרוים געוואָרען אין דייטשלאנד, איז געווען רבינו שלמה יצחקי — וועלכער איז בעוואוסט מיט דעם ראשי-תיבות-נאָמען רש״י (געבוירען ארום 1030 געשט. 1105). ער איז געבוירען ביי זיין פאָטער רבי יצחק אין טרויש (Troyes), וואָס אין דער פראָווינץ שאמפאני, אין דער צייט, ווען מען האָט דער'הרג'עט דעם לעצטען גאון אין פומבדיתא, און די שפּעטערדיגע פרומע אידען האָבען ערקלערט, אז דאדורך האָט גאָט השגחה דערוויזען, אז דורך דער נייער מעטאָדע צו לערנען דעם תלמוד, וואָס רש״י וועט איינפיהרען זענען די בבלישע ישיבות געוואָרען איבריג. — רשי״ם מוטער איז געווען די שוועסטער פון רבי שמעון בן יצחק הגדול, וועלכער איז בעוואוסט געווען מיט זיינע מעשים טובים פאר דער מאינצער קהלה, ווי אויך מיט זיינע פיעל פיוטים, וואָס ער האָט געשריבען; רש״ים פאָטער, רבי יצחק, איז געווען א גרויסער למדן. אזוי אָרום איז דער יונגער רבי שלמה נאָך פון קינדהייט אָן ערצויגען געוואָרען אויפ'ן תלמוד, און זיין גאנץ לעבען איז געווען מיט איהם איינגעזאפּט. כדי אבער זיך צו פערפאָלקאָמנען אין תלמוד, האָט ער געלערנט אין די ישיבות פון מאינץ און וואָרמס. ווי עס שיינט, האָבען די עלטערן איהם חתונה געמאכט, ווען ער איז אלט געוואָרען אכצעהן יאָהר, אָבער, ווי פאַרצייטען רבי עקיבא, האָט ער באלד פערלאָזען די פרוי און די עלטערן, כדי צו געהן אין דער פרעמד תורה לערנען. ווי רש״י דערצעהלט אליין, האָט ער די גאנצע צייט פון זיין לערנען אין די ישיבות געליטען נויט און דחקות: „עס האָט מיר געפעהלט אויף חיונה און הלבשה און איך האָב שוין געהאט דעם יאָך פון א ווייב אויף זיך, ווען איך בין פאר מיינע רביים געזעסען און תורה געלערנט״—דערצעהלט רש״י. טיילמאל פלעגט ער קומען אהיים צו זיין פרוי, ווי עס שיינט, יעדען יום-טוב; באלד אָבער פלעגט ער זיך צוריק אומקעהרען אין דער ישיבה אריין צו די „חכמי לותיר״ — ד. ה. אין מאינץ אָדער וואָרמס. אין אַן'עלטער פון פינף און צוואנציג יאָהר איז ער ענדליך צוריק אהיים געקומען, קיין טרויש, און זיך דאָרט בעזעצט. באלד איז ער בעוואוסט געוואָרען צווישען די גרעסטע תלמידי חכמים. ער איז אָבער געווען אזא עניו, אז ער האָט אפילו נישט געחלומ'ט, צו ווערען אמאל דער הויפּט-מייסטער פון תלמוד, דער רבי פון אלע אידען אויף דער גאנצער וועלט; ער האָט אפילו אויך נישט געוואוסט, דאס מען האָט איהם שוין דאמאלס אנערקענט פאר'ן ערשטען קענער אין דער גמרא.

ווי עס שיינט, האָט די קהלה פון טרויש איהם אויפגענומען

איהם אויסגעקליבען פאר א רבי. אבער קיין הכנסה האט ער דערפון לגמרי נישט געהאט. און דער צייט פון'ם פויפסט גרעגאר דעם זי־בעטען, וועגען וועלכער א רוהיגער קירכליכער שריפטשטעלער האט גע־שריבען: א מענש, וואס האט נישט קיין פיעל געלד און איז מאראליש נישט פערדארבען, קאן נישט ווערען קיין הויכער גלח, בישאף אדער אבט, דען צווישען די גלחים לויבט מען אממעהרסטען יענעם, וועלכער האט טייערע קליידער, האלט א רייכען, פעטען טיש און האט די שענסטע קעבס־ווייבער — און אזא צייט און אויך נאך לאנג שפעטער האט מען ביי אידען געהאלטען פאר א חרפה און א פערברעכען, ווען א רב האט געוואלט נעהמען געהאלט פאר זיין שטעלע. די רבנות איז אין אלע דאמאלדיגע לענדער געווען אן ערען־שטעלע, וועלכע מען פלעגט אבגעבען דעם בעסטען און שענסטען מענשען. דער רב האט געמוזט זיין נישט בלויז א גרעסערער למדן פאר אלע מיטגלידער פון דער קהלה, ער האט אויך געמוזט זיין מאראליש שענער פאר אלעמען, כדי צו קאנען דינען פאר א ביישפיעל. די ערשטע מדות, וועלכע א רב האט געהאט, איז געווען זיין אבגעזונדערטקייט פון אלערליי תאוות, זיין בענוגען זיך מיט וועניג און זיין פאלקאמע גלייכגילטיגקייט צו געלד. און דער הויפט איז רש״י געווען אן אמת'ער מוסטער־רב, און די שפעטערדיגע דורות האבען איהם זיך געשטעלט פאר א ביישפיעל. דאס איז געווען א מענש אהן דעם מינ־דעסטען פלעק אויף דער נשמה. די אידען פון זיין צייט האבען איהם גע־האלטען פאר די העכסטע אויטאריטעט, און פון אלע עקען דייטשלאנד און פראנקרייך פלעגט מען זיך ווענדען צו איהם מיט שאלות. זיינע „תשובות" האבען זיך אויסגעצייכענט מיט דער טיעפער לומדות, ווי מיט ליבענסווירדיגקייט און מילדקייט.

נאכ'ן טויט פון די ראשי ישיבות אין לאטריינגען, אדער פון די „חכמי לותיר", האבען די תלמידים פון גאנץ דייטשלאנד און פראנקרייך אנגעהויבען געהן לערנען ביי רש״י אין דער ישיבה, וואו זיי פלעגען הערען זיינע שעורים (לעקציעס) אין תלמוד און תנ״ך. אינ'ם תלמוד איז ער אזוי בעהבנ'ט און קלאר געווען, אז קיין שטעלע איז פאר איהם נישט געווען טונקעל, און מיט זיינע פאפולערע ערקלערונגען איז ער איבערגעשטיגען אלע פריהערדיגע תלמידי חכמים. מיט רעכט האט מען דעריבער געזאגט, אז ווען נישט רש״י, וואלט דער בבלי'שער תלמוד געבליבען אויך אזוי פערנאכלעסיגט, ווי דער ירושלמי'שער. זיינע ערקלערונגען צום גרעסטען טייל פון תלמוד, וועלכע ער פלעגט שרייבען אונטער'ן נאמען „קאמענטאר־יען" (פירושים — Konteros אדער קונטרוס) זענען א מוסטער פון איינ־פאכקייט, קורצקייט און דייטליכקייט. שרייבענדיג אין א לייכטער תלמוד'י־שער שפראך, האט ער קיין איינציג איבריג ווארט נישט ארויסגע־זאגט, אבער קיין איינציג נישט פערפעהלט. די ערקלערונגען פון די ווער־טער און פון די ענינים זענען צוגעפאסט סיי פאר'ן טיעפען למדן, סיי

פאר'ן אנפאנגער. רש"י האט בעזעסען די קונסט צו פערשטעהן, ווי אזוי צו רעדען מיט א תלמיד, צו מאכען פאר איהם קלאר און פערשטענדיג דעם טעקסט און מיט איין געשיקט צוגעלעגט ווארט אדער אויסדרוק צו מאכען א סוף צו פיעל מעגליכע פראגען און שוועריגקייטען. אלס שרייבער פון קאמענטאריען איז רש"י געווען אנ'אמת'ער קינסטלער. ער האט טאקי אויך באלד געמאכט פערגעסען אן די פירושים פון רבנו גרשום און פון די „חכמי לותיר“.

רש"י האט אויך אנגעשריבען פירושים צו די מייסטע ספרים פון תנ"ך, אבער דא איז ער שוין געווען ווייניגער זעלבסטשטענדיג, ווי אין זיינע פירושים צום תלמוד. זיין ריכטיגער חוש און זיין ליעבע צום אמת האבען איהם אפילו שטענדיג געפיהרט צום ריינעם זין פון ווארט און צום פאסענדען צוזאמענהאנג, אבער דערביי פלעגט ער אויך אפט געברויכען די דרשים פון תלמוד און אגדתות. אויף דער עלטער האט ער דערויף חרטה געהאט און געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ער וואלט פיעל בעסער געטהון, ווען ער וואלט זיך תמיד געהאלטען ביים ריינעם פשט פון די ווערטער, און פאר זיין אייניקעל און תלמיד רבי שמואל בן מאיר (רשב"ם) האט רש"י אויף דער עלטער ערקלערט, אז ווען ער וואלט צייט געהאט, וואלט ער זיין פירוש צום תנ"ך איבערגעמאכט און ערקלערט איבעראל נור לויט'ן ריינעם פשט פון די ווערטער. אבער ווי רש"י איז נוטה געווען צו די דרשות און אגדתות, איז ער דאך פונדעסטוועגען געשטאנען פיעל העכער פאר די קריסטליכע ערקלערער פון תנ"ך פון זיין צייט, וועלכע האבען גאנץ ערנסט געגלויבט, אז יעדעס ווארט פון תנ"ך דארף ערקלערט ווערען אויף פיער אופנים: פשט, רמז, דרוש און סוד. דער פשט פון ווארט גיט איבער בלויז דעם פאקט. דער רמז (די אלעגאריע) לערנט צו גלויבען, און גלויבען האט מען געדארפט, לויט ווי די קריסטען האבען פערשטאנען, אין דער ריכטיגקייט פון ישו, און דער לעהרע, אז ער האט יסורים געליטען, כדי אויסצוקויפען דעם מענשענס זינד א. א. וו. דער דרוש, אדער דער מאראלישער זין פון פסוק, דארף דיענען אויף צו רעגולירען די מעשים פון'ם מענשען, און, ענדליך, דער סוד, אדער די מיסטיק, האט זיך בעדארפט בעציהען אויף דער ארדנונג אין עולם הבא, אין דער וועלט פון די מלאכים און נשמות. רש"י דאגעגען וויל נישט וויסען פון קיין שום מיסטיק, ער ערקלערט פשט און בעפרייעט זיך אפט אפילו אויך פון דרש, דארט וואו ער שפירט די ריכטיגקייט פון דער איינפאכער ערקלערונג. צוליעב דער גרויסער בעדייטונג פון זיינע פירושים האבען די פארצייטיגע תלמידי חכמים איהם געגעבען דעם ווינציגען נאמען „פרשנדתא“, וואס הייסט: „ערקלערער פון געזעץ“. רש"ים ריכטיגע ערקלערונגען אין תנ"ך זענען בעזונדערס איבערראשענד צוליעב דעם, וואס ער האט נאך נישט געזעהן די פירושים פון די גרויסע פארשער פון העברעאיש רבי יהודה אבן חיוג און רבי יונה

אבן גנאח, וויל זייערע ספרים זענען געווען געשריבען אין אראַביש — אַ שפּראַך, וועלכע איז געווען פרעמד פאַר רש"י'ן; ער האָט זיך שטענדיג געהאַלטען ביי די גראַמאַטישע ערקלערונגען פון די חכמים מנחם בן סרוק און דונש בן לברט און דעריבער זענען זיינע גראַמאַטישע פּירושים טונקעל און אונבעהאָלפען. אָבער נישט אַכטענדיג אויף אַלעם דעם, איז רש"ים פּירוש אויפ'ן תנ"ך אויך אַזוי פאָלקסטימליך געוואָרען, ווי זיין פּירוש אויפ'ן תלמוד און עס איז געווען צייטען, ווען מען האָט לגמרי נישט געקאָנט געפינען קיין געדרוקטען תנ"ך אָהן רש"ים פּירוש. יעדעם וואָרט פון רש"י איז שפּעטער אויסגעטייטשט געוואָרען, ערקלערט און בעלייכטעט זעהר גענוי.

אויך פיעל פּיוטים האָט רש"י געשריבען, אָבער דער פּאָעטישער גייסט פעהלט מייסטענס אין זיי, חאָטש אייניגע רעדען טיעף צום הארצען. די אשכנזי'שע אידען האָט בכלל געפעהלט דאָס געפיהל פאַר שענהייט, זייער קראַפט איז געווען מעהר אין דער טיעפקייט, ווי אין דער פּלאַסטיק.

די שולע, וועלכע רבינו גרשום האָט געגרינדעט אין מאַינץ, האָט רבינו שלמה יצחקי, רש"י, דערהויבען צו אַ הויכער מדרגה. זיין גייסט איז איבערגעגאַנגען אויף זיינע איידעמס און אייניקלעך מיט זייערע קינדער, וועלכע זענען געווען זיינע בעסטע תלמידים. רש"י האָט, נעמליך, נישט געהאַט קיין זיהן, נור דריי טעכטער, און איינע פון זיי איז געווען אַזאַ למדנית אין תלמוד, אַז ווען רש"י איז קראַנק געוואָרען, פלעגט זי איהם פאָרלעזען די שאלות, וואָס מען האָט צו איהם געשיקט, און שרייבען די תשובות, וועלכע ער פלעגט איהר דיקטירען. אַלע זיינע דריי טעכטער האָט ער אויסגעגעבען פאַר תלמידי חכמים. און זיי האָבען געבוירען איהם אייניקלעך גרויסע לומדים, וועלכע זענען געוואָרען די הויפּט-לעהרער פון תלמוד. איין איידעם רש"ים איז געווען רבי מאיר פון רומרוג (נעבען טרויש), פון וועלכען עס זענען אַרויסגעקומען דריי גרויסע זיהן; דער צווייטער איז געווען: רבי יהודה ברבי נתן (ריב"ן) און דער נאָמען פונ'ם דריטען איז אונבעוואוסט. דורך רש"י מיט זיינע אייניקלעך איז צפון-פראַנקרייך, אָדער שאַמפּאַני, געוואָרען די היים פון תלמוד, ווי פריהער בבל, און אין אַלע אייראָפּעאישע אידישע קהלות זענען די „חכמי צרפת", ד. ה. רש"ים תלמידים אָנערקענט געוואָרען פאַר די ערשטע אויטאָריטעטען אין תלמוד. אפילו אין שפּאַניען האָט מען אָנגעהויבען זוכען רבנים און ראשי ישיבות צווישען רש"ים תלמידים און מען פלעגט זיי אַבשיטען מיט געלד, נור זיי זאָלען קומען לערנען מיט תלמידים. די פּריוויליגירטע שטעלע, וואָס שפּאַניען האָט איבערגענומען ביי אידען פון בבל, האָט זי פון רש"ים צייט אָן געמוזט טיילען מיט פראַנקרייך. וועהרענד שפּאַניען איז געווען דאָס קלאַסישע לאַנד פאַר דער העברעאישער פּאָעזיע, גראַמאַטיק, תנ"ך ערקלערונג און פילאָזאָפיע, האָט זי געמוזט אַבטרעטען דעם אָרט אין תלמוד צו צפון-פראַנקרייך.

די אידען אין איטאליען האבען דאגעגען אין ביידע צווייגען נישט בעוויזען פיעל אויפצוטהון. זייערע תלמוד־לעהרער האבען די איטאליענישע אידען געמוזט ברענגען פון אויסלאנד. דער איינציגער בערימהמטער איטאליענישער תלמיד חכם פון יענער צייט איז געווען רב נתן בן יחיאל איש רומי (פון רוים), וועלכער האט צוזאמענגעשטעלט א תלמודישען לעקסיקאן, וועלכען ער האט א נאמען געגעבען דער „ערוך". ארום (1101—1102) (*) דער דאזיגער לעקסיקאן איז פיעל פאלשטענדיגער איידער די פריהערדיגע ספרים פון דעם מין. קיין נייעס האט אבער רב נתן נישט אויפגעטהון, ער האט נור געזאמעלט די פירושים אויף די ווערטער פון תלמוד אין די פריהערדיגען ספרים, מייסטענס אין די ספרים פון רבינו חננאל בר חושיאל פון קאירואן.

בײסלעכווייז טרעטען ארויס די אידען פון מזרח־אייראפא און פערנעהמען אן ארט אין דער אידישער געשיכטע. אין צעהנטען יאהרהונדערט זענען שוין געוועזען אידישע ישובים אין בעהמען (טשעכיען), מעהרען און פוילען. די פראגער קהלה האלט זיך אפילו פאר דער עלטסטער אין אייראפא און איהר אלטקייט דערוייזט זי דורך א מצבה, וועלכע שטאמט גאר נאך פון הונדערט יאהר פאר'ן קריסטענטום, אבער קיין ריכטיגען בעווייז קאן מען דאס נישט אנרופען. זיכער איז נור, אז אין צעהנטען יאהרהונדערט זענען אין בעהמען געוועזען אידען און האבען דארט געהאט קריסטליכע שקלאווען, און דער אפאסטעל פון די פרייסען, אדאלבערט וואיטעך, האט דאדורך געהאט שווערע חלומות, דען ער האט זיך נישט געקענט בערוהיגען, פאר וואס די מאמינים דארפען זיין קנעכט ביי די אידען (פאר'ן יאהר 990). די אידען פון דער פארשטאדט פון פראג, אין וויסעגראד, האבען גע'שמ'ט מיט זייער גרויסער עשירות, און א געוויסע מעהרישע פירשטין האט געשריבען צו איהר שוואגער, דעם בעהמישען קעניג, וועלכער איז געווען א גרויסער ליעבהאבער פון געלד: „אויב דו ווילסט אויף אונז מלחמה, ווייל דו ווילסט ערפילען דיין תאוה צו געלד, טא קענסטו דאס געפינען אין דיין אייגענער מדינה: אין פראגער פארשטאדט, אין דארף וויסעגראד, זענען פארהאן אידען, וועלכע זענען אנגעשטאפט מיט געלד; נעהם ביי זיי וויפיעל דיין הארץ געלוסט". — אין מעהרען זענען אין עלפטען יאהרהונדערט אויך געווען אידען, און איינער פון זיי, פאדיבא, האט זיך געלאזט אויסבויען א בעפעסטיגטען פאלאץ (Burg), וועלכען ער האט אנגערופען, לויט זיין נאמען (דער פאלאץ איז געשטאנען נעבען לונדענבורג, אויף דער גרעניץ פון מעהרען און עסטרייך). אין דער ניי־געגרינדעטער מלוכה פון פוילען, בעזונדערס אין דער דאמאלסדיגער הויפטשטאדט גנעזען, האבען די

*) אין אריגינאל (1001 — 1002) אין בלי ספק א דרוק־פעהלער, ווייל רבי נתן איז געבוירען אין רוים אין יאהר 1035 און געשטארבען אין 1106. דעם „ערוך" האט ער פערענדיגט ט"ו בכסלו ד"א תתס"ה, ד. ה. 1105, א יאהר פאר זיין טויט (דער איבערזעצער)

אידען אויך געהאַלטען קריסטליכע שקלאַווען, און דאָס איז זיי נישט געוועזן פערבאָטען, כאָטש די הערשער פונ'ם לאַנד זיינען שוין געוועזן קריסטען.

די אידען פון מזרח-איירופּא האָבען נאָך דאַמאָלס נישט אַנטיילגענומען אין דער קולטור פון זייערע ברידער אין מערב-איירופּא. אויך פונ'ם תלמוד האָבען זיי נאָך גאָר נישט געוואוסט, נור ערשט אַ יאָהר-הונדערט שפּעטער ווערען דערמאָהנט די נעמען פון געצעהלטע תלמידי-חכמים פון בעהמען, פּוילען און רוסלאַנד. עס איז נאָך ביז איצט שווער צו זאָגען בעשטימט, פון וואַנען עס זענען געקומען די אידען אין מזרח-איירופּא: צי זיי זענען געקומען פון דרום-רוסלאַנד קיין פּוילען און בעהמען, אָדער פון די מערב-איירופּעאישע לענדער קיין רוסלאַנד. עס איז אויך שווער צו וויסען, אויב די ערשטע אידען אין מזרח-איירופּא זענען געוועזן קאַראימען, אָדער תלמוד-אידען.

פערלאג „יהודיה"

אידישע פאלקס-געשיכטע

פון

פראפעסאר צבי גרעטץ.

איבערזעצט דורך י. שפירא.

אכטער באנד.

װארשא תרפ"ב

Druk. „Renoma", Warszawa, Karmelicka 17.

די אידיש־שפאנישע עפאכע.

דריטעס קאפיטעל.

דער ערשטער קרייצצוג.

(פון 1096 ביז 1148)

בײגען סוף פון עלפטען יאהרהונדערט האט זיך אנגעהויבען דער ערשטער אנלויף צו א מלחמה צווישען דעם קריסטענטום און דעם איסלאם אויף אן אנדער פעלד, ווי אין שפאניען — אן אנלויף, וועלכער האט געפיהרט די וועלט־געשיכטע אין נײע דרכים און אין דער אידישער געשיכטע האט ער פערשריבען א נײ גרויס בלאט מיט בלוט און טרעהרען. די איבערגעגענדע יללות פון פעטער פון אמיען: יאגען די רדיפות, וואס גם לײדען די קריסטען קומענדיג קײן ירושלים, האבען אויף דער קירכע־פערזאמלונג אין קלערמאן (Clermont) וואס אין פראנקרייך דערוועקט א גרויסען המון צו געהן אננעהמען זיך פאר די קריסטען, אדער צו לאזען זיך אויף א קרײצצוג, ווי מען האט עס גערופען דאמאלט. אנטײל צו נעהמען אין קרײצצוג האבען זיך בעשלאסען פיעל פרומע לײט און ראמאנטישע ריטער, אבער אויך פיעל אוואנטוריסטען, וועלכע האבען געהאפט צו ווערען רײך און בערימט דורך רויבערײען, רציחות און גבורות. אויך די פאליטיק האט זיך פאר'ן ענין גענומען, כדי דורכצופיהרען איהרע קלײנליכע ענינים. עס האט זיך אנגעהויבען א צײט פון מערטירער, אבער די גרעסטע מערטירערײ האבען איבערגעלעבט די דײטשע אידען, וועלכע האבען געהאט די געלעגענהײט אין א גרויסען מאסשטאב צו בעפעסטיגען זייער בונד מיט גאט דורך זייער פערגאסענעם בלוט.

פאר'ן קרײצצוג האבען די אידען געלעבט אין דײטשלאנד אין שלום און שלוה; זײ האבען געהאט אײגענע גיטער און קײנער האט זיך נישט דערוואגען זײ צו פעראכטען. ווען דער בישאף רידיגער הוצמאן פון שפײער (אשפירה) האט געוואלט פעראײניגען די פארשטאדט אלט־שפײער מיט דער שטאדט (1034) האט ער קײן אנדער מיטעל נישט געפונען, ווי אזוי צו דערהײבען די שטאדט, סײדען ווי צו געבען דארט די אידען פלעצער צו וואוינען און גרויסע פריווילעגיעס. אויסער דער פרײהײט פון מסחר, האבען די אידען אין שפײער אויך געהאט גיטער, געבײדעס,

גאָרטענס און ווייַנבערגען. דער בישאָף רידינגער האָט אויך ערלויבט די אידען צו האָבען איינענע געריכטס־הייזער און דער גבאי פון שוהל (Archisy-nagogus) אָדער דער רב האָט מען אויך געגעבען דאָס רעכט צו משפּט'ן פּראָצעסען, ווי דער קריסטליכער בירגערמייסטער. זיי האָבען געמעגט האַלטען שקלאַווען און דינסטען קריסטליכע אַמען און קנעכט, נישט אַכטענדיג אויף'ן קירכען־געזעץ, וואָס איז אויך נישט אויף'ן בעפעהל פון גרעגאָר דעם זיבעטען.

כדי אָבער צו בעשיצען זייער פאַר'ן ווילדען המון, האָט רידינגער זיי אָבגעגעבען צו וואוינען אַן איינענעם שטאָדט טייל, וועלכען זיי האָבען געקאָנט בעפעסטיגען און אַליין בעשיצען. די דאָזיגע פּריווילעגיען זיינען נעגעבען געוואָרען די אידען אויף אייביג און בעשטעטיגט געוואָרען דורך אַ דאָקומענט (1084); דערפאַר האָבען די אידען געדאַרפט געבען אַ יעהרליכען אָבצאָהל דריי און אַ האַלב פונט גאָלד; דערביי האָט רידינגער צוגעגעבען, אַז ער גיט די אידען אַזעלכע פּרייהייטען, ווי זיי האָבען געוועהנליך אין יעדער דייטשער שטאָדט. דער קייזער היינריך דער פיערטער האָט די דאָזיגע פּריווילעגיעם בעשטעטיגט און נאָך צוגעגעבען צו זיי פיעל אַנדערע. דער דאָזיגער קייזער, וועלכער איז געווען אַ גערעכטער מענש, נישט אַכטענדיג אויף זיין לייכטזיניגקייט און אונבעשטענדיגקייט, האָט אויסגעשטעלט די אידען אַ דיפּלאָם (6־טער פעברואַר 1095), וועלכער איז געווען העכסט גינסטיג פאַר די אידען: קיינער האָט אונטער אַ שטרענגער שטראָף, נישט געטאָרט צווינגען צום שמד נישט די אידען, נישט זייערע שקלאַווען און דער איד, וואָס שמד'ט זיך אָב, פערליערט דאַדורך זיין רעכט צו ירש'ענען זיינע אידישע עלטערן, אָדער קרובים; אין משפּטים צווישען אידען און קריסטען האָט מען אַ אידען געדאַרפט געבען אַ שבועה לויט'ן אידישען דין, צו אָרדאַליען *) אָדער פייער און וואַסער־פּראָבען האָבען די אידען נישט געדאַרפט געצוואונגען ווערען. — און סך הכל אַ קורצע צייט נאָכדעם האָבען די געהייליגטע קריסטליכע קריעגער די אידען דאָרט אויסגעהרג'עט אויף אַ גרויזאַמען און שוידערהאַפטען אופן. די דייטשע און צפון־פראַנצויזישע אידען זענען דאַמאָלס געווען גראַד פול מיט האָפנונג און געהאַלטען אין איין וואַרטען אויף משיח'ן. די מיסטיקער האָבען אויסגערעכענט, אַז משיח בן דוד וועט קומען צווישען די יאָהרען 1096 און 1104, ווען ער וועט צונויפזאַמלען אַלע צושטרייטע אידען און צוריקפיהרען זיי קיין ארץ ישראל. אָבער אַנשטאָט דעם שופר פון משיח'ן, האָבען די אידען דערהערט דאָס ווילדע געשריי פון די „קרייצציגלער“; „די אידען האָבען אונזער ערלעזער גע־

*) די דאָזיגע פּראָבע האָט מען אין די אַלטע דייטשע מנהגים גערופען „די געטליכע“ און זי איז בעשטאַנען דערין, וואָס מען פלעגט דעם אַנגעקלאַגטען לעגען די הענד אין פייער אָדער אין היים קאָכעדיג וואַסער, און אויב עס האָט איהם נישט געשאַדט, איז עס געווען אַ סימן, אַז ער איז אונשולדיג. (איבערזעצער)

קרייציגטע, זיי מוזען אדער זיך שמד'ן, אדער שטארבען".

די ערשטע מחנות פון די קרייצצוגלער, וואס איינע פון זיי איז געשטאנען אונטער דער אנפיהרונג פון פעטער פון אמיען מיט זיינע אכט ריטער און די צווייטע—אונטער דעם פרעסביטער (א פארלעזער אין דער קירכע) גאטשאלק, האבען די אידען בעזונדערס קיין יסורים ניט אנגעטהון; זיי האבען געראבעוועט ביי אלעמען גלייך, סיי ביי אידען, סיי ביי קריסטען. אבער די מחנות, וואס זענען געגאנגען נאך זיי און בעשטאנען פון די נידעריגסטע אויסוואורפען פון געמיינעם פאלק אין דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד, לאטרינגען און פלאנדריען, האבען אנגעהויבען אויספיהרען זייער הייליגע אויפגאבע צו מארדעווען און ראבעווען ביי די אידען, נישט האבענדיג אונטער'ן האנד קיין מחמד'אנער. דאס איז געוועזען א אנגעפערשעהמטע חבריא, א מיש-מאש פון מאנסביל און פרויען, קינדער און דערוואקסענע, וועלכע האבען אבגעטהון די שענדליכסטע מעשים. צום אונגליק זענען דאס נאך געוועזען „הייליגע קעמפער", וועלכע די גלחים האבען פאראויס פערזיכערט א מחילה אויף אלע זייערע פערברעכען, סיי די פריהערדיגע, סיי די שפעטערדיגע און דערפאר זענען זיי בעגאנגען די שרעקליכסטע פערברעכענס מיט א גאנץ לייכטען הארצען. איין מאנאך האט א זאג געטהון, אז מען מוז די אידען צווינגען צום שמד, ווייל מען האט, כלומרשט, געפונען א צעטעלע אויף ישו'ס קבר, וועלכעס בעפעהלט עס די מאמינים. דער דאזיגער געדאנק איז פאר די ווילדע קרייציגלער געווען אנ'אמת'ער בעפעהל פון גאט, אבער דערצו איז דאס זיי בעזונדערס געפעלען, ווייל דאס האט זיי געגעבען די מעגליכקייט צו בעראבען די אידען. אויסער דעם האט דאס ניכער בעפרידיגט דעם פאנאטיזם, זיי די ווייטע מלחמה מיט די סאראצענען. „די אידען זענען דאך אויך אזעלכע פיינד פון קריסטענטום, ווי די מחמד'אנער — האבען זיי געטענה'ט, — קאן מען דאך שוין אנהויבען דא אויפ'ן ארט די הייליגע מלחמה". און האט זיך די „הייליגע מלחמה" אנגעהויבען: ווי נור עס האבען זיך פערזאמעלט די מחנות אין פראנקרייך און אין דייטשלאנד האבען זיי זיך בעלאזט צייכענען דורך דאס רויטע קרייץ (צלם) אויף זייערע קליידער און דורך דאס אידישע בלוט אויף זייערע הענד. פונדעסטוועגען זענען נאך אזעלכע שחיטות געבליבען אין פראנקרייך פערשאיינצעלטע פאלען, כאטש דארט האבען זיך די מחנות צום ערשט פערזאמעלט. די דארטיגע פירשטען און אפילו גלחים האבען נאך די אידען פארט פערטיידיגט און נישט געלאזען די שחיטות זיך פערשפרייטען. די אימה פון די אידישע קהלות איז אבער געוועזען אזוי גרויס, אז זיי האבען איבעראל געשיקט שלוחים און גוזר תענית געווען, בעטענדיג גאט, אז ער זאל אבווענדען פון זיי די סכנה. אין דייטשלאנד איז דאמאלט נאך געווען רוהיג; די אידען אויף ביידע ברעגען פון טייך רהיין האבען נאך גארנישט געוואוסט, וואס פאר א שרעקליכע צייט עס ערווארטעט זיי. פונדעסטוועגען האבען

זיך די מאינצער אידען פערזאמעלט תפלה צו טהון פאר זייערע אונגליקליכע ברידער אין פראנקרייך. ווי געזאגט אבער, האבען די פראנצויזישע אידען גראד נישט שטארק געליטען; נור אין דער שטאדט רואן (Roue), וועלכע האט געהערט צו ענגלאנד, האבען די קרייצציגלער צונויפגעטריבען די אידען אין קירך, וואו זיי האבען מיט בלויזע שווערדען געגען זייער ברוסט ערקלערט זיי: „אדער שמד'ט אייך, אדער מיר דערשטעכען אייך“.

א בעזונדערס שרעקליכען כאראקטער האבען אבער אנגענומען די רדיפות אין דייטשלאנד. די מחנה קרייצציגלער, וועלכע איז געגאנגען פון פראנקרייך און פלאנדריען דורך דייטשלאנד, אז געשטאנען אונטער'ן אנפיהרען פון א פראנצויזישען ריטער, ווילהעלם דער צימערמאן, וועלכער האט באלד ביי זיין ארויסטריט געהייסען בעראבעווען די פויערן, כדי צו בעקומען געלד אויף צו בעוואפנען זיך. כדי צו געפינען דעם ריכטיגען וועג קיין ירושלים, האבען זיי געלאזען געהן פאר זיך א גאנז און א ציעג, גלויבענדיג פעסט, אז גאטעס הייליגער גייסט רוהט אויף די דאזיגע אונשולדיגע בעשעפענישען און ער וועט זיי שוין פיהרען אויפ'ן ריכטיגען וועג. און אט אזעלכע ווילדע חיות אין די הענד זענען אבגעגעבען געווארען די אידישע קהלות אין אלע שטעדט צווישען די טייכען מאזעל און רהיין! דער קייזער היינריך איז דאמאלס געווען אין איטאליען, וואו ער איז געווען בעשעפטיגט מיט ביטערע עסקים און אין דייטשלאנד האט געהערשט א פאלקאמע אנארכיע.

ווען עס האט זיך פערשפרייט די ידיעה, אז די שרעקליכע מחנות קומען נעהנטער, איז אויף דער אידישער קהלה אין טריער געפאלען אזא אימה, אז אייניגע פון זיי האבען זיך און זייערע קינדער אליין דערשחט'ען; עלטערע פרויען און מיידלעך האבען זיך אנגעהאנגען שטיינער אויפ'ן האלז און זיך אריינגעווארפען אין טייך מאזעל, כדי נישט צו ווערען געשענדעט דורך די היילינגע תליונים (הענקער) און נישט געצוואונגען צו ווערען צום שמד. די איבריגע איינוואוינער פון טריער האבען זיך בעשווארפען פאר די פיס פון בישאף עגילבערט, בעטענדיג, אז ער זאל זיי פערטיידיגען פון די רויבערישע מחנות. אבער דער דאזיגער הארטהערציגער בישאף, וועלכער האט אפשר געוואלט דאדורך זיך ריינוואשען פונ'ם חשד, וואס מען האט געהאט אויף איהם, אז ער איז אן אפיקורוס, האט זיי געענטפערט: „שמד'ט זיך אב, וועט איהר זיך קאנען ליבען בשלום און בלייבען ביי אייער פערמעגען! אויב אבער איהר וועט זיך האלטען ביי אייער עקשנות, וועט איהר אלע אומקומען מיט לייב און זעעל“. — דאן האבען די אידען פון טריער זיך פערזאמעלט אויף א בעראטונג, צו בעטראכטען, וואס מען זאל טהון. לויט דער עצה פונ'ם געלעהרטעסטען צווישען זיי, מיכה, האבען זיי בעשלאסען, אנצונעהמען לפנים דאס קריסטענטום. דערויף איז מיכה אוועקגעגאנגען צום בישאף

אין ערקלערט: „דו ביזט גערעכט! מיר וועלען בעסער אננעהמען דעם קריסטענטום, איידער צו דארפען ציטערן פאר'ן לעבען און פערמעגען. זאג זשע אונז, אין וואס זאלען מיר גלויבען און העלף אונז זיך בעפרייען פון יענע, וועלכע לויערן פאר אונזערע טהירען, כדי אונז צו פערטיליגען". דאן האט דער גלח געשווינד פארגעלעזען זיי דעם קאטוילישען „אני מאמין", וועלכען די אידען האבען געמוזט נאכפלאפלען, און האט אויסגעפיהרט די שמד-צערעמאניע. פינ'ם דאזיגען נצחון איבער'ן יודענטום האט אבער די קאטוילישע קירכע געהאט מעהר חרפה, ווי כבוד, ווייל אויף אזא אופן פערשפרייט מען נישט קיין אמונה. דער נצחון האט אויך נישט לאנג געדויערט, ווייל ווי נאר די סכנה איז אריבער, האבען די אידען זיך צוריקגעקעהרט צום גלויבען פון זייערע עלטערן.

פון דארט האט די מחנה פון די קרייצציגלער זיך געווארפען אויף דער שטאדט שפייער. וואו די קהלה האט מיט עטליכע יאהר פארדעם ערהאלטען פון בישאף און דעם קייזער א בעשטעטיגונג פון פרייהייט און אונבערירהרליכקייט. אום שבת (דעם אכטען אייר) זענען די קרייצציגלער אריינגעקומען אין שטאדט און האבען באלד אוועקגעשלעפט צעהן זקנים פון דער קהלה אין קירכע אריין, כדי צו צווינגען זיי צום שמד. די דאזיגע אידען זענען שוין אבער געווען פעסטער פאר די אידען פון טריער: זיי האבען זיך אבגעזאגט פון שמד און מען האט זיי דער'שחט'ן. איין פרומע פרוי איז דארט געווען, וועלכע האט זיך אליין דער'שחט'ן אויף קידוש השם, און זי איז געווען אין דער דאזיגער טהאט די ערשטע אין די דייטשע קהלות (8-טער אייר — 3-טער מאי 1096). די איבריגע אידען האבען זיך דערווייל בעהאלטען טיילוויז אין דער קייזערליכער פעסטונג, טיילוויז ביי'ם בישאף יאהאנסען, וועלכער האט זיך ארויסגעוויזען פיעל מענשליכער און פרומער, ווי עגילבערט פון טריער. צווינגען מענשען אנצונעהמען זיין אמונה אונטער'ן שווערד פונ'ם מערדער האט ער נישט געוואלט, און איז אנשטאט דעם ארויסגעטרעטען מיט א בעוואפענטער מחנה געגען די ווילדע קרייצציגלער; אויך די אידען האבען זיך מוטיג פערטיידיגט, און מעהר קיין קרבנות, אויסער די דערמאהנטע, איז פון זיי נישט געפאלען. דער עהרליכער בישאף יאהאנסען האט אפילו אויך געלאזט פערהאלטען עטליכע קרייצציגלער און זיי בעשטראפט מיט'ן טויט, און דער דאמאלסדיגער גלחישער כראניקער רעכענט עס, נאטירליך, פאר א געוואלדיגען פערברעכען פון זיין זייט. מען האט אויך פערשפרייט א קלאנג, אז דער בישאף האט גענומען ביי די אידען שוחד. פון דער צייט אן ציהט זיך א בלוטיגע כראניק פון א גאנצער רייהע מעהר שרייען און שוידערהאפטען שווענקען זיך אין אידיש בלוט. עס איז גאר נישט צו וואונדערן זיך, אויב מיר זעהען, אז די אידען האבען דאמאלס בעפיהלט א טיפען שרעק און פעראכטונג פאר'ן קריסטענטום און ביי זיי איז גלייכער געווען זיך אליין צו דער'שחט'ן איידער צו לאזען זיך שמד'ן

אפילו אויך לפנים. די שענדליכע מעשים פון די קאטוילישע קריסטען האבען געבראכט דערצו, אז די אידען זאלען אין עלפטען יאהרהונדערט פערהאסען דעם קריסטענטום נאך מעהר ווי די געצענדינעריי. פון דער זיטליכקייט פון די ערשטע קריסטען איז שוין דאמאלס קיין זכר נישט געבליבען, מען האט פערגעטערט מענשליכע בילדער און אלטע זאכען און פשוט געדיענט צו זיי און א רוימישער פויפסט האט זיך נישט געשראקען צו בעפרייען די פעלקער אין דייטשלאנד פון דער שבועה, וואס זיי האבען געשוואוירען געטריי צו זיין זייער קייזער, און ער האט זיי אפילו אליין גערופען צום אויפשטאנד געגען דעם קייזער, פאדערנדיג, אז זיי זאלען איהם דער־הרג'ענען; דער גרעסטער פון די קאטוילישע גלחים האט דאמאלס גע־פיהרט א העכסט אויסגעלאסענעם לעבען און איז נאך געווען דערצו העכסט אגנווינסענד אויך. און אויב מען זאל נאך דערצו צוגעבען די שענדליכע מעשים פון די קרייצציגלער, זייער געלד־און בלוט־דורשטיג־קייט, זייער שרעקליכע גרויזאמקייט, וואס זיי האבען ארויסגעוויזען אויס'שחט'ענדיג טויזענדער אידען, וועלען מיר ערשט פערשטעהן, וואס פאר אנ'עקעל די אידען האבען געמוזט שפירען פאר די דאמאלסדיגע קאטויליקען, און ווי לייכט עס איז פאר זיי געווען צו בעשליסען זיך בעסער צו שטארבען, איידער גלייך צו ווערען מיט די דאזיגע ווילדע חיות. ווי די גרויסע אבות אין די צייטען פון די מכבים האבען זיך געשטעלט געגען דער געצענדינעריי און דאס אנטיילנעהמען אין דעם קולט פון דער געצענדינערייי האבען זיי געהאלטען פאר א בעפלעקען זיך, אזוי האבען די אידען זיך בעצויגען צו די קאטוילקען מיט זייער רעליגיע און עלפטען יאהרהונדערט.

די מחנה, וועלכע האט געמאכט דעם אנפאל אויף דער קהלה פון שפייער איז געווען נישט גרויס, דעריבער האט מען זי לייכט געקאנט אבשטויסען. אבער פערצעהן טעג נאכדעם האט זיך די מחנה פער־שטארקט דורך די צוגעקומענע „וועלף פון דעם מדבר“, ווי זיי האבען זיך גערופען, און האבען זיך געלאזען געהן קיין ווארמס (ווירמייזא). דער דארטיגער בישאף אלעבראנדוס האט נישט געקאנט, אדער נישט געוואלט געבען די אידען הילף און בעשיצונג. ווי עס שיינט אבער, איז ער בכלל געווען געגען דער שחיטה, דען א טייל אידען, משמעות, די רייכ־סטע און אנגעזעהענסטע, האט ער אריינגענומען צו זיך אין פאלאץ. די איבריגע אידען זענען געבליבען אהן קיין שום בעשיצונג. ווי עס שיינט, האבען די אידען זיך תחלת פערטיידיגט, די געגנער זענען אבער געווען פיעל גרעסער אין דער צאהל פאר זיי, און דעריבער האט זיך אנגעהויבען א מורא'דיגע שחיטה: מאנסביל און פרויען, זקנים און קינדער האט מען גע'שחט'ען אין די גאסען און נישט פיעל זענען געבליבען לעבען פון דער גאנצער גרויסער קהלה, די, וועלכע האבען זיך געלאזען מיט געוואלד אבשמד'ן. די איבריגע אבער האבען אויסגעשטרעקט זייער האלז צו דער

שחיטה, אויסרופענדיג „שמע ישראל... ה' אחד“. פיעל אידען האבען אויך אויסגעשחטן איינער דעם אנדערן, פיעל פרויען האבען זייערע איינגענע קינדער דערשחטן. די ווילדע קריסטען האבען דערווייל גערויבט און די הייזער און מטמא געמאכט די ספרי תורה אויף א שענדליכען אופן (זונטאג כ"ג אייר—18 מאי 1096). זיבען טעג נאך דעם איז געקומען די רייהע אויך צו יענע אידען, וועלכע דער בישאף האט געהאט ארייננגענומען אין זיין פאלאץ. דער בישאף האט זיי פלוצלונג ערקלערט, אז ער קאן זיי מעהר נישט האלטען ביי זיך אין פאלאץ, אויב זיי וועלען זיך נישט שמד'ן. די אנגעזעהענסטע אידען צווישען זיי האבען דאן געבעטען, אז ער זאל זיי געבען א פאר טעג אויף מישב צו זיין זיך. פאר'ן פאלאץ זענען דערווייל געשטאנען די „היילינגע קעמפער“, גרייט צו פיהרען די אידען אדער צום שמד, אדער צו דער שחיטה. ווען דער בישאף האט נאכ'ן פערלויף פון דער בעשטימטער צייט געעפענט די טהיר פון דער תפיסה, האט ער געפונען אלע אידען שווימענדיג אין א טייך בלוט... זיי האבען איינער דעם אנדערן אויסגעשחט'ן. ווען די קרייצציגלער האבען זיך דערפון דערוואוסט, האבען זיי זיך אריינגעריסען אין פאלאץ און געווארפען זיך אויף די געצעהלטע געבליבענע אידען, וועלכע זיי האבען טיילוויז אויסגעשחט'ן און טיילוויז געשלעפט צו דער טבילה מיט געוואלד. אפילו די טויטע דערשחט'ענע האבען זיי נישט געשוינט און געשלעפט זיי מיט טריומף אין די גאסען. (זונטאג ר"ח סיון —25 מאי 1096). צווישען די, וועלכע מען האט אוועקגעשלעפט אין קירכע צום שמד, איז געווען א יונגער בחור, שמחה הכהן, וואס די „היילינגע קעמפער“ האבען ביי איהם אויסגעשחט'ן דעם פאטער מיט זיינע זיבען ברידער. ער האט אבער נישט געוואלט שיידען זיך מיט דער וועלט אהן א נקמה און אינ'ם אויגענבליק, ווען מען האט איהם געוואלט שמד'ן, האט ער ארויסגעצויגען א מעסער און דערשטאכען א זוהן פונ'ם בישאפ'ס ברודער. די קרייצציגלער האבען, ווי ער האט עס ערווארטעט, געווארפען זיך אויף איהם אין קירכע גופא און צוריסען אויף שטיקער. ערשט, ווען די קרייצציגלער האבען זיך פון שטאדט ארויסגעצויגען, האבען די לעבענגעבליבענע אידען מקבר געווען די קדושים, וועלכע זיי האבען אנגעצעהלט אכט הונדערט נפשות.

א טאג שפעטער נאך דער לעצטער שחיטה און ווארמס זענען די קרייצציגלער געקומען קיין מאינץ. דא איז געווען זייער אנפיהרער גראף עמעריך, אדער עמיכא פון לייניגען, א נאהענטער קרוב פון ערצבישאף רוטהארד. דער גראף איז געווען א בלוטדורשטיגער מענש, וועלכער האט אויך אזוי געגלוסט נאך דער עשירות פון די מאינצער אידען, ווי נאך זייער בלוט, און, ווי עס שיינט, האט ער זיך צוזאמענגערעדט פאראויס מיט'ן ערצבישאף, וועלכער איז געווען א בלוט־שונא פונ'ם קייזער היינריך IV, ווי אזוי צו פערדערבען די אידען. דער ער...

בישאָף האָט איינגעלאַדען די מאַינצער אידען צו בעהאַלטען זיך ביי איהם אין פּאַלאַץ, ביז וואַנען די מהומה וועט פאַראיבערגעהן. דערויף האָבען די אידען איהם איבערגעגעבען זייער גאַנצעס פערמעגען און אין זיין הויף, אין די פיעל געביידעס און אויף די בוידעמס, האָבען זיך בעהאַלטען העכער דרייצעהן הונדערט אידען און תפלה און געבעט צו גאָט. אָבער שוין מיט'ן פר.המאָרגען (ג' סיון, 27-טען מאַי) האָט דער גראַף עמעריך געבראַכט זיין בלוטיגע מחנה צום בישאָפ'ס פּאַלאַץ און געפאָדערט מיט אַ ווילדען געשריי, אַז דער בישאָף זאָל איהם אַרויסגעבען די אידען. דער ערצבישאָף האָט אפילו געהאַט אויסגעשטעלט אַ בעוואַפענטע וואַך נעבען די טויערען פון זיין פּאַלאַץ, אָבער די וואַך האָט זיך אָבגעזאָגט צו קעמפען געגען די קריסטען, כדי צו פערטיידיגען די אידען. די קרייצציגלער האָבען לייכט דורכגעבראָכען די טויערען פון פּאַלאַץ און זיך שטורמיש אַלאַז געטהון אין הויף אויפצוזוכען די אידען. דאָ איז ווידער פאָרגעקומען דאָסזעלבע, וואָס אין וואָרמס: די „היילינע קעמפפער" האָבען געשאָכטען קינד און אַלט, מאַנסבילען און ווייבער, שוואַנגערע פרויען און זויגעדיגע קינדער, און די אידען האָבען אויסגעשטרעקט די העלזער אויסרופענדיג: „שמע ישראל". אַ טייל זקנים און חסידים האָבען זיך איינגעהילט אין זייערע טליתים און געזעסען רוהיג אין מיטען הויף פון ערצבישאָף, נישט מאַכענדיג אפילו קיין פּראָבע צו אַנטלויפען, נאָר ערוואַרטענדיג דעם טויט, זאָגענדיג „שמע ישראל". פיעל פרויען האָבען זייערע אייגענע קינדער געשאָכטען, פיעל מאַנסבילען האָבען זייערע געליבטע פרויען דערשאָכטען — — שפּעטער האָט מען אַרויסגעפיהרט פון פרימען ערצבישאָפ'ס פּאַלאַץ דרייצעהנהונדערט מתים — אידישע קדושים. די אידישע אוצרות האָט דער ערצבישאָף צעטיילט צווישען זיך מיט זיין קרוב, דעם ערלויכטען גראַף. זעכציג אידען, ווי עס שיינט, די רייכסטע, האָט דער ערצבישאָף בעהאַלטען אין דער גרויסער שטאָדט-קירכע און שפּעטער האָט ער זיי געלאָזט אָבפיהרען אין אַ זייטיגען דאָרף רהיינגאַו — די קרייצציגלער האָבען זיי אָלעמען איבערגענומען אויפ'ן וועג און אויסגעשחט'ן. געשמד'ט האָבען זיך נור גאַנץ ווענינ פון דער מאַינצער קהלה. צווישען די געשמד'טע מיט גוואַלט זענען געווען צוויי חסידים: מר אוריה און מר יצחק. דער לעצטער האָט געהאַט צוויי טעכטער, וועלכע מען האָט אויך מיט געוואַלט אָבגעשמד'ט. דער שמד איז פאָרגעקומען צוליעב זייער שוואַכקייט אָדער צוליעב אַנ'אַנדער סבה. באַלד אָבער נאָכדעם האָבען זיי חרטה געהאַט און בעשלאָסען צו שטאַרבען אויף קידוש השם אויף אַ שרעקליכען אופן: מר יצחק בר דוד האָט צוויי טעג נאָכ'ן שמד אליין דער'שחט'ן זיינע צוויי טעכטער און אונטערגעצונדען זיין הויז, נאָכדעם איז ער מיט מר אוריה אוועקגעגאַנגען אין שוהל און אונטערגעצונדען איהר: אזוי זענען זיי דאָרט ביידע „פערברענט געוואָרען פאַר גאָט". פון דער דאָזיגער שׂרפה האָט

אבגעברענט דער גרעסטער טייל פון דער שטאדט מאינץ.

דערווייל האט זיך א אנדער מחנה פון די קרייצציגלער, אונטער דעם ווילדען הערמאן צימערמאן, דערנעהנטערט צו דער שטאדט קעלן אום ערב שבועות. די דאזיגע עלטסטע אידישע קהלה אין דייטשלאנד האט ערווארטעט דאס ערגסטע, אבער די אידען האבען זיך געבעטען ביי די דארטיגע קריסטליכע איינוואהנער און ביים בישאף, אז מען זאל זיי בעשיצען. די קעלנער בירגער האבען רחמנות געהאט אויף די אידען און יעדער פון זיי האט בעהאלטען ביי זיך אין שטוב זיין שכן. ווען די ווילדע חיות זענען דעם ערשטען טאג שבועות פון פריהמארגען אריינגעקומען אין שטאדט, האבען זיי געפונען די אידישע הייזער לעדיג אהן מענשען און אויסגעלאזען זייער כעס „צו די הלצערנע און שטיינערנע ווענד“, ווי דער דאמאליגער כראניקער דריקט זיך אויס, און צו די ספרי תורה, וועלכע זיי האבען צעריסען און געטראטען מיט די פיס. אין יענעם טאג איז גראד פארגעקומען א ערד=ציטערניש, אבער אנשטאט זיך צו דערשרעקען, האט דער ווילדער המון געזעהען דערין א סימן, אז גאט איז צופרידען מיט זייערע מעשים. דער'הרג'עט האבען זיי אין יענעם טאג נור צוויי אידען, דעם חסיד מר יצחק מיט זיין פרוי, וועלכע האבען זיך נישט געוואלט בעהאלטען, דען זיי האבען בעסער געוואלט מקדש השם זיין. דער עהרליכער בישאף, הערמאן דער דריטער, האט בשתיקה ארויסגעפיהרט די אידען פון קעלן אין די ארומיגע שטעדט און דערפער, וואס האבען צו איהם געהערט, כדי צו בעהאלטען זיי דארט אין זיכערע ערטער. דארט האבען די אידען פערבראכט דריי וואכען, ערווארטענדיג טעגליך דעם טויט. די גאנצע צייט האבען זיי פערבראכט אין תפלות און תעניתים, אבער דער הימעל האט זייערע תפלות נישט אנגענומען. די קרייצציגלער האבען אינ'ם היילינגען יאהאניסטאג געהערט זייער תפלה אין דער קירכע און געשטארקט דאדורך זייער מוט אויסצופיהרען נייע מערדערייען; זיי האבען אינ'ם זעלבען טאג אויסגע'שחט'ן אלע קעלנער אידען, וועלכע האבען זיך געהאלטען פערשטעקט אינ'ם דארף נעאום.

באלד נאכדעם האבען זיי אויך ענטדעקט די ערטער, וואו עס געפינען זיך די איבעריגע קעלנער אידען. פיעל אידען האבען זיך אריינגעווארפען אין די טייכען און דערטרונקען געווארען, פיעל האט מען אויסגע'שחט'ן, פיעל אבער האבען זיך אליין דער'שחט'ן. איין זקן איז געווען צווישען זיי, רבינו שמואל בר יחיאל, וועלכער האט דערצו געגעבען א ביישפיעל: ער האט געהאט א יונגען זוהן, א שענעם און א קרעפטיגען. דער זוהן מיט'ן פאטער זענען אנטלאפען צו א טייך. ווען די קרייצציגלער זענען צוגעקומען נעהנטער, האט דער זוהן אויסגעשטרעקט דעם האלז, דער פאטער האט געמאכט א ברכה אויף דער שחיטה, דער זוהן און אלע ארומיגע אידען האבען געענטפערט: „אמן“. דער פאטער האט

דעם זוהן דער'שחט'ן, אויסרופענדיג צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה:
„שמע ישראל". דערנאָך האָט דער זקן געבעטען איינעם אַ יונגען בחור
מנחם, אַ גרויסען ירא שמים, אַז ער זאָל אויך איהם שחט'ן. אַזוי האָ-
בען אַלע אידען אויסגע'שחט'ן איינער דעם אַנדערן און וואַסער און
דערטרונקען געוואָרען. איין קעלנער אידען, רבי יצחק הלוי, האָבען
די קרייצציגלער אַזוי גרויזאַם געשלאָגען, אַז ער איז מבולבל געוואָרען,
דאַן האָבען זיי איהם אָבגע'שמד'ט. ווען ער איז אויפ'ן דריטען טאָג גע-
קומען צום דעת און זיך דערוואוסט, וואָס מען האָט מיט איהם געטהון,
האָט ער זיך אַריינגעוואָרפען אין רהיין און דערטרונקען געוואָרען. —
ווען די קרייצציגלער זענען געקומען נעהנטער צום דאָרף לינדע
אויפצוזוכען דאָרט די בעהאַלטענע אידען, האָבען די אידען בעשלאָסען
בעסער אויסצו'שחט'ן איינער דעם אַנדערן, איידער אַריינצופאַלען אין
זייערע הענד, דערצו האָבען זיי אויסגעקליבען פינף חסידים: רבי
גרשום, רבי יהודה בר אברהם, רבי יוסף זיין ברודער,
רבי יהודה הלוי דער זוהן פון רבינו שמואל און רבינו
פעטר, וועלכע האָבען זיי אַלעמען אויסגע'שחט'ן; לסוף האָט רבינו
פעטר אויסגע'שחט'ן זיינע פינף חברים און אַליין האָט ער זיך אַראָב-
געוואָרפען פון אַ הויכען טורם און איז „דער הרג'עט געוואָרען פאַר
גאָט". דאָס זעלבע האָט זיך אויך איבערגע'חזר'ט אין דאָרף זאַנטאַ,
וואו די אידען האָבען געמאַכט אַ ברכה אויף דער שחיטה און
אַלע האָבען געענטפערט „אמן" און זיך אַליין אויסגע'שחט'ן ביז'ן
לעצטען. עהנליכעס איז פאָרגעקומען כמעט אין אַלע שטעדט און דערפער
אין דייטשלאַנד, וואו די קרייצציגלער זענען דורכגעגאַנגען אין די חדשים
סיון און תמוז. ענדליך אָבער איז די קרייצציגלער פערדראָסיג געוואָרען,
וואָס די אידען שחט'ן זיך אַליין אויס און נעהמען ביי זיי צו דאָס פער-
גענינגען צו פערגיסען בלוט, דאַן האָבען די אָרטיגע הויכע גלחים אָנגע-
הויבען איינשמידען די אידען אין קייטען נאָך לאַנג איידער עס פלעגען
קומען די קרייצציגלער, כדי צו קאָנען זיי דערנאָך אָנטהון מורא'דיגע
יסורים און צווינגען צום שמד. די אידען האָבען אָבער אויך די יסורים
איבערגעטראָגען און גע'שמד'ט האָט מען נור ווענינג פון זיי. אין אַ משך
פון צוויי חדשים האָט מען אויסגע'שחט'ן העכער צוועלף טויזענד אי-
דען, און די שרעקליכע סצענעס האָבען זיך איבערגע'חזר'ט ווידער און
ווידער: שוידערהאַפטע מערדעריַיען און גרויזאַמקייט פון איין זייט און
מסירת נפש און אַ תמימות'דיגע טויט-פעראַכטונג אויף דער אַנדערער.

דורך די קרייצציגע טרעטען צום ערשטען מאָל אַרויס אין דער גע-
שיכטע די אידען פון בעהמען. זיי האָבען ביז יענער צייט גאָר נישט גע-
וואוסט פון רדיפות אָדער אכזריות, ווייל דאָס קריסטענטום האָט נאָך
נישט געהאַט קיין מאַכט אין די סלאַווישע לענדער. פיעל פון זיי זענען
געווען רייך און פלעגען זיך בעשעפטיגען מיט'ן מסחר פון שקלאַווען,

וועלכע מען האט מייסטענס געפיהרט מיט סלאווען (סלאוואנער), וואס זיי פלעגען קויפען ביי די פריצים און פערקויפען אין מערב-אייראפא: אין פראנקרייך און שפאניען (דערפון שטאמט אויך דאס ווארט: שקלאוו). דאדורך זענען די אידען אריינגעקומען אין א סכסוך מיט די גלחים, און דער פראגער בישאף, אדאלבערג, האט אנגעזאמעלט פיעל געלד, אום אויסצוקויפען ביי זיי די שקלאווען. אין דער עפאכע פון די קרייצציגען האבען די גלחים געפונען די בעסטע געלעגענהייט צו פערשפרייטען די גיפטיגע זאמען פון פאנאטיזם אויך אין בעהמען. בשעת די קרייצציגלער זענען געגאנגען דורך בעהמען, איז דער דארטיגער מעכטיגער הערצאג ווראטיסלאוו II געוועזען בעשעפטיגט אין א אויסערליכען קריעג און קיינער האט נישט געקאנט שטערען די קרייצציגלער אין זייערע שרעקליכע מעשים. אין פראג האבען זיי געשלעפט די אידען מיט גוואלט צום שמד און דער'שהט'ן די, וועלכע האבען זיך נישט געלאזט אב'שמד'ן. אומזיסט האט דער בישאף קאסמאס געפרעדיגט געגען דעם שמד דורך גוואלט, די קרייצציגלער האבען זיך געהאלטען פאר גרעסערע אויטאריטעטען אין א רעליגיאנס-פראגע ווי דער בישאף און ערקלערט, אז דער שמד דורך גוואלט איז אנגענעהם פאר גאט.

צום גליק פאר די אידען אין מערב-אייראפא, בעזונדערס אין דייטשלאנד, ווי אויך צו דער עהרע פון דער מענשהייט, האבען ארויסגעוויזען דאמאלס בלוטדורשטיגקייט און פאנאטיזם נור דאס געמיינע פאלק, דער שוים פון דער געזעלשאפט און איהר שמוץ-אבפאל. די פירשטען און די בירגער, אפילו אויך די בישאפ'ן (אויסער איינציגע געצעהלטע) זענען געשטאנען אויפ'ן צד פון די אידען. עס איז נאך דאמאלס נישט געקומען די צייט, ווען די דריי כחות — די פירשטען, בירגער און גלחים — האבען זיך פעראייניגט אין זייער שנאה געגען די אידען. ווען עס איז ערהאלטען געווארען די ידיעה, אז די צוויי הונדערט טויזענד קרייצציגלער, אונטער'ן אנפיהרען פון עמעריך און הערמאן, האבען מייסטענס געהאט א שענדליכען סוף, דען מען האט א גרויסען טייל פון זיי אויסגעהרגעט אין אונגארן פאר זייערע רציחות און די איבריגע זענען אומגעקומען פון הונגער און דורשט, וויל מען פלעגט זיך היטען זיי אריינצולאזען אין א שטוב, ווי די ווילדע חיות, און נור א קליינער טייל האט זיך אומגעקעהרט צוריק אבגעריסען און אויסגעהונגערט — ווען אט די ידיעה איז ערהאלטען געווארען, האבען סיי אידען, סיי קריסטען געזעהען דערין גאט'ס בעשטראפונג פאר זייערע שרעקליכע מעשים. דערווייל איז דער קייזער היינריך IV געקומען צוריק פון איטאליען קיין דייטשלאנד און ווען ער האט זיך דערוואוסט וועגען די מערדערייען, וואס זענען בעגאנגען געווארען געגען די אידען, האט ער ארויסגעזאגט עפענטליך זיין עקעל געגען אזעלכע מעשים. לויט דער השתדלות פונ'ם ראש הקהלה פון שפייער, משה בן יקותיאל, האט ער ערלויבט די אנוסים אומצוקעהרען זיך

צוריק צום יודענטום. פאר די אידען אין דייטשלאנד איז דאס געווען א גרויסע שמחה, און אלע געשמדטע האבען זיך געאיילט אראבצעווארפען די געצוואונגענע קריסטליכע מאסקע (1097). די בישאפען זענען אבער דערמיט בייזע געווען זעהר אונצופרידען. אפילו דער פויפסט קלעמענס III, וועלכען היינריך IV האט בעשטימט פאר א פויפסט אנשטאט זיין פיינד גרעגאר VII, איז אויך שארף ארויסגעטרעטען געגען דעם קייזער פאר זיין „זינדיגער“ טהאט. אבער דער קייזער האט זיך ווייניג וואס געקימערט וועגען דער בלומרשט'ער פרומקייט פון די גלחים. אויף דער אנקלאגע פון די אידען האט ער נאך אויך בעפוילען, אז מען זאל מאכען א שטרענגע אויספארשונג געגען די פערוואנדטע פון'ם ערצבישאף רוטהארד פון מאינץ, וועלכער האט די אידען בערויבט, און האט געהייסען קאנפיסקירען זיינע הכנסות (1098). דער ערצבישאף האט זיך דערפאר פעראייניגט מיט די פיינד פון קייזער, כדי צו פערדערבען איהם.

בעזונדערס אונגליקליך זיינען אבער אין יענעם יאהר (1098) געווען די אידען אין בעהמען. אויך זיי האבען דערהערט די בשורה, אז דער קייזער האט ערלויבט אלע אנוסים צו ווערען צוריק אידען, אבער זיי האבען מורא געהאט צו בלייבען אין בעהמען, וואו פאר זיי איז קיין גערעכטיגקייט נישט געווען. זיי האבען דעריבער צוזאמענגענומען זייער האב און גוטס, כדי צו ברענגען עס אין א זיכערען ארט און דערנאך אויסצוואנדערען אדער קיין פוילען, אדער קיין פאנאניען (עסטרייך און אינגארן). אבער פריצלונג איז דער בעהמישער פירשט געקומען צוריק פון מלחמה און, ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז די אידען ווילען זייער פערמעגען ארויספיהרען קיין אויסלאנד, האט ער געלאזט ארומרינגלען זייערע הייזער דורך זיינע סאלדאטען, און ערקלערען די אידען, אז ער האלט זייער פערמעגען פאר זיין גערויבט אייגענטום. די ערקלערונג האט ער די אידען געמאכט אין אזא פארם: „פון ירושלים האט איהר קיין בעהמען קיין אוצרות נישט געבראכט. ווען אספסינוס האט אייך איינגענומען און פערקויפט פאר קנעכט פאר א שפאט-פרייז, זיינט איהר צושפרייט געווארען אין אלע עקען וועלט. נאקעט זיינט איהר אין מיין לאנד געקומען און נאקעט קאנט איהר זיך צוריק ארויסציהען. און דערפאר, וואס איהר זיינט אבגעפאלען צוריק פון קריסטענטום, זאל אייך בעשטראפען דער בישאף קאסמאס“ — דאס איז געווען די לאגיק פון דער אונפערשעמטער געוואלטטעטיגקייט. אזוי ארום האט מען די בעהמער אידען אינגאנצען בערויבט און איבערגעלאזען קוים אויף אזוי פיעל, אז זיי זאלען נישט אויסגעהן דעם ערשטען טאג פון הונגער. דער דאמאלסדיגער קריסטליכער כראניקער דערצעהלט מיט שמחה, אז מען האט דאמאלס ביי די אידען מעהר אנגערויבט, ווי ביי די טראיאנער, נאכדעם ווי די גריכען האבען זיי איינגענומען.

פיעל ערגער איז אבער געווען די לאגע פון די אידען אין ירושלים.

ווען די קרייצפאהרער האבען אונטער דעם ריטער גאטפריד פון בויאלאן, נאך פיעל בעמיהונגען איינגענומען ירושלים און שטורם און געמאכט א בלוט־באד צווישען די מחמד'אנער, האבען זיי ארייננעטריבען די דארטיגע אידען, די קאראימישע ווי די תלמודישע, אין א גרויסער שוהל און אונטערגעצונדען זי פון אלע זייטען (15־טען יולי 1099). די אידען זענען דארט אלע אומגעקומען אויף א שרעקליכען אופן. דאס עלפטע יאהרהונדערט האט זיך געענדיגט בלוטיג פאר די אידען. נור אין דייטשלאנד האט דער קייזער היינריך IV גאנץ ערנסט בעשיצט די אידען. ארויספאהרענדיג פון מאינץ האט ער די פירשטען און בירגער בעשוואוירען, צו לעבען מיט אידען בשלום און נישט טהון זיי קיין שלעכטס (1103). די קייזערליכע בעשיצונג האט פאר'ן מאמענט געראטעוועט די אידען פון פיעל אומגליקען, אבער שפעטער איז דאס פאר זיי געווארען א אומגליק, ווען פון דאמאלס אן האבען זיי אויפגעהערט בעטראכט צו ווערען ווי פרייע בירגער פון דייטשלאנד, נור ווי לייבאייגענע קנעכט פונ'ם קייזער.

אבער דאס איז געווען נישט דאס איינציגע אומגליק, וואס דער ערשטער קרייצצוג האט געבראכט פאר די דייטשע אידען. פון איין זייט האט דער פויפסט קלעמענס III געפאדערט, אז די אנוסים זאלען בלייבען קריסטען, און, פון דער אנדער זייט, האבען די אידען גופא נישט געוואלט זיך צוריק פעראייניגען מיט זיי; זיי האבען נישט געוואלט זיך מיט זיי מתחתן זיין, כאטש זיי זענען נור א קורצע צייט געווען קריסטען, אלס געצוואונגענע דערצו. די אונגליקליכע זענען אלזא געטריבען געווען פון ביידע צדדים. ווען רש"י זאגט זיך דערפון דערוואוסט, האט איהם די דאזיגע איבער־פרומקייט פערשאפט זעהר פיעל עגמת־נפש און ער האט ערקלערט: „זאל אונז גאט אבהיטען אבצושטויסען פון זיך צוריק די אנוסים, אדער צו פערשעמען זיי! אלץ, וואס זיי האבען געטהון, איז דאך געווען נור דערפאר, וואס זיי האבען מורא געהאט פאר'ן טויט און געווען געצוואונגען דערצו, און, ווי נאר די סכנה איז אריבער, האבען זיי זיך דאך אומגעקעהרט צוריק צום יודענטום".

זעהר טרויריג זענען געווען די אינערליכע נאכוועהענישען פון קרייצצוג. די דייטשע אידען האבען נאך פריהער אויך נוטה געווען צו א מרה־שחורה'דיגער וועלט־אנשויאונג און צום שטענדיגען תשובה טהון; דורך די גרויסע איבערגעליטענע יסורים איז זייער גייסט גאר פער'חושכ'ט געווארען. ליידענדיג זעהר פיעל פון די קאטאליקען, האבען זיי פונדעסטוועגען איבערגענומען ביי זיי א היבש ביסעל מנהגים, וועלכע זענען פרעמד דעם אידישען גייסט. אזוי, למשל, האבען זיי אנגעהויבען רופען די הריגים „קדושים" און קומען בוקען זיך אויף זייער קבר, בעטענדיג אז זיי זאלען פאר זיי זיין מליצי יושר פאר גאט, כאטש די תורה האט דאס בפירוש פערבאטען. דאס יודענטום אין דייטשלאנד איז פון דאמאלס אן פערשטיינערט געווארען. — וועגען די גרויסע איבערגעלטענע רדיפות

האָבען די דאַמאָלסדיגע אידען מחבר געוועזען קינות און סליחות, אין וועלכע עס איז קיין פּאָעזיע אפילו נישטאָ, אָבער אָנשטאָט דעם ווערען דאָרט דערצעהלט מיט אַן׳איינפאַכער שפּראַך האַרצרייסענדע פאַקטען. צווישען די דאָזיגע מחברים זענען בעוואוסט געוועזען: רבי בנימין בר חייא, רבי דוד בן משולם, רבי דוד בן שמואל הלוי, רבי יעקב בן יצחק הלוי, רבי קלונימוס בן יהודה פון שפּייער און רבי שמואל בן יהודה פון מאַינץ.

די איינציגע רפואה געגען דער נייער טרויעריגער ריכטונג אין׳ם לעבען פון די אשכנזישע (דייטשע) אידען איז געוועזען דער תלמוד. דאָס לערנען גמרא, לויט דער מעטאָדע פון רש״י, האָט בעשיצט די אידען פון אָבגעשטומפּטקייט, פון מרה שחורה און שטענדיגען טראַכטען וועגען די עולמות עליונים. ווער עס האָט געוואָלט גוט פערשטעהן דעם תלמוד, האָט געמוזט האַלטען די אויגען אָפען אויף דער וועלט און נישט לאָזען פערראָסטען דעם מוח. דאָס פערטיעפען זיך אין תלמוד איז געוועזען דער באַלזאַם פאַר די וואונדען, וואָס די קרייצציגלער האָבען געמאַכט אין׳ם אָרגאַניזם פון די אשכנזישע אידען. אין דער ישיבה האָט געהערשט יענע צופרידענהייט און פרעהליכע שטימונג, וועלכע עס גיעט דעם מענשען דאָס בעשאַפען נייע געדאַנקען און דאָס אויפטהון נייע המצאות. פאַר מרה־שחורה און נידערגעשלאָגענהייט איז שוין דאָרט קיין אָרט נישט געוועזען; דער וויץ און דער איינפאַל זענען אין דער ישיבה געוועזען די הויפּט עלעמענטען פון לעבען און דענקען. די אונגליקליכע האָבען דעריבער געפונען צוריק אין דער ישיבה די אויסערן־וועלט, פון וועלכער זיי זענען אָבגעשניטען געוואָרען. די צוויי גרויסע לייט, וועלכע האָבען אַזוי פערטיפט און בעגרינדעט דעם תלמוד־שטודיום, זענען ביידע געשטאָרבען כמעט אין איין צייט. אין אָנפאַנג פון צוועלפטען יאָהרהונדערט: רבינו יצחק אלפסי איז געשטאָרבען אין יאָהר 1103 (י׳ ניסן) און רש״י—צוויי יאָהר שפּעטער, אין יאָהר 1105 (כ״ט תמוז), ווען ער איז אַלט געוועזען 65 יאָהר און איז נאָך געוועזען בעשעפטיגט מיט׳ן שרייבען זיין פירוש צום תלמוד בבלי, וועלכען ער האָט דעריבער נישט געענדיגט. ביידע האָבען זיי איבערגעלאָזען פיעל תלמידים, וועלכע האָבען זייער אַרבייט געפיהרט ווייטער און ביידע זענען העכסט פערעהרט געוועזען ביי אידען ביי׳ם לעבען און פעראייביגט געוואָרען אויף אַלע שפּעטערדיגע צייטען. די ספרדישע (שפּאַנישע) אידען האָבען אַרויסגעזאָגט זייער בעוואונדערונג פאַר זייער לעהרער אלפסי אויף זייער שטייגער — אין שענע שירים; די אשכנזישע

אידען דאגעגען, וועלכע זענען וויים געוועזען פון דער פאעזיע, האבען פעראייביגט רש"י'ס אנדענקען דורך זייער טיעפער ליעבע צו זיין ווערק און דורך פיעל וואונדערליכע לעגענדעס, וועלכע זיי האבען דערצעהלט וועגען זיין געבורט און זיין לעבען. *)

די אידען אין שפאניען.

(ערשטע העלפט פון צוועלפטען יאהרהונדערט)

אין שפאניען האבען די אידען זיך נאך געקאנט שפירען, ווי אין א מוטערליכער היים. אפילו אונטער די האלב-ווילדע אפריקאנישע אלמאראווידען, וועלכע זענען געווארען די הערשער פון דרום-שפאניען, האבען די אידען נאך געקאנט לעבען רוהיג. אונטער דעם צווייטען אלמאראווידישען קעניג עלי (1106—1143) האבען די אידען געלעבט נישט בלויז אין שלום און שלוה, נאר איינינע פון זיי זענען אויך געוועזען שרים, וואס האבען געדארפט אויפפאסען דעם קאפ-שטייער (אבצאהלונגען) פון דער אידישער און קריסטליכער בעפעלקערונג, און אנדערע פון זיי האבען געהאט הויכע שטעלעס ביים קעניגליכען הויף. דורך וויסענשאפט און פאעזיע האט מען נאך אלץ געקאנט דערגרייכען א הויכע לאגע אין דער מלוכה. א אידישער מעדיקער און דיכטער, אבו איוב שלמה אבן אלמועלם פון סעווילא, איז געוועזען לייב-דאקטאר ביים כאליף עלי און האט געהאט טיטולען: „נשיא און וזיר“. וועגען זיינע דיכטונגען האט

*) וועגען רש"י'ס געבורט דערצעהלט די לעגענדע פאלגענדעס: רש"י'ס פאטער, רבי יצחק, האט געהאט א טייערען דימאנט, וועלכען די גלחים האבען שטארק חשק געהאט אבצוקויפען, כדי ארייננצושטעלען עס אין אויג פון געטצען-מוטטער. רבי יצחק האט אבער צוליעב זיין גרויסער פרומקייט זיי נישט געוואלט אבטרעטען דערויף זיין דימאנט פאר קיין געלד. דאן האבען די גלחים איהם פערנארט אויף א שיף און דארט האבען זיי איהם געסטראשעט, אז אויב ער וועט זיי דעם דימאנט נישט פערקויפען, וועלען זיי איהם ארייננווארפען אין ים. רבי יצחק האט דאן באלד ארייננגעווארפען דעם דימאנט אין ים, כדי די גוים זאלען נישט פערגיצען איהם, לויט זייער פערלאנג. און אין דעם אויגענבליק האט מען איבער'ן ארון הקודש אין רבי יצחק'ס בית מדרש אין טרויש געהערט א שטימע (א בת-קול), וואס האט אויסגערופען: „רבי יצחק וועט געבוירען א זוהן, וואס וועט שיינען, ווי א דימאנט מיט זיין תורה-לערנען און ליכטיג מאכען די אויגען די אידען אין תלמוד“. אין יענעם יאהר איז געבוירען געווארען רש"י. ווען רש"י איז אלט געווארען דרייסיג יאהר, האט ער אנגעהויבען „אפריכטען גלות“, כדי אבצוקומען פאר דער עבירה, וואס זיין טאטע האט געהאט, מצער-זיינענדיג זיך אויף'ן פערלוסט פון טייערן דימאנט. אזוי איז רש"י געווען אין איטאליען, גריכענלאנד, ארץ ישראל, פרס און מצרים און איבעראל האט ער געזוכט צו געפינען באזונדערע פירושים צום תלמוד, ווי די, וואס ער האט געמאכט.

א צווייטע לעגענדע דערצעהלט: דער אנפיהרער פון די קרייצציגלער, דער ריטער גאט-פריד פון בויליאן, וועלכער איז שפעטער געווארען קעניג אין ירושלים, האט פאר'ן ארויס-געהן אין מלחמה זיך פיעל אנגעהערט וועגען רש"י'ס גרויסקייט און געוואלט הערען פון איהם, מיט וואס די מלחמה וועט זיך אויסלאזען. אבער ווען דער ריטער האט געשיקט נאך רש"י'ן,

א געוויסער קונסט־ריכטער פון יענער צייט זיך אויסגעדריקט אזוי: „זיין שיר מאכט רעדען דעם שטומען און ליכטיג זעהען דעם בלינדען". א הויכע שטעלע האט אויך פערנומען ביים כאליף עלי דער אידישער דאקטאר (רופא) אבו־ל חסאן אברהם בן מאיר אבן־קאמניאל פון סאראגאסא, וועלכער האט אויך געהאט דעם טיטול „וזיר". די גרויסע דיכטער פון יענער צייט האבען איהם בעזונגען פאר זיינע גרויסע צדקות און ערהאבענעם דענקען: „א פירשט — האט איינער פון זיי וועגען איהם געזונגען — וועלכער געהט אפילו ארום און דער נידער, אויף דער ערד, אבער זיין ציעל האט ער שטענדיג אין הימעל; ער איילט ווי א בליץ צו העלפען די בעדריקטע, ווערהרענד אנדערע וואס קענען העלפען טהוען קוים־קוים א טריט. זיינע טהירען שטעהען שטענדיג אפען פאר פרעמדע און היימישע און דורך זיין שתדלנות ראטעוועט ער ארוים זיינע ברידער פון טויט". — הויך געריהמט איז אויך געוועזען דער נשיא רבי שלמה אבן פארוסל, וועלכער איז, ווי עס שיינט, געוועזען א הויכער שר ביי א קריסטליכען פירשט און איז געקומען מיט א וויכטיגער שליחות צום מחמד'אנישען קעניג פון מורציא. א קורצע צייט פאר דער מלחמה ביי אוקלעס, וואו די קריסטען האבען ווידער געהאט א גרויסע מפלה, איז דער'הרג'עט געווארען אויך אבן פארוסל (1180). דער יונגער דיכטער רבי יהודה הלוי איז דאמאלס גראד בעשעפטיגט געוועזען מיט'ן שרייבען א לויב־געזאנג לכבוד דעם קבלת־פנים פון אבן פארוסל; ווען ער האט דערהאלטען די טרויעריגע ידיעה, האט ער פון געדיכט געמאכט א קינה (עלעגיע).

אז ער זאל צו איהם קומען, האט רש"י ניט געוואלט מבטל זיין די צייט פון תורה־לערנען און איז ניט געגאנגען. דאן איז דער ריטער געקומען מיט זיין גאנצער בעוואפענטער סביבה צו דער ישיבה פון רש"י און טרויש און דערזעהען: די טהירען פון דער ישיבה שטעהען אפען, אויף די טישען ליגען אפענע ספרים און עס הערט זיך רש"ים שטימע, ווי ער זאגט תורה פאר זיינע תלמידים, אבער קיין מענשען זעהט מען ניט. ווען דער ריטער האט אנגעהויבען רעדען צו רש"י'ן מיט'ן גרעסטען דרך ארץ און הכנעה און געבעטען, אז ער זאל זיך פאר איהם בעוויזען, האט זיך רש"י פאר איהם ענטפלעקט און ערקלערט: „דו וועסט איינעהמען ירושלים און קעניגען דארט דריי טעג. דעם פירטען טאג וועט מען דיך פון דארט פערטרייבען מיט חרפות און דו וועסט קומען אהער צוריק מיט דריי פערד". — דערויף איז געטפריד זעהר בייז געווארען און ערקלערט: „אויב איך וועל קומען אהער צוריק מיט פיער פערד, וועל איך דיך בעשטראפען מיט'ן טויט און אלע אידען אין פראנקרייך וועל איך אויסהרג'ענען. — פיער יאהר שפעטער איז געטפריד אנטלאפען פון ירושלים און געקומען צוריק קיין פראנקרייך מיט דריי פערד אויסער דעם, אויף וועלכען ער האט געריטען. איצט האט ער זיך דערמאהנט אן רש"ים נבואה און געוואלט איהם געהן הרג'ענען. אבער ווען ער איז צום טהויער פון שטאדט צוגעריטען, איז ארונטערגעפאלען א שטיין פון טהויער און דער'הרג'עט איינעם פון זיינע רייטער מיט'ן פערד. דאן האט ער געוואלט ארויסזאגען רש"י'ן זיין גרויסע בעוואונדערונג פאר דער ריכטיגקייט פון זיין נבואה, אבער רש"י איז שוין געווען אין עולם האמת.

אין דער דאזיגער לעגענדע איז פארהאן אן אנאכראניזם, דען געטפריד איז געשטארבען מיט פינף יאהר פריהער פאר רש"י'ן.

א הויכע שטעלע ביי א מחמד'אנישען קעניג האט אויך פערנומען דער אסטראנאמישער שריפטשטעלער רבי אברהם ברבי חיא אלברגילוני (געבוירען 1065 געשטארבען 1136). ער האט פערנומען א שטעלע פון א פאליציי-מיניסטער און געהאט אויך דעם טיטול „נשיא“ (Zacnio al Scnorta). ציליעב זיינע אסטראנאמישע ידיעות, איז ער געווען זעהר אנגעזעהען און פלעגט האבען וכוחים מיט קריסטליכע גלחים, דערוויזענדיג זיי די ריכטיגקייט פון אידישען לוח.

חאטש די ערשטע העלפט פון צוועלפטען יאהרהונדערט איז זעהר רייך געווען אין שפאניען אין איינפלוסרייכע און וויסענשאפטליכע אידישע לייט, צווישען וועלכע עס זענען אויך געווען פיעל גרויסע בעלי-צדקה, פונדעסטוועגען האט דאך קיינער פון זיי נישט געקאנט פערגלייכען זיך מיט רב חסדאי אבן שפרוט, אדער רבי שמואל הנגיד, אין זייער טעטיגקייט, צו וועקען די שלאפעדיגע גייסטיגע כחות, צו שטיצען זיי און געבען זיי א געהעריגע ריכטונג. שטארק האט מען זיך שוין דעריבער ניט געניטיגט אויך צווישען די ספרדישע אידען, דען די אלגעמיינע תשוקה צום שטודיום, פארשען און דענקען, איז שוין געווען זעהר גרויס ביי אידען און זי האט זיך שוין מעהר נישט געניטיגט אין א דערוועקונג פון א הויכגעשטעלטער פערזענליכקייט און איהר שטיצונג. די איצטיגע עפאכע האט ארויסגעשטעלט ביי די אידען אין שפאניען א גאנצע רייהע פון בעריהמטע תלמודיסטען, דיכטער און פילאזאפען, וואס זייערע ווערק צייכענען זיך מייסטענס אויס דורך זייער פאלקאמענהייט אין יעדער הינזיכט. די קליינליכע קנאה, אויף וועלכע עס האבען זיך געהאט צו בעקלאגען מנחם בן סרוק און אבן גבירול, די פיינדליכע שטימונג צווישען רבי שמואל הנגיד און רבי יונה אבן גנאח, די מחלוקת צווישען אלפסי און אבן-אלבאליא — אט די טרויעריגע ערשיינונגען, וועלכע בעגלייטען תמיד די ערשטע קולטור-עפאכע, זענען איצט שוין גאר פערשוואונדען געווארען. צווישען די דיכטער האט געהערשט א ברידערשאפט און זיי אלע האבען בעזונגען יענע גרויסע לייט, וואס האבען פיעל אויפגעטהון אויך אויף אנדערע געביטען; זיי האבען געטרייסט און געשטיצט איינע די אנדערע און זענען געווארען אנ'אמת'ע ברידערליכע משפחה, און אט די אחדות און פריינדשאפט קאן דינען פאר'ן בעסטען בעוויז, אויף וואס פאר א הויכער שטופע די דאמאלדיגע אידישע קולטור איז געשטאנען.

גרויסע רבנים, מייסטענס אלפסי'ס תלמידים, האבען זיך בעשעפטיגט מיט פאעזיע און וויסענשאפטען. דער גרעסטער צווישען די רבנים פון יענער צייט איז געווען רבנו יוסף הלוי בן מאיר אבן מיגאש (געבוירען 1077 געשטארבען 1141). ער איז געווען אנ'אייניקעל פונ'ם שר אבן מיגאש פון סעווילא און א זוהן פון א תלמיד חכם. ווען ער איז אלט געווארען צוועלף יאהר, איז ער געקומען אין לוסענא, אין דער

ישיבה פון רבנו יצחק אלפסי, ביי וועלכען ער האט געלערנט פערצעהן יאהר. אלפסי האט זיך זעהר געפרעהט מיט זיין דאזיגען תלמיד און אין דער „סמיכה“, וואס ער האט איהם לסוף געגעבען, שרייבט ער: „אפילו אין משה'ס צייט איז זיין גלייכען נישט געווען“. ווען ער איז אלט געווארען דריי און צוואנציג יאהר, האט ער חתונה געהאט, און דער יונגער דיכטער רבי יהודה הלוי בעגריסט איהם מיט א שיר. פאר זיין טויט האט אלפסי געלאזען א צוואה, אז אבן מיגאש זאל זיין נאך איהם רב אין ליסענא, חאטש רבנו יצחק אלפסי האט געהאט אן אייגענעם זוהן, רבי יעקב, וועלכער איז אויך געווען א גרויסער תלמיד־חכם. אין געוויסע פאלען איז רבי יוסף אבן מיגאש געווען זעהר שטרענג.

אין יענער צייט איז שפאניען נעמליך געווען גלייך צו א שטירמישען ים, אין וועלכען עס ווארפען זיך די חוואליעס פון אלע זייטען איינע אויף די אנדערע. איבעראל האבען געהערשט פארטיי־קאמפפען און סכסוכים. אין די אראבישע פראווינצען האבען געפיהרט טיילוויז א געהיימען, טיילוויז א אפענעם קאמף די נאציאנאלע אראבער געגען די אלמאראווידען, דאס הייסט: די בערבערען, וואס זענען געקומען פון צפון־אפריקא און בעהערשט דאס לאנד. די קריסטען פון גראנאדא האבען געפיהרט א פערעטערישע פאליטיק און בשתיקה געשיקט שלוחים צום קעניג אלפאנזא פון אראגאניען, איינלאדענדיג איהם צו געהן אויף גראנאדא און פערזיכערענדיג, אז זיי וועלען זי איבערגעבען איהם אין די הענד. צווישען די קריסטען אין שפאניען, וואס האבען געלעבט אונטער א קריסטליכען קעניג, איז אבער אויך נישט געווען קיין אחדות. חאטש קאסטיליען האט זיך תחילת פעראייניגט מיט אראגאניען דורך דער הייראט פון אלפאנזא פון אראגאניען מיט אורראקא, די טאכטער פון אלפאנזא VI פון קאסטיליען, איז אבער דער פירוד געווארען דאדורך נאך גרעסער, ווייל דער שידוך איז נישט געווען קיין געלונגענער. איין פארטיי האט געהאלטען מיט'ן קעניג, א צווייטע—מיט דער קעניגין און א דריטע—מיט'ן יונגען פרינץ אלפאנזא דעם זיבעטען, וואס זיינע ערציהער האבען איהם דערוועקט ארויסצוטרעטען געגען זיין מוטער און דעם שטיעפפאטער. גאנץ אפט האט מען געקאנט זעהען, ווי קריסטען און מחמד'אנער קעמפפען צוזאמען אונטער איין פאהן געגען א קריסטליכען פירשט, אדער געגען א מחמד'אנישען עמיר. עס פלעגען שטענדיג געשלאסען ווערען נייע בונדען און באלד דערויף געבראכען ווערען. פאלשקייטען און פערעטערייען זענען געווארען א טעגליכע ערשיינונג, און די העכערע גלחים פלעגען אלע ווייל בייטען זייער פאהן, קעמפפענדיג היינט געגען זייער נעכטיגען פריינד, און מאכענדיג מארגען מיט איהם ווידער א בונד, כדי צו קעמפפען צוריק מיט א פריינד. די ספרדישע אידען זענען, בלי ספק, נישט געבליבען קיין זייטיגע צושויער אין דער דאזיגער אנארכיע; פרייוויליג אדער געצוואונגען האבען זיי געהאלטען מיט דער אדער יענער פארטיי, לויט ווי עס האבען

דאס געפאדערט די פאליטישע אינטערעסען און סימפאטיעס. אבער ווען די קריסטען און די מחמדאנער האבען זיך געקליבען צו פערראטען עמיצען, האבען זיי, אין פאל ווען די זאך וואלט נישט געלינגען, געקאנט געפינען שטיצע ביי זייערע מעכטיגע גלויבענס-ברידער. אזא שטיצונג האבען די אידען נישט געקאנט האבען און דעריבער איז זייער איינציגע הילף בעשטאנען אין אחדות צווישען ז.ך. פערראטעריי פון א אידען איז געווען געפעהרליך נישט בלויז פאר איהם, אדער זיין פארטיי, נאר פאר אלע אידען פון גאנצען לאנד, און דעריבער, ווען מען האט איינמאל אין לוסענא ענטדעקט א פערראטער, וועלכער האט געוואלט מסר'ן די גאנצע קהלה, האט רבי יוסף אבן-מיגאש, דער רב פון דער קהלה, בעפוילען צו פערשטיינען איהם אום יום-כפור פארנאכט. די דאזיגע שטרענגקייט פון רבי יוסף איז אבער געווען בלויז אין אזא אויסנאהמס-פאל, כדי נישט בלויז חשם מוסר אליין צו בעשטראפען, נאר אויך ווארפען א שרעק אויף אנדערע, אז עס זאלען קיין מוסרים נישט זיין. אין אלגעמיין איז אבער רבי יוסף אבן מיגאש געווען זעהר א מילדע נאטור, און ווען ער איז געשטארבען (1141) האט מען איהם שטארק בעקלאגט. רבי יוסף האט איבערגעלאזען נאך זיך א זוהן א תלמיד חכם, רבי מאיר, און זעהר פיעל תלמידים, צווישען זיי אויך רבי מיימון פון קורדובא, וואס זיין זוהן רבי משה האט שפעטער בעשאפען א נייע עפאכע אין דער אידישער געשיכטע.

אין דער מאס ווי עס האט זיך פערשטארקט ביי די ספרדישע אידען דער אינטערעס פאר'ן תלמוד, איז אבגעשוואכט געווארען דער אינטערעס פאר'ן תנ"ך און זיין ערקלערונג און פארשונג. מיט דער העברעאישער גראמאטיק האט מען זיך שוין איצט ווייניג בעשעפטיגט, אנשטאט דעם איז אבער די צייט רייך אין דיכטער. די העברעאישע שפראך איז פון דער צייט פון דונש בן לברט ביז דער איצטיגער אזוי גוט בעארבייט געווארען, אז מען האט שוין געברויכט נישט פיעל קונסט צו בעזיצען, כדי צו קאנען שרייבען אין איהר שירים לויט מאס און גראם. די קונסט-פארמען, וועלכע שלמה אבן גבירול האט פערברייטערט, האבען געפונען גוטע נאכמאכער. די מאדע פון די אראבער, איבערצוגעבען דעם אינהאלט פון א בריף צו א פריינד אין א קורצען שיר, האבען די אידען באלד איבערגענומען. דערצו האט מען אבער געדארפט בעזיצען די קענטניש, ווי אזוי א שיר צו שרייבען. ווער עס האט נאר נישט געוואלט בעקומען דעם נאמען „עם-הארץ" האט געמוזט אויסלערנען זיך מאכען א שיר. די צאהל פון די שירים, וואס שטאמען פון דער דאזיגער צייט, איז זעהר גרויס, אבער נאר נישט פיעל פון זיי ענטהאלטען אמת'ע פאעזיע. צו די בעסערע פון זיי געהערען רבי משה אבן עזרא, רבי יהודה אבן גיאת, רבי יהודה אבן-עבאס און רבי שלמה אבן-צאקבל.

רבי יהודה אבן עבאס איז געווען רב אין פעז (אפריקא; גע-

בּוירען 1080 געשט. 1153) אונ ער האט געשריבען מײסטענס פּזמונים אונ פּיוטים. מיט'ן גרעסטען דאמאלדיגען דיכטער רבּי יהודה הלוי איז ער געװעזען שטארק בּעפריינדעט. רבּי יהודה אבּן־גיאת האט געשריבען מײסטענס נור פּיוטים. דאגעגען רבּי שלמה אבּן־צאקבּל האט שוין געבּרויכט די אידישע פּאעזיע צו שילדערען אונ בּעזינגען די ליעבּע. אין דער הינזיכט איז ער געװעזען נאכאהמער פון אראבּישען דיכטער הרירי פון בּצרה, װאס זײן בּעריהמטער נאמען איז פון אױען איבּערגעטראגען געװארען קײן שפּאניען. רבּי שלמה אבּן צאקבּל האט אויפגעשריבּען א מין פּאעטישען ראמאן מיט'ן נאמען תּחכּמוני. דער העלד פון דעם ראמאן אשר בּן יהודה דערצעהלט טײלמאל אין פּראזא מיט גראמען, טײלמאל אין שירים (חרוזים). װי ער האט פריהער געלעבּט א לאנגע צײט אײנזאם אונ װאלד אלײן מיט זײן געליעבּטער; בּיסלעכװײז איז איהם אבּער די אײנזאמקײט נמאס געװארען, עס האט איהם אנגעהױבּען צו ציהען דאס הארץ צו דער געזעלשאפט, צו א גלעזעל װײן מיט חברים אונ אט אין דער צײט האט ער דערהאלטען א בּריװעלע פון אנ'אונבּעקאנטער שײנער פרוי, פול ליעבּע אונ ערגעבּענהײט. די פרוי האט איהם פארגעלעגט אויפצוזוכען זי, אונ ער האט זי לאנג געזוכט, לײדענדיג ליעבּע־שמערצען, בּיז מען האט איהם פערפיהרט אין א הארעם, װאו דער אײגענטימער האט איהם „מיט א מיענע פון א בּערבּער" געסטראשעט מיט'ן טויט. אין דער װירקליכקײט אבּער האט נאר די שענע פרוי איהם אבּגענארט, דען זי איז ניט געװעזען די אמת'ע שענהײט, װעלכע ער האט געליעבּט, נאר איהר דינסט, װעלכע האט איהם צוגעזאגט צו ערפילען אלע זײנע פערלאנגען. לסוף האט ער געמײנט, אז ער איז שוין בּײם ציעל: ער קומט צוזאמען מיט דער געליעבּטער, אבּער אויך דא װײזט זיך ארויס, אז דאס איז נישט זי אלײן אונ נאר אײנער פון זײנע פרײנד האט איהם אבּגענארט. אזוי געהט עס דער העלד פון אײן ענטטוישונג צו דער אנדערער אונ געפינט זיך נישט קײן רוה.—אט די קונסט־פארם האט אבּער װעניג פּאעטישעס אין זיך, זי איז נאר בּלויז א נאכאהמונג. צו בּעװאונדערן איז אבּער די לײכטקײט, מיט װעלכער דער שריפטשטעלער נוצט אויס די העבּרעאישע שפּראך אונ געפינט אין איהר די געלונגענסטע אויסדריקען פאר זײנע שפּאטערײען אונ ליעדלעך.

רײך בּעגאבּטע פערזענליכקײטען זענען געװעזען די פיער בּרידער אבּן עזרא פון גראנאדא, װעלכע זענען געװעזען רײך, אײדעל, געלערנט אונ גוט געאײבּט אין דער דיכטער־קונסט. דער עלטסטער פון זײ איז געװעזען אבּו איבּראהים רבּי יצחק, דער צװײטער אבּו הרון רבּי משה, דער דריטער אבּו לחסאן רבּי יהודה אונ דער אינגסטער אבּו־האדזשאזש רבּי יוסף. זײער פאטער רבּי יעקב האט געהאט א הויכע שטעלע בּײ'ם קעניג האבּוס, אדער ריכטיגער בּײ רבּי שמואל הנגיד. דער געשיכטע־שרײבּער, רבּי אברהם בּן דאוד, האט מיט

אדוד שפעטער געשריבען: „לויט זייער אידעלען כאראקטער און גייסט
האט מען געקאנט דערקענען, אז די פיער ברידער אבן עזרא האבען
געשטאמט פון דוד המלך". דער בעדייטענדסטער דיכטער צווישען זיי איז
געווען רבי משה אבן עזרא (געבוירען ארום 1070, געשטארבען ארום
1139), וועלכער איז געווען דער פרוכטבארסטער דיכטער פון זיין צייט. ער
האט פערבראכט אן'אונגליקליך לעבען צוליעב דעם, וואס ער האט גע־
ליעבט די טאכטער פון זיינעם א ברודער, וועלכע האט איהם אויך געליעבט,
אבער די ברידער זענען אלע געווען געגען דעם שידוך. ער האט זיך דער־
ריבער צוקריגט מיט זיינע ברידער, פערלאזען דעם פאטערס הויז און זיך
געלאזט וואנדערען אין פארטוגאל און קאסטיליען, געפייניגט דורך זיין
אונבעפרידיגטער ליעבע. ער האט געפרובט זיין וועהטאג דערשטיקען
דורך שטודיום פון וויסענשאפט. דורך דער וויסענשאפט און זיין דיכטונג
האט ער בעקומען זעהר פיעל פריינד און פערעהרער. דער שר רבי שלמה
אבן-קאמניאל איז אויך געווען צווישען זיינע ערגעבענע פריינד און
האט איהם ארויסגעוויזען זיין פריינדשאפט דורך פיעל וואהלטעטיגקייט.

רבי משה אבן-עזרא איז אין פיעל הינזיכטען געווען גלייך צו
רבי שלמה אבן-גבירול, דען ער קלאגט זיך אויך אויף די פערדע־
טעריי, קנאה און אכזריות פון די מענשען; ער פלעגט צייטענווייז זינגען
אויך פרעהליכע ליעדער און דיכטען עפיגראמען. אין אלגעמיין אבער
שטעהט ער אלס דיכטער פיעל נידריגער פון אבן גבירול. אין זיין פא־
עזיע שפירט זיך פיעל געקינסטעלטקייט און אנגעשטרענגטקייט. זיינע ביל־
דער זענען שוואך, זיינע פערזען — אפט הארט און מליצה'דיג און ס'פעהלט
זיי דער שענער קלאנג, די מאס, די ליעבליכקייט און פרישקייט. דאגעגען
דארף מען בעוואונדערען די לייכטקייט, מיט וועלכער ער האט בעארבייט
די שפראך, און זיין פרוכטבארקייט, מיט וועלכער ער האט די העברעאישע
פאעזיע בערייכערט. ער האט געדיכטעט א גרויסען ציקל ליעדער, וועלכען
ער רופט אן די „פערלשנור" („ענק" אדער „תרשיש"), וועלכע איז בע־
שטאנען פון 1210 פערזען אין צעהן אבטיילונגען, געווידמעט זיין וואהלטע־
טער אבן-קאמניאל. אין די דאזיגע ליעדער בעזינגט דער דיכטער
דעם וויין, די ליעבע און די לעבענס-פרעהליכקייט, דאס פערברענגען אין
געזעלשאפט אונטער בליהענדע בוימער און לוסט-גערטנער ביים זינגען
פון די פויגלען; טיילמאל אבער קלאגט ער זיך אין זיי אויף דעם געצוואונ־
גענעם שיידען זיך פון די פריינד, אויף אונגעטריישאפט, און בעוויינט דאס
לעבען, וואס געהט אוועק, אבטרעטענדיג פאר'ן עלטער, וואס קומט און;
ער דערמאנט אויך, אז מען ברויכט צו האפען צו גאט און ריהמט זעהר
די דיכטערישע קונסט. נעבען דעם דאזיגען קראנץ האט ער אבער געדיכ־
טעט נאך דריי הונדערט ליעדער פון העכער צעהן טויזענד פערזען (גע־
זאמעלט אין א דיוואן) און, ענדליך, ביז צוויי הונדערט תפלות, סליחות
און פיוטים פאר ימים נוראים, וועלכע זענען איינגעפיהרט געווארען אין
די ספרדישע שוהלען. ער האט אויך מחבר געווען אויף אראביש א ספר

ווענען דער דיכטער־קונסט (רהעטאריק) מיט'ן נאָמען: „געשפּרעכען און זכרונות", וואָס קאָן אויך בעטראַכט ווערן, אַלס אַ ליטעראַטור־געשיכטע פאר דער אידיש־שפּאַנישער פּאָעזיע. די שוואַכסטע אַרבייט פון רבי משה אבן־עזרה איז געווען זיין פילאָזאָפיש ווערק אין העברעאיש, אין וועלכען מען געפינט גישט קיין נייעס, נור אַן ערקלערונג פון דער אַראַבישער פילאָזאָפיע, לויט ווי מען האָט זי פערשטאַנען אין יענער צייט.

רבי יהודה הלוי.

די גלענצענדסטע פּערזענליכקייט פון יענער עפּאָכע און איהר הויפּט־טרעגער איז געווען אַבול האַסאַן יהודה בן שמואל הלוי (געבוירען אַרום 1086) וועלכער האָט איבערגעשטיגען מיט זיין בעציזבערעדער דיכטערישער קונסט אַלע דיכטער פון זיין צייט. און אויך אַלס דענקער געהערט ער צו די, וועלכע האָבען אַריינגעבראַכט אין דער וועלט נייע געדאַנקען און אידעען. רבי יהודה הלוי האָט געהערט צו די אויסגעוועהלטע מענשען, וואָס ווערען זעלטען געבוירען, זיין לעבען איז געווען קלאָר און ריין; ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענע פּערזענליכקייט, אַ פאָלקסמער דיכטער, אַן אָריגינעלער דענקער און אַ ווערטער זוהן פון יודענטום, וועלכען ער האָט דורך זיין דענקען און דיכטען פערפייערט און אידעאַליזירט.

ריין און אמת גאַנץ אָהן פלעקען,
איז זיין ליעד, ווי זיין נשמה.
ווען דער שעפער האָט בעשאַפען
אָט די זעעלע, גאַנץ צופרידען
האָט ער איהר געקושט, די שענע
און דעם זיסען קלאַנג פון קוש
הערט מען אין דעם ליעד פון דיכטער,
וואָס איז הייליג דורך גאָט'ס גנאַד *)

געבוירען אין שפּאַניען, האָט רבי יהודה הלוי געלערנט תורה אין לוסענא, אין בית־המדרש פון רבי יצחק אלפסי, ווייל אין קאַסטיליען און אין צפון־שפּאַניען זענען נאָך דאַמאָלס געווען זעהר ווייניג גרויסע אויטאָריטעטען אין תלמוד. דער דיכטערישער גייסט האָט זיך אין איהם דערוועקט, ווען ער איז נאָך גאָר יונג געווען. זייענדיג אין אַנדאַלוזיען, האָט דער יונגער דיכטער זיך בעקענט אויך מיט דער משפּחה אבן עזרא אין גראַנאַדאַ און, ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגען דער טרויעריגער ליעבע פון רבי משה אבן עזרא, וועלכע האָט איהם געטריבען אויף דער וואַנדערשאַפט, האָט ער איהם צוגעשיקט אַ טרייסט־ליעד. דער אַלטער דיכ־

*) היינריך היינע „ראָמאַנצעראָ".

טער האָט באַלד אין איהם דערקענט דעם גרויסען קינסטלער און האָט איהם געענטפערט מיט אַ ליעד, אין וועלכען ער דריקט אויס זיין בעוואונדערונג, וואָס אַ יונגער אינגעל האָט איבערגעשטיגען די אַלטע דיכטער. דער יונגער דיכטער האָט אויך פערזוכט דעם וועהטאָג פון דער נישט־בעפרידיגטער ליעבע, און ער האָט בעזונגען די טויבען־אויגען פון זיין געליעבטער, איהרע רויזען־ליפּען און ראָבען־שוואַרצע האָר. זיינע ראָמאַנטישע ליעדער זענען פול יוגענדליך פייער און פאַנטאַזיע.

אויסער דיכטונג און טיפער קענטניש פון דער העברעאישער שפּראַך, האָט זיך יהודה הלוי פערטיפט אויך אין די נאַטור־וויסענשאַפטען פון זיין צייט און אין דער פילאָזאָפיע, האָט געשריבען פיין אַראַביש און איז אויך בעזעסען די קאַסטיליאַנישע, שפּאַניש־קריסטליכע שפּראַך. זיין פרנסה האָט ער געהאַט פון דער מעדיצין; זיין בעציהונג צו זיין מעדיצינישער פּראַקטיק זעהט מען פון אַ בריף, וואָס ער האָט געשריבען צו אַ פריינד, אין וועלכען ער זאָגט „די צאָהל פון די, וואָס גלויבען אין אַלץ, איז זעהר גרויס. בכן מוז איך מיך בעשעפטיגען מיט די נאַרישקייטען פון דער מעדיצין אפילו אויך אין די שעה'ן, וועלכע געהערען נישט צום טאָג, נישט צו דער נאַכט — — — איך בעט מיין גאָט, אַז ער זאָל מיר די פרייהייט ווידער צוריקגעבען. איך זאָל רוהיג אין אַן אָרט פון דער לעבעדיגער וויסענשאַפט צום קוואַל פון דער חכמה וואַנדערן קאָנען.

די הויפּט־בעדייטונג פון רבי יהודה הלוי'ס פּאָעזיע ליגט אין זיין נאַציאָנאַל־רעליגיעזער שעפּפונג. אין דער התלהבות, מיט וועלכער ער בעזינגט די אַמאָליגע און צוקונפטיגע הערליכקייט פון ציון און קלאָגט וועגען איהר איצטיגער שפלות. רבי יהודה הלוי'ס ציונם לידער דערמאָהנען אָן די אַלטע תהלים־געזאַנגען. ווען ער גיסט אויס זיין וועהטאָג וועגען ציון'ס אלמנות'שאַפט, אָדער ווען ער טרויסט וועגען ציון'ס צוקונפטיגער גרויסקייט, דוכט זיך, אַז מען הערט אַ תהלים־געזאַנג פון די בני קרח. דעריבער ווירקען זיינע לידער אויף דעם לעזער מיט אַ פיעל שטאַרקערער קראַפט, ווי אבן גבירול'ס קלאַנגען אויף זיין פערזענליכען עלענד, אָדער משה אבן עזרא'ס שמערץ וועגען זיין געליבטער. יהודה הלוי'ס טרויער וועגען זיין הארצענס־געליבטער ציון לאָזט קיין אידיש הארץ נישט אונבעריהרט. — זיין דיכטונג בעקומט נאָך אַ גרעסערען ווערט דורכדעם, וואָס זי איז נישט בלויז אַ פּראָדוקט פון שטימונג, נאָר אויך פון טיפען דענקען און איבערצייגונג. ער האָט, קאָן מען זאָגען, געפונען דעם גייסטרייכען אויסדרוק פאַר'ן נאַציאָנאַלען געדאַנק פון יודענטום. ער שטעלט אַרויס נייע אָריגינעלע אידעען וועגען די בעציהונגען צווישען גאָט און מענש און וועגען די בעדייטונג פון יודענטום אין פערגלייך מיט'ן קריסטענטום און דעם איסלאַם. פאַר די אַלע דאָזיגע פראַגען געפינט ער אַ לעבעדיגען, וואַרעמען און געוואַלדיג ווירקענדען טעמפּער. אויב אין זיינע לידער הערען מיר דעם אָבקלאַנג פון תהלים, הערען מיר אין זיין געדאַנקען־גאַנג דעם

אבקלאַנג פון ספר איוב. פון איוב און פון דעם פילאָזאָף פלאַטאָ האָט הלוי גענומען די פאָרם פון זיין רעליגיעז-פילאָזאָפישען סיסטעם, פאָרצוטראָגען זיינע געדאַנקען נישט בלויז אין דיאַלאָגען, נאָר אויך איינצופלעכטען זיי אין אַ געשיכטליכער ערצעהלונג, פערשטאַרקענדיג דאַדורך דעם אינטערעס צו די בעטראַכטעטע פראַגען. ווי ער האָט עס געמאַכט אין זיין וואונדער-באַרען ספר מיט'ן נאָמען „הכוזרי“, וואו ער דריקט אויס די פיינסטע גע־דאַנקען וועגען יודענטום אין בעציהונג צום קריסטענטום און איסלאַם, ווי אויך צו דער לעהרע פון די קאַראַאימען, אין אַ פאָרם פון אַ דיאַלאָג געשרי־בען אין אַראַביש, אויפ'ן גרונד פון דעם בעקאַנטען געשיכטליכען עפּיזאָד פון יענער צייט, די מעשה מיט דעם מלך הכוזרים, וועלכער האָט זיך מגייר געווען. אַט דעם כאַזאַרען-קעניג האָט עס רבי יהודה הלוי גענומען פאַר אַ העלד פון זיין ווערק, צוליעב וואָס ער האָט עס אויך אַ נאָמען געגעבען „הכוזרי“. די לעגענדע בעשטעהט בקיצור אין דעם, אַז דער קעניג פון כאַזאַרען-לאַנד, וועלכער איז געווען אַ געצענדינער, האָט גערופען צו זיך פאַרשטעהער לכתחלה נאָר פון קריסטענטום און איסלאַם, וועלכע זאָלען איהם אויפקלערען די יסודות פון זייערע אמונות. פון יודענטום האָט ער נישט געפונען פאַר נויטיג צו רופען, וויסענדיג דעם שפל המצב פון די אידען. זעהענדיג אָבער אַז ביידע צדדים, דער קריסטליכער און מחמד'אַני־שער בעציהען זיך אויף דער אידישער תורה, האָט ער גערופען אויך אַ אידישען „חבר“ (למדן), וועלכער האָט ענטוויקעלט פאַר דעם קעניג די יסודות און אידעאַלען פון יודענטום, וואָס האָט זעהר שטאַרק נושא חן געווען ביי איהם און ער האָט זיך מגייר געווען. אַט די לעגענדע האָט עס רבי יהודה הלוי גענומען פאַר אַ פונדאַמענט פון זיין גראַנדיעזעס ווערק, אַריינגעבענדיג אין מויל פון דעם אידישען פאַרשטעהער, פון דעם „חבר“, די פיינסטע אויפקלערונגען וועגען יודענטום.

מיט זיין פיינער פילאָזאָפישער אַנשויאונג איז רבי יהודה הלוי געשטאַנען איינציג אליין נישט בלויז אין זיין צייט, נאָר אויך אין פיעל יאָהרהונדערטען פאַראויס. וועהרענד די דענקער פון זיין צייט, אידען, קריסטען און מחמד'אַנער, רבנים, גלחים און אולעמאַ'ס, האָבען זיך געבויגען פאַר'ן גריכישען אריסטאָטעל און בעמיהט זיך אויסצודריגען פון די פסוקים פון תנ"ך פערשידענע אַלעגאָריעס און זיך צו צופאַסען צו דער וועלט-אַנשויאונג פונ'ם גריכישען פילאָזאָף, האָט רבי יהודה הלוי געהאַט דעם מוט צו שטעלען אַ נאַטירליכע גרענעץ דעם מענשליכען דענקען און ערקלערען: „אַט ביז אַהער און נישט אַ שריט ווייטער!“ די פילאָזאָפיע — האָט ער ערקלערט, — האָט נישט קיין רעכט אַרויסצוטרעטען געגען גע־שיכטליכע פאַקטען, נאָר זי מוז זיי אָנערקענען אַלס זיכערע וואָהרהייטען און ערשט פון אַט דעם אויסגאַנגס-פונקט בעלייכטען די געשעהענישען דורכ'ן אַבסטראַקטען דענקען. פונקט ווי אין דער נאַטור-וויסענשאַפט קאָן דאָס דענקען נישט אָבלייקענען די פאַקטען און ערשיינונגען, ווי אונפער־

שטענדליך און איבערראשענד זיי זאלען אונז נישט ערשיינען, נור מען מוז זיך בעמיהען זיי צו פערשטעהן, אזוי איז עס אויך אויף דעם געביט פון רעליגיעזען דענקען. דעם דאזיגען געדאנק, וועלכער איז ערשט נאך פיעל בלאנדזשענישען און טעותים אנערקענט געווארען אין דער נייעסטער צייט, האט רבי יהודה הלוי ארויסגעשטעלט דער ערשטער. זיין בעציהונג צו דער גריכישער פילאזאפיע דריקט ער אויס אין א שיר:

> דורך גריכישע חכמה לאז דיך נישט פערפיהרען:
>
> זי האט נישט קיין פרוכטען, נאר שענע געבליטען.

די נידריגע לאגע פון אידישען פאלק, האט ער אנגעוויזען, קאן בשום אופן נישט דינען פאר א בעווייז געגען דעם יודענטום, ווי די פאליטישע מאכט פון די קריסטליכע און מחמד'אנישע פעלקער דיענט נישט פאר א בעווייז פון דער ריכטיגקייט פון זייערע אמונות. ארעמקייט און עלענד, וועלכע זענען אזוי שטארק פעראכטעט אין די אויגען פון מענשען, שטעהען פיעל העכער אין גאט'ס אויגען, ווי אויפגעבלאזענע גדלות און גאוה מיט דער מאכט פון פויסט. די דאזיגע וואהרהייט, זאגט ער, איז דאך אויך דער יסוד פון ישו'ס לעהרע. און אויך די מחמד'אנער לויבען די פיעל יסורים, וואס זייערע גדולים זענען אויסגעשטאנען פאר דער אמונה. דער גרעסטער יסורים-ליידער איז אבער דאס אידישע פאלק, דען עס איז דאס הארץ פון דער מענשליכקייט, און פונקט ווי דאס הארץ שפירט יעדען פעהלער, יעדע קראנקהייט אין מענשליכען ארגאניזם, אזוי ליידען די אידען פון יעדען פעהלער אין דער מענשהייט. דעם דאזיגען געדאנק האט ארויסגעזאגט דער נביא ישעיה, ווען ער זאגט וועגען דעם אידישען פאלק: „עס טראגט אונזער קראנקהייט און ליידט פון אונזערע פעהלערען“. אבער נישט אכטענדיג אויף זיין גרויסען עלענד, איז דאס אידישע פאלק נישט אבגעשטארבען; עס איז פייל מעהר גלייך צו א חולה מסוכן, פון וועלכען דער דאקטאר האט זיך שוין אביגעזאגט, ווייל מיט זיין נאטירליכער קונסט קאן ער איהם נישט העלפען, און דער חולה ערווארט זיין ישועה נור דורך א וואונדער. די צושפרייטונג פון אידישען פאלק איבער דער גאנצער וועלט איז נישט קיין צופאל. גאט אליין האט עס אזוי געמאכט, ווייל איבעראל, וואו דאס לעבען ווערט פערפוילט און שלעכט, ערשיינען די פרישע שפראצונגען פון אידישע קערנער און בענייען די וועלט. ווי די פעלקער וועלען נאך א מאל אנערקענען די דאזיגע גרויסע בעדייטונג פונ'ם אידישען פאלק, וועלען זיי זיך בעציהען מיט דער גרעסטער פערעהרונג צום אלטען שטאם, וועלכען זיי האבען פריהער אזוי שטארק פעראכטעט. דאן וועלען זיי זיך מיט די אידען פעראייניגען אין דער מלוכה פון משיח, וועלכע וועט זיין די גרויסע פרוכט פונ'ם אידישען שטאם-בוים.

אין אזא שענער פארם האט נאך קיין דענקער און דיכטער פאר רבי יהודה הלוי נישט בעלויכטען דאס יודענטום.

רבי יהודה הלוי האט נישט געהערט צו יענע, וועלכע דענקען

שׁען און ווירקען נידעריג. ווי נאָר ער האָט זיך איבערציינט, אַז די העבּרעאישע שפּראַך איז אַ כּלי, געווידמעט אַ הייליגען אינהאַלט, האָט ער זיך אָבגעזאָגט אויסצונוצען זיין דיכטערישע קראַפֿט, כּדי נאָכצומאַכען די אַראַבּער און זייער פּאָעזיע, און קומענדיג אויך צו דער איבערציינגונג, אַז דאָס הייליגע לאַנד, ארץ־ישראל, איז דער הויפּט־קוואַל פֿון דער נבואה, פֿון דער גייסטיגער מענשליכער אויפֿקלערונג און דערהויבונג, האָט ער זיך בּעשלאָסען נאָר דאָרט צו לעבּען. בּאַלד נאָכ'ן ענדיגען זיין פֿילאָזאָפֿיש ווערק „הכוזרי“, איז אין איהם פֿערטיג געוואָרען דער בּעשלוס צו געהן קיין ארץ־ישראל.

די דאָזיגע שטרעבּונג צו ציון האָט זיך אויסגעגאָסען אין אַ גאַנצער רייהע גלענצענדע שירים. די „ציונ'ס־ליעדער“ פֿון הלוי זענען די שענסטע בּלומען פֿון דער דאַמאָלסדיגער ניי־העבּרעאישער פּאָעזיע:

„אָה, קעניגס־שטאָדט פֿון אַלדי צייטען,
„ווי גאַרט נאָך דיר מיין הערץ פֿון ווייטען!
„וואו נעהם איך פֿליגלען, שטראַקס צו פֿליהען,
„מיין בּלוטיג האַרץ צו דיר צו טראָגען,
„צו קושען היים דיין שטויבּ, דיין בּאָדען,
„בּעפֿייכטען איהם מיט מיינע טרעהרען“!...

אַט דאָס איז דער אַלגעמיינער טאָן פֿון הלוי'ס „ציונ'ס ליעדער“. די אידישע אַלטע געשיכטע ערשיינט אין זיינע ליעדער אין אַ וואונדערליך אידעאַליזירטער געשטאַלט, בּעפּוצט מיט קרוינען פֿון דערנער און זונענשטראַהלען. הלוי'ס ליריק דערוועקט אינ'ם האַרצען פֿון לעזער געפֿיהלען פֿון טיעפֿען ווייעהטאָג, אָבּער אויך פֿון ליכטיגער האָפֿנונג און שמחה, אַ געמיש פֿון קינדיש־גליקליכע חלומות און פֿעסטער איבּערציינגונג. דער דיכטער־פֿילאָזאָף פֿיהלט זיך צוגעבּונדען ווי מיט אייזערנע קייטען צו דער אַלטער היים פֿון זיין פֿאָלק און ער קאָן זיך פֿון איהר נישט בּעפֿרייען, און אַז בּרענגט ער די גרעסטע קרבּנות, ער פֿערלאָזט אַלץ, וואָס איז איהם ליעבּ און טייער—זיין איינציגע טאָכטער, זיין איינינקעל, וועלכען ער ליעבּט „ווי דעם שוואַרצאַפּעל פֿון זיין אויג“, זיין ישיבה מיט די געליעבּטע תּלמידים, וועלכע ער האָט ערצויגען, זיינע פֿיעל פֿריינד און פֿערעהרער—ער שטרעבּט צו בּרענגען זיין האַרץ אַ קרבּן אויפֿ'ן אָרט „וואו די שכינה פֿלעגט ערשיינען און וואו עס רוהען די גרויסע אבות“.

זיין רייזע קיין ארץ־ישראל איז געווען אַנ'אמת'ע טריאומף־רייזע. אין בּעראַל האָבּען איהם מקבּל פּנים געווען פֿיעל פֿערעהרער און אַרויסגעוויזען זייער ליעבּע און אַכטונג. צוזאַמען מיט איינינגע געטרייע בּעגלייטער האָט זיך רבּי יהודה געזעצט אויף אַ שיף, וואָס איז אָבּגעגאַנגען קיין מצרים (אַרום 1141). איינגעשלאָסען צווישען די ענגע ברעטער אין שיף, „לעבּעדיג בּעגראָבּען אין אַ קאַסטען, געצוואונגען צו זיצען, נישט קאָנען זיך שטעלען און ליגען, נישט האָבּענדיג קיין מעגליכקייט די פֿיס אויסצו־

ציהען, געצוואונגען צו הערען דאָס אָבשפּאָטען פון די שיפער און ליידענדיג ים־קרענק—געפינט דער דיכטער גענוג גייסטעסקראַפט צו זינגען זיינע שענסטע לידער. ארום איהם שטורמט דער ים, דאָס קליינע שיף איז א שפּיעלכעל פאַר די מורא'דיגע חוואַליעס, צווישען דעם דיכטער און דעם טויט איז „נור א שפּאַן ווייט", און זיין פעדער לויפט איבער'ן פּאַפּיער און שילדערט דאָס ארומיגע ערהאַבענע בילד מיט א קראַפט, וואָס האָט זעלטען איהר גלייכען:

„עס שטורמט דער ים
„און פייער און פלאַם—
„דאָך איז מיין זעעלע גליקליך:
„צום הייליגטום פליהט זי,
„אלץ נעהנטער קומט זי
„צום מקדש פון גאָט!

א לאַנגע צייט האָט דאָס שיף געקעמפפט מיט די חוואַליעס און ערשט ארום סוכות־צייט איז זי געקומען קיין אלעקסאַנדריען. דאָרט איז רבי יהודה ארויסגעשטיגען אויפ'ן ברעג מיט'ן פעסטען בעשלוס, צו רוהען נאָר א קורצע צייט, כדי באַלד נאָכדעם ווידער צו לאָזען זיך אין וועג צו זיין ציעל, וועלכען ער האָט זיך געשטעלט. אָבער ווי נאָר די אָרטיגע אידען האָבען זיך דערוואוסט, וואָס פאַר אַן אורח זיי האָבען, זענען צו איהם ארויסגעקומען אויף קבלת־פּנים די אָנגעזעהענסטע לייט פון דער קהלה בראש מיט'ן אָרטיגען רב און מעדיקער רבי אהרן בן ציון אבן אלעמאני, וועלכער איז געוועזען זעהר רייך און אליין אויך א דיכטער: ער האָט באַלד אריינגענומען רבי יהודה צו זיך פאַר א גאַסט און בעוויזען איהם דעם גרעסטען כבוד און די אמת'ע ליעבע און אַכטונג. רבי יהודה האָט באַלד נאָך יום־טוב געוואָלט לאָזען זיך ווייטער אויף דער רייזע, אָבער רבי אהרן און זיין הויזגעזינד האָבען געטהון אלץ, וואָס זיי האָבען נאָר געקענט, כדי צו פערהאַלטען דעם דיכטער ביי זיך לענגער. אזוי ארום האָט ער געקאָנט פערלאָזען אלעקסאַנדריען ערשט נאָך חנוכה. כמעט מיט געוואַלד האָט זיך דער דיכטער אָבגעריסען פון זיינע נייע פריינד און איז אָבגעפאָהרען אין דער האַפען־שטאָדט דאַמיעטע, וואו ער האָט זיך בעגעגענט מיט זיין גוטען פריינד פון שפּאַניען רבי חלפון הלוי. אָבער דאָרט האָט ער געמוזט ענדערען זיין רייזע־פּלאַן, ווייל דער אידישער פירשט אבו־מאַנסור, רבי שמואל בן חנינה, וועלכער האָט גע־האַט א הויכע שטעלע ביי'ם מצרים'ער כאַליף, האָט געשיקט צו איהם א בריף, אין וועלכען ער האָט איהם דרינגענד געבעטען אָנצונעהמען זיין גאַסט־פריינדשאַפט אין קאַיראָ.

אבו־מאַנסור האָט געוואוינט אין פּאַלאַץ פון כאַליף און איז געוועזען דער „נגיד" איבער אלע אידישע קהלות אין מצרים, און ער האָט געקאָנט נוצליך זיין פאַר רבי יהודה הלוי מיט זיינע בריעף, וואָס ער האָט

געזאלט איהם געבען קיין א״י-ישראל; רבי יהודה האט דעריבער אנגענומען די איינלאדונג צו קומען צו איהם, אבער קיין מתנות האט ער פון איהם נישט געוואלט נעהמען. ווען די פריינד האבען איהם דארט געוואלט אבהאלטען פון דער שווערער רייזע, וועלכע איז געווען פערבונדען מיט גרוים געפאהר, און איהם אנגעוויזען, אז אויך אין מצרים האט די שכינה זיך ענטפלעקט, האט ער בעשענטפערט, אז „דארט איז זי נאר אנ׳אורח געווען, אין ארץ-ישראל אבער האט זי איהר שטענדיגע וואהנונג געהאט“. נאך א קורצען פערוויילען אין קאירא, איז רבי יהודה ענדליך אבגעפאהרען קיין ארץ-ישראל.— אין יענער צייט האבען אין ירושלים געקעניגט די קריסטליכע קרובים פונ׳ם ערשטען קרייצפאהרער גאטפריד פון בוילאן און זיי האבען ערלויבט די אידען צו וואהנען אין ארץ ישראל און אפילו אויך אין ירושלים גופא. די געגענד אין היילינגען לאנד איז דאמאלס געווען רוהיג, ווייל די דאמאלדיגע קריסטען זענען זעהר פויל געווען און האבען אליין געשיקט אבצאהלונגען צו די מחמד׳אנער, אבי זיי זאלען זיי לאזען צורוה. די אידען זענען אויך געווען אנגעזעהען אין פאלעסטינא אין די קליינע הויפען פון די קריסטליכע פירשטען, און איינער בישאף האט זיך אפילו געקלאגט, אז דורכ׳ן איינפלוס פון זייערע פרויען ליעבען זיי בעסער איינצולאדען אידישע, שמרונישע אדער סאראצענישע רופאים איידער קריסטליכע — מסתמא, זענען די קריסטליכע רופאים דאמאלס געווען שארלאטאנעס און נישט בעקאנט מיט דער מעדיצין.

ווי עס שיינט, איז רבי יהודה געקומען קיין ארץ-ישראל און איז געווען אין ירושלים נאר א קורצע צייט. זיין וויטערדיגע לעבענס-געשיכטע איז אונז געבליבען אונבעוואוסט. די לעצטע שפורען זיינע פיהרען קיין צור, וואו די אידישע קהלה האט איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד און ער דאנקט אין א ליעד „צור מיט איהרע חכמים, וועלכע האבען ווי א זיעגעל זיך איינגעקריצט ביי איהם אין הארצען“. אין אנ׳אנדער שיר קלאגט ער זיך אויף זיינע געטוישטע האפנונגען:

„נישט די וואלקען האבען זיך געשפאלטען,
„מיינע אויגען גיסען טייכען טרעהרען.
„שטיל, איהר פריינד! דאס פייער
„פון מיין זיפץ ברענט אונגעהויער;
„טרייסטער, האלט! איהר וועט פערגעהן
„פון געוויין.—

עס איז דאס הארץ-געשריי פון א העלד, וואס איז אין נישט גלייכען קאמף געפאלען. זיין לעצט ליעד הערען מיר נאך פון דמשק — אנ׳עכט תהלים-געזאנג וועגען ציון, וואו עס גיסט זיך אויס דאס גרויסע שטרעבען און גארען פונ׳ם דיכטער נאך דאס אמאליגע ירושלים. דאס יאהר, ווען דער דיכטער איז געשטארבען, ווי אויך זיין קבר איז אונז געבליבען אונבעוואוסט. די לעגענדע האט בעפוצט זיין טויט אויף איהר שטייגער: א

סחמד'אנישער ריטער זאל איהם האבען דער'הרג'עט, ווערהרענד ער האט זיין ליעד „ציון" געזונגען ביי די חורבות פון ירושלים. אויך זיין קבר וויל מען האבען געפינען, וואו א אונבעוואוסטער פערעהרער האט אויף דער מצבה אויסגעקריצט די פאלגענדע ווערטער:

„פרומקייט אונגערעכטיגקייט,
„בעשיידענהייט און אידעלקייט
„זאגען. „מיט יהודה
„זענען מיר פערשוואונדען"".

די דאזיגע ווערטער דר. קען אבער נאר אויס א גאנץ קליינעם טייל פון דער גרויסער פערזענליכקייט פונ'ם דיכטער. יהודה הלוי איז געווען דאס אידעאליזירטע בילד פונ'ם בעוואוסטזיניגען אידישען פאלק, וועלכעס שטרעבט זיך צו געפינען א קינסטלערישען אויסדרוק אין זיין פערגאנגענהייט און צוקונפט.

פיערטעס קאפיטעל.

דער צווייטער קרייצצוג

און דער ערשטער בלוט-בלבול געגען אידען.

(פון 46 ביז 1171)

די רוהיגקייט, וואס די אידען האבען גענאסען אין שפאניען, האט ארויסגעגעבען די שענסטע בליטען פון דער אידישער קולטור. אבער אויך די גינסטיגע לאגע פון די אידען אין פראנקרייך האט מיטגעווירקט צו ענטוויקלען א גייסטיגען לעבען, האטש שוין גאר אין אן אנדער ריכטונג, אין וועג, וואס רש"י האט אויסגעטראטען אין שטודיום פון תלמוד. ווי אונטער לודוויג דעם פרומען, האבען די אידען אין צפון-פראנקרייך, אין דער רעגירונג פון די קאפעטינגישע מלכים. לודוויג דעם זעקסטען און דעם זיבעטען, אין דער ערשטער העלפט פון צוועלפטען יאהרהונדערט געלעבט גאנץ רוהיג און אין וואוילשטאנד. זיי האבען געהאט נישט בלויז היזער, נאר אויך פעלדער און ווייןגערטנער, וועלכע זיי פלעגען בעארבייטען אליין, אדער מיט דער הילף פון קריסטליכע קנעכט. די שטאדט פאריז איז דאמאלס אפילו געווען נאך נישט קיין גאנץ גרויסע, אבער א העלפט היזער האבען שוין דארט געהערט צו די אידען. די אידישע קהלות האבען געהאט אנ'אויטאנאמיע מיט אנ'אייגענעם בירגערמייסטער מיט'ן טיטול „פרעוואָ" (נגיד), וועלכער האט אויך געהאט דאס רעכט צו פערטיידיגען די אידישע אינטערעסען געגען די קריסטען און צווינגען אפילו אויך דורך ארעסט די קריסטליכע בעלי-חובות אבצוגעבען די אידען די חובות, וואס זיי זענען זיי שולדיג געווען. דעם אידישען „פרעוואָ" פלעגט די קהלה אליין אויסקלייבען, אין דער קעניג, אדער דער באראן, ווען

די שטאדט האט געהערט. פלעגט די וואהל בעשטעטיגען. די אידען פלעגען אפט קומען אין קעניגליכען הויף און פלעגען דארט פערנעהמען אנגעזעהענע שטעלען. רבנו יעקב תם, די גרעסטע רבנישע אויטאריטעט פון יענער צייט, איז געוועזען א גרויסער חשוב ביים קעניג.

אין דער דאזיגער גינסטיגער צייט האבען די אידען געקאנט אונגעשטערט זיך ווידמען דעם לערנען תלמוד, לויט ווי רש"י האט חאטש וועג-דערצו געוויזען. דער טויט האט אונטערגעריסען רש"י'ס ארבייט אין רעכטען מיטען; ווען זיין פירוש צום תלמוד איז נאך נישט געווען געענדיגט. זיינע תלמידים האבען די דאזיגע אויפגאבע זיך גענומען ערפילען. זייער אבשיי פאר רש"י איז אבער גרויס געווען, אז זיי האבען זיך נישט דערוויאויגען צו מאכען זייער ארבייט אלס פארטזעצונג פון זיינע, נאר זיי האבען עס גערופען „תוספות", וואס הייסט „צוגאב", און זיי האבען דעריבער געהייסען די „בעלי התוספות". זייער ארבייט האט זיך אויסגעצייכענט מיט שטארקע בקיאות און שארפזינניגקייט. יעדער מאמר פון תלמוד איז דורך זיי אנאליזירט געווארען דורך קשיות און תירוצים, סתירות און פאראלעלען פון איין ארט מיט א צווייטען.

דער קרייז פון די ערשטע „בעלי התוספות" זענען געווען מייסטענס רש"י'ס קרובים, זיינע איידעמס, רבי מאיר בן שמואל פון רומרו און רבי יהודה בן נתן (ריב"ן); ווייטער, זיינע דריי איניקלעך: רבי יצחק (דער ר"י), רבי שמואל בן מאיר (רשב"ם) און רבנו יעקב תם (אלע דריי, רבי מאיר'ס זיהן) און, ענדליך, רבי יצחק בן אשר הלוי פון שפייער (דייטשלאנד), (דער ריב"א), וועלכער איז געווען רש"י'ס א קרוב.

פערנעהמענדיג זיך אין גאנצען מיט'ן תלמוד האבען אבער די דייטשע און פראנצויזישע אידען כמעט אינגאנצען פערלאזען די העברעאישע שפראכקענטניש און איהר פאעזיע. אפילו דעם תנ"ך האבען די בעלי התוספות ערקלערט לויט דער מעטאדע וועלכע זיי פלעגען אנווענדען ביים לערנען דעם תלמוד: נישט די אייגענטליכע בעדייטונג פון ווארט האט זיי פעראינטערעסירט, נור מייסטענס די אגדה, דער דרש. נאר צוויי פון זייערע גדולים זענען אין דער הינזיכט געווען אנ'אויסנאהמען: רבי יוסף בן רבי שמעון קרא און רבי שמואל ברבי מאיר (דער רשב"ם; פון 1100 ביז 1160), וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט אלס פשטנים. רבי יוסף קרא איז געווען דער זוהן פונ'ם אגדה-זאמלער רבי שמעון קרא, וועלכער האט מחבר געווען דעם ילקוט אויפ'ן תנ"ך. דער רשב"ם ווידער איז ערצויגען געווארען דורך זיין גרויסען זיידען רש"י אינגאנצען אויף דער אגדה, און דאך האבען זיי ביידע זיך געווענדעט צום פשט און צו דער גראמאטיק. די נייע ריכטונג האט זיך אבער לאנג נישט געקאנט ענטוויקלען. שרעקליכע געשעהני-

שוין האבען געדארפט אונטערהאקען די פליגלען ביי די אידישע דענקער אי אין פראנקרייך אי אין שפאניען.

ווען דער גרעסטער אידישער דיכטער, רבי יהודה הלוי, האט זיך געקלאגט: „צי האבען מיר דען אין מזרח אדער אין מערב אן ארט, וואו מיר זאלען זיין זיכער?“ — האט ער שוין, משמעות, מיט זיין דיכטערישען חוש געשפירט די שרעקליכע צייט, וואס קומט אן פאר זיין פאלק. פונקט ווי די פעלקער וואלטען זיך צוזאמענגערעדט, האבען זיך אנגעהויבען כמעט אין איין צייט אויף די ברעגעס פון די טייכען רהיין, דונאי און סיענא, אין אפריקא און אין דרום-שפאניען בלוטיגע רדיפות אויף אידען אין'ם נאמען פון קריסטענטום.

אנגעהויבען האבען זיך די רדיפות אויף אידען צוליעב די גרויסע געשעהענישען אין אזיען און אין אפריקא. וועהרענד די קריסטליכע ריטער, וועלכע האבען אין ארץ ישראל, אין דער נייער מלוכה ירושלים און די ארומיגע פירשטענטימער, צוליעב זייער פוילקייט און שוואכקייט אלץ מעהר פערלוירען זייער קראפט און אבגעשוואכט געווארען, האט דער מחמדאנישער (טירקישער) גבור נורעדין געמאכט הכנות אינגאנצען ארויסצוטרייבען די קריסטען פון אזיען. די וויכטיגע שטאדט עדעסא האט מען ביי די קריסטען צוגענומען, און די קרייצפאהרער האבען אנגעהויבען מרעיש עולם זיין אין איירעפא, אז מען זאל זיי קומען צוהילף. און אט האט מען אין פראנקרייך און אין דייטשלאנד אנגעהויבען פרעדיגען דעם צווייטען קרייצצוג, און דער בלוטדורשטיגער פאנאטיזם האט זיך ווידער דערוועקט געגען די אידען.

דער פראנצויזישער קעניג לודוויג דער זיבעטער, וועלכער האט פיעל געליטען פון דער חרטה אויף זיינע עבירות, האט אליין גענומען דעם קרייץ אין די הענד און א נדר געטהון, צו קעמפפען ביז'ן לעצטען טראפפען בלוט פאר דער גע'רודפ'טער אמונה אין די מזרח-לענדער. צוזאמען מיט איהם איז אויך געגאנגען די יונגע לייכטזיניגע קעניגין עלעאנארע מיט איהרע האפדאמען. אויך דער אמת פרומער גלח (אבט) בערנהארד פון קלערוואי, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט אלס פייערדיגער רעדנער, איז צוגעשטאנען צום קרייצצוג און דעריבער האט זיך די צאהל פון די מחנות קרייצפאהרער פערמעהרט פון טאג צו טאג. דעם מאל האט שוין דער פויבסט אליין עוגעניוס דער דריטער פיעל מיטגעהאלפען דורך דעם בעפעהל (בולע) וואס ער האט ארויסגעגעבען, לויט וועלכען ער האט בעפרייט די קרייצפאהרער פון צו צאהלען די אידען די פראצענט פאר די הלואות. וואס זיי זענען זיי שולדיג. דאס האט געזאלט זיין א מיטעל צו געפינען נייע אנטיילנעהמער אין'ם קרייצצוג, ווייל אין גרונד האט זיך דא נישט געהאנדעלט וועגען דעם פראצענט, נור וועגען די עצם חובות. דער פרומער גלח בערנהארד, וועלכער האט בכלל נישט געקאנט סובל זיין די אונהייליגע מיטלען פאר'ן

הייליגען צוועק, האט אויפ'ן בעפעהל פון פויבסט אליין געמוזט פרעדיגען פאר די קריסטען, אז מען בעפרייט זיי פון דעם פראצענט, אדער פון די חובות ביי די אידען, אויב זיי וועלען אנטהיילנעהמען אינ'ם קרייצצוג. א אנדער אבט (גלח), פעטער דער עהרווירדיגער פון קליני, האט נאך די זאך געוואלט טרייבען ווייטער: ער האט אנגערעדט דעם קעניג און די קרייצפאהרער, אז זיי זאלען רודפ'ן די אידען און בערויבען זיי, כדי צו האבען גענוג געלד אויף צו מאכען דעם הייליגען קרייצצוג קיין ארץ ישראל. דער דאזיגער גלח האט אנגעווענדעט די זעלבע סאפיסטיק, ווי די רויבערישע באנדע פון ערשטען קרייצצוג. ער שרייבט צו לודוויג VII פאלגענדעס:

„וואס נוצט עס, וואס מיר געהען אויפזוכען די „פיינד פון קריסטום אין די ווייטע לענדער, ווען זיינע פיינד לעבען צווישען אונז גופא? די אידען זינען דאך נאך פיעל ערגער פאר די סאראצענען (מחמד'אנער) אין דער בעציהונג צו אונזער גלויבען. די סאראצענען גלויבען, אז ישו איז געבוירען געווארען דורכ'ן הייליגען גייסט, נור זיי גלויבען נישט אין זיין געטליכקייט, דער איד גלויבט דאך אבער גאר נישט. דאך פאדער איך נישט, מען זאל די פערשאלטענע אידען אויס'הרג'ענען, דען עס שטעהט געשריבען אין די הייליגע ביכער: „דו זאלסט זיי נישט טויטען!“ איך פאדער אבער, אז מען זאל זיי ערנידריגען, מאכען זיי דאס לעבען נמאס, אנטהון זיי די גרעסטע יסורים, ביז זיי זאלען זיך אומקעהרען צו אונזער אמונה. נישט טויטען ברויך מען זיי, נור בעשטראפען פאר זייער נידערטרעכטיגקייט“.

לסוף פאדערט אויך דער דאזיגער פאנאטיקער, אז מען זאל ביי די אידען צונעהמען זייער גאנצען פערמעגען, אדער לפחות, א טייל פון איהם, ווארום, „אויב די קריסטען שוינען נישט אויף דער הייליגער מלחמה זייער כשר-פערדיענטען גראשען, דארף מען דאך דאס פערמעגען, וואס די אידען האבען אנגערויבט, געוויס נישט שוינען“. מען דארף דעריבער די אידען איבערלאזען נור דאס נאקעטע לעבען, אבער צונעהמען ביי זיי גאר זייער געלד, כדי די סאראצענען צו קענען בעשטראפען לייכטער, זייענדיג געקרעפטיגט מיט'ן פערמעגען פון די גאטעס-לעסטערליכע אידען. — דאס איז אייגענטליך געווען די אויסגעהאלטענע לאגיק פונ'ם מיטעלאלטער. דער קעניג לודוויג, וועלכער איז בכלל געוועזן גאנץ גינסטיג פאר די אידען, האט געמוזט ארויסגעבען א בעפעהל אינ'ם זין פון דער פויבסטליכער בולע: יענע קריסטען, וועלכע ווילען אנטהיילנעהמען אינ'ם קרייצצוג, דארפען בעפרייט ווערען פון זייערע-חובות ביי די אידען. פאר'ן מאמענט אלזא זענען בלויז די רייכע אידען בערויבט געווארען. צו בלוטיגע רדיפות האט נישט דערלאזען נישט דער גוט געזינטער קעניג, נישט זיין קלוגער מיניסטער, דער אבט זוגער און, בעזונדערס, ניט דער פרומער גלח בערנהארד.

אנדערש איז עס אבער געוועזען אין דייטשלאנד, נעמליך, אין די רהיינישע פראווינצען, וואו די אידישע קהלות האבען זיך נאר וואס ערהאלט פון די שרעקליכע שחיטות נאך דעם ערשטען קרייצצוג. דער קייזער קאנראד דער דריטער איז געוועזען א שוואכער מענש, די בירגער, וועלכע האבען בשעת'ן ערשטען קרייצצוג בכלל געשטיצט די אידען, זיינען איצט אנגערייצט געווארען געגען זיי דורך די העצערישע דרשות פון די גלחים. א פראנצויזישער מאנאך רודאלף, וועלכער איז אנטלאפען פון זיין קלויסטער אהן אנ'ערלויבניש, איז געקומען קיין דייטשלאנד און געהאלטען פאר'ן המון פייערדיגע רעדעס געגען די אידען און אנגעצונדען געגען זיי דעם פאנאטיזם. ער איז ארומגעגאנגען פון שטאדט צו שטאדט און פון דארף צו דארף און געפאדערט מען זאל דעם צווייטען קרייצצוג אנהויבען באלד אויפ'ן ארט געגען די אידען. און עס וואלט אודאי מ.ט די אידען אין דייטשלאנד דאס מאל געוועזען נאך ערגער, ווי בשעת דעם ערשטען קרייצצוג, ווען דער קייזער קאנראד וואלט תחלת בכלל נישט געוועזען קיין געגנער פונ'ם קרייצצוג און ממילא אויך בעגען די רדיפות אויף די אידען. אין זיין אייגענעם לאנד האט ער די אידען אבגעגעבען די שטאדט נירענבערג און אנדערע פעסטונגען, כדי צו בעשיצען זיך דארט פון די אנפאלען מצד די קרייצפאהרער. אינ'ם געביעט פון די פירשטען און בישאפען האט ער אפילו זיי אליין נישט געקאנט פערטיידיגען, אבער, ווי עס שיינט, האט ער דארט אלע מאכטהאבער שטרענג אנגעזאגט, נישט צו דערלאזען קיין אידישע שחיטות. דאס ווארט פונ'ם קייזער האט אבער דאמאלס נישט געהאט קיין גרויסען ווערט אין דייטשלאנד. אין אויגוסט 1146 זיינען געפאלען די ערשטע קרבנות פון די פאנאטישע דרשות פון דעם גלח רודאלף: רבי שמעון החסיד פון טריער, וועלכער איז אויפ'ן וועג פון ענגלאנד דורכגעפאהרען דורך קעלן, האבען די קרייצפאהרער געהאפט אין אויגענבליק, ווען ער האט זיך געזעצט אויף א שיף אויפ'ן רהיין, און אבגעפיהרט אין א קירכע, וואו זיי האבען איהם געצוואונגען צו שמד'ן זיך. ווען ער האט אבער דאס נישט געוואלט טהון, האבען זיי איהם דעם קאפ אבגעשניטען און שרעקליך מבזה געוועזען זיין לייב. און די פרוי מרת מינא פון שפייער, וועלכע איז ארויסגעפאהרען פון קעלן, האבען זיי געהאפט און אבגעשניטען איהר די אויערען און די פינגער פון די פיס און אנגעטהין איהר מורא'דיגע יסורים; זי האט אבער אלץ געליטען רוהיג „על קידוש השם“. די דאזיגע התחלה האט גענויטיגט די אידען אויפ'ן רהיין, צו זוכען פאר זיך א זיכערען ארט פון די קרייצפאהרער. זיי האבען געגעבען גרויסע סומעס געלד די פירשטען, אז זיי זאלען זיי אבגעבען זייערע בעפעסטיגטע בערגען און שלעסער, כדי דארט צו קאנען לעבען זיכער. דער קארדינאל-בישאף ארנאלד פון קעלן האט זיי אבגעגעבען די בורג (פעסטונג) וואלקענבורג נייבען קעניגסווינטער און האט זיי ער-

לויבט אויך צו פערטהיידיגען זיך מיט געוועהר געגען די אנפאלער. כל־זמן די אידען זענען געזעסען אין די דאזיגע בעפעסטיגטע ערטער, זענען זיי געווען זיכער פון די פיינד; ווי נור אבער עמיצער פון זיי פלעגט ארויסקומען פון דער פעסטונג, פלעגט מען אהם באלד בעפאלען און שלעפען אין קירכע צום שמד. אויך דער ערצבישאף פון מאינץ, היינריך דער ערשטער, וועלכער איז געווען אויך מלוכה־קאנצלער און פערטרעטער פון קייזער, האט אריינגענומען צו זיך אין שטוב איניגע אידען, וועלכע דער המון האט פערפאלגט. דער המון אבער האט זיך אריינגעריסען אויך צום ערצבישאף אין שטוב און האט זיי אויסגע'הרג'עט פאר זיינע אויגען. דאן האט דער ערצבישאף זיך געווענדעט צום אויבענערמאהנטען גלח בערנהארד פון קלערווא, וועלכער איז געווען מעהר אנגעזעהען, ווי דער פויבסט, און ער האט געשיקט א בריעף צו די גלחים אין פראנקען־לאנד און ביירן, ערקלערענדיג, אז מען מוז די אידען פערטהיידיגען „אין דער האפנונג, אז זיי וועלען זיך אמאל פארט אומקעהרען צום קריסטענטום. ווארום אויב מען וועט די אידען אויס'הרג'ענען, טא פאר וועמען וועט מען אין הייליגען פרייטאג תפלה טהון. אז זייער הארץ זאל צוגעווענדעט ווערען צום קריסטליכען גלויבען?" — פון קיין אנדער לאגיק האבען אפילו די בעסערע מענשען צווישען די קריסטען דאמאלס נישט געוואוסט!

און ווען אויך דער דאזיגער בריעף האט נישט געמאכט קיין איינדרוק אויף רודאלפ'ן און זיין פערפיהרטע מחנה, איז בערנהארד אליין געקומען קיין דייטשלאנד און אנגעהויבען האלטען דרשות פאר'ן המון געגען רודאלפ'ן, אבער דער המון איז דערמיט געווען זעהר אונצופרידען. רודאלף איז אפילו פערשוואונדען געווארען פון דער עפענטליכער טעטיגקייט, אבער די גיפטיגע זאמען, וועלכע ער האט פערזייהעט, האבען געבראכט זייערע פערדערבליכע פרוכטען פאר די אידען. און ווען מען האט נעבען ווירצבורג געפונען צעריסענע אברים פון א דער'הרג'עטען קריסט, האבען די קריסטען געגלויבט, אדער בלויז גע'טענ'עט, אז זיי גלויבען, דאס דעם קריסט האבען דער'הרג'עט די אידען און דאס האט געדינט פאר א סיגנאל צו מאכען פלוצלונג א אנפאל דעם 24־טען פעברואר 1147 (כ"ב אדר, ד"א תתק"ז) אויף דער ווירצבורגער קהלה. העכער צוואנציג אידען זענען אומגעקומען ווי קדושים, צווישען זיי אויך דער רב רבי יצחק בן אליקום, וועלכען מען האט דער'הרג'עט, בשעת ער איז געזעסען און געלערנט. איניגע אידען האט מען אזוי שרעקליך געשלאגען, אז די רוצחים האבען זיי שוין געהאלטען פאר טויט און שפעטער האבען זיך געפונען גוטהערציגע קריסטען, וועלכע האבען זיי אבגעמינטערט און אויסקורירט. דער בישאף פון ווירצבורג האט געלאזען די אידישע קדושים ברענגען צו קבורה אין זיין גארטען, וועלכען די אידען האבען שפעטער ביי איהם אבגעקויפט אויף א בית־עלמין; די לעבעדיג געבליבענע אידען,

האט חער בישאף געלאזט ברענגען אין א בעפעסטיגטען בורג נעבען ווירצבורג.

פיעל שרעקליכער איז אבער געווארען די אידישע לאגע, ווען דער דייטשער קייזער איז צוגעשטאנען צום קרייצצוג און מיט זיינע ריטער און ארמעע ארויסגעטראטען קיין אזיען. דייטשלאנד איז געבליבען אהן א קייזער, און די קרייצציגלער האבען שוין מעהר פאר קיינעם קיין מורא נישט געהאט צו טהון זייערע שרעקליכע מערדעריען (מאי 1147).

די שרעקליכע רציחות אויף אידען זענען באלד אריבער פון דייטשלאנד קיין פראנקרייך. אין פריהלינג פון יענעם יאהר, ווען די קרייצציגלער האבען זיך אנגעהויבען פערזאמלען אין קאראנטאן (Carenton), איז פארגעקומען א פארמעלע מלחמה צווישען זיי מיט די אידען, וועלכע האבען זיך פערזאמעלט אין א הויף און פערטיידיגט געגען די אנפאלער. צוויי אידישע ברידער, בחורים גבורים, האבען געקעמפפט מיט גבורה און פערוואונדעט פיעל קרייצציגלער, איינציגע פון זיי האבען זיי אויך דער'הרג'עט; אבער לסוף זענען די רוצחים אריינגעקומען אין הויף דורך א הינטער-טהיר און אלע אידען דארט אויסגע'הרג'עט. בשעת דער לויה פון איינעם פון די פרנסים האט מען דאמאלס אויך דער'הרג'עט איינעם פון די בעלי תוספות רבנו פטר, א תלמיד פון רשב"ם. אויך נעבען דעם קלויסטער קלערווא, אין די אויגען פונ'ם גלח בערנהארד, האבען די קרייצציגלער אבגעטהון גרויסע רציחות. חעם צווייטען טאג שבועות זענען זיי בעפאלען די אידישע קהלה אין ראמרו (רומרוג) און זיך אריינגעריסען אין שטוב צו רבנו יעקב תם (רש"י'ס אייניקעל), בערויבט זיין הויז און צוריסען א ספר-תורה, וואס זיי האבען דארט געפונען. רבנו יעקב האבען זיי ארויסגעשלעפט אויפ'ן פעלד, כדי איהם צו דער'הרג'ענען אונטער גרויסע יסורים. פינף וואונדען אין קאפ האבען זיי איהם שוין געמאכט און ער איז שוין געווען נאהנט צום טויט, צום גליק איז גראד דאמאלס פארבייגעפאהרען א ריטער, וועלכער האט געקענט דעם גרויסען רב. רבנו תם האט זיך אנגעהויבען בעטען ביי'ם ריטער איהם צו ראטעווען. דער ריטער האט איינגעשטימט דערויף בתנאי, אז רבנו תם זאל איהם צוזאגען צו בעלויהנען מיט א גוטען פערד, און ווען ער האט עס איהם צוגעזאגט, האט דער ריטער געפאדערט ביים המון אבצוגעבען איהם דעם געפייניגטען, ווייל ער וועט ביי איהם פועל'ן, אז ער זאל זיך לאזען אבשמד'ן. אזוי איז געראטעוועט געווארען פון טוידט דער גרעסטער פון די רבנים פון יענער צייט (8-טער מאי 1147). משמעות, נאר א דאנק דער השתדלות פון גלח בערנהארד, זענען די הריגות דאמאלס פארגעקומען נאר אין דריי קהלות: קאראנטאן, ראמרו און סילי, ווערענד אין די איבעריגע קהלות אין פראנקרייך האט מען די אידען נישט אנגערירט.— אין ענגלאנד, וואו עס האבען זיך בעזעצט פיעל פראנצויזישע אידען פון דער צייט פון ווילהעלם דעם מנצח און זענען געשטאנען

אין נאהענטע בעציהונגען מיט די פראנצויזישע אידען, זענען קיין הריגות נישט פארגעקומען דאמאלס, ווייל דער קעניג סטעפאן האט די אידען שטארק פערטיידיגט, דאגעגען די אידען אין בעהמען האבען ווידער פיעל געליטען פון די קרייצפאהרער, בשעת זיי זענען דורכגעגאנגען דארט דורכ'ן לאנד. הונדערט און פופציג אידען זענען דאמאלס הרוג'עט געווארען אלס קדושים. אין דייטשלאנד האבען די אידען געקאנט פערלאזען די בעפעסטיגטע ערטער, וואו זיי האבען זיך בעהאלטען, ערשט נאכדעם ווי די פראנצויזישע קרייצפאהרער זענען ארויסגעגאנגען פון דייטשלאנד. די אידען, וועלכע מען האט געהאט אבגעשמד'ט מיט געוואלד, האבען געקאנט איצט צוריקקעהרען צום יודענטום. אין יענער גרויזאמער צייט האבען זיך אויך געפונען עהרליכע מענשען צווישען די קריסטען: איין פרימער גלח האט זיך גענומען אליין אבפיהרען די אנוסים אין א פרייען ארט, וואו זיי האבען געקאנט זיין אידען, און שפעטער, ווען ס'איז רוהיגער געווארען, האבען זיי זיך אומגעקעהרט צוריק אהיים.

בכלל־הכל האט מען בשעת דעם צווייטען קרייצצוג אויסגעהרג'עט ווייניגער אידען, ווי בשעת דעם ערשטען, ערשטענס, דערפאר וואס די פירשטען און טוניינז אויך, די בישאפען האבען זיי בעשיצט, און, צווייטענס, ווייל דאדורך וואס דער דייטשער קייזער און דער פראנצויזישער קעניג האבען זיך אליין בעטייליגט אין קרייצצוג, איז די דיסציפלין געווען א שטארקערע און די מחנות זענען אויך נישט בעשטאנען בלויז פון געמיינע רויבער און אויסווארפען, ווי אין ערשטען קרייצצוג. דער דאזיגער שוץ פון קייזער האט אבער די אידען נישט ביליג געקאסט, דען אנשטאט דעם, וואס פריהער זענען זיי געווען פרייע בירגער ווי די פארצייטיגע גערמאנען און רוימער, זענען זיי איצט געווארען קנעכט פון'ם קייזער. לכתחילה האט דאס אפילו געהאט בלויז די בעדייטונג פון געטרייע אונטערטאנען, וועלכע מען טאר נישט אנריהרען, און דערפאר האבען די אידען געדארפט געבען א בעזונדערען אבצאהל. שפעטער אבער האט מען די אידען אנגעהויבען בעטראכטען ווי אמת'ע לייב־אייגענע און מענשען פון א נידריגען שטאנד. אין דער דאזיגער לאגע זענען די אשכנזישע (דאס הייסט: דייטשע און פראנצויזישע) אידען פערבליבען אין א משך פון זעקס הונדערט יאהר, ביז ענדע פון אכצעהנטען יאהרהונדערט. די דאזיגע שפלות האט געהאט א שטארקע ווירקונג אויך אויף זייער גייסטיגען לעבען. זייער דיכטונג האט שוין נישט געטראגען קיין שטעמפעל פון פרייע מענשען, און אפילו אין תלמוד האבען זיי שוין אויך נישט בעוויזען אויפצוטהון גאנץ גרויסע זאכען.

אין דער צייט, וואס די אשכנזישע אידען האבען איבערגעלעבט די אימה פון צווייטען קרייצצוג, האבען זיך אנגעהויבען אויך רדיפות אין צפון־אפריקא, וועלכע האבען געדויערט לענגער און געהאט אנ'אנדער וויר-

קונג. דארט האבען די רדיפות געשטאמט פון א פערזאן, וועלכע איז געוועזן האלב פילאזאף, האלב רעפארמאטאר, אבער אויך א קריעגס-העלד, מיטן נאמען עבדאלא אבן תומרת. געשטאמט האט ער פון אפריקאנישען צפון-מערב-קאנט; פון דארט האט ער איבערגעוואנדערט קיין באגדאד און געלערנט דארט די מיסטישע פילאזאפיע ביי'ם פאנטאסט אלגהאזאלי. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין אפריקא, האט ער געלערנט די בערבערען צו פיהרען אן איינפאכען לעבען אין עסען און קליידונג, צו פערהאסען די דיכט-קונסט, די מוזיק, און קעמפפען געגען דעם אלמאראווידישען קעניג, ווייל ער איז געווען גינסטיג פאר דער שענער קונסט און א פערפיינערטען לעבען. פון דער אנדערער זייט ווידער האט ער אבגעלייקענט אין דער מחמדאנישער תורה שבעל פה (סונא). אבן תומרת האט געפינען פיעל אנהענגער צווישען די בערבערען און ער האט געגרינדעט א סעקטע, וועלכע האט געגלויבט אין דער ריינער אחדות פון גאט אהן קיין שום קערפערליכע פארשטעלונג; די סעקטע האט זיך דעריבער א נאמען געגעבען אלמאבאחידען (מאמינים אין אחדות פון גאט) אדער אלמאהאדען. זיין רעפארמאציע האט דער פילאזאף אנגעהויבען פערשפרייטען מיט דער הילף פון שווערד, קעמפפענדיג געגען די אלמאראווידען. נאך זיין טויט האט זיין טעטיגקייט איבערגענומען זיין תלמיד עבדול מומין, וועלכער איז אנערקענט געווארען פאר'ן הערשער פון אלע מאמינים. זיינע מלחמות האבען איהם געגעבען גרויסע נצחונות, ער האט איינגענומען די אלמאראווידישע מלוכה און געהערשט איבער גאנץ צפון-אפריקא. עבדול מומין איז געווען א פאנאטיקער און ווי ער האט געקעמפפט געגען די אלמאראווידען מיט פייער און שווערד, אזוי האט ער אויך נישט געוואלט האבען אין זיין מלוכה קיין שום פאלק פון אן אנדער אמונה ווי זיינע.

ווען ער האט נאך א לאנגער בעלאגערונג און גרויסע מלחמות איינגענומען אין שטורם די הויפט-שטאדט מאראקא (1146), האט ער צוזאמענגערופען אלע אידישע איינוואהנער פון שטאדט און ערקלערט זיי פאלגענדעס: „איהר לייקענט אין דער ריכטיגקייט פון מחמד'ס נבואה און איהר גלויבט, אז דער משיח, אויף וועלכען איהר ווארט, וועט בעשטעטיגען אייער תורה און בעפעסטיגען אייער רעליגיאן. אייערע אבות האבען אבער ערקלערט, אז אייער משיח וועט קומען פינף הונדערט יאהר נאך מחמד. נו, איצט איז שוין די דאזיגע צייט אריבער, און קיין נביא איז נאך ביי אייך נישטא; מיר ווילען דעריבער אייך נישט מעהר האלטען ביי זיך אין אייער אונגלויבען: אדער נעמט אן דעם איסלאם, אדער מיר וועלען אייך אלעמען אויסטויטען“. נאך פיעל שתדלנות איז די אידען געלונגען צו פועל'ן בלויז, אז מען זאל זיי ערלויבען צו פערקויפען זייערע גיטער, וועלכע זיי קאנען מיט זיך נישט נעהמען, און אויסוואנדערען פון לאנד. אויב אבער עמיצער פון זיי וועט בלייבען אין לאנד נאכ'ן פעסטגעשטעלטען

טערמין, וועט ער מוזען אננעהמען דעם איסלאם, אדער מען וועט איהם מיט'ן טויט בעשטראפען. פיעל אידען האבען דאמאלס פערלאזען אפריקא און האבען אויסגעוואנדערט קיין שפאניען, די מייסטע אבער האבען לפנים אנגענומען דעם איסלאם, ווארטענדיג אויף גינסטיגערע צייטען, ווען מען וועט זיך קאנען צוריק אומקעהרען צום יודענטום. אין די ערטער, וועלכע די אלמאהאדען האבען איינגענומען, זענען אויפ'ן זעלטען אופן פערפאלגט געווארען אויך די קריסטען. פאר די קריסטען איז אבער די לאגע נישט געווען אזוי שווער, ווייל די קריסטליכע מדינות זענען פאר זיי געשטאנען אפען, און מען פלעגט זיי איבעראל אויפנעהמען מיט אפענע ארעמס. די שוהלען און קירכען האבען די אלמאהאדען צושטערט אין זייער גאנצער מלוכה, וועלכע האט זיך שוין געצויגען איבער גאנץ צפון־אפריקא, פון די אטלאס־בערג ביז מצרים. אינ'ם גאנצען דאזיגען גרויסען לאנד האט מען שוין מעהר נישט געקאנט געפינען קיין שפור נישט פון אידען נישט פון קריסטען.

אבער האטש פיעל אידען האבען אנגענומען דעם איסלאם אין די מערבערישע מדינות, האבען זיי דאס אלע געטהון נאר לפנים און ביי זיך אינדערהיים זענען זיי געבליבען געטריייע אידען, בפרט נאך, אז די מחמד'אנער האבען פון זיי פערלאנגט נישט פיעל: זיי האבען נאר געדארפט אפט ערקלערען, אז זיי גלויבען, דאס מחמד איז א נביא, און קומען אין די מחמד'אנישע געבעט־הייזער. און ווייל מען האט נישט געצוואונגען עובר צו זיין אויף די געבאטען פון דער תורה, האבען אפילו פיעל פרומע אידען זיך אויך ערלויבט אנצונעהמען דעם מחמד'אנישען גלויבען לפנים ביז דער צייט, ווען זיי וועלען קאנען זיך בעפרייען דערפון, אדער משיח וועט קומען און אויסלייזען זיי פון גלות. ביי זיך אין דערהיים פלעגען זיי בשתיקה לערנען תלמוד און פערזאמלען אויך דערצו תלמידים. זיי האבען אבער אויך געמוזט קומען הערען די עפענטליכע דרשות וועגען דעם אלקאראן. עס זענען אבער אויך געווען נישט ווייניג אזעלכע פרומע אידען, וועלכע האבען נישט געוואלט טראגען לאנג די מאסקע: זיי פלעגען דעריבער פלוצלונג ווערען עפענטליך צוריק אידען און אננעהמען דעם טויט פון קדושים. צווישען די דאזיגע קדושים איז אויך געווען דער בעוואוסטער רב־דיין רבי יהודה הכהן אבן שושן, ביי וועלכען דער רמב"ם האט אין דער יוגענד תורה געלערנט א קורצע צייט.

ענדליך האט עבדול מומין אריבערגעפיהרט זיינע מחנות אויך קיין שפאניען, דען ער האט געוואלט איינגעהמען אנדאלוזיען, וועלכע איז געווען זעהר אבגעשוואכט דורך דעם קאמף פון די פארטייען. די הויפט־שטאדט קארדאווא האט ער באלד איינגענומען (יוני 1148) און נאך איידער עס איז אריבער א יאהר, האט ער איינגענומען דעם גרעסטען טייל פון אנדאלוזיען. אויך דא האט ער די אידען געשטעלט די זעלבע בעדינגונגען ווי אין אפריקא: אדער שמד, אדער אויסוואנדערען. ווער עס האט

געוואלט בלייבען אלס א איד און לאנד האט געדארפט בעשטראפט ווערען מיט'ן טויט. די אידישע הייליגטימער האט מען פערניכטעט. די שענע שוהלען, וועלכע די רייכע אידען אין אנדאלוזיען האבען געהאט אויסגעבויט מיט גרויס פרעכטיגקייט און געשמאק, האט מען חרוב געמאכט. דער אלטער קארדאווער רבי, דער פילאזאף רבי יוסף אבן צדיק, דער מחבר פון ספר „עולם קטן", האט נאך דערלעבט צו זעהען דעם חורבן פון דער גרויסער קהלה אין קארדאווא, און איז געשטארבען פון גרויס הארץ-וועהטאג. די בעריהמטע ישיבות אין סעווילא און לוסענא האבען זיך פערמאכט. דער זוהן פון רבי יוסף אבן מיגאש, רבי מאיר, האט געמוזט אויסוואנדערען פון זיין קהלה לוסענא, וואו ער איז געוועזען רבי קיין טאלעדא, וואו עס האבען געהערשט די קריסטען. צוזאמען מיט איהם האבען אויך אויסגעוואנדערט אלע אידען, וועלכע האבען זיך ארויסגעראטעוועט פון שמד. די איבעריגע אידען האבען געטהון דאס אייגענע וואס די אפריקאנישע אידען: זיי האבען לפנים אנגענומען דעם איסלאם, בלייבענדיג בשתיקה אידען, ביז זיי האבען געפונען די געלעגענהייט צו האלטען אידישקייט אויך עפענטליך. די אויסגעוואנדערטע אידען האבען געמוזט איבערלעבען א שרעקליכען חורבן: זייערע פרויען און קינדער ווי אויך זייער גאנץ פערמעגען האבען צוגענומען די אראבער, די שוואכערע האט מען פערקויפט פאר שקלאווען.

אין דער דאזיגער טרויעריגער צייט, ווען די אידען האבען פערלוירען זייער מיטעלפונקט אין אראבישען שפאניען, האבען זיי געפונען א שטיצע אין קריסטליכען שפאניען, וואו עס האט געקעניגט דאמאלס אלפאנזא ראימונדעץ (1126—1157), וועלכער האט ענטוויקעלט זעהר א גרויסע מאכט. ביי דעם דאזיגען קלוגען און מענשען-פריינדליכען קעניג, איז געוועזען א גרויסער חשוב דער יונגער רבי יהודה אבן עזרא, א זוהן פון רבי יוסף, וועלכער איז צוזאמען מיט זיינע דריי ברידער פיעל בעוואוסט אין דער העברעאישער ליטעראטור. ווען אלפאנזא האט איינגענומען די פעסטונג קאלאטראווא אויף דער גרענעץ צווישען קארדאווא און טאלעדא, האט ער בעשטימט רבי יהודה פאר א קאמענדאנט אויף איהר און האט איהם דערהויבען פאר א נשיא.

רבי יהודה אבן עזרא איז געוועזען א נ'אמת'ער הילפס-מלאך פאר זיינע ברידער, וועלכע זענען ענטלאפען פון די פאנאטישע אלמאהאדען. ער האט זיך בעמיהט צו געפינען א נ'ארט פאר אלע געקומענע אידען און אויסגעגעבען א גרויסען טייל פון זיין פערמעגען אויף אויסצוקויפען פיעל אידען פון געפאנגענשאפט, צו בעקליידען די נאקעטע און זארגען פאר די הונגעריגע אויף ברויט. די אידישע קהלה אין טאלעדא האט זיך זעהר פערגרעסערט דורך די איינגעוואנדערטע אידען. דער לוסענא'ער רבי, רבי מאיר ברבי יוסף הלוי אבן מיגאש, האט דארט געעפענט א ישיבה און פיעל תלמידים זענען זיך צו איהם צונויפגעקומען. טאלעדא איז

געוואָרען אַ נייער צענטער פֿאַר דאָס תּורה־לערנען, וועלכעס איז פֿערבאָטען געוואָרען אין אַראַבּישען שפּאַניען. רבי יהודה אבן עזרא איז דערהויפּט נאָך מעהר דערהויבען געוואָרען דורכ'ן קעניג, ווען ער איז בעשטימט געוואָרען פֿאַר אַ קעניגליכען הויפּטמייסטער (1149). ער האָט אָבער זיך אַרויסגעוויזען זעהר אונדולדזאַם געגען די קאַראַאימען, וועלכע האָבען זיך אין יענער צייט זעהר פֿערשטאַרקט אין שפּאַניען און אָנגעפֿאַלען אויף די תּלמוד־אידען און זייערע שריפֿטען.

אויף אַזאַ אופן האָבען פֿון יענער צייט אָן זיך געשטעלט אין שפּיץ פֿון די שפּאַנישע אידען די קהלות פֿון קריסטליך־שפּאַניען, קאַסטיליען און אַראַגאָניען. אין יענער צייט האָבען דאָרט געלעבט צוויי בעריהמטע אידען: רבי אברהם אבן דאויד הלוי און רבי אברהם אבן עזרא, וועלכע זענען געוועזען זעהר פֿערשידען איינער פֿון דעם אַנדערען לויט'ן כאַראַקטער, שטרעבונג און לעבען, אָבער ביידע גלייך שטאַרק אין זייער ליעבע צום יודענטום און צו דער וויסענשאַפֿט. רבי אַברהם אַבן דאויד (ראב"ד) (געבוירען 1110, געשטאָרבען 1180) איז געוועזען אַ טיעפֿער קענער אין אַלע דאַמאָלסדיגע וויסענשאַפֿטען, בעזונדערס אָבער האָט ער זיך פֿערנומען מיט רעליגיעזער פֿילאָזאָפֿיע, וועלכער ער האָט געווידמעט זיין ספר „אמונה רמה", און מיט געשיכטע, וואָס איז אין יענער צייט נאָך בכלל געוועזען ווייניג בעאַרבייט. זיין „סדר הקבלה" דינט אונז פֿאַר דער בעסטער קוועלע, צו בעקענען זיך מיט דער גאָלדענער צייט פֿון אידישען לעבען אין שפּאַניען. דעם „סדר הקבלה" האָט ער פֿערפֿאַסט אין יאָהר 1161 און זיין הויפּטציעל דערין איז געוועזען צו דערווייזען די ריכטיגקייט פֿון דער תּורה שבעל־פּה דאַדורך, וואָס ער האָט געאָרדענט נאָך דער רייהע אַלע איהרע הויפּטבעגרינדער פֿון עזרא ביז די לעצטע רבנים פֿון זיין צייט. זיין ספר האָט ער געשריבען אין אַ שענעם העבּרעאיש; די שפּראַך איז קורץ און שאַרף און ערטערווייז אויך פּאָעטיש.

רייכער אין קענטעניש, אומפֿאַסענדער און טיעפֿער איז געוועזען רבי אברהם אבן עזרא פֿון טאָלעדאָ (געבוירען 1088, געשטאָרבען 1167), דאָס איז געוועזען אַ מענש מיט מערקווירדיגע פֿעהיגקייטען, וועלכער האָט דאָס גרעסטע ווי דאָס קלענסטע אין דער וויסענשאַפֿט טיעף בעאַרבייט, לעבעדיג, גייסטרייך, פֿיל וויץ און שאַרפֿזיניגקייט. זיין בקיאות אין אַלע צווייגען פֿון דער רעליגיעזער און אַלגעמיינער ליטעראַטור איז געוועזען ערשטוינליך. אין דער יוגענד האָט ער אויך געשריבען ליעב־ליעדער פֿאַר הויכגעשטעלטע פּערזאָנען. זיינע שירים זענען אָבער קונציג, דידאַקטיש, טרוקען און אָהן וואַרעמקייט. דאָס זענען געדאַנקען אַרויסגעזאָגטע אין פֿערזען, פֿילאָזאָפֿיע אָדער מוסר אין שירים, אָבער נישט קיין תּפלה פֿון טיעפֿען האַרצען. דאַגעגען איז ער אין וויץ און עפּיגראַמען, אין רעטענישען און סאַרקאַזמען אַ קינסטלער אָהן גלייכען. זיין העבּרעאישע פּראָזאַ איז מוסטערהאַפֿט, מען קאָן אפילו זאָגען, אַז ער האָט אַליין די דאָזיגע פּראָזאַ בעשאַפֿען. זיין סטיל איז שען און אָהן פּוסטע מליצות.

אויב אברהם אבן עזרא פארנעמט ניט קיין וויכטיגען ארט אין דער פאעזיע, איז ער אבער דער ערשטער צווישען די מפרשים פון תנ"ך, וואס ער האלט זיך תמיד ביים פשט און דער גראמאטיק. ער איז געוועזען ווי געבוירען צו זיין א גוטער ערקלערער פון תנ"ך. דא האט ער געקאנט אויסנוצען זיין אלגעמיינע בקיאות און קענטעניש. אבן-עזרא'ס פירוש צום חומש א. ז. א. מיט ענציקלאפעדישע לויט זיין אינהאלט און פארם. די שפראך איז לעבעדיג, פליסענד, וויציג, די פירושים טיעף און קלאר.

די שווערע אומשטענדען, וועלכע זענען ארויסגערופען געווארען דורך די שטענדיגע מהומות, האבען בעוואויגען אבן-עזרא אויסצוואנדערען פון זיין געבורטס-שטאדט. וועגען זיין קנאפער הצלחה האט ער זיך אליין אויסגעלאכט אין אן עפיגראם: „איך בעמיה זיך רייך צו ווערען, אבער איך האב נישט קיין מזל; ווען איך וואלט מיט תכריכים געהאנדעלט, וואלט קיינער נישט געשטארבען; ווען איך וואלט געהאט א געשעפט מיט ליכט, וואלט די זון קיינמאל נישט אונטערגעגאנגען". נישט געפינענדיג אין דערהיים קיין אונטערשטיצונג, האט ער זיך געלאזען אויף דער רייזע; זיין זוהן, יצחק, האט איהם בעגלייט אויף זיינע נסיעות. ער איז געוועזען אין אפריקא, מצרים און אין ארץ ישראל. נישט געפינענדיג אין ערגיץ קיין רוה, איז ער אבגעגאנגען ווייטער קיין בבל און האט בעזוכט באגדאד, וואו א אידישער ראש גלותא איז מיט דער ערלויבניש פון כאליף געווארען דער אויבערשטער רב-דיין איבער אלע אידישע קהלות אין די מזרח-לענדער. די דאזיגע רייזען האבען זעהר בערייכערט אבן-עזרא'ס גייסט. לויט א געוויסער לעגענדע, איז ער אויך געוועזען אין אינדיען. פון די מזרח-לענדער איז ער אבער צוריקגעקומען קיין איראפא, כאטש אהיים, קיין שפאניען איז ער שוין נישט געפאהרען. וואס איז די סבה, פארוואס ער האט די מזרח-לענדער פערלאזען, איז נישט בעוואוסט. מעגליך, אז דאס איז געוועזען צוליעב זיין עגמת-נפש וואס ער האט געהאט פון זיין זוהן, וועלכער האט אין באגדאד אנגענומען דעם איסלאם און איז דארט פערבליבען. ערשט אין רוים האט אבן-עזרא געפונען ענדליך די רוהיגקייט, אין וועלכער ער האט זיך אזוי שטארק געניטיגט (1140).

זיין ערשיינען אין איטאליען האט געמאכט אן עפאכע אין דער קולטורעלער ענטוויקלונג פון די איטאליענישע אידען. האטש די איטאליענישע אידען האבען געלעבט אין געוויסער פרייהייט און די רוימישע קהלה האט נישט געדארפט געבען אויך קיין ספעציעלע אבצאהלונגען, זענען דאך די אידען אין איטאליען פונדעסטוועגען געשטאנען אויף א נידעריגער שטופע פון בילדונג. די צייט ווידער איז גראד דאמאלס געוועזען גינסטיג פאר א קולטורעלער טעטיגקייט. אין יענער צייט איז ארויסגעטראטען א דרייסטער גלח, ארנאלד פון ברעסציא מיט אן ערקלערונג, אז דער פויפסט רעגירט נישט אין נאמען פון עוואנגעליום, אז דער פויפסט דארף כלל נישט האבען קיין וועלטליכע מאכט און

הערשאַפֿט און דאַרף גאָר דינען אַלס מוסטער פֿון עניוות און זיין אַ געטריבער קנעכט ביי דער מענשהייט. און דער רעזידענץ פֿונ׳ם פּויפּסט, אין רוים, האָט זיך דערוועקט אַ געוויסער גייסט פֿון פֿאָרשונג, פֿערבונדען מיט דער שטרעבונג צו פֿרייהייט. דאָס פֿאָלק האָט מיט חשק געהערט די רייד פֿונ׳ם רעפֿאָרמאַטאָר, האָט זיך אָבגעזאָגט צו געהאָרכען דעם פּויפּסט און ערקלערט זיך פֿאַר אַ רעפּובליק (1143—1139). און אַט אין אַזאַ צייט איז אבן־עזרא געקומען קיין רוים. באַלד האָבען זיך אַרום איהם פֿערזאַמעלט יונגע לייט און עלטערע, כּדי צו הערען דעם ספרדישען חכם, וועלכער האָט נאָך דערצו זיך גוט בעקאַנט מיט וויטע לענדער און פֿעלקער אויף זיינע גרויסע רייזען. דער אבן־עזרא האָט מיט זיין שאַרפֿער, לעבעדיגער, ריכטיגער און גייסטרייכער שפּראַך טאַקי באַלד אלעמען צוגעצויגען צו זיך.

און פֿונדעסטוועגען איז ער אין רוים לאַנג נישט פֿערבליבען, נאָר ער האָט זיך געלאָזען אויף דער רייזע ווייטער אין איטאַליען און בעזוכט די קהלות סאַלערנאָ, ליקאַ און מאַנטואַ און האָט געשריבען פֿיעל שירים לכבוד זיינע גוטע פֿריינד און שטיצער. פֿון איטאַליען איז ער אָבגעצויגען קיין דרום־פֿראַנקרייך, וועלכע האָט געהאַט מעהר שייכות צו דער קולטור פֿון די ספרדישע אידען, ווי צו דער פֿון די אשכּנזים. די פּראָוואַנס (Provence) פֿערנעהמט אין דער אידישער געשיכטע דאָס גרענעץ־לאַנד צווישען די קולטורען פֿון די אשכּנזישע און ספרדישע אידען. די אידישע פּראָוואַנסאַלען (חכמי פּרובינצה) זענען גוטע נאָכאַהמער פֿון דער ספרדישער פּאָעזיע, פֿילאָזאָפֿיע און שפּראַכפֿאָרשונג, ווי אויך פֿון דער אשכּנזישער טיעפֿער קענטניש אין תּלמוד. אבן־עזרא האָט דאָרט אַריינגעבראַכט אַ נייעם שטראָם פֿון לעבען. צוערשט האָט ער זיך בעזעצט אין בעזיער (Beziers). וואו עס זענען געווען פֿיעל תּלמידי־חכמים, וועלכע האָבען זיך בעצויגען צום גרויסען וואַנדערער מיט דער גרעסטער האַכאַכטונג, דער אויפֿגעקלערטער גייסט, וועלכער האָט שפּעטער דאָרט געהערשט, האָט געשטאַמט פֿון אבן־עזרא׳ס זיין דאָרט. לאַנג האָט ער אָבער נישט געקאָנט פֿערבלייבען אויף איין אָרט און שוין, אַלס זיבעציג־יעהריגער זקן, האָט ער זיך געלאָזען קיין לאָנדאָן, ווי עס שיינט, לויט דער איינלאַדונג פֿון אַ רייכען אידען, וועלכער האָט איהם אויפֿגענומען מיט גרויסער ליעבע און אַכטונג. אין לאָנדאָן האָט ער מחבר געווען אַ ספר אין דער רעליגיאָנס־פֿילאָזאָפֿיע „יסוד מורא“ און אויך זיין ספר „אגרת השבת“, וועלכע איז זעהר אַנציהענד צוליעב דער הקדמה, וואו ער קליידעט איין זיינע געדאַנקען אין פֿאָרם פֿון אַ חלום. האָטש דעם אבן־עזרא האָט אין לאָנדאָן קיין זאַך נישט געפֿעהלט, פֿונדעסטוועגען האָט ער אויך די דאָזיגע גרויסע שטאָדט פֿערלאָזען נאָך אַ קורצען פֿערבלייבען דאָרט און צוריק אָבגעגאַנגען קיין דרום־פֿראַנקרייך. צו בעוואונדערען איז דער יונגער פֿרישער גייסט, וועלכער האָט איהם נישט פֿערלאָזען ביז די לעצטע יאהרען, דען זיינע לעצטע ווערק טראָגען דעם זעלבען שטעמפּעל פֿון יו־

מענד, ווי זיינע גאר פריהערדיגע ווערק. געשטארבען איז חער אבן עזרא אין קאלאהורה, א שטאדט צווישען נאווארא און ארראגאניען, אין אן עלטער פון אכט און זיבעציג יאהר (מאנטאג, כ׳ אדר ראשון, ד״א תתקכ״ז, 23 יאנואר 1167).

די איחען אין פראנקרייך האבען דאמאלס געהאט צווישען זיך א גרויסע פערזענליכקייט, וועלכע האט קאנצענטרירט ארום זיך די ישיבות פון תלמוד-שטודיום, זייענדיג דערביי אבער אויך גוט בעקאנט מיט׳ן גייסט פון די ספרדישע אידען. דאס איז געווען רבנו יעקב פון רומרוג, וועלכער איז בעוואוסט מיט׳ן נאמען רבנו תם (געבוירען 1100, געשטארבען 1171). די קרייצציגלער האבען איהם, ווי שוין דערמאנט, שיער נישט חער׳הרג׳עט און נאר על פי סבה איז ער געראטעוועט געווארען. רבנו תם איז געווען דער בעזייטענדסטער חכם פון רש״י׳ס תלמידים. אלס יונגסטער פון רש״י׳ס דריי גרויסע אייניקלעך, האט ער נישט געקאנט לערנען ביי זיין גרויסען זיידען, וועלכער איז געשטארבען, ווען ער איז נאך יונג געווען. ער האט אבער דערגרייכט צו אזא הויכער מדרגה אין תלמוד, אז ער איז איבערגעשטיגען זיינע צוויי גרויסע ברידער, חאם רשב״ם און חאם ר״י (רבי שמואל און רבי יצחק, רבי מאיר׳ס זיהן). א קלארער גייסט, א שטארקער מח און דערצו א זעלטענער בקי, איז רבנו תם געווארען חער הויפט-בעגרינדער פון דער שולע פון די „בעלי התוספות“. חאטש ער איז געווען א פריוואטער מענש, וואס האט געפיהרט אן אייגענעם מסחר, איז ער דאך געווען חער אנגעזעהענסטער צווישען די רבנים פון זיין צייט, און זיין נאמען איז בעוואוסט געווארען אויך אין שפאניען און איטאליען, און האט געהאט אפט צו ענטפערען „תשובות“ אויף פיעל שאלות פון די ווייטסטע קהלות. אין דער שרעקליכער צייט פון צווייטען קרייצצוג, ווען די מערדער האבען ביי איהם צוגענומען זיין גאנץ פערמעגען, איבערלאזענדיג איהם נאר זיינע ספרים און א קראנקען צושלאגענעם גוף, כמעט בלינד פון צרות, האט דער רבנו תם מחבר געווען זיינע „חדושים“ אויפ׳ן תלמוד. דאס איז געווען א פעסטער כאראקטער, רעליגיעז, און מיט פיעל עלטענע מדות, אין וועלכע עס איז קיין איינציגער פעהלער נישט געווען.

א דאנק חער גרויסער חשיבות און כבוד, וואס רבנו תם האט געהאט צווישען אלע אשכנזישע רבנים, איז איהם געלונגען אבצוטהון א זאך, וועלכע איז נאך קיינמאל נישט פארגעקומען, זינט מען האט דעם תלמוד אבגעשלאסען: ער האט איינגעארדענט אן „אספה רבה“ פון הונדערט און פופציג רבנים, וועלכע פלעגט זיך אפט צוזאמענקומען, כדי אנצונעהמען וויכטיגע בעשלוסען וועגען דעם לעבען פון די קהלות און רעליגיעזע פראגען, וועלכע האבען אויך טיילווייז געהאט א שייכות צו חער שרעקליכער צייט. וואס די איחען האבען דאמאלס איבערגעלעבט. ווערגיץ וואו אין א שטאדט בשעת א יריד, וואוהין עס פלעגען קומען פיעל אידען, אין טרויש אחער רהיימס, פלעגען זיך אויך צוזאמענפאהרען די רבנים צו בעטראכטען

רעליגיעזע פראגען, געזעלשאפטליכע און געמיינדע-ענינים, ווי אויך פראגען פון דיני ממונות, וויל די אידען האבען דאמאלס נאך געהאט דאס רעכט צו משפט'ן צווישען אידען און צווינגען די צדדים מקיים צו זיין די פסקים פון דעם אידישען בית-דין.

עס איז כמעט קיין ספק נישט, אז פון אט די דאזיגע „אסיפות הרבנים“ שטאמט די תקנה, אז א איד זאל נישט קויפען ביי א קריסט קיין צלם, אדער אנדערע הייליגע זאכען פון קירכע, וויל צוליעב די קרייצ-צוגען האבען די רבנים געזעהען דערין א סכנה פאר'ן כלל ישראל. די דאזיגע תקנה איז ארויסגעגעבען געווארען אונטער א שטרענגען חרם.— אויף א רבנישער אסיפה, און וועלכער עס האבען אנטייל גענומען הונדערט און פופציג רבנים פון די קהלות: טרוישׂ, אקסער, רהיימס, פאריז, שאנץ (Sens), דראם, ליאן, קארפענטראס, פון דער נארמאנדיע, פון אקוויטאניען, אנזשו, פואטו און לאטרינגען, אונטער'ן פארזיץ פון די ברידער רבנו שמואל און רבנו יעקב בני רבי מאיר (רשב"ם און רבנו תם), זענען אנגענומען געווארען די פאלגענדע תקנות: 1) איין איד טאר נישט צווינגען דעם צווייטען צו געהען מיט איהם אין א קריסטליך געריכט, סיידען דער אנגעקלאגטער וויל נישט געהן צום אידישען דיין אדער בית-דין, אדער ביידע צדדים האבען זיך מיט'ן גוטען ווילען צוזאמענגערעדט צו משפט'ן זיך אין קריסטליכען געריכט; 2) קיינער זאל נישט נעהמען פאר זיך א וועלכע עס איז התמנות ביי אידען מיט דער הילף פון דער וועלטליכער מאכט, נאר ער דארף אויסגעוועהלט ווערען דורך די מיטגלי-דער פון דער קהלה על פי רוב דעות; 3) קיינער טאר נישט סטראשען די אויסגעקליבענע פרנסים אדער גבאים פון דער קהלה (די שבעה טובי העיר). אויף די, וועלכע וועלען עובר זיין אויף די תקנות, איז געלעגט געווארען א שטרענגער חרם. קיין איד טאר מיט זיי נישט האבען קיין מגע ומשא, זייער ברויט און וויין איז טריפה, אפילו קיין צדקה טאר מען ביי זיי נישט אננעהמען. אויסער דעם האט די אסיפה געלעגט א שטרענ-גען חרם געגען די מוסרים.— אויף די רבנישע פערזאמלונגען זענען אנ-גענומען געווארען נאך פיעל תקנות, וועלכע האבען פאר די דייטשע און פראנצויזישע אידען געהאט די בעדייטונג פון א דין. אונטער אנדערען האט מען אויך בעשלאסען, אז די תקנה פון **רבנו גרשום מאור הגולה**, וועלכע האט פערבאטען צו נעהמען צוויי ווייבער, וואָרט פון דאס ניי בעשטעטיגט, און נאר, צוליעב א וויכטיגען מאטיוו, קאן מען אין בעזונ-דערע פאלען מבטל מאכען פאר יחידים דעם פערבאט דורך א היתר פון הונדערט רבנים פון דריי פערשידענע מדינות, ווי, למשל, פראנקריך, נארמאנדיע און אנזשו. די דאזיגע תקנות האבען די רבנים אנגענומען נישט געגען די אינטערעסען פון פאלק און בלויז מיט זייער הערשאפט, ווי די קאטוילישע גלחים פלעגען דאס טהון, נור לטובת דעם פאלק און דער גאנצקייט פון די קהלות. און דעריבער האט מען די תקנות אויך נישט

געברויכט אפט צו בענייען, ווי די קאטוילישע קאנסיליען פלעגען דאס מוזען אפט טהון.

אין זיין גרויסען עלטער האט רבנו תם געמוזט איבערלעבען אכזריות'דיגע רדיפות געגען די אידען אין בלוא (נעבען זיין געבורטס-שטאדט רומרוג), רדיפות, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט נישט בלויז דורך די שרעקליכע רציחות, נאר אויך דערמיט, וואס דאמאלס האט מען צום ערשטען מאל ארויסגעשטעלט געגען די אידען די שענדליכע פאלשע בעשולדיגונג, אז זיי געברויכען אויף פסח קריסטליך בלוט און שחט'ען צוליעב דעם קריסטליכע קינדער (1171). דאס איז געווען א שרעקליכע און געמיינע אינטריגע, צוליעב וועלכער מען האט פיעל אונשולדיגע אידען פערברענט לעבעדיגערהייט: אין בלוא האבען געוואוינט סך-הכל פערציג אידען. איינמאל איז געריטען א איד פארנאכט צום טייך לואר, אויסצובאדען זיין פערד און האט זיך בעגעגענט מיט א קריסטליכען ריטקנעכט, ביי וועלכען דאס פערד האט זיך פלוצלונג געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און נישט געוואלט אריינגעהן אין טייך. דער קנעכט האט געוואוסט, אז זיין הערר, דער שטאדט-הויפטמאן, איז א גרויסער שונא ישראל, און איז דעריבער געקומען צו איהם און דערצעהלט, אז א איד האט אריינגעווארפען א קריסטליך דער'שחט'ען קינד אין טייך און דעריבער האט זיין קריסטליך פערד נישט געוואלט געהען צום וואסער טרינקען און באדען זיך. דער הויפטמאן, וועלכער האט זעהר פיינד געהאט א געוויסען אידישע פרוי, פולצעלינא, וועלכע איז שטארק געליעבט געווען ביים גראף טהעאבאלד, זיין הערר פון שארטר, האט אויסגענוצט די דאזיגע געלעגענהייט, כדי נקמה צו נעהמען פון זיין פיינדין: ער האט אנגעקלאגט די אידען, אז זיי האבען דער'הרג'עט אויף פסח א קריסטליך קינד און אריינגעווארפען עס דערנאך אין טייך. דער גראף טהעאבאלד האט באלד בעפוילען איינצושמידען די אידען אין קייטען און אריינווארפען אין תפיסה. דעם בעפעהל האט מען אויסגעפיהרט געגען אלע אחוץ פון בלוא. אחוץ דער אידישער פרוי פולצעלינא, צו וועלכער דער גראף האט געהאט א בעזונדערע נייגונג. די דאזיגע פרוי האט געהאפט, אז עס וועט איהר געלינגען צו פועל'ן ביי'ם גראף, דאס מען זאל די אידען בעפרייען, און האט זיי דעריבער בערוהיגט. באלד אבער האבען זיך די אידען דערוואוסט, אז פאר זיי איז יעדע האפנונג פערלארען. פולצעלינא האט נעמליך, צוליעב דער ליעבע פון'ם גראף צו איהר, געהאט א שטארקע פיינדין אין דער פערזאן פון'ם גראפ'ס ווייב, דער גרעפין איזאבעלא, וועלכע האט אנגעווענדעט אלע מיטלען, כדי די אידען צו פערטיליגען. זי האט געלאזט בעוואכען פולצעלינא'ס הויז, כדי צו מאכען איהר אונמעגליך צו זעהען זיך מיט'ן גראף און ווירקען אויף איהם לטובת די אנגעקלאגטע אידען. די אידען האבען נאר געהאט א פונק האפנונג אויסצוקויפען זיך מיט געלד, דען דער גראף האט געשיקט

אַנפֿרעגען זיי, וויפֿיעל געלד וועלען זיי געבען, כדי ער זאָל זיי פֿרײַשפּרעכען פֿונ'ם בלוט-בלבול. די אידען האָבען זיך געהאַלטען אַן עצה מיט זייערע בעפֿרײַנדעטע קריסטען, וועלכע האָבען ערקלערט, אַז פֿאַר הונדערט פֿונט זילבער באַר און די הונדערט מיט אַכציג פֿונט חובות, וואָס דער גראַף איז זיי שולדיג, וועט ער זיי בעפֿרײַען. אָבער פּלוצלונג האָט זיך אין פּראָצעס אַרײַנגעמישט אַ גלח, וועלכער האָט ערקלערט דעם גראַף, אַז מען טאָר די זאַך ניט נעהמען אַזוי לײַכט, אויב די בעשולדיגונג האָט אַ זיכערען גרונד. ווי אַזוי אָבער זאָל מען דאָס דערגעהן, ווען די גאַנצע מסירה שטאַמט סך הכל פֿון איין רײַטער-קנעכט? דאָס מיטעל-אַלטער האָט טעהאָט דערויף אַ זיכערע עצה: די וואַסער-פּראָבע. מען האָט אָנגעפֿילט אַ שיפֿעל מיט וואַסער, אַרײַנגעזעצט דערין דעם קנעכט און געלאָזען שווימען אויפֿ'ן טײַך. און ווײַל דאָס שיפֿעל איז ניט אונטערגעגאַנגען און דער קנעכט איז ניט דערטרונקען געוואָרען, איז דער גראַף און די גאַנצע קריסטליכע בעפֿעלקערונג געווען פֿעסט איבערצײַגט, אַז זײַן אָנקלאַגע איז געווען אַ ריכטיגע. דער גראַף טהעאָבאַלד האָט דעריבער באַלד בעפֿוילען, אַז מען זאָל די אידען לעבעדיגערהייד פֿערברענען. ווען מען האָט די אידען אַרײַנגעבראַכט אין אַ הילצערנעם טורם, אַרום וועלכען מען האָט געדאַרפֿט באַלד אָנצינדען די שײַטער-הויפֿענס (פֿײַער-פֿלאַמען), האָט דער גלח פֿאָרגעלעגט זיי, צו שמד'ן זיך און אַזוי אַרום נצול ווערען פֿון שרעקליכען טויט. די אידען האָבען אָבער דעם פֿאָרשלאַג מיט אַבשוי אָבגעוואָרפֿען. דאַן האָט מען זיי געפּײַניגט מיט מוראדיגע יסורים און צולעצט אַרײַנגעוואָרפֿען אין פֿײַער. פֿיער און דרײַסיג מענער און זיבצעהן פֿרויען האָבען אַזוי אַרום געענדיגט זייער לעבען, ווי קדושים אין די פֿײַער-פֿלאַמען, זינגענדיג די תפלה „עלינו לשבח" און בעטענדיג גאָט, אַז אַלע פֿעלקער זאָלען זײַן איינציגע הערשאַפֿט אָנערקענען (כ' סיון ד"א תתקלא—26-טער מאַי 1171). די ערשטע וועלכע זענען דאַמאָלס געשטאָרבען על קידוש השם, זענען געווען דרײַ תלמידים פֿון רבנו תם: רבי יחיאל ברבי דוד הכהן, רבי יקותיאל ברבי יהודה הכהן און רבי יודא ברבי אהרן.

אויך די פֿרוי פּולצעלינא איז בײַ דער דאָזיגער געלעגענהייט דערהרג'עט געוואָרען. נור אַפּאָר אידען האָבען דאַמאָלס זיך געלאָזט מיט געוואַלד אָבשמד'ען. די קריסטען זענען דורך זייער זינלאָזער וואַסער-פּראָבע פֿעסט געווען איבערצײַגט, אַז די אידען האָבען כשר פֿערדיענט דעם שרעקליכען טויט, און דער דאַמאָליגער כראָניקער דערצעהלט קורץ: טהעאָבאַלד, דער גראַף פֿון שאַרטר, האָט געלאָזען פֿערברענען פֿיעל אידען פֿון בלואַ, דערפֿאַר וואָס זיי האָבען אויף פּסח געקרייציגט אַ קריסטליך קינד און אַרײַנגעוואָרפֿען עס אין טײַך לואַר. ווען רבנו תם האָט דערהאַלטען די שרעקליכע ידיעה פֿון בלואַ, האָט ער זיך ביטערליך צעוויינט און בעשטימט צו מאַכען דעם טאָג כ' סיון פֿאַר אַ תענית-צבור

דער דאָזיגער תענית איז אַ אָנדענקען נישט בלויז פֿאַר די קדושים פֿון בלואַ, נאָר אויך אַלס דער אָנפֿאַנג פֿון אַ שרעקליכען בלבול, וועלכער האָט אין משך פֿון הונדערטער יאָהרען געקאָסט די אידען הונדערטער און טויזענדער קרבנות פֿון גאָר אונשולדיגע מענשען, וועלכע האָבען געמוזט אָננעהמען דעם טויט פֿון קדושים אויף אַ שוידערהאַפֿטען אופן.

דער רבנו תם איז געשטאָרבען אַ קורצע צייט נאָכדעם (ד׳ תמוז תתקל״א—1171) און מיט זיין טויט ענדיגט זיך די גרויסע רייהע פֿון די „חכמי צרפת“, וועלכע זענען געווען עכטע שאַפֿער אויפ׳ן געביעט פֿון תלמוד-שטודיום, ווי אין שפּאַניען ענדיגט זיך מיט׳ן אבן-עזרא די גרויסע עפּאָכע פֿון די שפּאַנישע אידען. די לעגענדע האָט זעהר שען בעפּוצט רבנו תם׳ס אָנדענקען, דערצעהלענדיג, אַז משה רבנו האָט אין הימעל געהאַט אַ וכוח מיט רבנו תם וועגען אַ הלכה, און אָנערקענט, אַז דער גרויסער פֿראַנצויזישער רב האָט רעכט. באַלד טרעט-אַרוים אין דער אידישער געשיכטע אַ נייע גרויסע פּערזענליכקייט, וועלכע האָט פֿעראייניגט אין זיך ביידע ריכטונגען פֿון אידישען גייסט, פֿון די אשכנזישע און ספרדישע אידען. דאָס איז געווען רבנו משה בן מיימון, אָדער ווי מען האָט איהם גערופֿען קורץ: דער רמב״ם. מיט איהם הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פֿון דער אידישער גייסטיגער ענטוויקלונג.

פֿינפֿטעס קאַפּיטעל.

אַלגעמיינער איבערבליק איבער׳ן צייטאַלטער פֿון רמב״ם.

(פֿון 1171 ביז 1205)

אײדער די פֿינסטערע וואָלקענס האָבען זיך צוזאַמענגעצויגען צו פֿערפֿינסטערען פֿאַר די אידען דעם גאַנצען הימעל, נישט איבערלאָזענדיג קיין שפּאַן בלויע ליכטיגקייט; אײדער פֿירשטען און פֿעלקער, גרויסע און קליינע האָבען אין׳ם נאָמען פֿון דער גאָטהייט זיך גענומען פֿערניכטען דאָס אידישע לעבען, פֿערניכטען די אידישע קהלות און מאַכען צו שאַנד און צו שפּאָט דעם אידישען נאָמען; אײדער די פּויפּסטען האָבען זיך גענומען משפּט׳ן מיט פֿייער און שווערד לעבעדיגע און טויטע, אײנפֿיהרענדיג די שוידערהאַפֿטע אינקוויזיציע — קורץ אײדער מען האָט אײנגעפֿיהרט די העלישע פּיין פֿאַר אידען, וואָס הויבט זיך אָן מיט׳ן פּויפּסט אינאָצענץ III און דערגרייכט די העכסטע מדרגה פֿון אונמענשליכקייט פֿאַר פֿערדינאַנד דעם קאַטוילישען פֿון שפּאַניען, דאַרף מען געבען אַן איבערזיכט אויף דער לאַגע פֿון די צושפּרייטע אידישע קהלות אין אַלע וועלט-טיילען, כדי צו זעהען, וואָס זיי האָבען נאָך דאַמאַלס געהאַט און וואָס זיי האָבען פֿערלוירען אין די שרעקליכע רעליגיעזע רדיפות. די מענ-

שענפֿיינדשאַפֿט, וועלכע מען האָט אויפֿגעדיגט געגען אידען, האָט זיך ביז יענער צייט נאָך נישט פֿערשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. וועהרענד אין איין מדינה האָבען זיך שוין אָנגעהויבען די רדיפֿות, האָט מען זיי נאָך אין אַנ׳אַנדער לאַנד הויכגעשעצט אַלס פֿרייע בירגער און מענשען. וועהרענד אין איין לאַנד האָט מען זיי פֿערקלערט „מיט חסד“ פֿאַר קנעכט פֿון די פֿירשטען און פֿון קיזער, זענען זיי נאָך אין אַנ׳אַנדער לאַנד געוועזען שרים און מלוכה־יועצים.

לויט דער צאָהל פֿון די נפֿשות איז דאַמאַלס, דאָס הייסט, אין אַנפֿאַנג פֿונ׳ם רמב״ם עפּאָכע, געוועזען אין אזיען מעהר אידען, ווי אין איירופּא; אָבער לויט דער ענטוויקלונג זענען די איראָפּעאישע אידען געשטאַנען העכער, און איראָפּא האָט דאַמאַלס געמוזט באַטראַכט ווערען אַלס דער הויפּט־אָרט פֿונ׳ם יודענטום. דאָס אידישע שפּאַניען איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דער העכסטער שטופֿע, וויל דאָ איז די אידישע בעוואוסטזיינקייט אַממייסטען שטאַרק געוואָרען. אידען האָבען געוואוינט אין אַלע פֿינף קריסטליכע מלוכות פֿונ׳ם געבענשטען לאַנד שפּאַניען, וועלכעס איז דאַמאַלס געוועזען, לויט נאַטור און עשירות — דער גן־עדן פֿון דער וועלט: אין קאַסטיליען, לעאָן, אַראַגאָניען, פּאָרטוגאַל, נאַוואַרא, וואו עס זענען געוועזען גרויסע אידישע קהלות. נור אין דרום־שפּאַניען, אין אַנדאַלוזיען, זענען שוין קיין אידען, וועניגסטענס, עפֿענטליכע, נישט געוועזען, נאָכדעם ווי די פֿאַנאַטישע אַלמאָהאַדען האָבען דאָס לאַנד איינגענומען. די פֿאַרצייטיגע ישיבות אין קאָרדאָווא, לוסענא, סעווילא און גראַנאַדא זענען פֿערמאַכט געוואָרען; אַנשטאָט זיי איז אַרויסגעטרעטען ט אָ ל ע ד אָ, די הויפּט־שטאָדט פֿון קאַסטיליען, וועלכע איז געוואָרען די פֿירשטין פֿון אַלע אידישע קהלות אין שפּאַניען. אין טאָלעדאָ האָבען דאַמאַלס געוואוינט צוועלף טויזענד אידען; ווי די שטאָדט איז בכלל רייך געוועזען אין שענע געביידעס, האָבען די אידען אין טאָלעדאָ אויך געהאַט פֿיעל שוהלען, וואָס מיט זייער שענהייט האָט זיך קיינע נישט געקאָנט פֿערגלייכען. צווישען די אידען אין טאָלעדאָ זענען געוועזען נישט בלויז פֿיעל רייכע און געבילדעטע אידען, נור אויך גבורים, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט אויפֿ׳ן שלאַכט־פֿעלד מיט זייער העלדישקייט און געשיקטקייט. אידישע יונגע לייט האָבען געלערנט די קונסט צו פֿעכטען, כדי צו קאָנען אויסטרעטען אַלס ריטער. אין דער רעגירונג פֿון אַ ל פֿ אָ נ ז אָ VIII, וועלכען מען האָט גערופֿען „דער ערהאַבענער“ (1166—1214), זענען בעגאַבטע אידען געוועזען אָנגעשטעלט אויף הויכע מלוכה־שטעלען און האָבען פֿיעל מיטגעווירקט צו דערהייבען דאָס לאַנד. אַ גרויסער חשוב אין קעניגליכען הויף איז געוועזען ר ב י י ו ס ף ב ן ש ל מ ה א ב ן ־ ש ו ש ן, וועלכען מען האָט אויך גערופֿען „ד ע ר נ ש י א“. (געבוירען 1135, געשטאָרבען 1204). געלעהרט און פֿרום, רייך און וואָוילטעטיג, איז אבן־שושן געוועזען זעהר געליעבט ביים קעניג און האָט געהאַט אַ הויכע שטעלע אין דער

מלוכה. ער פלעגט זעהר פיעל שטיצען תלמידי חכמים און האט געלאזט אויפבויען מיט זיין געלד א גרויסע און שעהנע שוהל אין טאלעדא.

ניך געהערט איז געווען אין קעניגליכען הויף אויך רבי אברהם אבן אלפאכאר (1160—1223), „געקרוינט מיט שעהנע מדות און מעשים טובים, פערהאבען אין ווארט און טהאט א ציערונג פאר זיין קעניג" — זוי די מצבה אויף זיין קבר דערצעהלט. א זעלטענער שריפטשטעלער אין אראביש אין פראזא און אין שירים, איז אבן אלפאכאר אזוי בעוואוסט געווארען צווישען די אראבער, אז איינער פון די אראבישע דיכטער האט געפינען פאר נויטיג צו זאמלען אלע זיינע שירים, צווישען זיי אויך א לויב-געזאנג פאר'ן קעניג אלפאנזא.

אין יענער צייט האט זיך געלעבט אין טאלעדא דער אלטער אידישער געשיכטע-שרייבער און פילאזאף, רבי אברהם אבן דאוד, וועלכער איז געווען א ציערונג פאר דער קהלה. ערשט אין יאהר 1180 איז ער דער'הרג'עט געווארען על קידוש השם, בשעת אן אנפאל פון ווילדען המון אויף די אידען אין טאלעדא. וואס איז געווען די סבה פון'ם דאמאליגען אנפאל, איז אונבעוואוסט; מעגליך, אז דאס איז געווען צוליעב קנאה, פאר וואס חער קעניג פלעגט אזוי שטארק מקרב זיין צו זיך די פעהיגע אידען. אלפאנזא דער אכטער, וועלכער איז נעמליך געווען פערהייראטעט מיט אן ענגלישער פרינצעסין, האט געהאט א אידישע געליעבטע, די שעהנע רחל; די בעציהונג פון קעניג צו דער אידישער מיידעל איז געווען א עפענטליכע און זי האט זיך געצויגען זיבען יאהר. פלוצלונג זענען די פערשווארענע אנגעפאלען אויף איהר מיט איהרע בעגלייטער אויף איהר רייך בעפוצטען פאלקאן און דער'הרג'עט זי מיט איהרע פריינד פאר'ן קעניג אין די אויגען. ביי דער דאזיגער געלעגענהייט האט מען אויך געמאכט אן אנפאל אויף די אידען אין טאלעדא און דאמאלס האט מען דער'הרג'עט דעם אלטען אידישען היסטאריקער.

אין זיין מלחמה מיט די מויריען (מחמד'אנער) האבען די אידען געשטיצט דעם קעניג אלפאנזא, בשעת דער קעניג האט געזאמעלט מיליטער, כדי צו פערטיידיגען זיין לאנד געגען דעם אלמאהאדישען קעניג יעקב אלמאנסור, וועלכער האט געוואלט אריינדרינגען אין דאס קריסטליכע שפאניען, האבען די אידען געגעבען זעהר פיעל געלד דעם קעניג, כדי זיין ארמעע איינצוארדנען און פערזעהען זי גענוג מיט געוועהר. און ווען די מלחמה ביי אלארקאס (19-טער יולי 1195) האט זיך פאר איהם געענדיגט אינגליקליך, די שענסטע קריסטליכע ריטער זענען געפאלען אויפ'ן שלאכט-פעלד און אלפאנזא איז געווען געצוואונגען זיך צו פערשליסען אין זיין הויפט-שטאדט, האבען די אידען געקעמפט צוזאמען מיט דער איבעריגער בעפעלקערונג און מיטגעווירקט, אז די אלמאהאדען זאלען זיך מוזען צוריקציהען פון שטאדט.

אין אראגאניען, צו וועלכען עס האט פון חער צייט פון קעניג

ראמאן בערענגער IV געהערט אויך קאטאלאניען, האבען די אידען אויך גענאסען א.ז. שלום שלוה און געקאנט אבגעבען זיך אויך מיט זייער גייסטיגער ענטוויקלונג. אלפאנזא II (1162—1196), א גרויסער ליעבהאבער פון דער פראוואנסאלישער פאעזיע, איז געוועזען א גרויסער פריינד פון שענגייסטער, פילאזאפען און דיכטער, און אלס אזעלכע זענען דאמאלס געוועזען בעוואוסט די אידען. די שטאדט בארצעלאנא איז געוועזען דער מיטעל־פונקט פון צפון־שפאניען, צוליעב איהר גינסטיגער לאגע ביים מיטעללענדישען ים און איהר רייכען מסחר. חשר דיכטער אלחריזי האט איהר אנגערופען „די קהלה פון שרים און קצינים". און שפיץ פון דער דאזיגער קהלה איז דאמאלס געשטאנען דער הויך־געלעהרטער תלמודיסט, פילאזאף און מעדי: ער רבי ששת בענוועניסטע (בנבנישתי). צוליעב חכמה, וואס ער א.ז זעהר קלוג געוועזען און בעהאוועגט אין דער אראבישער בילדונג, האט דער קעניג פון אראגאניען איהם אנגעטרויט צו פיהרען דיפלאמאטישע אונטערהאנדלונגען מיט די אראבישע פירשטען. רבי ששת איז דאדורך זעהר רייך געווארען און דערגרייכט אזא הויכען נאמען, ווי רבי שמואל הנגיד אין זיין צייט. דורך זיינע גרויסע צדקות און זיין שטיצען תלמידי חכמים, דיכטער און פילאזאפען — נעבען איהם איז געוועזען שטארק בערירהמט אין בארצעלאנא רבי שמואל בן אברהם אבן חסדאי הלוי (1165—1216), „דער קוואל פון חכמה און דער ים פון געדאנקען", ווי דער דיכטער אלחריזי האט איהם גערירהמט. ער האט געהאט פינף געלעהרטע זיהן, אונטער וועלכע עס איז אונז בעוואוסט מיט'ן נאמען רבי אברהם אבן חסדאי, דער דיכטער פון מאראלישען ראמאן: „דער פרינץ און דער דערוויש" („בן המלך והנזיר"), ווי אויך אלס איבערזעצער פון פילאזאפישע שריפטען.

און אויך דאס קליין שטעדטיל טודעלא האט ארויסגעגעבען א בערירהמטע אידען. טודעלא ליגט אויפ'ן טייך עברא און איבער איהר האבען תמיד געקעמפפט די מלכים פון אראגאניען און נאווארא; די ארטיגע אידען האבען דורך זייער מוטיגקייט זיך אויסגעקעמפפט גלייכבערעכטיגונג מיט דער קריסטליכער און מחמדאנישער בעפעלקערונג, און מען האט זיי אויך אבגעגעבען א פעסטונג (Castel), וואו זיי זאלען קאנען זיך פערטיידיגען פון זייערע פיינד. און אט פון דער קהלה איז ארויסגעקומען דער געלעהרטער רייזענדער רבי בנימין ברבי יונה מטודעלא, וועלכען די אידישע געשיכטע, ווי אויך די אלגעמיינע וועלט־געשיכטע האט צו פערדאנקען אינטערעסאנטע און ריכטיגע ידיעות. ער האט דורכגעוואנדערט א גרויסען טייל פון דרום־איראפא (1165—1173) און א טייל אזיען און אפריקא, אלס סוחר אדער אלס נייגיריגער פרומער איד, כדי אויפצוזוכען די שפורען פון די צעשפרייטע אידען אין אלע עקען וועלט. אין יעדער שטאדט האט ער געמאכט זייער אינטערעסאנטע באאבאכטונגען, און

זיינע רייזע-בעשרייבונגען זענען איבערזעצט געווארען כמעט אין אלע מאדערנע שפראכען. די קליינע שפאנישע קהלה גירונא, אין קאטאלאניען, האט פון זיך ארויסגעגעבען פיעל געלעהרטע אידען מ'טן בינאמען גירונדי. דאס שטעדטעל איז געווען א שטרענג פרומע; די אידען האבען זיך דארט געהאלטען ווייט פון דער פילאזאפיע און בעשעפטיגט זיך בלויז מיט'ן תלמוד. דא איז געבוירען געווארען דער בעוואוסטער פוסק רבי יצחק הלוי גירונדי, וועלכער האט מחבר געווען א ספר אין דיני ממונות; גרעסער פאר איהם איז נאך געווען זיין זוהן, רבנו זרחיה הלוי גירונדי, (1185—1125), א שארפער קריטישער קאפ, וועלכער האט ענטדעקט פעהלערען און אנגעוויזען זיי ביי די גרעסטע אויטאריטעטען אין תלמוד. רבי זרחיה, אגב, ווי ער איז בעוואוסט, לויט'ן נאמען פון זיין חבור, דער בעל „המאור", האט זיך נישט געשראקען אפילו ארויסצוטרעטען מיט זיין קריטיק געגען דעם אלגעמיין אנגענומענעם און אנערקענטען רבי יצחק אלפסי, פאר וועלכען ער האט אליין אויך געהאט דעם גרעסטען רעספעקט, אבער צוליעב דער ליעבע צום אמת האט ער איהם נישט געשוינט דארט, וואו ער האט געהאט זיין אייגענע מיינונג. אין זיין אנשויאונג אויפ'ן תלמוד איז רבי זרחיה אוועק מיט עטליכע הונדערט יאהר פארויערטס געגען די מענשען פון זיין צייט, אבער ספק'י דערפאר האט ער געהאט ווייניג גוטע פריינד. נישט אלע האבען איהם ווי געהעריג פערשטאנען און מען האט איהם נישט געקאנט מוחל זיין פאר זיין נישט שוינען די גרויסע אויטאריטעטען.

אינ'ם לאנד, וואס אויף יענער זייט פון די פירענייאישע בערג, אין לאנגדאק און אין פראווענס, האבען די אידען אין סוף פון צוועלפטען יאהרהונדערט געהאט גליקליכע טעג. דרום-פראנקרייך איז געווען עהנליך צו צפון-שפאניען אין זיטען און חאראקטער, און דאס, וואס עס איז געווען איינגעטיילט צווישען פיעל הערשער, איז געווען גאנץ גינסטיג פאר דער ענטוויקלונג פון דער קולטור. א טייל פונ'ם דאזיגען לאנד האט געהערט דער פראנצויזישער קרוין, א טייל איז געווען אונטערטעניג ביי דייטשלאנד, א טייל האט געהערט דעם קעניג פון אראגאניען, א טייל ווידער— צום גראף פון טולוזא, ווייטער אויך — צו פערשיעדענע גראפען, וויצעגראפען און סתם פריצים, וואס יעדער פון זיי איז זיך געווען א זעלבסטשטענדיגער הערר און האט געליעבט די דאמאלס בליהענדע פראווענסאלישע פאעזיע. די קאטוילישע קירכע האט דארט געהאט ווייניג אנהענגער. נעבען דעם אדעל האט זיך ענטוויקעלט א פרייע בירגער-קלאס, וועלכע האט געשעצט איהר פרייהייט און זי אבגעהיט. די גייסטליכע וועלט האט אויך נעבראכט דערצו, אז עס זאל זיך ענטוויקלען א סעקטע פון אלביגענזער, וועלכע זענען מעהר נוטה געווען צום יודענטום ווי צום קריסטענטום, און בכלל געשטימט די איינוואוינער פריינדליך פאר די אידען. צווישען די פראווענסאלישע פריידענקער זענען געווען

זעהר פיעל, וואס האבען זיך ארויסגעזאגט, בשתיקה, אדער עפענטליך, אז „דאס אידישע געזעץ איז בעסער, ווי דאס קריסטליכע“. נאטירליך, האט די קאטוילישע קירכע דערפאר זיי אנערקענט פאר אפיקורסים און גערודפ'ט. גרויסע און קליינע פירשטען האבען בעשטימט אידען פאר בעאמטע פערטרויענדיג זיי אויך אפילו צו זיין שטאטהאלטערס און זייערע פראווינצען; אזוי ארום האבען די אידען געהאט אין זייער מאכט אין די פאליציי, אין דאס געריכט. די אידען האבען זיך דעריבער געשפירט אין דעם דאזיגען פון דער נאטור געבענשטען לאנד זעהר געהויבען און האבען אנטייל גענומען אין אלע אויפגאבען צו דערהויבען און ענטוויקלען דאס לאנד. די גייסטיגע בעשעפטיגונגען האבען זיי געשעצט זעהר הויך, תלמידי חכמים פלעגען זיי בעזארגען מיט א רייכער פרייגיביגער האנד. די פראָוואנסאלישער אידען האבען זיך אבגעגעבען דער תורה און דער חכמה מיט ליעבע, אבער קיין גדולים האבען זיי נישט ארויסגעגעבען פון זיך; זיי זענען בלויז געווען געטרייע תלמידים. דערפאר האבען זיי זיך אבער אויסגעצייכענט מיט אלע שענע אידישע מדות און א הויכער מדרגה: זייערע הייזער זענען געשטאנען אפען פאר יעדען פרעמדען, די רייכע אידען האבען געזארגט צו געבען א גוטע ערציהונג די קינדער פון די ארעמע לייט און פלעגען זיי פערזארגען מיט ספרים, וועלכע האבען אין יענער צייט, ווען קיין דרוקערייי איז נאך נישט געווען, געקאסט זעהר טייער, וויל מען פלעגט זיי מוזען בעשטעלען איבערצושרייבען. צווישען די קהלות האט דארט געהערשט גרויס אחדות. דער אלגעמיינער וואוילשטאנד האט געשטאמט פון דער בעשעפטיגונג מיט לאנד־ארבייט און דעם וועלט־מסחר, וועלכער האט דאמאלס געבליהט אין די פארט־שטעדט, וואו מען האט געפיהרט דעם מסחר מיט שפאניען, איטאליען, ענגלאנד, מצרים און דעם גאנצען מזרח.

די הויפט־קהלה פון דרום־פראנקרייך איז געווען נ א ר ב א נ א, וואו עס האבען געלעבט דאמאלס דריי הונדערט אידישע משפחות. אין שפיץ פון דער קהלה איז געשטאנען ר ב י ק ל ו נ י מ ו ס ב ן ת ו ד ר ו ס, וועלכער האט געשטאמט פון אן'אלטער יחוס־משפחה, נעמליך, פון יענעם ר ב י מ כ י ר, וועלכער איז געקומען קיין נארבאנא אין די צייטען פון קארל דעם גרויסען און האט דארט געגרינדעט א ישיבה. ר ב י ק ל ו נ י מ ו ס האט געהאט פיעל גיטער, וועלכע די קלוגע און גוטע פירשטין ע ר מ ע נ ג א ר ד האט איהם בעשטעטיגט אויף אייביג. אלס ראש ישיבה איז געשטאנען דאמאלס אין נארבאנא רבי אברהם בן רבי יצחק מיט'ן טיטיל אב־בית־דין (געשטארבען 1178). דאס איז געווען א שטרענג תלמודישער תלמיד־חכם, וועלכער האט פון קיין זאך נישט געוואלט וויסען, אויסער דעם תלמוד. אבער אויך אינ'ם תלמוד איז ער געווען מעהר בקי, ווי חריף. בערימט איז ער אבער געווארען דורך זיינע צוויי גרויסע תלמידים

דער הערמאַנטער רבנו זרחיה בעל „המאור“ און רבי אברהם בן דוד פון פּושקיירא (זעה ווייטער).

אין נארבאָנא האָט געלעבט אין יענער צייט די בעריהמטע משפחה קמחי, וועלכע האָבען פאַר די אידען אין פּראָווענס ווי אויך פאַר אַלע שפּעטערדיגע דורות אויפגעטהון זעהר פיעל מיט זייערע פירושים צום תנ״ך. דער שטאַמפאַטער פון דער משפחה, רבי יוסף בן יצחק קמחי (1115—1170) האָט, ווי עס שיינט, געשטאַמט פון דרום-שפּאַניען, פון וואַנען ער איז ענטלאָפען קיין נארבאָנא בשעת די רעליגיעזע רדיפות פון די אַלמאָהאַדען. ער האָט פערשטאַנען גוט אַראַביש און האָט איבערזעצט רבנו בחיי'ס „חובות הלבבות“ אויף העברעאיש *) און אויך געשריבען פירושים צום תנ״ך. זיין הויפּט-פערדינסט איז בעשטאַנען דערין, וואָס ער האָט פערפלאַנצט אין דרום-פראַנקרייך די קולטור פון די ספרדישע אידען, אַנ'אויפגאַבע, וועלכע האָט אונטערגענומען דער אבן עזרא, אָבער ער האָט זי נישט פערענדיגט. ער זאָל אויך האָבען געשריבען אַ פּאָלעמיש ווערק געגען דעם קריסטענטום, וועלכעס האָט די פאָרם פון אַ דיאַלאָג צווישען אַ קריסט און זיין געגנער דעם אידען. צי שטאַמט טאַקי דאָס ווערק פון איהם באמת אָדער נישט—וויכטיג איז עס, אַלס אַ היסטאָרישע דאָקומענט פון יענער צייט, דען מען קאָן לויט'ן „דיאַלאָג“ ריכטיג אורטיילען וועגען דעם מאָראַלישען צושטאַנד פון דער דאַמאָלסדיגער אידישער און נישט-אידישער בעפעלקערונג אין פּראָווענס. דער איד טענ'עט, אַז די ריכטיגקייט פון דער רעליגיע קאָן מען דערקענען לויט דער זיטליכקייט פון איהרע אנהענגער. צווישען אידען זענען נישטאָ קיין מערדער, קיין נואפים, קיין רויבער, וועהרענד די קריסטען ליגען אויף אַלע וועגען, לויערן אויף שוואַכע מענשען, וועלכע זיי בעראויבען, פערגוואַלדיגען, מאַרטערן, הענגען און פערברענען. די אידישע קינדער ווערען גוט ערצויגען און קיין שלעכט וואָרט טאָרען זיי נישט אַרויסרייסען; די אידישע מיידלעך זיצען ציכטיג אין זייער היים, וועהרענד די קריסטליכע פיהרען אַן אויסגעלאַסען לעבען. דער איד בעציהט זיך צום פרעמדען ברידערליך; ער איז אַ מכניס-אורח, ער גיט אויס פיעל געלד אויף פדיון שבוים, בעקליידעט די נאַקעטע און בעזאָרגט מיט ברויט די הונגעריגע. דער קריסט איז מודה, אַז די אידען האָבען אַט די אַלע מדות טובות, נאָר עס געפעלט איהם נים, וואָס זיי נעהמען ביי די קריסטען צו-גרויסע פּראָצענטען. דערויף ענטפערט דער איד, אַז אויך די קריסטען בעשעפטיגען זיך מיט געבען געלד אויף פּראָצענט, און זיי נעהמען גרויסע פּראָצענטען טאַקי ביי זייערע אייגענע ברידער, וועהרענד אַ איד נעהמט נישט קיין פּראָצענט ביי אַ אידען.

רבי יוסף קמחי'ס זיהן, רבי משה און רבי דוד קמחי, זענען געגאַנגען אינ'ם וועג פון זייער פאָטער. דער ערשטער (1170—1196) איז געוועזען ווייניגער געלערנט פאַר זיין פאָטער, דער צווייטער אָבער, וועלכער

*) די געוועהנליכע איבערזעצונג, וועלכע מיר האָבען, האָט געמאַכט אבן תבון.

איז בעוואוסט מיט זיין פערקירצטען נאָמען דער רד״ק (1160—1235)
איז געוועזען בעריהמט אלס לעהרער פון העברעאיש סיי פאר די אידען סיי
פאר די קריסטען אין אייראָפּא. צו די גרויסע מדקדקים: חיוג, אבן
גנאת, קיקטיליא און אבן עזרא קומט ער אפילו נישט, אבער
זיין הויפט-פערדינסט איז, וואָס ער איז א פאָפּולערער ערקלערער; ער איז
בכלל נישט געוועזען קיין פאָרשער נאָר א טיכטיגער זאמלער פון די
פריהערדיגע גרויסע גראמאטיקער און מפרשים. זיינע פרושים זענען
פריעמד פון אגדות, פשט׳לעך, קבלה און פילאָזאָפיע און נאָהנט צום קלא-
רען פערשטאנד.

די אלטע אידישע קהלה אין בעזיער, וועלכע האָט פריהער אויפגענומען
מיט אזא גרויסען כבוד דעם אבן-עזרא, איז געוועזען אין דער געגענווערטי-
גער עפאָכע נאָך אין א בעסערער לאגע, ווי נארבאָנא, אונטער דער רעגי-
רונג פון מארקיז ראימאָנד טראנקאוועל און זיין זוהן ראָזשער. די אידען
און די קריסטען זענען דאָרט גלייך גוטה געוועזען צום פריידענקען. פיעל
קריסטען האָבען זיך זאָגאר אבגעזאָגט צו געהאָרכען דעם רוימישען
פויפסט מיט זיינע גלחים. פונדעסטוועגען האָט זיך נאָך דאָרט געהאלטען
דער אלטער מנהג, אז אינ׳ם זונטאג וואָס פאר פאסחא (Palmsontag)
פלעגט חער בישאָף האלטען א רעדע פאר די קריסטען און אנווייזען אויף
די אידען, אלס אויף גאָטעס-מערדער, און די קריסטען פלעגען דערנאָך
אנפאלען אויף די אידישע הייזער, ווארפענדיג אויף זיי מיט שטיינער.
ווייל אבער די אידען האָבען געוואוינט אין א בעזונדערען שטאָדט-טייל,
וועלכער איז געוועזען ארומגערינגעלט מיט א מויער, און זיי פלעגען זיך
ענערגיש פערטיידיגען, פלעגען ביי יעדען אנפאל פיעל מענשען פון ביידע
צדדים פערוואונדעט ווערען. די פאָרשטעהער פון דער קהלה האָבען דערי-
בער אנגעהויבען זיך משתדל זיין, אז מען זאָל דעם מנהג, וואָס איז בלויז
א חרפה פאר׳ן קריסטענטום, מבטל מאכען. דער מארקיז האָט דערויף איינ-
געשטימט און ער האָט צוזאמען מיט׳ן אָרטיגען בישאָף בעשלאָסען (1160)
מבטל צו מאכען דעם מנהג, און דער גלח, וועלכער וועט אנרייצען די
קריסטען אנצופאלען אויף די אידען, דאַרף בעשטראָפט ווערען. און די
אידען האָבען זיך דערפאר פערפליכטעט צו בעצאָהלען דער קירכע יעדעס
יאָהר אין זונטאג פאר פאסחא פיער פונט זילבער. אויך דער פאָלגענדער
פירסט ראָזשער איז געוועזען זעהר גוט פאר די אידען און צוויי אידען:
רבי משה די קאוואריט און רבי נתן, האָט ער בעשטימט פאר זיינע פראָ-
ווינץ-פערוואלטער.

א בעדייטענדע פראָוואנכאלישע קהלה איז געוועזען אין מאָנפעליע,
וועלכע איז געווען די הויפט-שטאָדט פון דרום-פראנקרייך. דאָרט זענען
געוועזען פיעל אידען עשירים, וועלכע זענען שטארק בעריהמט געוועזען דורך
זייערע צדקות. די אידען האָבען דאָרט זעהר געליעבט די וויסענשאפט,
וועלכע זיי פלעגען לערנען אין דער אָרטיגער מעדיצינישער אקאדעמיע.
די משלים פון מאָנפעליע האָבען זיך אבער נישט אויסגעצייכענט מיט בע-

אונדערער פריינדשאפט צו די אידען.

די שטאדט לונעל, נישט ווייט פון מאנפעליע, האט געהאט א גרויסע אידישע קהלה פון לערך דריי הונדערט מיטגלידער און האט זיך גערעכענט פאר די צווייטע אנגעזעהענע אידישע קהלה נאך נארבאנא אין גאנצען געגענד. אין דער לונעלער ישיבה האבען געלערנט זעהר פיעל תלמידים, וועלכע פלעגען קומען פון דער פרעמד, און די קהלה פלעגט זיי אויסהאלטען מיט אלעם נויטיגען. אין שפיץ פון דער קהלה איז געשטאנען א בעוואוסטער תלמיד-חכם און אנ'עושר רבי משולם ברבי יעקב (געשט. 1170). פאר די דאמאלדיגע שריפטשטעלער איז געווען א גרויסער כבוד, אויב זייערע ספרים פלעגען געפעלען ווערען „רבנו משולם“. די וויכטיגסטע עובדה פון רבנו משולם איז געווען, וואס ער האט דערוועקט די אידישע חכמים איבערצוזעצען וויכטיגע ספרים פון אראביש אין העברעאיש, און דאס האט ער אויך דערוועקט רבי יהודה אבן תיבון, אז ער זאל איבערזעצען דעם „חובות הלבבות“, ווייל די איבערזעצונג פון רבי יוסף קמחי איז איהם נישט געפעלען. רבנו משולם האט געהאט פינף זיהן תלמידי חכמים, וועלכע זענען מערקווירדיג דערמיט, וואס זיי זענען געווען פארשטעהער פון פערשידענע ריכטונגען אין יודענטום, וועלכע האבען שפעטער געדארפט פיהרען צווישען זיך א קאמף. איינער פון זיי, רבי אהרן (1170—1210) איז, ביי זיין טיעפען קענען דעם תלמוד, געווען אנ'אנהענגער פון די פילאזאפישע אנשויאונגען וועגען דעם יודענטום; דאגעגען צוויי אנדערע: רבי יעקב און רבי אשר האבען מעהר נוטה געווען צו קבלה. רבי יעקב האט געפיהרט אנ'אסקעטיש לעבען און דערפאר האט מען איהם גערופען דער „נזיר“, און רבי אשר (דער רא"ש פון לונעל) איז אין דער הינזיכט געווען נאך שטרענגער פון איהם: ער האט קיינמאל נישט געגעסען קיין פלייש, נישט געטרונקען קיין ווין, און פלעגט פיעל אפריכטען תעניתים, כדי צו האבען „גלוי אליהו“. ביידע ברידער זענען געווען גרויסע עשירים און בעלי צדקה.

בכלל אבער האט אין לונעל געהערשט די וויסענשאפטליכע ריכטונג, וועלכע איז געווען פערטרעטען דורך צוויי גרויסע לייט, וואס זענען גוט בעוואוסט אין דער אידישער ליטעראטור: רבי יהודה אבן תיבון, דער פאטער פון די „בני תיבון“ און רבי יהונתן בן דוד הכהן, וועלכער איז בעוואוסט מיט זיין פערקירצטען נאמען „רבי יונתן מלוניל“ און זיין חבר אויפ'ן אלפסי. רבי יהודה בן שאול אבן תבון (געבוירען לערך 1120, געשט. לערך 1190) האט געשטאמט פון גראנאדא, פון וואנען ער איז ענטלאפען בשעת די רדיפות פון די אלמאהאדען. אין לונעל האט ער זיך בעשעפטיגט אלס רופא און איז געווען אזוי בעריהמט, אז פירשטען, ריטער און בישאפען פלעגען איהם איינלאדען צו זיך אויף וויזיטען, כדי צו קורירען זיי, און פלעגען אפט שיקען נאך איהם אנ'עקסטרא-שיף צו ברענגען איהם מיט'ן ים צו זיי. אין אראביש איז ער געווען א גרינדליכער קענער און העברעאיש האט ער געליעבט

מיט התלהבות. דערצו איז ער געווען א מענש וואס האט זעהר ליעב געהאט ארדנונג און פינקטליכקייט, וואס האט איהם פיעל מיטגעהאלפען צו זיין א אויסגעצייכענטער איבערזעצער. ער איז געווען זעהר בעפריינדעט מיט רבנו משולם, מיט רבנו זרחיה בעל המאור און מיט רבי אברהם בן דוד פון פיסקיירא (דער ראב"ד פון די השגות אויפ'ן רמב"ם) און אט לויט זייער דערוועקען און בעטען האט ער איבערזעצט פון אראביש די ספרים: „חובות הלבבות“ פון רבנו בחיי, דעם „מבחר הפנינים“ און דעם „ספר המוסר“ פון רבי שלמה אבן גבירול, דעם ספר „הכוזרי“ פון רבי יהודה הלוי, דעם ספר „הרקמה“ פונ'ם מדקדק רבי יונה אבן גנאח און, ענדליך, דעם „האמונות והדעות“ פון רב סעדיה גאון. אויף די דאזיגע איבערזעצונגען האט ער געארבייט פינף און צוואנציג יאהר (פון 1161 ביז 1186).

זיין זוהן רבי שמואל אבן־תבון (1230—1160) האט ער ערצויגען אויף זיין שטייגער, פעדאנטיש גרינדליך. אזוי ארום האט ער גוט געקענט דעם תלמוד, די מעדיצין, אראביש און אנדערע וויסענשאפטען. ער האט אבער נישט פערטראגען דעם פאטערס פעדאנטיזם און האט דעריבער אויסגעוואנדערט אין אנ'אנדער שטאדט, וואו ער האט זיך אפגעזאגט פון דער מעדיצין, און זיך גענומען בעשעפטיגען מיט מסחר. באלד האט ער אבער פערלוירען זיין גאנץ פערמעגען און געמוזט אנקומען צוריק צום פאטער און ווידער גענומען זיך צום לערנען, ביז ער האט לסוף פיעל אריבערגעשטיגען זיין פאטער. ער האט איבערגעזעצט פיעל פילאזאפישע ספרים פון אראביש און נישט בלויז פון אידישע מחברים, נאר אויך פון אריסטו און אנדערע נישט־אידישע פילאזאפען.

נישט ווייט פון לונעל האט זיך געפונען דאס שטעדטעל פיסקיירא (Posquières), וואו עס איז געווען א קליינע אידישע קהלה פון פערציג משפחות. דארט איז געבוירען געווארען דער גרויסער תלמודיסט און בעוואוסטער קריטיקער פון רמב"ם רבי אברהם בן דוד (1198—1125). ערצויגען ביי גרויסע תלמידי חכמים און זייענדיג זעהר רייך, האט ער געגרינדעט א ישיבה, וואו ער האט אויסגעהאלטען די תלמידים אויפ'ן אייגענעם חשבון. פון וויסענשאפטען און פילאזאפיע איז ער גאר פרעמד געווען, און פלעגט זיך דערמיט שטארק איבערנעהמען, אנווייזענדיג, אז ער געפינט אין תלמוד אלע זיינע גייסטיגע בעדערפנישען. צוזאמען מיט רבי זרחיה בעל המאור האט דער ראב"ד געהערט צו די גרעסטע תלמודיסטען פון יענער צייט.

די שטאדט בורג די ס"ט זשיל, די צווייטע הויפט־שטאדט פון טולוזער הערצאג ריימאן V, האט געהאט א אידישע קהלה פון הונדערט משפחות, וועלכע האבען געפיהרט א זעהר גליקליך לעבען אונטער דעם אויפגעקלערטען, דעם „גוטען הערצאג“, ווי די טרובאדורען פלעגען איהם ריהמען. כמעט נאך מעהר גינסטיג און פריינדליך צו די אידען איז געווען זיין זוהן ריימאן VI (1222—1195), וועלכער האט געגעבען פיעל אי־

דען הייכע מלוכה-שטעלען. פאר אזא „פערברעכען" האט דער פויפסט אינאצענץ III מיט זיינע גלחים איהם גערודפ'ט אין לעבען, ביז ער האט לסוף געמוזט פייערליך שווערען, ניט צו געבען די אידען קיין מלוכה-שטעלען און בכלל נישט ארויסצוווייזען זיי קיין פריינדשאפט. אין ס"ט זשיל איז געבוירען געווארען און אויסגעוואקסען דער בעוואוסטער פוסק רבי יצחק, דער „בעל העיטור", וועלכער האט מחבר געווען פיעל ספרים אין הלכות.

פאר די אידען פון צפון-פראנקרייך, וועלכע האבען געלעבט טיילווייז אונטער דער הערשאפט פון קעניג, טיילווייז אונטער די באראנען, זענען די לעצטע פאר צעהנדליג יאהר פון צוועלפטען יאהרהונדערט געווען די גרעניץ-צייט צווישען דער גליקליכער עפאכע און דער צייט פון די רדיפות. כל זמן עס האט נאך געלעבט דער אידען-פריינדליכער קעניג לודוויג דער זיבעטער, איז די אידישע לאגע געווען א גינסטיגע, און די גלחים האבען זיי נישט געקאנט רודפ'ן, לודוויג האט אפילו נישט געוואלט בעשטעטיגען דעם בעשלוס פון „לאטעראנישען גלחישען קאנסיליום", אז מען זאל פערבאטען די אידען צו האלטען קריסטליכע משרתים, דיענסטען אדער אמען. ליט'ן פארשלאג פון די אידען האט ער זיך געווענדעט מיט אן אנפראגע צום פויפסט, אויב ער וועט נישט געפינען פאר מעגליך מבטל צו מאכען דעם פערבאט פון גלחישען קאנסיליום מכח דעם, ווי אויך צו ערלויבען די אידען צו בויען שוהלען. דער פויפסט האט, נאטירליך, געהייסען האלטען זיך שטרענג ביי'ם בעשלוס פון די גלחים. דער קעניג אבער האט זיך געמאכט דערפון ווי נישט וויסענדיג און אפילו אויך זיין זוהן פיליפ אויגוסט, וועלכען ער האט, צוליעב זיין קראנקהייט, אבגעטראטען די רעגירונג, האט די אידען דאס נישט פערבאטען. ווען דער ערצבישאף פון שאנץ (Sens) האט ביי איהם געפאדערט, דאס ער זאל דורכאויס פערווירקליכען די בעשלוסען פון די גלחים, האט איהם דער קעניג ארויסגעטריבען פון לאנד. ביסלעכווייז האבען אבער די גלחים בעקומען א גרויסע השפעה אויפ'ן יונגען קעניג פיליפ אויגוסט און ער האט געענדערט זיין גוטע בעציהונג צו אידען.

פיליפ אויגוסט האט אפילו געטראגען דעם הויכען טיטול „קעניג פון פראנקרייך" און איז געווען דער „איבער-הארר" (Lehnsherr) פון מעכטיגען קעניג פון ענגלאנד, פונדעסטוועגען האט ער אליין קיין אייגענע לענדער כמעט גארנישט געהאט: דאס קליין שטיקעל לאנד „איל דע פראנס" (Isle de France) מיט נאך עטליכע גיטער איז געווען זיין גאנץ פערמעגען. פיליפ אויגוסט האט דעריבער געשטרעבט צו פערגרעסערען דאס פערמעגען פון דער פראנצויזישער קרוין און בעשאפען א שטארקע הערשאפט איבער די בארונען.

כדי צו דערגרייכען זיין ציעל, האט ער געברויכט צו האבען געלד און מיליטער. די עשירות פון די פראנצויזישע אידען זענען אין זיינע אויגען געווען דער בעסטער קוואל דערצו, און ער האט אנגעהויבען זוכען מיטלען ווי אזוי אט דעם קוואל צו עפענען פאר זיך. און א געוויסען שבת

19-טער יאַנואַר 1180), בשעת די אידען פון זיין מדינה זענען געווען אין די שוהלען ביי'ם דאוונען, האָט ער בעפוהלען אַרומצורינגלען די שוהלען און שלעפּען אַלע אידען אין תפיסה, גאָר אָהן קיין שום בעשטימטער אָנקלאַגע געגעבען זיי. ער האָט געוואוסט, אַז די אידען וועלען איהם געבען פיעל געלד, כדי ער זאָל זיי אַרויסלאָזען פריי. און זיי האָבען איהם טאַקי בעגעבען פופצעהן טויזענד זילבער-מאַרק אויסקויף-געלד, און ער האָט זיי בעפרייט. דאָס איז אָבער געווען בלויז אַ התחלה. אין אַ קורצע צייט אַרום האָט ער ערקלערט, אַז עס ווערען בטל אַלע חובות, וואָס די קריסטען זענען שולדיג די אידען, דערביי האָט ער אָבער בעפוהלען די קריסטען איהם אויסצוצאָהלען אַ פינפטעל חלק פון אַלע זייערע חובות ביי די אידען. אַ געוויסער מאָנאַך פון ווענסען (Vincennes), האָט איהם דערצו צוגעגעבען מוט, ערקלערענדיג, אַז גאָט אַליין פערלאַנגט, דאָס מען זאָל די אידען בערויבען און צונעהמען ביי זיי זייער עשירות. פאַר פיליפ אויגוסט איז אָבער ווייניג געווען, וואָס ער האָט די רייכע אידען געמאַכט פאַר קבצנים. באַלד האָט ער נאָך אַרויסגעלאָזען אַן עדיקט, אין וועלכען ער האָט בעפוהלען, אַז אַלע אידען פון זיין מדינה זאָלען אַרויסגעהן פון לאַנד אינ'ם משך פון די זומער-חדשים (1181). פערקויפען האָבען זיי געמעגט נאָר זייערע בעוועגליכע גיטער, אָבער נישט זייערע הייזער, גיטער און ווייגערטנער, ווי אויך שייערען, וויין-פרעסען און וויין-קעלערם. דאָס אַלין האָט געדאַרפט געהערען דער מלוכה. פון די שוהלען, וועלכע די אידען האָבען פערלאָזען, האָט מען געמאַכט קירכען.

ווי פאַלש עס איז דאָס, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז דער בעפעהל פון קעניג האָט געשטאַמט דערפון, וואָס די אידען האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פראָצענט און געשחט'ן די קריסטליכע קינדער אויף פסח, קאָן מען זעהן דערפון, וואָס די גראַפען, באַראָנען און אפילו אויך בישאָפען, האָבען זיך משתדל געווען ביי'ם קעניג, אַז ער זאָל מבטל מאַכען זיין גזרה וועגען דעם אידישען גירוש. דער קעניג האָט אָבער אַרויסגעוויזען אַ גרויזאַמע עקשנות, און די אידען פון פּאַריז און דער אומגעגענד איז אויסגעקומען צו פערלאָזען זייער אַלטע היים, וואו זיי האָבען געלעבט פיעל הונדערטער יאָהרען, און נעהמען דעם וואַנדער-שטעקען אין די הענד. עס האָבען זיך געפונען גלחים, וואָס האָבען זיי פאָרגעלעגט צו שמד'ן זיך און פערבלייבען אין זייער היים, אָבער די אידען האָבען דערויף געענטפערט מיט זייער אַלטען „שמע ישראל“ און געלאָזען זיך אויף דער וואַנדערשאַפט. נאָר זעהר ווייניג אידען האָבען זיך לפנים אָבגעשמד'ט.

צום גליק פון די אידען האָט דער קעניג, ווי שוין דערמאָנט, געהאַט אַליין נאָר ווייניג לאַנד, און זיינע אונטערטעניגע באַראָנען (Vasallen) זענען נאָך געווען אויף אַזוי פיעל אומאָבהענגיג פון קעניג, אַז זיי האָבען נישט געלאָזען זיך צווינגען אַנצונעהמען זיין בעפעהל וועגען דעם אידישען גירוש. די אידען האָבען דעריבער געקאָנט בלייבען וואָהנען רוהיג אין אַ גרויסען טייל פון פראַנקרייך און נאָך אַריינצונעהמען צו זיך אויך די

פערטריבענע אידען פון פאריז. די פאריזער ישיבה איז אונטערגעגאנגען, אבער די ישיבות אין שאמפאני זענען געבליבען אונבעריהרט און די „בעלי התוספות“ האבען זיך געקאנט דארט לערנען תורה ווייטער.

צוליעב דער פיינדשאפט צו אידען פון המון, וואס דער קעניג האט דערוועקט מיט זיינע גזרות, איז דער'הרג'עט געווארען איינער פון די גרויסע בעלי התוספות, רש"י'ס אור-אייניקעל, רבנו אלחנן (1184). אין קליינעם שטעדטעל ברי, אין שאמפאני, וואס האט געהערט נישט צום קעניג, נאר צו א גראפין, האט א קריסט, פון'ם קעניג'ס אונטערטאנען, דער'הרג'עט א אידען. די קרובים פון'ם דער'הרג'עטען האבען זיך געקלאגט ביי דער גראפין, וועלכע האט בעפוילען דעם רוצח אויפצוהענגען. ווען דער קעניג האט זיך דערפון דערוואוסט, האט ער געשיקט סאלדאטען אין שטעדטעל און פערנומען אלע אידישע איינוואוינער, פאדערנדיג פון זיי, אז זיי זאלען זיך שמד'ן, אדער וועט ער זיי אלעמען אויסהרג'ענען. די אידען האבען בעשלאסען בעסער איינער דעם אנדערען אויסצושחט'ן איידער ארייננצופאלען אין די הענד פון פיליפ'ס תליינים. לערך הונדערט אידען האט פיליפ אויגוסט געלאזט פערברענען און געשוינט האט ער נאר קינדער, אינגער פאר דרייצעהן יאהר. א פאר טעג נאכדעם האט דער קעניג מיט זיינע פערבלוטיגטע הענד גענומען דעם צלם צו געהן קיין ארץ-ישראל אנטייל צונעהמען דארט אין דעם קרייצצוג געגען די מהמדאנער. דער אויפגערופענער „היליגער קריעג“ האט איהם ווייניג וואס אויסגעבעסערט.

די קריסטען האבען דאמאלס אומזיסט אנגעשטרענגט זייערע כחות ארויסצורייסען ירושלים פון די הענד פון'ם אמת'ען העלד סאלאדין. דער ענגלישער קעניג ריכארד לעווענהערץ איז געצוואונגען צו שליסען א שענדליכען שלום פאר די קריסטען און האט אויסגעווירקט בלויז, אז די קריסטען זאלען האבען דאס רעכט ארייננצוקומען אין ירושלים צו בוקען זיך אויף די קברים פון זייערע קדושים. מען האט דעריבער פון רוים געפאדערט, אז די איירופעאישע מלכים זאלען אונטערנעהמען א נייעם קרייצצוג, און פאר די אידען האט זיך ווידער אנגעהויבען אן ערעקליכע צייט. דער פויפסט אינאצענץ III האט זיך גענומען פאר דער זאך מיט דער גרעסטער פאנאטישער עקשנות. א געוויסען פולקא פון נוילי, א לייכטזיניגען, פערברעכערישען מענשען, האט ער אויסגעקליבען פאר א פרעדיגער אין די שטעדט און דערפער, כדי צו דערוועקען דעם המון צום קרייצצוג. דער נייער דרשן איז געווארען פאר די אידען א צווייטער רודאלף. כדי צו דערוועקען דעם המון אנטייל צו נעהמען אין קרייצציג, האט ער ערקלערט איבעראל, אז די, וועלכע וועלען אנטייל נעהמען אין קרייצצוג, וועלען בעפרייט ווערען פון צאהלען זייערע חובות. וואס קומט פון זיי די אידען. פיעל באראנען אין צפון-פראנקרייך האבען ארויסגעוויזען א גרויסע התלהבות פאר'ן קרייצצוג, אדער האבען דאס נאר געמאכט לפנים, און האבען די ערשטע זאך ארויסגעטריבען די אידען פון זייערע לענדער, בפרט נאכדעם

ווי די אידען זענען אזוי פעראַרעמט געוואָרען דורכ'ן פערליהרען זייערע
חובות בײַ די קר.סטען, אַז זיי האָבען שוין מעהר נישט געקאָנט שטוואָס
ציהען נאָך פון זיי. ווי גרויס איז אָבער געווען די פערוואונדערונג פון די
אידען, ווען פיליפ אויגוסט האָט פּלוצלונג איינגעשלאָגען די ארויסגעטריבע-
נע אידען, אַרײַנצוציהען זיך אין לאַנד, און אַפילו אויך די אידען, וועל-
כע ער האָט פריהער אַליין פון זײַן לאַנד פערטריבען, האָט ער איצט ער-
לויבט אומצוקעהרען זיך צוריק (1198). ווען די באַראָנען האָבען דערזע-
הען אַז דער קעניג לאָזט-אַיין די אידען צו זיך, האָבען זיי אויך געטהאָן
דאָס איינענע. בכלל אָבער האָט זיך די אידישע לאַגע נישט פערבעסערט.
דער מלך און די באַראָנען האָבען בעטראַכט אידען ווי אַ געלד-שוואָם,
וועלכע מען קאָן אויספּרעסען ווען מען וויל. פון פיליפּ אויגוסט'ס
צײַטען אָן האָבען די אידען פערלוירען זייער מענשענרעכט—די פרייהייט.
וועהרענד פריהער האָבען זיי געהאַט די פאָלקאָמע פרייהייט פון בעוועגונג,
ווי די ריטער, און געקאָנט בעזעצען זיך, וואו זיי האָבען געוואָלט, זענען
זיי איצט, ווי לײַב-אייגענע, געווען צוגעבונדען צום אָרט, און טאָמער האָט
אַ איד געוואָלט זיך אַרויסציהען פון זײַן לאַנד, פלעגט דער אָרטיגער הער-
שער קאָנפיסקירען זײַן פערמעגען. דער הויפּט-געדאַנק פון דער נייער
פראַנצויזישער געזעצגעבונג וועגען אידען איז געווען: דאָס אידישע פער-
מעגען געהערט דעם באַראָן, אָדער דעם קעניג. די אידען האָט מען אָנ-
געהויבען שעצען נור לויט די הכנסה וואָס מען האָט פון איהם. אַ געוויסער
ריטער האָט פערקויפט זײַנע נחלאות דער הערצאָגין פון שאַמפּאַני און
אַרײַנגעשטעלט אין קאָנטראַקט אַ פונקט, אַז „ער פערקויפט די גיטער
מיט אַלע זאַכען און די אידען“. די אידען זענען אַלזאָ געוואָרען לײַב-איי-
גענע, וועלכע מען האָט געמיינט, דאָס מען קאָן זיי פערקויפען. אַ דאַנק די
דאָזיגע געזעצען זענען שוין די אידען געוואָרען זאָגאַר רוהיג אין אַ
געוויסער מאָס, אַז מען וועט זיי נישט אַרויסטרײַבען פון זייער היים. פון
דער אַנדערער זײַט אָבער זענען זיי געוואָרען זעהר שפל בײַ זיך, און די
דאָזיגע שפלות האָט אויף זיי געמאַכט אַ שרעקליכען מאָראַלישען איינדרוק,
וואָס האָט געבראַכט צו אַ דונקעלען מיסטיציזם. דאָס קאָן מען אַמבעסטען
זעהען פון דעם מוסר-ספר, וואָס איינער פון די גרעסטען אידען פון פראַנק-
רײַך און יענער צײַט האָט מחבר געווען, „ספר חסידים“ פון רבי יהודה
כירליאון בן רבי יצחק החסיד פון פּאַריז (1166—1224) וואָס
איז ... מיט מעשות וועגען שדים, רוחות און מלאכי חבלה, גלײַכצײַטיג
אָבער אויך מיט ערהאַבענע געדאַנקען און זעלטענער מאָראַלישער לעהרע
וועגען עהרליכע בעציהונג צו אַלע מענשען גלײַך, סײַ אידען סײַ גוים. „אַ
איד, וואָס מאַהנט איין בײַ אַ גוי צו גרויסע ציַנזען, ווערט בעשטראָפט
פון גאָט מיט אָרעמקייט“; „דער פרומער איד דאַרף נישט אָבנאַרען נישט
אַ אידען, נישט אַ גוי, און נישט גונב-דעת זײַן בײַ בײדען גלײַך“; „אויב אַ
גוי האָט אַ טעות מיט אַ איד אין אַ חשבון, מוז דער איד איהם צוריק
אָבגעבען דאָס, וואָס דער גוי האָט איהם איבערגעצאָהלט“. „די שמועו-

דיגקייט און די אמונה געהען שטענדיג צוזאמען. פערשווינדט איינע קומט נישט אויך די אנדערע". „ווער עס פערשטעהט נישט קיין העבראיש, למשל, אנ'עם הארץ, אדער א פרוי, זאל בעסער דאווענען אין זיין מוטער־שפראך, אבי צו הערען, וואס ער בעט ביי גאט". — מיט אזעלכע כללים איז פול דער גאנצער ספר: שענע ליכט־שטראהלען און פינסטערע שאטענס, וועלכע האבען געקאנט געבוירען ווערען נאר אין אזא פינסטערער צייט, ווי די פון פיליפ אויגוסט אין פראנקרייך. דער מחבר פון „ספר חסידים" האט ערצויגען בעריהמטע תלמידים: רבי שלמה פון מאנפעליער, רבי משה מקוצי (סמ"ג), רבי יצחק פון וויען (דער „אור זרוע") וועלכע זענען בעוואוסט אלס גרויסע פוסקים.

אין ענגלאנד און אין יענע פראווינצען אין פראנקרייך, וועלכע האבען געהערט דאמאלס צו ענגלאנד, האבען די אידען געלעבט א לאנגע צייט רוהיג אונטער דעם קעניג היינריך II, וועלכען די קאטולישע גלחים האבען שטארק פיינד געהאט. די אידען האבען געוואוינט אין אלע גרויסע שטעדט און צווישען זיי זענען געווען פיעל עשירים. אין לאנדאן האבען א טייל אידען דערגרייכט צו אזא עשירות, אז זיי האבען זיך אויסגעבויט קעניגליכע פאלאצען. די אויפרופען צום ערשטען און צווייטען קרייצצוג האבען אין ענגלאנד קיין איינדרוק נישט געמאכט צווישען די רוהיגע אינזעל־איינוואהנער, וועלכע האבען אזוי ווייט סימפאטיזירט די אידען, דאס פיעל ענגלענדער האבען זיך זאגאר מגייר געווען. עס איז געווען דאמאלס איין קהלה, וואס איז אינגאנצען בעשטאנען פון גרים. רבנים פלעגען די ענגלישע אידען ברענגען פון פראנקרייך, וועלכע איז דאמאלס געווען ענג פעראייניגט מיט ענגלאנד. איינער פון די גרויסע תלמידים פון רבנו תם, רבני יעקב מאורליינוש (Jakob aus Orleans), איז געווען ראש ישיבה אין לאנדאן און בעריהמט צווישען די בעלי התוספות. היינריך דעם צווייטענס ריטערליכער זוהן, ריכארד לעווענהערץ, איז, ווי זיין פאטער, אויך ווייט געווען פון שנאה צו די אידען, און די אידישע קהלות וואלטען זיך דאמאלס אין ענגלאנד געקאנט ענטוויקלען ווייטער גוט, ווען עס וואלט זיך נישט דערהויבען א געוויסער פאנאטישער גלח, טאמאש פון בעקעט, וועלכער האט אנגעהויבען פיהרען א שטארקע פראפאגאנדא געגען אידען און אויפגערייצט דעם המון געגען זיי. אין ריכארד'ס קרוינונגס־טאג (3־טער סעפטעמבער 1189) האט אויסגעבראכען דער ערשטער שטורם, וועלכער האט זיך דערנאך אפט ווידערהאלט אין א משך פון הונדערט יאהר, ביז עס איז געקומען דערצו, אז די אידען האבען אינגאנצען געמוזט פערלאזען דאס גליקליכע פאטערלאנד.

אנגעהויבען האט זיך דאס אזוי: בשעת ריכארד לעווענהערץ איז פון דער קרוינונג אין קירכע געקומען צוריק אין זיין פאלאץ, וואו עס זענען געקומען די פארשטעהער פון אלע קלאסען איהם צו בעגריסען, איז

אויך געקומען א אידישע דעפוטאציע פון די רייכסטע און אגעזעהענסטע לייט פון די אידישע געמיינדען אין ענגלאנד, וועלכע האבען געבראכט אויך רייכע מתנות. ווען באלדואין, דער ערצבישאף פון קאנטערבורי, האט זיי דערזעהען, האט ער ארויסגעזאגט, אז פון די אידען ברויך מען קיין מתנות נישט אנצונעהמען און מען דארף זיי דערווייטערען פון קעניגליכען פאלאץ. דער יונגער קעניג ריכארד האט קיין בעגריף נישט געהאט, וואס עס וועט דערפון ארויסקומען, ווען ער וועט דערלאזען אזוי מבזה זיין זיינע אידישע געסט, און האט איינגעשטימט אויף'ן פארשלאג פון ערצבישאף, אז מען זאל די אידישע דעפוטאציע ארויספיהרען פון פאלאץ. ווען דער המון, וואס איז געשטאנען ארום פאלאץ, האט דאס דערזעהען, האט ער דאס בעטראכט אלס בעוויז, אז מען מעג די אידען מבזה זיין, און האט בעווארפען די אידישע דעפוטאציע מיט שטיינער. באלד האט זיך פערשפרייט א קלאנג אין לאנדאן, אז דער קעניג פערלאנגט דאס מען זאל אויסהרג'ענען אלע אידען, און דער המון האט זיך גלייך א לאז געטהון איבער די גאסען בעראבעווען די רייכע אידען. ווייל אבער די אידען האבען זיך פערשלאסען אין די פעסטע הייזער, האט דער המון זיי אונטערגעצונדען. דערווייל איז געווארען נאכט, און עס האט זיך אנגעהויבען א שרעקליכע שחיטה אויף אידען. אומזיסט האט דער ניי-געקרוינטער קעניג געשיקט איינעם פון זיינע הויפלייט, צו בערוהיגען דעם המון; דער צעווילדעוועטער המון האט זיך פון איהם אויסגעלאכט און די רציחות האבען זיך געצויגען א גאנצע נאכט. פון פיעל אידען האט מען געפאדערט פאר דער שחיטה, אז זיי זאלען זיך שמד'ן, אבער כמעט קיין איינציגער איד האט זיך נישט געשמד'ט, און אלע אנגעפאלענע זענען דערהרג'עט געווארען „על קידוש השם“. צווישען די קדושים איז אויך געווען דער בעריהמטער בעל התוספות רבנו יעקב מאורליינוש. די מעהרסטע אידישע הייזער האט מען פערברענט און די שוהלען חרוב געמאכט. די שרפה, וועלכע מען האט בכיון געמאכט, כדי עס זאלען ביי די אידען פערברענט ווערען זייערע וועקסלען, וואס זיי האבען געהאט אויף זייערע קריסטליכע בעלי־חובות, האט געבראכט דערצו, אז עס איז אפגעברענט געווארען א גרויסער טייל פון שטאדט. נור איין איינציגען אידען האט מען דאמאלס אפגעשמד'ט מיט געוואלד—דעם רייכען בענעדיקט פון יארק, וועלכער איז געווען איינער פון די דעפוטאטען, וואס האבען זיך געדארפט פארשטעלען פאר'ן קעניג און בעגריסען איהם. איהם האט מען גלייך פון קעניגליכען פאלאץ אוועקגעשלעפט אין קירכע און אפגעשמד'ט דארט מיט געוואלד.— ווען ריכארד לעווענהערץ האט זיך אויף צומארגענס דערוואוסט די אמת'ע פרטים פונ'ם שרעקליכען אנפאל, האט ער פיעל אנפאלער בעשטראפט מיט'ן טויט. און מורא האבענדיג, דאס די אנפאלען זאלען זיך נישט איבער'חזר'ן באלד אויך אין אנדערע שטעדט אין ענגלאנד און אין זיינע פראווינצען אין פראנקרייך, האט ער באלד ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מען זאל די אידען נישט דערוועגען זיך אנצוריהרען. קיין נאר-

מאנדיען און פואטו (פראנקרייך) האט ער באלד געשיקט שלוחים אבצושטעלען דארט די אנפאלען אויף די אידען, אויב זיי האבען שוין דארט אויסגעבראכען. און ווען דער מיט געוואלד געשמד'טער איד פון יארק האט פאר איהם ערקלערט, אז ער איז אין הארצען נאך א איד, און דאס מען האט איהם מיט געוואלד געשמד'ט, האט ער איהם ערלויבט צו ווערען עפענטליך צוריק א איד.

ווי נאר אבער ריכארד לעווענהערץ איז ארויסגעפאהרען פון ענגלאנד, כדי צוזאמען מיט פיליפ אויגוסט אנטייל צו נעהמען אין'ם קרייצצוג, האבען אין גאנץ ענגלאנד זיך איבערגעחזר'ט די לאנדאנער שחיטות אין דער בליהענדער האנדעלס-שטאדט לין, און דער פראווינץ נארוויטש איז מען אנגעפאלען אויף די אידען און אויסגעהרג'עט זיי אין זייערע הייזער. די אנפאלען האבען זיך א.בערגעחזר'ט אין די שטעדט נארוויטש און סטאנפארד. שרעקליכער איז אבער געווען די לאגע פון די אידען אין דער רייכער שטאדט יארק, ווייל דארט האבען געוואוינט צוויי אידען, וועלכע האבען געהאט א קעניגליכע עשירות און זיך אויסגעבויט שענע פאלאצען, וואס האט דערוועקט די קנאה פון די קריסטען. דאס זענען געווען די צוויי א.דען, וואס האבען אנטייל גענומען אין דער דעפוטאציע צום קעניג, יעקב און בענעדיקט. דער לעצטער איז, ווי דערמאנט, אונטער גרויסע יסורים מיט געוואלד אבגעשמד'ט געווארען און דערנאך בעקומען אנ'ערלויבניש צו זיין עפענטליך ווידער א איד. ער איז אבער באלד נאכדעם געשטארבען פון די גרויסע וואונדען, וואס מען האט איהם געמאכט, צווינגענדיג איהם צום שמד. אויף די אידען אין יארק זענען אנגעפאלען אלע קריסטליכע קלאסען: די קרייצציגלער, וועלכע האבען געוואלט רייך ווערען אויפ'ן אידישען חשבון, די בירגער, וועלכע האבען מקנא געווען די אידישע עשירות, די פריצים, וועלכע האבען זיך געוואלט בעפרייען פון צאהלען זייערע חובות די אידען, די גלחים, ביי וועלכע עס האט אויפגעפלאקערט דער בלוט-דורשטיגער פאנאטיזם—מיט איין ווארט: די גאנצע בעפעלקערונג האט זיך פערשווארען צו פערדארבען די אידען. צוערשט איז מען אנגעפאלען אויפ'ן פאלאץ פון בענעדיקט'ס אלמנה, וואו עס האט געוואוינט די עלענדע פרוי מיט איהרע יתומים. דאס הויז האט מען אונטערגעצינדען, נאכדעם ווי מען האט בערויבט דאס גאנצע פערמעגען. ווען דער צווייטער אידישער דעפוטאט, יעקב, האט דאס דערזעהען, האט ער, און מיט איהם צוזאמען די מייסטע מיטגלידער פון דער קהלה, זיך אריבערגעצויגען אין דער קעניגליכער פעסטונג, און אין שטאדט זענען געבליבען נאר ווייניג אידען. אויף צומארגענס איז מען בעפאלען די אידישע איינוואוינער אין שטאדט מיט דער פאדערונג: אדער שמד אדער דער טויט.— אויף די אידען, וועלכע האבען זיך פערשלאסען אין דער פעסטונג, האבען די קרייצציגלער אונטערגענומען א בעלאגערונג. זעקס טאג האט געדויערט די מלחמה פאר דער פעסטונג. די אידען האבען געקעמפפט ווי די גבורים מיט זייערע פיינד. דערביי ווערט

דערצעהלט א מערקווירדיגע געשיכטע, אז ווען די בעלאגערער, זעהענדיג דאס זיי קענען גארנישט מאכען, האבען שוין געוואלט אבטרעטען, איז געקומען א גלח געקליידעט אין ווייסען און אנגעהויבען חערמונטערען די בעלאגערער, זיי זאלען ניט אבלאזען און האט דערביי אבגעריכט א פייערליכען גאטעס-דיענסט, אז מען זאל די אידען מנצח זיין, כדי צו קאָנען זיי אויס'שחט'ן. פלוצלונג איז אבער פון דער שטאדט-מויער ארונטערגעפאלען א שטיין און געטראפען דעם גלח, וועלכער איז דער'הרג'עט געוואָרען אויפ'ן ארט.

אין דער פעסטונג האט דערווייל פערפעהלט עסענווארג, און די אידען האבען זיך אנגעהויבען מיישב צו זיין, וואס צו טהון. דאן איז ארויסגעטרעטען דער גרויסער רב פון די בעלי התוספות, וועלכער איז געקומען פון פראנקרייך, רבנו יום-טוב הקדוש און געמוסרט אלעמען, אז מען זאל גארניט טראכטען וועגען אונטערגעבען זיך און שמד, נאר מען זאל זיך אליין אויס'הרג'ענען איינער דעם אנדערן. דער גרעסטער טייל האט דערויף מסכים געווען, נאר איניגע איחען פון די וועניגער מוטיגע האבען געהאלטען אין איין טראכטען, ווי אזוי ארויסצוראטעווען זיך פון די פיינד. רבנו יום-טוב איז דערווייל צוגעטראטען אויסצופיהרען זיין פארשלאג. דאס גאנצע אידישע פערמעגען האט מען פערברענט, דערנאך האבען זיי אונטערגעצונדען די פעסטונג און די אידען האבען אנגעהויבען אויס'שחט'ן איינער דעם אנדערן. דער ערשטער האט דערשחט'ן זיין געליעבטע פרוי דער הערמאנטער ראש הקהלה, רבי יעקב, און ער האט דערפאר געהאט די עהרע חער'שחט'ן צו ווערען דורך רבנו יום טוב, וועלכער האט געמאכט דערביי א ברכה. אזוי ארום האבען זיך אויסגע'שחט'ן די מייסטע אידען איינער דעם אנדערן, אום ערב שבת הגדול, וועלכער איז דאמאלס אויסגעקומען ערב פסח, נאכטהוענדיג די אמאליגע קנאים, וועלכע האבען אין דער פעסטונג מסדה אויסגע'שחט'ן נאכ'ן חורבן איינע די אנדערע אבי ניט אריינצופאלען צו די רוימער אין די הענד. אויף צו מארגענס זענען די פיינד אריינגעקומען אין דער פעסטונג און די וועניג געבליבענע אידען האבען זיך ביי זיי געבעטען, אז מען זאל זיי שענקען דאס לעבען, חאטש אב'שמד'ענדיג זיי. אבער די קרייצציגלער האבען זיי אלעמען אויסגע'שחט'ן. בסך הכל זענען געשטארבען על קידוש השם אין דער פעסטונג לערך פינף הונדערט אידען.

אויף צו מארגענס, אינם זונטאג, וואס פאר זייער פסחא, האבען די קרייצציגלער אויסגע'שחט'ן זיבען און פופציג אידען אין סט. עדמונד, און אין אלע שטעדט אין ענגלאנד, וואו עס זענען נאר געווען אידען, זענען פיעל פון זיי דער'הרג'עט געווארען על קידוש השם, און נאר דארט, וואו די ארטיגע קריסטליכע איינוואוינער האבען זיי בעהאלטען אין זייערע וואוינונגען, אדער פערטיידיגט זיי, האבען זיך די אידען ארויסגעראטעוועט פון טויט. אויך די קהלה פון גרים, צוואנציג משפחות קערך, זענען אלע געשטארבען, ווי קדושים, על קידוש השם. ווען דער קעניג ריכארד

האט זיך דערוואוסט וועגען די דאזיגע אכזריות'דיגע רציחות, איז ער אריין אין גרויס כעס און באפוילען דעם קאנצלער צו מאכען אן'אויספארשונג און שטרענג צו בעשטראפען די מערדער. אבער די קרייצציגלער זענען פערשוואונדען מיט דער אנגערויבטער אידישער עשירות, און די שולדיגע בירגער און פריצים זענען עטלאפען קיין שאטלאנד. — ווען די רעגירונג האט גענומען אין זיינע הענד ריכארדס ברודער, יאהאן אהן-לאנד, וועלכער האט ערנידריגט זיין פאטערלאנד, מאכענדיג עס אונטערטעניג בעם פויפסט, האבען זיך פאר די אידען אנגעהויבען נאך שרעקליכערע צייטען. איצט האבען זיך שוין נישט דערוואויגען אפילו די עהרליכערע קריסטליכע בירגער צו פערטיידיגען זיי. ווי יאהאן איז געוועזען אן'אכזר געגען זיינע קריסטען, אזוי איז ער געוועזען נאך פיעל ערגער געגען די אידען. איין אידען פון בריסטאל, למשל, האט ער בעפוילען צו ברענגען איהם צעהן טויזענד מארק. דער איד האט דאס געלד ניט געהאט. יאהאן האט אבער בעפוילען ארויסצורייסען איהם די צייהן איינעם נאכ'ן אנדערען. ביז ער האט ביסלעכווייז געבראכט דיא געפאדערטע סומע —

עטוואס בעסער, ווי אין פראנקרייך און אין ענגלאנד, איז געוועזען אין ענער צייט די לאגע פון די אידען אין דייטשלאנד. די דייטשען האבען אפילו גאנץ אפט געמאכט פאר די אידען אן'אמת'ן גיהנם אין לעבען; אבער ווייל דער קייזער און די פירשטען פלעגען די אידען בעשיצען, האט דער המון ניט געקאנט אבטהון אזעלכע אכזריות'דיגע מעשים, ווי אין די אנדערע לענדער. דורך דער הילף, וואס עס האט זיי ארויסגעוויזען היינריך IV און קאנראד III — אין ערשטען קרייצצוג און צווייטען, אויף וויפיעל דאס איז געוועזען אין זייער מאכט, האט זיך איינגעשטעלט די מיינונג, אז דער דייטשער קייזער איז דער האר און בעשיצער פון די אידען און ווער עס ריהרט אן די אידען, בעליידיגט אין א געוויסער מאס זיין מאיעסטעט. די אידען אין דייטשלאנד זענען דאדורך געווארען אלזא די פערזענליכע קנעכט פון קייזער (Kammerknechte), פונדעסטוועגען האבען זיי נאך נישט פערלארען אלע זייערע פערזענליכע רעכטע. זיי האבען נאך געהאט דאס רעכט צו טראגען געוועהר און ארויסטרעטען אין א דועל. בשעת דער בעלאגערונג פון ווארמס האבען די אידען געקעמפפט מיט די קריסטען צוזאמען, און די רבנים האבען זיי ערלויבט צו טראגען געוועהר אויך אום שבת און בעשעפטיגען זיך ביי דער פערטיידיגונג. זיי האבען געהאט מייסטענס אן'אייגענעם בית-דין און ניט געברויכט צו שטעלען זיך אין געריכט פאר א פרעמדען ריכטער. אפט האבען איינציגע אידען פערנומען אויך העכערע מלוכה-שטעלען. דער העלדישער הערצאג לעאפאלד פון עסטרייך, וועלכער איז אין דער געשיכטע בעריהמט געווארען דורך זיין נעהמען אין געפאנגענשאפט

דעם ענגלישען קעניג, ריכאַרד לעווענהערץ, האָט געהאַט אַ אידי־שען פֿינאַנץ־פֿערוואַלטער רבי שלמה, וועלכער, נישט אַכטענדיג אויף די גלחישע געזעצען, האָט אויך געמעגט האַלטען קריסטליכע משרתים און דיענסטען. אין שלעזיען זענען געווען אידישע גוט־בעזיצער, וועלכע האָבען געהאַט דערפֿער מיט לייב־אייגענע פּויערן. אָבער מיט דער צייט האָט זיך אַלץ מעהר פֿערווירקליכט אין דייטשלאַנד דאָס גלחישע געזעץ, וואָס האָט פֿערבאָטען די אידען צו האַלטען קריסטליכע קנעכט און אַר־בייטער; די אידען האָבען דעריבער שוין ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צו בעאַרבייטען זייערע פֿעלדער, ניט קאָנענדיג דינגען קיין אַרבייטער, און האָבען זיך היעריבער אַריינגעצויגען אין די שטעדט, אָבזאָגענדיג זיך אינ־גאַנצען פֿון לאַנדאַרבייט און ווידמענענדיג זיך דעם מסחר און דעם בּאָר־גען געלד אויף פּראָצענט. חוץ שלום אין דייטשלאַנד, וועלכען דער קייזער פֿרידריך באַרבאַראָסאַ האָט איינגעאָרדענט פֿאַר זיין אָבגעהן אינ'ם קריייצצוג, האָט אַפּילו זיך אויך בעצויגען אויף די אידען, און די גלחים און מאָנאַכען האָט ער פֿיעל מאָל אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען זיך ניט דער־וואַגען, אָנצורייצען דעם המון געגען די אידען. אָבער דאָס האָט די אידען נעבראַכט ניט פֿיעל נוצען. אַכזריות'דיגע מעשים געגען די אידען זענען נאָכדעם אויך פֿאָרגעקומען זעהר אָפֿט, און פֿון דער גאַנצער רהיינגעגענד בּיז ווינען האָט דער פֿאַנאַטיזם שטענדיג דערהויבען די מאַסען געגען די אידען און פֿאַר יעדען געוועהנליכען צופֿאַל פֿלעגט זיך גיעסען אידיש בּלוט. איינמאָל האָט אַ משוגע'נער איד דער'הרג'עט פֿאַר אַלעמען אין די אויגען אַ קריסטליך מיידעל אין נייס (1־ער פֿעבּרואַר 1194). אָנשטאָט צו מאַכען דעם משוגע'נעם אונשעדליך, זענען די קריסטען בּאַלד אָנגעפֿאַ־לען אויף די אידען און דער'הרג'עט זעקס פֿון זיי, צווישען וועלכע ס'איז געווען אויך איינער פֿון די „בעלי התוספות" רבי שמואל בר נטרונאי. די דער'הרג'עטע האָט מען אויף אַ שענדליכען אופֿן אַרומגעשלעפּט אין די גאַסען. פֿינף טאָג נאָכדעם זענען די קריסטען אָנגעפֿאַלען אויף דער מוטער פֿון משוגענעם און איהרע בּרידער און געצוואונגען זיי צום שמד. דעם משוגענעמס אַ קליין שוועסטער'ל האָבען זיי מיט געוואַלד אָבגעשמד'ט, די מוטער אָבער האָט געליטען שרעקליכע יסורים, דען מען האָט געריסען פֿון איהר דאָס פֿלייש שטיקערווייז און לסוף בעגראָבען לעבעדיגער'הייד, זי איז אָבער געבּליבען געטריי דעם יודענטום בּיז'ן לעצטען אָטעם. איהרע בּרידער האָט מען געהרג'עט און אָבגעריסען זיי די אברים, אָבער זיי זענען העלדיש געשטאָרבען, ווי קדושים. נאָכ'ן טויט האָט מען זייערע לייבער אויפֿגעהאַנגען, כדי מבזה צו זיין די אידען. דאָס איז געשהן געוואָרען מיט'ן וויסען פֿונ'ם ערצבּישאָף אַדאָלף פֿון אַלטענוי, וועל־כער האָט נאָך בעשטראָפֿט די אידען, צו בעצאָהלען אַ גרויסע סומע געלד: ערשט פֿינף וואָכען נאָך דער געשעהעניש איז די אידען געלונגען פֿאַר אַ גרויסע סומע געלד צו בעקומען אַנ'ערלויבּניש מקבר צו זיין די הרוגים, און דאַן האָבען זיי מיט אַ שיף זיי אָבגעפֿיהרט הינטערן שטאָדט און גע־

בראַכט צו קבר ישראל נעבען די קדושים פֿון ווערשטען קרייצצוג, וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט אַכט און ניינציג יאָהר פֿר. הער. צוויי יאָהר נאָכדעם זענען פֿאָרגעקומען שרעקליכע מערדערייען אויף די אידען אין שפּייער. צוערשט האָט מען אַרויסגענומען פֿון קבר אַ יונגע פֿרוי, אַנ'אייניקעל פֿונ'ם בעל התוספות ריב"א, וועלכע איז מיט אַ קורצע צייט פֿאַר דעם געשטאָרבען, און אויפגעהאָנגען זי נאַקעט „מיט אַ געהאָנגענער מויז אויף די האָהר", אויף צומאָרגענס האָט מען זיך אַריינגעריסען צום רב און שטוב און דער'הרג'עט איהם מיט נאָך אַכט אידען. און דאָס קהל-שטוב האָט מען פֿערברענט; די איבריגע אידען זענען זיך צולאָפֿען. באַלד נאָכדעם האָט מען אויך פֿערברענט די שוהלען און די ספרי תורה אַריינגעוואָרפֿען אין טייך. ווען עס האָט זיך דערוואוסט דערפֿון דער פֿפֿאַלץ-גראַף פֿון בורגונדיה, וועלכער האָט געהאַט גענומען פֿיעל געלד ביי די אידען פֿון שפּייער, כדי זיי צו בעשיצען, האָט ער לאחר מעשה בעשטראָפֿט די קריסטען.

עס קומט פֿאַר כמעט אונגלויבליך, ווען מיר הערען, אַז אין אָט דער שרעקליכער צייט איז ביי די אידען געווען אַ דייטשער מינעזינגער, אָט די דיכטער, וואָס זייער דיכטונג איז ענהליך געווען צו די ליעדער פֿון די פֿראַנצויזישע וואַנדער-דיכטער, טרובאַדורען. דער אידישער מינע־זינגער האָט געהייסען זיסקינד פֿון טרימבערג, וועלכער האָט בעזונגען וועגען ליבע און ריטערטום. בעזינגענדיג די ליעבע, האָט ער געהאַט פֿאַר זיך דעם אידעאַל פֿון אַ אידישער „אשת-חיל", וואָס דער מאַן קאָן צו איהר האָבען פֿאָלקאָם צוטרוי; אין זיינע „ריטער" האָט ער בעזונגען ניט די גבורה, נאָר די וואוילטעטיגקייט און געהויבענעם כאַראַק־טער. זיסקינד'ס ליעדער זענען געווען אַזוי שיין, אַז די דייטשע דיכטער האָבען איהם אַריינגענומען אין זייער קרייז.

אין יענער צייט האָבען אויך אָנגעהויבען בייסלעכווייז אַרויסצוטרע־טען די אידען פֿון די סלאַווישע לענדער אין דער אידישער געשיכטע. אין בעהמען האָט דאַמאָלס געלעבט איינער פֿון די בעוואוסטע „בעלי התוספות" רבנו יצחק ברבי יעקב הלבן פֿון פּראָג; זיינער אַ ברודער רבי פּתחיה פֿון פּראָג איז בעוואוסט אַלס אַ רייזענדער. לויט ווי ער דערצעהלט, איז ער פֿון פּראָג אַרויסגעפֿאָהרען צוערשט קיין פּוילען; פֿון דאָרט איז ער געפֿאָהרען קיין קיעוו און דערנאָך האָט ער געריזט זעקס טעג איבערן דניעפּר און האָט בעזוכט דאָס כאַזאַרען-לאַנד (קרים), אַרמענ־יען, מדי, פּרס און ארץ ישראל. פֿון וואַנען ער איז אויך אָבגעפֿאָהרען קיין בבל.

חאָטש איטאַליען האָט זיך געפֿונען אונטער איין קייזערליכער קרוין מיט דייטשלאַנד, פֿונדעסטוועגען זענען דאָרט אין דער עפּאָכע ניט פֿאָר־געקומען קיין רדיפֿות אויף אידען, אויסער איין איינציגען פֿאַל, ווען מען האָט אַרויסגעטריבען די אידען פֿון באָלאָניע אין יאָהר 1171. דער קלוי־

נער פויפסט אלעקסאנדער III איז געוועזען פאר די אידען גאנץ פריינדליך, און האט געהאט א אידישען פינאנץ־מיניסטער רבי יחיאל בן אברהם פון דער יחוס־משפחה דע מאנסי, א קרוב פון רבנו נתן דעם בעל „הערוך“. ווען דער פויפסט האט זיך צוריקגעקעהרט אין רוים נאך א לאנגער אבוועזענהייט, נאכדעם ווי די גלחים האבען איהם געהאט פערטריבען פון דארט, זענען די אידען איהם ארויסגעקומען אויף קבלת־פנים מיט ספרי תורה און מיט פאהנען, און די דאמאליגע קריסטליכע כראניקער האבען דאס פערצייכענט פאר א וויכטיגען פאקט, ווען דער פויפסט האט ערלויבט די אידען אזא כבוד. די אידען האבען ניט געהאט צו צאהלען קיין בעזונדערע אבצאהלונגען און זענען בכלל געוועזען זעהר געעהרט. דעם פויפסט אלעקסאנדערס פריינדשאפט פאר די אידען האט זיך בעזונדערס שטארק ארויסגעוויזען אין די בעשלוסען פון גרויסען גלח'ישען קאנסיליום אין דער לאטעראנקירכע (1179), אין וועלכען עס האבען טיילגענומען העכער 300 הויכע גייסטליכע. פיעל אידענפיינדליכע בישאפען האבען דאמאלס געוואלט דורכפיהרען גרויסע גזרות געגען די אידען. ווען די אידען האבען זיך דערפון דערוואוסט, האבען זיי אין פיעל קהלות גוזר תענית געווען אויף דריי טאג און מתפלל געווען אין די שוהלען, אז גאט זאל אבווענדען פון זיי „די שלעכטסקייט פון די מענשען“. וואס איז פארגעקומען דאמאלס אויפן קאנסיליום איז פאר די היסטאריקער געבליבען אונבעוואוסט. אבער לויט די אנגענומענע בעשלוסען איז צו זעהען, אז דער גייסט פון טאלעראנץ האט דארט מנצח געווען, און די גזרות זענען ניט אנגענומען געווארען. מען האט בלויז בענייט איינינע אלטע געזעצען געגען די אידען, ווי, למשל, ניט צו האלטען קיין קריסטליכע דיענערשאפט. דאגעגען האט דאס קאנסיליום בעשלאסען, אז מען דארף ניט שמד'ן די אידען מיט געוואלד, ניט אנפאלען אויף זיי אהן א בעפעהל פון א ריכטער, ניט בערויבען זיי און ניט שטערען די אידען איינצוארדנען זייערע רעליגיעזע פייערליכקייטען.

אין דרום־איטאליען, אויף דער אינזעל סיציליען און אין דער נעאפאליטאנישער הערשאפט פון די נארמאנען, זענען די אידען נאך ווייניגער געוועזען בעגרענעצט אין זייערע רעכטע. ראזשער II און ווילהעלם II האבען אויסדריקליך בעשטעטיגט זייער פריווילעגיום צו האבען איינענע געריכטען, ווי די גריכען און טערקען, וואו זיי האבען זיך גערארפט משפט'ן, לויט'ן אידישען דין. אין דרום־איטאליען האבען זיך אין יענער צייט געפינען זעהר פיעל אנגעזעהענע אידישע קהלות, וואס אין איינינע פון זיי האט די צאהל פון די משפחות דערגרייכט ביז פינף הונדערט.

אין דער ביזאנטינישער מלוכה, אייגענטליך אין גריכענלאנד, זענען דאמאלס אויך געוועזען פיעל אנגעזעהענע אידישע קהלות בעזונדערס, אין טעסאליען, מאקעדאניען און תראקיען. די בעדייטענדסטע

קהלות זענען אבער געווען אין קאנסטאנטינאפאל און תעבען,
אין ביידע צוזאמען לערך צוויי טויזענד משפחות; אויסער דעם האבען אין
קאנסטאנטינאפאל נאך געוואוינט לערך פינף הונדערט משפחות פון קארא-
איטען. די אידען אין תעבען זענען זעהר בעריהמט געווען אין גאנץ גרי-
כענלאנד אלס גוטע אויסארבייטער פון זיידענע און פורפורנע שטאפען.

אויב די ביזאנטינישע מלוכה איז געווען אידענפיינדליך אין די צייטען
פון יוסטיניאן און אלעקסיוס, איז זי ניט בעסער געווארען פאר זיי
אויך אין דער איצטיגער עפאכע, ווען די מלוכה האט שוין געהאלטען ביים
א שענדליכען אבשטארבען. דאס פרינציפ, וועלכעס מען האט געלעגט פאר
א יסוד פון די געזעצען: די אידען און אפיקורסים דארפען ניט צוגעלאזען
ווערען צו קיין מלוכה-שטעלע, נאר העכסט פעראכטעט זיין, איז, אין אלע
צייטען פון דער ביזאנטינישער מלוכה און ביי אלע פערדרעהטע אויפ-
טהועכצען, שטרענג און אויסגעהאלטען אבגעהיט געווארען. די גריכען
האבען גלייך געהאסט די רייכע און ארימע, די גוטע, ווי די שלעכטע אי-
דען. א איד האט ניט געטארט, ווי א פרייער מאן, רייטען אויף א פערד. נאר
אלס אנ'אויסנאהמע האט דאס ערלויבט דער קייזער עמאנועל קאמ-
נענים זיין אידישען לייב-דאקטאר רבי שלמה פון מצרים. יעדער
גרעק האט זיך געמעגט ערלויבען צו בעליידיגען א אידען עפענטליך מיט
ווארט און טהאט, אדער בעגעהן זיך מיט די אידען, ווי מיט שקלאווען.
דאס געזעץ האט די אידען ניט בעשיצט. דאגעגען האט די ביזאנטינישע
שטענדיג געלד-דורשטיגע מלוכה ארויפגעלעגט אויף די אידען גרויסע אב-
צאהלונגען. די אידען האבען געטראגען מיט סבלנות די דאזיגע בעליידי-
גענדע בעהאנדלונג, ווי עכטע קדושים, וועלכע וויסען פארוואס זיי ליידען,
און זענען זיך געבליבען מילד און גרויסע בעלי צדקה. אבער די שטענדיגע
ערניעדעריגונגען, די מורא'דיג שפלות האט ביי זיי אבגעהאקט די גייס-
טיגע פליגלען, און ניט אין תלמוד, ניט אין חקר פאעזיע און ניט אין
וויסענשאפטען האבען זיי בעוויזען זיך אויסצוצייכענען.

אין קליינאזיען, סיריען און פאלעסטינא האט מען אין
דער צאהל פון די אידישע איינוואהנער געקאנט האבען א סטאטיסטישען
מאסשטאב. ווער עס איז מעהר טאלעראנט, די קריסטען, אדער די מחמד'א-
נער. וואו נאר דאס קריסטענטום האט אין די דאזיגע געגענדען פערשפרייט
זיין הערשאפט, דארט זענען קיין אידען אדער גארניט געווען, אדער עס זע-
נען געווען זעהר קליינע קהלות; דארט אבער, וואו דער איסלאם האט
געהערשט, זענען געווען פיעל גרויסע אידישע קהלות. אין גאנץ ארץ-
ישראל, וועלכעס האט זיך אין דער עפאכע געפונען אין רשות פון די קריס-
טען, זענען קוים געווען טויזענד אידישע משפחות. די גרעסטע געמיינדען,
צו דריי הונדערט משפחות, זענען געווען: אין א שטאדט ניט ווייט פון
ירושלים טאראן דע לאס קאבאלעראס, אין ירושלים און אשקלון; אין די אי-
בעריגע גרויסע אלטע אידישע שטעדט אין יהודה האבען געוואוינט צו צוויי
הונדערט משפחות און יעחערער. די אידישע איינוואוינער אין ירושלים

האָבען זיך בעשעפטיגט אויסשליסליך מיט פאַרבערייַ, אויף וועלכער זיי האָבען געהאַט אַ מאָנאָפּאָל.

אויב מען זאָל בעטראַכטען די בעדייטונג פון יודענטום נישט לויט זייער גייסטיגער קראַפט פון די אידען, נאָר לויט זייער צאָהל, איז דאַמאַלס זיכער דער צענטער פון יודענטום געוועזען אין די לענדער ביי די טייכען עפראַט און טיגרים (פרת און חידקל), וואו ס'זענען נאָך אַלץ געוועזען קהלות מיט טויזענדער משפחות. די פאַרצייטיגע גרויסע ישיבות אין נהרדעא, סורא און פומבדיתא זענען שוין אפילו געוועזען פערשוואונדען, אָבער אַנשטאָט זיי האָבען זיך דערהויבען די קהלות פון באַגדאַד און מאָסול (נינוה) אַלס טאָן-געבענדע פאַר אַלע אידען אין אזיען. אין באַגדאַד זענען געוועזען העכער טויזענד אידישע משפחות מיט פיער גרויסע שוהלען און געפיהרט אַ גאַנץ רוהיג לעבען. אין אַלעפּפּאָ (ארם צובא) האָבען געוואוינט פופצעהן הונדערט אידישע משפחות. צווישען וועלכע עס זענען געוועזען אויך גרויסע עשירים און מקורבים צו דער מלוכה. דער כאַליף מחמד אַל-מוקטאפי (1136—1160) האָט געהאַט דערהויבען דעם רייכען אידען רבי שלמה צו דער מדרגה פון אַ ראש גלותא, נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערוויזען, אַז זיין יחוס שטאַמט פון דוד המלך. דער דאָזיגער ראש גלותא האָט, ווי די אַמאָליגע, געהאַט דאָס רעכט צו פיהרען אַ פירשטליך לעבען, צו רייטען אויף אַ ווייסען פערד אַרומגערינגעלט מיט אַנגעהרען-וואַך, צו טראָגען רייכע זיידענע קליידער מיט אַ עהרען-טורבאַן און האָבען אַן אָפיציעלע חתימה. ווען ער פלעגט זיך בעוויזען עפענטליך אין גאַס, אָדער ער פלעגט קומען אויף אַן אוידיענץ צום כאַליף, פלעגט אַ העראָלד געהן פאַר איהם, אויסרופענדיג: „מאַכט אַ וואַרע פאַר אונזער הערן, דוד'ס זוהן“. יעהער איד, און אַלע מדינות פון פערסיען ביז אינדיען און טיבעט, איז מחויב געווען איהם צו צאָהלען אַ יעהרליכע אָבצאָהלונג. אויסער דעם האָט ער געהאַט אַ הכנסה פון די אָפענע מערקפלעצער און סחורות. אַ טייל פון די דאָזיגע הכנסות האָט ער, נאַטירליך, געמוזט אָבגעבען דעם כאַליף. די מאַכט פון'ם ראש גלותא האָט זיך איצט ווידער דערהויבען צו חער מאַכט, וועלכע די נשיאות האָט געהאַט אין די צייטען פון דעם ראש גלותא בוסתנאי.— אויך אַ גרויסע ישיבה צו לערנען תלמוד האָט זיך איצט ווידער געעפענט אין באַגדאַד, און דער ראש ישיבה האָט אָנגענומען דעם אַמאָליגען טיטול גאון.

די קהלה אין מאָסול איז געוועזען נאָך בעדייטענדער, ווי אין באַגדאַד. דאָרט זענען געוועזען כמעט זיבען טויזענד אידישע משפחות. די דאָזיגע שטאָדט איז דערהויבען געוואָרען צו אַ הויפט-שטאָדט דורך דעם גבור זענקי, דער פאָטער פונ'ם גרויסען נורעדין, וועלכע זענען געווען אַ שרעק פאַר די קריסטען. די אידען אין אַדערביידזשאַן (נעבען קאַספּישען ים) האָבען געהאַט געוועהר און געלעבט פריינדליך מיט די דאָרטיגע פאַנאַטישע שבטים, די אַסאַסינען. זיי האָבען געפיהרט אַ לעבען פון אַ מלחמה-פאָלק און געקעמפפט מיט אַלע נישט-אידען. זייער לעבענס-שטיי-

נשר איז געוועזען נאָהענט צו דער נאַטור, און פון רעליגיאָנס-לעבען האָבען זיי בכלל וועניג וואָס געוואוסט, דאָך זיינען געווען צווישען זיי תלמידי חכמים, וועלכע דער ראש גלותא פלעגט זיי שיקען, און זיי פלעגען זיך לאָזען לערנען ווי אַזוי אָפּצוהיטען די רעליגיע. אָבער אָט האָט זיך צווישען זיי פלוצלונג בעוויזען (ארום 1160) אַ מאַן, וועלכער האָט געוואָלט אויסנוצען זייער העלדישקייט, מוטיגקייט און אונוויסענהייט, צו אַ וועלכען צוועק איז אָבער איצט אונבעוואוסט. דאָס איז געוועזען דוד אלרואי, אָדער אבן אלרוכי, וועגען וועלכען מען האָט אין זיין צייט זעהר פיעל גערעדט און אין דער לעצטער צייט האָט זיין לעבען געגעבען אַ פּאָעטישען שטאָף אַ גרויסען שריפטשטעלער, וועלכער האָט איהם געמאַכט פאַר אַ העלד פון אַ בעוואוסטען ראָמאַן (דוד אלראי—אַ ראָמאַן פון לאָרד ביקאָנספיעלד).

אַן'אונאָבהענגיגער קריגערישער שבט האָט אויך געוואוינט אין מזרח-זייט פון טאַבאַריסטאַן, אין דער געגענד פון כאָראַזאַן, אינ'ם הויכען קאַנט נישאַבור. דער דאָזיגער שבט איז בעשטאַנען פון פיעל טויזענדער אידישע משפחות אונטער אַ אידישען נשיא יוסף הלוי עמרכלה. די דאָזיגע אידען האָבען זיך געהאַלטען פאַר אַרויסגעקומענע פון די שבטים דן, זבולן, אשר און נפתלי. זיי האָבען זיך בעשעפטיגט מיט האָדעווען בהמות, וועלכע זיי פלעגען פיהרען אויף דער פאַשע אין די טאָלען און די בערגען באַרג, און זענען געשטאַנען אין פריינדליכער פערבינדונג מיט די טערקען. אין יענער צייט זענען אידישע קהלות געווען פערשפרייט ביז חיווא, וואו עס זענען געווען אַכט טויזענד משפחות, און סאַמאַרקאַנד, וואו עס איז געווען אַ קהלה פון פופציג טויזענד אידען. אויך וועגען קהלות אין אינדיען דערצעהלט דער אידישער רייזענדער בנימין פון טודילה, אַ טייל אידען זענען דאָרט געווען שוואַרצע (מורינעם). איינינע אידישע קהלות האָבען פון יודענטום געוואוסט נור שבת און מילה. אויף דער אינזעל ציילאָן זאָלען אין יענער צייט האָבען געוואוינט דריי און צוואַנציג טויזענד אידען, וועלכע האָבען געהאַט די זעלבע רעכט, וואָס די איבריגע איינוואוינער. דער קעניג פון דער אינזעל האָט געהאַט זעכצעהן מיניסטאָרען (וויזירען): פיער פון זיין פאָלק און די איבריגע—פון די אידען, מחמד'אַנער און קריסטען. אין אַדען, וועלכע איז געווען דער שליסעל-האַפען צום אינדישען און אַראַבישען ימים, איז אויך געווען אַ גרויסע אידישע קהלה, וועלכע האָט געלעבט גאַנץ אונאָבהענגיג; זי האָט געהאַט איינינע פעסטונגען און געפיהרט מלחמה מיט די קריסטען פון נוביען; מיט מצרים און פערסיען איז זי געשטאַנען אין פריינדליכער פערבינדונג.

אויך אין אַראַביען זענען ווידער געוואָרען אידישע קהלות, האָטש די ערשטע כאַליפען האָבען זיי פון דאָרט פערטריבען; נאַטירליך, אין מעקאַ און מעדינאַ האָבען זיי נישט געטאָרט וואוינען, אָבער זיי האָבען דאָרין אויך נישט געזעהען פאַר זיך קיין נוצען, ווייל אינ'ם משך פון די

ערשטע פינף הונדערט יאהר נאך מחמד'ן האבען די שטעדט פערלוירען יעדע בעדייטונג פאר'ן האנדעל און דער אינדוסטריע. גרויסע אידישע קהלות זענען אבער געווען אינ'ם פרוכטבארען און האנדעלס-רייכען יעמען (תימן), און די דאָרטיגע אידען זענען בעריהמט געווען מיט זייערע צדקות און הכנסת-אורחים. נאך גרעסער זענען געווען די אידישע קהלות אין צפון-אראביען, וועלכע האבען געלעבט, ווי אין דער צייט וואס פאר מחמד'ן, אלס פרייע שבטים, וואס האבען געהאט אייגענע פעסטונגען און פלעגען פיהרען אליין מלחמות. זייער בעשעפטיגונג איז געווען טיילווייז האנדארבייט, טיילווייז האָדעווען בהמות און לאזען זיך אין קאראוואנען צו פיהרען סחורה, אדער אנצופאלען אויף אנדערע קאראוואנען, ווי די בעדואינען, די אראבער, פלעגען דאס טהון. לויט ווי זיי האבען ערקלערט, איז זייער צאהל געווען דריי הונדערט טויזענד נפשות, נור די צאהל איז אהנליך צו א גוזמא. די הויפט-גרופע זייערע האט געוואוינט אין **תימא** און זיי האבען געהאט אנ'אייגענעם פירשט מיט'ן נאמען **רבי חנן**, וועלכער האט געצעהלט שטאמען פון דוד המלך, לויט ווי ער האט זיך געריהמט. צווישען זיי האט געלעבט א סעקטע „נזירים“, וועלכע האבען, ווי די ערשטע קאראַאימען, זיך אבגעזונדערט פון פלייש און וויין, געגאנגען אנגעטהון נאר אין שווארצען, געוואוינט אין הייהלען און אויסער שבתים און יום-טובים, שטענדיג געפאסט, טרויערנדיג נאך ציון און אויפ'ן אידישען גלות. די לאנד-ארבייטער און בהמות-האדאווער פלעגען זיי געבען מעשר (א צעהנטעל) פון זייערע הכנסות. די דאזיגע „נזירים“ זענען געווען אויך תלמידי חכמים, און זיי פלעגען זיך אבגעבען מיט'ן לערנען תלמוד. א צווייטע גרופע פון די אראבישע אידען האט געוואוינט ארום טאלמאס אויך אונטער אנ'אייגענעם נשיא **רבי שלמה**, א ברודער פונ'ם נשיא **רבי חנן**. דער נשיא רבי שלמה האט געוואהנט אין דער אלטער שטאדט **צנעא** (אדער תאנא), וואו ער האט געהאט אנ'אייגענעם בעפעסטיגטען שלאס. צווישען זיי זענען אויך געווען „חסידים“, וועלכע פלעגען פאסטען פערציג טעג אין יאהר, כדי אראבצוברענגען משיח'ן, וועלכער זאל צונויפזאמלען די אידען פון אלע עקען וועלט. א דריטע גרופע האט געוואוינט אין **כאייבאר**, דריי טעג גאנג פון טאלמאס, וואו עס האבען זיך געפונען פופציג טויזענד אידען; אויך זיי זענען געווען געאיבט אין מלחמה, און אויך פיעל תלמידי חכמים, וואס האבען גוט געקענט דעם תלמוד, זענען צווישען זיי געווען. לויט א לעגענדע, וועלכע איז צווישען זיי געווען פערשפרייט, האבען זיי געשטאמט פון די שבטים **גד**, **ראובן** און **האלב מנשה**. אויך אין די האלב אראבישע שטעדט וואזיט, **בצרה** און **קופה** זענען געווען גרויסע אידישע קהלות: די ערשטע מיט צעהן טויזענד, די צווייטע—מיט צוויי טויזענד און די דריטע—מיט זיבען טויזענד אידען.

צוליעב דעם. וואס א גרויסער טייל אזיען פון מיטעללענדישען ים ביז צום טייך אינדוס, ווי אויך אראביען, האט זיך געפונען אונטער דער הער-

שאפט פון די אבאסידען און זייערע כאליפען פון באגדאד, האבען אויך אלע אידען פון די דאזיגע לענדער אנערקענט אויף זיך די ממשלה פון באגדאדער ראש גלותא. דער צווייטער ראש גלותא, וועלכער האט ווידער געהערשט מיט א קעניגליכער פראכט, איז געוועזען רבי שלמה'ס זוהן, דניאל (1165—1175), וועלכער איז אויך אזוי געוועזען אנגעזעהען ביי די כאליפען, ווי זיין פאטער. אונטער איהם האט זיך דערהויבען די באגדאדער ישיבה צו אזא גרויסקייט, ווי זי איז געוועזען אין די צייטען פון די גאונים. דאס אויפבליהען פון דער באגדאדער ישיבה איז געווען פערבונדען מיט א גרויסער פערזענליכקייט, וועלכע איז אין יענער צייט געווען זעהר בעריהמט; דאס איז געוועזען דער גאון רבי שמואל בן עלי הלוי, וועלכער איז געוועזען שטארק בעהאוועגט אין תלמוד און האט געהאט א יחוס-בריף, וואס האט זיך געצויגען ביז שמואל הנביא. דעם טיטול גאון האט ער זיך אליין גענומען און האט געפיהרט זיין ראליע ביד רמה. די צאהל פון זיינע תלמידים האט דערגרייכט ביז צוויי טויזענד, און בשעת ער פלעגט פאר זיי דעם שיעור זאגען, פלעגט ער זיצען אויף א מין טראהן בעקליידעט אין זיידענס געשטיקט אין גאלד. זיין תורה פלעגט ער פאר די תלמידים אליין נישט זאגען, נור ער פלעגט ערקלערען זיין טאלמאטש (מתורגמן), וועלכער פלעגט עס ערשט איבערזאגען פאר די תלמידים. דער ראש ישיבה איז אויך געוועזען אב בית-דין (אויבער-ריכטער), און יעדען מאנטאג פלעגט ער זיצען מיט זיינע נוין דיינים און משפט'ן דאס פאלק.

ווען דער ראש גלותא, רבי דניאל, איז געשטארבען, נישט איבערלאזענדיג קיין יורש, האבען די זיהן פון זיין ברודער אנגעהויבען פיהרען א מחלוקת, ווער פון זיי עס זאל ווערען נשיא. דאס האט אויסגענוצט רבי שמואל הלוי און פערהאפט די גאנצע מאכט פון ראש גלותא אין זיינע הענד: ער האט אנגעהויבען אליין צו בעשטימען רבנים און דיינים און פערנומען פאר זיך די גאנצע הכנסה. ער האט זיך ארומגערינגעלט מיט זעכציג קנעכט, וועלכע האבען ערפילט יעדען וואונק זיינעם, שלאגענדיג מיט שטעקענס די, וועלכע פלעגען איהם נישט וועלען געהארכען. ער איז אלזא געווארען א פאלקאמער הערשער אויף אלע אידישע קהלות פון דמשק ביז אינדיען און פון קאספישען ים ביז אראביען.

אונטער דעם דאזיגען ראש ישיבה זענען געקומען שלוחים פון א געצענדינערישען פאלק אויף די קאווקאזער בערג, וועלכע האבען פערלאנגט, אז מען זאל זיי שיקען אידישע רעליגיאנס-לעהרער פאר זייער לאנד, ווייל זיבען פירשטען האבען בעשלאסען אנצונעהמען דאס יודענטום (ארום 1180—1185). דער רייזענדער רבי פתחיה פון רעגענסבורג, וועלכער האט געבראכט די דאזיגע ידיעה און איז געוועזען א גאנץ בעגלויבטער עדות, האט די דאזיגע שלוחים אליין געזעהען. איניגע ארעמע תלמידי-חכמים פון בבל האבען זיך בעשלאסען צו געהן צו די ווייטע גוים און לערנען מיט זיי תנ"ך און תלמוד.

בכלל אבער איז דער דאמאלסדיגער צושטאנד פון יודענטום אין אזיען געוועזן זעהר א נידריגער. אבגעזונדערט פון די אזיאטישע אידען זענען געשטאנען די אידען אין מצרים, פונקט ווי די דארטיגע מחמדאנער פון די פאטימידישע כאליפען, יענע, וואס האבען געלעבט אונטער דער הערשאפט פון די אבאסידען. די אידען האבען אין מצרים געהאט אן אייגענעם שר אדער „נגיד“, וועלכער פלעגט ערפילען די פונקציעס פון א רב און א דיין, און איז געווען אין א געוויסער מאס דער מצרים׳ער ראש גלותא. ער האט געהאט דאס רעכט צו בעשטימען רבנים און חזנים און בעשטראפען פערברעכער מיט געלד, מלקות און תפיסה. ער פלעגט האבען זיין הכנסה פון די קהלות, ווי אויך פון די אבצאהלונגען פאר אלערליי דאקומענטען, וואס ער פלעגט ארויסגעבען. אין יענער צייט איז געווען נגיד רבי נתנאל, אדער ווי ער האט געהייסען אויף אראביש: היבאט אלאה אבן אלדזשאמי, וועלכער איז אויך געווען דער לייב־דאקטאר פון לעצטען פאטימידישען כאליף אין מצרים, אלאדהיד, און שפעטער אויך פונם סולטאן סאלאדין. אבן־אלדזשאמי איז געווען א מענש פון גרויסער קענטניש. ער האט גוט געקענט אראביש און האט אנגעשריבען פיעל מעדיצינישע שריפטען. ער איז אויך געווען ראש ישיבה אין קאהירא, די הויפט־שטאדט פון מצרים, וואו עס איז געווען א אידישע קהלה פון צוויי טויזענד משפחות, צווישען וועלכע עס זענען געווען פיעל עשירים. אין קאהירא איז דאמאלס אויך געווען א קאראאימישע קהלה, וועלכע איז, ווי עס שיינט, געווען גרעסער פון די תלמודישע אידען. די קאראאימען האבען אויך געהאט זייער נשיא, וועלכער האט געהאט די זעלבע רעכט, ווי דער נשיא פון די תלמודישע אידען.

די צווייטע גרויסע אידישע קהלה אין מצרים איז געווען אין אלעקסאנדריען, וואו עס האבען געלעבט דריי טויזענד אידישע משפחות. דער קולטורעלער צושטאנד פון די מצרים׳ער אידען איז געווען אין יענער צייט נישט בעסער, ווי ביי זייערע ברידער אין אזיען. דאס נידעריגע פאלק האט אזוי וועניג בעקאנטשאפט געהאט מיט׳ן תלמוד, אז זיי פלעגען אפט אננעהמען מנהגים ביי די קאראאימען. קיין אייגענע רבנים האבען זיי נישט געהאט, נאר זיי פלעגען זיי בעקומען פון אייראפא. אין דער דאזיגער עפאכע איז דארט געווען רב א תלמיד חכם פון פראוואנס רבי פנחס בן רבי משולם. נעבען דער תלמודישער קהלה האט זיך אלעקסאנדריען אויך געפונען א קהלה פון קאראאימישע אידען. נישט בעזונדער קיין העכערע בעגריפען פון אידישקייט, האבען זיך דאמאלס שטארק פערשפרייט צווישען די אידען פון אזיען ווי אויך פון מצרים פערשידענע הנהגות. בעזונדערס שטארק האט זיך פערשפרייט דער מנהג עולה־רגל זיין אויף קברים פון הייליגע. אזוי למשל, פלעגען די באגדאדער אידען עולה־רגל זיין אין דער אומגעגענד פון דער שטאדט קופה צום קבר פון יחזקאל הנביא, וואו מען האט אויסגעבויט זעהר א שענעם בנין און גע־

ברענט דארט שטענדיג דרייסיג בוימאייל-מנורות. א צווייטער הייליגער ארט איז פאר זיי געווען עזרא'ס קבר, וואו מען האט אויך אויסגעבויט א שענעם בית הכנסת. די מצרים'ער אידען וו.דער פלעגען עולה רגל זיין צו די פיראמידען, וואו זיי האבען געהאט אנ'אלטען בנין „כנסת משה“, וויל זיי האבען געגלויבט, אז משה האט דעם בנין געבויט, וואו ער האט מתפלל געווען צו גאט.

אבער דוקא אין יענער צייט און אין יענעם לאנד פון פאנאטיזם, אין מצרים, איז אויפגעטראטען א גרויסער א.ד. וועלכער האט באלויכטען דאס יודענטום. דאס איז געווען רבנו משה בן מיימון (רמב"ם), מ.ט וועלכען עס הויבט זיך אן א נייע עפאכע אין דער אידישער געשיכטע.

זעכסטעס קאפיטעל.

די עפאכע פון רמב"ם.

(פון 1171 ביז 1205)

אינם לעצטען דריטעל פון צוועלפטען יאהרהונדערט האט אויסגעוויזען, אז דאס יודענטום האט פערלארען זיין צענטר און הויבט אן פונאנדערצופאלען. דרום-שפאניען איז דורך דער אינטאלעראנץ פון די אלמאהאדען געבליבען אהן אידישע קהלות, און די קליינע צאהל אידען, וועלכע זיינען דארט נאך איבערגעבליבען, זענען געצוואונגען געווען צו לעבען אונטער דער מאסקע פון מחמד'אנישען גלויבען. די הויפט-קהלה פון קריסטליכען שפאניען, טאלעדא, ווי אויך די איבעריגע דארטיגע צפון-שפאנישע קהלות זענען נאך געווען יונג און נישט בעוויזען ארויסצושטעלען גרויסע פערזענליכקייטען מיט אנ'אלגעמיינעם איינפלוס. דאס זעלבע איז אויך געווען מיט די קהלות פון דרום-פראנקרייך. די קהלות פון צפון-פראנקרייך האבען אפילו יא געהאט גרויסע תלמידי חכמים, זענען זיי אבער געווען ארייגעטהון נאר אין תלמוד און ווייניג געקימערט זיך פאר אלגעמיינע לעבענס-פראגען. די דייטשע אידען זענען געוואקסען, ווי שוין דערמאנט, קאמערקנעכט ביים רוימיש-דייטשען קייזער, און די אידען פון די איבעריגע אייראפעאישע לענדער האבען נאך ווייניג אנטייל גענומען אין אידישען היסטארישען לעבען. דען זיי האבען געוואוינט צווישען האלב-ווילדע פעלקער און געווען אליין אויך נאך ווייט אי פון תורה, אי פון חכמה. די נייע צוריקגעשטעלטע נשיאות פון ראש גלותא אין בבל האט זיך געהאלטען ווי אין דער לופט, אבהענגיג פונ'ם גוטען ווילען פון כאליף, און האט זיך נאך נישט גענוג פעסט איינגעווארצעלט אינם אידישען באדען, אז זי זאל קאנען האבען אנ'איינפלוס אויך אויף די אידען פון די ווייטע מדינות. די אידען האבען דעריבער אין יענער צייט אין ערגיץ נישט געהאט קיין מיטעלפונקט. און אט אין אזא צייט איז ארויסגעטרעטען רבנו משה בן מיימון און איז געווארען דער סימבאל פון

דער אידישער אחדות. דער זאמעלפונקט פאר די קהלות אין די מזרח-און מערב-לענדער, אנ'אויטאריטעט אין רעליגיעזע און פילאזאפישע פראגען. האטש ער האט גארנישט געהאט קיין אפיציעלע מאכט ביי די אידען, איז ער געווארען דער אידישער גייסטיגער קעניג, וועלכען יעם האבען זיך אונטערגעגעבען די אנפיהרער פון אלע גרויסע אידישע קהלות. ווי גרויס די חשיבות פון רמב"ם איז געווען אין די אויגען פון זיין דור, קאן מען זעהען דערפון, וואס מען האט אזוי גענוי פערציכענט דעם טאג, די שעה און אפילו די מינוט פון זיין געבורט, וואס מיר געפינען נישט ביי אנדערע גדולי ישראל.

רבי משה בן מיימון (מיטן לאנגען אראבישען נאמען אבו עמראן מוזא בן מאימון עובאיד אלאה) איז געבארען געווארען אין קארדאווא י"ד ניסן צוואנציג מינוטען אויף צוויי נאכמיטאג צייט ד"א תתצ"ה—30-טער מערץ 1135. די געשיכטע פון זיין יוגענד איז געווען אזעלכע, אז זי האט געדארפט אויסשמידען אין איהם אנ'אייזערנעם כאראקטער, כדי צו מאכען איהם פעהיג צו טראגען אליין די צוקונפט פון גאנצען יודענטום.— זיין פאטער רבי מיימון בן יוסף איז געווען א תלמיד פון רבנו יוסף הלוי אבן מיגאש און דיין פון קארדאווא. די קארדאווא'ער דיינות האט זיין משפחה געהאט בירושה און א משך פון אכט דורות פון פאטער צום זוהן. רבי מיימון איז אבער געווען נישט בלויז א גרויסער תלמודיסט, נאר אויך א קענער אין געאמעטריע און אסטראנאמיע און האט אויך מחבר געווען דריי ספרים, ווי אויך וועגען תלמוד. און אט דער דיין האט עם איינגעפלאנצט אין זיין יונגען זוהן די ליעבע צו דער וויסענשאפט און אנ'ערהאבענעם לעבען. באלד ווי דער יונגער משה בן מיימון איז אלט געווארען דרייצעהן יאהר, איז אויסגעבראכען דאס אונגליק איבער דער אידישער קהלה אין קארדאווא, ווען די אפריקאנישע אלמאהאדען האבען די שטאדט איינגענומען (1148) און געשטעלט די אידען די אויסזיכט: אדער שמד, אדער גירוש, אדער טויט. צוזאמען מיט א גרויסען טייל פון דער קארדאווא'ער אידישער קהלה איז אויך אויסגעוואנדערט רבי מיימון מיט זיין משפחה און געקומען אין דער האפענשטאדט אלמעריא, וועלכע די קריסטען האבען איינגענומען מיט א יאהר פריהער. דריי יאהר נאכדעם (1151) האבען די אלמאהאדען אויך די דאזיגע שטאדט איינגענומען און דער פאנאטישער אלמאהאדישער סולטאן עבדאל מומין האט אויך דא געשטעלט די קריסטען און די אידען די זעלביגע אויסזיכט, ווי אין אלע איבעריגע איינגענומענע שטעדט: שמד, גירוש אדער טויט. די משפחה מיימון האט דעריבער געפיהרט עטליכע יאהר נאכאנאנד א וואנדער-לעבען, נישט געפינענדיג קיין פעסטען ארט, וואו צו בעזעצען זיך אויף שטענדיג. און אט אונטער אזעלכע אומשטענדען איז אויסגעוואקסען און ערצויגען געווארען דער יונגער משה.

ביי זיין פאטער האט דער יונגער משה געלערנט תנ"ך, תלמוד, די

אידישע פילאזאפיע, מאטעמאטיק און אסטראנאמיע. ביי די אראבישע גע־לעהרטע האט ער געלערנט נאטור־וויסענשאפטען און מעדיצין. ער איז געווען א פריינד מיט זהן פון מאטעמאטיקער און אסטראנאם אבן־אפלאה פון סעווילא און האט געלערנט פילאזאפיע ביי די תלמידים פון פילאזאף אבן־באדשאה. אבער נאך מעהר ווי פון די חברים און לעהרער האט דער יונגער משה אליין געלערנט פון ספרים און ענטוויקעלט דאס געלערנטע מיט זיין טיעף לאגישען און סיסטעמא־טישען פערשטאנד. באזונדערס שטארק האט ער זיך פערטיעפט אין דער פילאזאפיע פון אריסטאטעל, אין וועלכער ער האט ארייגעדרונגען פיעל טיעפער פון אלע אנדערע געלעהרטע אין יענער צייט.

אבער נישט די גרויסע און טיעפע ידיעות אליין זענען דאס געווען, וועלכע צייכענען אויס דעם גרויסען מיימוני, נור דער גאנצער פיכטער כאראקטער פון זיין דענקען. דאס איז געווען א פאלקאמער חכם אין דער שענסטער און העכסטער בעדייטונג. א רעגולירטעס, סיסטעמאטישעס ווי־סען, א פעסטער ווילען, א קלארע איבערצייגונג און אן ענערגישע טעטיג־קייט — דאס אלץ האט זיך הארמאניש אין איהם פעראייניגט. ער איז גע־ווען דורכגעדרונגען פון א טיעפען אויסגעלייטערטען רעליגיעזען געפיהל, פון א שטרענגער זיטליכקייט און דערצו אן עכטער פילאזאפישער דענקער. און אויב ער איז אין דער וויסענשאפט געשטאנען צווישען די העכסטע געלעהרטע פון זיין צייט, האט ער מיט זיינע מדות און רעליגיעזער פרומ־קייט נישט געהאט כמעט זיין גלייכען. אין דער הינזיכט, דאס הייסט, אין דער פעראייניגונג פון אט די ביידע אייגענשאפטען, איז ער געשטאנען פיעל, פיעל העכער פאר זיין צייט. זיין אויסערליכע ערשיינונג איז געווען א ריכטיג בילד פון זיין אינערליכען מהות. א טיעף ערנסטער מענש, וואס האט בעטראכט דאס לעבען ווי א שווערע אויפגאבע צו זיין גוט און פיין סיי אין דענקען סיי אין מעשים. ער האט פון טיעפען הארצען געהאסט אלץ, וואס איז געמיין, פאלש, יעדע צביעות, אלץ וואס ווערט געטהון בלויז כדי צו ערשיינען נישט אין דער אמת'ער געשטאלט, ווי מען איז אין דער ווירקליכקייט. ער האט העריבער זיך אויך נישט אינטערעסירט מיט דער פאעזיע, וויל לויט דער דאמאלדיגער אנשויאונג, איז „דאס בעסטע אינ'ם ליעד — דאס אויסגעטראכטע", דאס הייסט: דאס וואס שטימט נישט מיט אמת און ווירקליכקייט. ער האט דעריבער געהאלטען דאס בעשעפטיגען זיך דערמיט פאר א לעדיגע געהעריי, פאר א פערברענגונג די צייט אהן קיין שום נוצען, אפילו אויף התונה־מאלצייטען האט ער נישט געקענט סובל זיין קיין שירים, סיידען אזעלכע, וואס וועקען דאס רעליגיעזע געפיהל. אין דער הינזיכט האט ער נישט געמאכט קיין שום אונטערשייד צווישען העב־רעאישען און נישט־העברעאישע שירים. ער אליין האט אפילו אין זיין פריהעסטער יוגענד נישט געפרובט א שטיף צו טהון מיט שירים, ווי אנ־דערע אידישע גדולים פון זיין צייט. אבער ביי אזא שטרענגקייט געגען זיך

אליין איז ער פונדעסטוועגען געוועזען מילד און ליבענסווירדיג געגען אנדערע מענשען. קיינמאל האט ער נישט ארויסגעזאגט א הארט ווארט געגען זיינע געגנער. נור געגען פאלשע מיינונגען און אנשויאונגען פלעגט ער אויסגיסען זיין גאנצען שפאט און סארקאזם. עניוות און ערגעבענהייט זעטען איז איהם געווען ענטוויקעלט אין דער העכסטער מדרגה. און אלע זיינע איינגענשאפטען האבען זיך געהאלטען אויף א זעלטענעם פעסטען ווילען צו פערווירקליכען אין לעבען איין גרויסע אויפגאבע, וואס ער האט פאר זיך געשטעלט. קיין שווערע לעבענס-בעדינגונגען, קיין קערפערליכע יסורים אדער גרינגשעצונג מצד די מענשען, האבען איהם נישט געקאנט אבהאלטען אין געהן צו זיין ציעל צו דערהויבען דאס יודענטום, צו באווייזען עס אזוי, אז אפילו די חכמים פון די אומות העולם זאלען זיך אויך איבערצייגען אין זיין ריכטיגקייט. ווען משה איז נאך יונג געוועזען האט ער שוין אט דעם אידעאלען ציעל געטראגען אין הארצען, און ווען ער איז אריינגעקומען אין די יאהרען, איז ער צוגעטרעטען, דאס צו פערווירקליכען. נאך אין די יונגע יאהרען האט ער זיך גענומען צו שרייבען זיין פירוש צו דער משנה, וואס האט געדויערט זיבען יאהר, און דער סאמע שווערער צייט, ווען ער איז געווען געצוואונגען, צוליעב די חליניעזע רדיפות, צו פיהרען א וואנדער-לעבען. דריי און צוואנציג יאהר איז ער אלט געווען, ווען ער האט אנגעהויבען שרייבען דעם פירוש. א טייל דערפון האט ער זאגאר געשריבען פאהרענדיג אויף דעם שיף; געענדיגט האט ער איהם ערשט אין מצרים, ווען ער איז אלט געווארען דרייסיג יאהר.

ווען רבנו משה מיט זיין פאטער און ברודער האבען פערלאזען שפאניען און זענען געקומען קיין פעז (1159—1160) האבען זיי דארט געפונען די לאגע זעהר טרויעריג. די רעליגיעזע רדיפות, וועלכע האבען דארט שוין געדויערט העכער צעהן יאהר, האט געמאכט זעהר א שלעכטע ווירקונג אויף די דארטיגע אידען. עפענטליך האט דארט נישט געקאנט בלייבען קיין איינציגער איד. די שוהלען זענען פערשלאסען געווארען, און די אידען האבען געמוזט אננעהמען דעם איסלאם און קומען אין די מחמד'אנישע געבעט-הייזער. אין הארצען זענען זיי אפילו אלע אנפאנגס געבליבען געטריע אידען, ביסלעכווייז אבער האבען זיך פיעל פון זיי צוגעוואוינט צום מחמד'אנישען גלויבען און מנהגים. די דאזיגע טרויעריגע לאגע האט ערוועקט דעם אלטען מיימון, רבי משה'ס פאטער, ארויסצוטרעטען מיט א בריף, געשריבען אין אראביש, אין וועלכען ער טרייסט זיי און לערנט די אפריקאנישע אידען צו האלטען זיך פעסט ביי זייער אידישער אמונה, אויף וויפיעל זיי האבען דאס מעגליך. די ווירקונג פון דער דאזיגער שריפט איז אבער פערלארען געגאנגען דורך אן'אנדער שריפט פון א געוויסען קנאי, וועלכער האט ארויסגעזאגט, אז די אידען, וואס האבען לפנים אנגענומען דעם מחמד'אנישען גלויבען, דארפען בעטראכט

ווערשאַפטען, לויט'ן יודענטום, פאַר אבגעפאַלענע פון אידישען גלויבען, אז ווער עס האָט נאָר עפענטליך ארויסגעזאָגט, אַז מחמד איז א נביא, אפילו אויב ער ערפילט נאָך בשתיקה די מצוות פון דער תורה, דארף בעטראַכט וועררען אלס נישט-איד און איז פסול פאַר עדות און ענינים פון גט'ן און קדושין, ווייל אַ איד איז מחויב מוסר נפש צו זיין זיך און זיין ווייב און קינדער פאַר'ן אבהיטען די תורה עפענטליך, און ווער עס טהוט דאס ניט, יענער האט זיך אבגעזאָגט פון יודענטום.

די דאָזיגע שריפט, וואָס דער קנאי האָט געשיקט צו קהלות פון די אנוסים אין אפריקא, האָט געמאַכט דארט א געוואלדיגען איינדרוק. די בעסערע אידען זענען געוואָרען ביי זיך זעהר געפאַלען און געפייניגט פון זייער חרטה פאַר'ן גרויסען פערברעכען, וואָס זיי זענען בעגאַנגען, אנדערע ווידער האָבען זיך מיישב געווען אינגאַנצען איבערגייען מיטן יודענטום, ווייל סיי ווי סיי אנערקענט מען דאָך זיי נישט פאַר אידען. דאַן האָט אויך רבי משה בעשלאָסען ארויסצוטרעטען עפענטליך מיט א בריעף צו די אנוסים, כדי אבצוואָרפען די געפעהרליכע ווירקונג פון דעם קנאי'ס דאָזיגען בריעף, וועלכען ער האָט געשריבען אין אראביש, בעטראַכט ער די פראַגע פון תלמודישען שטאַנדפונקט און הערוויזט, ווי אונגערעכט עס איז געווען דער קנאי מיט זיין בעהויפטונג געגען די אנוסים. צוערשט דערוויזט דער רמב"ם, אז דורכ'ן עובר זיין אויף א טייל פון די מצוות פון דער תורה הייסט נאָך נישט, אז מען איז פון יודענטום אבגעפאַלען. די געצענדינערישע אידען אין דער צייט פון די נביאים זענען שטענדיג בעטראַכט געוואָרען אלס מיטגלידער פון גאָט'ס פאָלק. אמת, דאס פאַר דריי הויפט-יסודות איז דער איד מחויב מוסר נפש צו זיין זיך און געהן אין טויט—פאַר עבודה זרה, גלוי עריות און שפיכת דמים, און דאָס שטאַרבען דערפאַר איז די העכסטע מדרגה פון אידישקייט. אבער דער וואָס עס איז דאָס נישט מקיים, וועלכער האט נישט דעם מוט אין טויט צו געהן, אויב ער איז נישט קיין גוטער און געטרייער איד, קאָן ער אבער אויך נישט גערעכענט ווערען פאַר א אבגעפאַלענעם פון אידישען גלויבען, אזוי אז ער זאל זיין פסול לעדות.

גלייכצייטיג מיטן פערטיידיגען די אנוסים האָט זיך דער רמב"ם און זיין ברודער בעמיהט זיי צו דערוועקען צו האלטען זיך פעסט אין דער אידישער תורה און ארויסצוגעהן פון לאַנד, ווי זיי וועלען נאָר האָבען די מענליכקייט דערצו, כדי צו קאָנען זיין אידען עפענטליך. זיין דאָזיגע טעטיגקייט האט געבראַכט זיין לעבען אין סכנה, ווייל מען האָט איהם געוואָלט צערעסטירען פאַר אנרעדען די מאמינים אבצופאַלען פון מחמד. אבער זיין פריינד, דער מחמד'אנישער טהעאָלאָג און דיכטער אבול-עראב אבן מאישא האָט איהם פערטיידיגט און ארויסגעראַטעוועט פון א זיכערען טויט. דאַן האָט רבי מיימונס משפחה בעשלאָסען צו מאַכען אַ'ן ענדע מיט'ן אונזיכערען לעבען אינ'ם שמד-לאַנד, און (אין יאהר 1165) זענען

זיי ענטלאָפען אויף א שיף קיין ארץ־ישראל. אין א משך פון א חדש צייט האָבען זיי געהאַט צו קעמפּפען געגען די חוואַליעס פון ים, ביז לסוף זייגען זיי געקומען דעם 3־טען סיון קיין עכו, וואו מען האָט זיי אויפגענומען מיט גרויס כבוד. פון דאָרט זענען זיי מיט מסירת נפש געפאָהרען קיין ירושלים, כדי מתפלל צו זיין אויפ׳ן הר הבית און אין אַנדערע היסטאָרישע ערטער, און א האַלב יאָהר שפּעטער איז רבי מיימון מיט זיין משפחה אַבגעפאָהרען קיין מצרים. א פּאָר חדשים נאָכ׳ן אָנקומען קיין מצרים איז געשטאָרבען רבי מיימון (1166). ווי ווייט די משפחה מיימון איז שוין דאַמאָלס אָנגעזעהען געווען ביי אידען, קען מען זעהען פון דעם איינדרוק, וואָס דער טויט פון דעם אַלטען מיימון האָט געמאַכט. פיעל אידישע קהלות פון שפּאַניען, ווי אויך פון צפון־אַפריקא, האָבען געשיקט טרייסט־בריעף צו ר׳ משה׳ן. נאָכ׳ן טויט פון זייער פאָטער האָט זיך די פאַמיליע מיימון בעזעצט אין אַלט־קאַהירא (פאָסטאַט), וואו זיי האָבען געפיהרט א שטיל און רוהיג לעבען. רבי משה האָט זיך פערנומען מיט תורה און וויסענשאַפטען, און זיין ברודער רבי דוד האָט געפיהרט א געשעפט פון דימענטען און פּערל, מאַכענדיג דערביי ווייטע נסיעות אָפט ביז אינדיען. אין דעם דאָזיגען רוהיגען לעבען האָט זיך באַלד א שווערער אומגליק אַריינגעריסען. פאָהרענדיג קיין אינדיען איז ר׳ דוד אונטערגעגאַנגען מיט א שיף צוזאַמען מיט זיין גאַנצען פערמעגען און אויך מיט געלד, וואָס ער האָט געהאַט געבאָרגט ביי זייטיגע אידען, צו פיהרען זיין געשעפט. דער וועהטאָג נאָך זיין ברודער׳ס טויט האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויפ׳ן רמב״ם, אַז ער איז קראַנק געוואָרען און איז בעהערשט געוואָרען פון א שטאַרקער מרה־שחורה.

אָבער דער גרויסער בטחון אין גאָט, די ליעבע צו דער וויסענשאַפט און די נויטווענדיגקייט צו זאָרגען פאַר דער משפחה, בעזונדערס פאַר דער אַלמנה און טאָכטער פון׳ם דערטרונקענעם געליעבטען ברודער — דאָס אַלץ האָט איהם געגעבען פרישען מוט און כח אָנצוהויבען דאָס לעבען פון דאָס ניי. ווי עס שיינט, איז דער רמב״ם שוין דאַן געווען א גוט גענייבטער מעדיקער און ער האָט הערניבער אָנגעהויבען בעשעפטיגען זיך מיט דער מעדיצין, כדי צו בעקומען דערפון חיונה פאַר זיין משפחה. די ערשטע צייט אָבער האָט ער, משמעות, געהאַט זעהר שווער, ווייל ער איז נאָך ווייניג געווען בעוואוסט, און זיין פּראַקטיק איז געווען נישט קיין גרויסע. ווי עס שיינט, האָט ער אויך געהאַלטען דאַמאָלס עפענטליכע לעקציאָנען אין פילאָזאָפיע פאַר תלמידים. זיין הויפּט־בעשעפטיגונג איז אָבער געווען זיין „פּירוש" אויף משניות, אויף וועלכען ער האָט געאַרבייט זיבען יאָהר נאָכאַנאַנד. דאָס דאָזיגע מייסטער־ווערק האָט דער רמב״ם מחבר געווען אין אַראַביש (1168) אונטער׳ן נאָמען „סיראַדזשאַ", וואָס הייסט „די בעלייכטונג". דער צוועק פון דער דאָזיגער אַרבייט איז געווען, לויט ווי דער רמב״ם ערקלערט אַליין, כדי „קלאָר צו מאַכען און איבערגע־

בען אײנפֿאַך דאָס גאַנצע מאַטעריאַל פֿון דער תּורה שבעל פּה, װעלכעס איז שטאַרק פֿערדונקעלט געװאָרען דורך די פֿיעל פּשטלעך און פּלפּולים, מיט װעלכע מען האָט אַרומגערינגעלט די משנה, אַנשטאָט צו ערקלערען זי אײנפֿאַך, לויטן אײגענעם פּשט און זין".

מיט אַ בעזונדער ליעבשאַפֿט האָט דער רמב"ם ערקלערט יעטװע ערטער אין דער משנה, װעלכע האָבען אַ שײכות צו מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, פֿיזיק, אַנאַטאָמיע, מאָראַל און פֿילאָזאָפֿיע. בעזונדערס װיכטיג איז פֿאַר איהם געװען צו דערװײַזען, אַז אין דער משנה געפֿינט זיך אַ טיעפֿע זיטליכע לעהרע און אַ הויכער פֿילאָזאָפֿישער בעגריף פֿון גאָט. אַן אמת'ער אוצר איז דאַרום געװען פֿאַר איהם די מסכת „אבות", װעלכע איז אַ בונד שניר מיט זעלטענע פּערל-שפּרוכען, װײל דאָ האָט ער געהאַט די געלעגענהייט צו ענטװיקלען די גאַנצע עשירות פֿון דער אידישער מאָראַל.

דער רמב"ם האָט זיך אויך גענומען צוזאַמענצושטעלען די הויפּט-יסודות פֿון אידישען גלויבען. אַרויסגעהענדיג פֿון דעם שטאַנדפּונקט, אַז דאָס יודענטום איז נישט אַנדערש װי אַ געטליכע פֿילאָזאָפֿיע, װאָס גאָט האָט אַנטפּלעקט פֿאַר די אידען, האָט ער אײנגעפֿינען, אַז עס איז דורכאויס נויטיג דעריבער, אַז דאָס יודענטום זאָל אויך רעגולירען די אַנשויאונגען און דאָס דענקען פֿונ'ם מענשען, פּונקט װי עס רעגולירט זײַנע זיטליכע און רעליגיעזע פֿליכטען, װײל די זיטליכקײט האָט אַ קלײנעם װערט, װען זי זאָל נישט זײַן אַ פֿרוכט פֿונ'ם רײנעם דענקען. ער האָט דעריבער אָנגענומען פֿאַר אַ זיכערען פּרינציפּ, אַז דאָס יודענטום בעשטעהט נישט בלויז װאָס מען דאַרף צו טהון, כדי צו פֿיהרען אַ מוסטערהאַפֿטען לעבען, נור אויך, װאָס מען דאַרף צו דענקען. אַזעלכע גלויבענס-יסודות האָט דער רמב"ם אויפֿגעשטעלט דרײַצעהן: 1) דער גלויבען, אַז עס איז פֿאַרהאַן אַ גאָט, 2) אַז ער איז אַבסאָלוט אײנער, 3) אַז ער איז נישט קײן קערפּער און װערט נישט פֿערענדערט, 4) אַז ער איז אײביג אָהן אַנהויב און אָהן סוף, 5) אַז נור צו איהם אַלײן מוז מען דינען, 6) אַז אויסערװעהלטע מענשען האָט גאָט בעשאָנקען מיט רוח הקודש (נבואה), 7) גלויבען אין דער הויכער נבואה פֿון משה בן עמרם, 8) די געטליכקײט פֿון דער תּורה, 9) די אײביגקײט און אומפֿערענדערליכקײט פֿון דער תּורה, 10) גאָט'ס השגחה, 11) גאָט'ס גערעכטען בעלוינונג און בעשטראַפֿונג. 12) גלויבען, אַז משיח װעט אַמאָל קומען און 13) תּחית המתים.

אָבער װי גרויס און װיכטיג עס איז געװען דער „פּירוש" צו די משניות, די גרויסע און טיעפֿע װיסענשאַפֿט אין אַלע צװײַגען פֿון דער תּורה, װאָס דער רמב"ם האָט דערין ענטװיקעלט, האָט ער זיך דאָך נישט דערהויבען בײַ די אידען אויף יענער הויכער גײַסטיגער מדרגה, אויף װעלכער ער איז אין דער װירקליכקײט געשטאַנען. די סבה דערפֿון איז געװען, װאָס דער ספר איז געװען געשריבען אין אַראַביש, כדי עס זאָלען

איהם פערשטעהן די מעהרערע אידען, וואס האבען געוואוינט אין די אראבישע מזרח-לענדער און אין מצרים. די דאזיגע אידען זיינען אבער נישט געווען קולטורעל זעהר ווייניג ענטוויקעלט, אז זיי זאלען קאנען אפשאצען דעם אמת'ן ווערט פון דער ריעזיגער ארבייט. דעם רמב"ם נאמען האבען בעקאנט געמאכט ערשט זיינע תלמידים, וועלכע האבען איהם פערעהרט, ווי א לעבעדיגע פערקערפערונג פון דער חכמה. איינער פון זיינע תלמידים רבי שלמה הכהן, וועלכער האט געמאכט א רייזע צווישען די אידען אין יעמען (תימן), האט דארט בערימט געמאכט זיין נאמען, זאגענדיג, אז אין דער צייט פון דער נויט וועלען זיי געפינען ביי רבי משה'ן טרייסט און א עצה.

אין יענער צייט זיינען פארגעקומען אין מצרים גרויסע פערענדערונגען, וועלכע זיינען געווען זעהר גינסטיג פאר די דארטיגע אידען, ווי אויך פאר די אידען פון די ארומיגע לענדער. דער לעצטער פאטימידישער כאליף, אלהאדיד, איז געשטארבען אהער מען האט איהם דערהרג'עט און דער גרויסער סאלאדין, דער מוסטער פון אנ'ערהאביגען קעניג אין א הויכער ריטערליכקייט אין יענער בארבארישער צייט, איז געווארען (סעפטעמבער 1171) אליינהערשער איבער מצרים און א טייל פון ארץ ישראל און סיריען. אפילו אויך די לענדער פון דער געגענד אויפ'ן טיגער פראט אין דער כאליף פון באגדאד האבען געפאלגט זיין הערשערישען בעפעהל. זיין מלוכה איז געווארען א זיכערער שוץ-ארט פאר די גערודפטע אידען. אין ערשטען מאמענט אבער האט די פאליטישע פערענדערונג מיטגעבראכט אויך אונגליקען פאר די אידען. דער אונטערגאנג פון די פאטימידישע כאליפען פון מצרים, וועלכע זיינען געווען אנהענגער פון די שיאיטען (די מחמדאנער, וואס גלויבען נור אין געשריבענעם אלקאראן און דאס אונטערגעבען זיך פון די אלע דאזיגע לענדער דעם אבאסידישען כאליף, וועלכער איז געווען אנהענגער פון די סונניטען (סונה—די מחדישע תורה שבעל פה) האט זעהר דערוועקט דעם פאנאטיזם אין יעמען, וואו די שיאיטען האבען פערהאפט די מאכט און געצוואונגען די אידען אנצונעהמען דעם איסלאם. אויך דא, ווי אין צפון-אפריקא און דרום-שפאניען אונטער די אלמאהאדען, האבען די אידען געמוזט לפנים אננעהמען דעם איסלאם (1172), אבער צוליעב דעם, וואס די אידען פון יעמען זיינען ווייניג בעקאנט געווען מיט דער תורה און נישט ענטוויקעלט, איז די סכנה געווען גרעסער, ווייל דער פראסטער המון וואלט לייכט געקאנט אבפאלען פון יודענטום אויף אנ'אמת. די סכנה האט זיך נאך פערשטארקט צוליעב דעם, וואס עס האט זיך געפינען צווישען די אידען א משומד, וועלכער האט פאר זיי געהאלטען דרשות און אנגעוויזען, אז די תורה גופא האט פאראויסגעזאגט, דאס מחמד וועט ערשיינען און דער אלקאראן איז א נייע געטליכע ענטפלעקונג, וועלכע האט מבטל געמאכט די תורה. אויסערדעם איז נאך אין יעמען (תימן) אין יענער צייט אויפ-

געטראטען א אידישער פאנטאסט, וואס האט זיך ערקלערט פאר משיח בן יוסף, וועלכער איז געקומען פאראויסזאגען, אז משיח בן דוד דארף באלד ערשיינען, און די אידען דארפען זיך מכין זיין צום ארויסטרעטען קיין ארץ ישראל און צוטיילען דערוויל זייער האב און גוטס צווישען אלע זייערע ברידער גלייך, סיי רייך, סיי ארים. צווישען די יעמענער אידען האט זיך אנגעהויבען אן אמת'ע גייסטיגע מהומה, וועלכע האט געקאנט ברענגען גרויסע אומגליקען איבער די אראבישע אידען. און אט דאמאלס האט זיך געווענדעט איינער פון די געלערנטע אידען אין יעמען, רבי יעקב אלפאיומי, צו רבי משה בן מימון און געבעטען אן עצה, ווי אזוי צו קרעפטיגען די פערצווייפעלטע אידען און בערוהיגען זיי, אז זיי זאלען בלייבען געטריי דעם יודענטום.

דאן האט דער רמב"ם אנגעשריבען אויף אראביש זיין בעוואוסטע „אגרת תימן" — דעם בריעף צו די אידען פון יעמען, וועלכען ער האט געשיקט צו רבי יעקב אלפאיומי דוקא אין אראביש, כדי דאס פאלק זאל עס קאנען לייענען און פערשטעהן דעם אינהאלט. אין'ם דאזיגען בריעף דערווייזט דער רמב"ם די ליידענדע אידען פון תימן די ערהאבענהייט פון'ם אידישען גלויבען און ערקלערט זיי, אז דאס ליידען פאר'ן יודענטום איז דאס גרעסטע גליק, וואס איז דעם מענשען בעשערט אויף דער וועלט, ווייל דאס איז העכסט נויטיג, כדי דאדורך צו קומען צו דער העכסטער איבערצייגונג וועגען דער אמת'ער בעדייטונג פון יודענטום. אין דאזיגען בריעף זאגט זיך דער רמב"ם אויך ארויס וועגען דער בעציהונג פון יודענטום צום קריסטענטום און צום איסלאם. „געוויס — שרייבט ער — איז וועהר טרויעריג, דאס מען פערפאלגט די אידען פון ביידע צדדים, פון מזרח און פון מערב, אבער די דאזיגע רדיפות האבען דאך פאראויסגעזאגט די נביאים. גאט האט אונז, די בני ישראל, אויסגעקליבען פאר די אמת'ע טרעגער פון דעם ריינעם גלויבען און ריכטיגער אויפקלערונג, און אט דערפאר האסען אונז די פעלקער, נישט אונז פערזענליך, אייגענטליך, נור צוליעב דעם געטליכען ווילען, וועלכער לעבט צווישען אונז. די דאזיגע שנאה האט, אין א געוויסער מאס, דעם גרונד צו פערניכטען דעם הויכען צוועק, פאר וועלכען גאט האט אונז בעשטימט. זינט אידען זענען געשטאנען אויפ'ן בארג סיני, ביז היינטיגען טאג, האבען די פעלקער נישט אויפגעהערט אונז צו רודפ'ן. מיט זייער שנאה זענען די פעלקער ארויסגעטרעטען אין דריי געשטאלטען: אדער מיט דער גראבער קראפט, מיט'ן שווערד, ווי עמלק, סנחריב, נבוכדנצר, טיטוס און אדריינוס, כדי איינפאך צו פערטיליגען פון דער ערד גאטס פאלק; אדער מיט דער ליגנערישער קונסט פון דער סאפיסטיק, ווי, למשל, די פערסער, גריכען און רוימער, וועלכע האבען זיך בעמיהט פארצושטעלען די אידישע תורה אין א פאלשער געשטאלט; אדער, ענדליך, אונטער דער מאסקע פון אפענהייט, ווי דאס קריסטענטום און דער איסלאם, וועלכע האבען

זיך אנגעטהון אין די מלבושים פון יודענטום און ווילען איהם מאכען פערשווינדען פון דער וועלט. אט די אלע מיטלען האבען אבער ווענינ וואס געווירקט, און אלץ וואס מען טראגט איין אונטער אין'ם נאמען פון יודענטום בעציהט זיך אין דער ווירקליכקייט צו איהם, ווי א בילד פון א מענשען צום לעבעדיגען מענשען אליין".

זיין בריעף ענדיגט דער רמב"ם מיט טרייסט־רייד און א דערמאהנונג, צו בעטראכטען גוט, וואס ער שרייבט זיי, כדי איינצוזעהן, אז די גרויסע יסורים דארפען ביי זיי נישט אבשוואכען דעם מוט און די ליעבע צום יודענטום.

דער דאזיגער בריעף, וועלכער איז געשריבען מיט זעהר א ווארימען געפיהל און ליעבשאפט צום לייַדענדען אידישען פאלק, האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף די דרום־אראבישע אידען און זיי האבען זיך אזוי געשטארקט אין זייער גלויבען, אז זיי האבען לייכט אריבערגעטראגען די רדיפות און באלד אנגעהויבען אנטיילנעהמען אין די כלל־אידישע ענינים. שפעטער, ווען רבנו משה בן מימון איז דערהוימען געווארען אין מצרים און געווארען א חשוב אין קעניגליכען הויף, האט ער נאך געהאט דאס גליק, צו קאנען ערלייכטערן די לאגע פון די דרום־אראבישע אידען, און דערפאר האבען די דארטיגע אידען פשוט פערגעטערט דעם רמב"ם אזוי ווייט, דאס זיי האבען אריינגעשטעלט זיין נאמען אין'ם קדיש, זאגענדיג: „בחייכון וביומיכון ובחיי דרבנא משה בן מיימון, אשר האיר עיניהם בתורה, והעמידם בקרן אורה, לבטל מהם גזרות קשות"... דאס הייסט: „גאט נאמען זאל דערהויבען ווערען אין'ם לעבען פון רבנו משה בן מיימון, וועלכער האט אונז ליכטיג געמאכט די אויגען אין דער תורה און אין לעבען, דאדורך, וואס ער האט מבטל געמאכט די גזרות רעות אויף אונז". אזא כבוד האבען די אידען נאך קיינעם נישט אבגעגעבען, אויסער דעם ראש גלותא אין'ם טאג, ווען ער פלעגט ארויפשטייגען אויף זיין נשיאות.

אזוי איז בילעכווייז די גרויסקייט פון רמב"ם בעוואוסט און אנערקענט געוואָרען ביי אידען. אין יאהר 1175 האט ער שוין געגאלטען ביי אלע קהלות אלס א זיכערע אויטאריטעט, און פון אלע זייטען האט מען אנגעהויבען צו איהם שיקען שאלות. דאן איז ער אויך געוועהלט געווארען אלס אפיציעלער רב פון קאירא, א שטעלע, וואס ער האט בעטראכט אלס א הייליגקייט און אויסגענוצט איינצופיהרען פערשיעדענע תקנות אויפצוהויבען דעם כבוד התורה.

אין מיטען פון זיין אנגעשטרענגטער טעטיגקייט, אלס רב, ראש ישיבה, פילאזאף און דאקטאר מיט א גרויסער פראקטיק, האט דער רמב"ם געענדיגט זיין צווייט גרויסארטיג ווערק (1180), וועלכעס האט געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק אין דער אידישער וועלט, און אנגעהויבען א נייע עפאכע אין'ם יודענטום. דאס איז געוועזען א נייער רעליגיאנס־

קאָדעקס: די „משנה־תורה“, אָדער „יד החזקה“, אויף וועלכען ער האט געאַרבייט, ווי ער דערצעהלט אַליין, צעהן יאָהר. אַזאַ אייגענטליך לאַנגע צייט איז אָבער גאָר נישט אין פערגלייך מיט דער ריעזיגער אַרבייט, וואָס ער האט דאָ בעוויזען אויפצוטהון. אַ מענשען, וואָס איז נישט בעקענט מיט'ן תלמוד, וועט מען זיין אומזיסט בעמיהען צו בעווייזען, אין וואָס עס בעשטעהט די גרויסקייט און שוועריגקייט פון דער דאָזיגער אַרבייט, צוזאַמענצושטעלען אַלע הלכות פון תלמוד סיסטעמאַטיש אין אַ וואונדערליכער אָרדנונג און בעאַרבייטען זיי מיט דער גרעסטער גענויהייט.

דער צוועק פון דער דאָזיגער גרויסער אַרבייט איז געווען: צו פער־איינפאַכען דאָס בעקענען זיך מיט'ן יודענטום, סיי מיט'ן תנכ'ישען, סיי מיט'ן תלמודישען, (וועלכע שמעלצען זיך בייא איהם צוזאַמען אין איינעם בעגריף). ער האט געוואָלט בעפרייען דעם אידישען לערנער פון דער שוועריגקייט פון דער אַלטער שפּראַך אין תלמוד, ווי אויך פון דער צעוואָרפענקייט פון די ענינים, מיט וועלכע ער צייכענט זיך אויס. דער רב, וועלכער האט טאָג־טעגליך צו ענטפערען אויף פערשיעדענע שאלות און רעליגיעזען לעבען, דער פרומער איד, וועלכער וויל בעפרידיגען זיין פליכט אַליין צו בעקענען זיך מיט אַלע דינים, וועלכע ער ברויכט צו וויסען, דער תלמיד חכם, וועלכער האט חשק צו בעקענען זיך גרינדליך מיט דער אידישער תורה און חכמה—אַט פאַר די אַלע זאָל דער וועג לייכטער און ליכטיגער ווערען דורך זיין „משנה תורה“.

מיט דעם דאָזיגען ווערק האט דער רמב"ם זיכער בעפעסטיגט דעם באָדען פון תלמודישען, אָדער רבנישען יודענטום. פון דער אַנדערער זייט אָבער האט ער איהם אויך ווי איינגעשמידעט. פיעל ענינים, וואָס זענען אין תלמוד גופא נאָך פליסיג געווען און האָבען געקאָנט ערקלערט ווערען אויף פערשידענע אופנים, האט ער פעסטגעשטעלט אין געזעץ. פונקט ווי ער האט אין דער אידישער אמונה איינגעפיהרט דרייצעהן פּרינציפּען פון גלויבען (די דרייצעהן עיקרים) וועלכע האָבען דורכ'ן דענקען געדאַרפט בעגרענעצען דאָס דענקען, אַזוי האט ער אין זיין אָבגעשלאָסענעם רעליגיאָנס־קאָדעקס אָבגענומען דעם יודענטום זיין בעוועגליכקייט און די מעגליכקייט זיך צו ענטוויקלען. נישט נעהמענדיג אין אַכט די צייט, אין וועלכער דער תלמוד האט אַרויסגעגעבען די אָדער יענע בעשטימונג, האט דער רמב"ם זיי אָנגענומען אַלע גלייך, אַלס פעסטע געזעצען פאַר אַלע צייטען און בייא אַלע פערענדערטע אומשטענדען. אין דער הינזיכט איז דער רמב"ם געווען פיעל שטרענגער ווי די „בעלי התוספות“ פון פראַנקרייך, וועלכע האָבען אָפט אָבגעשוואַכט די שטרענגקייט פון תלמוד, אַריינדרינגענדיג אין זיין גייסט אין זיינע צייטיגע טעמים.

די ערשיינונג פון „משנה תורה“ האט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אין דער אידישער וועלט. ווי נאָר דאָס ווערק איז פערעפענטליכט געוואָ־

רען, האָבּען זיך געפֿונען מאַסען אַבשרייבער, וועלכע האָבּען איהם איבּער־
געשריבּען און פֿערשפּרייט אין אַראַבּיען, אין ארץ־ישראל און אין אַלע
מזרח־לענדער, ווי אויך אין אַפֿריקא, שפּאַניען, דרום־פֿראַנקרייך און אי־
טאַליען. און אין אַ משך פֿון צעהן יאָהר איז ער שוין געווען פֿערשפּרייט
אין כמעט אַלע לענדער, וואו די אידישע תורה האָט דערגרייכט. איינער אַ
שריפֿטשטעלער פֿון יענער צייט שילדערט, וואָס פֿאַר אַן איינדרוק און ווירק־
קונג דער „משנה תורה“ האָט געמאַכט צווישען די אידען אין שפּאַניען:
„איידער דער „ספר“ איז געקומען קיין שפּאַניען, איז דאָס לערנען תלמוד
געווען אַזאַ שווערע זאַך פֿאַר די דאָרטיגע אידען, אַז זיי האָבּען זיך גע־
מוזט דערפֿון אָבּזאָגען און פֿערלאָזען זיך, אָדער וואַרטען אין אַלע רעלי־
גיאָנס־פֿראַגען אויף די רבנים, דען אליין האָבּען זיי נישט געקאָנט געפֿינען
קיין קלאָרען דין אין תלמוד, צוליעב די פֿיעל וכוחים און פּלפּולים, פֿון
וועלכע די גמרא בעשטעהט. ווי נאָר אָבּער מען האָט זיך בעקאַנט גע־
מאַכט מיט'ן רמב"ם'ס „משנה תורה“, וועלכען אַלע האָבּען פֿערשטאַנען
אַ דאַנק יינן פּאָפּולערער שפּראַך, און האָבּען אַנגעהויבּען בעוואונדערען די
וועלטענע סיסטעמאַטישע ווירקונג, מיט וועלכער ער צייכענט זיך אויס,
האָבּען אַלע איינגעזעהען, וואָס פֿאַר אַ הויכע בעדייטונג ער האָט. מען
האָט זיך אַנגעהויבּען אין איהם פֿערטיפֿען, יונג און אַלט האָבּען זיך פֿער־
זאַמעלט, כדי צו בעקענען זיך גוט מיט זיין אינהאַלט. איצט זענען שוין
פֿאַרהאַן פֿיעל אידען, וואָס וויסען דאָס געזעץ און אין אַ רעליגיעזער פֿראַ־
גע זענען זיי אַליין אימשטאַנד זיך פֿינאַנדערצוקלייבּען, ווי אויך צו קאָנ־
טראָלירען די פּסקים, וואָס גיבּען אַרויס די רבנים און דיינים“.

און ווי אין שפּאַניען, אַזוי איז עס געווען איבּעראַל, אפילו אויך אין
די מזרח־לענדער, וואו מען האָט זיך מיט'ן תלמוד־שטודיום בכלל בעשעפֿ־
טיגט מעהר ווי אין שפּאַניען. די פֿערעהרונג פֿאַר'ן גרויסען רבּי'ן איז
געוואַקסען פֿון טאָג צו טאָג, מען האָט איהם אַנגעהויבּען קרוינען מיט די
נעמען: „דער איינציגער וואונדערמאַן פֿון זיין צייט“, „די פֿאָהן פֿון די
רבנים“, „דער בעלייכטער פֿון די אידישע אויגען“ אד"ג. דער נאָמען
רמב"ם האָט געקלונגען פֿון שפּאַניען ביז אינדיען, פֿון די טייכען עפֿראַט
און טיגרים ביז דרום־אַראַבּיען, פֿערשטעלענדיג אַלע דאַמאָלדיגע בערימ־
טע לייט. די גרעסטע תלמידי־חכמים האָבּען אַנגענומען זיינע מיינונגען
און געבּעטען מיט הכנעה, אַז ער זאָל זיי ענטפֿערען אויף זייערע שאלות.

נאַטירליך האָבּען אויך נישט געפֿעהלט אַזעלכע, וואָס האָבּען מקנא
געווען זיין גרויסקייט און האָבּען זיך בעמיהט מיט אַלע מעגליכקייטען
איהם מבטל צו זיין. דער ערשטער צווישען אַזעלכע געגנער איז געווען דער
ראש ישיבה פֿון באַגדאַד, רבּי שמואל בן עלי, וועלכער פֿלעגט זיך
רופֿען: „גאון־יעקב“, זיצענדיג אויף זיין רייך־בעפּוצטען טראָהן,
אַרומגערינגעלט פֿון פֿיעל קנעכט. ער האָט דערזעהען אין רמב"ם זיינעם אַ
פּערזענליכען שונא, ווייל זיין גרויסקייט איז דורכ'ן רמב"ם געשטעלט גע־

וואָרען אין שפּאַניען, און צוליעב דעם האָט ער אנגעהויבען צו פיהרען געגען איהם אינטריגעס. דער רמב"ם האָט זיך אָבער בעצויגען מיט פעראַכטונג צו אַזעלכע געגנער און האָט זיי גאָרנישט געענטפערט אפילו. עס זענען אָבער אויך געווען עהרליכע און ערנסטע געגנער, וועלכע האָבען געשפירט, אַז דער רמב"ם האָט אַנאַנדער בעגריף פון תלמוד ווי זיי, און טראָגט מיט זיך אַ נייעם גייסט אין יודענטום.

אַ גרויסע פראַקטיק אַלס מעדיקער האָט דער רמב"ם זיך אויסגעאַרבייט ערשט נאָכ'ן פערלויף פון צוואַנציג יאָהר, זינט ער איז געקומען קיין מצרים, דאַמאָלס ווען ער איז געוואָרען הויף-דאָקטאָר ביי סאַלאַדין. קיין לייב-דאָקטאָר פון סאַלאַדין איז ער אייגענטליך נישט געווען, ווייל צוליעב די שטענדיגע מלחמות האָט סאַלאַדין אויף אַ לאַנגע צייט פערלאָזען זיין הויפּט-שטאָדט. אָבער די פריינדשאַפט, וואָס עס פלעגט איהם אַרויסווייזען דער וויזיר אַלפאַדהאַל, איז אויך געווען גענוג ווירכטיג. אלפאדהאל האָט איהם פערצייכענט אין דער צאָהל פון די הויף-דאָקטוירים און בעשטימט אַ יעהרליכע פענסיע, אַרויסווייזענדיג איהם בכלל פיעל פריינדשאַפט, וואָס האָט דעם רמב"ם זעהר פּאָפּולער געמאַכט צווישען די גרעסטע שרים פון לאַנד, און זיין מעדיצינישע פראַקטיק האָט זיך דאַדורך אַזוי פערשטאַרקט, אַז ער איז געווען געצוואונגען צו פערנאַכלעסיגען זיין לערנען תורה, ווי ער האָט זיך געקלאָגט אין זיינע בריף פאַר זיינע פיעל אַנהענגער.

אויסער זיין מעדיצינישער פראַקטיק איז דער רמב"ם אונטער דעם נאָמען מיימוני אויך שטאַרק בעקאַנט געוואָרען אַלס מעדיצינישער שריפט-שטעלער. זיין פרסום האָט געגרייכט אַזוי ווייט, אַז דער בעריהמטער מחמד'אַנישער טהעאָלאָג און מעדיקער עבדל-לאַטיף פון באַגדאַד איז געקומען קיין קאַהירא בכיון, כדי צו בעקענען זיך דאָרט מיט דריי בעריהמטע לייט, וואָס איינער פון זיי איז געווען משה בן מיימון (מושא אבן מיימוני) און דער דיכטער און קאַדי (ריכטער) אל סעיד אבן סינת אלמולק האָט בעזונגען אין התלהבות'דיגע שירים דעם רמב"ם'ס גרויסקייט, און דער ענגלישער קעניג, ריכאַרד לעווענהערץ, דער הויפּט-העלד פון דריטען קרייצצוג, האָט איהם געוואָלט בעשטימען פאַר זיינעם לייב-דאָקטאָר, נאָר מיימוני האָט זיך פון דעם דאָזיגען פאָרשלאָג אָבגעזאָגט.

באַלד איז דער רמב"ם אויך בעשטימט געוואָרען דורך זיין פריינד, דעם וויזיר אַלפאַדהאַל, פאַר אַ „נגיד" איבער אַלע אידישע קהלות אין מצרים. און די דאָזיגע נשיאות איז איבערגעבליבען אין רמב"ם'ס משפחה בירושה פון פאָטער צום זוהן ביז'ן פערצעהנטען יאָהרהונדערט. זיין פריי-וויליגע שטעלע האָט דער רמב"ם אויסגענוצט משתדל צו זיין זיך פאַר די אידען איבעראַל, וואו מען האָט זיי גערודפ'ט, און, ווי שוין דערמאָהנט, האָט ער עס אויך געפּועל'ט, אַז מען זאָל פערלייכטערען די לאַגע פון די אידען אין יעמען (תימן). ווען סאַלאַדין האָט ביי די קריסטען אָבגענומען

צוריק ירושלים (אָקטאָבער 1187), נאָכדעם ווי זי איז געווען אין זייער רשות כמעט הונדערט יאָהר, האָט ער ערלויבט די אידען צו בעזעצען זיך אין דער שטאָדט פון זייערע אָבות, און פון אַלע זייטען האָבען זיך די אידען געלאָזען געהן אין זייער אַלטע הויפּט-שטאָדט, און, ווי עס שיינט, האָט סאַלאַדין בעוויזען די אידען דעם דאָזיגען חסד נאָר אַ דאַנק רבי משה'ס השתדלות.

וואָס מעהר עס איז געשטיגען דער כבוד און דער גרויסער רושם פון'ם רמב"ם, אַלץ שטאַרקער האָט זיך געפיהלט דערפון בעליידיגט דער באַגדאַדער ראש ישיבה רבי שמואל בן עלי און אַט האָט מען אָנגעהויבען פערשפּרייטען וועגען איהם אַלערליי רכילות, אַ שטייגער, אַז דער רמב"ם איז נישט פרום און פערשפּרייט אפיקורסות ביי אידען אז"וו. דער רמב"ם האָט זיך אָבער בעצויגען דערצו גאַנץ גלייכגילטיג, און דעריבער האָבען זיינע שונאים און בעלי קנאה געמוזט פערשוויגען ווערען.

נישט אַכטענדיג אויף די גרויסע טענות, וואָס האָבען זיך דערהויבען געגען איהם פאַר זיין ספר „משנה-תורה“, ווי אויך די גרויסע מעדיצינישע פּראַקטיק, וואָס האָט ביי איהם צוגענומען כמעט זיין גאַנצע צייט, האָט דאָך דער רמב"ם פינדעסטוועגען בעוויזען צו ענדיגען זיין גרויס פילאָזאָפיש ווערק „דער פיהרער פון די בלאָנדזשענדע“ (מורה-נבוכים; 1190) — אַ ספר, וואָס האָט אַ גרויסע בעדייטונג נישט בלויז אין דער געשיכטע פון דער אידישער רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע און דער ענטוויקלונג פון יודענטום, נאָר אויך אין דער געשיכטע פון דער אַלגעמיינער פילאָזאָפיע אין מיטעלאַלטער. אין דעם דאָזיגען ווערק האָט דעם רמב"ם גייסט דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון זיין קראַפט. דער ספר איז אפילו לויט זיין פאָרם געשריבען געוואָרען אַזוי, אַז מען קאָן מיינען, דאָס ער האָט איהם מחבר געווען נור פאַר זיין געליעבטען תלמיד רבי יוסף אבן-עקנין (יוסף אַלמאַגהרעבי), כדי צו פערענטפערען פיעל ספקות, וועלכע האָבען איהם נישט געלאָזט רוהען. אין דער ווירקליכקייט אָבער האָט דער רמב"ם געשריבען זיין ספר, וויל ער האָט אינערליך געשפירט די בעדערפניש אַרויסצוזאָגען זיך וועגען זיין פילאָזאָפישער וועלט-אַנשויאונג און איהר בעציהונג צום יודענטום.

פון איין זייט איז דער רמב"ם געווען אַן איבערצייגטער אָנהענגער פון דער אַריסטאָטעלישער פילאָזאָפיע, ווי עס האָט זי פערברייטערט דער אַראַבישער פילאָזאָף אבן-סינה און אַנדערע. פון דער אַנדערער זייט אָבער איז פאַר איהם דאָס יודענטום אויך געווען אַן איינציגע וואַהרהייט, בעגרינדעט אויף פעסטע פּרינציפּען. ביידע זעהען, ווי עס שיינט, אַרויסגעגאַנגען פון'ם זעלבען שטאַנדפּונקט און געהאַט דאָס אייגענע ציעל. די אַריסטאָטעלישע פילאָזאָפיע אָנערקענט, אַז עס איז פאַראַן אַן איינציגער גאָט וועלכער בריינגט אין בעוועגונג די גאַנצע וועלט; דאָס יודענטום לערנט אויך, אַז עס איז פאַראַן נאָר איין גאָט, און קיין זאַך איז דעם יודענטום

אזוי נישט פערהאסט און געגען זיין גייסט, ווי די פיעל-געטעריי, אדער די נישט-אבסאלוטע איינהייט. די מעטאפיזיק ווייס נישט פון קיין העכערען ציעל פאר'ן מענשען, ווי דאס ערהויבען זיך צו דער העכסטער ערקענטניש; דאס יודענטום שטעלט דאס קענען און וויסען, אדער די גאטעס-ערקענטניש, אין שפיץ פון אלע אנדערע געבאטען. אויב, אלזא, די וואהרהייט, וועלכע ס'ערפארשט דער מענשליכער גייסט אין זיין העכסטער ענטוויקלונג, און די געטליכע ענטפלעקונג צום אידישען פאלק אויפ'ן בארג סיני זענען ביידע גלייך אין זייער אנפאנג-ציעל און ענדע, טא מוזען דאך די איינצעלנע פרטים פון דער תורה אויך איינגאנצען איינשטימען מיט די גרונד-פרינציפען פון דער מענשליכער חכמה, חאטש די תורה און די חכמה האבען, אין פלוג, פון אנפאנג נישט די דאזיגע איינשטימונג. דאס יודענטום קען בעזונדערס דערפאר נישט סותר זיין דעם פערשטאנד, וואס עס שטאמט דאך, פונקט ווי דער פערשטאנד, פונ'ם זעלביגען געטליכען בעשעפער.

און אזוי האט מיימוני געלעגט די פילאזאפישע אנשויאונג פון אריסטאטעלעס פאר א יסוד פון זיין אייגענער פילאזאפיע. דערביי האט ער אבער אריינגעטראגען אויך זיין אייגענע, אדער די ריין-אידישע וועלט-אנשויאונג וועגען גאט'ס פאלקאמענהייט און חדושים, וועגען זיין השגחה אויף דער וועלט, וועגען שכר און עונש פאר גוטס און שלעכטס, ווי אויך וועגען די גרויסע אייגענשאפטען, וואס גאט האט אריינגעגעבען אין דער נשמה פונ'ם מענשען, כדי ער זאל פערשטעהן, ווי אזוי צו בעארבייטען די „גראבע מאטעריע" און נעהמען פון איהר נאר דאס גייסטיגע און שענע. אין דער הינזיכט שטעלט דער רמב"ם דעם מענשען זעהר הויך; ער קען דערגרייכען צו דער העכסטער מדרגה פון א מלאך און מנצח זיין אינגאנצען די גרענעצען, וועלכע עס שטעלט איהם „די גראבע מאטעריע" אין זיין שטרעבען צו אן ערהאבענעם לעבען. די מעגליכקייט צו דערגרייכען צו א הויכער מדרגה איז דעם מענשען געגעבען געווארען צוזאמען מיט א פאלקאמען „פרייען ווילען".

דורך א אידעאלעם לעבען קען דער מענש נישט בלויז ווערען א פאלקאמער בעהערשער פון דער גראבער מאטעריע, ער קען אויך דערגרייכען צו דער העכסטער מדרגה פון דער גייסטיגער ענטוויקלונג—צו דער נבואה. נאטירליך, ברויכט מען דערצו צו האבען א העכסט ענטוויקעלטע פאעטישע פאנטאזיע, וואס זאל בעלויכטען ווערען פון געטליכען גייסט, אבער ווי באלד אז די פאנטאזיע איז די הויפט-בעדינגונג פון דער נבואה, קען דער מענש דערגרייכען צו דער נבואה אין בילדער פון חלומות, ווען דער מענש איז מיט זיינע חושים נישט אריינגעטאהן אין דער ארומיגער וועלט און דער גייסט ווערט פריי. די נביאים האבען זייער נבואה געזעהען מייסטענס אין אזא צושטאנד. די ערצעהלונגען, וועלכע זענען פארהאן אין תנ"ך וועגען די נביאים, דארף מען אויך פערשטעהן אלס אתערליכע

פסיכישע פראָצעסען אין דער רייכער פאַנטאַזיע און נשמה פונ'ם נביא.

די תורה איז געטליך ביי לויט איהר ענטשטעהן, ביי לויט'ן אינהאלט. נישט בלויז געזעצען און געבאָטען זיינען דער אינהאלט פון דער תורה, נאָר אויך מיינונגען (דאָגמען) וועגען די וויכטיגסטע פראַגען. די געזעצען פון דער תורה האָבען אַלע אַ הויכען צוועק און עס איז אין זיי נישטאָ קיין איבעריגעס אָדער ווילקירליכעס. זייער ציעל איז צו בעפרידיגען די נשמה און מעגליך מאַכען אויך דעם וואוילשטאַנד פונ'ם גוף; דאס ערשטע ווערט דערגרייכט דורך דעם ערלויכטען דעם מענשען דורך הויכע און ריינע אידעען וועגען גאָט און זיין השגחה אויף דער וועלט, און דאס אַנדערע—דורך מעשים טובים און מדות טובות.

דעם רמב"ם געדאַנקען-אַרבייט צו דערהויבען דאָס יודענטום צו דער הויך פון דער פילאָזאָפיע פון זיין צייט איז געוועזען אַ העכסט פרוכטבאַרע און וויכטיגע אי פאַר זיין צייט אי פאַר די קינפטיגע דורות. פאַר די דענקער פון זיין צייט איז זיין רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע געוועזען אַן אמת'ע „פיהרער פון די בלאָנדזשענדע". די דאַמאַלסדיגע אידישע דענקער פלעגען זיך בעוועגען בכלל אין די זעלביגע גרענעצען, ווי דער רמב"ם אליין: פון איין זייט די אריסטאָטעלישע פילאָזאָפיע און פון דער אַנדערער—דאָס יודענטום. צווישען אָט די ביידע גייסטיגע וועלטען איז אָבער געלעגען אַ גרויסער תהום, דער געדאַנק און דאָס געפיהל האָבען זיך נישט געקענט צופאַסען איינס צום אַנדערען. דער רמב"ם האָט דער ערשטער אויסגעבויט די בריק, וואָס זאָל פעראייניגען ביידע וועלטען און געמאַכט פערשטענדיג פיעל שטעלען און ערשיינונגען אין תנ"ך און אין תלמוד פאַר'ן פילאָזאָפישען געדאַנק, און דעריבער איז ער אַזוי וואַרעם אויפגענומען געוואָרען דורך אַלע דאַמאַלסדיגע דענקענדע אידען. פאַר די קינפטיגע דורות אָבער האָט דער „מורה נבוכים" געדינט שטענדיג ווי אַ וועקער פאַר'ן אידישען געדאַנק. אין „מורה נבוכים" האָט דאָס יודענטום בעקומען פיעל מעהר לעבען און געדאַנק און פאַר די אידישע דענקער פון אַלע שפעטערדיגע צייטען איז ער געוועזען ווי אַ קוואַל פון לעבען און גייסט.

אויך די נישט-אידען האָבען אין רמב"ם'ס „מורה נבוכים" געפונען אַ גוטען וועקער פאַר'ן געדאַנק, און חאָטש דער רמב"ם האָט בפירוש אָנגעזאָגט אַלע זיינע אָבשרייבער, אַז זיי זאָלען דעם „מורה" שרייבען נאָר מיט אידישע אותיות אין אַראַביש, כדי ער זאָל נישט אַריינפאַלען אין די הענד פון אַ שונא-ישראל פון די אַראַבער, האָבען דאָך די אַראַבער נאָך ביי'ם רמב"ם'ס לעבען געפונען די מעגליכקייט איהם איבערצושרייבען אויף אַראַביש און דאַדורך מעגליך געמאַכט אויך פאַר די אַראַבער איהם צו לערנען. איין אַראַבישער פילאָזאָף האָט אפילו אויך אָנגעשריבען אַ פירוש אויף אַ טייל פון „מורה נבוכים". אויך די הויפט-גרינדער פון דער קריסטליך סכאָלאַסטישער פילאָזאָפיע האָבען ערשט פון איהם געלערנט, ווי אַזוי צו געפינען די פשרה צווישען דער אמונה און דער פילאָזאָפיע.

דעם פרוכטבארסטען באָדען האָבען דעם רמב"ם'ס אידעען געפונען ביי די אידען אין דרום־פראנקרייך, וועלכע האָבען געלעבט אין וואוילשטאנד און פרייהייט, און וואו ס'האָבען געבראכט זעהר גוטע פרוכטען די זאמען פון וויסענשאפט, וואס עס האָבען דארט פערשפרייט דער אבן עזרא, די זיהן תבון און די משפחה קמחי. נישט בלויז וועלטליכע אידישע ליעבהאָבער פון גייסטיגע ענינים, נור אפילו אויך רבנים האָבען מיט דער גרעסטער התלהבות אויפגענומען דארט דעם רמב"ם'ס ספרים. אזא גרויסער תלמודיסט ווי רבי יונתן הכהן פון לוניל האָט זיך צוגעהערט צו יעדען ווארט פון רמב"ם און אויפגענומען עס ווי אן אונגעוועהנליכע ערשיינונג. „זינט עס זענען געשטארבען די לעצטע אמוראים רבינא און רב אשי, איז אזא גרויסער גייסט ווי משה בן מיימון נישט געוועזען ביי די אידען", אדער „גאָט האָט איהם דערוועקט אויפצולעבען זיין פאָלק. וויל עס ווערט אלץ מעהר אבגעשוואכט"— אזעלכע ווערטער זענען דארט ארויסגעזאגט געוואָרען וועגען דעם רמב"ם. דער דיכטער אלחריזי האָט צוגעשיקט דעם רמב"ם התלהבות'דיגע שירים, און וועלכע ער זאגט צווישען אנדערע:

„ווי הויך דיינע וועגען, ערהויבען,
„ווי רייך דיינע מעשים, ווי גרויס!
„א מענש פון געבורט — זיך דערהויבען
„צום מלאך פון הימעל פאראויס!"

איינינע קהלות און אנגעזעהענע אידען פון דרום־פראנקרייך (פראָוואנס) האָבען זיך געווענדעט צום רמב"ם מיט וויסענשאפטליכע אנפראגען, ווי, למשל, אויב עס האָט עפּעס א ממשות די אסטראלאגיע. דער רמב"ם האָט דערויף געענטפערט, אז מען דארף דעריין נישט גלויבען, וויל גלויבען דארף מען נאָר אין דריי זאכען: אדער אין מאטעמאטישע וויסענשאפטען, וועלכע ווערען דערוויזען גרינדליך, אדער אין ענינים, וועלכע מיר קאָנען איבערנעהמען מיט אונזערע חושים, אדער, ענדליך, אין ענינים, אויף וועלכע מיר האָבען א קבלה פון די נביאים. ווער עס גלויבט אין זאכען אויסער דעם, אויף יענעם האָט געזאָגט שוין דער חכם: „פתי יאמין לכל דבר" (א נאר גלויבט אין אלץ). אויסער דעם האָבען אויך פיעל דאָרטיגע אידען מיט רבי יונתן אין דער שפיץ געבעטען ביים רמב"ם, אז ער זאל זיי צושיקען דעם „מורה נבוכים", וואו זיי האָבען שוין געהערט זיין גרויסען שם. דער רמב"ם איז געוועזען קראנק, ווען ער האָט דעם דאָזיגען בריף ערהאלטען, און האָט געקאָנט ענטפערען אויף איהם ערשט פיעל שפעטער. אויסער זיין קראנקהייט האָט זיך דער רמב"ם שוין דאמאלס געפיהלט אלט און שוואך, און זיין מעדיצינישע פראקטיק האָט ביי איהם אויך פערנומען זעהר פיעל צייט. אין יענער צייט איז געשטארבען סאלאדין (1193), און צווישען זיינע זיהן און זיין ברודער אלאדיל האָבען

זיך אנגעהויבען מלחמות, וועלכע האבען ארויסגערופען אויך אין מצרים א היימישע קריג און גרויסע מהומות. ענדליך איז סאלאדינ'ס עלטערער זוהן געווארען הערשער פון מצרים (1200) און דער רמב"ם איז געווארען זיין לייב-דאקטאר. דער נייער קעניג האט פריהער געפיהרט אין דער יו-גענד א אויסגעלאסען לעבען, און צוליעב דעם איז ער איצט אריינגעפאלען אין א מרה-שחורה און האט שטענדיג געציטערט פאר'ן טויט. ער האט דעריבער בעפוילען דעם רמב"ם, אז ער זאל פאר איהם אויפשטעלען א סיסטעם ווי אזוי ער דארף זיך פיהרען, כדי צו זיין געזונד. דער רמב"ם האט צוזאמענגעשטעלט דעריבער פיעל כללים וועגען דער געזונדהייט און דער-ביי אויך צוגעגעבען, אז כדי צו האבען א געזונדען גוף, מוז מען האבען א געזונדע נשמה. קרעפטיגען די נשמה קען מען נאר דורך גוטע מדות און פילאזאפישע בעטראכטונגען, און דאס טרינקען ווין און אבגעבען זיך מיט פרויען רואינירען אי די נשמה אי דעם גוף. אזוי האט זיך דער רמב"ם געוואגט צו זאגען א נ'אריענטאלישען דעספאט, אזעלכעס, וואס קיינער וואלט זיך עס דאמאלס נישט ערלויבט ער איז אין דער הינזיכט געבליבען געטריי זיין גרויסער עהרליכקייט און שטאנדהאפטיגקייט.

דער רמב"ם האט נאך געהאט די צופרידענהייט צו זעהען, ווי דער פערטרעטער פון דער אידישער קולטור אין פראוואנס (דרום-פראנקרייך), רבי שמואל אבן תבון, האט זיך געוואלט נעהמען איבערזעצען דעם „מורה“ פון אראביש אין העברעאיש. באלד האט אבן-תבון אויך ארויס-געזאגט זיין פערלאנג, צו בעקענען זיך פערזענליך מיט'ן גרעסטען אידי-שען חכם, און ווען דער רמב"ם האט ענדליך געענטפערט רבי יונתן פון לונעל אויף זיין אויבענדערמאנטען בריעף, האט ער דערוועקט די פראוואנסאלע אידען צו לערנען דעם תלמוד אויך וויסענשאפטליך, וויל „נור די פראנצויזישע אידען זיינען די אמת'ע טרעגער פון דער תורה און אין די מזרח-לענדער האלטען די אידען ביי א גייסטיגען אבשטארבען“. דעם רמב"ם'ס ספרים האבען אין דער ווירקליכקייט דערהויבען די פאהן פון דער תורה אין דרום-פראנקרייך. אין דער זעלבער צייט האט אין פרא-וואנס זיך דערהויבען א מעכטיגער קריטיקער אויפ'ן רמב"ם'ס „משנה תורה“—רבי אברהם בן דוד פון פיסקיירא (דער ראב"ד). אלס טיעפער תלמודיסט, האט דער ראב"ד אנגעוויזען פיעל ערטער אין „משנה תורה“, וואו דער רמב"ם האט לויט זיין מיינונג א טעות געהאט אין דער הלכה. דעריבער האט זיך דער ראב"ד אויסגעדריקט שטענדיג שארף געגען דעם רמב"ם, האטש ער האט אליין אויך מודה געווען, אז „דער רמב"ם האט אויפגעטהון א גרויסע זאך“. געשטארבען איז דער ראב"ד כ"ו כסלו ד"א תתקנ"ט (27-טער נאוועמבער 1198).

אויך דער רמב"ם האט נישט לאנג געלעבט נאכדעם. ווען ער האט געשריבען זיין לעצטען בריעף צו דער קהלה פון לונעל, האט ער שוין גע-שפירט, ווי זיינע קרעפטען ווערען אבגעשוואכט, כאטש זיין גייסט איז נאך

געוועזען אין פֿולער קראַפֿט. געשטאָרבען איז רבנו משה בן מיימון אין אַנ׳עלטער פֿון זיבעציג יאָהר, כ טבת ד״א תתקס״ה (13-טען דעצעמבער 1204). אין פֿאָסטאַט (אין מצרים) האָבען די אידען ווי אויך די מחמד׳אַנער געטראָגען נאָך איהם טרויער דריי טעג, און ווען עס איז דערהאַלטען געוואָרען די ידיעה אין ירושלים, האָט מען גוזר-תענית געווען און מספיד געווען איהם אין אַלע שוהלען. דערביי האָט מען געלייענט אין ספר תורה די תוכחה און געלייענט די הפטרה פֿון דעם נביא שמואל וועגען עלי הכהנ׳ס טויט, אויסלאָזענדיג מיט׳ן פסוק: „עס איז פֿערטריבען געוואָרען דער אידישער כבוד, ווייל גאָטעס ארון איז צוגענומען". צו קבורה האָט מען דעם רמב״ם אַבגעפֿיהרט קיין ארץ-ישראל, וואו מען האָט איהם מקבר געווען אין טבריא. די לעגענדע דערצעהלט, אַז בשעת מען איז צו דער לויה געגאַנגען פֿון מצרים קיין ארץ ישראל, זענען בעדואינער אַנגעפֿאַלען אויף דער גרויסער מחנה און געוואָלט דעם ארון מיט׳ן גרויסען מת אַריינוואַרפֿען אין ים. אָבער זיי האָבען נישט געקאָנט רוהרען דעם ארון פֿון אָרט, האָטש זיי זענען געווען העכער דרייסיג מאַן. ווען זיי האָבען דאָס דערזעהען, האָבען זיי אויסגערופֿען: „אָה, דאָס איז אַ הייליגער מאַן!"— און זענען געגאַנגען מיט׳ן גרעסטען דרך ארץ צו דער לויה ביז טבריא.— נאָכ׳ן רמב״ם איז איבערגעבליבען אַ זוהן רבי אברהם—אַ מענש פֿון זעלטען שענע מדות און זעהר געלערנט. רבי אברהם האָט איבערגענומען פֿון זיין גרויסען פֿאָטער די נשיאות איבער די מצרים׳ער אידען און איז אויך געווען לייב-דאָקטאָר בײ׳ם קעניג. ווי ווייט דער רמב״ם איז פֿערגעטערט געווען אין די אויגען פֿון זיין דור, קאָן מען זעהען אין דעם אויסדרוק, וואָס שטאַמט פֿון יענער צייט „ממשה ועד משה לא קם כמשה", ס׳הייסט, אַז פֿון משה בן עמרם ביז משה בן מיימון איז נישט אויפֿגעשטאַנען ווי משה. אויף זיין מצבה איז אויסגעקריצט געוואָרען די ווערטער:

„דאָ ליעגט אַ מענש—און דאָך קיין מענש,
„און אויב אַ מענש — האָבען מלאכים
מיט זייערע פֿליגלען דיין מוטער בעוואַכט"...

שפּעטער האָט מען די דאָזיגע שורות אַבגעמעקט און אַנשטאָט די ווערטער „דאָ ליעגט בעהאַלטען רבנו משה בן מיימון דער בעסטער מענש", האָט עמיצער פֿון זיינע קנאים-געגנער אויפֿגעשריבען: „דאָ ליגט בעהאַלטען משה בן מיימון דער אפיקורוס און דער מוחרם"

ביידע אויפֿשריפֿטען בעווייזען, וואָס פֿאַר אַ שטאַרקען איינדרוק דער רמב״ם האָט געמאַכט מיט זיינע ספֿרים אין דער אידישער וועלט, ווי גרויס ס׳איז געווען די אַכטונג צו איהם פֿון איין זייט, פֿון זיינע פֿיעל אַנהענגער און פֿערעהרער, און די שנאה און האַס פֿון דער צווייטער זייט, מצד די פֿאַנאַטיקער.

זיבענטעס קאפיטעל.

די שפאלטונג ביי די אידען און די גרויסע גזרות.

(פון 1205 ביז 1236)

נאכ'ן רמב"ם'ס טויט איז ביי אידען געבליבען זיין ארט לעדיג, און די דאזיגע לעדיגקייט האט זיך שרעקליך געשפירט אין אידישען לעבען. דעם רמב"ם פלעגען אלע קהלות געהארכען מיט'ן גיטען ווילען סיי אין די מזרח־לענדער, סיי אין מערב־איירופא. פאר יעדער פערלעגענהייט האט ער געוואוסט צו געפינען א גוטע עצה. נאך זיין טויט איז די אידישע וועלט געבליבען אהן א מנהיג, און דאס יודענטום אהן אנ'אויטאריטעט. זיין זוהן רבי אברהם אבולמעני (געבוירען 1185, געשט. 1254) האט אפילו געירש'נט זיין הויכע שטעלע אין מצרים, אבער דעם גייסט און די גרויסע ענערגיע פון זיין גרויסען פאטער האט ער נישט איבערגענומען. ווי זיין פאטער איז ער געווען לייב־דאקטאר פון סולטאן אלקאמעל, סאלאדינ'ס ברודער און, צוזאמען מיט'ן אראבישען ליטעראטור־געשיכטע־שרייבער און מעדיקער אבן אבי אבזאיביא, איז ער געשטאנען אין שפיץ פון שפיטאל אין קאהירא. ער איז אויך געווען א גרויסער תלמודיסט און האט געלונגען פאלעמיזירט געגען די קריטיקער פון זיין גרויסען פאטער אויפ'ן געביעט פון תלמוד, ענטפערענדיג אויך „תשובות" אויף „שאלות". ער האט אויך געהאט א טיעפע ידיעה אין דער פילאזאפיע און האט געשריבען א ספר צו ערקלערען די אגדתות פון תלמוד לויט די פילאזאפישע בעגריפען. ווי א גוטהערציגער זוהן, איז ער נאכגעגאנגען זיין גרויסען פאטער טריט ביי טריט, דענקענדיג פונקט ווי ער און אבהענגיג זיך אין א געוויסער מאס פון דער אייגענער פערזענליכקייט. און איז דערום זעהר געאכטעט געווארען, אבער קיין גרויסען איינפלוס האט ער נישט געהאט.

אויך אין אפריקא און אין אזיען האבען דאמאלס פערפעהלט גרויסע לייט, וועלכע זאלען קאנען ציהען אויף זיך די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט. אין דרום־פראנקרייך (פראוואנס) און אין די שפאניש־קריסטליכע לענדער האבען אפילו נישט געפעהלט קיין גרויסע תלמידי חכמים, אבער קיינע בעהערשענדע פערזענליכקייטען זענען ביי זיי נישט געווען. און ווען עס האבען זיך דאמאלס אנגעהויבען די שווערע צייטען פון אומה'דיגע רדיפות, האט זיך ביי אידען נישט געפונען קיין פערזענליכקייט, וואס

זאל זיין, לפחות, אבהאלטען פון די אינערליכע מחלוקת, וואס האבען זיך אנגעהויבען צווישען די פילאזאפיש-אויפגעקלערטע אידען און די תמימות'דיגע מאמינים אינ'ם טרוקענעם ווארט. נאר אזא פערזאן ווי דער רמב"ם האט דא געקאנט געהעריג ווירקען. נור ער האט געקאנט אויך אבהאלטען די נייע מיסטישע שטרעמונג, אז זי זאל זיך נישט פערשפרייטען ביי אידען. אזא פערזאן האט אבער געפעהלט.

און צו אט דער פעריתומ'טקייט פון יודענטום אין אנפאנג פון דרייצעהנטען יאהרהונדערט איז נאך צוגעקומען די שנאה פון א מעכטיגער פערזאן, וואס האט דאמאלס פערכאפט אי די גייסטיגע, אי די פאליטישע הערשאפט איבער גאנץ אייראפא. דער פויפסט אינאצענץ דער דריטער (1198—1216), פון וועלכען עס האט געשטאמט די טיראנישע געוואלט פון דער רוימישער קירכע איבער מלכים און פעלקער, די פערקנעכטונג און פערפינסטערטקייט פון די מחות, די רדיפות פון די פרייע דענקער, די איינפיהרונג פון דער אינקוויזיציע, די פייער-פערברענונגען פון די אפיקורסים, דאס הייסט פון די פערזאנען, וועלכע האבען זיך ערלויבט נישט צו גלויבען אין דער געטליכער קדושה פון רוימישען בישאף — אט דיזער פויפסט איז אויך געווען א פערביטערטער פיינד פון אידישען פאלק און פון יודענטום, און האט זיי געמאכט טיעפערע וואונדען, ווי אלע פריהערדיגע שונאי-ישראל. דעם מעכטיגען הערשער אין רוים, וועלכער האט אין אייראפא אליינהערשענד געבעל הבתי'וועט, אויסטיילענדיג קרוינען און לענדער, וועמען ער האט געוואלט, וועלכער האט געהאט א גאנצע ארמעע פון שלוחים (לעגאטען), פון דאמיניקאנישע און פראנציסקאנישע מאנאכען, וואס האבען מיט זייער בלוט-דורשטיגקייט א וועלט געקנעכטעט, אט דעם מעכטיגען פויפסט איז דאס קליין הייפעלע אידען געווען א דארן אין אויג, ווייל דאס דאזיגע ביסעל אידען איז מיט זיין קלארען פערשטאנד, מיט זיין אויפגעקלערטען גלויבען און מיט זיין זיטליכער קראפט און גרויסער בילדונג געווען א שטילער פראטעסט געגען רוים'ס הנהגה. אין אנפאנג פון זיין רעגירונג האט פויפסט אינאצענץ, ווי די פריהערדיגע פויפסטען, אויב נישט בעזונדערע חסדים ארויסגעוויזען, דאך כלומר'שט בעשיצט די אידען פון רדיפות. צוליעב דעם, וואס דער גבור סאלאדין איז געשטארבען און דאס מלכות פון סולטאן פון מצרים, וועלכע האט אויך געהאט אין איהר מאכט ירושלים, איז אבגעשוואכט געווארען, האט מען אין אייראפא אנגעהויבען צו זאמלען כחות צו א נייעם קרייצצוג, און פאר די אידען האבען זיך אנגעהויבען פון דאס ניי די שרעקליכע צייטען. די קרייצציגלער האבען בעקומען פון די גלחים פאראויס א מחילת אויף זייערע חטאים, און יעדער פון זיי האט זיך דעריבער געזאגט אזוי: „מיר מעגען בעגעהן פערברעכען, ווייל מיר זענען פריי פון עבירות, און אויסער דעם ווילען מיר נאך פערדינען עולם הבא דערפאר, וואס מיר

ראטעווען ארויס די זינדיגע נשמות (ס'הייסט: די אידען) פון אייביגען פייער פון גיהנום". און אזוי זענען רויבערייען, רציחות, געוואלד-שמד'ן און אלערליי רדיפות ווידער געווארען א געוועהנליכע ערשיינונג. די אידען האבען זיך געווענדעט צום פויפסט אינאצענץ מיט א ביטע, אז ער זאל איינהאלטען די געוואלדטעטיגקייטען פון די קרייצציגלער. דער פויפסט האט מיט זיין „חסד" זייער ביטע בעוויליגט (1199), מען זאל די אידען נישט פיהרען מיט געוואלד צום שמד, נישט בערויבען און נישט שלאגען אהן א בעפעהל פון א ריכטער.

אינאצענץ האט אבער מיט אנ'אדלער-אויג אכטונג געגעבען, אז די פירשטען זאלען די אידען איבערלאזען נישט מעהר, ווי זייער נאקעטען לייב. ווי שוין דערמאהנט, האט דער פראנצויזישער קעניג פיליפ אויגוסט, דער פערביטערטער אידען-פיינד, בערויבט די אידען און ארויסגעטריבען זיי פון זיין לאנד, און נור כדי צו טהון להכעיס זיינע באראנען, אדער וויל איהם האט פערפעהלט ווידער געלד, האט ער די אידען צוריק ערלויבט אריינצוקומען אין זיין לאנד. און אט דעם שונא ישראל האט דער פויפסט אינאצענץ געמאכט (1205) א פארוואורף, אז ער איז צו שטארק פריינדליך צו אידען. „עס קרענקט מיך — האט ער געשריבען — צו זעהען, ווי די קרייצציגער ווערען מקרב די יורשים פון די, וואס האבען ישו געקרייציגט, און ווי די מלכים לאזען דעם זוהן פון דער דיענסט פערנעהמען א גלייכען ארט מיט'ן פרייען מאן". „איך האב געהערט—שרייבט דער פויפסט ווייטער — אז די אידישע פראצענטניקעס האבען פערנומען די גיטער פון דער קירכען און פון די געטרייע קריסטען און געגען דעם בעשלוס פון לאטעראנישען קאנסיליום אונטער דעם פויפסט אלעקסאנדער III האלטען די אידען קריסטליכע דינערשאפט און אמען אין זייערע הייזער, אז מען דערלאזט נישט די קריסטען ארויסצוזאגען אלס עדות געגען די אידען און אז די אידישע קהלה פון סאן (שיינז — Sens) האט אויסגעבויט א נייע שוהל, וועלכע איז העכער פאר'ן נאהענטען קלויסטער, און די אידען זענען דארט מתפלל נישט אין דער שטיל, נור בקול רם און שטערען דאדורך דעם קריסטליכען גאטעס-דיענסט". און ענדליך — בייזערט זיך דער דאזיגער פויפסט — פאר וואס דער פראנצויזישער קעניג ערלויבט די אידען צו בעווייזען זיך אין די גאסען און אין די דערפער אין דער וואך פון פאסחא און ווענדען אב די הערצער פון די מאמינים פון דער קירכע. ער פערגעסט אויך נישט איבערצו'חזר'ן דעם בלוטיגען בלבול, אז די אידען געברויכען קריסטליך בלוט אויף פסח. געגען די טעגליכע עפענטליכע רציחות געגען די אידען האט ער נישט געפונען פאר נויטיג חאטש א פאר ווערטער צו זאגען, דאגעגען פאדערט ער פון פיליפ אויגוסט צו רודפ'ן די אידען וואס מעהר און צו פערטיליגען אין זיין לאנד די אפיקורסים. אינ'ם זעלבען יאהר (1205) האט דער פויפסט אינאצענץ געשריבען אויך א שארפען מוסר-בריעף דעם

קאסטיליען קעניג, אלפאנזא דעם איידעלען, און געשטראפט איהם, פאר וואס ער איז נוטה מיט זיינע חסדים צו די אידען. דער פויפסט בייזערט זיך, פאר וואס מען ערלויבט ניט מיט געוואלד אבצושמד'ן די מהמדאנישע קנעכט ביי די אידען, וויל דאדורך ווערען זיי בעפרייט פון דער קנעכטשאפט; ער האט אויך געפאדערט, אז די אידען און מחמדאנער זאלען אבגעבען א צעהנט'חלק פון די הכנסות פון זייערע פעלדער פאר דער קריסטליכער קירכע, און געסטראשעט דעם קעניג מיט א חרם, אויב דער קעניג וועט ווייטער אויך טהון גוטס פאר די אידישע שוהלען און פאר'ן יודענטום, פערנאכלעסיגענדיג די קירכע.

אמשטארקסטען האט זיך אבער ארויסגעוויזען די שנאה פונ'ם פויפסט צו די אידען אין זיין בריעף, וואס ער האט געשריבען (1208) צום אידענפריינדליכען גראף פון נעווער (Nevers), און וועלכען עס ווערט געזאגט: „די אידען דארפען זיין נע-ונד ווי דער פערשאלטענער ברודער-מערדער קין, און זייער פנים מוז זיך בעוואשען מיט חרפות. ניט בעשיצט ווערען דארפען זיי דורך די קריסטליכע פירשטען, נור פערמשפט ווערען צו איביגע קנעכטשאפט. עס איז א חרפה, וואס די קריסטליכע פירשטען לאזען אריין אין זייערע שטעדט און דערפער די אידען, כדי זיי זאלען מיט זייער נעהמען פראצענט בדלות שטעלען די קריסטען. די פירשטען נעהמען אריין אין תפיסה א קריסט, כדי דער איד זאל ביי איהם קאנען איינמאהנען זיין חוב, און געבען אויך איבער די אידען אין משכון די קריסטליכע גיטער און דאדורך פערלירט די קירכע איהרע הכנסות. עס איז א סקאנדאל, וואס די קריסטען גיבען אב צו די אידען זייערע בהמות צו שחט'ן און זייערע וויינטרויבען צו בעארבייטען אויף וויין, כדי די אידען זאלען קאנען די דאזיגע זאכען צוגרייטען לויט זייער דין און אבגעבען די קריסטען דעם ערגערען חלק, נאכדעם ווי זיי נעהמען-אראב דעם בעסטען. א נאך גרעסערע זינד איז עס, ווען מען געברויכט דעם וויין, וואס די אידען האבען געמאכט, אין קירכע צו די הייליגע סאקראמענטען".

אינאצענץ איז געווען דער ערשטער פויפסט, וואס האט זיך בעצויגען צו אידען מיט אזא ווילדער אכזריות. ער האט די אידען ניט פערגונען די לופט צו אטעמען, דאס ליכט פון דער זון, און ווען ער וואלט ניט געהאט די האפנונג, אז די אידען וועלען נאך אמאל אליין קומען אין קירכע און בעטען, מען זאל זיי אבשמד'ן. וואלט ער זיכער בעפוילען, דאס מען זאל זיי אלעמען פערניכטען, אזוי ווי ער האט דאס בעפוילען געגען די אלביגענזער.

אינאצענץ האט גאנץ גוט געוואוסט, פארוואס ער האסט אזוי שטארק די אידען און דאס יודענטום. ער האט געשפירט, אז זיי זענען די איינציגע און אמת'ע געגנער פון זיין מאכט. דאס, וואס חי אמת'ע פרומע קריסטען זענען ארויסגעטרעטען געגען דער אויסגעלאסענהייט פון די גלחים, געגען זייער געלד-פרעסעריי, געגען זייער שטרעבען צו פערכאפען

די וועלטליכע מאכט, דערין האבען די אידען באמת געהאט א גרויסען טייל, דען שטעהענדיג אין אפטער פערבינדונג מיט די פרומע אבער ארענטליכע קריסטען, פלעגען זיי עפענען זיי די אויגען און אויפדעקען די מיאוסע מעשים פון די גלחים. צווישען די אלביגענזער, למשל, איז געווען א סעקטע, וועלכע האט עפענטליך ערקלערט, אז דאס אידישע געזעץ שטעהט העכער פאר דאס קריסטליכע. אינאצענץ האט דעריבער געווענ־דעט זיין אויפמערקזאמקייט צו די אלביגענזער, כדי זיי זאלען נישט אב־שוואכען זיין איינפלוס אויף די איבריגע קריסטען. דער גראף ריימונד VI פון טולוזא, וועלכען די דאמאליגע טרובאדורען האבען אנגערופען „דער גוטער ריימונד", האט זיך בעצויגען מיט סימפאטיע צו די אלביגענ־זער און דעריבער האבען איהם די גלחים שטארק גערודפט. צווישען די חטאים, וואס אינאצענץ האט איהם אויסגערעכענט, געפינט זיך אויך דאס „פערברעכען", וואס ביי איהם פערנעהמען אידען מלוכה־שטעלעס און בכלל זיין פריינדשאפט צו אידען. און דעריבער האבען אויך די אי־דישע קהלות געליטען אינ'ם בלוטיגען קרייצצוג, וואס דער פויפסט אי־נאצענץ האט אויפגעשטעלט געגען דעם דאזיגען גראף און די אלביגענ־זער. ווי נור די קרייצציגלער האבען מנצח געווען דעם גראף און געשלעפט איהם נאקעט מיט א שטריק אויפ'ן האלז און אונטער שמיצען פון ביי־טשען אין קירכע, כדי ער זאל זיך דארט מתודה זיין פאר'ן פויפסטליכען לעגאט (שליח) מיילא, האט ער אין זיין „על חטא" אויך געמוזט אריינ־רעכענען זיין עבירה, וואס ער איז בעגאנגען ארייננעהמענדיג אייניגע אי־דען אויף מלוכה־שטעלעס. דערביי האט איהם דער פויפסטליכער לעגאט געצוואונגען צו שווערען, אז ער וועט דערווייטערען אלע אידען פון זייערע שטעלעס. דער לעגאט האט ערקלערט, אז אויב ער וועט זיין הבטחה נישט מקיים זיין, וועט ביי איהם דער פויפסט צונעהמען זיין קרוין און זיינע לענדער. דער אונגליקליכער גראף האט אלזא געמוזט שווערען (יוני 1209). דרייצעהן באראנען, וועלכע זיינען געווען פריינדליך פאר די אלבי־גענזער, האט מען אויך געבראכט פאר'ן לעגאט און געצוואונגען זיי צו געבען די זעלבע שבועה אין בעציהונג צו די אידישע בעאמטע.

אין דער זעלבער צייט האט זיך אויך פערזאמעלט א פאנאטישע מחנה אונטער דער אגיטאציע פונ'ם בלוטדורשטיגען מאנאך ארנאלד פון ציטא און דעם אנפיהרער פונ'ם גראף סימאן פון מאפאר, וועלכער האט געגארט צו בעקומען נייע לענדער און זיך געלאזט גיהן מיט א קרייצצוג, לויט'ן בעפעהל פון פויפסט, געגען דעם מארקיז ראימונד ראזשער און זיין הויפט־שטאדט בעזיע (Beziers), וועלכער איז אויך געווען פערהאסט דורכ'ן פויפסט דערפאר, וואס ער האט בשתיקה סימ־פאטיזירט מיט די אלביגענזער און די אידען. די שענע שטאדט בעזיע איז איינגענומען געווארען אין שטורם און „אין גאטס נאמען" האט מען דארט געמאכט א בלוט־באד. דער בלוטיגער מאנאך ארנאלד האט דער־

נאך מודיע געוועזן דעם פויפסט פאלגענדעס: „מיר האבען קיינעם נישט געשוינט, נישט אלט, נישט יונג, נישט מאן, נישט ווייב. כמעט צוואנציג טויזענד מענשען האבען מיר מיט'ן שווערד אויסגעשחט'ען. נאך דער שחיטה האט מען די שטאדט בערויבט און פערברענט, און די געטליכע נקמה האט געהערשט אויף א וואונדערליכען אופן". אין דער שחיטה האט מען אפילו אויך נישט געשוינט קיין פרומען קאטאליקען, און ווען די קרייצציגלער האבען געפרעגט ביים „פרומען מאנאך" ארנאלד, ווי אזוי זיי זאלען אונטערשיידען צווישען די פרומע קאטאליקען און די אלביגענזער, כדי צו וויסען, וועמען צו דער'הרג'ענען, האט דער מאנאך געענטפערט: „דער'הרג'עט אלעמען! די אונשולדיגע דער'הרג'עטע וועט גאט ארייננעהמען אין גן-עדן און בעלוינען!" די בליהענדע און געבילדעטע אידישע קהלה פון בעזיע איז פערניכטעט געווארען. צוויי הונדערט אידען האט מען אויסגע'הרג'עט און די איבריגע האט מען גענומען אין געפאנגענשאפט. דאס יאהר פונ'ם אלביגענזישען קרייצצוג האבען די אידען בעצייכענט מיט'ן נאמען „טרויער-יאהר". *)

דורך דעם דיפלאמאטישען נצחון איבער דעם גראף פון טולוזא און דעם מיליטערישען נצחון איבער דעם מארקיז פון בעזיע האט די פויפסטליכע מאכט זיך געשטארקט נישט בלויז אין דרום-פראנקרייך, נור אויך אין גאנץ אייראפא. מען האט בעשטראפט אויף אכזריות'דיגען בלוטיגען אופן דאס דערוואגען זיך פון די פרייע גייסטער צו האבען א אייגענע מיינונג וועגען רעליגיאן און וועגען די גלחים. דער פויפסט האט שוין איצט בעקומען דאס רעכט צו דערהויבען „דאס גלחישע און וועלטליכע שווערד" — ווי מען האט דאמאלט זיך אויסגעדריקט. די אויפגעקלערטע האט מען אויסגעשחט'ען, דאס דענקען איז אנערקענט געווען פאר א שטערבליך פערברעכען. אין פאריז האט מען פערברענט אלס גאטעס-לעסטערער די תלמידים פונ'ם רעליגיאנס-פילאזאף אמאלריך פון בענא, וועלכער האט ערקלערט, אז רוים איז דאס זינדיגע בבל און דער פויפסט איז דער „אנטי-קריסט". די פילאזאפישע שריפטען, וועלכע מען האט געבראכט פון שפאניען קיין פראנקרייך, האט מען אויף דעם בעפעהל פון פאריזער סינאד ארייגעלעגט אין חרם. צווישען די דאזיגע ספרים איז אויך געווען דער ספר „מקור חיים" פון רבי שלמה בן גבירול, וועלכען די קירכע האט אנערקענט פאר געפעהרליך צו לעזען פאר איהרע גלחים אדער סתם קריסטען (1209). אזוי ארום האט די קירכע אויסגעלאשען דעם ערשטען שיין פון אויפקלערונג, וואס האט זיך בעוויזען אין אייראפא. די איינציגע טרעגער פון דער העכערער וויסענשאפט זענען געבליבען די אידען פון דרום-פראנקרייך און פון שפאניען.

*) טרויער-יאהר — „יגון" אין העברעאיש, וואס בעטרעפט 69, ווייל דער קרייצצוג איז פארגעקומען אין יאהר ד"א תתקס"ט, דאס הייסט אין יאהר 1209 (ס"ט, פי בעהאנט ... זייט 169.

די קירכע האט זיי אבער נישט פערגונען די דאזיגע געהויבענהייט און געארבייט מיט אלע כחות זיי צו דערנידריגען. דאס קאנסיליום אין אוויניאן (סעפטעמבער 1209) האט, אונטער'ן פארזיץ פון פויפסטליכען לעגאט מילא, בעשטימט, אז אלע באראנען און פרייע שטעדט זאלען שווערען, נישט צו דערלאזען די אידען צו קיין מלוכה=שטעלע, ווי אויך אכטונג צו געבען, אז די אידען זאלען נישט האלטען קיין קריסטליכע דיענערשאפט. אויסער דעם האט מען פערבאטען די אידען צו ארבייטען עפענטליך אין די קריסטליכע חגאות, אפילו אויך אום זונטאג און נישט צו עסען קיין פלייש אין די קריסטליכע תענית=וואכען.

אין ענגלאנד האבען די אידען אין דער זעלבער צייט געהאט דרייפאכע פיינד: פון איין זייט דער אויסגעלאסענער, פערברעכערישער קעניג יאהאן אהן=לאנד, וועלכער האט געהאלטען פאר כשר אלערליי מיטלען, אבי ארויסצובעקומען געלד ביי די אידען; פון דער אנדערער זייט — די באראנען, וועלכע האבען דעם קעניג פיינד געהאט און מקנא געווען די עשירות, וואס ער בעקומט ביי די אידען. זיי האבען דעריבער געשטרעבט צו פערהאפען דאס אידישע פערמעגען פאר זיך. פון דער דריטער זייט, ענדליך, דער קארדינאל סטעפאן לענגטאן, וועלכען דער פויפסט האט מיט גוואלד בעשטימט פאר אנ'ערצבישאף פון קאנטערבערי, און ער האט אריינגעבראכט אין ענגלאנד די שנאה צו די אידען.

די דאזיגע ערנידעריגענדע בעציהונג און שנאה צו די אידען פון אלע זייטען, ווי אויך די ליעבע צו ארץ ישראל, וועלכע עס האט דערוועקט ביי די אידען רבי יהודה הלוי, האט בעוואויגען העכער ווי דריי הונדערט רבנים פון פראנקרייך און ענגלאנד, אויסצואוואנדערן קיין ירושלים (1211). די בעריהמטעסטע צווישען זיי זענען געווען: רבי יהונתן פון לונעל, וועלכער איז געווען פון רמב"ם'ס ווארימסטע פערעהרער און דער בעל=התוספות רבי שמשון בן אברהם משאנץ (פון Sens), וועלכער איז געווען א געגנער פון רמב"ם'ס פילאזאפיע. אין ירושלים האט די רבנים אויפגענומען זעהר פריינדליך סאלאדינ'ס ברודער, דער סולטאן אלאדיל, און זיי געגעבען ספעציעלע זכיות (פריווילעגיעס). די אנגעקומענע רבנים האבען זיך אויסגעבויט אין ירושלים בתי=כנסיות און בתי=מדרשים און זיך גענומען פערפלאנצען די תורה אין דעם גייסט פון די בעלי=התוספות און פון די מזרח=לענדער, וואו די אידען האבען נאך געהאט עפעס א שאטען, לפחות, פון זעלבסטשטענדיגקייט — דעם ראש=גלותא איבער די דארטיגע אידישע קהלות. די כאליפען און סולטאנען האבען בכלל נישט מקנא געווען דעם דאזיגען כבוד, וואס די אידען האבען געוואלט האבען, און פאר געלד האבען זיי געלאזט די אידען איינארדנען די ענינים פון זייערע קהלות, ווי ס'האט זיך זיי געוואלט. פון די שרעקליכע טעגליכע רדיפות, וואס די אידען

האבען געהאט אויסצושטעהן אין אייראפא, האט מען אין מחמדאנישען מזרח-לאנד נישט געוואוסט.

דער צפון-אפריקאנישער אלמאהאדישער קעניג אל-נזיר האט אין יענער צייט פערזאמעלט גרויסע מחנות, וועלכע ער האט אריבערגעפיהרט קיין אנדאלוזיען, כדי צו געהן מלחמה האלטען מיט די קריסטליכע מלכים אין שפאניען, וועלכע האבען ביסלעכווייז פערכאפט אלץ מעהר שטעדט און דערפער ביי די אראבער. די ארמעע, וועלכע אלנזיר האט אנגעגרייט אין שפאניען צו דער מלחמה, איז בעשטאנען לערך פון א האלבען מיליאן מאן. די קריסטליכע מלכים האבען צוליעב דער פארשטעהענדער סכנה זיך פעראייניגט, אבער זיי האבען איינגעזעהן, דאס זיי זענען צו שוואך, כדי צו קאנען קעמפען מיט ערפאלג געגען די מחמדאנער, דאן האט דער קאסטילישער קעניג, אלפאנזא דער איידעלער, זיך געווענדעט מיט א ביטע צום פויפסט, אז ער זאל אויסרופען א קרייצצוג געגען די שפאנישע מחמד'אנער. אינאצענץ האט זיך באלד אבגערופען, און פיעל אייראפעאישע מחנות, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען דער בלוטדורשטיגער מאנאך ארנאלד, זענען אריבערגעשטיגען די פירענעאישע בערג. ארייננקומענדיג אין שפאניען, האבען די אולטראמאנטאנען, די עקסטע פאנאטיקער, דערזעהן צו זייער גרויסען וואונדער, ווי די אידען לעבען זיך בשלום מיט די קריסטען, וואס פאר אנ'עשירות זיי האבען און ווי חשוב זיי זענען ביי'ם קעניגליכען הויף. די פרעמדע מחנות מיט'ן מאנאך ארנאלד בראש האבען זיך באלד גענומען צו דער ארבייט אויף זייער שטייגער: זיי זענען בעפאלען פלוצלינג די אידען פון טאלעדא און האבען פיעל פון זיי אויסגע'הרג'עט (יוני 1212). די הריגות וואלטען געווים געווען פיעל שרעקליכער, ווען דער קעניג אלפאנזא וואלט זיך דאמאלס נישט געהאט אנגענומען פאר די אידען. אויך די שפאנישקריסטליכע ריטער און די בירגער פון טאלעדא האבען מיט א געפיהל פון עקעל און אבשוי געקוקט אויף די אנפאלען און פערטיידיגט די אידען.

די קאטוילישע קירכע האט אבער געזארגט חערפאר, אז אויך ביי די שפאנישע מלכים און פעלקער זאל מען איינפלאנצען די שנאה צו די אידען. אין יענער צייט האט אינאצענץ דער דריטער בעפוילען אלע פערטרעטער פון דער קירכען צוזאמענצופאהרען זיך קיין רוים אויף אנ'אלגעמיינעם קאנסיליום (עקומעניש), צו בעטראכטען דארט די פראגען וועגען די קרייצצוגען געגען די מחמד'אנער אין ארץ ישראל און אין שפאניען, ווי אויך געגען די פראנצויזישע אפיקורסים און וועגען רעפארמירען די קירכע, דאס הייסט צו פערברייטערען איהר מאכט איבער די מלוכות. די אידישע קהלות אין פראנקרייך, וועלכע האבען זיך די ערשטע דערוואוסט, אז מען וועט אין רוים בעטראכטען אויך די אידישע פראגע, זענען ערצייטערט געווארען און דער אידישער נשיא, דאן

יצחק בענוועניסטע (צאג בנבינישתי), דער לייב־דאקטאר פונ'ם אראגאנישען מלך, האט דעריבער איינגעלאדען אידישע שלוחים אין דער שטאדט בורג דע סאן זשיל אויסצוקלייבען די בעוואוסטעסטע לייט פאר שתדלנים, וואס זאלען געהן אין רוים, כדי דארט, ווי עס דערצעהלט דער אלטער כראניקער, „צושטערען די בייזע עצה פון דעם פויפסט געגען די אידען“. די שתדלנים האבען אבער גאר נישט געקאנט אויפטהון: דאס לאטעראן־קאנסיליום האט דאמאלס אויסגעשמיעדט קייטען פון קנעכטשאפט פאר גאנץ אייראפא און בעזונדערס פאר אידען.

אין קאנאניש (גלחיש) געזעץ האט דאמאלס בעשטימט, אז די קריסטליכע פירשטען דארפען שטרענג בעוואכען די אידען, אז זיי זאלען נישט נעהמען קיין צו־הויכע פראצענטען ביי די קריסטען. דאס דאזיגע געזעץ וואלט נאך געקאנט האבען א זין, ווען די גלחים אליין וואלטען נישט צוגעבען געלד אויף זעהר גרויסע פראצענטען און די קריסטליכע חברות און לאמבארדען וואלטען נישט גענומען פיל גרעסערע פראצענטען, ווי די אידען. נאך ערגער אבער זענען געווען די געזעצען, אז א איד דארף צאהלען דער קירכע צעהן פראצענט פון זיין יעהרליכער איינקונפט פון זיינע הייזער, פעלדער און גערטנער, און אז צו יעדער פסחא מוז יעדע אידישע פאמיליע איינצאהלען זעקס דינרים געלד די גלחים.

די העכסטע ערנידריגונג אבער, וואס די אידען האבען בעקומען אויפ'ן דאזיגען קאנסיליום, איז געווען דאס נייע געזעץ, אז די אידען מוזען טראגען א געלע לאטע אויף זייערע קליידער. אלס מאטיוו דערצו האט מען אנגעגעבען, וואס צווישען די אידען און קריסטען פלעגען אפט פארקומען געמישטע התונות, דערביי האבען נאך די גלחים געפונען א סמך דערצו אין דער אידישער תורה, באשר משה אליין האט בעפוילען די אידען אבצוזונדערן זיך פון די פעלקער דורך זייערע מלבושים. בכן האט מען בעשלאסען, אז א אידיש קינד פון צוועלף יאהר אלט מוז שוין טראגען א געלע לאטע אויף זיין הוט. דער דאזיגער שאנד־פלעק איז געווען אנ'ערפינדונג פונ'ם פויפסט אינאצענץ דעם דריטען אויפ'ן פיערטען לאטעראנישען קאנסיליום.

קיין נייע ערפינדונג איז עס אפילו פון זיין זייט נישט געווען: די דאזיגע המצאה האט דער קריסטליכער פויפסט איבערגענומען ביי די פאנאטישע מחמד'אנער, דער אלמאהאדישער קעניג פון די מחמד'אנער אין אפריקא און דרום־שפאניען, אבו יוסוף יאקוב אלמאנסור, האט בעפוילען די אנוסים, ס'הייסט: די אידען, וועלכע האבען געמוזט אננעהמען לפנים און על פי נויט דעם איסלאם, צו טראגען משונה'דיגע מלבושים, כדי אונטערצושיידען זיך פון די אמת'ע מחמד'אנער, די אראבער: שווארצע מלבושים מיט לאנגע ארבעל ביז דער ערד און אנשטאט א טורבאן — א גראבען שלייער פון א העסליכער פארם. „ווען איך וואלט געוואוסט זיכער — האט דער דאזיגער פאנאטישער אלמאנסור ערקלערט

— אז די אידען האבען אנגענומען דעם מחמד'אנישען גלויבען מיט'ן גאנצען הארצען, וואלט איך זיי ערלויבט צו טהון שידוכים מיט די אראַבער, כדי זיי זאלען זיך מיט זיי צומישען. ווען איך וואלט דאגעגען אויף זיכער געוואוסט, אז זיי זענען בשתיקה געבליבען אידען, וואלט איך זייערע מאנסלייט אלעמען אויסגעה'רג'עט און זייערע פרויען און קינדער פאר שקלאווען געמאכט. זייער פערמעגען וואלט איך קאנפיסקירט. אבער איך בין נישט זיכער אין דער הינזיכט, דעריבער מוז איך זיי אבזונדערן דורך זייערע קליידער". און אט די בארבארישע האנדלונג האט דער פויפסט אינאצענץ געפינען פאר נויטיג נאכצוטהון. די טיעפע ערנידעריגונג, וועלכע די אידען האבען דאדורך געליטען אין איירופא, האט געדויערט גאנצע זעקס הונדערט יאהר. ס'הייבט פון 30-טען נאוועמבער 1215 ביז אנפאנג פון ניינצעהנטען יאהרהונדערט.

פון דאמאלס אן האבען זיך תמיד בעשעפטיגט די פראווינציעלע גלחישע קאנסיליען, די פערזאמלונגען פון די פריצים אדער בירגער, און די פירשטליכע קאבינעטען מיט דער וויכטיגער ארבייט, צו דערווייטערען די אידען פון אלערליי שטעלעס און אויסטראכטען א געהעריגע פארם פאר'ן אידישען פלעק, פון וואס פאר א פארב, ווי לאנג און ווי גרויס ער מוז זיין, פערקענטיג צי קיילעכדיג, אויפ'ן היטעל אדער אויפ'ן פאלטא, אז"וו. פאר די גאסען-יונגען איז דאס געווען א וואונק, אז זיי זאלען בעווארפען די אידען מיט בלאטע און שטיינער, פאר דער אונוויסענדער מאסע—א ביפעהל צו מאכען אנפאלען, שלאגען און דערה'רג'ענען.

נאטירליך האבען די אידען זיך אזוי לייכט נישט אונטערגעגעבען און נישט געוואלט זיך אנטהון דעם שאנד-פלעק. די אידישע קהלות, נעמליך אין דרום-פראנקרייך און אין שפאניען, וועלכע האבען ביז איצט פערנומען אנ'אנגעזעהענע שטעלע אין דער מלוכה, האבען אהן א קאמף זיך נישט געוואלט לאזען דערניעדריגען. פעהיגע אידען האבען נאך געהאט א שטארקען איינפלוס אין די קעניגליכע הויפען פון סאראגאסא און טאלעדא, צי אלס געזאנדטע אין פרעמדע הויפען, צי אלס פינאנץ-מיניסטארען (Almoxa-fen) אדער אלס לייב-דאקטוירים. די דאזיגע אידען האבען אנגעווענדעט אלע מיטלען, אז מען זאל נישט פערווירקליכען דעם בעשלוס וועגען דעם שאנד-פלעק. און זיי האבען אויך געפועל'ט ביי'ם פויפסט, וואס איז ארויף אויפ'ן רוימישען טהראן נאך אינאצענץ III האנאריוס III, אז די בישאפען און פויפסטליכע לעגאטען זאלען זיך דא און דארט מאכען ווי נישט זעהענדיג, אז די אידען טראגען נישט דעם שאנד-פלעק. אין ארגאניען האבען זיי געפועל'ט, אז מען זאל זיי דערפון בעפרייען, א דאנק דער השתדלות פון רבי יצחק בענוועניסטע (צאג בנבינישתי), וועלכער איז געווען לייב-דאקטאר ביי'ם קעניג יאקאב I. רבי יצחק האט אויפגעטהון אזוי פיעל וויכטיגע מעשים פאר'ן קעניג, דאס דער קעניג האט מיט דער הסכמה פון די בישאפען פון לאנד משתדל געווען זיך פאר איהם

ביי'ם פויפסט, וועלכער האָט איהם חריבער געשיקט א דיפלאָם, אין וועלכע עס ווערט געזאָגט, אז „אנערקענענד רבי יצחק'ס מעשים טובים, וואָס ער נעמט ניש קיין פּראָצענט און שטיצט די קאַטאָליקען, דאַרף מען איהם אויף קיין אופן נישט בעליידיגען“. רבי יצחק איז אלזאָ פערזענליך בעפרייט געוואָרען פון דעם שאַנד-פלעק, אָבער לכבוד איהם האָט מען שוין די אידען אין אראַגאָניען דערוויל נישט געצוואונגען צו טראָגען דעם שאַנד-פלעק (1220).

אָבער אויב דער פויפּסט האָנאָריוס III האָט זיך אין דעם פאַל ארויסגעוויזען בעסער פאַר'ן פריהערדיגען פויפסט אינאָצענץ, איז ער דאָך געווען גאַנץ ווייט פון'ם געדאַנק מסכים צו זיין, אז די אידען זאָלען פערנעהמען אנגעזעהענע שטעלעס אין דער מלוכה. אינ'ם זעלבען יאָהר (1220) איז ער מזהיר דעם קעניג, אז ער זאָל נישט אנטרויען א אידען קיין געזאַנדטשאַפט אין א מחמד'אנישען הויף, ווייל „עס איז נישט צו גלויבען, דאָס די אידען, וועלכע האָבען פיינד דעם קריסטליכען גלויבען, זאָלען זיין געטריי פאַר די אנהענגער פון'ם דאָזיגען גלויבען“. אינ'ם דאָזיגען זין האָט דער פויפסט אויך געשריבען צו די שפּאַנישע בישאָפען, אז זיי זאָלען ווירקען מיט זייער איינפלוס אויף די מלכים פון קאַסטיליען און אראַגאָניען, לעאָן און נאַוואַרא, דאָס זיי זאָלען בשום אופן נישט געברויכען די אידען אין דיפּלאָמאַטישע שליחות צו די מחמד'אנישע קעניגליכע הויפען און זיי זאָלען זיך משתדל זיין, אבצושטעלען אזא שלעכטען און געפעהרליכען ביישפּיעל פאַר די איבעריגע קריסטליכע מלכים. דער זעלביגער פויפסט האָנאָריוס III האָט דורכאויס געפאָדערט, דאָס די ענגלישע אידען זאָלען דעם שאַנד-פלעק אנטהון (1221).

נאָכ'ן טויט פון'ם משוגענעם טיראַן יאָהאַן אָהן-לאַנד, האָט אין ענגלאַנד געהערשט דער ערצבישאָף פון קאַנטערבערי, סטעפאַן לאַנגטאָן, וועלכען דער פויפסט אינאָצענץ האָט דאָרט אריינגעזעצט, און ער איז געוועזען דער פאַלקאָמער מנהיג פון דער מלוכה כל זמן יאָהאַנ'ס זוהן היינריך דער דריטער איז נאָך יונג געוועזען. אויף דעם קאָנסיליום אין אָקספאָרד האָט מען בעשלאָסען שטרענג דורכצופיהרען די קאַנאָנישע (גלחישע) געזעצען געגען די אידען.

נישט אכטענדיג אויף די פעל אנשטרענגונגען, וואָס די אידען האָבען געמאַכט אויף צו פועל'ן, דאָס מען זאָל זיי בעפרייען און נישט צווינגען צו טראָגען דעם שאַנד-פלעק, איז דאָך דאָס קאַנאָנישע געזעץ וועגען דעם בישלעכוויז אריין אין קראַפט. זאָגאַר דער דייטשער קייזער פרידריך דער צווייטער, וועלכער איז בכלל נישט געוועזען פון די גרויסע מאמינים, האָט בעמוזט נאָכגעבען דער אונגדולדזאַמקייט פון די פויפסטען און איינפיהרען דורך א געזעץ די פליכט צו טראָגען דעם שאַנד-פלעק פאַר די אידען פון זיינע ירושה-לענדער, נעאַפּאָל און סיציליען, כאָטש ער האָט געהאַלטען

אידישע געלעהרטע ביי זיך אין הויף און טעפויהלען זיי איבערצוזעצען פילאזאפישע ווערק פון אראביש אין לאטייניש.

אין דרום-פראנקרייך, וואו די גלחים זענען נאך דעם קרייצצוג געגען די אלביגענזער געווארען נאך גרעסערע אידען-פיינד, ווי אין אנדערע קריסטליכע לענדער, האבען די וועדיקטען פון אינאצענץ III צו ערנידעריגען די אידען געפונען פאנאטישע אנהענגער, וועלכע האבען נאך איבערגעטריבען אפילו די שוין לאנג פערגעסענע גזרות פון די מעראווינגישע מלכים; די אידען האבען אין דער פאסחא-וואך נישט געטארט זיך ווייזען אויף די גאסען און בכלל גארנישט ארויסגעהן פון זייערע הייזער אין יענע טעג. נאך דער אלביגענזישער מלחמה האט זיך אנגעהויבען א רעאקציע פון בלינדער נקמה און פון בלוטדורשטיגע מעשים. די דאמיניקאנישע מאנאכען האבען אנגעהויבען משפט'ן די פריידענקער דורך מערדערישע פייניגונגען און בעשטראפען זיי מיט'ן פערברענען לעבעדיגערהייד. ביי וועמען מען האט נור געפונען א תנ"ך געשריבען אין דער פראוואנסאלישער שפראך, האט מען איהם איבערגעגעבען צום געריכט פון די דאמיניקאנישע מאנאכען און מען האט דערביי נישט פערגעסען אויך די אידען, בעשולדיגענדיג זיי, דאס זיי האבען דערוועקט די אלביגענזישע אפיקורסות.

פיער פערזאן מוזען בעזונדערס פערצייכענט ווערען אין דער אידישער געשיכטע פון יענער צייט, וועלכע האבען פערביטערט די אידען דאס לעבען אין פערשיידענע לענדער און פערוואנדעלט פאר זיי די וועלט אין א אמת'ען גיהנום: דער פויפסט גרעגאר דער נייינטער, דער טויט-פיינד פונ'ם דייטשען קייזער פרידריך דעם צווייטען, וועלכער האט אנגעצונדען א פייער פון שנאה אין דייטשלאנד און פערניכטעט איהר אחדות און גרויסקייט; דער קעניג לודוויג דער נייטער פון פראנקרייך, וועלכער האט זיך ביי די גלחים פערדינט דעם נאמען „דער היילינגער"; דער קעניג פערדינאנד דער דריטער פון קאסטיליען, וועלכען די קירכע האט אויך אנערקענט פאר א קדוש, דערפאר וואס ער האט מיט דער אייגענער האנד פערברענט די פריידענקער, און, ענדליך, דער גענעראל פון דאמיניקאנער-ארדען ריימונד פעניאפארט, דער ווילדעסטער פערפאלגער פון די פריידענקער, וועלכער האט אנגעווענדעט אלע כחות אבצושמד'ן די אידען און די מחמד'אנער און אין דעם זין אויך געווירקט אויף די מלכים אין אראגאניען. אט דאס זענען געווען די מעכטיגע און גרויזאמע פיינד, ביי וועלכע די אידען האבען זיך איצט געפונען אין די הענד, נישט האבענדיג אין ערגיץ פאר זיך קיין בעשיצער און פערטיידיגער.

פון דער צייט פון פויפסט אינאצענץ האט זיך די מאכט פון רוימישען פויפסט פערשפרייט אזש ביז'ן טייך טהיים און די נידעריגע אויסגוסען פון טייך דונאי. דעריבער האבען די אידען אין די דארטיגע לענדער אויך אנגעהויבען שפירען אויף זיך די גלחישע רדיפות. אין אונגארן האבען די אידען זיך בעזעצט שוין פון גאנץ אלטע צייטען, און זיי זענען אהין ארייני

געקומען טײלװײז פון דער ביזאנטינישער מלוכה, טײלװײז פון כאזארישע לאנד. אונטער די הערשענדע מאדיארען זײנען דאמאלס געװען אויך פיעל געצענדיענער און מחמדאנער און דעריבער האבען זײערע מלכים געמוזט בעציהען זיך מיט טאלעראנץ צו אלע אנדערע גלױבען; אויסער דעם איז דארט דאס קריסטענטום ניט אײנגעדרונגען טיעף אין לעבען, און פון קײן פאנאטיזם האט מען דארט נאך גאר ניט געװאוסט. אין אונגארן האבען די אידען שוין פון לאנג געהאלטען אין ארענדע די אויסארבײטונג פון מטבעות און, צוזאמען מיט די מחמדאנער, אויך די ארענדע פון די מלוכה אבצאהלונגען און זאלץ; די אידען זײנען דארט בכלל געװען די פערװאלטער אויף די הויכע מלוכה־שטעלען. אויך געמישטע חתונות צװישען אידען און קריסטען פלעגען דארט גאנץ אפט פארקומען, װײל די קירכע האט זיך נאך ניט געהאט אײנגעװארצעלט אין לאנד. און אט האבען די רומישע פויפסטען זיך אויך גענומען צום דאזיגען לאנד, כדי צו פארקנעכטען עס. באלד האט זיך דעם פויפסט געמאכט דערצו די געלעגענהײט. צװישען דעם קעניג אנדרעאס און די מאגנאטען איז אויסגעבראכען א שארפער סכסוך, און דער קעניג איז געװען געצװאונגען צו געבען די מאגנאטען א פרײהײטס־דיפלאם (Charta). דאן האט זיך דער קעניג געװענדעט מיט א ביטע צום פויפסט, אז ער זאל בײשטעהן געגען די מאגנאטען. דער פויפסט גרעגאר IX האט אט די געלעגענהײט אויסגענוצט אזוי: ער האט באפוילען דעם ערצבישאף פון גראן, אז ער זאל שטיצען די מאגנאטען געגען דעם קעניג, כל זמן דער קעניג װעט ניט דערװײטערן פון די מלוכה־שטעלען און ניט צונעהמען בײ די אידען און מחמדאנער זײערע ארענדעס. תחלת האט דער קעניג אנדרעאס זיך אונטערגעגעבען דעם פויפסט'ס פאדערונגען, אבער ערנסט האט ער דאס ניט געמײנט, װײל ער האט אהן זײנע אידישע בעאמטע און ארענדאטארען פשוט ניט געקאנט אויסקומען. דער פויפסט האט דעריבער בעפוילען דעם ערצבישאף פון גראן ארײנצולעגען דעם קעניג אין חרם מיט אלע זײנע אנהענגער. געגען דעם קעניג האבען זיך אנגעהויבען אלערלײ רדיפות און ער האט לסוף געמוזט אויך אזוי, װי רײמאנד פון טולוזא, פײערליך שװערען (1233), אז ער װעט די אידען און מחמדאנער מעהר ניט האלטען אויף מלוכה־שטעלעס, ניט לאזען זײ האלטען קײן קריסטליכע לײב־אײגענע, ניט ערלויבען קײן געמישטע חתונות און ענדליך, צו צװינגען די אידען צו טראגען דעם שאנד־פלעק. די זעלבע שבועה האבען אויך געמוזט געבען אויפן בעפעהל פון פויפסטליכען לעגאט דער קרוינפרינץ בעלא, דער קעניג פון סלאװאניע, און אלע מאגנאטען אוג שרים [illegible] מלוכה.

די מחלוקת צוליעב דעם רמב״ם׳ס ספרים.

צו דער אידישער שפלות פון אויסענווייניג איז נאך דערמאלט צוגעקומען אן אפשוואכונג פון אינווייניג. אויף א מערקווירדיגען אופן איז די דאזיגע שפאלטונג געווען פערבונדען מיט דער טעטיגקייט פון אזא גרויסען גייסט, ווי רבי משה בן מיימון, וועלכער האט זיין גאנצען לעבען געשטרעבט אויפצובויען די פעראייניגונג פון אידישען פאלק און צו בעלויכטען וויסענשאפטליך זיין תורה און גייסט. א גרויסער טייל פון די עכט פרומע אידען האבען אבער גאר נישט געוואלט וויסען פון קיין פילאזאפישער פארשונג אין יודענטום, און יעדע בעשעפטיגונג מיט דער וויסענשאפט, אפילו אויך מיט דער כונה און צוועק צו דערהויבען דאס יודענטום, האבען זיי געהאלטען פאר א זינד. אפילו אויך דענקענדע אידען האבען בעדויערט, וואס דער רמב״ם האט אין זיין שטרעבען צו פעראייניגען די רעליגיע מיט דער פילאזאפיע געשטעלט די רעליגיע אונטערן שוץ פון דער פילאזאפיע און, אזוי צו זאגען, אונטערגעארדענט זי דער פילאזאפיע.

אין דער אידישער וועלט האט זיך דעריבער אנגעהויבען א קאכעניש. מען איז זיך צופאלען אויף צוויי פארטייען: איינע האט כמעט פערגעטטערט דעם רמב״ם און אויפגענומען זיינע ספרים ווי א נייע געטליכע ענטפלעקונג; די אנדערע האט אנגעהויבען פיהרען א פערביטערטען קאמפף מיט זיי, בעזונדערס, מיט׳ן „מורה נבוכים“ און דעם ערשטען טייל פון „משנה־תורה“ דעם ספר „המדע“. די רבנים און בעזונדערס די פערטרעטער פון די אידישע קהלות אין אייראפא און אזיען זענען זיך צופאלען אויף מיימוניסטען און אנטימיימוניסטען.

די פראטעסטען געגען רמב״ם׳ס פילאזאפיע האבען זיך אנגעהויבען נאך ביי זיין לעבען. צוליב זיין גרויסקייט האבען זיי זיך אבער כמעט ווי נישט געהערט. נאך זיין טויט אבער האבען זיי זיך אלץ שטארקער בעגונען הערען. דער ערשטער וואס איז ארויסגעטרעטען מיט א גוואלדגעשריי איז געווען רבי מאיר בן טודרוס הלוי אבולאפיא (געשט. 1244). אין א בריעף צו די „חכמי לוניל“ האט ער אויסגעגאסען זיין גאנצען צארן אויף די ספרי הרמב״ם. מיט די חכמי לוניל האט ער אבער גראדע ניט געטראפען. איינער פון זיי רבי אהרן בן משולם, א טיעפער תלמודיסט און וויסענשאפטליך געבילדעטער מאן, האט איהם בעענטפערט קורץ און שארף. דערפאר אבער האבען די צפון־פראנצויזישע תלמודיסטען, וועלכע זענען געוואוינט געווען צו פערהייליגען יעדעס ווארט פון תלמוד און האבען איהם פערשטאנען לויט׳ן איינפאכען פשט, בעזונדערס דער בעל התוספות רבי שמשון משאנץ. אט די אלע האבען אינגאנצען איינגעשטימט מיט אבולאפיא׳ן. עס זענען אבער דערפאר געווען פיעל אנדערע חכמים, וועלכע האבען אבולאפיא׳ן פשוט אויסגעלאכט.

אזוי, למשל, האט דער אלטער אנגעזעהענער נשיא און רופא, רבי ששת בן רבי יצחק בענוועניסטע (בנבינישתי) פון בארצעלאנא חאראקטעריזירט דעם קנאי רבי מאיר אבולאפיא אין פאלגענדען עפּיגראם:

„פריינד! איהר פרעגט, ווארום זיין נאמען

„שטראהלענד (מאיר) קלינגט, ווען ער די זאמען

„פון דער וויסענשאפט גאר האסט?

„דאך חכמים האבען צוגעפאסט

„אויף דעם נאמען „ליכט" (אור) צו נאכט,

„וויל קאנטראסטען ווערען דאך געמאכט!"

אויך פיעל אנדערע דיכטער האבען שארפע עפּיגראמען געגען רבי מאיר אבולאפיא געשריבען. קענענדיג גוט די העברעאישע שפּראך, האבען די מיימוניסטען געקעמפפט מיט זייערע געגנער מיט גרויס ערפאלג.

דער קאמף האט אנגענומען א שארפערע פארם, ווען געגען די מיימוניסטען איז ארויסגעטרעטען איינער פון די רעליגיעזע אויטאריטעטען, רבי שלמה בן אברהם פון מאנפּעליע, וועלכער האט אין די אנשויאונגען פון רמב"ם געזעהען א אונגליק פאר'ן יודענטום און געהאלטען פאר זיין הייליגען חוב ארויסצוטרעטען געגען דער נייער ריכטונג מיט דעם שארפסטען מיטעל — דעם חרם, צו צווינגען דאדורך די אנהענגער פון רמב"ם אבצואגען זיך פון זייער טעות, אדער, וועניגסטענס, קיינעם ניט אנצושטעקען מיט דער אפּיקורסות. אינטערעסאנט איז, וואס גראדע אין דער זעלבער צייט האט אויך דער פּויפּסט גרעגאר דער נייניטער בעפוילען דער פּאריזער אוניווערזיטעט, וועלכע איז געוועזען די איינציגע טרעגערין פון פילאזאפישען גייסט, אידער עס זענען ארויסגעטראטען די מאנאכען פון די פראנציסקאנישע און דאמיניקאנישע ארדענס, אז מען זאל אין די לעקציעס זיך האלטען שטרענג ביי די בעפעהלען פון גלחישען לאטעראן־קאנסיליום און קיין פילאזאפישע שריפטען ניט פארלעזען. פאר'ן עובר זיין אויפ'ן בעפעהל האט דער פּויפּסט געסטראשעט מיט א חרם.

אנצונעהמען אזא שארפען מיטעל האט זיך רבי שלמה געשפירט צו שוואך און ער האט דארום געזוכט חברים־לדעה צווישען די אנדערע רבנים. אין דרום־פראנקרייך האט ער אבער נישט געקאנט געפינען קיין איינציגען רב, וועלכער זאל זיך וועלען פעראייניגען מיט איהם צו אזא שריט, אויסער זיינע צוויי תלמידים רבי יונה ברבי אברהם גירונדי (פון געראנא), וועלכער איז געוועזען אויך אזא קנאי, ווי זיין רבי, און ווי רבי מאיר אבולאפיא, און רבי דוד בן שאול. און אט די דריי רבנים האבען עס גולעגט דעם חרם (אין יאהר 1232) אויף אלעמען, וואס לערנען די פילאזאפישע פרקים פון דעם רמבם"ם

ספרים, ווי אויך בכלל אלע יענע אידען, וועלכע וועלען זיך אבגעבען מיט אנ'אנדער וויסענשאפט, אויסער דעם תלמוד און דעם תנ"ך; דער חרם האט זיך אויך בעצויגען אויף אלע אידען, וועלכע וועלען מאכען א אנדערע ערקלערונג אין תלמוד אדער אין תנ"ך, אויסער דער פינקטליכער בעדייטונג פון די ווערטער, אדער בכלל די, וואס וועלען מאכען א פירוש נישט אינ'ם זין, ווי רש"י האט געמאכט. שפעטער האבען זיך צום חרם פעראייניגט אויך די רבנים פון צפון-פראנקרייך. דארט האבען די אלטע רבנים געהערט מייסטענס צו די „בעלי התוספות", וועלכע זיינען גאנץ ווייט געוועזען פון דעם רמב"ם'ס אנשויאונגען. דאס האט נאטירליך גוואלדיג אויפגערעגט די אנהענגער פון רמב"ם, וועלכע האבען אויך פון זייער זייט אויסגענוצט די שארפסטע מיטלען מיט דעם חרם בכלל געגען זייערע געגנער. די דריי הויפט-קהלות פון פראוואנס, לונעל, בעזיע און נארבאנא, וואו די פערעהרער פון רמב"ם זיינען געוועזען די הויפט-אנפיהרער און די רבנים, האבען זיך דערהויבען געגען רבי שלמה פון מאנפעליע מיט זיינע חברים, און ארייגגעלעגט זיי אין חרם און געשריבען אויך באלד צו די איבעריגע קהלות פון דרום-פראנקרייך, צו פעראייניגען זיך מיט זיי און ראטעווען דעם כבוד פון רמב"ם. אין מאנפעליע גופא האט זיך די קהלה אויך צוטיילט אויף צוויי פארטייען: וועהרענד דער אונוויסענדער המון האט געהאלטען מיט די פרומע רבנים, זיינען די אויפגעקלערטע געוועזען געגען זיי, און ס'איז געקומען צו געשלעג צווישען ביידע צדדים. די פלאמען פון דער מחלוקת האבען זיך אלץ מעהר פערשטארקט און זיך פערשפרייט אין די קהלות פון פראוואנס, קאטאלאניען, אראגאניען און קאסטיליען.

אינ'ם דאזיגען ליידענשאפטליכען קאמפף האבען אויך טיילגענומען צוויי גרויסע לייט, וואס האבען זעהר א גרויסען שם ביי אידען: דער זקן רבי דוד קמחי (דער רד"ק) און דער יונגער רבנו משה בן נחמן פון גירונדי (דער רמב"ן). דער גרייז-גראהער רבי דוד קמחי, וועלכער איז געוועזען בעוואוסט און געעהרט, אלס מדקדק און מפרש פון תנ"ך, איז געוועזען א התלהבות'דיגער אנהענגער פון רמב"ם און א פערטיידיגער פון דער פרייער פארשונג; דעריבער האט מען אויך אויף איהם געווארפען א חשד אין אפיקורסות, און די צפון-פראנצויזישע רבנים האבען איהם בעזונדערס אין חרם ארייגגעלעגט דערפאר, וואס ער האט ערקלערט אין זיין פירוש צו יחזקאל די „מעשה-מרכבה" לויט'ן רמב"ם, אזוי צו זאגען, פילאזאפיש, ווי אויך דערפאר, וואס ער האט זיך ארויסגעזאגט, אז אין משיח'ס צייטען וועט די מחלוקת צווישען די חכמים, פון וועלכער עס בעשטעהט דער תלמוד, בעזונדערס די גמרא, פערליערען איהר בעדייטונג, ס'הייסט, אז דער תלמוד האט ניט קיין אייביגען ווערט. רבי דוד קמחי איז דער בעיר בעזונדערס שארף ארויסגעטראטען צו פערטיידיגען דעם רמב"ם, וויל ער האט זיך פערזעגליך אויך געמוזט

פערטהיידיגען. אלט און שוואך איז ער שוין דאמאלס געוועזען, אבער דאס האט איהם ניט אבגעהאלטען פון צו מאכען א רייזע פון פראָוואנס קיין שפאניען, כדי צו ווירקען דאָרט פערזענליך אויף די קהלות, אז זיי זאָלען זיך פעראייניגען מיט די קהלות פון פראָוואנס געגען רבי שלמה פון מאנפעליע און פערטהיידיגען דעם רמב"ם'ס כבוד. די צווייטע גרויסע פערזענליכקייט, דער רמב"ן, אָדער ווי מען האט איהם גערופען: בונאסטרוק דע פארטא (געבוירען ארום 1195 געשטארבען ארום 1370), איז געוועזען א שארף אויסגעשפראָכענער כאראקטער. העכסט פרום און מילד, מיט א שארפען מח, דורכגעדרונגען מיט דער פעסטער אמונה אין די אלטע רבנישע אויטאָריטעטען. די „חכמה פון די ראשונים" (פון די אלטע דורות) איז פאר איהם געוועזען די העכסטע אויטאָריטעט, וועלכע מען טאָר בשום אופן ניט אנרירען. „ווער עס לערנט פון די זקנים, טרינקט אלטען וויין"—דאס איז געוועזען דעם רמב"ן'ס פעסטע איבערצייגונג. ניט בלויז דער תנ"ך אָדער דער תלמוד, נאר אויך די גאונים און זייערע נאכפאלגער זענען געוועזען פאר'ן רמב"ן קדש קדשים. לויט זיין פראָפעסיע איז דער רמב"ן געוועזען א רופא און איז אלזאָ געוועזען אויך בעקאנט מיט דער נאטור-פארשונג, ווי אויך מיט דער פילאָזאָפישער ליטעראטור. אבער דער תלמוד איז פאר איהם געוועזען העכער פון אלץ. מיט'ן רמב"ם האט ער ווייניג געהאט געמיינשאפטליכעס. ווען דער רמב"ן וואלט געלעבט אין איין צייט מיט'ן רמב"ם, וואלטען זיי אפשר צוגעצויגען איינער דעם אנדערען צו זיך, טאקי צוליב די סתירות אין זייער כאראקטער. פאר'ן רמב"ם איז דאס יודענטהום געוועזען דער קולט פון פערשטאנד, פאר'ן רמב"ן איז עס געוועזען די רעליגיאָן פון געפיהל. פאר'ן רמב"ם איז אין יודענטהום ניט געוועזען קיין שום סודות, וועלכע זאָלען ניט קאָנען ערקלערט ווערען דורכ'ן פערשטאנד; פאר'ן רמב"ן דאגעגען זענען די סודות אין יודענטהום געוועזען דאס הייליגסטע. אמבעסטען קאָן מען ארויסזעהען די פערשיעדענהייט פון די ביידע גדולים אין זייער בעציהונג צו דער אמונה אין שדים און רוחות. דער רמב"ם האט עס געהאלטען ניט בלויז פאר אן אבערגלויבען, נאר פשוט פאר א געצענדיענעריי, אויב מען נעהמט אן, אז די שדים און רוחות האבען א וועלכען עס איז קראפט צו ווירקען געגען דער נאטור. דער רמב"ן דאגעגען איז דערין געוועזען א פעסטער מאמין, און די אמונה אין רוחות און שדים האט פערנומען זעהר א וויכטיגען ארט אין זיין רעליגיעזער וועלט-אנשויאונג.

ווי שטארק דער רמב"ן איז אבער געוועזען געשטימט געגען דער פילאָזאָפיע, בעטראכטענדיג דעם גריכישען פילאָזאָף אריסטאָטעל, אלס דעם רבי'ן פון דער פאלשער לעהרע אין יודענטהום, איז ער דאך אויך געוועזען א געגנער פון דעם קאמפף און דער מחלוקת געגען יעדען פערשטענדיגען בעגריף פון יודענטהום. ער איז דערין געוועזען דער היפוך פון די צפון-פראנצויזישע רבנים, האטש ער האט זיך בכלל געהאלטען ביי זייער רבי-

טונג אין דעם תלמוד. אדאנק זיין ליכטיגען גייסט און זיין בילדונג, האט דער רמב״ן ניט געקאנט געהען מיט זיי צוזאמען, ווען זיי האבען דעם חרם געלעגט.

אין דער צייט, ווען מען האט פערעפענטליכט דעם חרם געגען דעם רמב״ם׳ס פילאזאפישע שריפטען, איז דער רמב״ם געווען נאך גאר יונג, אבער ער האט שוין געהאט א בעריהמטען נאמען, און אפילו רבי מאיר אבולאפיא האט פאר איהם געהאט גרויס אכטונג. ער האט דעריבער געקאנט מיט זיין שטיכען, אלס רב פון דער קהלה געראנא, שטיצען דעם אדער יענעם צד. דער רמב״ן האט זיך ארויסגעזאגט פאר זיין פריינד רבי שלמה פון מאנפעליע און זיין פעטער רבי יונה גירונדי. ווי נאר ער האט זיך דערוואוסט, אז אין די פראוואנסער קהלות האט מען אריינגעלעגט אין חרם זיין פעטער, האט ער געשריבען א בריעף צו די קהלות פון אראגאניען, נאווארא און קאסטיליען, אז זיי זאלען זיך נישט לאזען פערפיהרען פון די „פאלשע און כלומר׳שט פרומע“ אנהענגער פון רמב״ם געגען רבי שלמה און רבי יונה. דער רמב״ן האט אפילו זעהר בעדויערט די מחלוקת, וואס האט צושטערט ביי אידען די אלטע אחדות, וועלכע האט זיך געהאלטען ביי אידען אין אלע לענדער שוין פון אור־אלטע צייטען, און ער האט דעריבער געראטען, אז מען זאל זיך אבהאלטען פון פיינדליכע מעשים און בעסער גוט איבערלעגען דעם ענין; אבער דערביי איז ער אליין שוין אויך ניט געווען אונפארטייאיש, נאר ער האט נוטה געווען צו דער פארטיי וואס איז געווען פיינדליך פאר דער וויסענשאפט. „אויב די חכמי צרפת, וואס פון זייער קוואל טרינקען מיר, וועלען אפילו פערדעקען פאר אונז די לבנה און פערפינסטערען די ליכטיגע זון אינמיטען טאג, דארפען מיר אויך ניט זיין געגען זיי“ — האט ער ערקלערט. אבער די מעהרסטע קהלות פון שפאניען האבען זיך נישט געלאזען בעוועגען ארויסצוטרעטען געגען דעם רמב״ם און אבזאגען זיך פון דעם דענקען אין דער רעליגיון. די הויפט־קהלה פון אראגאניען, סאראגאסא, מיט איהר מנהיג, דעם לייב־דאקטאר פון קעניג יאימע, רבי בחיאל (בחיי) אבן־אלקאנסטאנטיני האט זיך ארויסגעזאגט שארף פאר׳ן רמב״ם און בעשטעטיגט דעם חרם געגען רבי שלמה פון מאנפעליע מיט זיינע צוויי תלמידים, רבי יונה און רבי דוד, ביז וואנען זיי וועלען חרטה האבען אויף זייערע מעשים געגען דעם רמב״ם׳ס ספרים. רבי בחיאל, זיין ברודער שלמה מיט נאך א מנין אנגעזעהענע לייט און מנהיגים האבען (אויגוסט 1232) געשיקט א בריף צו די קהלות פון אראגאניען צו פעראייניגען זיך געגען יענע, „וואס האבען געוואגט ארויסצוטרעטען געגען דעם רמב״ם׳ס גרויסקייט, וועלכער האט אונז ארויסגעראטעוועט פון די חוואליעס פון דער אונוויסענהייט, טעותים און טפשות“. אין יודענטום איז א רעליגיעזע פליכט צו לערנען די אלגעמיינע וויסענשאפט, און „אט

טרעטען ארויס דריי פערדערבער און פאלקס־פערפיהרער, וועלכע שוואכען אב דעם גוטען נאמען פון גרויסען רמב"ם און ווילען פיהרען די קהלות אין דער פינסטערניש, פערבאטענדיג צו לייענען זיינע פילאזאפישע ספרים אין איבערהויפט צו לערנען די וויסענשאפט". רבי בחיאל, אלס דער איינפלוסרייכסטער מאן אין ארראגאניען, האט געפאדערט פון די קהלות, אז זיי זאלען שארף ארויסטרעטען געגען די „וואס גלויבען נישט אין גאט און זיין קנעכט משה בן מיימון". אויפ'ן דאזיגען בריף האבען זיך אבגערופען פיער קהלות: הועסקא, מאנזאן, קאלאטאיוד און לערידא צוזאמען מיט דער קהלה סאראגאסא. איצט האט מען געווארט צו הערען, וואס וועט זאגען די קהלה פון טאלעדא, וועלכע איז געווען די גרעסטע, אנגעזעהענסטע און רייכסטע אין שפאניען, און איהר מיינונג האט בעדארפט זיין מאסגעבענד פאר ביידע צדדים. דער נשיא פון דער קהלה אין טאלעדא איז געווען רבי יהודה בן יוסף אבן אלפאכר, וועלכער האט געשטאמט פון אלטען ספרדישען יחוס און איז, ווייזט אויס, אויך געווען לייב־דאקטאר ביי'ם קעניג פערדינאנד III. תחילת האט ער זיך אבער נישט געמישט אין דער מחלוקת, און רבי מאיר הלוי אבולאפיא, דער אלטער געגנער פון רמב"ם, האט ווידער אויפגעהויבען זיין שטים געגען רמב"ם'ס ריכטונג. ער האט געענטפערט אויפ'ן רמב"ם'ס בריעף, ווי אויך דער קהלה געראנא, אז זיי מעגען זיך בערוהיגען וועגען דער קהלה אין טאלעדא, דען „זי וועט, חלילה, נישט צושטעהן צו די „פורקי עול תורה (געזעץ־פעראכטער) פון פראוואנס". אמת, אין טאלעדא געפינען זיך אפילו אויך נישט וועניג אידען, וואס האבען זיך „פערליעבט אין רמב"ם און זיין פילאזאפיע", און זייער מיינונג צו פערענדערען קאן ער, אבולאפיא, נישט; אבער אויב זיי וועלען ארויסטרעטען געגען רבי שלמה פון מאנפעליע מיט זיינע צוויי תלמידים, וועט ער זיך פון זיי אבזאגען און קיין חבר'שאפט מיט זיי נישט האבען, ווייל ער האלט, אז דער חרם געגען רמב"ם'ס ספרים איז א גערעכטע זאך.

אבער נישט בלויז מיט אזעלכע בריף האבען ביידע צדדים געפיהרט דעם קאמף, אויך עפיגראמען און סאטירען האט מען דערביי אנגעווענדעט. אזוי למשל האט איינער פון דעם רמב"ם'ס געגנער פערעפענטליכט פאלגענדעם עפיגראם:

שווייג, פערשטום, דו „פיהרער פון די בלינדע!"
אונערהערט דאך זענען דיינע לעהרען!
ס'איז א גרויסע זינדע,
דעם תנ"ך — און משל,
די נבואה—אין חלום
אלץ נור איבערקעהרען!

דערויף האט געענטפערט איינער פון'ם רמב"ם'ס אנהענגער:

טפש, שווייג! ביים פערד געה בארג

ס'צוימעל פאר דיין טפשות-צוערונג;

שכל פעהלט דיר פאר א משל,

ווי זשען קומסטו צו נבואת,

צי אין חלום, צי אין וואהר?

די אנהענגער פון רמב"ם זענען אבער געוועזען פיעל ענערגישער פאר זייער געגנער; זיי האבען זיך בעמיהט אבצוציהען פון רבי שלמה'ן מיט זיינע חברים די צפון-פראנצויזישע רבנים, ווי אויך צו געווינען פאר זיך די שפאנישע קהלות, און עס איז טאקי אויך געלונגען צו פועל'ן ביי די ספרדישע אידען, לפחות, אבצוזאגען זיך פון'ם קאמף געגען זיי. אויף'ן רמב"ן האט דאס געמאכט א שטארקען איינדרוק, און וויל ער איז בכלל זעהר אונרוהיג געווען איבער דעם פערשטארקען זיך פון דער מחלוקת ביי אידען, האט ער זיך געווענדעט איצט מיט א בריף צו די פראנצויזישע רבנים, און וועלכען ער דערהויבט זעהר דעם רמב"ם מיט זיין ספר „משנה תורה" און זיין אבטיילונג וועגען די הלכות, ווי אויך זיין אנשויאונג וועגען גאט, אז ער האט נישט קיין פארם און קיין געשטאלט, וויל ווער עס גלויבט אנדערש, דינט ער געוויס עבודה-זרה, ווי דער רמב"ם ער-קלערט גאנץ ריכטיג. לסוף לעגט דער רמב"ן פאר אזא פשרה: דער חרם געגען דעם פילאזאפישען טייל פון „משנה תורה" דארף בטל ווערען, דא-געגען דער חרם געגען די, וואס לערנען דעם „מורה נבוכים", דארף פער-שארפט ווערען. נור אט דעם לעצטען חרם דארף מען מאכען איינשטימיג דורך אלע רבנים. די רבנים פון פראנקרייך, ווי אויך דעם רמב"ם'ס זוהן, רבי אברהם, דארפען אלע איהם בעקרעפטיגען דורך זייער אויטאריטעט. אזוי ארום—האט געהאפט דער רמב"ן—וועט עס נעהמען א סוף צו דער מחלוקת און פאר דער אפיקורסות וועט פערשלאסען ווערען די טהיר. די דאזיגע פשרה איז אבער נישט אנגענומען געווארען פון קיין צד און דאס פייער פון דער מחלוקת האט זיך נאך מעהר צופלאקערט.

דער אלטער גרייז גרויסער רבי דוד קמחי האט געוואלט מאכען א רייזע קיין טאלעדא, כדי צו פועל'ן דארט, אז די גרויסע קהלה זאל זיך שטע-לען אויף'ן צד פון דעם רמב"ם'ס אנהענגער; אבער ער איז אויף'ן וועג אזוי קראנק געווארען, אז ער האט זיך געמוזט לעגען אין בעט. מיט א צימערנדער האנד האט ער, ליגענדיג אין בעט, געשריבען א בריף צו רבי יהודה אבן אלפאכר און געמאכט איהם שארפע פארוואורפען, פארוואס ער שווייגט אין אזא וויכטיגער אנגעלעגענהייט, וואס האט העכסט אויפגערעגט די אידישע קהלות אין פראנקרייך און שפאניען, און געפאדערט פון איהם צו דערוועגען די קהלה פון טאלעדא, אז זי זאל זיך שטעלען אויף'ן צד פון'ם רמב"ם'ס אנהענגער. דער רד"ק האט אבער נאך

האט א טעות אינ'ם מענשען, צו וועלכען ער האט געשריבען. רבי יהודה אלפאכר איז געוועזען א איבערציגטער געגנער פונ'ם רמב"ם'ס ספרים, ער האט געהאלטען, אז צווישען דער אריסטאטעלישער פילאזאפיע און דעם יודענטום קאן מען קיין פשרות נישט מאכען, ווייל זיי זענען סותר איינס די אנדערע, און האט זיך שטארק געדרעכענט מיט דעם חרם פון די פראנצויזישע רבנים, אזוי ווייט, אז ער האט. תחלת גארנישט געוואלט ענטפערען חיים רד"ק אויף זיין בריעף, און ווען ער האט איהם לסוף יא געענטפערט, האט ער עס געטהון אין אזא שארפער פארם, אז די טאלעדאנישע אנהענגער פונ'ם רמב"ם זענען נבהל ונשתומם געווארען. רבי שלמה פון מאנפעליע מיט זיינע תלמידים האט ער פשוט פערגעטערט און דאגעגען איז ער אנגעפאלען אויפ'ן רד"ק פאר זיין פרייזיניגקייט.

אבער ווי שטארק עס איז נישט געוועזען די סימפאטיע פון אלפאכר, פון רמב"ן און רבי מאיר אבולאפיא פאר'ן הרם פון רבי שלמה פון מאנפעליע, האט זי דאך ווייניג וואס געהאלפען זיין צד. די עפענטליכע מיינונג איז געוועזען סיי אין דרום-פראנקרייך, סיי אין שפאניען—געגען א.הם. די רבנים פון צפון-פראנקרייך האבען איינגעזעהען, אז די מחלוקת קאן ווערען געפעהרליך פאר אידען, און האבען זיך ביסלעכווייז נאר ארויסגעמאכט פונ'ם שלעכטען ענין. ווען רבי שלמה האט דערזעהען, אז אלע האבען איהם פערלאזען און אין זיין אייגענער קהלה האט ער אויך זעהר פיעל געגנער, האט ער זיך בעשלאסען צו מאכען א שריט. וועלכער האט געבראכט אונגליק נישט בלויז זיין פארטיי, נאר אויך דעם גאנצען יודענטום.

דער פויפסט גרעגאר דער נייסטער, וועלכער האט געוואלט ענדליך איינגאנצען פערטיליגען די אלביגענזישע אפיקורסים און דער פראוואנס, וואס האבען נישט געגלויבט אין זיין הייליגקייט, האט אין מאנאט אפריל 1233 איינגעארדענט די אינקוויזיציע, צו משפט'ן מענשען פאר זייערע געדאנקען, און די ווילדע דאמיניקאנישע מאנאכען זענען בעשטימט געווארען פאר ריכטער, ווייל עס האט דעם פויפסט אויסגעוויזען, אז די בישאפען זענען זיך בעגאנגען ווייניג שטרענג אין זייער רודפ'ן די אלביגענזער, און דעריבער האט ער זיך אויף זיי נישט געוואלט פערלאזען. אין אלע גרעסערע שטעדט פון דרום-פראנקרייך, וואו עס זענען נור געוועזען דאמיניקאנער-קלויסטערס, צווישען זיי אויך אין מאנפעליע, האט מען געגרינדעט די בלוטיגע געריכטען, וועלכע האבען געדארפט פער'משפט'ן אפיקורסים, אדער אפילו אזעלכע, וואס מען האט חושד געווען אין אפיקורסות, צו אייביגער שרעקליכער געפאנגענשאפט, אדער גאר צום פערברענען. און אט מיט די דאזיגע לייט, מיט די דאמיניקאנער-מאנאכען האט זיך פעראייניגט דער תמימות'דיגער רב, רבי שלמה פון מאנפעליע, וועלענדיג פערטיידיגען די אידישע אמונה און מאכען א סוף מיט די ספרים פון רמב"ם! ער און זיין תלמיד רבי יונה פון גירונדי

זעהנען אוועקגעגאנגען צו די דאמיניקאנישע מאנאכען און געזאגט צו זיי אזוי: „איהר פערברענט אייערע אפיקורסים, פארוואס זשע רודפ'ט איהר נישט אונזערע? די מעהרסטע אידען פון פראוואנס האבען זיך אנגעשטעקט אפיקורסות פון די ספרים, וואס עס האט געשריבען א מצרים'ער איד רבי משה בן מיימון. רויממ אב אונזערע אפיקורסים, ווי איהר טהוט עס מיט אייערע, און בעפעהלט צו פערברענען די ספרים „מדע“ (דעם ערשטען חלק פון „משנה-תורה“) און דעם „מורה נבוכים“, כדי די אידען זאלען זיי נישט קאנען לערנען“. דערביי האבען זיי אויך פארגעלעזען פאר די דאמיניקאנער גלחים איינינגע שטעלען פון „מורה נבוכים“ און די פרומע גלחים זעהנען פשוט ערשרעקט געווארען. צווייטע מאל האט מען די דאמיניקאנער מאנאכען אזא זאך נישט געדארפט בעטען, און דער פויפסטליכער קארדינאל-לעגאט, וועלכער איז געוועזען אויך אזא פאנאטיק, ווי גרעגאר IX, האט באלד איינגעשטעמט אויפ'ן פארשלאג פון די צוויי רבנים. מעגליך, אז די דאמיניקאנער האבען טאקי זיך געשראקען, אז די אפיקורסות זאל זיך פון די אידען נישט אריבערחאפען אויך צו די קריסטען. דער „מורה נבוכים“ איז דאמאלס נור וואס טיילווייז איבערגעזעצט געווארען אויף לאטייניש, לויט'ן פערלאנג פון'ם קייזער פרידריך דעם צווייטען, און די קריסטען האבען איהם דעריבער געקאנט לעזען, און דאס דענקען וועגען דער רעליגיע האט דער פויפסט דאמאלס געהאלטען פאר א העכסט געפעהרליכע זאך און א טויט-זינד. ווען די אינקוויזיציע וואלט שוין דאמאלס געהאט די מאכט צו משפט'ן אויך די אידען, וואלט די זאך געקאנט ווערען זעהר געפעהרליך פאר דעם רמב"ם'ס אנהענגער, אזוי אבער האבען די רדיפות זיך בעגרענעצט בלויז געגען דעם געשריבענעם פארמעט; מען האט אויפגעזוכט דעם רמב"ם'ס ספרים אין די אידישע הייזער און זיי עפענטליך פערברענט.—די פיינד פון יודענטום האבען גלענצט פאר שמחה, זעהענדיג, ווי די אחדות, מיט וועלכער די אידען זעהנען ביז דאמאלס אזוי שטארק געווען, איז צושטערט געווארען, און אזוי ארום וועט זיי פיעל לייכטער זיין דאס יודענטום בייצוקומען.

די דאזיגע מעשים האבען גוואלדיג אויפגערעגט אלע אידען אויף ביידע זייטען פון די פירענעאישע בערג—אין פראוואנס און אין שפאניען,—מען האט איבעראל גלייך פערארטיילט רבי שלמה'ן מיט זיינע חברים. פאר די דאמאלדיגע אידען איז דאס מאכען די דאמיניקאנער מאנאכען פאר ריכטער אין יודענטום געווען דאס אייגענע, וואס אריינפיהרען די געצענדיענער אין בית-המקדש. מען האט עס געהאלטען פאר א שענדליכען פערראט. ווען רבי דוד קמחי האט זיך פון דער שרעקליכער נייעס דערוואוסט, האט ער זיך געווענדעט מיט א בריעף צו אלפאכר און אנגעפרעגט, אויב ער האלט נאך איצט אויך צוזאמען מיט רבי שלמה'ן מיט זיין חרם. דער רמב"ן און רבי מאיר אבולאפיא האבען איינגעזעהען, אז זיי האבען זיך געלאזען פערפיהרען, און געשווינד פערשעמטערהייד. אייניגער א

דיכטער פֿונ'ם רמב"ם'ס אַנהענגער האָט בײַ דער דאָזיגער געלעגענהייט געדיכטעט פֿאָלגענדעס עפּיגראַם:

זיי האָבען די ביכער, די גרויסע פֿערברענט,
דעם גייסט צו פֿערניכטען דאָך גאָר נישט געקענט
אַ ברענענדיג פֿייער
צו־ריין און צו־טייער
געדאַנקען ערהאַבענע, ווערטער־בריליאַנטען —
צי קאָן דען דאָס פֿייער דאָ האָבען אַ שליטה?
ווי תּשבּי פֿאַרצייטען,
אַמאָל אין דערווייטען,
אין פֿלאַמען, אין פֿייער צום הימעל געפֿלויגען,
געדאַנקען־מלאכים אין רויך אויפֿגעשטויגען.

די אַנהענגער פֿונ'ם רמב"ם'ס ספרים האָבען אָבער דורך שתּדלנות באַלד געמאַכט אַ סוף צו די מסירות, וועלכע עס האָבען זיך אָנגעהויבען דורך פֿאַלשע עדות. העכער צוועלף אַנהענגער פֿון רבי שלמה, וועלכע האָבען געזאָגט פֿאַלשע עדות, האָט מען בעשטראָפֿט מיט שרעקליכע יסורים, אָפּ־שניידענדיג זיי די צונג. ווייטערדיגע פּרטים פֿעהלען אָבער וועגען די דאָ־מאָלסדיגע שענדליכע געשעהענישען. — די פֿראַגע, צו פֿערניכטען דעם גייסט פֿון דער פֿאָרשונג איפ'ן רעליגיעזען געביט דורך געוואַלדיגע מיט־לען, איז מיאוס דורכגעפֿאַלען. רבי יונה גירונדי אַליין, וועלכער איז געשטאַנען אין שפּיץ פֿון די חרם־לעגער, האָט בעקומען חרטה אויף זיין טהאַט און זיך אַ נדר געטהון צו געהן קיין ארץ־ישראל, כּדי דאָרט, אין טבריה, צו בעטען בײַ דעם רמב"ם עפֿענטליך מחילה אויף זיין קבר פֿאַר דער חרפּה, וואָס ער האָט איהם אָנגעטהון. אין באַרצעלאָנאַ האָבען די מנהיגים פֿון דער קהלה געמאַכט אַ תּקנה, אַז מען זאָל יעדען שבת לערנען עפֿענטליך און ערקלערען פֿאַר'ן עולם אַ פּרק פֿון „מורה נבוכים“. דער אויפֿטהוער דערפֿון איז געוועזען דער דיכטער און פֿילאָזאָף רבי אברהם בן חסדאי. די דאָזיגע תּקנה האָט מען באַלד מודיע געוועזען צו די קהלות אין קאַסטיליען, אַראַגאָניען, לעאָן און נאַוואַראַ.

פֿיעל מיטגעווירקט צו דער בערוהיגונג פֿון די קהלות האָט איינער פֿון די צפֿון־פֿראַנצויזישע רבנים, פֿון די בעלי־התּוספֿות, אַ מענש פֿון אַ מילדען כאַראַקטער און אמת'ער פֿרומקייט, רבי משה מקוצי. כּדי אָבצו־שוואַכען די מחלקות, האָט ער אונטערגענומען אַ רייזע אין פּראָוואַנס און אין שפּאַניען, וואו ער האָט איבעראַל געהאַלטען דרשות און געשטאַרקט די אָבגעשוואַכטע אמונה. צוליעב זיינע רייזעס האָט מען רבי משה מקוצי אַ נאָמען געגעבען רבי משה הדרשן (1235). דורך זיין גרויסער מילד־קייט איז עס איהם געלונגען צו ווירקען אויף טויזענדער אידען, אַז זיי זאָלען

ווערען פרימער און נישט פערנאכלעסיגען די מצוות. אין שפאניען האט ער געפועל'ט, אז מען זאל אויפהערען צו שליסען געמישטע חתונות מיט קריסטען און מחמד'אנער און אז מען זאל זיך שיידען פון די פרעמדע פרויען (1236). גלייכצייטיג האבען געהאט א שטארקע ווירקונג אונגעוועהנליכע הימעל'שערשיינונגען, וואס האבען אין יענער צייט שטארק אנגעשראקען סיי די קריסטליכע, סיי די אידישע בעפעלקערונג און דערוועקט זיי צו תשובה. אין זיינע דרשות האט רבי משה מקוצי גערעדט נישט בלויז וועגען מצוות שבתורה, נאר אויך וועגען גוטע מדות און אנ'עהרליך לעבען און דער בעציהונג צו די ארומיגע מענשען. דעם רמב"ם האט ער געשטעלט זעהר הויך, פערגלייכענדיג איהם מיט די פארצייטיגע גאונים, און דעריבער האבען זיינע דרשות געמאכט א גוטען איינדרוק אויף ביידע צדדים.

אבער אויב די מחלוקת וועגען דעם רמב"ם'ס ספרים האט פערלוירען איהר שארפקייט, האט זיך אויף איהר באדען ענטוויקעלט גאר א נייע ערשיינונג, וועלכע האט זיך פערשטארקט אין די שפעטערדיגע יאהרהונדערטען און אריינגעבראכט גאנץ נייע עלעמענטען אין יודענטום. דער רמב"ם האט געוואלט פערשטארקען דאס יודענטום, דורכפיהרענדיג אין איהם איין געדאנק און געבענדיג איהם איין כאראקטער; ער האט אבער געבראכט דורכדעם א גוואלדיגען פרוד. דורך קלארהייט און איינפאכע פערשטענדליכקייט האט ער געוואלט ברענגען דערצו, אז עס זאלען אויפהערען די ספקות און, ממילא, אויך דער אונגלויבען; מען האט אבער זיין גוטע כונה שלעכט פערשטאנען און אריינגעבראכט טונקעלע שטרעמונגען אין פערוויקלונג אין יודענטום. זיין רעליגיאנס-פילאזאפיע האט אויסגעגראבען א תהום צווישען די דענקער און די מאמינים, און ביידע צדדים האבען זיך אויף אזוי פיעל פערגעסען, אז זיי האבען דורכגעבראכען אלע גרענעצען, און געשאפען א וועג פאר א נייע לעהרע, די קבלה, וועלכע האט געפונען איהר אורשפרונג, לויט ווי איהרע ערשטע אנהענגער האבען ערקלערט, אין רבי יצחק סגי-נהור (דעם בלינדען), דעם זוהן פון דעם קדוש רבי אברהם בן דוד פון פישקיירא (דער ראב"ד), וועלכער האט קריטיקירט חגם רמב"ם און זיין „משנה תורה" (בעל ההשגות). די קבלה — אין געגענזאץ צו דער פילאזאפיע, וואס האט געוואלט ערקלערען די תורה ע"פ שכל — האט געזוכט צו ערקלערען זי לויט סודות, וואס זענען איבערגעגעבען דורך יחידי סגולה פון דור צו דור. פון דער קבליסטישער תורה פון רבי יצחק סגי-נהור (ארום 1190—1210) האט זיך אבער ערהאלטען זעהר ווייניג. זיינע תלמידים האבען נאר דערצעהלט פון איהם, אז ער האט געקענט דערקענען אין א מענשען, אויב ער האט א ריינע, כשר'ע נשמה גלייך פון הימעל, אדער אין איהם איז מגולגל געווארען א פרעמדע נשמה, וועלכע איז צוריק אראבגעשיקט געווארען אויף דער וועלט, כדי מתקן צו זיין איהרע חטאים, וואס זי

אין בעגאנגען, ווען זי איז געווען אין אנ'אנדער מענשען. א געוויסע שיטה (סיסטעם) האבען צוערשט אריינגעבראכט אין דער קבלה רבי יצחק סגי-נהור'ס תלמידים, רבי עזריאל און רבי עזרא פון געראנא, וועלכע זענען, מעגליך, געווען אויך ברידער. וועגען זייער לעבען איז גאנץ וועניג בעוואוסט. איינער פון זיי איז, ווי מען זאגט, געשטארבען א זקן פון זיבעציג יאהר, באלד ווי עס איז פארגעקומען די שפאלטונג, צוליעב דער מחלוקת וועגען דעם רמב"ם'ס ספרים (1238). רבי עזריאל דער-צעהלט וועגען זיך: „איך בין דער בעוואוסטער מענש צווישען די פעל-קער, פון דער יוגענד אן האב איך געוואנדערט פון שטאדט צו שטאדט, כדי נאכצופארשען וועגען די „סודות התורה", ביז איך האב זיי ענדליך ענטדעקט פון א זיכערער קוועלע" א. א. וו. די דענקענדע אידען האבען געמאכט חוזק פון אזעלכע סודות. ס'האבען זיך אבער אויך געפונען ניט וועניג, וועלכע האבען זיך אנגעכאפט אן דעם, האבענדיג אנאיינערליכע בעדערפניש צו געפינען א געהיימע שטיצע פאר דער אמונה, ווי באלד אז דאס פרייע דענקען איז פערבאטען געווארען.

אזוי ארום זענען ענטשטאנען אין משך פון פערציג יאהר נאכ'ן רמב"ם'ס טויט דריי פארטייען ביי אידען: די פילאזאפיש-געבילדעטע, די תלמודיסטען און די מקובלים. די ערשטע האבען ערקלערט דאס יודענטום לויט'ן פערשטאנד און דער פילאזאפיע; א טייל פון זיי האבען זיך געהאל-טען פעסט ביי'ם רמב"ם'ס מיינונגען; א טייל, די שטרענגע תלמודיסטען, האבען פון דער פילאזאפיע גאר ניט געוואלט וויסען, אדערליי הקירות אויפ'ן רעליגיעזען באדען, סיי פילאזאפישע סיי קבלסטישע, האבען זיי געהאלטען פאר גאנץ איבריג. ענדליך, די מקובלים זענען געווען גענייגער פון ביידע ערשטע פארטייען, נור צוליעב זייער קלענער צאהל האבען זיי זיך פערהאלטען פריינדליך צו די תלמודיסטען, קעמפענדיג צוזאמען געגען די פילאזאפיש-געבילדעטע. מיט א יאהר 60—70 שפעטער אבער, ווען זייער צאהל איז שוין געווארען גרעסער, האבען זיי אונטערגענומען אויך אזא קאמף געגען די תלמודיסטען.

די ערנידעריגונג פון די אידען דורך דעם פויפסטטום ווי אויך די אינערליכע שפאלטונג האבען איינגיבען געבראכט צו זעהר טרויעריגע ערשיינונגען. די רוהיגקייט, די פריימיטיגקייט, דער פרייער געדאנק, וועל-כע זענען נויטיג פאר יעדער שעפפערישער טעטיגקייט, זענען אויף א לאנגע צייט פערשוואונדען געווארען. א טרויעריגע ערנסטקייט האט זיך געלעגט אויפ'ן לעבען פון די שפאנישע און פראוואנסאלישע אידען און געדריקט אויף זייער גייסט. עס זענען פלוצלונג פערשוואונדען געווא-רען די פרעהליך-לוסטיגע משוררים, די ניי-העברעאישע פאעזיע, וועלכע האט אין א משך פון דריי הונדערט יאהר זיך אזוי שען ענטוויקעלט, האט אנגעהויבען אבשטארבען און געטראגען נור פערוועלקטע בלעטער. די סאטירען און עפיגראמען, וועלכע ביידע קעמפענדע צדדים האבען גע-

שלײדערט אײנער געגען דעם אנדערן, זענען געװען די לעצטע פרוכטען פון דער ספרדישער פּאעזיע.

די לעצטע פֿערטרעטער פון דער נײ־העברעאישער דיכטונג זענען געװען, אויסער רבי יהודה אלחריזי, דער לײכטער איבערזעצער רבי יוסף ברבי מאיר סבארה און רבי יהודה בן שבתי; אלע דרײ האבען געשאפען די סאטירישע ראמאן־פארם, אבער אין זײערע דיכטונגען ליגט מעהר געזונדטער װיץ, אײדער קונסט. װי אלחריזי (1190—1240) אין זײן „תחכמוני", אזוי האט אויך בן סבארה אין זײן ראמאן „שעשועים" געשילדערט פערשידענע אלעגארישע געשפרעכען װעגען לעבען, ליעבע און פערגעניגען. בן שבתי'ס ספרים „די מלחמת צװישען חכמה און עשירות" און דער „װײבער פײנד" זענען רײכער מיט מליצות װי מיט געדאנקען און געפיהלען. מיט די דאזיגען דרײ דיכטער איז די פּאעזיע פֿערײתומט געװארען. דא און דארט האבען זיך נאך בעװיזען פערשידענע װערק. אזוי, למשל, האט רבי אברהם בן שמואל הלוי בן חסדאי נאך איבערזעצט און פערזען דעם ספר „בן המלך והנזיר" פון אראביש — א מאראלישע געשפרעך צװישען א װעלטליכען מענשען און א בעל־תשובה. אײן ארימער בוכער־אבשרײבער, רבי ברכיה בן נטרונאי הנקדן (1230—1245) פון דרום־פראנקרײך, האט נאך געשריבען דיכטען פאבעלן (משלים), ער איז אבער נישט געװען אימשטאנד אלײן צו ערפינדען דראמאטישע געשפרעכען צװישען חיות און האט מײסטענס איבערגעארבײט פרעמדע טעמא'ס. צװישען זײנע 107 פוקס־פאבעלן (משלי שועלים) זענען נור אײניגע געצעהלט זײנע אײגענע. אן אנדער פאבעל־דיכטער אבו יצחק אברהים אבן־סהל הישראלי פון צפון שפאניען, װאו ס'האט צװישען די אידען אפילו אין קריסטליכען שפאניען נאך געבליהט די אראבישע פּאעזיע, האט געדיכטעט (1244) די „פאבעלן פון אלטערטום" — „משלי הקדמוני", כדי צו דערװײזען, אז די העברעאישע פּאעזיע שטעהט נישט נידעריגער פאר דער אראבישער. אבער אין זײנע פאבעלן זעהט מען נור אלט־שװאכקײט. זײ זענען רײך מיט מליצות און מאראליזירונג אבער ארים אין לעבענס פרעהליכען װיץ.

מעהר נאך, װי דיכטקונסט, איז געפאלען אין דער צײט נאכ'ן רמב"ם די װיסענשאפט. דארט, װאו פילאזאפען און מקובלים האבען זיך בעמיהט אריבערצושטײגען אײנער דעם אנדערן אין דער קונסט צו בעװײזען אין תנ"ך פערשידענע קונץ־שטיק, ענטדעקענדיג דארט דורך פשטלעך בעװײזען פאר זײערע אידעען, דארט האט, נאטירליך, קײן גראמאטישע פארשונג נישט געקאנט זיך מעהר ענטװיקלען. מען האט אפילו אנגעהויבען פערגעסען אויך די גלענצענדע ארבײטען פון דער פריהערדיגער עפאכע. רבי דוד קמחי איז געװארען דער לעצטער מפרש פון תנ"ך און גראמאטיקער אויף א גאנץ לאנגע צײט. דער רמב"ן

האט זיך אפילו יא בעשעפטיגט מיט'ן מאכען א פירוש צום תנ"ך און דערביי ארויסגעוויזען א ריכטיג געפיהל פאר דער שפראך, אבער פאר איהם איז דער עיקר געווען נישט דער פירוש אליין, נור די פאלעמיק געגען זיינע געגנער. אויף אזא אופן האט דער שענער קראנץ פון דער אידיש=שפאנישער וויסענשאפט און דיכטונג ביסלעכווייז פערלוירען א בלאט נאך א בלאט, מיט וועלכע די דיכטער און דענקער האבען איהם אזוי רייך בעפוצט.

אכטעם קאפיטעל.

רעליגיאנס=דיספוטען און דאס פערברענען דעם תלמוד.

(פון 1240 ביז 1270)

אין דער צייט, וואס אין אינערליכען אידישען לעבען איז פארגעקומען די שפאלטונג, וועלכע האט אנגעהויבען ברענגען טרויעריגע פרוכטען, האבען אויך אנגעהויבען אויפגעהן די גיפט=זאמען, וואס דאס פויפסטטום האט פערשפרייט. די רדיפות אויף אידען זענען געווארען אפטער און בלוטיגער און זיך פערשפרייט פון איין ארט צום צווייטען ווי אן אנשטעקענדיגע מגפה. דער פויפסט אינאצענץ דער דריטער האט, אמת, נישט געשטרעבט צו פערטיליגען אידען, נור צו דערנידעריגען זיי. פאר'ן געמיינעם פאלק איז שוין אבער דאס אליין וועניג געווען. פאר'ן פינסטערען פעבעל איז די שאנד=לאטע, וואס מען האט געצוואונגען די אידען אנצוטהון, געווען א סימן, אז מען מעג מיט אידען טהון וואס מען וויל. מען האט אויף די אידען אויסגעטראכט אלערליי משונה'דיגע חטאים. אנפאלען אויף אידען צוליעב עלילת=דם האבען אנגעהויבען פארצוקומען גאנץ אפט; די בלבולים זענען געמאכט געווארען מיט אזא טייוואלאנישער זיכערקייט, אז אפילו געבילדעטע קריסטען האבען אנגעהויבען אין זיי צו גלויבען. צווישען לאודה (Lauda) און בישאפסהיים, אין דער מדינה באדען, האט מען געפונען א דערהרג'עטען קריסט. ווער זשע איז דער מערדער? נאטירליך, די אידען. אויפ'ן גרונד פון דער דאזיגער בעשולדיגונג, וועלכע האט נישט געהאט קיין שום בעווייז, זענען אין ביידע שטעדט בעפאלען די גלחים מיט'ן המון אויף די אידען און מאסען אויסגעהרג'עט. ערשט נאך דער שחיטה האט מען אריינגעווארפען אין תפיסה אכט אידישע צדיקים און גדולי תורה, וועלכע מען האט אנגעקלאגט, דאס זיי האבען עס דערהרג'עט דעם קריסט (2=טען און 3=טען יאנואר 1235). די אידען האט מען מורא'דיג געפייניגט און משמעות, דורך די גרויסע יסורים געצוואונגען זיי צו ערקלערען, אז זיי האבען דעם מארד בעגאנגען. באלד נאכדעם האט מען זיי דערהרג'עט און פערברענט. די אידען פון דער סביבה האבען זיך געווענדעט מיט א ביטע צום פויפסט גרעגאר IX, אז ער זאל זיי געבען א „פריווילעגיום“.

וואס זאל זיי בעשיצען פון דעם מערדערישען המון. דער פויפסט האט דערויף ארויסגעלאזען (דעם 3-טען מאי 1235) א בעפעהל, אין וועלכען ער האט בעשטעטיגט די קאנסטיטוציע פון פויפסט אינאצענץ דעם דריטען, אז מען טאר די אידען נישט דערהרג'ענען, אדער צווינגען צום שמד. די קריסטען האבען דאמאלט גערעדט, אז דער פויפסט האט ביי אידען גענומען שוחד געלד, כדי צו בעשיצען זיי, און דער בעפעהל האט קיין ווירקונג נישט געהאט. די אונדולדזאמקייט, וועלכע מען האט געפרעדיגט אין די קירכען און איינגעפלאנצט ביי די קינדער אין די שולען, איז אזוי אריינגעדרונגען אין בלוט און מארך פון פאלק, אז אפילו די בעסערע עלעמענטען האבען זיך פון דעם נישט געקאנט בעפרייען. עס האט נישט געהאלפען די אידען, וואס זיי האבען פון זיך ארויסגעגעבען א גרויסע צאהל געלעהרטע, וועלכע האבען איבערזעצט פון אראביש און גריכיש אויף לאטייניש פילאזאפישע און מעדיצינישע ווערק און אזוי ארום מיטגעווירקט דער אלגעמיינער ענטוויקלונג; עס האט זיי אויך נישט געהאלפען זייער העכסט נוצליכע טעטיגקייט אויפ'ן געביעט פון וועלט-מסחר, אריינברענגענדיג עשירות אין איירפא, מיטארבייטענדיג ביי איהר עקאנאמישער ענטוויקלונג. פאר דעם אלעם האט מען זיי בעדאנקט נאר מיט צרות און רדיפות.

די בעציהונג פון דער קריסטליכער סביבה צו די אידען אין יענע צייטען קאן מען אמבעסטען ארויסזעהען דערפון, ווי עס האט זיך צו זיי בעצויגען איינער פון די העכסט געבילדעטע דייטש-רוימישע קיסרים. פרידריך דער צווייטער, דער לעצטער האהענשטויפען-קייזער, איז געווען דער גענ'אלסטער און פריידענקענדסטער מאנאך פון זיין יאהרהונדערט. מעהר סיציליאנער, אלס דייטש, האט ער געליעבט די וויסענשאפט און געשטיצט איהרע טרעגער מיט א פירשטליכער פרייער האנד. בשעת מען האט געפרגדעט די אונגערזיטעט און נעאפעל, האט ער געלאזט איבערזעצען פילאזאפישע און אסטראנאמישע ספרים פון אראביש אויף לאטייניש און די דאזיגע ארבייט האט ער אויך איבערגעגעבען פאכמענישגעבילדעטע אידען. מיט איין יונגען אידישען געלעהרטען, רבי יהודה בן שלמה אבן מלכו (מתקה) פון טאלעדא, האט דער קייזער געפיהרט א קארעספאנדענץ און געשטעלט דעם אידישען געלעהרטען פערשיעדענע וויסענשאפטליכע פראגען און רבי יהודה'ס אנטווארטען זענען דעם קייזער אזוי שטארק געפעלען געווען, אז ער האט, משמעות צוליעב דעם, פארגעלעגט איהם צו קומען קיין איטאליען. — א צווייטען אידישען געלעהרטען, רבי יעקב אנאטאלי האט דער קייזער געלאזט ברענגען פון פראוואנס קיין נעאפעל און בעשטימט איהם א יעהרליכע פענסיע, כדי ער זאל זיך בעשעפטיגען מיט'ן איבערזעצען אראבישע ספרים. דאס איז געווען דער איידעם פונ'ם בעוואוסטען איבערזעצער רבי שמואל אבן-תבון, וועלכער האט איבערזעצט דעם

„מורה נבוכים“ און איז דערפאר פערשאלטען געווארען דורך רבי שלמה פון מאנפעליע מיט זיינע חברים. ווי עס שיינט, האט אנאטאלי איבערזעצט דעם „מורה נבוכים“ מיט דער הילף פון א קריסטליכען געלעהרטען פון אראביש אין לאטייניש, און דער קייזער פלעגט זיך אפט פערטיעפען אינ'ם לערנען דעם רמב"ם'ס ספר.

מען האט דעריבער געדארפט ערווארטען, אז פרידריך דער צווייטער זאל זיין פריינדליך געשטימט פאר אידען, בפרט נאך, ווען ער איז בכלל נישט געווען קיין פאנאטיקער און דער פויפסט גרעגאר IX האט איהם אפילו אויך בעשולדיגט, אז ער האט געלעסטערט קריסטוס'ן, און עס איז דאך דעריבער אויך נישט געווען צו גלויבען, אז ער זאל זיין בייז אויף די אידען דערפאר, וואס זיי גלויבען נישט אין איהם. און פונדעסטוועגען איז אט דער קייזער געווען א פערביסענער אידען־פיינד נישט ערגער ווי דער פאנאטישער פראנצויזישער קעניג לודוויג דער הייליגער. זייענדיג א טויט־פיינד פונ'ם פויפסט, וועלכער האט איהם געשטערט אין אלע זיינע אונטערנעהמונגען, האט ער פונדעסטוועגען איינגעפיהרט אין זיינע מדינות די פויפסטליכע בעשלוסען, נישט צו דערלאזען די אידען צו קיין שום מלוכה־שטעלע. אין זיין הויפט־שטאדט פאלערמא האט ער איינגעשלאסען די אידען אין א גהעטא. בלויז אין עסטרייך, אונטער די באבענבערגישע פירשטען, האט מען די אידען צוגעלאזען צו מלוכה־שטעלעס. דער ערצהערצאג פרידריך דער ערשטער מיט'ן ביינאמען דער „קאמפפסמאן“, האט אנערקענט די אידישע פעהיגקייט אין מסחר און געלאזט פערוואלטען זיינע פינאנצען דורך די אידען, וועלכע ער פלעגט אויך בעשענקען מיט עהרען־טיטולען. צוויי ברידער, לעבלין און ניעקעלא, האבען זיך גערופען אפיציעל די „קאמער־גראפען“ פון עסטרייכישען הערצאג. דער ערצהערצאג פרידריך האט אויך ארויסגעגעבען (1244) פאר די אידען א ספעציעלען סטאטוט, וועלכער איז געווען איינגעזאפט מיט א געפיהל פון מענשענליעבע און מענשענרעכט און האט געדארפט בעשיצען די אידען פון יעדער אונגערעכטיגקייט און בעליידיגונג. א קריסט, וואס דער'הרג'עט א אידען, האט געדארפט בעשטראפט ווערען מיט טויט, און פאר'ן פערוואונדען א אידען — מיט א גרויסער געלד־שטראף אדער מיט'ן אבהאקען איהם די האנד. שווערע מסירות געגען א אידען האבען זיך געדארפט בעשטעטיגען נישט בלויז דורך קריסטליכע עדות, נור אויך איין אידישער עדות, לפחות, האט דערביי געדארפט זיין. א קריסט, וואס האט מיט געוואלד געפיהרט א אידיש קינד צום שמד, האט געדארפט בעשטראפט ווערען ווי א גנב וואס גנב'עט א קינד. לויט פרידריכ'ס סטאטוט האבען די אידען אויך געדארפט האבען אנ'אייגענעם בית־דין פאר ענינים צווישען זיך, און די מלוכה־ריכטער האבען אויף זיי קיין שליטה נישט געהאט. אויף די קריסטען האט מען געלעגט א פליכט צו בעציהען זיך מיט אכטונג צו די אי־

דישע בתי-מדרשים און בית-עלמינ׳ס, און פאר יעדע בעליידיגונג פון אזעלכע היילינע ערטער האט דאס געזעץ שטרענג בעשטראפט. די אידען האבען ווידער בעקומען דאס רעכט פריי צו בעוועגען זיך אין האנדלען אין גאנצען לאנד, ווי אויך א בעזונדער פריווילעגיום אויף באנק-געשעפטען און לאמבארדען. קיין גרויסע פראצענטען נעהמען האט מען אפילו נישט געטארט, אבער דאס געשעפט פון פראצענט בכלל איז נישט פערבאטען געווארען. בעזונדערס שטארק האט דער סטאטוט געשטיצט דאס אידישע רעכט צו נעהמען משכנות פאר הלוואות, א שטייגער, ווי דאס וואלט פאר די אידען און פאר׳ן הערצאג געווען דאס וויכטיגסטע געזעץ. דערביי בעמערקט דער ערצהערצאג, אז ער גיט די אידען דאס דאזיגע רעכט, כדי „זיי זאלען אויך אנטיילנעהמען אין זיין חסד און זיין גוטען ווילען“. דער דאזיגער סטאטוט האט אבער געבראכט נוצען אויך די אידען פון אנדערע מדינות, דען אין א משך פון צוויי צעהנדליג יאהר האט מען איהם איינגעפיהרט אויך אין אונגארן, בעהמען, גרוים-פוילען, מיהרען און טהירינגען און שפעטער אויך אין שלעזיען.

א קלײנער הערצאג האט אזוי ארום געגעבען א ביישפיעל, ווי אזוי מען ברויך די אידען צו בעשיצען פאר׳ן ווילקיר און די אנפאלען. דער מעכטיגער קייזער, פרידריך דער צווייטער, דאגעגען, האט פאראיבעל געהאט אויפ׳ן הערצאג פרידריך פאר זיין אידענפריינדליכקייט און האט ארויסגעגעבען א געזעץ, אז די עסטרייכישע אידען דארפען דערוויטערט ווערען פון אלע מלוכה-שטעלעס, כדי זיי, וואס זענען אליין פערורטיילט צו אייביגער קנעכטשאפט, זאלען, אלס בעאמטע, נישט דריקען די קריסטליכע בעפעלקערונג. נישט אזוי פאנאטיש האט זיך בעצויגען צו די אידען א קייזער, וועלכער איז אליין כלל קיין פאנאטיקער נישט געווען, וועלכען די קירכע האט כמעט ארויסגעשטויסען, אנערקענענדיג איהם פאר אנ׳אפיקורוס. מיט א בעזונדער צופרידענהייט האט דער קייזער בעטאנט, אז די אידען זענען איבערהאל דעם קייזערס „קאמערקנעכט“. דער פריידענקענדער קייזער האט זיך שטרענג געהאלטען אן די געזעצען פון לאטעראנישען קאנסיליום, ווען די זאך האט געהאט א שייכות צו די אידען, און נאך שטרענגער פאר די שפאנישע מלכים האט ער דורכגעפיהרט דעם בעפעהל, אז די אידען אין זיינע ירושה-לענדער זאלען טראגען אויף זייערע קליידער די שאנד-לאטע, און האט אויף זיי אויך ארויפגעלעגט גרויסע אבצאהלונגען. די אידען, וועלכע זענען ענטלאפען פון אפריקא בשעת די רדיפות פון די אלמאהאדען, האט ער אפילו ערלויבט צו בעזעצען זיך אין סיציליען, אבער ווערהרענד ער האט אנדערע איינגעוואנדערטע בעפרייט אויף צעהן יאהר פון אבצאהלונגען, האט ער אויף די אנקומענדע אידען באלד ארויפגעלעגט גרויסע אבצאהלונגען און פערבאטען זיי יעדע בעשעפטיגונג, אויסער לאנד-ארבייט.

ביי א נייעם קרייצצוג זענען אנגעפאלען די פערזאמעלטע „היילינע

קעמפפער" אויף די אידישע קהלות אין אנזשו, פואטו, אין די שטעדט באָרדאָ, אנגולעם און אנדערע, וואו זיי האבען זיי געצוואונגען צום שמד. ווייל אבער די אידען האבען זיך געהאלטען פעסט ביים יודענטום, האבען זיך די קרייצציגלער מיט זיי בעגאנגען מיט אונערהערטער גרויזאמקייט; פיעל פון זיי האבען זיי צוטראָטען מיט זייערע פערד, איבערלאָזענדיג די הרוגים נישט בעגראבען, צורייסענדיג איבעראל די ספרי-תורה, פערברענענדיג די אידישע הייזער, נאָכדעם ווי זיי פלעגען זיי בערויבען. העכער דריי טויזענד אידען זענען אומגעקומען ביי דער דאזיגער געלעגענהייט (זומער 1236) און העכער פינף הונדערט אידען זענען געצוואונגען געווארען צום שמד. די איבערגעבליבענע אידען האבען זיך ווידער בעקלאגט ביים פויפסט, וועלכער האט וועגען דעם געשריבען צו די בישאפען און צום פראנצויזישען קעניג לודוויג IX (6-טער סעפטעמבער 1236). דער פויפסט האט זיך אין זיין בריף געקלאגט אויף די שוידערהאפטע מעשים געגען די אידען און אנגעוויזען, אז די קירכע פערלאנגט נישט די פערטיליגונג פון די אידען, ווי אויך נישט מיט געוואלד זיי אבצושמד'ן. וואס פאר א ווירקונג האט אבער געקאנט האבען א בריף פון א פויפסט, וועלכער האט אליין פערפלאנצט די שנאה צו די אידען! דער פראנצויזישער קעניג לודוויג דער נייןטער איז בכלל געווען א גוטער מענש, אבער די גלחים האבען ביי אהם די אידען אזוי פערהאסט געמאכט, אז ער האט נישט געקאנט קוקען גלייכגילטיג א אידען אין פנים. ער האט אויף אלערליי אופנים מיטגעווירקט, אז מען זאל די אידען אבשמד'ן, און די קינדער פון די אבגעשמד'טע אידען פלעגט ער מיט געוואלד לאזען צונעהמען ביי זייערע מוטערם כדי אבצושמד'ן זיי. כדי צו בעפרייען זיך חאטש וויפיעל עס איז פון אזא גרויזאמקייט, האבען די אידען געהאט נור איין איינציג מיטעל — געלד. דורך געלד האבען זיי געפועל'ט ביי'ם ענגלישען קעניג היינריך דעם דריטען, אז ער זאל אין זיינע מדינות לאזען בעקאנט מאכען דורך הערלדען, דאס קיינער זאל זיך נישט דערוועגען צו טהון די אידען קיין שלעכטס. אבער דאס דאזיגע מיטעל האט די אידען געבראכט אויך גרוים שאדען, ווייל כדי צו קאנען בעקומען פיעל געלד פאר זיי מלכים, האבען זיי געמוזט נעהמען ביי זייערע בעלי חובות גרויסע פראצענטען און דאס פלעגט ממילא דערוועקען געגען זיי דעם כעס פון פאלק, וועלכעס פלעגט זיך נוקם זיין אן זיי ביי יעדער געלעגענהייט אויפ'ן גרויזאמסטען אופן. די אפטע אנקלאגען אויף די אידען פאר זייער נעהמען גרויסע פראצענטען האבען בעוועגט לודוויג דעם נייןטען און פראנקרייך צו בעגרענצען די אידישע רעכט, צו נעהמען פראצענטען און מבטל צו מאכען א טייל פון זייערע חובות. ווען אבער לודוויג האט באמת געוואלט ארויסגעבען אזא געזעץ און זיך בעראטען מכח דעם מיט די באראנען, האבען זיי זיך ארויסגעזאגט, אז די קריסטליכע סוחרים און פויערן קאנען אהן הלואות נישט אויסקומען און ס'איז בעסער, אז

מען זאל די אידען דערין נישט בעגרענעצען, ווייל אויב מען וועט דארפען אנקומען צו בארגען געלד ביי א קריסט, וועט מען דארפען צאהלען נאך גרעסערע פראצענטען און ליידען פיעל מעהר, ווי פון די אידען.

ביי אלע דאזיגע רדיפות און יסורים איז נאך געבליבען פאר די אידען איין איינציגער ווינקעל אין לעבען—דער בית-המדרש, וואו אלט און יונג פלעגען זיך פערזאמלען צו לערנען תורה. דער בית-המדרש איז געווען דער איינציגער ארט, וואו דער איד האט געפונען א טרייסט פאר זיינע צרות און יסורים. פערטיפענדיג זיך אין תלמוד, האבען די אידישע לומדים פערגעסען די גאנצע וועלט פון שנאה און רציחה, וואס זי האט זיי ארומגערינגעלט. דער ריינער אבסטראקטער געדאנק האט בעלויכטען זייערע פערטרויערטע פנים'ער. צו פערענטפערן א שווערע קשיא אין תלמוד, איז געווען דאס גרעסטע גליק, וואס א איד האט געקאנט געפינען אין די שווערע צייטען פון זיין לעבען. קיין וואונדער, וואס די שטרעבונג פון יעדער אידען, די האפנונג פון יעדע מאטע-מאמען איז געווען זייער קינד זאל זיין א למדן. ווי נור דאס קינד פלעגט אנהייבען צו רעדען, פלעגט מען איהם אוועקפיהרען אין שוהל, אדער אין חדר, איינגעהילט אין א טלית, כדי ער זאל נישט דערזעהען אויפ'ן גאס קיין טמא זאך און מען פלעגט מיט איהם אנהויבען לערנען „אלף בית“, דערביי פלעגט מען איהם פארלעזען עטליכע פסוקים, וואס פאסען צום מאמענט. דער טאג, ווען מען פלעגט א אידיש קינד צום ערשטען מאל אין חדר אריינפירענגען, איז געווען א יום-טוב פאר זיינע עלטערן און פאר דער קהלה. ווען דאס קינד האט געהאט א גוט קעפעל, פלעגט מען איהם גלייך פון אלף-בית אריינפיהרען אין לערנען חומש און דערנאך אין תלמוד. אזא פעדאגאגיש סיסטעם איז געוויס געווען איינזייטיג, אבער אין איהם איז געווען עטוואס אידעאלישעס. אינ'ם דאזיגען אינערליכען הייליגטום פון אידישען לעבען איז נאך קיין פיינדליכע מאכט נישט אריינגעקומען. די וועלטליכע מאכט האט זיך וועגען דעם גאנץ ווייניג געקימערט, זי האט נאר געוואוסט אנצוטהון אידען צרות בכלל.

אבער אויך דער רוהיגער ווינקעל פון אידישען לעבען האט אנגעהויבען צושטערט צו ווערען. דאס נייע אונגליק אויף אידען האט געבראכט א משומד, וועלכער האט דערוועקט געגען זיינע פריהערדיגע ברידער אי די וועלטליכע, אי די גלחישע מאכט. א איד א למדן פון לא ראשעל מיט'ן נאמען דאנין, אדער דונין, האט זיך עפענטליך ארויסגעזאגט, אז ער האט אויפגעהערט צו גלויבען אין תורה שבעל פה (אין תלמוד). די פראנצויזישע רבנים האבען איהם דערפאר אריינגעלייגט אין חרם. נישט געפינענדיג מעהר קיין שטיצע נישט אין אידישע און נישט אין קריסטליכע קרייזען, האט ער זיך געשמד'ט און אנגענומען דעם נאמען ניקאלאי. פיל האס געגען די רבנים און געגען דעם תלמוד, האט ער זיך בעשלאסען נקמה צו נעהמען פון ביידע צוגלייך. ווי עס שיינט, האבען איהם די גלחים

פיהרט מיט זייערע עצות, און אט האט ער אויפגעהעצט געגען די אידען און זייערע ספרים דעם המון און געבראכט צו די שחיטות, וואס די קרייצציגלער האבען געמאכט אין אנזשו און פואטו, ווי שוין דערמאנט. דער מיט האט זיך אבער זיין נקמה נאך נישט געזעטיגט. ער איז אוועקגעגאנגען קיין רוים, וואו ער איז ארויסגעטרעטען פאר'ן פויפסט גרעגאר IX אלס אנקלאגער אויפ'ן תלמוד, אז ער פערדרעהט דעם געדאנק פון תנ"ך און לערנט צו האבען אן אונווירדיגען בעגריף פון גאט; די רבנים אבער עהרען דעם תלמוד און האלטען איהם נאך הייליגער, ווי דעם תנ"ך; ענדליך האט דער משומד געמסר'ט, אז אין תלמוד געפינען זיך לעסטערונגען געגען ישו און זיין מוטער. ניקאלאי האט דערביי דערוויזען דעם פויפסט, אז נאר דער תלמוד האט ערצויגען די אידען אין זייער עקשנות געגען דעם קריסטענטום, און ווען נישט דער תלמוד וואלטען די אידען בלוכר'ש'ט שוין לאנג איבערגעגאנגען צום קריסטענטום. דער משומד האט דערביי געמאכט פיעל אויסצוגען פון תלמוד, וואס א טייל פון זיי זענען לויט זיין אויסטייטשונג, געווען א לעסטערונג געגען גאט, א טייל ווידער האט געלערנט אבצונארען קריסטען און בעגעהן זיך מיט זיי אונעהרליך און, ענדליך, אייניגע, וועלכע האבען זיך בעצויגען אויף ישו און זיין מוטער. ווען מען וואלט די פראגע בעטראכט עהרליך, דאס הייסט: היסטאריש, ווען מען וואלט, למשל, פערגליכען די אנגעוויזענע שטעלען פון תלמוד מיט עהנליכע ערטער ביי די קירכען־פאטער פון זיין צייט, וועלכע האבען וועגען אידען געשריבען אין א טאן פון האס און צארן, וואלטען די אייניגע אויסדריקען פון תלמוד ערשינען אלס קינדיש־אונשולדיג געגען יענע. אבער די קאטוילישע קירכע האט איצט געהאט די מאכט און איהר רשות און זי האט כלל נישט געטראכט דעם ענין ריכטיג און עהרליך צו בעהאנדלען. דערצו האט נאך דער משומד פערדרעהט די געבראכטע ערטער פון תלמוד און אנגערעדט געגען איהם אויך פיעל שקרים.

פאר'ן פויפסט גרעגאר IX איז אלזא די זאך געווען קלאר, דען קיין בעסערע בעווייזען, ווי דאס עדות־זאגען פון א משומד, האט ער נישט געברויכט. ער האט דעריבער באלד צוזאמענגערופען אלע בישאפען פון פראנקרייך, ענגלאנד, קאסטיליען, אראגאניען און פארטוגאל, פארגעלעגט פאר זיי די אנקלאגע פונ'ם משומד ניקאלאי, און בעפוילען זיי, אז זיי זאלען אינ'ם ערשטען שבת פון דער קריסטליכער תענית־וואך אין דער פריה, בשעת די אידען וועלען זיך פערזאמלען אין די שוהלען צום דאווענען, קאנפיסקירען אין אלע אידישע הייזער און שוהלען די מסכתות פון תלמוד און איבערגעבען זיי די דאמיניקאנער, אדער פראנציסקאנער גלחים. די מלכים און פירשטען פון די דערמאנטע לענדער האט דער פויפסט בעפוילען, צו שטיצען די גלחים אין זייער ארבייט מיט זייער וועלטליכער מאכט. די פארשטעהער פון דאמיניקאנישען און פראנציסקאנישען ארדען, וועלכע זענען געווען די ריכטער פון דער אינקוויזיציע,

האט דער פויפסט בעפויהלען, צו לאזען בעטראכטען די מאמרים אין תלמוד, וועלכע דער משומד ניקאלאי האט אנגעוויזען, און, אויב עס וועט זיין ארויסוויזען, אז אזעלכע מאמרים געפינען זיך דארט, זאל מען די מסכתות עפענטליך פערברענען (יוני 1239). דעם משומד ניקאלאי האט ער ווידער געגעבען א בריף צום בישאף פון פאריז, אז ער זאל אין פראנקרייך, וואו עס געפינען זיך די הויפט־שולען פון די בעלי־התוספות, בעזונדערם שטרענג זיך נעהמען צו דער ארבייט.

אין שפאניען און אין ענגלאנד האט מען די דאזיגע בעפעהלען פון פויפסט גרעגאר IX גארנישט אנגעהויבען דורכצופיהרען. נור אין פראנקרייך, וואו דער קעניג לודוויג IX איז א גאנצען געווען אונטער'ן איינפלוס פון די גלחים, האט מען דעם תלמוד קאנפיסקירט, וואו מען האט איהם נור ענטדעקט, און די אידען האט מען געשטראפט מיט א שטרענגער שטראף, אויב זיי וועלען בעהאלטען ספרים און נישט ארויסגעבען זיי. דאן האט מען אויך געמאכט א פראצעס איבער דעם תלמוד. דער קעניג האט דערצו איינגעארדענט א וכוח צווישען פיער רבנים און דעם משומד דאנין, כדי אבצווארפען די אנקלאגע געגען דעם תלמוד, אדער צו אנערקענען זי. די פיער רבנים, וועלכע זענען גערופען געווארען אנטייל צונעהמען אין דיספוט, זענען געווען: רבי יחיאל ברבי יוסף פון פאריז, רבי משה מקוצי (סמ"ג), וועלכער איז דאמאלס געקומען צוריק פון זיין רייזע אין שפאניען, רבי יהודה ברבי דוד פון מעלון און רבי שמואל ברבי שלמה פון שאטא־טהיערי. רבי יחיאל פון פאריז איז אויסגעקליבען געווארען פאר'ן הויפט־רעדנער, ווייל ער איז בעסער פאר זיינע חברים געווען „בעקענט מיט די גלחים", ווי ער דריקט זיך אוים אליין. דער וכוח איז פארגעקומען אויף לאטייניש אין קעניגליכען הויף (25 טען יוני 1240) אין געגענווארט פון פיעל בישאפען און דאמיניקאנער; אויך די קלוגע קעניגין מוטער, בלאנש, איז געקומען צום דיספוט.

תחלת האט רבי יחיאל גאר אבגעזאגט זיך צו ענטפערען אויף די אנקלאגען. בערופענדיג זיך אויף דער קאנסטיטוציע פון די פויפסטען, וועלכע האבען בעשטעטיגט, אז די אידען האבען אין זייערע אינערליכע אנגעלעגענהייטען פאלקאמע אונאבהענגיגקייט און דער תלמוד איז דאס לעבענס־עלעמענט פאר די אידען, וועלכע זענען גרייט מוסר־נפש צו זיין זיך פאר איהם. די קעניגין האט איהם אבער בערוהיגט, ערקלערענדיג, אז פאר זייער לעבען איז קיין געפאהר נישטא, דען זי וועט זיי בעשיצען, נור ער זאל ענטפערען אויף די אלע פראגען, וואס מען האט איהם געשטעלט. ווען דער משומד דאנין האט געפאדערט, אז רבי יחיאל זאל שווערען, דאס ער וועט ענטפערען ערהרליך לויט זיין פערשטאנד, אהן קיין שום פשט לייגען, כדי צו פערדרעהען דעם אמת, האט רבי יחיאל ערקלערט, אז ער האט אין זיין לעבען נאך קיינמאל נישט געשווארען און ער וויל נישט אנרופען

גאָט׳ס נאָמען אומזיסט. דערויף האָט איהם די קעניגין בעפרייט פון דער שבועה. עס האָט זיך אלזאָ אנגעהויבען דער וכוח וועגען דעם, אויב אין תלמוד געפינען זיך שטעלען געגען דער גאָטהייט און געגען דער זיטליכ־קייט, ווי אויך אויב אין איהם זענען פאַרהאַן לעסטערונגען געגען קריס־טוס׳ן. רבי יחיאל האָט וועגען דעם צווייטען פונקט ערקלערט, אז געגען קריסטוס׳ן פערזענליך איז אין תלמוד נישטאָ קיין שלעכטס, און געבראַכט דערצו אַ ראיה דערפון, וואָס די אַלטע לעהרער פון דער קירכע, ווי היע־ראָנימוס און אַנדערע, וועלכע האָבען דעם תלמוד געקענט, האָבען איהם אין אזאַ זאַך נישט בעשולדיגט, און נור דער משומד דאָנין האָט די דאָ־זיגע אונגערעכטע בעשולדיגונג צוערשט ארויסגעשטעלט, ווייל ער וויל זיך נוקם זיין אין די פריהערדיגע ברידער.

צוויי טעג האָט געדויערט דער דיספוט מיט רבי יחיאל׳ן, און אין דער צייט האָבען אַלע אידען אין פאַריז געפאַסט און מתפלל געווען אין די שוה־לען, אז גאָט זאָל פון זיי אַבווענדען די געפאַהר. אויפ׳ן דריטען טאָג האָט מען אַנגעהויבען אויסהערען דעם דיספוטאַנט רבי יהודה פון מעלון, וועל־כער איז פריהער געווען אַרעסטירט אין תפיסה, כדי ער זאָל זיך נישט קאָנען צוזאַמענרעדען מיט רבי יחיאל׳ן און ערקלערען דאָס אייגענע. רבי יהודה איז אין די הויפט־פונקטען געווען איינשטימיג מיט רבי יחיאל׳ן. די איבריגע רבנים האָט מען גאַרנישט אויסגעהערט. ווי עס שיינט, האָט זיך משתדל געווען פאַר די אידען אַן איינפלוסרייכער בישאָף און געפועל׳ט, אז מען זאָל די קאָנפיסקירטע מסכתות אינגאַנצען אָדער טיילוויז צוריק־געבען די אידען. צום אונגליק אָבער איז דער בישאָף פלוצלונג געשטאָר־בען. די פאַנאַטישע מאָנאַכען האָבען דערין געזעהען אַ געטליכע בעשטראַ־פונג פאַר זיין פריינדשאַפט פאַר די אידען און זיי האָבען דאָס אויך איינ־געשמועסט דעם שוואַכקעפּיגען קעניג. דעריבער האָט מען אויפ׳ן בעפעהל פון קעניג צוריק אַבגענומען ביי די אידען די מסכתות פון תלמוד און געבראַכט זיי אויף 24 וואַגאָנעס קיין פאַריז, וואו מען האָט זיי פער־ברענט אויף אַן עפענטליכען פּלאַץ (1242—ה׳ אלפים ב׳, 6־טען תמוז).

צוויי יונגע תלמידי חכמים: רבי מאיר פון ראָטהענבערג (ר״ם מרוטנברג) און רבי אברהם בדרשי (Bedaresi) האָבען מחבר געווען קינות אויף דער דאָזיגער געשעהעניש. דער אידישער וועהטאָג איז געווען אזוי גרויס, ווי מען וואָלט זיי אַ שטיק האַרץ אויסגעריסען. די פרומע אידען פלעגען אַלע יאָהר פאַסטען אינ׳ם טאָג, ווען מען האָט דעם תלמוד פערברענט.

אַ געוויסען נוצען האָבען אָבער די אידען געהאַט פון אַט דער טרויעריגער לעקציע: עס האָט אויפגעהערט די מחלוקת וועגען דעם רמב״ם׳ס ספרים. רבי יונה גירונדי האָט זיך עפענטליך מודה געווען, אַז מען איז אונגערעכט געווען מיט׳ן הרם געגען די אַנהענגער פון רמב״ם און דאָס פערברענען דעם תלמוד איז געווען אַ שטראָף פון גאָט פאַר׳ן פערברענען

דעם רמב״ם׳ס ספרים. די דאזיגע געשעהעניש האט אלזא איבערצייגט בעסער ווי אלע ערקלערונגען פון די רמב״ם אנהענגער. ווען מען האט געמסר׳ט דעם פויפסט אינאצענץ IV, אז די אידען לערנען נאך אלץ דעם תלמוד, האט ער באלד געשריבען צום פראנצויזישען קעניג, דאס מען זאל שטרענג רעווידירען די אידישע הייזער און אבנעהמען די ש״ס׳ן און מסכתות, כדי זיי צו פערברענען. אין פראנקרייך האט מען נאכדעם פער־ברענט דעם תלמוד עטליכע מאל.

אזוי ארום האבען זיך איבערגעחזר׳ט בעגרענצונגען און רדיפות געגען די אידען פון יאהר צו יאהר אין דעם אדער אין יענעם לאנד, מייסטענס אבער אין דייטשלאנד. אויף די אידען האבען זיך געשאטען אלערליי בע־שולדיגונגען: אזוי, למשל, ווען אין יענער צייט זענען פארגעקומען אין אייראפא מאנגאלען, אונטער דעם ווילדען טשינגיזכאן, און האבען פער־ברענט פיעל שטעדט אין רוסלאנד און אין פוילען, קומענדיג אויך צו דער דייטשער גרענעץ — האט מען בעשולדיגט די אידען, אז זיי האבען בשתיקה געשטיצט די פיינד פון די קריסטען. צווישען די מאנגאלען זענען, בלי ספק, געווען אויך אידישע קעמפפער, פון די אונאבהענגיגע אידישע שבטים, וואס האבען געלעבט אין כאראסאן, אדער לויט ווי די לעגענדע האט דערצעהלט, אז דאס זענען געווען די אידען פון די עשרת השבטים, וועלכע האבען געלעבט צווישען די קאספישע בערג. צי האבען אבער די דייטשע אידען געהאט גאר א בעגריף וועגען זייערע ברידער אין די מאנגאלישע מחנות? בעשולדיגט האט מען די אידען, אז זיי האבען כלומרש׳ט ערקלערט, דאס זיי שיקען אין פעסער פער׳סמ׳טע געטראנקען צו די מאנגאלען. אין דער ווירקליכקייט אבער האבען זיי געשיקט גאר צו די מאגאלען געוועהר. און צוליעב אט דעם ווילדען בלבול איז מען אין דייטשלאד בעפאלען די אידען אין פיעל ערטער און געמאכט צווישען זיי גרויזאמע שחיטות.

אויך פון אלע צווייגען פון לעבען האט מען די אידען ביסלעכווייז פערטריבען. די מעדיצין האט זיך דאמאלס געפונען מייסטענס אין די אידישע הענד. כמעט יעדער פירשט אדער שר האט געהאט ביי זיך א אידישען לייב־דאקטאר, וועלכער האט מעהר אדער ווייניגער געהאט אנ׳איינפלוס אויף איהם, קורירענדיג איהם און זיין הויזגעזינד און הויפלייט. דאס איז אבער ניט געפעלען געווארען די גלחים און אויף דער קירכען־פערזאמלונג אין בעזיע (1246) האט מען ציערשט בעשלאסען צו פערבאטען די אידען צו קורירען קריסטען. די דאזיגע בעגרענצונג האט מען איבערגעחזר׳ט נאך אין אנדערע פראנצויזישע קאנסיליען. די אידען האבען הויכסט ענטוויקעלט די מעדיצינישע וויסענשאפט אין דרום־פראנקרייך. די בני תבון, דער זיידע, דער זוהן און דער אייניקעל, זענען געווען די לעהרער פון די קריסטליכע דאקטוירים, און אט האט מען פער־באטען רבי משה אבן תבון (1250—1265), דעם איבערזעצער פון

פילאזאפישע און מעדיצינישע ווערק, צו קורירען די קריסטען אויף אזא אופן האט מען אויך פערבאטען צו געבען הילף די קריסטליכע חולאים נאך פיעל אנדערע בעריהמטע פראפעסארען אין דער מעדיצין. — אבער דאס דאזיגע געזעץ איז געוועזען אזוי ווילד, אז מען האט עס נישט געקאנט אזוי לייכט דורכפיהרען אין לעבען. דער קראנקער קריסט האט געטראכט נישט וועגען די גלחישע טעהצען, נור קודם־כל וועגען זיין געזונדהייט. ווען דער ברודער פונ'ם פאנאטישען פראנצויזישען קעניג לודוויג IX, דער גראף פון פואטו און טולוזא, איז קראנק געווארען אויף די אויגען, האט ער געמוזט בעטען, ווי א חסד, דעם אידישען אויגען־דאקטאר אברהם פון אראגאניען, אז ער זאל קומען איהם קורירען. אין מאנפעליער וואו עס איז געוועזען א בעריהמטע מעדיצינישע הויכשולע, האט מען אויך א געוויסע צייט נאכדעם ערלויבט די אידען צו האלטען עקזאמען און פראקטיצירען, אדער אויך ווערען אפילו פראפעסארען.

זעהר טרויעריג איז געווען די לאגע פון די אידען אין ענגלאנד אין דער זעלביגער צייט אונטער דער לאנגער רעגירונג פון היינריך דעם דריטען (1216—1272), וועלכער איז אפילו געוועזען עטוואס בעסער פאר זיין אכזריות'דיגען פאטער יאהאן, ער האט זאגאר ערלויבט די נייאנגעקומענע אידען צו בעזעצען זיך אין זיינע ירושה־לענדער און אויך אבגעהאלטען די אונדולדזאמקייט פון די גלחים געגען די אידען. ער האט אויך בעשטימט א רב־הכולל איבער אלע ענגלישע קהלות; באמת אבער איז דער קעניג דערמיט נישט אויסען געוועזען די אידישע טובה, דען דער רב האט געדארפט זאמלען אלע אבצאהלונגען פון די אידען פאר דער מלוכה און איז געוועזען אזוי ארום מעהר בעאמטער, וואס איז נויטיג פאר דער מלוכה, איידער א רב, וועלכען די אידען ברויכען צו האבען. כדי צו האבען גענוג געלד פאר זיינע אייגענע פערשווענדונגען, ווי אויך פאר'ן בריטען לעבען פון פויפסטליכען לעגאט, פלעגט דער קעניג שטענדיג ארויפלעגען נייע אבצאהלונגען אויף די אידען, אדער בעשטימען פלוצלונג, אז זיי מוזען איהם אריינטראגען א גרויסע סומע געלד. די אידען האבען גענוג דעם גארנישט געקאנט אונטערנעהמען. און דאס פארלאמענט פלעגט אויסקלייבען מענשען, וועלכע פלעגען דארפען די פערלאנגטע סומע איינטיילען צווישען די קהלות און אליין אויפמאהנען ביי זיי. און ווען דער קעניג היינריך האט די אידען שוין גענוג אויסגעזויגען, האט ער זיי פער'משכנ'ט ביי זיין ברודער ריכארד, וועלכער איז נאך געוועזען ערגער פון איהם.

אויסער דעם האבען געשונדען די אידען אויך די גלחים דורך זייערע געזעצען. זיי האבען געפועל'ט ביי'ם קעניג, אז ס'זאל פערבאטען ווערען די אידען צו בויען נייע שוהלען, צו דאווענען אין די שוהלען „בקול רם" און צווינגען זיי טראגען די שאנד־לאטע אויף די קליידער, ווי אויך נאך פיעל אנדערע גזרות. דאס לעבען איז די אידען אזוי פערביטערט געווארען, אז דער לאנדאנער רב־הכולל רבי אליהו מיט זיין בית־דין האט א

ערקלערט אין נאָמען פון די קהלות, אַז זיי זענען מעהר נישט אימשטאַנד צו געבען אַזעלכע גרויסע אָבצאָהלונגען און זיי בעטען דעריבער ביי'ם קעניג, דאָס ער זאָל זיי ערלויבען אויסצוּוואַנדערען פון לאַנד. ווי טרויעריג עס זאָל פאַר זיי נישט זיין די דאָזיגע אויסוואַנדערונג, איז זי דאָך בעסער, איידער אַזאַ לעבען. די דאָזיגע ערקלערונג האָט זיי אָבער נישט געהאָלפען. די אידען האָבען געמוזט בלייבען אין ענגלאַנד געגען זייער ווילען און צאָהלען דער מלוכה, וואָס מען האָט פון זיי געפאָדערט. כדי צו בעקומען אָבער דאָס געלד, האָבען זיי געמוזט נעהמען ביי די קריסטען גרויסע פּראָצענטען און דאַדורך דערוועקען געגען זיך דעם שרעקליכען פאָלקס-צאָרן. די אידען האָבען אַלזאָ געדינט פאַר'ן קעניג און זיינע שרים פאַר אַ שוואָם, דורך וועלכען מען זויגט אויס דאָס בלוט ביי'ם פאָלק. עס עקזיסטירט נאָך אַ דאָקומענט פון יענער צייט, פון וועלכען מען קאָן ארויסזעהען, ווי גרויס ס'זענען די אָבצאָהלונגען, וואָס היינריך דער דריטער פלעגט ארויסלעגען אויף די אידען: אין 7 יאָהר האָבען זיי געמוזט איינצאָהלען פיער מיליאָן צוויי הונדערט מיט צוואַנציג טויזענד מאַרק. איין איינציגער איד, אַהרן פון יאָרק, האָט אין אַ משך פון זיבען יאָהר געמוזט אויסצאָהלען דעם קעניג דרייסיג טויזענד מאַרק אין זילבער און דער קעניגין אויסער דעם צוויי הונדערט מאַרק אין גאָלד. אַזעלכע סומען זענען פאַר יענער צייט געווען געוואַלדיג גרויס.

אין פערגלייך מיט דער לאַגע פון זייערע ברידער אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד און ענגלאַנד, האָבען די אידען אין שפּאַניען געלעבט פיעל בעסער, קוקענדיג אויף זייער לאַגע אָבערפלעכליך. אין קאַסטיליען האָט דאַמאָלס געקעניגט אַלפאָנזאָ X (1252—1284), וועלכען מען האָט געגעבען אַ ביינאָמען: „דער חכם“, דען ער האָט אין דער ווירקליכקייט געליעבט די וויסענשאַפט און געוואָלט געהן אין די דרכים פון די פריהערדיגע מחמד'אַנישע מלכים עבדרחמן III און אלחכים. אַלפאָנזאָ איז כלל נישט געווען אַזוי אונדולדזאַם, ווי זיין פאָטער פערדינאַנד דער „הייליגער“. אין דער מלחמה געגען סעווילאַ, וועלכע ער האָט געפיהרט, זייענדיג נאָך קרוינפּרינץ, זענען געווען אין זיין מחנה אויך אידישע קעמפפער. בשעת ער האָט די שטאָדט איינגענומען און איינגעטיילט די גיטער צווישען זיינע לייט, האָט ער אויך נישט פערגעסען אַן די אידען און געגעבען זיי לאַנד, וועלכעס האָט געדאַרפט געהערען צו זיי אליין, אין אַן אייגענעם אידישען דאָרף. די אידען פון סעווילאַ, וועלכע האָבען מיטגעווירקט, אַז ער זאָל די שטאָדט קאָנען איינעהמען, ווייל זיי האָבען זיך געוואָלט בעפרייען פון די אַלמאָהאַדען, אונטער וועלכע זיי האָבען געמוזט לעבען אַלס אנוסים אין מחמד'אַנישען גלויבען, האָט ער אָבגעגעבען דריי מחמד'אַנישע געבעט-הייזער, פון וועלכע זיי האָבען געמאַכט שוהלען. אַ גרויסער שטאָדט-טייל, אָבגעזונדערט פון די איבעריגע טיילען דורך אַ מויער, האָט געהערט צו זיי. אַלס אַ דאַנק דערפאַר האָט די אידישע קהלה פון סעווילאַ

דערלאַנגט דעם קעניג אַ קינסטלעריש אויסגעאַרבייטען שליסעל מיט אַ העברעאישער און שפּאַנישער אויפשריפט: „דער מלך המלכים עפענט, דער מלך פון לאַנד וועט אַריינקומען“. ווען אַלפאָנזאָ איז קעניג געוואָרען, האָט ער פיעל אידען בעשטימט אויף מלוכה־שטעלען. אַ געבילדעטער איד און אַ תלמודיסט, דאָן מאיר דע מאַלעאַה, איז בעשטימט געוואָרען פאַר אַ פינאַנץ־מיניסטער מיט׳ן טיטול „אַלמאָקסאַריף“. ווי עס שיינט, האָט ער זיין אַמט אָבגעהיט העכסט ערליך, דען נאָך זיין טויט האָט דער קעניג איבערגעגעבען זיין שטעלע זיין זוהן דאָן צאַג (יצחק). בכלל איז אַ גאַנץ לאַנגע צייט אין קאַסטיליען געווען אַ מנהג צו בעשטימען פאַר פינאַנץ־מיניסטאָרען נור אידען, וויל זיי האָבען די פינאַנציעלע ענינים פערשטאַנען פיעל בעסער ווי די קריסטליכע ריטער, וועלכע האָבען געקאָנט נור שלאָגען זיך מיט׳ן שווערד. אויך אַנדערע אידען זענען געווען מקורבים אין אַלפאָנזאָ׳ס הויף: ער האָט געהאַט אַ אידישען לייב־דאָקטאָר דאָן יהודה בן משה הכהן, וועלכער איז אויך געווען אַסטראָנאָם און אַסטראָלאָג. קריסטליכע געלעהרטע, וואָס זאָלען קענען אַראַביש, זענען דאַמאָלס געווען זעהר וועניג, חאָטש די קריסטען האָבען געלעבט צווישען די אַראַבער. די אידען האָבען דעריבער איבעראַל געמוזט ערשיינען אַלס פערמיטלער, און זיי זענען אויך געווען די איינציגע איבערזעצער פון די וויסענשאַפטליכע אַראַבישע ביכער. די אידען פלעגען מאַכען די איבערזעצונג אויף שפּאַניש און דערנאָך פלעגען עס די גלחים איבערזעצען אויף לאַטייניש. דעם חזן פון דער טאָלעדאָער שול, רבי יצחק (צאַג) אבן סעיד, האָט דער קעניג געגעבען דעם טיטול „זיין חכם“, וויל ער איז געווען אַ גרויסער אַסטראָנאָם, און אַט דעם חזן האָט דער קעניג אַנגעטרויט די וויכטיגע אויפגאַבע צוזאַמענצושטעלען אַסטראָנאָמישע טאַפּעלן (לוחות פון די שטערען, זון און דער לבנה), וועלכע עס האָבען בענוצט די אַסטראָנאָמען ביז דער נייער עפּאָכע פון די גרויסע אַסטראָנאָמישע ענטדעקונגען, און זיי זענען בעוואוסט געווען מיט׳ן נאָמען „די אַלפאָנזינישע טאַפּעלן“, חאָטש זיי האָבען מיט פיעל מעהר רעכט געדאַרפט הייסען „די חזנישע“ אָדער „יצחקישע“, וויל דער חזן יצחק האָט זיי צוזאַמענגעשטעלט. אין אַלפאָנזאָ׳ס הויף איז געווען נאָך אַ געלעהרטער איד דאָן שמואל הלוי, וועלכער איז בעוואוסט דורך זיין קינסטלערישען וואַסער־זייגער, וועלכען ער האָט געמאַכט אויפ׳ן בעפעהל פון קעניג. נאַטירליך, איז די גלחים נישט געפעלען געוואָרען, וואָס די אידען זענען געווען אַזעלכע מקורבים אינ׳ם קעניגליכען הויף, און דער פּויפּסט ניקאָלאַי III האָט אויסגערעכענט אַ גאַנצע רשימה פון חטאים, וואָס שטאַמען דערפון, וואָס מען איז מקרב די אידען.

אָבער אויב אַלפאָנזאָ האָט יאָ פערשטאַנען אַזוי גוט אויסצונוצען די גרויסע קענטניש און פעהיגקייט פון די געלעהרטע אידען, איז דאָדורך די לאַגע פון די אידען אין קאַסטיליען בכלל נישט געווען קיין גינסטיגע, ווי

עס האט געקאנט אויסווייזען אויפ'ן ערשטען בליק. די זאמען פון דער שנאה צו די אידען, וואס דער פויפסט אינאצענץ III האט פערזייהט, האבען אויך פאר איהם פרוכטען געבראכט. אלפאנזא האט זעהר פיעל בעגרענעצט די אידישע רעכט, כדי צו ערפילען דאדורך דעם ווילען פון די גלחים. עס איז נישט בעוואוסט, ווער עס האט אויפגעגראבען צוריק די אור־אלטע וועסט־גאטישע געזעץ־זאמלונג וועגען די אידען: צי ער צי זיין פאטער. א פאקט איז אבער, אז ער האט געטראכט צו בעגרענעצען די אידישע רעכט נאך יענע אלטע געזעצען. אלפאנזא האט נעמליך געלאזט צוזאמענשטעלען (1257—1266) א ניי בוך פון געזעצען, וואס א בעזונדערער חלק איז געווען געווידמעט די אידען. אינ'ם דאזיגען בוך ווערט וועגען אידען געזאגט פאלגענדעס: „חאטש די אידען לייקענען אין קריסטוס'ן, פונדעסטוועגען דולדעט מען זיי אין אלע קריסטליכע לענדער, כדי זיי זאלען אלעמען דערמאנען, דאס זיי געהערען צו יענעם פאלק, וואס האט ישו געקרייציגט. פריהער האט דאס דאזיגע פאלק געהייסען „גאטס־פאלק“, אבער וויל זיי האבען זיך פערזינדיגט געגען ישו, האבען זיי אט דעם נאמען פערלוירען. קיין איד דארף דעריבער נישט בעשטיממט ווערען אין שפאניען אויף אן עהרען־שטעלע“. אלע בעגרענעצונגען, וועלכע די גיפטיגע ביזאנטינער, אדער די וועסטגאטען האבען פאר די אידען אויסגעטראכט, האט אלפאנזא אריינגענומען אין זיין „זאמלונג“. ניי איז נור געווען דאס, אז „די אידען און די אידענעס ברויכען צו טראגען א בעזונדערע צייכען אויף זייערע היט; ווער עס וועט בעגעגענט ווערען אין גאס אהן אזא צייכען, דארף בעשטראפט ווערען מיט א גרויסער סומע געלד און, אויב ער איז ארעם, מיט צעהן שמיץ מיט דער בייטש, די אידען און קריסטען טארען צוזאמען נישט עסען ביי איין טיש, נישט באדען זיך צוזאמען“. אלפאנזא האט אויך אנגענומען דאס גלחישע געזעץ, אז די אידען זאלען זיך נישט בעווייזען אויף דער גאס דעם פרייטאג, וואס פאר זייער פסחא. דער „חכם“ אלפאנזא האט אויך געגלויבט אינ'ם שענדליכען בלוט־בלבול אויף אידען און האט ארויסגעגעבען א געזעץ, אז א איד, וואס וועט אין פרייטאג פאר זייער פסחא אויפהענגען (קרייציגען) אפילו א וואקסענע פיגור, זאל בעשטראפט ווערען מיט'ן טויט.— אומזיסט האט דער פויפסט אינאצענץ IV אנערקענט די פאלשקייט פונ'ם דאזיגען בלבול און בעוויזען די אונשולדיגקייט פון די אידען. דארט וואו די פויפסטליכע שטימע האט גערעדט לטובת די אידען האט זי געהאט א שוואכע ווירקונג. מען וואלט גארנישט געקאנט גלויבען, דאס א קעניג, וועלכער האט אליין געהאט א אידישען לייב־דאקטאר, זאל ארויסגעבען א געזעץ, אז א קריסט טאר זיך נישט לאזען קורירען דורך א אידען. לויט'ן אלגעמיינעם גייסט פון אזא געזעצגעבונג איז נאך געווען זעהר פיעל, אז ער האט ערקלערט, דאס די אידישע שוהלען דארפען נישט געשענדעט ווערען, אז מען טאר די אידען נישט שלעפען מיט געוואלד צום שמד, אדער צווינגען זיי צו

שטעלען זיך צום געריכט און זייערע ימים טובים און אז א שבועה דארפען זיי געבען אויף זייער תורה, אהן יענער ערנידערינענדער צערעמאניע, ווי עס איז דאמאלס איינגעפיהרט געווען אין דייטשלאנד.

אין אראגאניען האבען די אידען געהאט נאך פיעל ערגער. צוויי סבות זענען דארט געווען, וואס האבען שלעכט געווירקט אויפ'ן דארטיגען קעניג יאקאב I, אז ער זאל זיך בעציהען שלעכט צו אידען: ערשטענס, זיינע פראווינצען אין דרום פראנקרייך, וועלכע האבען געבראכט דערצו, אז דער קעניג איז געשטאנען אין ענגע פערבינדונגען מיט'ן פראנצויזישען קעניג און אזוי ארום אבגעלערנט זיך פון איהם, ווי אזוי מען דארף רודפ'ן די אידען. צווייטענס, איז דער דאזיגער קעניג געווען זעהר אנ'אויסגעלאסענער און פלעגט זיך דעריבער דארפען אפט מתודה זיין אין זיינע חטאים פאר זיין גלח, וועלכען ער האט אלזא געמוזט פאלגען, ווענינסטענס, אין זיינע עצות צו רודפ'ן די אידען און די מחמד'אנער. דער גענעראל פון דאמיניקאנער ארדען, דע פעניאפארט, האט געפלאנט צו צווינגען צום שמד די אידען און די מחמד'אנער. אין די העכערע שולען, וועלכע זענען געווען אין רשות פון די דאמיניקאנער, האט מען ספעציעל צוליעב דעם געלערנט העברעיש און אראביש, כדי די גלחים זאלען קענען האלטען דרשות פאר די אידען און מחמד'אנער און איבערערען זיי צום שמד. און פאר אט דעם דע פעניאפארט פלעגט דער קעניג זיך תמיד מתודה זיין און זיינע עצות פלעגט ער ערפילען.

איינער פון די תלמידים פון די דאמיניקאנער, דער משומד פאבלא כריסטיאני, האט זיך דער ערשטער געלאזען אויף דער רייזע צו דרש'ענען פאר די אידען, אז זיי זאלען זיך שמד'ן, ערקלערענדיג, אז משיח איז שוין לאנג געקומען אין דער פערזאן פון קריסטוס. ווען ער האט אבער איינגעזעהען, אז די אידען אינטערעסירען זיך גאנץ ווענ.ג מיט זיינע דרשות, האט ער ארויסגעפאדערט די אידען אויף א וכוח. אין דער געגענווארט פון דעם קעניג יאקאב I מיט אלע זיינע הויפלייט און שרים, האט ער געוועלט האלטען דעם וכוח מיט'ן רמב"ן, אין דער האפנונג, אז ווי באלד ער וועט דעם רמב"ן מנצח זיין, וועלען אלע אידען איבערגעהן צום קריסטענטום. באלד נאכדעם האט דער מאגיסטער אסתרוק דע פארטא, וואס הייסט: רבי משה ברבי נחמן גירונדי, אדער דער רמב"ן, אלס דער אנגעזעהענסטער רב ביי אידען, צוזאמען מיט פיעל אנדערע געלעהרטע אידען, ערהאלטען א בעפעהל פון קעניג צו שטעלען זיך צום פייערליכען דיספוט אין בארצעלאנא (1263). חאטש דער רמב"ן (דער רב פון גערונא) האט זעהר ווענינ חשק געהאט צו קומען צום דיספוט, האט ער דאך ערפילט זיין שווערע אויפגאבע און פערטראטען פאר'ן קעניג דאס גאנצע יודענטום מיט גרויסער ווירדיגקייט און עהרע, פונקט ווי פילון פון אלעקסאנדריען האט עס געטהון מיט צוועלף הונדערט יאהר פאר דעם אין רוים פאר'ן געצענדינערישען קייזער. דער רמב"ן

האט ערקלערט באלד, ווי ער איז ערשינען אויפ'ן וכוח פאר'ן קעניג, אז ער טרעט צו צום דיספוט נור מיט'ן תנאי, אז מען זאל איהם געבען פאלקאמע ווארט-פרייהייט. דער קעניג האט איהם די דאזיגע בעדינגונג בעוויליגט. דאן האט דער גלח דע פעניאפארט ערקלערט: „זאל ער נור נישט בענוצען די דאזיגע פרייהייט אויף צו לעסטערען דאס קריסטענטום!" דער רמב"ן האט אבער דערויף ערנסט און שטאלץ געענטפערט: „די געזעצען פון מוסר זענען מיר אויך בעקענט!"—פיער טאג האט געדויערט דער דיספוט (פון 20-טען יולי אן) אין בארצעלאנא אין קעניגליכען פאלאץ אין דער געגענווארט פון אלע הויפלייט, פון פיעל הויכע גלחים, ריטער און מענשען פון פאלק. אויך פיעל אידען האבען געמוזט קומען אלס צוהערער. דער רמב"ן האט גלייך פון אנפאנג דיספוט בעגרענעצט דאס געביט פונ'ם שטרייט: „די דיפערענצען צווישען יודענטום און קריסטענטום—האט ער ערקלערט—זענען אזוי גרויס, אז עס וואלט גלייכער געווען, דאס מען זאל צוטרעטען קודם כל צום עיקר. קודם דארף מען דערווייזען, אויב משיח איז שוין ערשינען, אדער ניין; דאן אויב מען ברויכט, לויט דעם תנ"ך, צו בעטראכטען משיח'ן, אלס א גאט, אדער אלס א מענשען, וואס איז געבוירען געווארען פון עלטערן, און, ענדליך, אויב די אידען, אדער די קריסטען האבען די אמת'ע אמונה". דער קעניג, ווי אויך אלע בעטייליגטע אין וכוח האבען דערויף מסכים געווען. מערקווירדיג איז אבער, אז וועהרענד דער משומד ניקאלאי דאנין האט אנגעקלאגט דעם תלמוד, אז ער ענטהאלט לעסטערונגען געגען דעם קריסטענטום, האט פאבלא כריסטיאני ערקלערט פונקט דעם היפוך: „דער תלמוד אנערקענט ישו פאר א משיח". פאר'ן רמב"ן איז אבער גאנץ לייכט געווען צו דערווייזען, אז דאס געפינט זיך אין תלמוד כלל נישט. פאבלאס הויפט-בעוויז האט זיך געשטיצט אויף אגדתות פון תלמוד. דער רמב"ן האט אבער מיט איין קלאפ פערניכטעט אלע זיינע דאזיגע בעווייזען; ער האט, נעמליך, ערקלערט קורץ: „איך בין נישט קיין מאמין אין אגדתות!" „די אידען—האט דער רמב"ן ווייטער ערקלערט—גלויבען אלע פעסט אין דער הייליגקייט פון תנ"ך און אין תלמוד, וועלכער איז א פירוש צו די מצוות פון דער תורה. די מדרשים דאגעגען האבען געדרשנ'ט פערשידענע תלמידי חכמים; זייערע רייד זענען געפעלען געווארען די צוהערער און מען האט זיי פערשריבען. גלויבט עמיצער אין אלץ, וואס זיי זאגען איז גוט, גלויבט ווער נישט, איז אויך א איד. איך פון מיין זייט גלויב נישט אין דער אגדה, אז אינ'ם טאג פון חורבן איז געבוירען געווארען דער משיח, ווייל דאס איז בלויז א הגדה. דאס הייסט: א זאך, וואס איינער האט דערצעהלט דעם צווייטען". פאר אזא אינטערעסאנטע ערקלערונג האט דער משומד אנגערופען דעם רמב"ן אפיקורוס, א שטייגער, ווי ער, דער משומד, האט בעסער געוואוסט, ווי דער גרעסטער אידישער רב פון זיין צייט, אין וואס א איד איז מחויב צו גלויבען און אין וואס נישט.—

גענגען דער ערקלערונג פון פּאבלא כריסטיאני, אז משיח איז שוין געקומען, האט דער רמב״ן געענטפערט אזוי: לויט ווי אלע נביאים האבען ערקלערט וועלען די מענשען זיין זיטליך זעהר געהויבען אין משיח׳ס צייטען. קיין מלחמות וועלען דאמאלס כלל נישט זיין, פון קיין בלוט-פערגיסונגען וועט מען נישט וויסען. די קריסטען זענען אבער אונטער אלע פעלקער אממייסטע קריגעריש. דערביי האט זיך דער רמב״ן געווענדעט צום קעניג און אויסגערופען: אה, קעניג! דיר און דיינע ריטער וואלט זעהר שווער געווען אבצוזאגען זיך פונ׳ם קריעגס-האנדווערק, ווי עס פאדערט דאס די צייט פון משיח׳ן"...

די ווארטפרייהייט, וועלכע דער רמב״ן האט געהאט, האט ער אויסגענוצט מיט גרויס אנשטענדיגקייט און זיך נישט ערלויבט צו בעריהרען דעם כבוד פון קריסטענטום מיט קיין ווארט; אבער זיינע בעווייזען געגען דעם קריסטענטום זענען געווען צו שלאגענד, אז מען זאל נישט מורא האבען, דאס די קריסטען זאלען זיך נישט בעליידיגען. נאכ׳ן דריטען טאג פון דיספוט האבען די אידען דערייבער געבעטען דעם רמב״ן, אז ער זאל זיך אבזאגען פון דיספוט, ווייל זיי האבען מורא, דאס די קריסטען וועלען זיך אן זיי נוקם זיין. אויך די ריטער און די קריסטליכע בירגער פון בארצעלאנא האבען זיך אינטערעסירט פאר די אידען און בעוואלט, אז מען זאל בעסער אויסמיידען די אויפרייצונג. דער רמב״ן האט דערייבער ערקלערט פאר׳ן קעניג דעם ענין. דער קעניג האט אבער פערלאנגט, אז מען זאל דעם וכוח פיהרען ווייטער. און דער רמב״ן האט אבגעהאלטען א פאלקאמען נצחון, ווייל דער משומד פאבלא כריסטיאני איז ערשינען מיט זיינע קנאפע ידיעות, ווי אן עם-הארץ, געגען דעם רמב״ן. נאכ׳ן דיספוט האט דער קעניג אויפגענומען דעם רמב״ן אויף אן אודיענץ און האט דערביי בעמערקט, אז ער האט נאך קיינמאל נישט געהערט, דאס מען זאל קאנען אזוי גייסטרייך פערטיידיגען אן אונגערעכטע זאך (אינ׳ם קריסטליכען קעניגס אויגען איז דאך דאס יודענטום פארט געבליבען אונגערעכט), ווי דער רמב״ן האט דאס געטהון. די דאמיניקאנער האבען אפילו פערשפרייט א קלאנג, אז דער משומד האט אזוי שטארק צוקלאפּט דעם רמב״ן, דאס ער איז פאר חרפה געהיים אנטלאפען געווארען. דער רמב״ן האט אבער נאך עטליכע טעג פערבראכט אין בארצעלאנא, ווייל ער האט געהערט, דאס דער קעניג און די דאמיניקאנער ווילען בעזוכען די שוהל. אין דער ווירקליכקייט איז טאקי דער קעניג מיט די דאמיניקאנער געקומען דעם פאלגענדען שבת אין שוהל און דער פעניאפארט האט דארט ווידער אויפגענומען דעם וכוח, פערגלייכענדיג די געטליכע איינינקייט אין דער קריסטליכער דריי-איינינקייט מיט׳ן וויין; וועלכער האט אויך דריי אייגענשאפטען: די פארב, דעם טעם און דעם ריח און פונדעסטוועגען איז עס פארט איינס. דער רמב״ן איז אויך דערויף נישט געבליבען שולדיג קיין ענטפער. פאר דעם רמב״ן׳ס אבפאהרען פון בארצעלאנא האט איהם דער

קעניג היידער אויפגענומען אויף אַן אַודיענץ און געזעגענט זיך מיט איהם זעהר פריינדליך, געבענדיג איהם אַ מתנה דריי הונדערט גילדען.

גאָר רוהיג זענען אָבער די וכוחים נישט פאַראיבער. דע פעניאַפאָרט האָט זיך אָריינגענומען אין קאָפּ, אַז מען מוז די אידען פיהרען צום שמד, און האָט בעקומען ביי'ם קעניג אַ שוץ־בריף (אויגוסט 1263) פאַר'ן משומד פּאַבלאָ כריסטיאַני, אַז ער זאָל זיך קאָנען לאָזען אויף דער רייזע צו די אידישע קהלות און האַלטען פאַר זיי דרשות, כדי צו פיהרען זיי צום שמד. אויב די זאַך איז נישט געלונגען מיט'ן רמב"ן, האָט מען געוואָלט פּראָבירען מיט קלענערע רבנים, וועלכע זענען ווייניגער פעהיג אין דיספּוטירען. די קהלות פון אַראַגאָניען און דרום־פראַנקרייך האָבען בעקומען אַ שטרענגען בעפעהל אויפצונעהמען דעם משומד פּאַבלאָ כריסטיאַני און דיספּוטירען מיט איהם, צי אין די שוהלען, צי אין אנדערע ערטער, רוהיג איהם אויסצוהערען און ענטפערען הכנעה'דיג אויף זיינע שאלות, ווי אויך צו געבען איהם אַלע ספרים, וואָס וועלען איהם זיין נויטיג פאַר זיינע ראיות. די הוצאות פון דער דאָזיגער רייזע האָבען געדאַרפט געבען די אידען.

וויל אָבער די אידען האָבען, נישט קוקענדיג אויף דער רעקאָמענדאַציע פונ'ם קעניג, נישט זעהר פריינדליך אויפגענומען דעם משומד, האָט ער זיך געלאָזען אויפ'ן דרך פון ניקאָלאַי דאָנין און אָנגעהויבען בעשווארצען דעם תלמוד, ערקלערענדיג, אַז אין איהם געפינען זיך שטעלען, וועלכע לעסטערען דאָס קריסטענטום. דאַן האָט דער פּויפּסט קלעמענס IV אַרויסגעגעבען אַ בולאַ (בעפעהל), אַז מען זאָל אויך אין שפּאַניען איבעראַל קאָנפיסקירען דעם תלמוד און, אויב מען וועט דאָרט געפינען לעסטערונגען געגען דעם קריסטענטום, זאָל מען איהם פערברענען. דעם דאָזיגען בעפעהל האָט געבראַכט דער משומד פּאַבלאָ אַליין. באַלד האָט דער קעניג יאַקאָב געגעבען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל פערנעהמען אַלע מסכתות פון תלמוד און אויסשטרייכען אין זיי אַלע שטעלען, וועלכע זענען לעסטערנד געגען דעם קריסטענטום. די צענזור־קאָמיסיע איז בעשטאַנען פונ'ם בישאָף פון באַרצעלאָנאַ, פון דע פעניאַפאָרט און אַנדערע דריי דאָמיניקאַנער, וועלכע האָבען אָנגעוויזען, וועלכע שטעלען מען דאַרף אויסשטרייכען. דאָס איז געווען די ערשטע צענזור פונ'ם תלמוד אין שפּאַניען דורך די דאָמיניקאַנער. אין שפּאַניען האָט זיך די מסירה אויפ'ן תלמוד אַלענפאַלס געענדיגט בעסער, ווי אין פראַנקרייך, וואו מען האָט איהם גאָר פערברענט. די סבה דערפון איז געווען, וואָס איינער פון די דאָמיניקאַנער, דער געלעהרטער ריימונד מאַרטין, וועלכער האָט שפּעטער אָנגעשריבען צוויי אידענפיינדליכע ספרים, איז געווען איבערציינגט, אַז אין תלמוד געפינען זיך שטעלען, וואָס בעווייזען די ריכטיגקייט פון קריסטענטום. דעריבער האָט מען דעם תלמוד נישט געדאַרפט פערניכטען אינגאַנצען.

דער דיספוט האט ענדליך געהאט שלעכטע פאלגען פאר'ן רמב"ן פערזענליך. ווי ס'איז שוין דערמאהנט געווארען, האבען די דאמיניקאנער פערשפרייט א קלאנג, אז זיי האבען אבגעהאלטען א נצחון איבער'ן רמב"ן. דער רמב"ן האט עס דעריבער געהאלטען פאר זיין הייליגען חוב צו פערעפענטליכען א ריכטיגען בעריכט וועגען דעם דיספוט, און דאס האט ער געטהון אין זיין העברעאישען ספר „מלחמת חובה", וואס ער האט צוגעשיקט אויך דעם בישאף פון גערונא. דאס האט אנגעצונדען געגען דעם רמב"ן דעם כעס פון דאמיניקאנער ארדען. פאבלא כריסטיאני האט געפונען אינ'ם ספר די גרעסטע לעסטערונגען געגען דעם קריסטענטום און מודיע געווען וועגען דעם זיין אויבערהאר, דעם פאנאטישען דע פעניאפארט, וועלכער האט דערין דערזעהען א גרויסען פערברעכען און צוזאמען מיט נאך גלחים האבען זיי אנגעקלאגט דעם רמב"ן פאר'ן קעניג. דער קעניג האט די אנקלאגע געמוזט אויפנעהמען, אבער ער האט נישט אנגעטרויט אינגאנצען די דאמיניקאנישע מאנאכען און איינגעארדענט א קאמיסיע, צו וועלכע ער האט איינגעלאדען דעם רמב"ן זיך צו פערטיידיגען. דער קעניג אליין איז געווען געגענווערטיג ביי דער זיצונג. דער רמב"ן האט זיך, נאטירליך, געפונען אין א זעהר נישט אנגענעהמער לאגע. אבער דאס געפיהל פון אמת און אויפריכטיגקייט האט איהם דורכגעהאלפען. ער האט מודה געווען, אז אין זיין ספר געפינט זיך אין דער אמת'ען עטוואס געגען דעם קריסטענטום, אבער נישט מעהר און נישט אנדערש, ווי דאס, וואס ער האט ערקלערט בשעת'ן דיספוט אין דער געגענווארט פון קעניג, און דערויף האט ער דאך בעקומען ביי'ם קעניג ווארט־פרייהייט, און ער דארף דעריבער נישט געמאכט ווערען פעראנטווארטליך אויף פאר'ן איבערגעבען זיינע רייד שריפטליך. דער קעניג און די קאמיסיע האט אנערקענט, אז דער רמב"ן איז פאלקאם גערעכט, אבער כדי נישט צו רייצען די דאמיניקאנער, האט מען פערארטיילט דעם רמב"ן פערוואגלט צו ווערען אויף צוויי יאהר פון זיין געבורטס־לאנד און זיין ספר צו פערברענען. די דאמיניקאנער זענען אבער דערמיט נישט געבליבען צופרידען, זיי האבען פערלאנגט א שטרענגערע בעשטראפונג. ווי עס שיינט, האבען זיי געהאט בדעה צו שטעלען דעם רמב"ן פאר זייער אייגענעם געריכט און בעשטראפען איהם לויט זייער ווונש. דער קעניג איז אבער געווען געגען דעם און ער האט דעריבער געגעבען דעם רמב"ן א מין שוץ־בריעף, אין וועלכען עס ווערט ערקלערט, אז מען קאן איהם אין דער דאזיגער אנגעלעגענהייט אנקלאגען נאר אין דער געגענווארט פון קעניג. (אפריל 1265). די דאמיניקאנער זענען אריין אין א געוואלדיגען גרימצארן, פארוואס דער קעניג האט ביי זיי צוגענומען דאס רעכט, צו בעשטראפען אויף טויט אדער לעבען, וועמען זיי האבען געוואלט. זיי האבען זיך דעריבער געווענדעט מיט אנ'אנקלאגע צום פויפסט קלעמענס IV, אז דער קעניג האט נישט געלאזען בעשטראפען א אידען, וואס האט אין זיינעם א

ספר געלעסטערט דאס קריסטענטום. דער פויפסט, וועלכער האט אין יענער צייט געהאט אויך אנדערע הטאים אויפצווארפען דעם קעניג פון אראגאניען, האט איהם פארגעלייגט א גאנצען „על חטא“ און געפאדערט פון איהם, ער זאל דערוואַטשען אלע אידען פון די מלוכה־שטעטעס און בעשטראפען דעם מחבר (ער האט געשריבען: דעם נבל), וועלכער האט זיך דערוואגט צו ערקלערען אין א ספר, אז דאס יודענטום האט אבגעהאלטען א נצחון איבער'ן קריסטענטום (1266). זעהענדיג, אז די זאך מוז זיך ענדיגען שלעכט, האט דער רמב"ן פערלאזען זיינע צוויי זיהן, זיין ישיבה, זיינע פריינד און פערעהרער, און זיך געלאזט געהן, שוין אלס זקן פון זיבעציג יאהר, קיין ארץ ישראל, דען, ווי רבי יהודה הלוי אין זיין צייט, האט אויך ער שטענדיג געשפירט א ברענענדען חשק צו זעהען דאס היילינגע לאנד. טיעף שמערצליך זענען אבער געוועזען זיינע עמפפינדונגען, ווען ער האט דערזעהען דאס פערוויסטעטע היילינגע לאנד און די היילינגע שטאדט ירושלים. דאס וואס ער האט דערזעהען איז געוועזען נאך שרעקליכער, ווי דאס וואס רבי יהודה הלוי האט דערזעהען. די מאנגאלען אדער די טאטארען האבען אונטער זייער כאן הולאגו עטליכע יאהר פריהער (1260) שרעקליך פערוויסטעט דאס גאנצע לאנד. דער רמב"ן שילדערט די לאגע פון ארץ־ישראל אין פאלגענדע ווערטער: „וואס היילינגער א ארט איז דארט, אלץ גרעסער איז זיין חורבן. ירושלים איז מעהר חרוב ווי דאס לאנד יהודה, און יהודה מעהר ווי דער גליל“. די אידישע איינוואהנער פון ירושלים האט מען טיילוויז אויסגעהרג'עט, טיילוויז זענען זיי זיך צולאפען, מיטנעהמענדיג מיט זיך די ספרי־תורה'ס. באלד ווי די מאנגאלען זענען ארויסגעגאנגען פון שטאדט, האבען זיך אהין אריינגעצויגען צוויי טויזענד מחמד'אנער און דריי הונדערט קריסטען. דער רמב"ן האט זיך אויסגעוויינט זיין פערביטערט הארץ אויף די חורבות פון בית־המקדש. דער רמב"ן איז אבער קיין דיכטער ניט געוועזען, כאטש ער איז געוועזען געבענשט מיט א הויכען גייסט. זיין געוויין האט ער דארום אויסגעגאסען זאגענדיג די קינות פון אנדערע דיכטער. דער שוין אין טיעפען עלטער פערטריבענער פון שפאניען האט זיך גענומען בויען א נייע לעבען אין דעם אלטען אידישען לאנד. ער האט אויפגעבויט שוהלען, ארגאניזירט די קהלה און געגרינדעט א ישיבה, וואס איז ניט געוועזען אין ירושלים, זינט די קרייצציגלער האבען דאס לאנד איינגענומען. באלד האבען ארום דעם רמב"ן זיך פערזאמעלט פיעל תלמידים; עס זענען געקומען יונגע לייט פון דער סביבה, פון סיריען, בבל אדער פרס, אפילו קראים האבען זיך אויך צו איהם פערזאמעלט. פון די לעצטע איז איינער שפעטער שטארק בעריהמט געווארען, דאס איז געוועזען אהרן בן יוסף הזקן. דער רמב"ן האט אויך דער ערשטער געבראכט די „חכמת הקבלה“ קיין ארץ־ישראל, וואו זי האט זיך שפעטער שטארק ענטוויקעלט. אין ארץ־ישראל האט ער אויך געמאכט זיין בעריהמטען פירוש אויף דער תורה.

דער רמב"ן האט געלעבט אין ארץ־ישראל נאך דריי יאהר, שטענדיג אין פערבינדונג דורך בריף מיט די אידען אין שפאניען און אין פראָוואנס. געשטארבען איז דער רמב"ן אין יאהר ה' אלפים ל' (1270) און געקומען צו קבר ישראל א.ן חיפה, נעבען דעם קבר פון רבי יחיאל פון פאריז, וועלכער איז געקומען קיין ארץ־ישראל מיט א פאר יאהר פאר איהם און איז אויך בעוואוסט דורך זיין דיספוט מיט דעם משומד דאָנין.

די לעגענדע דערצעהלט, אז פאר'ן אבפאהרען פון שפאניען האבען דעם רמב"ן'ס תלמידים געבעטען ביי איהם, אז ער זאל זיי געבען א סימן, ווען ער וועט שטארבען. דער רמב"ן האט זיי געגעבען א סימן, אז אינ'ם טאג פון זיין טויט, וועט זיך שפאלטען די מצבה אויף זיין מוטערס קבר. דריי יאהר שפעטער האט איינער פון זיינע תלמידים דערזעהען, אז די מצבה איז צושפאלטען, און מודיע געווען וועגען דעם די חברים. אזוי ארום האט מען זיך דערוואוסט וועגען דעם רמב"ן'ס טויט און אלע אידען האבען נאך איהם געטרויערט און איהם מספיד געווען אין אלע שוהלען אין שפאניען און אין פראָוואנס.

ווען די אידישע געשיכטע וואלט געוואלט איבערגעבען די גאנצע דאמאלסדיגע צייט כראָניק, פערציי־כענען די זכרונות וועגען אלע קדושים, וואס געפינט זיך אין פערשידענע אלטע ספרים, האט זי געדארפט פערפלייצען איהרע בלעטער מיט טייכען בלוט און ווערען אנ'אויסשטעלונג פון געקעפטע, געהאנגענע, געשחט'ענע און פערברענטע און דערביי אויפטרעטען אלס אנקלאגערין געגען דער קאטוילישער קירכע, וועלכע האט ערצויגען פירשטען און פעלקער אויף א שוידערהאפטען אופן, מאכענדיג פון זיי בלוטדורשטיגע חיות. דיען פון דרייצעהנטען ביז זעכצעהנטען יאהרהונדערט זענען די אידישע רדיפות און שחיטות געוואקסען און זיך פערגרעסערט אויף א שרעקליכען אופן. ס'האט אויסגעזעהן, פונקט ווי צווישען די פעלקער פון איירופא וואלט פארגעקומען א פארמעלע קאנקורענץ, ווער ס'וועט בעווייזען מעהר יסורים אנצוטהון די אידען. צי איז אין לאנד געווען א שטרענגע רעגירונג אדער א אנארכיע — די אידען האבען גלייך געליטען פון ביידען.

אין דייטשלאנד האבען זיך אנגעהויבען קאמפען און מהומות נאכ'ן טויט פון היינריך II און זיי האבען זיך געצויגען, ביז מען האט אויסגעקליבען א נייעם קייזער, רודאלף פון האבסבורג — די אידען האט מען אין דער זעלבער צייט אויסגע'שחט'ן צו טויזענדער. יאהר יעהרליך זענען דער'הרג'עט געווארען קדושים אין די שטעדט: ווייסענבורג, מאגדעבורג, ארנשטאדט, קאבלענץ, זינציג, ערפורט און אנדערע. עס זענען געווען קריסטליך־דייטשע משפחות, וועלכע האבען געהאלטען פאר א יחוס און א גדלות, צו פערברענען וואס מעהר אידען, און זיך מיט שטאלץ גערופען: „די אידענבראטער". די גלחים האבען

פון זייער זייט געזארגט דערפאר, אז די כשר'ע דייטשען זאלען חלילה נישט בעטראכטען א אידען אויך אלס א מענשען און האבען אויף איהם רחמנות. די דייטשען האבען, משמעות, געוואלט דערוויזען דער וועלט אז נור זיי פערשטעהען באמת, ווי אזוי אבצושפאטען און דערנידריגען די אידען און אט האבען די דייטשע גלחים אויף זייער קירכענפערזאמלונג אין וויען (1264) בעשלאסען, אז מען דארף זיך נישט בעגניגען מיט דער שאנד־לאטע, האס די אידען מוזען טראגען אויף זייערע קליידער, נור בעפעהלען זיי, אז זיי זאלען טראגען א פערשפיצטע היטעלע מיט הערנער, כדי אלע גאסען־יונגען זאלען אין זיי האבען א אביעקט צום לאכען און נאכלויפען.

אין פראנקרייך האבען די גלחים פערשפארט אויפצורייצען די מאסען און די באראנען געגען די אידען, דען דער ביישפיעל פון לודוויג דעם ניינטען האט גענוג געווירקט, אז אלע האבען זיך געפליסט צו דריקען, רודפן און ערנידריגען די אידען. די שאנד־לאטע האבען געמוזט טראגען אלע אידען.

אין פוילען און אין אונגארן איז נאך דאס פאלק אין יענער צייט געווען גאר רויה, אלגעמיינע הויפט־בעשעפטיגונג איז געווען — מלחמה. מען האט דעריבער דארט נויטיג געברויכט צו האבען די אידען, וועלכע האבען מיט זייער פראקטישער פערשטאנד, סוחרישען גייסט און ניכטערן לעבען געקאנט דערהויבען די ארטיגע אינדוסטריע, פערקויפענדיג אויפ'ן וועלט־מארק איהר פראדוקציע. נישט אכטענדיג דאראויף אויף דער עקשנות, מיט וועלכער די פויפסטען האבען פערבאטען די אונגארישע מלכים אבצוגעבען די אידען די ארענדע פון זאלץ, אבצוהאלטען און דאס אויסארבייטען ממבעות, האט מען דאך די אידען נישט געקאנט ארויסשטויסען פון די דאזיגע צווייגען פון מלוכה־לעבען, ווייל מען האט פשוט נישט געקאנט אויסקומען אהן זיי, אויב מען האט נור נישט געוואלט בלייבען אינגאנצען אהן הכנסות. דער אונגארישער קעניג בעלא IV האט אליין איינגעלאדען אידישע ארענדארען, ווייל דאס לאנד איז געווען פערארימט, נאכדעם ווי די מאנגאלען האבען עס געהאט פערפלייצט און געמאכט דארט א חורבן. בעלא האט אויך איינגעפיהרט אין זיין לאנד די סטאטוטען צו פערטיידיגען די אידען פאר'ן המון און די גלחים, וועלכע עס האט ארויסגעגעבען פריעדריך דער קעמפפער פון עסטרייך. דער פויפסט האט אבער אין יענער צייט זיך אנגעהויבען שטארק אינטערעסירען מיט די לענדער אויף די קארפאטען, טיילוויז, כדי צו שיקען אהין א קרייצצוג געגען די מאנגאלען, און טיילוויז, כדי צו בעקעמפען די גריכישע קירכע. ער האט דעריבער געשיקט זיינע דאמיניקאנישע און פראנציסקאנישע מאנאכען, וועלכע האבען פראפאגירט דעם פאנאטיזם און די אונדולדזאמקייט צווישען די מאדזשיארען, וואס זיינען בכלל נישט געווען קיין פערביסענע קאטאליקען. א גרויסע קירכענפערזאמלונג

איז אבגעהאלטען געווארען (1279) אין אפען, אין וועלכער עס האבען אנטייל גענומען אונגארישע און דרום-פוילישע בישאפען, און די פערזאמלונג האט ארויפגעלעגט א חרם אויף די אידען פון די מדינות אונגארן, פוילען, דאלמאציען, קראאציען, סלאוואניען, לאדאמעריען און גאליציען. די אידען, ווי אויך אנדערע איינוואוינער פון לאנד, וואס האבען נישט געהערט צום קאטוילישען גלויבען, ווי למשל, די רוסען, איז פערבאטען געווארען צו פערנעהמען א מלוכה-שטעלע אדער האלטען ארענדעס פון דער מלוכה, ווייל „עס איז א סכנה פאר די קאטאליקען, אויב זיי וועלען מיט די אידען האבען א מגע ומשא, און די אידען וועלען ארייננקומען אין זייערע הויפען, אדער הייזער". אויך האט די פערזאמלונג בעשלאסען, אז די אידען, פרויען און מענער, אין אונגארן און דרום-פוילען זאלען טראגען אויף זייערע קליידער א רויטע רונדע לאטע געגען דער ברוסט און אהן אזא צייכען טארען זיי זיך נישט בעווייזען אויפ'ן גאס. פאר'ן מאמענט איז דאס אויסשליסען אידען פון דער קריסטליך-קאטוילישער געזעלשאפט וועניג וויכטיג געווען פאר די אידען, ווייל די זעלביגע גזרה איז געווען אויך געגען די מחמדאנער, וועלכע האבען אויך געמוזט טראגען א לאטע, נישט קיין רויטע, נור א געלע. אויסער דעם זענען נאך די מאדיארען און פאליאקען דאמאלס נישט געווען אזוי שטארק פאנאטיש, אז זיי זאלען זיך אבזונדערן פון זייערע מיטבירגער, לויט'ן בעפעהל פון די רוימישע גלחים, אבער א יאהר פינפציג שפעטער האט די גיפטיגע זריעה געבראכט ביטערע פרוכטען. דער לעצטער קעניג פון הויז ארפאד, לאדיסלאוס IV, האט בעשטעטיגט די דאזיגע „געזעצען" פון די גלחים פאר אונגארן.

די דאזיגע גזרות און בעגרענצונגען געגען די אידען האבען זיך בעצויגען אבער אויך אויף קליין-פוילען. נאך דער פערפלייצונג און פערוויסטונג פונ'ם לאנד דורך די מאנאגאלען האבען די פאליאקען בעשלאסען איינצולאדען די דייטשען צו קומען בעזעצען זיך אין לאנד, כדי צו ענטוויקלען דארט די אינדוסטריע. די דאזיגע המצאה, וועלכע האט שפעטער געבראכט אומגליק אויף פוילען, האבען אויפגעטהון באלעסלאוו דער פינפטער, מיט'ן ביינאמען: דער „שעמעוודיגער", קעניג פון קליין-פוילען, און באלעסלאוו דער פרומער, קעניג פון גרויס-פוילען. טויזענדער דייטשע משפחות האבען זיך דאמאלס בעזעצט אין פערשיעדענע שטעדט און געעפענט דארט צעכאווע ווארשטאטען, ארייניברענגענדיג מיט זיך די גאנצע שלעכטע און פערדארבענע צעכאווע ארדנונג, ווי אלע אנדערע גוטע און שלעכטע מדות פון דייטשלאנד. דאמאלס האט מען אין פוילען אויך איינגעפיהרט אין די שטעדט דאס „מאגדעבורגער רעכט". די כונה פון די פוילישע מלכים איז אפילו געווען גוט: זיי האבען געוואלט ענטוויקלען זייערע מדינות און האבען דארום געשאפען א ארדנונג, אין וועלכער די געקומענע דייטשען זאלען זיך פיה-

לען הײמיש. אָבער פֿאַר'ן פּױלישען פֿאָלק, װי אױך פֿאַר די אידען װאָס האָבען דאָרט געװאױנט, איז די דאָזיגע אָרדנונג געװאָרען אַן אומגליק אױף אַ משך פֿון פֿינף הונדערט יאָהר. די פּױלישע מלכים בכלל זענען געװען גוט פֿאַר די אידען; אױך די שרים און אפילו די קלענערע „שלאַכטאַ" איז בכלל נישט געװען אַזױ פֿײַנדליך פֿאַר די אידען, װי אין די אַנדערע קאַטױלישע לענדער. נור צװײ קלאַסען פֿון די אײַנװאױנער זענען געװען שונאי־ישראל און האָבען זײ געדריקט און גערודפ'ט, װאו זײ האָבען נאָר געקאָנט: די גלחים און די מיעשטשאַנעס. די ערשטע האָבען געהאַט גוטע לעהרער אין רוים, די אַנדערע, על פּי רוב דײַטשען בעל־מלאכה און װירטסלײַט, האָבען געדריקט אידען נור צוליעב קאָנקורענץ אין דער אינדוסטריע און צוליעב געמײנער קנאה. אַלע פּאָגראָמען און אָנפֿאַלען, אַלע שחיטות און ראַבונקעס, װאָס זענען פֿאָרגעקומען אין פּױלען אױף די אידען, האָבען געשטאַמט נור פֿון די מיעשטשאַנעס, װעלכע האָבען געמאַכט יד־אחת מיט די גלחים.

כדי צו בעשיצען מעהר אָדער װעניגער די אידען, האָבען די פּױלישע מלכים זײ געגעבען „פּריװילעגיעס" — געזעצען, לױט װעלכע זײ האָבען געדאַרפֿט גערעכענט װערען פֿאַר אַ בעזונדערע קלאַס אײַנװאױנער, װאָס שטעהט אונטער'ן שוץ פֿון דער קרױן און דאַרף נישט זײַן אָבהענגיג פֿון די גלחים און די מיעשטשאַנעס. אָבער די פּריװילעגיעס האָבען געקאָנט בעשיצען די אידען, נור כל זמן די מלכים גופא זענען געװען בײַ דער קראַפֿט. אַזױ איז עס געװען פֿאַר די מלכים פֿון הױז פּיאַסטאַ. װען אױפ'ן טראָהן איז אָבער אַרױפֿגעשטיגען די משפחה יאַגעלאָ, איז די אידישע לאַגע זעהר פֿערערגערט געװאָרען, װײַל די שװאַכע מלכים האָבען נישט געהאַט בכח זײ צו פֿערטײדיגען. נאָך ערגער איז געװאָרען די אידישע לאַגע אין פּױלען, װען די קרױן האָט אױפֿגעהערט איבערצוגעהן בירושה פֿון פֿאָטער צום זוהן, נור מען פֿלעגט אַ קעניג אױסקלײַבען. די מאַכט איז דאַמאָלס געװען פֿאַקטיש אין די הענד פֿון די גרעסערע און קלענערע פּריצים און אין לאַנד האָט געהערשט אַ אמת'ע אַנאַרכיע. בײַ אַזאַ אָרדנונג אָדער אונאָרדנונג האָבען די גלחים און מיעשטשאַנעס אױפֿגעהױבען דעם קאָפּ, און פֿאַר די אידען האָבען זיך אָנגעהױבען שרעקליכע צײַטען.

דער ערשטער פֿון די פּױלישע מלכים, װעלכער האָט געגעבען די אידען פּריװילעגיעס, איז געװען דער קאַלישער מלך (דוכס), באָלעסלאַװ דער פֿרומער, װאָס זײַן טאָכטער איז געװען די מוטער פֿון קאַזימיר דעם גרױסען. אין יענער צײַט האָט זיך דער אידישער ישוב אין פּױלען זעהר שטאַרק פֿערגרעסערט. אין דער גאַנצער צײַט פֿון די קרײַצצוגען מיט זײערע שרעקליכע שחיטות אױף אידען זענען פֿיעל אידען אַריבערגעגאַנגען אין פּױלען פֿון בעהמען און דײַטשלאַנד, ביז זײ זענען געװאָרען זיבען פּראָצענט פֿון דער גאַנצער בעפֿעלקערונג, און אין

איינינע ערטער דערגרייכט ביז 12 און 13 פראצענט. באלעסלאוו האט דעריבער געפונען פאר נויטיג איינצוארדנען די אידישע ענינים אין זייער בעציהונג צו דער מלוכה. אין יאהר 1264 האט ער געגעבען די אידען פון זיין מדינה די ערשטע „פריווילעגיע", וואס האט זיי געוואלט בעשיצען פון די גערייכטען פון די מיעשטשאנעס און דעם פאנאטיזם פון די גלחים. די דאזיגע פריווילעגיע איז געווען כמעט א קאפיע פון די סטאטוטען, וואס דער עסטרייכישער פירידריך דער קעמפפער האט ארויסגעגעבען פאר די אידען, נור מיט איינינע צוגאבען. די דאזיגע פריווילעגיעס זענען געווארען א פונדאמענט אויך פאר די שפעטערדיגע מלכים קאזימיר דעם גרויסען און קאזימיר יאגעלא.

די פינקטען פון די פריווילעגיעס האבען געהאט דעם ציעל, צו בעשיצען די אידען פאר די גערייכטען פון מאגיסטראט און די גלחים, וועלכע זענען געווען תמיד פארטייאיש, און אבצוגעבען די אידען די בעשעפטיגונג מיט פראצענט, וועלכער איז געווען פערבאטען די קריסטען, לויט א געזעץ פון דער קירכע. די אידען זענען אלזא געווארען א פריווילעגירטע קלאס פון באנקירען און סוחרים, וואס איז זעהר נויטיג פאר דער מלוכה, און דערפאר האבען זיי די מלכים געשטיצט. א דאנק דעם, האבען זיך די אידען אויך געקענט פיהרען אנ'איינגען, אבגעזונדערט לעבען מיט איינענע געריכטען (א בית-דין). די פריווילעגיעס האבען אבער געהאט אויך זייער שוואכע זייט פאר די אידען: דורך זיי זענען די אידען אנערקענט געווארען נישט פאר פרייע בירגער, נור ווי א קלאס מענשען, וואס האלט זיך מיט'ן חסד פון די מלכים — אין פערגלייך אבער מיט דער בעציהונג פון די מלכים צו די אידען אין מערב-איירופא (אויסער שפאניען), איז די לאגע פאר די אידען אין פוילען געווען א פיעל בעסערע.

די זעלבע ערשיינונג, וואס אין אונגארן און פוילען, בעמערקט מען אויך אין שפאניען. אויך דארט האבען געוואוינט, אויסער אידען און קריסטען, אויך מהמד'אנער, און דעריבער האט דער גלחישער פאנאטיזם נישט געקאנט לייכט זיך בעפעסטיגען. חאטש אלפאנזא דער „חכם" האט אליין אויסגעשלאסען אין זיין געזעץ-בוך די אידען פון מלוכה-שטעלעס, פונדעסטוועגען האט ער אליין זיך נישט געקאנט בעגעהן אהן דעם אידישען דיענסט. אזוי האט ער, למשל, ווי שוין דערמאהנט, געהאט א אידישען פינאנץ-מיניסטער, דאן יצחק (צאג) דע מאלעא בן דאן מאיר דער פויפסט ניקאלאי III האט איהם געמאכט דערפאר א שארפען פארוואורף (1279), דער קעניג האט אבער פשוט נישט געקאנט דערוויטערן דעם אידען פון זיין שטעלע, און אויב ער האט זיך ענדליך דאך בעשלאסען אויף א שרעקליכען טהאט בנוגע צו זיין אידישען מיניסטער און צו די אידען אין קאסטיליען, איז דאס געווען בלויז צוליעב אונגליקליכע פאמיליען-בעציהונגען. דער קרוין-פרינץ (אינפאנט) דאן סאנטשא (Sancho), וועלכער איז נעמליך געווען זעהר

פיינדליך געשטימט געגען זיין פאטער, האט געצוואונגען איינמאל דעם אידישען פינאנץ-מיניסטער, אז ער זאל איהם איבערגעבען די מלוכה-קאסע. דער קעניג איז שטארק בייז געווארען דערויף און, כדי צו רייצען זיין זוהן, האט ער בעפוילען איינצושמידען דעם אידישען פינאנץ-מיניסטער אין קייטען און פיהרען איהם פארביי די פענסטער פון אינפאנט'ס הויז. אומזיסט האט זיך בעמיהט דער קרוין-פרינץ צו בעפרייען דעם אידישען מיניסטער, וועלכער האט געליטען נור צוליעב איהם. אלפאנזא האט, זיין זוהן אויף להכעיס, בעשטראפט זיין מיניסטער מיט'ן טויט און האט קאנפיסקירט זיין פערמעגען (1280). זיין כעס האט ער אויך אויסגעלאזט צו אלע אידען אין קאסטיליען, וואו ער האט אויף זיי ארויפגעלעגט א גרויסע געלד-שטראף, נאכדעם ווי ער האט אום שבת געלאזט ארייננווארפען אין תפיסה אלע קאסטיליאנישע אידען. אזוי איז זיך בעגאנגען דער מלך, וואס די געשיכטע האט איהם אין שפאניען א נאמען געגעבען „חכם“. די דאזיגע גוואלדטעטיגקייט האט איהם אבער געקאסט זעהר טייער. זיין זוהן האט זיך דערפאר צובונטעוועט געגען איהם און צוגעצויגען אויף זיין צד א גרויסען טייל פון אדעל, פון פאלק און פון די גלחים.

אונטער דאן סאנטשא, וועלכער איז געווארען קעניג נאך זיין פאטער, וואס איז געשטארבען פון גרויס עגמת-נפש, איז די אידישע לאגע בכלל נישט געווען שלעכט, זי איז אבער געווען אבהענגיג פון'ם גוטען אדער שלעכטען ווילען פון'ם קעניג, וועלכער האט געהאט זעהר אן אומרוהיגען כאראקטער. דער דאזיגער קעניג האט רעגולירט ציערשט דעם אידישען אבצאהל אין די מדינות ניי-קאסטיליען, ליאן, מורציא און די ניי-איינגענומענע פראווינצען אין אנדאלוזיען. ביי יענער צייט פלעגט יעדער איד דארפען צאהלען פאר זיך און זיין משפחה דריי מאראוועדיעס (לערך 1½ דייטשע מ'), אלס אנדענקען אן די דרייסיג דינרים, וואס יהודה איש-קריות האט גענומען פאר'ן פערראטען ישו, לויט ווי עס ווערט דערצעהלט אין עוואנגעליום. דאן סאנטשא האט צוזאמענגערופען די עלטסטע פון די אידישע קהלות קיין הועטע און האט בעשטימט די סומע, וואס יעדע פראווינץ דארף איינצאהלען דער קעניגליכער קאסע, בעפעהלענדיג דערביי די פארשטעהער פון די קהלות, אז זיי זאלען דעם אבצאהל אליין איינטיילען צווישען די מיטגליעדער פון די קהלות (1290). אין קאסטיליען האבען דאמאלס געוואוינט אכטהונדערט און פינפציג טויזענד אידישע נפשות און זיי פלעגען אלזא איינצאהלען צוויי מיליאן מיט זיבען הונדערט און אכציג טויזענד מאראוועדיעס פאר דער מלוכה-קאסע. אין גאנץ קריסטליך שפאניען זיינען דאמאלס געווען העכער אכציג אידישע קהלות, וואס די גרעסטע צווישען זיי איז געווען טאלעדא, וואו עס זיינען געווען צוויי און זיבעציג טויזענד אידען. גרעסערע קהלות זענען געווען אויך אין בורגאס (29 טויזענד נפשות), קאריאן (24 טוי-

זענד), קוענקא, וואלאדאליד און אווילא מיט אויך זעהר גרויסע קהלות. מאדריד האט נאך דאמאלס געהאט א קליינע בעדייטונג אין דער מלוכה. דארט האבען געוואוינט בייא דרייא טויזענד אידען, וועלכע דער קעניג האט בעפרייט פון אבצאהלונגען. דאס האט אבער געבראכט צו גרויסע מחלוקת צווישען די קהלות, ווייל די אלגעמיינע סומע האבען די אידען געמוזט איינצאהלען און דער קעניג האט דרייא טויזענד אידען בע־פרייט פון אבצאהלונגען, האבען די איבריגע קהלות געדארפט צאהלען מעהר. די זעלבע ערשיינונג איז אויך פארגעקומען מיט פיעל פריוואטע אידען, וועלכע דער קעניג פלעגט ארויסוויזען זיין חסד און בעפרייען פון אבצאהלונגען, ארויספלעגענדיג אזוי ארום א גרעסערען אבצאהל אויף די איבריגע מיטגליעדער פון דער קהלה.

גינסטיג איז אין יענער צייט געוועזן די לאגע פון די אידען אין פארטוגאל אונטער די מלכים אלפאנזא III (1248—1279) און דיניץ (1279—1325). אויסער וואס מען האט זיי בעפרייט פון די גלחישע געזעצען, פון צאהלען מעשר פאר די גלחים און טראגען די שאנד־לאטע, האט מען זיי נאך אויך צוגעלאזען צו הויכע מלוכה־שטעלען. דער קעניג דיניץ האט געהאט א אידישען פינאנץ־מיניסטער מיט'ן נאמען דאן יהודה, וועלכער איז געוועזן רב־הכולל אין פארטוגאל און איז געוועזן אזא עשיר, אז ער האט געגעבען געלד אבצוקויפען א גאנצע שטאדט. קיין גלחים, וועלכע די פויפסטען האבען בעפוילען דורכצופיהרען אין פארטוגאל די גלחישע געזעצען געגען די אידען, האבען אפילו נישט געפעהלט, אבער די מלכים האבען זיך געשטעלט געגען דעם. דאס האט געבראכט צו א הארטען קאמף צווישען דער מלוכה און דעם קלערום. לסוף איז אבער דער קעניג דיניץ מיעד געווארען פון קאמף און כדי צו שליסען שלום מיט די גלחים האט ער געמוזט איינפיהרען די גלחישע געזעצען געגען די אידען און מחמד'אנער. די געזעצען זענען אבער געבליבען בלויז אויפ'ן פאפיר, און אין לעבען האט מען זיי נישט איינגעפיהרט.

ניינטעס קאפיטעל.

דאס פערשטארקען זיך פון דער ארטאדאקסיע און דער „קבלה“ ביי אידען.

(פון 1270 ביז 1325)

נישט אכטענדיג אויפ'ן ארײנמישען זיך פון דער קאטוילישער קירכע אין לעבען פון דער מלוכה און דער געזעלשאפט און דעם שטענדיגען פערשטארקען זיך פון איהר מאכט, נישט קוקענדיג אויף דערויף, וואס די קאטוילישע גלחים האבען אין זייערע העצע־דרשות זיך בעמיהט צו ערנידריגען די אידען אין די אויגען פון פאלק, האבען נאך פונדעסטוועגען די שפאנישע און פארטוגאלישע אידען אלז פערנומען א וויכטיגע שטעלע אין לאנד, א דאנק זייער הויכער בילדונג און פעהיגקייט, צוליעב וועלכער דאס מלוכה־לעבען האט זיך אין זיי גענויטיגט; דאדורך זענען די ספרד'ישע אידען בכלל געשטאנען העכער פאר אלע איבריגע אידען און בפרט פאר די אידען אין די אייראפעאישע מדינות.

דאס גייסטיגע לעבען האט נאך דא אלץ געשטראמט מעכטיג. ס'איז פארגעקומען א אידעען־קאמפף, וועלכען מען האט דורכגעמאכט מיט גרויסער ליידענשאפט און ענערגיע און דאדורך געשאפען נייע פארמען אין יודענטום, וועלכע זענען ביסלעכווייז אנגענומען געווארען דורך אלע אידען אין די ווייטעסטע מדינות. דורך א גרויסען רב מיט א זעלטענער קראפט פון גייסט איז שפאניען ווידער, ווי אין דער צייט פאר'ן רמב"ם, געווארען דער צענטער פון דער אידישער וועלט אויף א משך פון א פאר הונדערט יאהר. דאס איז געווען רבי שלמה בן אדרת (דער רשב"א) פון בארצעלאנא (געבוירען לערך 1245, געשטארבען 1310). דאס איז געווען א מענש פון א שארפען און קלארען פערשטאנד, א זיטליכער ערנסטקייט און א טיעפען פעסטען גלויבען, דערביי פון א פעסטען כאראקטער ביי א זעלטענער מילדקייט, וועלכע האט איהם מעגליך געמאכט דורכצופיהרען אויף א גערעכטען אופן זיינע בעשלוסען. דער תלמוד מיט אלע פירושים פון די חכמים פון שפאניען און פראנקרייך איז פאר איהם געלעגען קלאר און אפען. די תלמידי חכמים פון זיין צייט האבען זעהר בעוואונדערט זיינע גרויסע ידיעות און זיין קלארען פערשטאנד. אלס

געבירטיגער פון שפאניען, איז ער אויך געוועזען בעה'בנ'ט אין דער פילאזאפיע, ווי ווייט זי האט געדיענט אלס וועג־ווייזערין פון דער רעליגיע. די אגדתות פון תלמוד און מדרשים האט ער געשטרעבט צו ערקלערען נישט בוכשטעבליך, נור לויט'ן מענשליכען פערשטאנד. דערביי איז ער אבער אויך געוועזען א גרויסער אנהענגער פון דער „קבלה" אין דעם גייסט פון זיין רבי, דער רמב"ן, און איז שארף ארויסגעטרעטען געגען די עקסטרע שטרעמונגען אי פון דער פילאזאפיע, אי פון דער „קבלה".

פיערציג יאהר האט דער רשב"א, אלס בארצעלאנער רבי, גע'שמ'ט אלס די העכסטע אויטאריטעט ביי אידען אין אלע רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען נישט בלויז אין שפאניען, נור אויך אין גאנץ איירופא, ווי אויך אין אזיען און אין אפריקא. פון פראנקרייך, דייטשלאנד, בעהמען און איטאליען, אפילו אויך פון עכו (ארץ ישראל) און צפון־אפריקא האט מען געשיקט צו איהם „שאלות", אויף וועלכע ער האט געענטפערט „תשובות".

זיין גרויס אנזעהען ביי אידען האט דער רשב"א געהאט אויסער צוליעב זיין גדלות אין תורה אויך צוליעב זיין התלהבות, מיט וועלכער ער פלעגט ארויסטרעטען צו פערטיידיגען דאס יודענטום געגען אנפאלען ווי פון אויסענוועניג אזוי פון אינעווייניג.

די פערדערבליכע וואלקענס, וועלכע האבען מיט צוויי הונדערט יאהר שפעטער געבראכט שטורמס און א קאטאסטראפע איבער די ספרד'ישע אידען, האבען זיך אנגעהויבען בעווייזען אויפ'ן הימעל שוין אין דער צייט פון רשב"א. די מיטלען, וועלכע דער פאנאטישער דאמיניקאנער גענעראל, ריימאנד דע פעניאפארט, האט געשאפען, כדי צו פיהרען די אידען צום שמד, האבען אנגעהויבען ווירקען אין לעבען. פון דער שולע, וועלכע ער האט געגרינדעט פאר די גלחים אויף צו לערנען העבראיש און אראביש, כדי די גלחים זאלען זיך בעסער קאנען אבגעבען מיט דער פראפאגאנדע פון קריסטענטום צווישען די אידען און מחמד'אנער, — פון דער דאזיגער שולע איז ארויסגעקומען א געלעהרטער גלח, ריימאנד מארטין, וועלכער האט דער ערשטער אין איירא־פא אנגעווענדעט די וויסענשאפט אינ'ם קאמפף מיט'ן יודענטום. צוויי ביכער האט ער אנגעשריבען געגען דעם יודענטום אונטער די נעמען: „א צוימעל פאר די אידען" און „דאס שווערד פון דער אמונה" — מארטין איז געוועזען גוט בעה'בנ'ט אין תנ"ך, אין תלמוד און אין דער רבנישער ליטעראטור, ער איז בכלל געוועזען דער ערשטער קריסט, וואס האט גע־קענט העבראיש נאך בעסער, ווי דער פאטער פון דער קירכע, היערא־נימוס. ער איז געוועזען גוט בעקאנט מיט דער אגדה, מיט די שריפטען פון רש"י, אבן עזרא, רד"ק און רמב"ם, און דאדורך האט ער זיך בעמיהט צו דערווייזען די וויכטיגקייט פון די יסודות פון דער קריסטליכער רעליגיע נישט בלויז אויפ'ן סמך פון תנ"ך, נור אויך פון דער רבנישער ליטעראטור.

חאטש מארטינ'ס ווערק, „דאס שווערד פון דער אמונה", איז געווען בעשריבען גאנץ אהן טאלענט, האט עס דאך געמאכט א שטארקען איינדרוק דורך דער גרויסער קענטניש פונ'ם מחבר. אינ'ם בוך געפינען זיך פיעל לאטיינישע איבערזעצונגען פון די העברעאישע ספרים, און די קריסטען האבען דעריבער צום ערשטען מאל בעקומען די מעגליכקייט אריינצודרינגען אין דער אינערליכער אידישער וועלט, וועלכע איז פאר זיי געווען ביז יענער צייט פערשלאסען. עס זענען באלד געקומען אנדערע דאמיניקאנער, וועלכע האבען זיך געקאנט נעהמען גוטע געוועהר צו קעמפפען געגען דעם יודענטום פון מארטינ'ס מאגאזין, און דער רשב"א האט באלד אנערקענט די געפאהר, וואס עס שטעקט דערין. ער האט געהאט אפטע געשפרעכען מיט געבילדעטע קריסטען און, ווי עס שיינט, אויך מיט'ן גלח מארטין, הערענדיג פון זיי זייערע בעווייזען פאר דער געטליכקייט פון קריסטענטום. ער האט דעריבער מורא געהאט, אז די שוואכמוטיגערע אידען וועלען זיך דורך זיי לאזען פערפיהרען ארויסצוטרעטען פון יודענטום. כדי צו קומען אט די אידען צו הילף, האט ער אנגעשריבען א קליין ווערק, אין וועלכען ער האט אין קורצע מאמרים אבגעווארפען אלע טענות פון די קריסטען געגען דעם יודענטום; דערביי האט זיך דער רשב"א בעגאנגען מיט א זעלטענער מילדקייט און רוהיגקייט: קיין איינציג שארף ווארט, אדער ליידענשאפטליכער אויסדרוק האט זיך ביי איהם פון מויל נישט ארויסגעהאפט.

פיעל וויכטיגער איז אבער געווען דעם רשב"א'ס השפעה אויפ'ן אינערליכען אידישען לעבען. דער פירוד און דער אנטאגאניזם צווישען דער פילאזאפיע און דער אמונה האבען זיך אין יענער צייט ארויסגעוויזען אלץ שארפער און שטארקער: די פרומע אידען האבען זיך אבגעזאגט פונ'ם דענקען, און די דענקער — פונ'ם גלויבען. די „קבלה" האט זיך אנגעהויבען אלץ שארפער אריינצומישען אינ'ם קאמפף. די מחלקת וועגען רמב"ם און זיינע ספרים האט ווידער אויפגעפלאקערט פון דאס ניי און געבראכט צו א פאלקאמענעם פירוד. אמת, אין שפאניען און פראוואנס האט דער קאמפף געגען דעם רמב"ם אויפגעהערט, זינט רבי יונה גירונדי האט זיך עפענטליך מתודה געווען און געבעטען מחילה ביים רמב"ם'ס אנדענקען. די רבנים פון די דארטיגע קהלות האבען טיעף פערערט דעם רמב"ם און פלעגען געברויכען זיינע אידעען צו פערשטארקען די אמונה. אפילו די שטרענגע תלמוד'יסטען האבען דארט איבערגע'חזר'ט זיינע רייד, ווען נאר זיי פלעגען זיך דארפען ארויסזאגען אין פראגען וועגען רעליגיעזע אנשויאונגען. אבער אין דייטשלאנד און אין איטאליען האט זיך דער קאמפף ערשט אנגעהויבען פאר און געגען דעם רמב"ם; פון דארט איז דער קאמפף אריבערגעגאנגען קיין ארץ ישראל, אריינשלעפענדיג אזוי ארום דאס גאנצע יודענטום אין אנ'אלזייטיגע מחלוקת. די דייטשע אידען, וועלכע האבען ביז יענער צייט נישט ארויסגעוויזען קיין

שום אינטערעס פאר דער וויסענשאפט און געלעבט נור אין'ם תלמוד, לגמרי נישט וויסענדיג וועגען דער גייסטיגער בעוועגונג צווישען די אידען אין מאנפעליע, סאראגאסא און טאלעדא, נישט וויסענדיג אפילו, אז דער רמב"ם האט, אויסער זיינע ספרים אין הלכה, אויך געשריבען ספרים אין פילאזאפיע, — אט די דייטשע אידען האבען פלוצלונג זיך אויפגעחאפט פון זייער שלאף און איבערגעשראקען זיך: דעם רמב"ם'ס פילאזאפישע ספרים זענען זיי פארגעקומען זעהר געפעהרליך. א פראנצויזישער, א געוויסער רהיינלענדישער בעל מקובל, רבי שלמה הקטן, וועלכער איז אויסגעוואנדערט קיין עכו, האט עס געהאלטען פאר זיין הייליגע אויפגאבע אויפצובלאזען צוריק דאס פייער פון מחלוקת, כדי צו פערברענען די ספרים פון רמב"ם און אויפ'ן קבר פון דער פילאזאפיע אויפצופלאנצען די קבלה. אין עכו האט ער זיך ארומגערינגעלט מיט פיעל תלמידים, מיט וועלכע ער האט געלערנט „קבלה" און ערוועקט שנאה צו דער פילאזאפיע. עכו איז דאמאלס געווען דער צענטר פון די ארץ-ישראל'דיגע מקובלים און די תלמידים פון רמב"ן. רבי שלמה הקטן האט געמיינט, אז ער האט ענדליך געפונען דעם בעסטען ארט, וואו ער וועט קאנען מחרים זיין דעם רמב"ם'ס ספרים און אלע אידען, וועלכע לערנען פילאזאפיע. ער האט אנגעהויבען זאמלען אנהענגער אין ארץ ישראל, האפענדיג, אז דער חרם, וועלכער וועט ארויסגעגעבען ווערען אין'ם הייליגען לאנד, וועט פאר אלע אידען האבען די בעדייטונג פון א שטרענגען געזעץ. אבער פלוצלונג איז געגען איהם ארויסגעטרעטען א געגנער, וועלכער האט צו-נישט געמאכט אלע זיינע האפנונגען.

אין שפיץ פון די אידישע קהלות אין די מזרח-לענדער איז דאמאלס געשטאנען אן ענערגישע פערזענליכקייט מיט'ן נאמען ישי בן חזקיה פון דמשק, וועלכען די מחמד'אנישע פירשטען האבען געשאנקען דעם טיטול נשיא און ראש-גלותא. די אידישע קהלות אין ארץ-ישראל און מצרים, אויף ווי ווייט זיי זענען געווען אונטער דער הערשאפט פון די מחמד'אנישע מלכים, זענען אויך געווען אונטער זיין הנהגה, און האטש די שטאדט עכו האט געהערט צו די קרייצפאהרער, האט ער פונדעסטוועגען אויך דארט געהאט זיין השפעה, און אט דער ראש-גלותא ישי בן חזקיה איז גראדע געווען א התלהבות'דיגער פערעהרער פון רמב"ם און זעהר בעפריינדעט מיט'ן רמב"ם'ס אייניקעל, רבי דוד, דער נגיד פון די אידישע קהלות אין מצרים, און ווי נור דער ראש-גלותא האט זיך דערוואוסט וועגען דער אגיטאציע פון די מקובלים אין עכו, האט ער זיי געשיקט א בריעף, אין וועלכען ער האט געסטראשעט ארייינצולעגען אין חרם זייער אנפיהרער שלמה הקטן, אויב נור ער וועט פערעפענטליכען איין ווארט פון זיינע ארויסטרעטונגען געגען דעם רמב"ם. פיעל רבנים, צו וועלכע דער ראש-גלותא האט זיך געווענדעט, האבען זיך ארויסגעזאגט אויך אין'ם זעלבינען זין. אבער שלמה-הקטן

איז נישט געווען דער מענש, וואס זאל זיך לאזען איבערשרעקען. ער האט געמאכט צוריק א רייזע קיין אייראפא און איבעראל אנגעוויזען די רבנים און די ראשי־הקהלות אויף דער סכנה, וועלכע שטעקט אין'ם רמב"ם'ס ספרים פאר'ן יודענטום; דערביי האט ער פערשטאנען צו דערוועקען פאר זיך א גרויסען דרך־ארץ, צוליעב זיין גדלות אין דער קבלה, און אזוי ארום איז איהם געלונגען צו פועל'ן ביי פיעל רבנים, אז זיי זאלען איהם געבען כתבים, אין וועלכע זיי ערקלערען, אז אין'ם רמב"ם'ס פילאזאפישע ספרים געפינט זיך אפיקורסות און מען דארף זיי דעריבער בעהאלטען אדער גאר פערברענען. אינערגיץ האט אבער שלמה־הקטן נישט געהאט אזא ערפאלג, ווי אין דייטשלאנד. די דייטשע רבנים האבען איהם געשטיצט מיט זייערע כתבים; אפילו אזעלכע רבנים, וועלכע האבען פריהער געהאלטען מיט'ן ראש־גלותא, זענען איצט צוגעשטאנען צו שלמה־הקטן.

געשטארקט דורך דער דאזיגער שטיצע פון די דייטשע און א טייל פראנצויזישע רבנים, האט זיך רבי שלמה־הקטן אומגעקעהרט צוריק קיין ארץ־ישראל איבער איטאליען; בעמיהענדיג זיך איבעראל אויפ'ן וועג צו געפינען אנהענגער. אין איטאליען האט ער געהאט ווייניג הצלחה, ווייל די איטאליענישע רבנים און ראשי־הקהלות האבען זיך אין יענער צייט גור־וואס אויפגעהאפט פון זייער אבגעשטאנענקייט, טאקי נור א דאנק דעם רמב"ם'ס ספרים. זייער פאליטישע לאגע איז געווען נישט שלעכט, ווייל די פויפסטען האבען זיך מעהר בעשעפטיגט מיט די ענינים פון די ווייטע מדינות, איידער מיט איטאליען גופא, און אין קיין לאנד אין אייראפא האט מען אזוי ווייניג אבגעהיט די גלח'ישע געזעצען געגען די אידען, ווי אין איטאליען. די קליינע מדינות אדער פראווינצען, אויף וועלכע איטאליען איז זיך דאמאלס צופאלען אונטער פערשיעדענע פירשטען, זענען געווען צו־שטארק פערנומען מיט די שטענדיגע דאגות פאר זייער אייגענע פרייהייט, אז זיי זאלען לאזען די גלחים האבען ביי זיי א צו־גרויסען איינפלוס. אזוי ארום האט, למשל, די שטאדט פעררארא ארויסגעגעבען א געזעץ, וואס האט מזכה געווען די אידען מיט גרויסע פרייהייטען, מיט אנ'ערקלערונג דערצו, אז קיין פויפסט דארף נישט האבען קיין רעכט מבטל צו מאכען די פרייהייטען, וואס דער מאגיסטראט גיט די אידען. דער קעניג פון סיציליען, קארל פון אנזשו, האט געהאלטען ביי זיך א אידישען לייב־דאקטאר: פאראדזש אבן־שלמה, וועלכער איז, אלס געלעהרטער (מיט'ן נאמען פאראגוט), געווען זעהר בערימט אין די קריסטליכע קרייזען. אפילו דער פויפסט אליין האט ווייניג אבגעהיט דאס געזעץ, נישט צו קורירען זיך ביי א אידען, און איינער פון די פיער פויפסטען, וועלכע האבען רעגירט אין דער קורצער צייט פון דרייצעהן יאהר (1279—1291), האט פערטרויט זיין הייליגען לייב צו קורירען דעם אידישען דאקטאר יצחק בן מרדכי,

וועלכער איז בעוואוסט געוועזען מיט דעם נאמען מאעסטרא גאיו.

דער וואוילשטאנד, וואס עס האט דעמאלט געהערשט אין איטאליען
צוליעב דעם ענטוויקעלטען מסחר, ווי אויך דער גייסט פון קונסט און
פאעזיע, וואס האט זיך דארט דערוועקט אין דער יוגענד־צייט פון דעם
דיכטער דאנטע, האט אויך געווירקט אויף די א.טאליענישע אידען, וועל־
כענדיג זיי פון זייער ביז דאמאליגען האלב־פערשלאפענעם צושטאנד. דער
וועקער און דער פערשפרייטער פון וויסענשאפטען צווישען די אידען איז
געוועזען רבי הלל ברבי שמואל פון ווערונא (1220—1295),
וועלכער איז אויך געוועזען א גרויסער פערעהרער פון רמב"ם. אלס א
תלמיד פון רבנו יונה גירונדי, האט ער אליין געזעהען די שרעקליכע רע־
זולטאטען פונ'ם חרם אויף די פערעהרער פון רמב"ם אין דרום־פראנקרייך,
וואו מען האט דעם תלמוד פערברענט, און דעריבער איז ער געווארען
א התלהבות'דיגער אנהענגער פון זיינע ספרים. ער האט זעהר גוט גע־
קענט די לאטיינישע שפראך, און האט אין איהר אויך געשריבען ספרים,—
א זאך, וואס איז געוועזען א גרויסע זעלטענהייט צווישען אידען אין יע־
נער צייט. אפילו זיין העברעאישער סטיל איז געוועזען געפארבט פון דער
לאטיינישער שפראך: זי איז געוועזען שען און דייטליך, אהן די איבריגע
מליצות, מיט וועלכע מען האט זיך ליעב געהאט דאמאלס צו באפוצען.
לויט זיין בעשעפטיגונג איז רבי הלל געוועזען א דאקטאר און האט פראק־
טיצירט צוערשט אין רוים, דערנאך אין קאפוא, פערארא און אויף דער
עלטער אין פארלי.

רבי הלל האט זיך פערטיעפט מיט אלע זיינע קרעפטען אינ'ם רמב"ם'ס
פילאזאפישע ספרים, נישט פערלירענדיג פונדעסטוועגען גאר נישט פון
זיין אמונה, נור פערשטארקענדיג זי. ער האט פעסט געגלויבט אין
די נסים, וואס עס ווערען דערצעהלט אין תנ"ך און אין תלמוד, און נישט
בעזוכט זיי צו ערקלערען אויף אן'אלעגארישען אופן. אין יענער צייט
זענען אבער געוועזען אויך אין איטאליען פריי־דענקער צווישען די אידען,
וועלכע זענען אין זייערע אנשויאונגען געגאנגען פיעל ווייטער פון איהם.
עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואס אין אזא געזעלשאפט האט
דער בעל מקובל שלמה הקטן נישט געפונען קיין אנהענגער, וואס
זאלען איינשטימען מיט איהם אריינצולעגען אין חרם דעם רמב"ם. ווען
שלמה הקטן איז צוריקגעקומען קיין עכו, האט ער מיט דער הילף פון
די געבראכטע כתבים פון די רבנים זיך משתדל געוועזען צו דערוועקען די
ארץ־ישראל'דיגע רבנים, אז זיי זאלען צושטעהען צו איהם און נישט
שרעקען זיך פאר די סטראשונקעס פון ראש־גלותא. די בעלי „מקובלים"
האבען זיך שוין איצט געשפירט אזוי פעסט, אז זיי האבען געהאפט, דאס
עס וועט זיי געלינגען אינגאנצען צו פערטיליגען ביי אידען דעם פאר־
שטענדען גייסט. ווי עס שיינט, האבען עס אט די „מקובלים" אויך געשען
דעם די מצבה אויפ'ן רמב"ם'ס קבר, אבמעקענדיג די ווערטער „דער עה־

האבענער משה" און אנשרייבענדיג: „דער מוחרם און אפיקורוס". אבער נישט די גאנצע קהלה אין עכו איז צוגעשטאנען צו די מקובלים; עס זענען דארט אויך געווען פיעל אנהענגער פון רמב"ם, און עס איז דעריבער אויסגעבראכען א מחלוקת, וועלכע האט אויך געפיהרט צו געשלעג. די ידיעה וועגען דעם האט זיך באלד פערשפרייט אין אלע לענדער, און איבעראל ארויסגערופען א שטארקע אויפרעגונג און צארן.

רבי הלל פון ווערונא האט דערביי ענטוויקעלט א ריהרעוודיגע טעטיגקייט געגען די „אפיקורסות-זוכער". ער האט געשריבען א בריעף צום רמב"ם'ס אייניקעל, רבי דוד, אין מצרים, ווי אויך צו די דארטיגע קהלות און צו די קהלות אין בבל, מאכענדיג א פארשלאג, אז מען זאל פערלעשען דאס פייער פון דער מחלוקת אין רעכטען אנפאנג, כדי עס זאל נישט אויפפלאקערן מעהר און ווערען געפעהרליך. ער האט נעמליך פארגעלעגט, אז די אנגעזעהענסטע רבנים פון די מזרח-לענדער זאלען זיך צוזאמענפאהרען אין אלעקסאנדריען (מצרים) און פון דארט שיקען א פאדערונג צו די רבנים פון דייטשלאנד, וועלכע האבען געשטיצט שלמה הקטן, אז זיי זאלען געבען אן ערקלערונג אויף זייערע מעשים. אויב די רבנים וועלען אנווייזען, אז אין דעם רמב"ם'ס ספרים געפינט זיך אפיקורסות — א זאך, וואס רבי הלל האט געהאלטען פאר אונמעגליך — זאל מען די ספרים פערבאטען צו לערנען; אויב אבער די רבנים וועלען דאס נישט קאנען דערווייזען, זאל מען זיי צווינגען מיט א חרם אונטערצוגעבען זיך און נישט צו פיהרען מעהר קיין מחלוקת. דעם פסק-דין דארפען ארויסגעבען די רבנים פון בבל און מצרים, ווייל זיי האבען דערויף דאס רעכט, אלס די פארשטעהער פון די עלטסטע אידישע קהלות.

די דאזיגע אויפפאדערונג איז אבער גאר נישט אזוי שטארק נויטיג געווען, ווייל די מקובלים פון עכו האבען געהאט ווייניג אנהענגער אין די מזרח-לענדער. ווי נור דעם רמב"ם'ס אייניקעל, דער נגיד רבי דוד, האט זיך דערוואוסט וועגען דעם חרם פון זיין גרויסען זיידע'נס ספרים אין עכו, איז ער אהין אריבערגעפאהרען און געפונען א שטארקע שטיצונג אין פיעל מיטגלידער פון דער קהלה. ער האט באלד פונאנדערגעשיקט בריעף אין אלע קהלות און געבעטען, אז מען זאל זיך אננעהמען פאר'ן כבוד פון זיין זיידען געגען די מקובלים. דער ראש-גלותא פון מאסול, רבי דוד בן דניאל, וועלכער האט זיך מתיחס געווען צו דוד המלך'ס משפחה און איז געווען דער נשיא פון אלע אידישע קהלות אויף יענער זייט פון'ם טייך טיגריס (חידקל), האט געסטראשעט דעם מקובל שלמה הקטן מיט א חרם, אויב ער וועט נישט אבשטעלען די מחלוקת (אייר 1289). עלף מיטגלידער פון זיין בית-דין האבען אונטערגעשריבען דעם דאזיגען בריעף געגען דעם בעל מקובל. אויך דער שוין דערמאהנטער ראש גלותא פון דמשק, ישי בן חזקיהו, איז איצט ווידער ארויסגעטראטען געגען די אפיקורסות-זוכער און מיט זיין בית-דין פון צוועלף מיטגליעדער האט ער

אַרויפגעלעגט אַ חרם (תמוז 1289) נישט דירעקט אויף שלמה הקטן, נאָר אויף אַלע, וועלכע רעדען שלעכטס אויפ'ן רמב"ם און ערקלערען זיינע ספרים פאַר אפיקורסות; דערביי האָט ער בעפוילען, אַז ווער עס האָט נור פיינדליכע כתבים געגען דעם רמב"ם איז מחויב זיי איבערצוגעבען רבי דוד מיימוני אָדער זיין זוהן אין אַ משך פון עטליכע טעג, כדי מען זאָל זיי נישט אויסנוצען צו ביזען. געגען די וואָס וועלען נישט פאָלגען דעם חרם זאָגט מען אָנווענדען אַלע מיטלען, כדי צו מאַכען זיי אונשעדליך, אויסנוצענדיג דערויף אויך די הילף פון דער וועלטליכער מאַכט.

אויך די שוין דאַמאָלס בעדייטענדע קהלה פון צפת האָט זיך פעראייניגט מיט'ן חרם געגען די פיינד פון רמב"ם'ס ספרים. דער דאָרטיגער רבי רבי משה ב"ר יהודה הכהן, מיט זיין בית-דין און אַ טייל מיטגליעדער פון דער קהלה פון עכו האָבען אין טבריה געלייענט אויפ'ן רמב"ם'ס קבר דעם חרם געגען זיינע פיינד, „ווייל די, וועלכע דערוועקען מחלוקת ביי אידען, לייקענען אָב אין דער תורה, וואָס איהר וועג איז נור שלום, און שפּאָטען אָב פון גאָט, וועלכער איז דער מלך פון שלום". צו דער דאָזיגער ריכטונג זענען צוגעטראָטען אַלע רבנים פון די קהלות אין ארץ ישראל. אויך די פערטרעטער פון די באַגדאַדער קהלה, וועלכע האָט בעהאַט צווישען זיך דעם גרויסען אידישען פּאָליטיקער און מלוכה-מאַן סעד עדאולאַ, האָבען זיך אַרויסגעזאָגט אין'ם זעלבען זין (1289). די „מקובלים" פון עכו זענען אַלזאָ פעראורטיילט געוואָרען דורך דער געזעלשאַפטליכער מיינונג, דען דער ראש גלותא פון דמשק האָט שוין בעזאָרגט די זאַך, אַז אַלע אידישע קהלות אין אייראָפּאַ זאָלען וויסען וועגען דעם חרם געגען די „אפיקורסות-זוכער". ווי עס שיינט האָט ער אויך געשריבען צום רשב"א, אַלס צום אָנגעזעהענסטען פון די ספרדישע רבנים. דער פילאָזאָף און דיכטער רבי שם טוב פלקיירא האָט אויסגענוצט די געלעגענהייט צו שרייבען אַן'אַפּאָלאָגיע צום „מורה נבוכים", געבענדיג אָנצוהערעניש, אַז נור זעהר וועניג לעזער, פיליישט נור איינאיינציגער פערשטעהט דעם דאָזיגען גרויסען ספר, ווי געהעריג איז, און דאָס אויך נור אויב ער וועט איהם לייענען אין אָריגינאַל. אין שפּאַניען האָט דער רמב"ם אָבער כלל נישט געברויכט צו האָבען קיין פערטיידיגער, דען דאָרט האָט קיינער זיך נישט דערוואויגען אַרויסצוזאָגען אַ וואָרט געגען איהם. אויב די פרומע אידען האָבען דאָ אָדער דאָרט געפונען אין זיינע ספרים אַ זאַך, וואָס איז זיי נישט שטאַרק געפעלען געוואָרען, האָבען זיי דאָך פונדעסטוועגען געהאַט פאַר איהם דעם גרעסטען יראת-הכבוד.

די רבנים ווידער פון דייטשלאַנד, וועלכע האָבען געשטיצט רבי שלמה הקטן מיט זיינע כתבים געגען דעם רמב"ם, האָבען באַלד גאָר פערלוירען דעם חשק צו דער דאָזיגער מחלוקת, דען אין דער רעגירונג פונ'ם קייזער רודאָלף פון האַבסבורג האָבען זיך אָנגעהויבען פאַר די אידישע קהלות אין דייטשלאַנד אַזעלכע שווערע צייטען, אַז אין פיעל

פון זיי האט מען זיך געמוזט בעשליסען אויף א מאסען-עמיגראציע. דער האבסבורגער קייזער, וועלכער איז עולה-לגדולה געווארען פון א גראפען ריטער, האט נישט געטראכט צו פערהיטען דאס אידישע לעבען, נור דאס אידישע פערמעגען, ווייל ער האט געברויכט פיעל געלד, כדי צו קאנען בויגען די גדלות פון די שטאלצע פירשטען און בעגרינדען דאס ארימע האבסבורגישע הויז. די אידען האבען אפילו דעם ארימען גראף געבארגט נאך אויך פריהער פיעל געלד, אבער דאס האט איהם נישט געשטערט צו פאדערן איצט ביי זיי, אלס קייזער, נאך און נאך געלד. פאר יעדען חסד, וואס ער האט מיט זיי געטהון, פאר יעדע פערטיידיגונג, וואס ער האט זיי בעוויזען, האט ער פערלאנגט גרויסע מתנות. טראכטענדיג שטענדיג נור וועגען זיינע פערזענליכע נוצען, האט ער נאך יעדען ארויסגעוויזענעם חסד זיי באלד בעגרענצט אין זייערע רעכט ערגיץ-וואו, כדי צו האבען די מעגליכקייט צו פאדערן נייע מתנות.

דער אלטער רעגענסבורגער קהלה האט ער אפילו בעשטעטיגט איהרע אלטע פריווילעגיעס, אונטער אנדערען אויך דאס רעכט צו האבען אן אייגענעם בית-דין פאר ציווילע פראצעסען און אז מען זאל נישט קאנען אנקלאגען א אידען אין א פערברעכען, ווען עס זאל נישט זיין לפחות, איין אידישער עדות געגען איהם. אבער לויטן פערלאנג פון בישאף האט ער אויך בעפוילען, אז די רעגענסבורגער אידען זאלען די גאנצע צייט פון זייער פסחא נישט טארען ארויסגעהן פון די הייזער, כדי „נישט צו בעווייזען זיך אויף די גאסען צו דער חרפה פון קריסטליכען גלויבען“. די טהירען און די פענסטער האבען די אידען געדארפט האלטען פערשלאסען. פאר די עסטרייכישע קהלות האט קייזער רודאלף אפילו בעשטעטיגט דעם אידישען „סטאטוט“ פון פרידריך דעם קעמפפער, וועלכער האט געדארפט בעשיצען די אידען פון אלערליי בעליידיגונגען אין רדיפות, אדער הריגות. דערפאר האט ער אבער שפעטער געגעבען די וויענער איינוואוינער א פריווילעגיע, דורך וועלכער די אידען זיינען ארויסגעשלאסען געווארען פון אלע עפענטליכע שטעלעס.

דער פויפסט איננאצענץ דער פיערטער האט די אידען פריינגעשפראכען פון דער בעשולדיגונג אין בלוט-בלבולים; דער פויפסט גרעגאר דער צעהנטער (1278—1271) האט, לויט א אידישער בעטע, ארויסגעגעבען א בולא, אז מען זאל די אידען נישט צווינגען מיט גוואלד צום שמד אין נישט בעראבעווען, אדער אויס'הרג'ענען זיי. דער קייזער רודאלף האט ביידע בולעס בעשטעטיגט, „אז עס איז נישט אמת, דאס די אידען עסען אים פסח דאס הארץ פון א טויטען קריסטליכען קינד“. כדי די אידען זאלען קאנען לעבען רוהיג אונטער'ן שוץ פונ'ם קייזערליכען חסד, האט ער אויך בעשטעטיגט אלע בולעס, וואס די פויפסטען האבען ארויסגעגעבען לטובת די אידען. אבער פונדעסטוועגען זענען אונטער זיין רעגירונג פארגעקומען פיעל בלוט-בלבולים און הריגות אויף

אידען אין דער קייזער האט „מיט זיין גנאד“ געלאזען זיי אונבעשטראפט.

ארום פסח־צייט האט מען נעבען מאינץ געפונען א טויטען קריסטליך קינד און באלד האט מען דערוועקט דעם בלבול, אז די אידען האבען איהם דערהרג'עט, כדי אויסצונוצען זיין בלוט אויף פסח. אומזיסט האט זיך בעמיהט דער ערצבישאף פון מאינץ, ערצקאנצלער פון דער מלוכה, צו בערוהיגען דעם אויפגערעגטען המון, צוזאגענדיג, אז מען וועט מאכען א פראצעס און ארויסגעפינען די שולדיגע. דער אנבליק פונ'ם דערהרג'עטען קינד האט אזוי שטארק אויפגערעגט דעם המון, אז ער איז אום שביעי של פסח (19 אפריל 1283) אנגעפאלען אויף די אידען און אויסגעהרג'עט 10 פערזאן, בעראבענדיג די אידישע הייזער. דער אנפאל וואלט זיך געענדיגט נאך בלוטיגער, ווען דער ערצבישאף וואלט נישט ארויסגעטראטען ענערגיש צו פערטיידיגען זיינע אידען. ווי מען זאגט, האט דער קייזער רודאלף שפעטער אליין בעטראכט דעם פראצעס און די מאינצער בירגער פרייגעשפראכען, בעשטעטיגענדיג די שולד פון די אידען. אינ'ם זעלבען טאג, וואס אין מאינץ, האט מען אויסגעהרג'עט אין באכאראך זעקס און צוואנציג אידען. צוויי יאהר שפעטער איז געקומען א שרעקליך אונגליק אויף דער אידישער קהלה אין מינכען. אויך דארט האט מען געמאכט א בלבול, אז די אידען האבען אפגעקויפט ביי אן אלטער קריסטין א קינד און עס דערהרג'עט. דער צווילדעוועטער המון איז אנגעפאלען אויף די אידען און אויסגעהרג'עט וועמען מען האט געטראפען. פיעל זענען אנטלאפען אין שוהל. דער צווילדעוועטער המון האט געבראכט האלץ און אונטערגעצונדען די שוהל: הונדערט און אכציג פערזאן, קליין און גרויס, זענען דארט פערברענט געווארען. א קורצע צייט נאכדעם זענען העכער פערציג אידען פון אבערוועזעל (ביי באכאראך) און אנדערע ווידער אין באפארד גאר אונשולדיג דערהרג'עט געווארען (1286). אין דער אנקלאגע האט מען זיי בעשולדיגט, אז זיי האבען ביי א פרומען מענשען „ביים גוטען ווערנער“ בלוט געצאפט, און די פאנאטיקער האבען זאגאר צוגעגעבען, אז זיין טויטער קערפער האט געשיינט מיט א וואונדערבארער ליכטיגקייט. דער קייזער רודאלף האט אבער שפעטער מבטל געמאכט די קדושה פונ'ם „גוטען ווערנער“ און אנערקענט פאר פאלש די בעשולדיגונג, צוליעב וועלכער מען האט אזוי פיעל אידען דערהרג'עט.

די יאהר־יעהרליכע אויסגעטראכטע שקר־בלבולים, די אונזיכערקייט פון זייער לעבען, ווי אויך די טרויעריגקייט פון זייער לאגע האט בעוואויגען די אידען פון פיעל קהלות אין דייטשלאנד אויסצוואנדערן פון לאנד מיט ווייב און קינד. פון מאינץ, ווארמס, שפייער, אפענהיים און אנדערע קהלות אין דער מדינה וועטעראו האבען פיעל אידישע משפחות פערלאזען זייער אלטע היים, זייערע הייזער און גיטער, כדי צו געהן מיט'ן ים קיין ארץ ישראל. בראש פון די אויסוואנדערער איז גע-

שטאנען דער אנגעזעהענסטער צווישען די רבנים פון דייטשלאנד רבי מאיר ברבי ברוך מרוטנבורג (געבוירען 1220, געשטארבען 1293). די אויסוואנדערער האבען זיך געלאזט אין וועג (1286), ווייל זיי האבען געהערט, אז אין ארץ ישראל האט זיך אנטפלעקט משיח, וועלכער וועט אויסלייזען דאס אידישע פאלק פון זיין עלענדער לאגע. צי איז עס געוועזען דער מקובל רבי אברהם אבולאפיא, וועלכער האט אין יענער צייט זיך באוויזען אין סיציליען און ערקלערט, אז ער איז משיח, אדער זיי האבען אפשר זיך אנגעהערט וואונדערליכע מעשיות וועגען דער אידישער הצלחה אין דער מלוכה פון מאנגאלישען כאן, וועלכער האט די אידען געשטעלט העכער פאר די מחמד'אנער און זיי געגעבען גרויסע שטעלען אין זיין מדינה — דאס איז איצט שווער צו זאגען.

אין די מזרח־לענדער האט מען דאמאלס שטארק באוואונדערט דעם פאקט, וואס אין דער מלוכה פונ'ם גרויסען מאנגאלישען כאן האט א איד פערנומען די העכסטע שטעלע. די מלוכה פון כאן האט זיך געצויגען פון דער עפראט־געגענד אין סיריען ביז צום קאספישען ים. די מאנגאלען אדער טאטארען האבען געגרינדעט א גרויסע מלוכה אין פערסיען. ארגון, דער דריטער קעניג פון דער דאזיגער דינאסטיע (1284—1291), איז געוועזען אנ'אויסגעשפראכענער געגנער פונ'ם מחמד'אנישען גלויבען און א באזונדערע ליעבע האט ער ארויסגעוויזען פאר די אידען און קריסטען. דער דאזיגער גרויס־כאן האט געהאט ביי זיך א אידישען לייב־דאקטאר מיט'ן נאמען סעד עדאולה — א מענש פון גרויסער קענ־טעניש, טיעפען פערשטאנד, א קלוגען פאליטישען קוק און אנ'אונאויסגעצייכנעטען כאראקטער; דערצו איז ער נאך אויך געוועזען זעהר א שענער מיט פיינע מאניערען. ער האט אויך זעהר געליעבט און געשעצט די פאעזיע און די וויסענשאפט און שפעטער זיי פיעל געשטיצט. זיין הויכע שטעלע האט ער געהאט צו פערדאנקען זיין מעדיצינישער קענטעניש: ווען דער גרויס־כאן איז איינמאל קראנק געווארען און סעד עדאולה האט איהם אויסקורירט, האבען זיי זיך זעהר באפריינדעט און פון דער צייט אן איז סעד עדאולה געווארען א שטענדיגער יועץ און א גרויסער חשוב ביים גרויס־כאן און איז געשטיגען גלייכשוויינד ביז דער העכסטער מדרגה אין דער מלוכה.

די ידיעות וועגען דער דאזיגער דערהויבונג פון א אידען האט, זעהט אויס, אויך נישט ווייניג מיטגעווירקט אויף די דייטשע אידען, אז זיי זאלען אויסוואנדערן אין די מזרח־לענדער אונטער דער פיהרונג פונ'ם גרויסען רב רבי מאיר מרוטנבורג. אין לאמבארדיען האט איהם אבער דערקענט א אידישער משומד און מודיע געווען וועגען דעם דעם בישאף. מען האט רבי מאיר'ן באלד ארעסטירט און דער קייזער רודאלף האט באפוילען צו ברענגען איהם געפאנגען אין דער פעסטונג ענזיסהיים (עלזאס), וואו ער האט געדארפט נישט באשטראפט ווערען,

נור געהאַלטען ווערען אין אַ זיכערען אָרט, כדי ער זאָל נישט אויסאַנ־דערן (4־טער תמוז 1286). דער קייזער האָט נעמליך געשראָקען זיך, אַז [illegible]ירד דער מאַסענהאַפטער אויסוואַנדערונג פון די אידען וועלען קלענערע [illegible]רען זיינע הכנסות. מען האָט מיט'ן גרויסען רב דעריבער זיך בעגאַנגען אין דער פעסטונג גאַנץ מילד. ער האָט געקאָנט אויפנעהמען ביי זיך געסט, לערנען מיט תלמידים, ענטפערן „תשובות“ אויף די צוגעשיקטע „שאלות“ און, בכלל, ערפילען אַלע פונקציעס פון אַ געוועהנליכען גרויסען רב, נור פון דער פעסטונג האָט ער נישט געטאָרט אַרויסגעהן. די הייזער און גיטער פון די אויסגעוואַנדערטע אידען פון מאַינץ און אַנדערע שטעדט האָבען דערווייל די קריסטליכע בירגער געיירש'נט. דער קייזער אָבער האָט דאָס בעטראַכט אַלס זיין אייגענטום, ווייל דאָס, וואָס געהערט זיינע „קאַמערקנעכט“, געהערט דאָך אויך אים.

די דייטשע אידען האָבען זיך אָבער נישט געקאָנט בערוהיגען ביים געדאַנק, אַז זייער גרויסער רב זאָל בלייבען זיצען אין געפאַנגענשאַפט און האָבען פאָרגעלעגט דעם קייזער צוואַנציג טויזענד מאַרק זילבער, אויב ער וועט בעשטראָפען די מערדער פון אָבערוועזעל און באָפּאַרד, בעפרייען רבי מאיר'ן און פערטיידיגען זיי פון די אָנפאַלען פון המון. דער קייזער האָט דאָס געלד אָנגענומען און בעשטראָפט די מערדער, אָבער רבי מאיר'ן האָט ער נישט בעפרייט, צי דערפאַר, וואָס ער האָט געהאָפט צו בעקומען פון די אידען נאָך גרעסערע סומען געלד פאַר'ן גרויסען רב, אָדער, ווי מען דערצעהלט, ווייל רבי מאיר אַליין האָט זיך אָבגעזאָגט פון דער בעפרייאונג דורך געלד. רבי מאיר האָט, דערמאָנט מען, מורא געהאַט, אַז דערפון זאָל נישט בעשאַפען ווערען אַ שלעכטער ביישפיעל, אַז ווען די שרים און מלכים וועלען ברויכען געלד, וועלען זיי לאָזען אַרעסטירען אַ רב, כדי צו בעקומען פון די אידען אַן אויסקויפונג. רבי מאיר מרוטנבורג איז דעריבער געבליבען זיצען אין פעסטונג פינף יאָהר און איז דאָרט געשטאָרבען. די יורשים פון קייזער רודאָלף האָבען איהם נישט געלאָזט ברענגען צו קבר ישראל, ביז עס איז געלונגען איינעם אַ רייכען אידען, רבי אַלעקסאַנדער זיסקינד ווימפפען, אויסצוקויפען איהם פאַר אַ הויכע סומע און ברענגען צו קבר ישראל אין וואָרמס (ווירמייזא), כדי צו האָבען דעם זכות שפעטער אַליין מקובר צו ווערען נעבען דעם גרויסען רב.